STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02767

DI ERSHTE YIDISHE SHPRAKH-KONFERENTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ערשטע יידישע שפראַך-קאָנפערענץ

ביבליאָטעק פון ייוואָ
יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
פילאָלאָגישע סעקציע

די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ

באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ 1908

ווילנע / 1931

Bibliotek fun Jiwo. Di eršte jidiše šprachkonferenc
„Bibljoteka Żydowskiego Instytutu Naukowego“: Pierwsza żydowska konferencja językowa odbyta w Czerniowcach w r. 1908

„The Library of the Yiddish Scientific Institute“. The First Conference on the Yiddish Language Czernowitz, 1908

PRINTED IN POLAND

געזעצט אין דרוקעריי ב. ציאָנסאָן און קאָמפּ׳, ווילנע, טראָקער גאַס 13
געדרוקט אין דרוקעריי י. נאָטעס און ס. שווייליך, ווילנע, ווילנער גאַס 16

א י נ ה אַ ל ט

מ. ווײַנרײַך—אַרײַנפיר VII

I. די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ

פאָרגעשיכטע 1

די ערשטע טריט 1

די פאָרבעטונג 2

י. ל. פרצעס באַציִונג צום אויפרוף 4

דער ערשטער אָפרוף אין דער פרעסע 5

טעכנישע הכנות 8

די פרעסע צו דער עפענונג 15

II. באַריכט פון דער קאָנפערענץ 59

רשימה פון די אָנטיילנעמער 61

תחילתדיקער אַרבעטפּלאַן 61

פאָרקאָנפערענץ 63

ערשטע זיצונג 67

איַינדרוקן 67

ד"ר נ. בירנבוימס עפענונג-רעדע 71

פרצעס עפענונג-רעדע 74

די פאָלקס-פאַרזאַמלונג 78

דער ליטעראַרישער אָוונט 80

צווייטע זיצונג 81

שלום אַשס רעפעראַט וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור-
גיטער אין דער יידישער שפּראַך 81

דעבאַטן וועגן אַשס רעפעראַט 83

דריטע זיצונג 85

פרצעס רעפעראַט וועגן דער אָרגאַניזיר-פראַגע 85

דעבאַטן וועגן דער אָרגאַניזיר-פראַגע 87

איַינדרוקן 89

אסתרס אַרגומענטן 90

די טעאַטער-פאָרשטעלונג 91

פערטע זיצונג 92

דעבאַטן וועגן מאַניפעסט 92

ד"ר נ. סאָטעקס רעפעראַט 93

ש. איַזענשטאַטס רעפעראַט 94

מ. מיזעסעס רעפעראַט . . . 94
אײַנדרוקן . . . 96
פינפטע זיצונג . . . 97
דעבאַטן װעגן דער אָרגאַניזיר־פראַגע . . . 98
אײַנדרוקן . . . 100
דער באַנקעט . . . 100
זעקסטע זיצונג . . . 102
דעבאַטן װעגן דער אָרגאַניזיר־פראַגע און װעגן נאַציאָנאַל־שפּראַך . . . 103
זיבעטע זיצונג . . . 105
דעבאַטן װעגן נאַציאָנאַל־שפּראַך . . . 105
פּרצעס קוק . . . 108
אַכטע זיצונג . . . 108
דעבאַטן װעגן דער נאַציאָנאַל־שפּראַך און װעגן דער צװײטער קאָנפערענץ . . . 108
נײַנטע זיצונג . . . 114
דעבאַטן און אָפּשטימונג װעגן דער אָרגאַניזיר־פראַגע . . . 114
אײַנדרוקן . . . 117
צענטע זיצונג . . . 117
אָפּשטימונג װעגן דער אָרגאַניזיר־פראַגע . . . 117
װאַלן און שליסונג פון דער קאָנפערענץ . . . 121
פונעם ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך . . . 123
די דיכטער־טורנע לטובת דעם ביוראָ . . . 125
צוגאָבן צום קאָנפערענץ־באַריכט . . . 129
מתיתיהו מיזעסעס באַריכטיקונג . . . 129
אסתּרס דערקלערונגען . . . 131
ל. כאַזאַנאָװיטשעס הכחשה . . . 133
י. ל. פּרצעס דעקלאַראַציע . . . 133
נ. פּרילוצקיס ניט־געלײענטער רעפעראַט . . . 135
III. מתיתיהו מיזעסעס רעפעראַט . . . 144
IV. פּרעסע־שטימען װעגן דער קאָנפערענץ . . . 195
סעפּטעמבער 1908 . . . 197
אָקטאָבער 1908 . . . 241
נאָװעמבער 1908 . . . 274
דעצעמבער 1908 . . . 275
1909 . . . 283

אַ ר י י נ פ י ר

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז אַ וויכטיקער מאָמענט אין דער יידישער קולטור=אַנטוויקלונג: צום ערשטן מאָל איז דאָרטן אויף אַן אינטערפאַרטייִשער טריבונע אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן אָנערקענען די יידישע שפראַך און וועגן איר ראָלע אין יידישן לעבן. מענטשן מיט אַ פאַרשיידענעם קוק אויף די יידישע קולטור=פראָבלעמען זענען דאָרט אַרויסגעטראָטן און האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זאָגן זייער מיינונג. אַפילו געגנער פון דער יידישער שפראַך זענען געקומען צום וואָרט. די פרעסע האָט אין משך פון חדשים ניט אויפגעהערט וועגן דער קאָנפערענץ צו רעדן, און נאָך ביז הײַנטיקן טאָג איז „טשערנאָוויץ” געבליבן אַ שם=דבר אינעם לשון פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די קאָנפערענץ האָט אָבער קיין מזל ניט געהאַט. אַלץ וואָס מען רעדט וועגן איר הײַנט איז גענומען פון זכרון — דאָס רוב אַפילו פון י ע נ ע מ ס זכרון — אַזוי אַז דאָס וואָס מען שמועסט וועגן טשערנאָוויץ רוקט זיך אָפ אַלץ ווײַטער פון דער ווירקלעכקייט. שולדיק דערין זענען די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ גופא. אויב עס איז ניטאָ קיין תרופה צו בייזוויליקע ניט=פאַרגינער, קען מען אָבער אַלעמאָל דורך איבערגעבן די פאַקטן אַפעלירן צו אַן אָביעקטיוון עולם, וואָס ו ו י ל וויסן דעם אמת. עס איז פאַרשטייט זיך ניט געווען קיין שום מיגלעכקייט ווי עס איז צו קאָריגירן אָדער אײַנצוהאַלטן דעם שטראָם סתירותדיקע קאָמענטאַרן, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין דער יידישער פרעסע אין אייראָפע און מעבר=לים נאָך דער קאָנפערענץ. אָבער עס האָט געדאַרפט זײַן די ערשטע אויפגאַבע פון די דירעקטע אָנפירער אַרויסצוגעבן די פראָטאָקאָלן פון דער קאָנפערענץ, צי כאָטש אַן אויטענטישן באַריכט, לזכרון. דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן, און ממילא מוז יעדער איינער, וואָס וויל וויסן וועגן דער קאָנפערענץ, אָנקומען צו דער פרעסע פון 1908. כידוע גיט אָבער ניט אַ צײַטונג קיין פולע אָפשפיגלונג פון די פאַקטן—דעם אמת קען מען אַרויסבאַקומען סײַדן נאָר פון קאָנפראָנטירן אַ סך פרעסע=אָרגאַנען פון דער צײַט. ממילא קומט אויס, אַז יעדער איינער, וואָס וויל וויסן דעם אמת וועגן און דעם באַטײַט פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז אויסגעשטעלט אויפן צוואַנג צו זוכן אין צענדליגער אַלטע יאָרגענג פון צײַטונגען און זשורנאַלן. פראַקטיש מיינט דאָס, אַז דער וועג איז פאַרשפאַרט;

וואָרים ווי געפינט מען זיי, און ווער האָט עס צײַט און געדולד צו נעמען אויף זיך אַזאַ האָרעוואַניע?

אין פֿלוג איז אַ חידוש, פֿאַרוואָס עס איז קיין באַריכט פֿון טשערנאָוויץ ניט געדרוקט געוואָרן. אָבער ווער עס איז יאָ באַקאַנט מיטן פֿאַרלויף פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ און מיט דער נאָכשפּיל נאָך איר, פֿאַר דעם איז די רעטעניש קיין רעטעניש ניט. וואָס עס זאָלן ניט זײַן די סיבות — וועגן דעם דאַרף מען רעדן גאַנץ באַזונדער — אָבער אַפֿילו די מענטשן וואָס זענען זיך צונויפֿגעקומען אין טשערנאָוויץ מיט די בעסטע כּוונות זענען געווען אָרגאַניזאַציאָנעל אינגאַנצן אומבאַהאָלפֿן. די הכנות צו דער קאָנפֿערענץ זענען געווען שוואַכע. די קאָנפֿערענץ גופֿא האָבן די אָנטײלנעמער אויך ניט גע־לאָזט פֿירן אין אָרדענונג: אויפֿן טאָג־סדר זענען אַרויף פּראָגעס, וואָס מ׳האָט געהאַט באַשלאָסן ניט צו באַהאַנדלען, און צו עטלעכע מאָל האָט מען זיך אומגעקערט צו ענינים וואָס זענען שוין געווען אָפּגעשטימט. געענדיקט האָט מען די קאָנפֿערענץ מיט שאַפֿן אַן אָרגאַניזאַציע, אָבער קיינער האָט קענטיק ניט געפֿילט פֿאַר איר קיין אַחריות, האָט מען מער פֿון איר ניט געהערט.

צום 20יאָריקן יובל פֿון טשערנאָוויץ איז אין יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן צוריק אויפֿשטעלן דעם גאַנג פֿון דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ[1]. תּחילת האָבן מיר נאָך געהאָפֿט צו געפֿינען די אָריגינעלע פּראָטאָקאָלן און מיר האָבן זיי גענומען זוכן. ווען דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אומזיסט, האָט געמוזט געפֿונען ווערן אַן אַנדער וועג צו רעקאָנסטרויִרן דאָס בילד. דעם פּלאַן פֿון דער אַרבעט האָבן אויסגעאַרבעט ז. ר ײ ז ע ן און דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות; די טעכנישע דורכ־פֿירונג איז איבערגעגעבן געוואָרן פּ׳ ח י י ם ב ר ו י ד ע, וועלכער האָט זיך אָנהייב זומער 1928 גענומען צו דער אַרבעט.

*

לכתּחילה איז דער פּלאַן פֿונעם בוך געווען ברייטער. ס׳האָבן געזאָלט אַהער אַרײַנגיין ניט בלויז שטימען פֿון דער צײַט, נאָר אויך ערשט־געשריבענע זכרונות פֿון די אָנטײלנעמער און אַפֿילו אָפּשאַצונגען. פֿון דעם צווייטן גע־דאַנק האָבן מיר זיך באַלד אָפּגעזאָגט: פּובליציסטיק לאָזט דער ייוואָ איבער פֿאַר אַנדערע. אָבער אויך די אָפּטײלונג זכרונות איז ניט צושטאַנדגעקומען, ווײַל באַלד די ערשטע אָנפֿרעגן אונדזערע האָבן באַוויזן, אַז ס׳זענען פֿאַראַן

---

[1] קורץ פֿאַר דעם יובל, פֿרילינג 1928, האָט אברהם רייזען געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער „פֿרייהייט" (מערץ 8, מערץ 15, מערץ 16) די קאַפּיטלעך פֿון „עפּיזאָדן פֿון מיין לעבן", וואָס באַהאַנדלען די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ. עס איז אַ גענויער און מאַטעריאַלן־רייכער באַ־ריכט, — ווי ס׳פֿאַרשטייט זיך לויטן עצם כאַראַקטער פֿון די „עפּיזאָדן", מיט אַ שטאַרקער אינדיווידועלער באַפֿאַרבונג.

זייער ווייניק בעלנים צו שרייבן זכרונות וועגן יענער צייט. פּאָזיטיוו, און טאַקע בפּועל־ממש מיט אַ מאַנוסקריפּט, האָט געענטפערט בלויז ד״ר נתן בירנבוים. פון דעם אַרטיקעלע אַליין האָבן מיר קיין אָפּטיילונג זכרונות ניט געקענט און ניט געוואָלט מאַכן. מיר האָבן אָבער צוגעזאָגט ד״ר בירנבוימען, אַז זיינע שורות וועלן געדרוקט ווערן; און ס׳וואָלט טאַקע געווען אַ שאָד ניט צו באַקענען זיך מיט דעם, וואָס עס האָט צו זאָגן וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איר איניציאַטאָר, ווי ווייט ער זאָל ניט זיין אַוועקגעגאַנגען פון זיינע יעמאָלטיקע פּאָזיציעס.

מיר ברענגען דאָ דעריבער ד״ר בירנבוימס אַרטיקעלע וואָרט ביי וואָרט (געביטן בלויז דעם אויסלייג).

אַ מ אָ ל א ו ן אַ צ י נ ד

געווען איז עס דעם 1טן יאַנואַר 1908, ווען איך בין אויף מיין ערשטער נסיעה קיין אַמעריקע אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. אין די לעקציעס וואָס איך האָב געהאַלטן אין אַמעריקע האָב איך מיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ קולטורעלן גלות־נאַציאָנאַליזם און דער עיקר אונטערגעשטראָכן דאָס וויכטיקייט און נייטיקייט פון דער יידישער שפּראַך פאַר דעם קיום פונעם יידישן פאָלק. אַמעריקאַנער יידן זענען דעמאָלט געווען זייער ווייניק ראוי און נוטה אָנצונעמען אַזאַ פּראָגראַם, און דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן אין די צייטונגען. מען האָט מיך אַפילו גוט אויפגענומען, נאָר זיך שאַרף אָפּגערעכנט מיט מיר. בפרט די הומאָריסטישע בלעטער האָבן זיך נישקשהדיק גענומען צו מיר, און דער אמת האָב איך זיי געגעבן אַ „טשענס״ דערמיט, וואָס איך האָב געהאַלטן מיינע לעקציעס אויף דייטש.

נאָר דאָס אַלצדינג האָט מיך ווייניק געאַרט, אדרבא מיך געמאַכט נאָך פעסטער אין מיין מיינונג. איך האָב געפילט, אַז ס׳מוז עפּעס אויפגעטאָן ווערן אַ גרעסערער אויפטו פאַר יידיש, אַ מין מאַניפעסטאַציע פאַר זיין שפּראַכשאַפט און זיינע שפּראַכלעכע רעכטן. און אַזוי ווי איך האָב דאָרטן פאַרט געפונען עטלעכע חברים צו מיין שיטה, באַוווסטע מענטשן, זענען מיר סוף כל סוף געקומען צו דער החלטה, איינצורופן אַ יידישע שפּראַכקאָנפערענץ, אויף וועלכער ס׳זאָלן אַרומגערעדט ווערן אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע דעם אינטערעס פון דער יידישער שפּראַך און פון די שרייבער וואָס שרייבן אויף יידיש. פאַר דעם אָרט פון דער קאָנפערענץ האָבן מיר אויסגעקליבן טשערנאָוויץ אין דער בוקאָווינע (דעמאָלט געווען ביי עסטרייך, היינט איז זי ביי רומעניע).

די קאָנפערענץ האָט אויפגערודערט דאָס יידישע וועלטל. קיין קלייניקייט איז עס נישט געווען: געקומען די באַוווסטסטע יידישע שרייבער און פּאָעטן, פּרץ, אַש, רייזען, זשיטלאָווסקי, נאָמבערג און אַנדערע. מענדעלע און שלום־עליכם האָבן געשיקט האַרציקע באַגריסונגען. געקומען אויך קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשיידענע בלעטער, בפרט אויך פון די בלעטער, וואָס זענען געווען אַקעגן דער קאָנפערענץ. און די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענטן האָבן טאַקע באַלד אָנגעהויבן שרייבן מאמרים און ברענ־

גען ידיעות און אַ טייל אַפילו נישט זייער זיך געהאַלטן ביים אמת. למשל, אויף דער קאָנפערענץ איז געווען אַ גרויסע דיסקוסיע, צי מען זאָל פּראָקלאַמירן יידיש פאַר **דער** נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָדער נאָר פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, און מנצח האָבן געווען די, וואָס האָבן געהאַט פאָרגעלייגט נאָר צו זאָגן: פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. אין די בלעטער איז דאַן אָבער געשטאַנען, אַז די קאָנפערענץ האָט פּראָקלאַמירט יידיש פאַר **דער** נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, און ס'האָט גערעגנט אַטאַקעס אויף די פאַנאַטישע יידישיסטן. אָדער אַן אַנדער פאַקט: אויף דער גאַנצער קאָנפערענץ בין איך געווען דער, וואָס האָט זיך אַם ווייניקסטן געשטעלט אויף שטאַרקע ווערטער, אַם מערסטן זיך געווענדט אַקעגן ראַדיקאַליזם, נאָר פאַרלאַנגט זאַכלעכע אויפטוען. און אַפילו „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך" איז ביי מיר אויך נישט אויסגעקומען וויכטיק. די בלעטער האָבן אָבער אויסגעפּויקט אין דער וועלט, אַז איך האָב מיך אַם שאַרפסטן אַרויסגעשטעלט פאַר „דער נאַציאָנאַלער שפּראַך" און אַז איך האָב מיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם פאַרברענטסטן שונא פון לשון-קודש. באמת איז עס געווען די באַוואוסטע בונדיסטין אסתּר, וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן ראַדיקאַלסטן שטאַנדפּונקט, און די גאַנצע צייט פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַ מלחמה צווישן איר און מיר. און די אַנדערע געקומענע אויף דער קאָנפערענץ זענען לפי רוב נעענטער געווען צו איר, איידער צו מיר.

די בלעטער האָבן אויך אָנגעוויזן מיט גרויס איראָניע דערויף, וואָס איך האָב די עפענונגס-רעדע פון דער קאָנפערענץ נישט געהאַלטן אויסווייניק, נאָר אַראָפּגעלייענט זי פון אַ בלאַט פּאַפּיר און אַז ווייטער ביי אַלע דעבאַטעס האָב איך גאָר גערעדט דייטש. זיי האָבן געמיינט, אַז דערמיט זענען זיי מבטל די גאַנצע קאָנפערענץ. נאָר וועמען האָט עס געאַרט? ווער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער כּוח און דאָס רעכט פון יידיש ווענדט זיך נישט דערין, וואָס אייגער אַ ייד, אַ געבוירענער און אויפגעצויגענער אין מערב-אייראָפּע, האָט ערשט אין שפּעטע יאָרן אויסגעלערנט זיך די שפּראַך, און וואָס אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ האָט ער נאָך ניט געקאָנט רעדן אויף איר.

אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט אין טשערנאָוויץ גופא די גרויסע פאָלקס-פאַרזאַמלונג, וואָס איז דאָרטן איינגעאָרדנט געוואָרן בשעת דער קאָנפערענץ און ביי וועלכער ס'האָבן גערעדט פּרץ, אַש, זשיטלאָווסקי, רייזען, נאָמבערג און אַנדערע פאַר אַ גרויסן עולם וועגן דעם באַטייטונג פון יידיש פאַרן יידישן פאָלק און וועגן דעם צוועק פון דער קאָנפערענץ. נישט באַלד האָט דאָך אַ יידישע שטאָט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט, אין איין צייט און אין איין אָרט צו זען און צו הערן די באַוואוסטסטע יידישע שרייבער און פּאָעטן פון יענע יאָרן.

ווען די געקומענע צו דער קאָנפערענץ זענען זיך צעפאָרן, זענען זיי מן-הסתם זיכער געווען ביי זיך, אַז זיי אַלע וועלן זיך נאָך אַמאָל טרעפן ביי אַ צווייטער קאָנפערענץ. נאָר זיי האָבן זיך ניט געטראָפן, און, ווייזט אויס, איז עס נישט איבעריק נייטיק געווען פאַר דעם ענין. די ערשטע קאָנפערענץ האָט שוין אַליין גענוג אויפגעטאָן. זי האָט געשטאַרקט די ענערגיעס פון די אַלע, וואָס די יידישע שפּראַך איז געווען און איז טייער

פֿײַ זײַ. דּי האָט זײַ געמאַכט פֿאַר בכיוונדיקע אַרבעטערס פֿאַר ייִדיש. נאָר אמת, פֿאַראַ אײן זאַך, וואָס איך האָב מורא, אַז די דאָזיקע אַרבעטערס האָבן זיך אוועקגעלאָזט אויף אַ פֿאַלשן וועג. איך האָב עס דעמאָלט אין דער צײַט פֿון דער קאָנפֿערענץ נישט געזען און נישט געקאָנט זען. אָבער הײַנט — צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך אומגעקערט צו דער ייִדישער תּורה און צו די ייִדן, וועלכע לאָזן נישט פֿון איר — זע איך עס מיט אַ געפֿיל פֿון דאגה: די ראַדיקאַלע פּאַרטײען האָבן מכּלומרשט מאָנאָפּאָליזירט די ייִדישע שפּראַך און דערמיט ניט נאָר אַרײַנגעוואָרפֿן אַ חשד אויף איר אין דער מאַסע פֿון פֿרומע ייִדן — די ערשטע און אמתדיקע באַשעפֿער פֿון ייִדיש — נאָר אויך אַרײַנגעבראַכט ייִדיש אין דער סכּנה, אַז, אָפּגעריסן פֿון זײַן מקור, זאָל עס חלילה פֿאַרלירן זײַן שפּראַכלעך ברשות-עצמהדיקײט, זײַן אמתדיקע ייִדישלעכקײט און זײַנע שטאַרקע קאָלירן און ווערן צו אַ גראָען שאָטן פֿון זיך אַלײן, צו אַ מין טרוקענער בריאה, צו אַן אַבי-אײראָפּעיִשער אַבי-שפּראַך.

הלוואַי די דאָזיקע סכּנה זאָל אַריבער בשלום און ייִדיש זאָל בלײַבן דער ייִדישער אוצר, פֿאַר וועלכן ס'האָט זיך געלוינט אײַנצורופֿן די טשערנאָוויצער ייִדישע שפּראַך-קאָנפֿערענץ.

*

צום צוואַנציק-יאָריקן יובל פֿון דער קאָנפֿערענץ איז אין טשערנאָוויץ פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿײַערונג, וווּ עס האָבן זיך באַטײליקט אויך אַ סך געסט פֿון אויסער רומעניע[1].

אויך אין דער פּרעסע זענען אין יענער צײַט געדרוקט געוואָרן היפּש זכרונות און אָפּשאַצונגען. מיר דרוקן צום סוף פֿון דעם איצטיקן אַרײַנפֿיר אַ רשימה פֿון די דאָזיקע אַרטיקלען, צונויפֿגעשטעלט דורך י. אַ נ י ל אָ װ י ט ש לויט די מאַטעריאַלן פֿון דער ביבליאָגראַפֿישער צענטראַלע פֿון ייִוואָ. אַן אויסצוג װעלן מיר ברענגען בלויז פֿון דעם „קאַפּיטל ערינערונגען"[2] פֿון ד"ר ח. זשיטלאָווסקין, דעם וויצע-פּרעזידענט פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ:

„...אין זײַנע עפֿנטלעכע אַרויסטרעטונגען [אין ניו-יאָרק] אין יענעם ווינטער האָט ד"ר בירנבוים נאָר מרמז געווען אויף דער מעגלעכקײט און נויטווענדיקײט פֿון איבערבויען די ציוניסטישע וועלטאָנשויונג אויף דעם יסוד פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דערפֿאַר האָט ער אָבער גערעדט גאַנץ קלאָרע דיבורים וועגן דעם אין פּריוואַטע אונטעררעדונגען.

איך געדענק אַזאַ ערנסטן שמועס צווישן אים אויף אַ זיצונג פֿון דעם „ד"ר בירנבוים-קאָמיטעט", פֿון וועלכן ד"ר מאַגנעס איז, דוכט מיר, געווען דער פֿאָרזיצער.

שאַרף און היציק איז ד"ר בירנבוים אָנגעפֿאַלן אין אַ רעדע אויף דעם הערשנדיקן גײַסט אין דעם ציוניזם. די ציוניסטן האָבן אינגאַנצן פֿאַרגעסן דאָס ייִדישע פֿאָלק,

---

[1] דעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט האָבן דאָרט פֿאָרגעשטעלט פּ"פּ זלמן רײזען און ד"ר צ. שאַבאַד.

[2] „דער טאָג", נ"י, 1928, סעפּטעמבער 2.

האָט ער זיך מתרעם געווען. פּאַלעסטינע איז פאַר זיי געוואָרן אַן אָפּגאָט, וואָס זיי האָבן יאָוועקגעשטעלט אָנשטאָט דעם לעבעדיקן פאָלק. זאָל חלילה פּאַלעסטינע פאַרשווינדן — זאָגן מיר, דורך אַ ווולקאַנישער קאַטאַסטראָפע — איז דעמאָלט פאַרלירט דער ציוניסט יעדע מגע ומשא מיט דעם יידישן לעבן און שטרעבן. מיר זענען אָבער אַ לעבעדיק פאָלק. מיט ארץ־ישראל צי אָן ארץ־ישראל, מוזן מיר פירן אונדזער קאַמף פאַר דעם קיום הלאום אויף די ערטער ווו מיר וווינען...

און דער אומערמידלעכער ענערגיע ד״ר בירנבוימס, ווי אויך זיין פיינעם פּאָליטישן טאַקט און דער גרויסער אָנגעזעענקייט זיינער אין דער ציוניסטישער וועלט—דער דעמאָלסטיקער—האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס די דאָזיקע קאָנפערענץ איז צונויפגערופן געוואָרן און וואָס אין איר האָבן זיך באַטייליקט יידישע שרייבער און כלל־טוער מיט זייער חשובע נעמען.

ד״ר בירנבוימס אינטערעס אין דער קאָנפערענץ האָט אָנגעהאַלטן נאָר ביז איר צונויפקומען. שטאַרק פאַרטאָן אין זיינע ווייטערדיקע פּלענער, פאַר וועלכע די קאָנפערענץ איז געווען נאָר דער ערשטער שטאַפּל, האָט ער באַלד נאָך דער ערעפנונג, אויף וועלכער ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר איר פאָרזיצער, די איבערגעלאָזן אויף אירע אייגענע כוחות. די ניט גאָר גרינגע אויפגאַבע צו פירן די קאָנפערענץ איז אַרויפגעפאַלן אויף די אַקסלען פון איינעם פון אירע וויצע־פּרעזידענטן, דעם שרייבער פון אַש די שורות״.

*

דער רויער „לאַמטערן״ פון דעם איצטיקן בוך איז האַרבסט 1928 שוין געווען פאַרטיק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די מאַטעריאַלן, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו און אין דער ביבליאָטעק פון ייוואָ, ווי אויך אין דער שטראַשון־ביבליאָטעק און אין דער ביבליאָטעק „מפיצי־השכלה״ אין ווילנע, זענען ניט גענוג. זייער שטאַרק איז צונוץ געקומען דער יאָרגאַנג 1908 פון לעמבערגער „טאָגבלאַט״, וואָס די רעדאַקציע פונעם דאָרטיקן „מאָרגן״ איז געווען אַזוי פריינדלעך צוצושיקן אונדז אין ייוואָ אַריין אויף אַ לענגערער צייט. אָבער עס האָט נאָך אַלץ געפעלט זייער פיל, איבערהויפּט פון דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע. מיר האָבן זיך געווענדט צום אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ, און די פ״פ ד״ר יעקב שאַצקי און משה שטאַרקמאַן האָבן אונדז פאַרזאָרגט מיט פאָטאָסטאַטן פון די אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער אַמעריקאַנער יידישער, העברעישער און ענגליש־יידישער פרעסע איידער און נאָך דער קאָנפערענץ. מאַטעריאַל פון בוקאָווינע האָט צוגעשטעלט פ׳ חיים ראָזענבלאַט, טשערנאָוויץ. פון לעמבערג האָבן צוגעדינט מיט פאַרשיידענע אָפּשריפטן די פריינד פון ש. אַנ—סקי־קלוב. דער צ״ק פון דער יסדאַ״פ „פּועלי־ציון״ (וואַרשע), ד״ר נתן בירנבוים (בערלין), ד״ר שלמה בירנבוים (האַמבורג), ד״ר מיכאל וויַיכערט (וואַרשע), פ׳ נח פּרילוצקי (וואַרשע), ד״ר יוסף קיסמאַן (טשערנאָוויץ) האָבן אויסגעהאָלפן מיט מאַטעריאַל. אין

דער וואַרשעווער סינאַגאָגע-ביבליאָטעק האָט קאָפּירט עטלעכע אַרטיקלען פ׳ משה לערער. פ׳ נ. מײַזיל האָט געגעבן אַ ביסל אינפאָרמאַציע. ה׳ א. הײַזלער, קאָסעוו, האָט צוגעשיקט אַ בריוו, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו באַלײַכטן עטלעכע מאָמענטן פון זײַן רעדע אויף דער קאָנפערענץ.

טעכנישע אַרבעט האָבן, אויסער פ׳ חיים ברוידע, אויסגעפירט די פ״פ לייב העלער, מרדכי קאַהאַנאָוויטש, משה קאַנטאָר, חיים ראָזענבלאַט, בער שלאָסבערג. די בילדער האָבן באַזאָרגט: די גרויסע גרופּע — פ׳ שלמה מענדעלסאָן (ניו-יאָרק) פון פ׳ אַברהם קאַניאָווסקי; די גרופּע פון פיר—ד״ר רודאָלף גלאַנץ (ווין) פון פ׳ מענדל זינגער.

בײַ דער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט האָט מיטגעהאָלפן ז. קלמנאָוויטש.

אַ האַרציקן דאַנק אַלע אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, וואָס האָבן אויסגעהאָלפן בײַם צונויפשטעלן דאָס בוך, סײַ די דערמאָנטע און סײַ די צופעליק, אָן אַ מיין, ניט דערמאָנטע.

בײַ דער גרויסער צאָל מענטשן, וואָס מיר האָבן מאָביליזירט, איז נאָך די אַרבעט אַלץ ניט אָפּגעטאָן בשלמות. דעם „הד הזמן“, למשל, וואָס איז יעמאָלט געגאַנגען אין ווילנע, האָבן מיר ניט געקענט באַקומען, און ס׳איז אויסגעקומען צו געבן די ציטאַטעס פון דער צווייטער האַנט. געוויס פעלן נאָך אַנדערע אויך. אָבער וואַרטן לענגער, האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, איז ניט כדאַי. דאָס בילד טרעט אַרויס פון אונדזער מאַטעריאַל אײַנגאַנצן בולט, און דער אָדער יענער שטריך וואָלט שוין סײַ ווי קיין עיקרדיקע נײַס ניט אַרײַנגעטראָגן.

*

דער עצם באַריכט וועגן דעם פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ איז צונויפגעשטעלט לויט פאָלגנדיקע מקורים:

1) „ד״ר בירנבוים׳ס וואָכענבלאַט“, טשערנאָוויץ 1908, נ״נ 1—3;
2) „הײַנט“, טעגלעכע צײַטונג, וואַרשע 1908, נ״נ 192, 196;
3) „המצפה“, וואָכנבלאַט, קראָקע 1908, נומ׳ 35 און 36;
4) „טאָגבלאַט“, לעמבערג 1908, נ״נ 168—173;
5) „יידישעס טאַגעבלאַט“, ניו-יאָרק 1908, סעפּט׳ 15, 17, 18, 21;
6) „יודישער אַרבעטער“ וואָכנבלאַט, לעמבערג 1908, נומ׳ 32;
7) „די נײַע צײַט“, זאַמלבוך, ווילנע 1908, באַנד IV;
8) „סאָציאַל-דעמאָקראַט“, וואָכנבלאַט, קראָקע 1908, נומ׳ 38;
9) „פאָרווערטס“, טעגלעכע צײַטונג, נ״י 1908, סעפּט׳ 15, 16, 17, 18;
10) „דער פרײַנד“, טעגלעכע צײַטונג, פעטערבורג 1908, נ״נ 192, 194, 196, 197;
11) Разсвѣтъ, וואָכנבלאַט, פעטערבורג 1908, נ״נ 33—35.

אַנדערע מקורים, פון וועלכע עס זענען גענומען נאָר איינציקע נאָטיצן, זענען אָנגעוויזן אין טעקסט גופא.

*

אויף וויפיל די שייַכותדיקע אַרטיקלען פון די צייַטשריפטן און צייַטונגען זענען אָפּגעגעבן אויסשליסלעך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, זענען זיי דאָ אין בוך געבראַכט בשלמות, מערניט וואָס דער אויסלייג פון די יידישע אַרטיקלען איז מאָדערניזירט[1] און די אַנדערשפּראַכיקע זענען איבערגעזעצט אויף יידיש. מיר האָבן אָבער חוץ דעם אויך געהאַט צו טון מיט אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען, ווו דער ענין טשערנאָוויץ איז באַרירט צווישן אַנדערע ענינים. דאָרט האָבן מיר געגעבן אויסצוגן; ווו מיר האָבן איבערדערציילט דעם אינהאַלט פונעם איבעריקן טייל אַרטיקל, האָבן מיר דאָס געטאָן ווי ווייַט מיגלעך מיט דעם מחברס אייגענע ווערטער.

ווו עס זענען ניט געגעבן קיין צוויי דאַטעס, איז געמיינט דער נ ייַ ע ר סטיל. דאָס י אָ ר איז אָנגעוויזן נאָר דאָרט ווו ס'איז נ י ט 1908.

אַ גליקלעכער צופאַל האָט אונדז געטראָפן מיט מתתיהו מיזעסעס רעפעראַט. מיט אַ יאָר אַכט צוריק האָט זלמן רייזען באַקומען פון ה' מיזעסן צוגעשיקט דעם פולן טעקסט פון זייַן רעפעראַט. פ' רייזען האָט יעמאָלט געהאַט בדעה דאָס אָפּצודרוקן אין צוזאַמענבונד מיטן 15טן יאָרטאָג פון טשערנאָוויץ, אָבער ליידער איז דערפון גאָרניט געוואָרן. מיר האָבן דעם רעפעראַט אַרייַנגענומען אין דעם איצטיקן בוך אַזוי ווי ער שטייט און גייט, ניט צו מאַכן דערין קיין שום שינוים[2]. געוויינטלעך מיינט דאָס ניט, אַז די רעדאַקציע נעמט אויף זיך די אַחריות פאַר פ' מיזעסעס אַלע וויסנשאַפטלעכע הנחות און בייַשפּילן; געוויס וואָלט מ. מיזעס גופא הייַנט טייל געדאַנקען פאָרמולירט און אילוסטרירט אַנדערש. ניט די פרטים זענען דער עיקר. דער עיקר איז די הייסע לייַדנשאַפט פון אַ קעמפער, וואָס שלאָגט אַרויס נאָך הייַנט פון די געדרוקטע זאַצן און וואָס לאָזט אונדז שפּירן, פאַרוואָס די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט מיט אַזאַ התפעלות אָנגענומען פרצעס פאָרשלאָג אָפּצודרוקן דעם רעפעראַט.

---

[1] היות דאָס איצטיקע בוך האָט ניט קיין לינגוויסטישע צוועקן, איז ניט געווען קיין גריט צו פאַרשווערן דעם זאַץ מיטן אָריגינעלן אויסלייג פון יעדן אַרטיקל. ביים אַריבערגיין צו אונדזער איצטיקן אויסלייג איז אויך אוניפיצירט געוואָרן, אין אַ מינימאַלער מאָס, די שפּראַך; למשל זענען דורכגעפירט געוואָרן די פאָרמען: „זענען", „פראַגעס", „גייטיק", „גלייבן" (צייטוואָרט) אאַז"וו; עס זיינען אָבער איבערגעלאָזט געוואָרן פאָרמען ווי „נאַציאָן", „גאַלעריי", „אָרדנונג", „רעוואָלוציאָן" אדג"ל.

[2] מיר האָבן געוואָלט געבן אַ פול בילד פון דעם רעפעראַט, ווי ער איז בשעתו געהאַלטן געוואָרן, און האָבן דעריבער אַזוי ווייניק ווי מיגלעך געביטן לגבי דעם מאַנוסקריפּט; בלויז אַזוינע אויסדרוקן ווי „ביי די קאָנפערענץ" און ענלעכע זענען דאָ אויספאַרריכט.

די אָנמערקונגען וואָס זענען געגעבן אונטערן טעקסט געהערן צום טעקסט גופא, סײַדן עס איז פאַראַן אַ צושריפט: „רעד׳ ייוואָ״.

ווילנע, נאָוועמבער 1930

פילאָלאָגישע סעקציע פון יידישן
וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט
ד״ר מ. ווײַנרײַך
וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר

*

רשימה פון די אַרטיקלען וואָס זענען געדרוקט געווען אין דער פּעריאָדישער פּרעסע צום צוואַנציק-יאָריקן יובל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ[1]:

אויערבאַך, אפרים. דער אמת וועגן צוואַנציק יאָר יידיש ‹אַן ענטפער אַב. גאָלד-בערגן›, אין: מאָרגען זשורנאַל, נ״י 1928, אויג׳ 29.

אײַנהאָרן, א. „טשערנאָוויץ״ נאָך צוואַנציק יאָר. היינט, וואַרשע 1928, אויג׳ 31.

בעקער, י. אונדזער יידישע שפּראַך ‹צום 20יאָריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ›. בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע, ריאָ 1928, אויגוסט 7.

בערגמאַן, א. טשערנאָוויץ. אידישע פאָלקסצייטונג, ריאָ 1928, אויגוסט 17.

גאָלאָמב, אַ. די אויפגאַבן פון יידישיזם ‹20 יאָר נאָך טשערנאָוויץ›. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1928, נ״נ 35, 37.

גאָלדבערג, אַב. צוואַנציק יאָר יידיש. מאָרגען זשורנאַל 1928, אויגוסט 16.

גלאַנץ, א. צוואַנציק יאָר טשערנאָוויץ. דער טאָג, ניו-יאָרק 1928, יולי 30; בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע, ריאָ אויגוסט 17.

בראָדזענסקי, א. י. 20 יאָר טשערנאָוויץ. אָוונט-קוריער, ווילנע 1928, סעפּטעמבער 3.

גינסבערג, בן-ציון. ווען פּרץ האָט יידיש ניט אָנערקענט פאַר אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך. דער מאָרגען, לעמבערג, יולי 21.

גינסבערג, בן-ציון. צום 20-יאָריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ. צײַט, ווילנע, 1928, יולי 30.

גינסבערג, בן-ציון. זיי האָבן געוואָלט ווערן קברנים פון דער העברעישער שפּראַך ‹געזאַמלטע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן קולטור-קאַמף, צוליב דעם 20טן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ›. דער מאָרגען, לעמבערג, 1928, יולי 28.

הדס, יעקב. צוואַנציק יאָר אָבער ניט קיין גרענעץ-פּונקט. די פּאָסט, לאָנדאָן 1928, סעפּטעמבער 10.

וו. מ. [ווײַכערט, מ.] דער יובל פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ. די יידישע וועלט, וואַרשע, 1928, נ׳ 4, ז׳ 164—166.

ווײַסהאָף, מאַנדעל. 20 יאָר נאָך טשערנאָוויץ. I. אונזער צײַטונג, פּיעטריקאָוו 1928, נ׳ 36, II. נ׳ 38.

זאַכאַק, ה. פאַרוואָס ניט רעדן קלאָר? באַמערקונגען צו א. ל. שוסהיימס אַרטיקל „יידישיזם אַלס פּאָליטישע פּראָגראַם״. אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס 1928, נאָוועמבער 1.

זילבערפאַרב, מ. צום יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. ביכער-וועלט, וואַרשע 1928, נ׳ 5, ז׳ 57—61.

---

[1] געדרוקט מיטן גאַנצן אויסלייג, אַחוץ די נעמען פון די אויסגאַבעס.

זשיטלאָווסקי, ח. ד״ר. ד״ר נתן בירנבוים און די שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. אַ קאַפּיטל ערינערונגען. דער טאָג, ניו־יאָרק 1928, סעפּטעמבער 2; לאָדזשער טאָגעבלאַט סעפּטעמבער 21.

זשיטלאָווסקי, ח. ד״ר. „טשערנאָוויץ״ און דער „יידישיזם״ (צו דעם צוואַנציק־יאָריקן יובל־יומטוב פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ). צוקונפט, נ״י 1928, דעצעמבער.

ט—י. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. יודישע צייטונג, אַנטווערפּן 1928, נ׳ 10.

די יובליי־פייערונגען לכבוד דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ [אין טשערנאָוויץ]. דער מאָמענט, וואַרשע 1928, אָקטאָבער 4.

כאַזאַן, ש. 20 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. וואָלינער פּרעסע, לוצק 1928, נ׳ 2.

כאַרלאַש, י. 20טער יאָרטאָג פון טשערנאָוויץ. נייע וועגן, ריגע 1928, נ׳ 5, ז׳ 2—4.

כמורנער, י. וועגן אַ פעלער, וואָס חזרט זיך איבער. אין די געדענק־טעג פון טשערנאָוויץ. ביכער־וועלט, וואַרשע 1928, נ׳ 7, ז׳ 1—6.

כמורנער, י. מאָגערע ירושה, און די דאַרף אויך ליקווידירט ווערן (20 יאָר טשערנאָוויץ). נייע פאָלקסצייטונג, וואַרשע 1928, אויגוסט 24.

ליב שרה׳ס. צום יובל פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ. אַרבעטער־צייטונג, טשערנאָוויץ 1928, נ׳ 326.

ליכטנשטיין, י. „ברייטע״ און „שמאָלע״ וועגן (צום אָנדענק פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ). לובלינער שטימע, 1928, נ׳ 36; לאָדזשער וועקער, 1928, נ׳ 37.

מאַרק, יודל. טשערנאָוויץ. נייע וועגן, ריגע 1928, נ׳ 5, ז׳ 4—5.

מייזיל, נחמן. די ערשטע מאָביליזאַציע. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1928, נ׳ 35.

מלמד, ש. ד״ר. איז יידיש די שפּראַך פון יידישן פאָלק? אידישע וועלט, פילאַדעלפיע 1928, אויגוסט 16.

נאָמבערג, ה. ד. נאָך דער קאָנפערענץ [אין טשערנאָוויץ 1908]. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1928, נ׳ 35.

ניגער, ש. וועגן דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. צום 20־יאָריקן יובליי. דער טאָג, ניו־יאָרק 1928, סעפּטעמבער 2; ווילנער טאָג, 1928, סעפּטעמבער 28.

סופר, ש. א. צוואַנציק יאָר [טשערנאָוויץ]. אַרבעטער־צייטונג, טשערנאָוויץ 1928, נ׳ 323.

פלודערמאַכער, גרשון. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און די אויפגאַבן פון איצטיקן מאָמענט. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1928, נ׳ 40.

פּרילוצקי, נח. די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ (אַ בינטל זכרונות צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג). דער מאָמענט, וואַרשע 1928, יולי 27.

פּרילוצקי, נח. צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. דער מאָמענט, וואַרשע 1928, אויגוסט 17.

פּרילוצקי, נח. נאָך די טשערנאָוויצער פייערונגען. ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע 1928, נ׳ 41.

פלאַקסער, מ. צוואַנציק יאָר נאָך טשערנאָוויץ. אונזער עקספּרעס, וואַרשע 1928, אויגוסט 30.

צביון. יידישע אינטערעסן [וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ]. פאָרווערטס, ניו־יאָרק 1928, סעפּטעמבער 8; ווילנער טאָג 1928, אָקטאָבער 1.

צוואַנציק יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ Zwanzig Jahre nach der Czernowitzer Sprachkonferenz. Die Stimme, Wien, 1928, Nr. 28

צעגראָווסקי, ר. די ערשטע יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ מיט צוואַנציק יאָר צוריק ‹1908—1928›. היינט, ווארשע 1928, אויגוסט 30.

קאַהאַן, לאַזאַר אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ ‹אייניקע פערזענלעכע זכרונות›. ליטעראַרישע בלעטער, ווארשע 1928, נ׳ 35, 39.

קאַזשדאַן, ח. ש. אַן עפּיזאָד אָנשטאָט אַ געשעעניש ‹20 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ›. אונזער צייט, ווארשע 1928, נ׳ 7 ז׳ 73—77.

קאַסוואַן, בענעדיקט ד״ר. Dr. Benedikt Kaswan. Hebräisch oder Jiddisch. Zum Jubiläum der jüdischen Sprachkonferenz. Ostjüdische Zeitung, Czernowitz, 1928. Sept. 26.

קעניג, לעאָ. אַ אויסגיכטערונג אין דער שפּראַכן-פראַגע ביי יידן. צוואַנציק יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. צייט, לאָנדאָן 1928, סעפּטעמבער 7.

ראַוויטש, מלך. אַ קאַפּיטל וועגן יידישיזם ‹לכבוד דעם 20יעריקן יובל פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ›. נייע פאָלקסצייטונג, ווארשע 1928, אויגוסט 24.

ראָזענפעלד, ש. דער טשערנאָוויצער יובילי. דאָס אידישע פאָלק, נ״י 1928, נ׳ 29.

רובין, י. ד״ר. אויפן יובילעום אין טשערנאָוויץ. דער טאָג, נ״י 1928, אָקטאָבער 24.

שמשון. דער אויפטו פון טשערנאָוויץ ‹צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ›. אַרבעטער צייטונג, ווארשע 1928, נ׳ 38.

שניידערמאַן, ש. ל. יידיש (20 יאָר נאָך דער טשערנאָוויצער יידיש-קאָנפערענץ). Trybuna Akademicka, Warszawa 1928, Nr. 9.

די צוגרייטונגען
צו דער קאָנפערענץ

פאָרגעשיכטע

די ערשטע טריט

פון דוד פינסקיס אַ בריוו צום יידישן שול־פאַראיין אין בוקאָווינע, טשערנאָוויץ, ערב דער יובל־פייערונג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, סעפטעמבער 1928 (ציטירט לויט „הײַנט“, 1928, נומ׳ 205):

...די אידעע פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און דער ערשטער אויפרוף איז אַרויס פון מײַן הויז. איינמאָל אין אַ זונטאָג, אין פרילינג 1908, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מײַן הויז אַ זיצונג פון ד״ר נתן בירנבוים, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, דעם פאַרלעגער עוואַלענקאָ און פון מיר. זאַלבעפערט האָבן מיר אַרומגערעדט דעם פּלאַן פון דער קאָנפערענץ און דערנאָך אויסגעאַרבעט דעם אויפרוף, צו וועלכן מיר האָבן צוגעגעבן די אונטערשריפט פון יעקב גאָרדין. צום באַדויערן איז מיר אָבער דאַמאָלסט געווען אוממעגלעך זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ...

אין „ראַזסוועט“ פעטערבורג, נומ׳ 11, מערץ 28 (15), געפינען מיר פאָלגנדיקע קאָרעספּאָנדענץ פון ניו־יאָרק, געשריבן דורך מ. לאַזאַרסאָן:

...איך בין נעכטן[1] בײַגעווען אויף אַ מיטינג, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן מיטן ציל „צו באַשאַפן אַ באַוועגונג“ לטובת דעם אָנערקענען פאַרן זשאַרגאָן דאָס רעכט גערופן צו ווערן „נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַך“. דער דאָזיקער מיטינג איז אייגנטלעך נאָר אַ פּרעלודיע צו אַ קאָנפערענץ, וואָס ווערט פּראָיעקטירט פון די ליבהאָבער פון זשאַרגאָן צום קומענדיקן זומער אין עסטרײַך.

צוערשט איז אַרויסגעטראָטן ה׳ אַל. האַרקאַווי, אַ מחבר פון לערנביכער און ווערטערביכער פון דער ענגלישער שפּראַך אויף זשאַרגאָן,... בכדי אָפּצוּווערן דעם אָנפאַל פון די „העברעיִסטן“ אויף זשאַרגאָן.

דערנאָך האָט גערעדט ד״ר נ. בירנבוים...

צולעצט האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע דער טעאָרעטיקער פון

---

1 דאָס איז אפּנים געווען בערך סוף פעברואַר. — רעד׳ ייווא.

ער דאָזיקער באַוועגונג, דער איניציאַטאָר פון מיטינג, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי. ער האָט רויִק אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זײַן טעאָריע וועגן דער נייטיקייט פון זשאַרגאָן פאַר דער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ פון יידישן פאָלק. „אויב דער קולטור־ניוואָ פון אונדזער פאָלק איז נישט הויך, איז שולדיק אין דעם דאָס פעלן פון אַ שפּראַך. די פילאָסאָפיע איז דער מוח, די פּאָעזיע — דאָס האַרץ, און די שפּראַך קען מען צוגלײַכן צו דעם בלוט פון קערפּער. ווען דעם קערפּער פעלט אויס בלוט, לײַדט ער אויף אַנעמיע". „נישט פּאָפּולערע ביכלעך דאַרף מען אַרויסגעבן אויף יידיש, נאָר באַשאַפן אויף דער שפּראַך אַ גאַנצע ליטעראַטור, בכדי אונדזער אינטעליגענץ זאָל שעפּן איר גאַנצע בילדונג פון אייגענעם קוואַל". „זאָלן אַפילו אַסימילאַציע־טעאָריעס, טיפע געדאַנקען, און נישט אַגיטאַציע־בראָשורן, געשריבן ווערן אויף יידיש..."

די פאַרבעטונג

דער געדרוקטער צירקולאַר, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן פונאַנדערגעשיקט צו פאַרשיידענע פּערזאָנען און רעדאַקציעס פון צייטונגען:

גערערטער הער!

די יידישע שפּראַך האָט אין די לעצטע צענדליקער יאָרן געמאַכט אַ גרויסן פאָרטשריט. די ליטעראַטור אירע האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, וואָס קיינער האָט זיך ניט גערעכנט, זי זאָל קאָנען דערגרייכן. יידישע צײַטונגען צעגייען זיך אין הונדערט־טויזנטער נומערן טעגלעך און וועכנטלעך. יידישע פּאָעטן שרײַבן לידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט זיי; מעשיות, וואָס דאָס פאָלק לייענט זיי; פּיעסן, וואָס דאָס פאָלק לויפט זיי זען אין טעאַטער. און די שפּראַך אַליין ווערט וואָס אַ טאָג אַ פּײַנערע און אַ רײַכערע.

נאָר איין זאַך פעלט איר נאָך, וואָס עלטערע שפּראַכן פאַרמאָגן. זיי לאָזט מען ניט אַרומלויפן גאַנץ פרײַ און ווילד אויף דער שפּראַכן־וועלט און צוציען צו זיך כּל מיני קרענק און מומים און אפשר גאָר דעם טויט. זיי היט מען אָפּ, ווי אַ טײַער קינד היט מען זיי אָפּ. אויף איר אָבער, אויף דער יידישער שפּראַך, קוקט זיך קיינער ניט אום. טויזנטער יידישע ווערטער ווערן איבערגעביטן אויף דײַטשע, רוסישע און ענגלישע, וואָס קיינער נייטיקט זיך ניט אין זיי. די לעבעדיקע געזעצן פון דער שפּראַך, וואָס ווערן געבוירן און אַנטוויקלען זיך מיט איר אינעם מויל פון פאָלק, פאַרשרײַבט מען ניט, און עס דאַכט זיך אויס, אַז עס זענען גאָר נישטאָ אין איר אַזעלכע געזעצן. און שרײַבן שרײַבט יעדער אויף אַן אַנדער אופן, מיט אַן אַנדער אויסלייגעכץ, וואָרים אַ יידישע אָרטאָגראַפיע, וואָס זאָל גילטן פאַר אַלעמען, נאָך וועלכער אַלע זאָלן זיך מוזן האַלטן, איז נאָך ניט באַשאַפן.

אמת, דער אַלטער בזיון מיט יידיש האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן.

וואָס אַ מאָל שעמט מען זיך וויניקער מיט דער הײַנטיקער שפּראַך פון אונדזער פאָלק. וואָס אַ מאָל רעכנט מען זיך מער מיט איר און מען גיט איר אָפּ מער כבוד. וואָס אַ מאָל מער פאַרשטייט מען, אַז אין איר שפּיגלט זיך אָפּ די יידישע נשמה, און מען הייבט אָן צו באַגרײַפן איר ווערט פאַר דעם קיום פון אונדזער אומה. אָבער גענוג איז זי נאָך צו שפּאָט און צו שאַנד; דאָס שעמען זיך מיט איר עקסיסטירט נאָך. און פון וואַנען קומט דאָס אַרויס, אויב ניט פון די דערמאָנטע חסרונות?

ווען אָבער יאָ אַזוי, באַדאַרף מען מאַכן אַ סוף צו זיי; באַדאַרף מען באַשאַפן אַ מין צוים און גדר, אַ מין אָפּהיטונג פון אונדזער טײַערן מאַמע-לשון, עס זאָל ניט אַרומלויפן אַזוי ווילד ווי ביז איצט, ניט ווערן אַ הפקר-זאַך, ניט ווערן צעריסן און צעטיילט. אַלע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט איס, סײַ אַלס שרײַבער און דיכטער, סײַ אַלס שפּראַכקענער, אָדער וואָס האָבן אים גלאַט ליב, — מוזן זיך צוזאַמענרעדן און געפינען די ריכטיקע מיטלען און וועגן, כדי עס זאָל באַשאַפן ווערן אין דער זאַך אַן אויטאָריטעט, וועלכן אַלע זאָלן מוזן און וועלן זיך אונטערגעבן.

געערטער הער! אויב איר האָט די אייגענע מיינונג, ווי מיר האָבן דאָ אַנטוויקלט, בעטן מיר אײַך, איר זאָלט קומען צו דער קאָנפערענץ, וואָס מיר רופן צונויף וועגן דער יידישער שפּראַך.

די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען דעם . . . . [1] אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע, עסטרײַך), און עס וועלן דאָרטן באַהאַנדלט ווערן די פאָלגנדיקע פונקטן:

1) די יידישע אָרטאָגראַפיע, 2) די יידישע גראַמאַטיק, 3) פרעמדע און נײַע ווערטער, 4) אַ יידיש ווערטערבוך, 5) די יידישע יוגנט און די יידישע שפּראַך, 6) די יידישע פּרעסע און די יידישע שפּראַך, 7) די יידישע בינע און די יידישע אַקטיאָרן, 8) די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע שרײַבער, 9) די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע אַקטיאָרן, 10) די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך.

אויב איר ווילט קומען צו דער קאָנפערענץ, בעטן מיר אײַך, איר זאָלט תּיכּף מודיע זײַן אײַער נאָמען און אײַער אַדרעס צו דעם הויפּט-ביוראָ פון אונדזער קאָנפערענץ (. . . . .) [1], כדי מיר זאָלן אײַך קענען שיקן אַלע ווײַטערדיקע מודעות, וואָס מיר וועלן נאָך פאַרשיקן. אויב איר האָט עפּעס אַ גוטע עצה צו געבן, פון וועלכער עס קאָן אַרויסקומען אַ נוצן פאַר דער קאָנפערענץ און איבערהויפּט פאַר דער יידישער שפּראַך, בעטן מיר אײַך, איר זאָלט זי אונדז וואָס גיכער שרײַבן, און דאַנקען אײַך אין פאָרויס.

ניסן, תּרס"ח — אַפּריל, 1908.

---

[1] ניט אויסגעפילט.

צו דעם צירקולאַר איז געווען צוגעלייגט אַזאַ ווענדונג:

געערטער הער!

מיר אונטערגעשריבענע שיקן אײַך דאָ דעם טעקסט פון אַן אויפרוף, וואָס זאָל פונאַנדערגעשיקט ווערן צו פאַרשיידענע יידישע ליטעראַטן און כלל־טוער וועגן אַ קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך. אויב איר זענט אײַנשטימיק מיט דער זאַך, בעטן מיר אײַך, איר זאָלט אונדז ערלויבן צו שטעלן אײַער נאָמען אויף דעם דאָזיקן אויפרוף.

די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אַן ערך אום [!] אויגוסט אָדער סעפּטעמבער אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע, עסטרײַך).

מיר בעטן אײַך, איר זאָלט אונדז ווי אַם גיכסטן ענטפערן, ווײַל דער אויפרוף זאָל דעם 20טן מערץ שוין געדרוקט ווערן.

מיט גרויס דרך־ארץ,

ד״ר נתן בירנבוים
יעקב גאָרדין
א. מ. יעוואַלענקאָ
דוד פּינסקי
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

אַדרעס:

A. M. Evalenko, 140 W. 27th St., New York, U. S. A.

י. ל. פּרצעס באַציִונג צום אויפרוף

צווישן די וואָס זענען געבעטן געוואָרן אונטערצושרייבן דעם אויפרוף זענען געווען י. ל. פּ ר ץ און יעקב דינעזאָן. צווישן פּרצעס איבערגעבליבענע פּאַפּירן אין דינעזאָן־אַרכיוו געפינט זיך דער ווײַטערדיקער פּראָיעקט פון אַן ענטפער, געשריבן מיט פּרצעס האַנט אין זײַן און דינעזאָנס נאָמען. מיר ברענגען אים לויט: י. ל. פּרץ, בריוו און רעדעס, געזאַמלט פון נחמן מײַזיל, ווילנע, קלעצקין 1929, ז׳ 145. צי איז דער ענטפער אָפּגעשיקט געוואָרן צו ד״ר בירנבוימען, איז ניט באַוווּסט.

זייער געערטער הער ד״ר!

עס איז אונדז, הער דאָקטאָר, זייער שווער געווען צו ענטפערן.

מיר זענען נאַטירלעך זייער פאַראינטערעסירט אין קאָנפערענץ, אָבער אונטערשרײַבן אײַער אויפרוף האָבן מיר אויף קיין פאַל ניט געקענט. מיר האָבן אײַך נישט געוואָלט שטערן, מיר וואָלטן אויך געקומען אויף דער קאָנפערענץ, אָבער אַלץ נישט אונטערשרײַבן. צום אַלעם ערשטן געפעלט אונדז נישט די, זענט אונדז מוחל, „אַמעריקאַנישע" הקדמה... מיר, לײדער, גלייבן אין גרויסע פּאָרטשריט ניט. וואָס עקסיסטירט? ביי אונדז—צוויי געלע בלעטער; דער „פרײַנד" איז פאַרקויפט און ווערט אַ ציוניסטיש פּאַרטיי־בלאַט... מען דאַרף אַ קאָנפערענץ — צו פ אָ ד ע ר ן די אַנטוויקלונג, דעם פּאָרטשריט.

און די אַמעריקאַנישע „מליצות" — פּאָעטן שרײַבן לידער, נאַטירלעך, מאַכן זיי קיין שטיוול... יידישע צײַטונגען פאַרשפּרייטן פּאָליטיק, „דערגרייכן אַ מדרגה", „פּיעסן", „צוציען כל־המיני קרענק און מומים". דאָס איז פאַר אונדז קיין יידיש ניש ט, דאָס איז, אין דער ערשטער ליניע, גראָב. און ווייניקסטנס די אויפרופער דאַרפן האָבן אַ סטיל.

„נישט לאָזן אַרומלויפן פראַנק און פרײַ, אָפּהיטן ווי אַ טײַער קינד אד"ג" איז פאַר אַן אויפרוף צו קינדיש...

מיר קענען און ווילן אונטערשרײַבן אַ נאַטירלעכן, אייראָפּעיִשן אויפרוף, אַן אייגפאַכן...

„אום צו פעדערן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך ווערט (דאָרט און דאָרט, אין דער און דער צייט) צוזאַמענגערופן אַ קאָנפערענץ.

עס ווערן געשטעלט צו באַהאַנדלונג די פראַגן:

1) וועגן אָרטאָגראַפיע
2) גראַמאַטיק
3) באַנוצן פרעמדע ווערטער
4) אַ ווערטערבוך
5) ביבל־איבערזעצונג
6) די פּרעסע
7) די ליטעראַטור
8) דראַמאַטורגיע און סצענע
9) די באַדײַטונג פון דער שפּראַך אַלס נאַציאָנאַלע אָדער פאָלקסטימלעכע שפּראַך און איר באַציִונג צו העברעיִש
10) די מאָראַלישע צווישן־פעלקערלעכע ליטעראַרישע אייגנטום־פאַרזיכערונג".

אויב איר באַשטייט אויף דער פאָרם, שרײַבט אײַך און אונדז אונטער.

דער ערשטער אָפּרוף אין דער פּרעסע

דער אויפרוף איז געווען פאָרויסראַטירט; נאָך אין מערץ האָבן זיך באַוויזן אָפּרופן אין דער פּרעסע.

ברענגענדיק דעם צירקולאַר פון די איינרופער מיט אייניקע קיצורים, שרייבט „ד ע ר פ ר י י נ ד" (נומ' 48, מערץ 10) אין אַן אַרטיקל געחתמעט מיט Z :

„אין דער הײַנטיקער נומער „פרײַנד" וועט דער לעזער געפינען אַ ידיעה פון אַמעריקע, אַז אַ גרופּע אָנגעזעענע שריפטשטעלער האַלטן אין אָרגאַניזירן אַ קאָנפערענץ, וווּ עס זאָלן באַהאַנדלט ווערן לעבנס־פראַגן פון דער יידי־ש ע ר שפּראַך.

דער געדאַנק, דאָס אַזאַ קאָנפערענץ איז נייטיק, איז ניט ניַי. דוכט

זיך, אַז ד״ר י. וואָרטסמאַן האָט שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק גערעדט און געשריבן וועגן דעם. נאָכדעם האָבן נאָך אַנדערע דעם געדאַנק אויפגענומען און אָנגענומען. איצט, ווי עס שײַנט, איז אַזוי גוט ווי זיכער, אַז דער געדאַנק וועט ברענגען צו פּראַקטישע רעזולטאַטן.

ווארים ס׳איז שוין די העכסטע צײַט, אַז אין דעם פּרט זאָל עפּעס געטאָן ווערן, די יידישע שפּראַך זאָל ניט זײַן אַ הפקר־וועלט. עס מוז באַשאַפן ווערן אַן אויסגעהאַלטענע יידישע אָרטאָגראַפיע — פעסטע כּללים פון אויסלייגן — אַ יידישע גראַמאַטיק און דעסגלײַכן פונקטן, וואָס זענען אומבאַדינגט נייטיק, כּדי די שפּראַך גופא זאָל פאַר זיך באַקומען אַ קולטורעלן ווערט; כּדי זי זאָל פון ד ע ר זײַט באַפעסטיקט ווערן, און מאַכן אַ סוף צו געוויסע אָנפאַלן אויף איר.

די דערמאָנטע גרופּע שריפטשטעלער זענען איצט מודיע אין צירקולאַרן וועגן זייער פּלאַן...

...ווער וועט ניט מודה זײַן, אַז די ווערטער, וואָס זענען געזאָגט אין צירקולאַר, זענען דורך אמת?

אָבער נאָך פיל מער ווי דאָס געזאָגטע בין איך צופרידן דערמיט, וואָס ס׳איז אין דעם צירקולאַר נ י ט געזאָגט געוואָרן.

שוין דאָס איז גוט און קלאָר, וואָס אינעם גאַנצן פּראָגראַם פון דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ איז ניטאָ קיין ק אַ מ ף־פּונקט. כ׳מיין: ס׳ווערט ניט אָנגעגעבן, אַז די קאָנפערענץ וועט נעמען אויף זיך צו שטרײַטן קעגן העברעיש, ווי ס׳איז די לעצטע יאָרן געווען — מאָדע. אין אַ ז אַ קאַמף קומט זעלטן ווער ס׳איז צו זײַן רעכט... יידיש דאַרף לחלוטין ניט געבויט ווערן אויפן חורבן פון העברעיִש, קאָן אויף דעם חורבן ניט אויפגעבויט ווערן. יידיש קאָן אויפגעבויט ווערן פון זיך אַליין, פון איר פּאָזיטיווער אַרבעט פאַר זיך, און ניט פון איר נעגאַטיווער אַרבעט בנוגע העברעיִש.

ווײַטער בין איך צופרידן פון דעם טאָן. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער צירקולאַר קומט פון אַמעריקע, איז ער אָבער לחלוטין ניט אַמעריקאַניש. קיין סימן ניט פון רעקלאַמע, קיין שאַרך פון פויקן מיט טרומייטן. דאָס באַווײַזט, אַז די דערמאָנטע גרופּע מענטשן מיינט עס ע ר נ ס ט מיט איר אויפגאַבע, איז ניט אויסן נאָר פליטערלעך אויף אַ ווײַלע. דאָס באַווײַזט, אַז זי פאַרשטייט די שווערקייט פון דער אַרבעט, וואָס זי נעמט אויף זיך. געוויס גלייבט זי, אַז דאָס, וואָס זי ו ו י ל טון — דאַרף געטאָן ווערן, אַז איר אַרבעט וועט ברענגען נוצן; זי ווייסט אָבער אויך דערצו, אַז אַ גרופּע מענטשן האָט נאָך קיינמאָל לויט אַ באַשטימטן פּלאַן ניט געמאַכט קיין באַשטימטע קולטור פאַר אַ פאָלק; אַז דעם קולטור־ווערט פון דעם אָדער יענעם אויפטו, פון דער אָדער יענער אַרבעט האָבן ערשט די קומענדיקע דורות צו שאַצן; דערפאַר כאַפּן זיי ניט די פיש פאַרן נעץ; דערפאַר זאָגן זיי ניט וואָס זיי ו ו ע ל ן שאַפן, נאָר וואָס זיי ו ו י ל ן טון.

און אין איצטיקער צײַט איז עס אַ זעלטענע ערשײַנונג, וואָס ווירקט ווי אַ קוויקונג אויף אונדזערע צעמאַטערטע נערוון.

און אַז מיר זעען אַ גרופּע שריפטשטעלער, וואָס נעמען זיך אָן וויכ־טיקעס צו טון, ווערט־זאַכן אויפצוטון, און אָן יעדן שאָטן פון רעקלאַמע — שטעלן מיר זיך מיט פאַרגעניגן אָפּ דערויף און האָפן אויף גוטע פּירות פון זייער מי.

אין דעם זעלביקן נומער „פ ר י י נ ד" איז געבראַכט אין דער כראָניק:

ליטעראַרישע נייס

אין ניו־יאָרק האָט זיך געבילדעט אַ גרופּע באַוווּסטע יידישע שריפט־שטעלער, וואָס ווילן צונויפרופן אַ קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע) פאַר דער יידישער שפּראַך...

[ווײַטער ווערן אויסגערעכנט די פראַגן, וואָס דאַרפן אויף דער קאָנפע־רענץ באַהאַנדלט ווערן, ווי אויבן ז' 3].

אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", II, מערץ, געפינען מיר אַזאַ נאָטיץ:

אַ קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך

אייניקע יידישע שריפטשטעלער האָבן באַקומען אַן אײַנלאַדונג צו חתמענען זייער נאָמען אונטער אַן אויפרוף וועגן אַ קאָנפערענץ פאַר די יידישע שפּראַך. די איניציאַטאָרן פון דעם אויפרוף זענען ד"ר נתן בירנבוים (אַחר), דוד פּינסקי, יעקב גאָרדין, א. מ. יעוואַלענקאָ און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אין טשערנאָוויץ (בוקאָווינע) אַרום אויגוסט 1908. אויף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ דאַרפן באַהאַנדלט ווערן די פאָלג. פראַגן: 1) די יידישע אָרטאָגראַפיע; 2) די יידישע גראַמאַטיק; 3) פרעמדע און נײַע ווערטער; 4) אַ יידיש ווערטערבוך; 5) די יידישע יוגנט און די יידישע שפּראַך; 6) די יידישע פּרעסע און די יידישע שפּראַך; 7) די יידישע בינע און די יידישע אַקטיאָרן; 8) די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך.

דורכפירן די קאָנפערענץ פאַר די יידישע שפּראַך הייסט פאַרווירק־לעכן איינע פון די וויכטיקסטע און נאָענטסטע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר דער יידישער ליטעראַטור־וועלט.

טעכנישע הכנות

„טאָגבלאַט" לעמבערג, נומ׳ 153, אויגוסט 11:

קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך אין טשערנאָוויץ

די קאָנפערענץ הייבט זיך אָן זונטאָג ג׳ אלול (30 אויגוסט 1908) און וועט דויערן 5 טאָג.

*

שבת אויף דער נאַכט (9 אַ זייגער), דעם טאָג פאַר דעם אָנהייב פון דער קאָנפערענץ, אַן אָוונט לכּבוד פון אַלע דעלעגאַטן. אַלע דעלעגאַטן זענען געבעטן צו קומען דערצו.

*

די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אין דעם נײַעם זאַל פון דעם בית־ישראל (נאַציאָנאַלהויז), וואָס ווערט אין דעם טאָג אויך ערעפנט.

*

ס׳האָבן דערווײַל שוין מער ווי 40 באַוווסטע שרײַבער צוגעזאָגט צו קומען צו דער קאָנפערענץ, חוץ אַ סך ליבהאָבער פון דעם לשון און פון דער ליטעראַטור. מיר דערמאָנען נאָר אַ פּאָר נעמען: י. ל. פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד, מ. ספּעקטאָר, י. דינעזאָן, שלום עליכם, נאָמבערג, שלום אַש, אַ. רייזען, עליאַשעוו (בעל־מחשבות), ווײַטער, ניגער, ד״ר נ. בירנבוים א״אַ.

*

ס׳האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטע, כּדי צו פאַרזאָרגן די דעלעגאַטן, וואָס קענען זיך אין טשערנאָוויץ נישט אויס, מיט ביליקע וווינונג. זיי געבן אויך אָן עצה וועגן אַלע די דאָזיקע ענינים. יעדער וואָס באַדאַרף עפּעס פון דעם קאָמיטע, זאָל אינגיכן שרײַבן אויף אונדזער אַדרעס, וועט מען, אויב ס׳וועט נאָר מעגלעך זיין, טון.

אין „טאָגבלאַט" נומ׳ 158, אויגוסט 18, געפינען מיר אונטערן זעלביקן טיטל פאָלגנדיקע נאָטיץ:

דאָס קאָמיטעט גיט צו וויסן, כּדי קיין טעות זאָל ניט פאָרקומען, אַז אַ מיטגליד פון דער קאָנפערענץ קען נאָר דער זיין, וואָס איז אײַנשטימיק מיט דער טענדענץ פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז אַ פרײַנד פון דעם יידישן לשון. גאַסט קען יעדער זיין.

*

יעדעס מיטגליד פון דער קאָנפערענץ באַקומט פון אונדזער ביוראָ

אַ לעגיטימאַציע. די לעגיטימאַציעס ווערן אָבער נישט פאַרטיילט פאַר אָנהייב פון דער קאָנפערענץ און נאָר צו די מיטגלידער, וואָס האָבן באַצאָלט דאָס געלט פאַר די הוצאות פון דער קאָנפערענץ (5 קראָנען, 2 רובל).

*

ווער עס וויל קומען פאַר אַ גאַסט צו דער קאָנפערענץ, מוז דאָס מודיע זיין דעם קאָמיטעט ביז העכסטנס 24 אויגוסט פ. ד. י.

*

...מיר בעטן אויך אַלע, צו וועלכע מיר האָבן געשריבן און אַן ענטפער געבעטן, אונדז תיכף נאָך די וואָך צו ענטפערן, ווייל מיר הייבן שוין אָן אָפּצושליסן די ליסטן.

*

...בשעת דער קאָנפערענץ וועלן אין דעם גרויסן שטאָט-טעאַטער געשפּילט ווערן אַ פּאָר מאָדערנע יידישע שטיק; פון גוטע אַקטיאָרן און דילעטאַנטן האָט זיך אַ טרופּע צונויפגעקליבן, כדי דעם גרויסן פובליקום אמתדיקע יידישע קונסט צו ווייזן.

*

...אונדזער אַדרעס איז אַזוי ווי תמיד:
Jüdische Sprachkonferenz, Czernowitz (Bukowina).

„טאָגבלאַט" נומ' 161, אויגוסט 21:

קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפראַך

פון טשערנאָוויץ שרייבט מען צו „אונדזער לעבן": דער היגער קולטוס האָט צו וויסן געטאָן, אַז ער וויל דער קאָנפערענץ אָפיציעל אָפּגעבן אַ ברוך הבא. דער פּרעזעס פון דעם טשערנאָוויצער קהל (ד"ר שטרוויכער) און אויך אַלע וויכטיקע פּערזאָנען פון דער שטאָט האָבן ארויסגעזאָגט, אַז זיי פרייען זיך נאָך זייער וואָס אַזאַ מין קאָנפערענץ, וואָס קאָן דעם יידישן לעבן אַ נייַ פּנים געבן (?), ווערט דאָ אָפּגעהאַלטן.

מען קאָן אויך כמעט זיכער דערוואַרטן, אַז די פאָרשטייער פון דער שטאָט וועלן זיך סטאַרען דער קאָנפערענץ אַלצדינג באַקוועם צו מאַכן און זיי אָפּגעבן אַן אָפיציעלע באַגריסונג.

אַזוי ווי יעקב אַדלער, דער באַרימטער יידישער אַקטיאָר און דירעקטאָר פון דעם גראַנד-טעאַטער אין ניו-יאָרק, איז יעצט אין עסטרייך, האָפן מיר, אַז ער וועט זיכער קומען צו דער קאָנפערענץ און אויך אינאייינוועגס זיך באַ-

טיילוקן מיט זײַן שפּילן אין די טעאַטערשטיק, וואָס וועלן דאָ בשעת דער קאָנפערענץ אין דעם גרויסן נײַעם שטאָט־טעאַטער פאָרגעשטעלט ווערן.

אין דער גאַנצער צײַט, וואָס די קאָנפערענץ וועט דאָ דויערן, וועלן זײַן יעדן אויפדערנאַכט פאַרשיידענע זאַכן. שבת אויפדערנאַכט גיט דאָס קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט די קאָנפערענץ, אַ באַגריסונג־אָוונט לכבוד די דעלעגאַטן, דערבײַ וועלן זײַן די פאָרשטייער פונעם קאָמיטע, פון קהל און פון דער שטאָט און אויך די פאָרשטייער פון אַלע היגע יידישע חברות.

זונטאָג וועט מען אַרויספאָרן קיין סאַדאַגורע...

מאָנטאָג גיט דער אַקאַדעמישער פאַראיין „יידישע קולטור" פון ווין, וואָס אַלע זײַנע מיטגלידער קומען צו דער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און וואָס האָט אויך איבערגענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף די אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ, אַ באַנקעט לכבוד די דעלעגירטע פון דער ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ.

דינסטאָג וועט זײַן אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט, ווו די בעסטע יידישע ליטעראַטן וועלן פאָרלייענען זייערע זאַכן. דער אָוונט זאָל זײַן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

מיטוואָך און דאָנערשטאָג און אפשר אויך פרײַטאָג וועלן זײַן די פאָרשטעלונגען אין דעם היגן שטאָט־טעאַטער.

בשעת די ערשטע פאָר טעג וועט דאָס קאָמיטע אויך טראַכטן די דעלעגאַטן אַלצדינג צו ווײַזן, וואָס ס'קען זיי אינטערעסירן אין אונדזער שטאָט...

... פון דעם 22טן אויגוסט אָן וועלן תמיד אין דעם וואַרטעזאַל 2טער קלאַס פון דעם היגן וואָקזאַל זײַן צוויי מיטגלידער פון דעם קאָמיטע, וואָס וועלן די דעלעגאַטן און געסט, וואָס קומען צו דער קאָנפערענץ, אָפּוואַרטן און זיי אַן עצה געבן מכּח וווינונג, פאָרן און נאָך אַזוינע זאַכן. די גאַנצע צײַט וועט מען אויך קענען פרעגן און זיך פון אַלץ דערוויסן בײַ די הערן ליב שטיינמעץ (טעמפּלגאַסע 8) און יוסף ווײַסמאַן (ליליענגאַסע 9).

דער אַקאַד' פאַראיין „יידישע קולטור" וועט פאַר אַלע גרעסערע ליטעראַטן די ערשטע צײַט איין מיטגליד באַשטימען, וואָס זאָל זיי, אויב זיי ווילן, אין דער שטאָט אַרומפירן און דאָ אַלץ ווײַזן.

כּמעט אַלע יידישע צײַטונגען שיקן דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ, אויך אַ סך דײַטשע און פּוילישע וועלן שיקן זייערע קאָרעספּאָנדענטן.

קאָנפֿערענץ פֿאר דער יודישער שפּראך

טשערנאָוויץ, תרס״ח.

נומער 11

לעגיטימאציע

פֿאר ה' [illegible]

וואס איז פֿארצייכענט פֿאר א מיטגליד פֿון דער קאָנפֿערענץ.

אייגענע חתימה פֿונ׳ם מיטגליד: [illegible]

סעקרעטער: [illegible]

מיטגליד פֿון דער קאָנפֿערענץ קען איטליכער יודע, וואס איז א פֿריינד פֿונ׳ם יודישען לשון און וואס איז איינשטימיג מיט די טענדענץ פֿון דער קאָנפֿערענץ.

קאָנפֿערענץ פֿאר דער יודישער שפּראך

טשערנאָוויץ, תרס״ח

נומער 102

בילעט

צו דער קאָנפֿערענץ

פֿאר ה' [illegible]

דאטום 30 AUG 1908

3 - Sept 1908

יוסף וויסמאנן

סעקרעטער.

די אסיפה ווערד אבגעהאלטען אויפ׳ן סמך פֿונ׳ם § 2.

אין „ר אַ זס וו ע ט" נומ׳ 32 באַשרייבט ב ר ז ל [ש. אײזנשטאַט] די הכנות צו דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. דער בריוו איז דאַטירט: טשערנאָוויץ, אויגוסט 23:

...קומענדיק אַהערצו צו פאָרן דעם 21טן אויגוסט, האָב איך שוין גע־טראָפן די צוגרייט־אַרבעטן אין פולן גאַנג. עס אַרבעטן די יונגע אָנהענגער פון ווינער אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור", ביי דער מיטהילף פון ביידע יידישע קאָרפּאָראַציעס פון אָרטיקן אוניווערסיטעט „חשמונאַי" און „אמונה", און דעלעגירטע פון „פועלי ציון". אַלע דערמאָנטע פאַראיינען האָבן אויסגעבילדעט פון צווישן זיך אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, וואָס אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר בירנבוים (מתת אחר), וואָס האָט זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ און איז דער הויפּט־איניציאַטאָר פון דער קאָנפערענץ.

פון רוסלאַנד און אַמעריקע איז נאָך קיינער נישטאָ. בריוו באַקומען זיך צענדליקער, און מען דערוואַרט יעדן טאָג דעם אָנקום פון די ערשטע געסט. דאָס רוב וועט ווייזט אויס זיין יונגוואַרג; פון די אַלטע האָבן זיך כמעט אַלע אָפּגעזאָגט צו קומען צוליב ריין צופעליקע אומשטאַנדן און האָבן אויסגעדריקט שריפטלעך זייער פולשטענדיקע סאָלידאַריטעט און סימפּאַטיע מיט דער קאָנפערענץ.

דאָס ביוראָ איז אָפן טעגלעך. אַרבעט איז דאָ אַ סך: עס גייט אַ רע־גיסטראַציע און צוגרייטונג פון די לעגיטימאַציע־בילעטן. איבערן אַריינגאַנג אין גרויסן בנין פון דער „איזראַעליטישע פאָלקסשולע" אויף ראָג אוניווערסיטעט־גאַס און הייניע־גאַס שיינט אַרויס מיט גרויסע יידישע אותיות אַ פּלאַקאַט: „ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך". וועגן דער פאָר־שטייענדיקער קאָנפערענץ און אירע צילן ווייסן אין שטאָט אַלע, און אין דער פּעריאָדישער פּרעסע איז וועגן איר אַ סך גערעדט געוואָרן. דאָס רוב באַציט מען זיך צו איר מיט סימפּאַטיע, און מען וואַרט אויפן קומען פון די יידישע שרייבער מיט אומגעדולד...

...דעם ערשטן אָוונט, וואָס איך בין געקומען קיין טשערנאָוויץ, האָב איך באַזוכט דעם ד״ר בירנבוים... גערעדט האָט ער מיט מיר אויף דייטש און האָט זיך גליין אַנטשולדיקט, וואָס ער רעדט נישט אויף יידיש, וואָס איז אים טייער, מחמת וווינענדיק לאַנג אין עסטרייך האָט ער נישט געקענט פאַראייגענען זיך די לעבעדיקע יידישע שפּראַך אויף אַזוי פיל, בכדי צו קע־נען זיך פריי אויסדריקן.

— צי קען מען לויט אייער מיינונג, דאָקטאָר, אַ סך דערוואַרטן פון דער פאָרשטייענדיקער קאָנפערענץ? — איז געווען מיין ערשטע פראַגע.

בירנבוים האָט זיך פאַרקלערט, וועלנדיק אָפּנים זיין פאָרזיכטיק אין זיין אורטייל, און האָט געזאָגט:

— אַט דאָס טאַקע הענגט אָפּ פון צוזאַמענשטעל פון די אָנטיילנעמער, פון זייער קאָמפּעטענטקייט און ווירקונג אין דער יידישער סביבה. די לאַגע

איז דערווײַל אומבאַשטימט, און דאָס איז זייער פּײַנלעך. די שטימונג איז בײַ אונדז אַלעמען אַן אָנגעשטרענגטע. מיר האָבן געטאָן און מיר טוען אַלץ וואָס מיר קענען, און איצט ווען מיר זען, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

— עטלעכע פּונקטן פון סדר־היום, האָב איך צוגעגעבן, זײַנען שוין בלי ספק צײַטיקע פראַגעס, וואָס באַשיידן זיי איז אי נייטיק אי מעגלעך.

— איך מיין אויך דאָס זעלבע, באַזונדערס וועגן אײַנשטעלן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, אַרויסגעבן אַ ווערטערבוך און פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שרײַבער.

— אונדזער ציל, האָט צוגעגעבן נאָך אַ געוויסער פּויזע ד״ר בירנבוים, איז אַ ריין קולטורעלער, מיר ווילן דערהייבן אונדזער גערעדטע שפּראַך צו דער מדרגה פון אַ קולטור־שפּראַך. ווי יעדע קולטורעלע טעטיקייט, אַזוי דאַרף אויך די פאָרשטייענדיקע דורכגעפירט ווערן אויפן וועג פון בהדרגה־דיקער אַרבעט צווישן די ברייטע פאָלקסשיכטן. אונדזערע בלויזע באַשלוסן פאַרפליכטן פאַרשטייט זיך קיינעם נישט.

— און וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איר וועגן אונדזערע קעגנער?

— אונדזערע קעגנער? האָט געענטפערט ה׳ ב׳: פון שטאַנדפּונקט פון קולטור־טעטיקייט קען מען דוכט מיר נישט זײַן קיין קעגנער פון אונדזער אַרבעט. אייניקע ציוניסטן באַציען זיך פײַנדלעך צו אונדזער טעטיקייט דערפאַר, ווײַל בײַ זיי איז די פראַגע פון דער שפּראַך פאַרבונדן מיט זייער פּאָליטישער פּראָגראַם און וועלט־באַנעם — און מיר פאַרשטייען זיי אויסגעצייכנט. אָבער זיי זענען אונדזערע איינציקע קעגנער צווישן באַוווּסטזיניקן טייל פון יידנטום...

אונדזער שמועס ווערט איבערגעריסן. די יונגע טוער פון „יידישע קולטור" קומען איינער נאָכן אַנדערן צום דאָקטאָר נאָך אינסטרוקציעס און ברענגען מיט זיך אַלץ נײַע און נײַע בריוו פון פאַרשיידענע לענדער.

איך ברענג אַ גאַנצע ריי קליינע נײַס.

מען ריכט זיך, אַז מאָרגן זאָלן קומען צו פאָרן אַש און פרץ, וואָס וועלן פאַרברענגען די וואָך אין אומגעגנט פון טשערנאָוויץ. אַש רעכנט אַרויסצוטרעטן מיט אַ רעפעראַט וועגן „איבערזעצן דעם תנ״ך"; מען זאָגט, אַז ער האָט שוין אַליין גאַנץ געלונגען איבערגעזעצט „רות".

פון לאָנדאָן האָט זיך באַקומען אַ ידיעה, אַז ד״ר ח. זשיטלאָווסקי איז אָנגעקומען פון אַמעריקע און פאָרט אויף דער קאָנפערענץ. אַלע פרייען זיך דאָ מיט זײַן קומען, מחמת ער איז איינער פון די איניציאַטאָרן פון דעם ענין און אַ פּערזענלעכקײַט מיט אַ השפּעה אויפן אַמעריקאַנער און רוסישן יידנטום.

די טעג קומט אויך צו פאָרן מאָריס ראָזענפעלד; ער וועט נאָך דער

קאָנפערענץ נאָך בלײַבן אַ געוויסע צײַט אין אייראָפּע. אין לעמבערג אָרדע־נען אײַן די „פּועלי ציון" לכבוד אים אַ באַל און אַ ליטעראַרישן אָוונט.

פון ווילנע און וואַרשע וועלן אָנקומען די טעג די יונגע שרײַבער. מען דערוואַרט אַנ—סקין, ניגערן, ווײַטערן, פּרילוצקין און אַ סך אַנדערע. עס קומען אויך אייניקע יידישע אַרטיסטן, כדי אָנטיילצונעמען אין די באַראַטונ־גען און אין די פאָרשטעלונגען, וואָס וועלן געגעבן ווערן אין אָרטיקן טעאַ־טער לכבוד דער קאָנפערענץ.

די טעג גייט אַרויס דער ערשטער נומער פון „דאָס יודישע וואָכנ־בלאַט", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן ווערן אין טשערנאָוויץ דורך נתן בירנבוימען און וועט זײַן געווידמעט דעם יידישן לעבן, ליטעראַטור און קונסט.

„סאָציאַל־דעמאָקראַט", קראָקע, נומ׳ 35, אויגוסט 28:

דאָס פּראָגראַם פון דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך. טשערנאָוויץ 1908.

I. דאָס ערעפענען פון דער קאָנפערענץ.

די קאָנפ׳ ווערט געעפנט זונטיק דעם 30 אויגוסט 1908, 10 אַ זייגער אינדערפרי אין דעם גרויסן זאַל פונעם „יידישן הויז".

II. געשעפטסאָרדנונג.

III. וואַל פון קאָנפערענץ־פאָרשטייער.

IV. טאַגעסאָרדנונג.

1) וועגן דער שפּראַך (אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, פרעמדע און נײַע ווערטער, ווערטערבוך אאַז״וו). רעפערענטן: אַברהם רייזען (קראָקוי), שלמה אײַזענשטאַדט (בערן), ד״ר נ. סאָטעק (בראַילאַ), א. פּאַלובאַ (סיעדלעץ).

2) די ליטעראַטור און די ליטעראַטן. רעפערענטן: י. ל. פּרץ (וואַרשע), נח פּרילוצקי (וואַרשע), אַברהם רייזען (קראָקע).

3) פאַרטײַטשן פון תּנ״ך. רעפערענט: שלום אַש (קאַצמערץ)[1].

4) די בינע און די אַקטיאָרן. רעפערענטן: י. ל. פּרץ, נח פּרילוצקי, מאיר גייער.

5) די פּרעסע. רעפערענט: מ. ספּעקטאָר.

6) דער יונגער דור. רעפ׳: ד״ר נתן בירנבוים.

7) די אַנערקענונג פון יידיש. רעפערענטן: ליבל טויבש (טשערנאָוויץ), מ. מיעזעס (פּשעמישל).

אַנמערקונג: שבת 29 אויגוסט, זייגער 4 נאָכמיטאָג וועלן זיך די אײַנרופער פון דער קאָנפערענץ און די רעפערענטן צונויפקלויבן און אַרומ־שמועסן וועגן דעם סדר פון די וויכוחים פון דער קאָנפערענץ.

1 ס׳מיינט: קאַזימער (Kazimierz). — רעד׳ ייווא.

(מיטגליד פון דער קאָנפערענץ קאָן נאָר דער זײַן, וואָס איז אײַנשטי־מיק מיט דער טענדענץ פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז אַ פרײַנד פונעם ייד־לשון און איז מינדעסטענס 21 יאָר אַלט. גאַסט קען איטלעכער זײַן. מיטגלי־דער און געסט צאָלן 5 קראָנען פאַר די הוצאות פון דער קאָנפ׳).

די פּרעסע צו דער עפּענונג

אין „מאָרגען־זשורנאַל“, ניו־יאָרק, אויגוסט 4, געפינט זיך אַזאַ מין רעדאַקציאָנעלער אַרטיקל אונטערן טיטל: „די שפּראַך־קאָנפערענץ“:

דער נאָמען פון „מענדעלע מוכר ספרים“, וואָס איז אונטערגעצייכנט אונטער דעם דאָקומענט וועגן די קאָנפערענץ פאַר די יידישע שפּראַך וואָס מיר האָבן געסטערן אָפּגעדרוקט, איז געננוג, אַז מען זאָל די פראַגע באַהאַנדלען ערנסט. דער עלטסטער פון אונדזערע באַרימטע שרײַבער איז נאָך היינט דער בעסטער פון אַלע, קיינער פון די נײַע און די נײַעסטע און גאָר די לעצטע קומט נישט צו אים אַלס קינסטלער, קיינער האָט נישט געשריבן אַזוי גוט, און קיינעמס שריפטן וועלן אַזוי לאַנג ניט לעבן. זײַן באַטייליקונג איז די אורזאַכע, פאַר וואָס מיר גיבן ניט אונדזער מיינונג וועגן די פאַרזאַמלונג וואָס וועט פאָרקומען צום ענדע פון הײַנטיקן מאָנאַט אין טשערנאָוויץ, בוקאָ־ווינע, אין אַזאַ טאָן ווי מיר וואָלטן געגעבן, ווען יענער גרויסער נאָמען וואָלט זיך ניט געפונען צווישן די וואָס האָבן דעם אויפרוף אונטערגעשריבן...

צווי דריטל פון די שרײַבער וועלכע האָבן די קאָנפערענץ אײַנבאַרופן זענען אייראָפּעער, און דער דריטער דריטל, אונדזערע אַמעריקאַנער, געהערן מייסטנס אויך צו דעם טייל, וואָס קוקט אויף אַלעם מיט „גרינע“ אָדער אייראָפּעיִשע אויגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דיזע לײַטע „האָבן דעם לעזער אין דר׳ערד“ (מיר האָפן, אַז די קאָנפערענץ וועט ניט פסלען דיזן קרעפטיקן אויסדרוק), כאָטש עס איז לײדער אמת — פאַר גאָט זאָל עס קומען — אַז די לעזער האָבן פיל צו טון מיט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שרייבער און פון די אַקטיאָרן און האָבן אויך אַ שטיקל דעה איבער די יידישע יוגנט־וועגן וועלכע די קאָנפערענץ וויל קומען צו אַ באַשטימטן באַשלוס.

די ליטעראַרישע אָנגעלעגנהייטן זענען דערפאַר די איינציקע, אין וועלכע מיר ווילן זיך ניט מישן, אָנערקענענדיק די אויטאָריטעט פון די וואָס האָבן אײַנבאַרופן די פאַרזאַמלונג. אָבער ביזנעס פאַרשטייען מיר דאָ אין אַמעריקע פיל בעסער ווי אין די אַלטע וועלט, און מיר האָבן נאָך די מעלה, אַז מיר ווייסן וואָס עס טוט זיך דאָרטן פיל בעסער ווי מען ווייס דאָרטן וואָס עס טוט זיך דאָ, מיר גיבן אונדזער מיינונג אַלס עקספּערטן, אַז די בײַטרעגע וואָס מען פאָדערט פון די וואָס ווילן זיך באַטייליגן אין קאָנפערענץ זענען

צו קליין, און אַז דיזעס אַליין פאַרזיכערט, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג וועט זײַן אַ דורכפאַל. פינף קראָנען, צוויי רובל אָדער איין דאָלער פער מאַן איז אַזוי לעכערלעך קליין, אַז די אומפעיִקייט פון די פאַרזאַמלונג צו פאַרהאַנדלען וועגן די עקאָנאָמישע לאַגע אַפילו פון די גרעסטע קבצנים אויף דער וועלט מוז זײַן קלאָר פאַר אַלעמען. און דאָס וואָס מען קען אָפלערנען פון די אויסרעכענונג פון די פאַרשיידענע מטבעות, אַז יעדער וועט מוזן צאָלן מיט דאָס געלט פון די מדינה פון וועלכע ער קומט, איז אויך קיין גוטער סימן ניט. דאָס צווינגט אונדז לײדער זיך אָפּצוזאָגן פון צו שיקן אַ פאַרטרעטער אויף יענער קאָנפערענץ. מיר האָבן מורא, אַז מען וועט בײַ אים צונעמען די אײַנטריטס־געלט פאַרן אַרײַנגיין, אָבער מען וועט אים ניט אַרויסלאָזן ביז ער וועט דעקן דעם גאַנצן דעפיציט, באַזאָנדערס ווען מען וועט אויסגעפינען זײַן אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע — גערעכנט אויף קראָנען.

צ. טאַנענבוים, „נײַע ביכער און צײַטשריפטן", „מאָרגען־זשורנאַל", נ"י, אויגוסט 10:

אין דעם „מאָרגען־זשורנאַל" פון דעם 3טן אויגוסט איז געווען געדרוקט אַן אויפרוף פון דער קאָמיטע צו פאַראַנשטאַלטן אַ „קאָנפערענץ פאַר די יידישע שפּראַך" אין טשערנאָוויץ. עס איז אויסגעשטעלט אַ זייער לאַנגעס און אַ זייער רײַכעס פּראָגראַם, אָבער פון אָנשרײַבן אַ פּראָגראַם ביז אויסצופירן אַזאַ פּראָגראַם איז נאָך אַ זייער ווײַטער וועג. עס איז לײַכט צו זאָגן: „איבערזעצן תנ"ך אויף יידיש", איך גלייב אָבער קוים, אַז דאָס וועט אַמאָל ריכטיק אויסגעפירט ווערן. אויסער דעם איז עס אויך גאָר ניט נייטיק, מיר האָבן גאַנץ גוטע דײַטשע איבערזעצונגען, ווי צום בײַשפּיל פירסטס איבערזעצונג, וועלכע איז געשריבן אין אַזאַ לײַכטעס דייטש, אַז מען דאַרף גאָר קיינע יידישע איבערזעצונג.

פונקט 11 פון דעם פּראָגראַם לויטעט: „די אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך". דיזער פונקט איז גאַנץ אומפאַרשטענדלעך און איבעריק. וואָס הייסט אַנערקענונג? ווער זאָל זי אַנערקענען? ווער קען עס צווינגען פראַנקרײַך, ענגלאַנד און דאָס „הייליקע" רוסלאַנד, זיי זאָלן אַנערקענען די יידישע שפּראַך? ווער וועט עס צווינגען אַ רוסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר, ער זאָל אויפנעמען אַ ביטשריפט, אַ „פּראָשעניע", אויף יידיש?

פונקט 9 און 10 לויטן: „די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידישע שרײַבער און אַקטיאָרן". אויך דאַריבער קען מען אויף אַ קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ ווייניק אויפטון.

עס איז מער אַלס זיכער, אַז פון אַמעריקע וועט קיינער ניט פאָרן אויף דיזע קאָנפערענץ. איך ווינטש איר דעם בעסטן ערפאָלג, איך גלייב עס

אָבער ניט. די צײַט וועט געוויס ברענגען פילע ענדערונגען אין די אָנגעלעגנהייטן פון דער יידישער שפּראַכע, די קאָנפערענץ וועט אָבער גאָר נישט אויפטון.

„American Hebrew" (וואָכנבלאַט), ניו-יאָרק, אויגוסט 14:

אַ קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין עסטרײַך אין אַ צוויי וואָכן אַרום, און מען ריכט זיך, אַז אַ היפּשע צאָל יידישע שרײַבער וועט קומען דיסקוטירן די גענוג שווערע ענינים וואָס די פּראָגראַם דערמאָנט. צוועלף „פּראָבלעמען" וועלן דיסקוטירט ווערן, און היות יעדער שרײַבער האָט מיינונגען וועגן די ענינים וואָס ער וועט געפינען פאַר נייטיק אויפצוקלערן, איז אַ סברא, אַז די פיר טעג, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן פאַר דעם צוועק, וועלן מסתמא ניט קלעקן. מען ריכט זיך אויף זייער ווייניק אַמעריקאַנער יידישע שרײַבער, און עס איז זיכער, אַז אויב זיי וועלן ניט אויסדריקן זייער קוק, אָדער אָן זייער אָנטייל אין די פאַרהאַנדלונגען, וועלן די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ האָבן אַ שוואַכע ממשות. דער רוסישער נוסח פון דער יידישער שפּראַך איז איצט אין אַן ערנסטער סכנה מצד דעם אַמעריקאַנער נוסח.

„יידישעס טאַגעבלאַטט", נ"י, אויגוסט 21, לייטאַרטיקל אונטערן קעפּל:
„די צוקונפט פון אונדזער מאַמע-לשון":

אין אַ שטאָט אין גאַליציען וועט ענדע דיזן מאָנאַט זײַן אַ קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך, די שפּראַך אויף וועלכע מיר רעדן און אין וועלכן [!] דיזע ווערטער ווערן געשריבן. עס איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע: וואָס זענען די אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דיזן קאָנפערענץ? און וואָס פאַר אַ נוצן קען אַזאַ קאָנפערענץ ברענגען?

די אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דיזן קאָנפערענץ, זענען געוויס נאָבעלע. מיר קענען אייניקע פון די הויפּט-אַגיטאַטאָרס פון דעם קאָנפערענץ און מיר ווייסן, אַז זיי האַלטן די יידישע שפּראַך פאַר אַ וויכטיקן טייל פון אונדזער גייסטיקן פאַרמעגן. זיי פילן, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסער צוזאַמענבונד צווישן דער יידישער שפּראַך און אַלע יידישע געפילן.

און זעענדיק די געפאַר אַז יידיש זאָל מיט דער צײַט פאַרגעסן ווערן, ווײַל די יידן וועלן אָנפאַנגען צו רעדן די שפּראַכן פון די לענדער ווו זיי וווינען, האָט זיך אין די קרייזן פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ אָנגעפאַנגען אַ שטרעבונג פון זוכן מיטלען ווי אַזוי אָנצוהאַלטן לענגער דעם לעבן פון אונדזער יידיש און ווי אַזוי צו באַפעסטיקן די צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור. די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ איז דער רעזולטאַט פון די געדאַנקען וועלכע מיר האָבן דאָ נאָר וואָס אַרויסגעגעבן.

מיר דאַרפֿן אונדזערע לעזער ניט דערציילן, אַז מיר זענען מסכים מיטן גאַנצן האַרצן אין די גרויסע וויכטיקייט, וואָס די יידישע שפּראַך האָט פֿאַרן יידנטום. מיר האָבן ניט איינמאָל געזאָגט, אַז די וואָס דערווײַטערן פֿון זייער הויז אַ יידיש וואָרט דערווײַטערן זיי דערמיט זייערע קינדער פֿון דעם יידישן פֿאָלק. אָבער מיט אונדזער גאַנצער סימפּאַטיע מיט די רופֿער פֿון קאָנפֿערענץ און צו זייער אידעאַל קענען מיר ניט גלייבן, אַז זייער אַרבעט וועט האָבן אַן ערפֿאָלג.

עס איז אַ גרויסער טעות צו מיינען, אַז ווען יידיש וועט האָבן אַ גראַמאַטיק, וועט מען אײַנפֿירן שולן אויף יידיש און מען וועט אונטעררייכטן קינדער אין דיזער שפּראַך. די יידישע קינדער וואָס לערנען אין אַמעריקאַנישע, דײַטשע אָדער אַנדערע סקולס הערן אויף צו רעדן יידיש ניט ווײַל דיזע שפּראַך האָט קיין גראַמאַטיק, נאָר ווײַל זיי ווילן [ניט] וויסן פֿון אַ שפּראַך וועלכע איז אַנדערש ווי די אין וועלכע די איבעריקע בירגער פֿון לאַנד רעדן.

אין דער צײַט ווען אין רוסלאַנד זענען געוואַקסן פּאַרטייען און טעאָריען ווי שוועמלעך, האָבן מאַנכע יידישע אָרגאַניזאַציאָנען געחלומט, אַז אין טשערטאַ וועלן יידן אײַנפֿירן אייגענע סקולס, אין וועלכע זשאַרגאָן וועט זײַן די הויפּט=שפּראַך. זיי האָבן אָבער פֿאַרגעסן, אַז די יידן וועלן בעסער שיקן זייערע קינדער אין שולן וווּ מען לערנט די לאַנדסשפּראַך, איידער אין אַזעלכע ווו דער הויפּט=לימוד איז זשאַרגאָן.

אַלזאָ פֿאַר די וואָס ווילן רעדן און לעזן יידיש איז אַלץ איינס, צי עס וועט זײַן אַ זשאַרגאָנישע גראַמאַטיק אָדער ניט, און פֿאַר די וואָס רעדן און לעזן יידיש איז אַ גראַמאַטיק ניט נייטיק. מיר רעדן אַלע און מיר שרײַבן גראַמאַטיש אָן גרעמערס און אָן ווערטערביכער.

און בכלל לעבט און שטאַרבט אַ לשון ניט צוליב רעזאָלושאָנס פֿון קאָנפֿערענצן, נאָר פֿון אומשטענדן. יידן וועלן רעדן אַזוי לאַנג יידיש ווי לאַנג די אומשטענדן וועלן דערצו זײַן גינסטיק, און וועלן עס נאַכהער אויפֿהערן, אַזוי ווי זיי האָבן אַמאָל אויפֿגעהערט צו רעדן העברעיש און האָבן עס פֿאַרביטן אויף אַנדערע לשונות. העברעיש אָבער האָט מען געשריבן אַפֿילו ווען מען האָט עס אויפֿגעהערט רעדן, צוליב די רעליגיאָן און נאַציאָנאַלע עראינערונגען, ווערנד זשאַרגאָן, ווי טײַער עס איז בײַ אונדז, קען נאָר עקסיסטירן אַזוי לאַנג ווי ער וועט גערעדט ווערן פֿון פֿאָלק, און ניט שפּעטער.

דערווײַל אָבער וועט מען נאָך אין רוסלאַנד און גאַליציען רעדן אַ לאַנגע צײַט זשאַרגאָן, און אויך אין אַמעריקע, צוליב דער אימיגראַציאָן. די טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ וועט אָבער קיין אײַנפֿלוס ניט האָבן אויף דער צוקונפֿט פֿון אונדזער מאַמע=לשון.

אין „טאָגבלאַט“, לעמבערג, איז אין די נומערן 162, 164, 165, 166, 167 (פון 23טן ביזן 30טן אויגוסט) אָפּגעדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן טיטל: „די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ“, וואָס מיר ברענגען דאָ פון זיי אַ קיצור:

דער שרײַבער פון די אַרטיקלען זאָגט זיך אַרויס קעגן „יענע איבערטרײַבער, וועלכע וואַרטן פון דיזער קאָנפערענץ שיר נישט אַ גאַנץ איבערקערעניש אין יידישן לעבן“. „דאָס איבערטרײַבן די באַדײַטונג פון דער קאָנפערענץ קאָן נאָר אַ תל מאַכן פון דעם ביסל גוטן, וואָס זי קאָן יאָ ברענגען, און דאָס וואָלטווירקלעך געווען אַ שאָד“. דאָס איז נישט מער ווי אַ צוזאַמענקום פון אונדזער ביסל שרײַבער־קבצנים, וועלכע זענען זייער רײַך אין טאַלענט און אין וואַרעמע געפילן, פאַרמאָגן אָבער נישט יענע קאַפּיטאַלן, וועלכע זענען נייטיק, כדי צו שאַפן אַ גוטע יידישע ליטעראַטור, אַן ערנסטלעכע פּרעסע, אַ פײַן טעאַטער וכדומה. וואָס אויף אַן אמת קענען אויפטון עטלעכע צענדליק שריפטשטעלער ווען זיי קומען זיך צונויף, מער אַלס ווי זיך הערצלעך דורכשמועסן וועגן דער לאַגע פון דער ליטעראַטור און וועגן זייער אייגענער לאַגע? וואָס פאַר אַ פּראַקטישן ווערט קאָנען האָבן די רעזאָלוציעס, וואָס זיי וועלן אָננעמען, ווער וועט זיך נעמען זיי דורכצופירן אין לעבן? הגם מען קאָן פרעגן זייער אַ סך קשיות, וואָלט אָבער די בעסטע תשובה געווען — נישט צוצושרײַבן דער קאָנפערענץ דאָס, וואָס זי קאָן נישט זײַן און וועט נישט זײַן. עס איז נאָר נאַטירלעך, ווען מענטשן פון איין באַרוף ווילן אַמאָל אַרומרעדן זייער געמיינזאַמע אַרבעט און זייערע באַרופס־אָנגעלעגנהייטן — צו אָט די צוועקן האָט שוין די קאָנפערענץ אַ זינען און אַ ווערט.

ווײַטער האַלט דער שרײַבער, אַז יעדע דעמאָנסטראַציע פאַר יידיש, אַזוי לאַנג ווי די טענדענץ איז נאָר פּאָזיטיוו־שאַפעריש און נישט פּאָלעמיש און צעשטערעריש, — איז זייער און זייער נוציק פאַר יידיש גופא און פאַר דער נאַציאָנאַלער אידעע בכלל. ער האַלט אָבער פאַר איבעריק דעם תנאַי פאַר די אָנטיילנעמער, אַז זיי דאַרפן לכתחילה מסכים זײַן מיט „די טענדענצן פון דער קאָנפערענץ“ [1].

און נאָך אַ טענה האָט ער: „...צו וואָס דער סעפּאַראַטיזמוס? איך מיין, אַז אַפילו אויף דיזער קאָנפערענץ וועט זיך קוים געפינען אַ פערטל מנין אַזעלכע „אײַנשטעלערס“, וואָס וועלן זיך אַנטשליסן אָנצוהייבן די תורה פון שלום אַשס ערשטן דראַמאַ אָדער רייזענס ערשטע נאָוועלע. קוים וועלן זיך דאָרטן אויך געפינען פיל אַזעלכע, וואָס וועלן מיט אַ לײַכטן האַרץ מוחל זײַן אויף אַלע יענע מיליאָנען יידן, וואָס אין זייער לעבן, נישט זיי און נישט זייערע אָבות אַבותיהם, האָבן זיי קיין וואָרט זשאַרגאָן נישט גערעדט, אָדער אַפילו וואָס האָבן אַמאָל יאָ גערעדט און היינט נישט... און קוים איז

---

[1] זע דעם בריוו פון ד"ר ד. שרייבער, וואָס גייט אויף ז' 21. רעד' ייוואָ.

עס אַזוי; קוים איז אַ יידישע קולטור פון לויטער זשאַרגאָן אוממעגליך — צו וואָס זשע, פרעגט זיך, איז אַן אמת טאַקע דער זשאַרגאָנישער סעפּאַראַטיזמוס? צו וואָס דאָס אָפּזונדערן זיך אין אַ באַזונדער קליַזל, בשעת אונדזער קולטור איז טאַטזעכליך אַ צוויי־שפּראַכיקע?"

אויף דער קאָנפערענץ דאַרפן געלייזט ווערן צוויי פראַגן: די פראַגע וועגן די שפּראַכן און די פראַגע וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטן. ביידע פראַגן זענען פונקט אַזוי אַקטועל פאַר די העברעיִשע ווי פאַר די יידישע שריפטשטעלער, און ס׳איז נישטאָ קיין פאַרנינפטיקער גרונד, פאַרוואָס ביידע טיילן פון אונדזער ליטעראַטור האָבן נישט געקאָנט געמיינזאַם אַרבעטן אין דער לייזונג פון די דאָזיקע פראַגן; בפרט, אַז אַ טייל פון די שרייבער — און דאָס די בעסטע — שרייבן צו גלייכער צייט יידיש און העברעיִש, און אַפילו די ריינע „העברעער" זענען לחלוטין נישט קיין קעגנער פון יידיש, חוץ אפשר צוויי־דריי, פונקט ווי נאָר צוויי־דריי „זשאַרגאָניסטן" זענען אַבסאָלוטע קעגנער פון העברעיִש. עס איז דעריבער נישט נאָר מעגלעך, נאָר אַפילו גאָר נייטיק געווען, אַז די שפּראַכן־פראַגע זאָל געלייזט ווערן דורך אַלע אַקטיווע אָנטיילנעמער פון אונדזער קולטור־אַרבעט, דורך אַלע נאַציאָנאַלע שרייבער, אָן אונטערשייד אין וועלכער שפּראַך זיי שרייבן. פון אַזאַ פאַרזאַמלונג וואָלט אויך דער באַשלוס געווען פיל אויטאָריטאַטיווער ווי איצט.

וואָס אָבער די קאָנפערענץ קאָן יאָ אויפטון און צו וואָס זי פאַרמאָגט גענוג כוחות, איז אויך גענוג וויכטיק, אַז מען זאָל צוליב דעם צונויפרופן אַ קאָנפערענץ.

„די קאָנפערענץ דאַרף זוכן מיטלען, ווי אַזוי צו ברענגען די יידישע שפּראַך צו אַן איינהייטלעכקייט אין אַלע לענדער פונעם יידישן גלות, ווי אַזוי צו שאַפן אַ ליטעראַרישע יידישע שפּראַך, וועלכע איז נישט אָפּהענגיק פון דער אָרטיקער אויסשפּראַכע און פון דער איינווירקונג פון די אַרומיקע לשונות!".

אַ וויכטיקע אויפגאַבע איז אויך די רעגולירונג פונעם אויטאָרן־רעכט. ביכער, וואָס דערשיינען אין רוסלאַנד, ווערן באַלד נאָכגעדרוקט אין אַמעריקע ולית דין. סיי די ליטעראַטן, סיי די פאַרלאַגן ליידן שרעקלעך פון דער דאָזיקער פּלאָג. דעם ביז צו העלפן איז דאָ „דער איינציק קלוגער און פּראַקטישער פּלאַן פון י. ל. פּרץ: צונויפצושליסן אַ געזעלשאַפט פון פאַרלעגער פון אַלע „יידישע" לענדער, וועלכע זאָלן האָבן אַזוי ווי אין מאָנאָפּאָל די אַרויסגאַבע פון יידישע ביכער און ליטעראַרישע זאַכן, דערפאַר אָבער זאָל יעדע אַרויסגאַבע ערשיינען צוגלייך אין אַלע לענדער און אויף אַזאַ אופן שיצן דעם אויטאָר",

פּרץ שלאָגט נאָך פאָר צו גרינדן אַ ליטעראַריש פאַרמיטלונגס־ביוראָ, צו וועלכן יעדער שרייבער זאָל זיך קענען ווענדן ווי צו אַ פאַרמיטלער ביים

אַרויסגעבן זײַנע אַרבעטן און יעדע רעדאַקציע — נאָך באַשטעלונגען אויף אַרבעט. אַזאַ ביורא וואָלט געקאָנט אויפֿהייבן אַ ביסל דעם האָנאָראַר פֿון די שרײַבער און אַרויסרופֿן אַ בעסערע באַהאַנדלונג מצד די רעדאַקציעס.

אויפֿן יידישן טעאַטער קאָן די קאָנפֿערענץ נאָר אַזוי פֿילווירקן, וואָס זי קאָן ברענגען אַ צוזאַמענשלוס פֿון די אַמאַטאָר-פֿאַראיינען, וועלכע עקסיסטירן שוין און וועלן אין דער צוקונפֿט זיך גרינדן, צו איין אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע פֿאַראיינען זענען דער איינציקער וועג צו לײַטערן די טעאַטער-אַטמאָספֿערע און אויפֿצוהייבן די יידישע בינע, „אויב זי איז בכלל עלול זיך אויפֿצוהייבן...“

„בײַ דיזע פּראַקטישע פֿראַגן ווען די קאָנפֿערענץ וועט בלײַבן, קאָן זי געוויס עפּעס אויפֿטון און זײַן זעגנסרײַך פֿאַר אונדזער פֿאָלק. וועלן אָבער געווינען אָבערהאַנד די „טענדענצן“ — אַזוי וועט זי איר צוועק גאַנץ געוויס נישט דערגרײַכן — מײַן טיפֿסטע איבערצײַגונג! — און דאַבײַ וועט די פּראַקטישע זײַט אויך גיין לאיבוד. לאָמיר האָפֿן, אַז עס וועט נ י ש ט אַ ז ו י זײַן“.

אין לעמבערגער „ט אָ ג ב ל א ט“ נומ׳ 164, אויגוסט 26, איז אָפּגעדרוקט פֿאָלגנדיקער בריוו:

גערטע רעדאַקציאָן!

אין אײַער ווערטער צײַטונג האָב איך געזען אָפּגעדרוקט די מעלדונג פֿונעם פֿאָרבערייטנדן קאָמיטע פֿון דער יידישער שפּראַך-קאָנפֿערענץ, ווי עס שטייט, אַז אַלס מיטגלידער פֿון דער קאָנפֿערענץ קאָנען זײַן נאָר אַזוינע, וואָס זענען מוסכּם מיט דער ט ע נ ד ע נ ץ פֿון איר און זענען פֿרײַנד פֿונעם יידישן לשון. מילא אַ פֿרײַנד פֿונעם יידישן לשון בין איך שוין געוויס, דען ווי אַזוי קאָן אַ ייד נישט זײַן אַ פֿרײַנד פֿונעם יידישן לשון? פֿון דעם צד אַלזאָ וואָלט קיין עיכּוב נישט געקאָנט זײַן, אַז איך למשל זאָל זײַן אַ מיטגליד פֿון דער קאָנפֿערענץ. דערפֿאַר אָבער מוז איך מיך אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק צו זײַן אַ מיטגליד פֿון דער קאָנפֿערענץ צוליב דעם אַ נ ד ע ר ן טעם: עס פֿאָדערט זיך פֿון מיר, אַז איך זאָל מוסכּם זײַן מ י ט ד ע ר ט ע נ ד ע נ ץ, און איך ווייס באמת נישט ו ו ע ל כ ע ט ע נ ד ע נ ץ. עס איז ערגעץ נישט געזאָגט געוואָרן, אַז די קאָנפֿערענץ [האָט] עפּעס אַ טענדענץ אויסער דעם אַלגעמיין באַקאַנטן צוועק: צו שאַפֿן אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן פֿאַר דעם יידישן לשון. פּלוצים גאָר וואַקסט אויס אַ „טענדענץ“, און קיינער באַמיט זיך נישט אַפֿילו אונדז צו דערקלערן וו אָ ס ע ר ע, און דאַן פֿאַרלאַנגט מען פֿון אונדז, מיר זאָלן זיך בלינדערהייט דערקלערן אַלס מוסכּם מיט דער דאָזיקער געהיימניספֿולער טענדענץ...

איך מיין, ה׳ רעדאַקטאָר, אַז דיזער אומשטאַנד האָט נישט נאָר מיך, נאָר אויך פֿילע אַנדערע אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ פֿאַרוווּנדערונג, און

ס'וואָלט כדאַי געווען, דאָס פֿאָרבערייטנדע קאָמיטע דאַריבער צו אינטער־פעלירן.

ד"ר דוד שרײַבער

[ברענגענדיק דעם דאָזיקן בריוו, גיט די רעדאַקציע פֿון „טאָגבלאַט" צו, אַז זי טיילט פֿולשטענדיק די פֿאַרוווּנדערונג פֿון דעם מחבר פֿון בריוו, און אַז לויט איר מיינונג דאַרף צו אַ קאָנגרעס, וואָס קלײַבט זיך צונויף דעם ערשטן מאָל, איידער עס עקסיסטירט נאָך אַן אָרגאַניזאַציע, דער צוטריט זײַן פֿרײַ מעגלעכסט פֿאַר ברייטערע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט.]

אין „טאָגבלאַט" נומ' 167, אויגוסט 30, געפֿינען מיר פֿאָלגנדיקע תּשובֿה:

אַ בריוו צו דער רעדאַקציע

געערטע רעדאַקציע!

דאָס אײַנרופֿנדע קאָמיטע פֿון דער יידישער שפּראַך־קאָנפֿערענץ בעט דאָס „טאָגבלאַט" אָפּצודרוקן אונדזער ענטפֿער אויף דעם בריוו פֿון הערן ד"ר דוד שרייבער און די צושריפֿט פֿון דער רעדאַקציע אינעם „טאָגבלאַט" נומער 164.

די „טענדענץ" פֿון דער שפּראַך־קאָנפֿערענץ איז יאָ געזאָגט געוואָרן אין אונדזער צירקולאַר, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַלע יידישע צײַטונגען און אויך אינעם „טאָגבלאַט" און איז גאַנץ איינפֿאַך:

1) באַפֿערדערן די יידישע שפּראַך, קולטור און קונסט.

2) אָנערקענונג פֿון דער יידישער שפּראַך אין פּאָליטישן זין, וואָס איז דער יסוד פֿון אָנערקענונג פֿון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און איז, ווי־ביקסטנס אין עסטרײַך, אויף דער טאַגעסאָרדנונג.

קיין אָנטייל אין דער קאָנפֿערענץ קענען נאַטירלעך נישט האָבן די, וואָס זענען קעגן דער דערמאַנטער „טענדענץ" — דאָס הייסט קעגן דער יידי־שער שפּראַך, דערפֿאַר אָבער די פֿרײַנד פֿון דער יידישער שפּראַך, ווי למשל הער ד"ר דוד שרײַבער, קענען און זאָלן אין דער קאָנפֿערענץ יאָ אָנ־טייל האָבן.

אינעם נאָמען פֿונעם קאָמיטע יוסף ווײַסמאַן.

„אונדזער לעבן", אויגוסט 27 (14), אונטערשריפֿט A:

וועגן אונדזער שפּראַך־קאָנפֿערענץ

ווער עס באַטראַכט דעם פֿאַקט וועגן דער יידישער קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ אָן פּשטלעך און כּוונות, דער מוז קומען צום באַשלוס, אַז

דאָס איז אַ פריילעכע ערשיינונג אין אונדזער לעבן. דער פאַקט, וואָס אין אַ צייט פון געזעלשאַפטלעכער דערשלאָגנהייט קאָן פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון פיל יידישע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן פאַר זיך באַשטימטע צילן און האָפנונגען, איז שוין אַ גוטער סימן און דאַרף אַרויסרופן נאָר אַ צופרידנהייט.

יעדע טעטיקייט איז אַ סימן פון לעבן, און די יעצטיקע קאָנפערענץ איז געוויס אַ סימן פון אַ גייסטיקע אויפלעבונג. די קאָנפערענץ איז אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. שוין דאָס אַליין, וואָס יידישע שרייבער קומען זיך צונויף און פאַרנעמען זיך צוזאַמען מיט געוויסע פּראַקטישע פראַגן, איז אַ גוטער סימן און דאַרף דערוועקן ביי אַלעמען מיטגעפיל.

באַטראַכט מען אָבער די זאַך אין עצם, טאָר מען נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די טענות פון אונדזערע פּעסימיסטן, וועלכע פרעגן אַ האַרבע פראַגע:

— איר באַשעפטיקט זיך מיט אויפלעבן די יידישע שפּראַך, אָבער פאַר וועמען? צי האָבן מיר אַ פאָלק, צי האָבן מיר אַ ליטעראַטור? יעדע שפּראַך קאָן עקסיסטירן און זיך אַנטוויקלען נאָר דורכן פאָלק און צוזאַמען מיטן פאָלק. קיין שפּראַך באַשאַפט מען נישט קינסטלעך, אַ שפּראַך ווערט באַשאַפן פון זיך אַליין. עס איז שוין אַן אַלטער כּלל, אַז נייע ווערטער אין אַ שפּראַך ווערן באַשאַפן דורך נייע באַגריפן, מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק אַנטוויקלט זיך אויך זיין שפּראַך, און דאָרט, ווו דאָס לעבן שטייט אויף איין אָרט און נעמט נישט אָן קיין נייע פאָרמען, מוז אויך די שפּראַך בלייבן אַלט און נישט אַנטוויקלט. פרעגט זיך אַלזאָ, צי זענען ביי אונדז פאַראַן די נייטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער אָרעמען יידישן פאָלקס־לשון? און וואָס קאָן אונדז העלפן אַ ריכטיקע יידישע אָרטאָגראַפיע למשל, אָדער אַפילו אַ יידישע עטימאָלאָגיע, ווען מיר האָבן קיין פאָלק נישט, קיין פּובליקום, — קיין ליטעראַטור און קיין לעזער? צי דען וועט זשאַרגאָן ווערן אַ שפּראַך בלויז דורך דער מי פון עטלעכע יידישע שריפטשטעלער און אינטעליגענטן?

נאָך עפּעס, מיר טאָרן נישט פאַרגעסן אונדזער אַלטן ווייטאָג: די פראַגע וועגן יידיש און העברעיִש. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע טעאָרעטישע טענות פון די זשאַרגאָן־פריינד, דאָס אַ שפּראַך, וועלכע איז צונויפגעפלאָכטן מיטן גאַנצן גלות־לעבן פון יידישן פאָלק, מוז ווערן אַ פאָלקס־שפּראַך, — נישט קוקנדיק דערויף, באַווייזט דאָס לעבן גאָר אַנדערש. אַ גרויסער טייל פון אונדזער אינטעליגענץ און אָרטאָדאָקסן, ביי וועלכע העברעיִש איז איינגעבאַקן אין האַרצן, זענען פאַרברענטע געגנער פון זשאַרגאָן, און אַפילו די, וועלכע זענען נישט קיין געגנער פון זשאַרגאָן, זענען אָבער אויך נישט קיין אַקטיווע אָנהענגער פון דער זשאַרגאָנישער שפּראַך, ד״ה זשאַרגאָן איז ביי זיי מער נישט ווי אַ שפּראַך אויף וועלכער מען קאָן

אָנשרייבן אַ פּשוט ברייזל, אָבער אויף קיין פאַל נישט קיין שפּראַך, וועלכע זיי זאָלן רעכענען פאַר אַ חלק פון זייער נשמה, פאַר אַ חלק פון פאָלק, און צו וועלכן זיי זאָלן שפּירן אַן אינערלעכע סימפּאַטיע.

ווי באַלד אַזוי, אויף וועמען־זשע וועט זיך שטיצן די קאָנפערענץ וועגן יידיש? און ווער אייגנטלעך האָט זיי, די אַנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, באַפולמעכטיקט צו האַלטן די פראַגע וועגן זשאַרגאָן פאַר אַ פאָלקסזאַך? וואָס וועט זיין, ווען עס וועט צוזאַמענגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ וועגן העברעיש און יענע וועט אַרויסטראָגן גאָר אַנדערע, פאַרקערטע באַשלוסן? איינס פון די ביידע: אָדער די קאָנפערענץ רעכנט זיך פאַר אַ זאַך פון געציילטע, איינצלנע מענטשן, דאַמאָלס פאַרלירט זי איר ערנסטע באַדייטונג. אויב אָבער זי רעכנט זיך פאַר אַ פאַרטרעטער פון פאָלק, ווער האָט איר געגעבן דעם דאָזיקן אויטאָריטעט און ווו וועט זי נעמען אַ פאָלק, אויף וועלכן זי זאָל זיך שטיצן?

אַזעלכע קשיות פרעגן אונזערע מרה־שחורהניקעס, נאָר מען דאַרף געדענקען, אַז די סקעפּטיקער האָבן נאָך גאָרנישט באַשאַפן אויף דער וועלט און אַז אַלע וויכטיקע זאַכן זענען אויפגעטאָן געוואָרן דורך אָפּטימיסטן...

דאָך מוז מען דערמאָנען די קאָנפערענץ, אַז אַלץ איז ביי אונז אָפּהענגיק פון דער הויפּט־פראַגע: צו שאַפן אַ פאָלק, און דערום דאַרף זי זיך נישט באַשעפטיקן בלויז מיט „עטימאָלאָגיע" א. ז. וו., נאָר מיט אונדזער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל.

אין „סאָציאַלדעמאָקראַט", קראָקע, נומ' 35, אויגוסט 28, איז געווען געדרוקט:

ערב דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ

זונטאָג דעם 30טן אויגוסט וועט אין טשערנאָוויץ אָנפאַנגען אירע באַראַטונגען די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך. דער אַזוי פאַראַכטעטער „זשאַרגאָן" האָט זיך נישט אַ קליינע זכיה דערלעבט. די פאָרנעמסטע פאָרשטייער פון דער ניי־יידישער ליטעראַטור און פובליציסטיק קומען זיך צונויף, מען קען זאָגן, פון אַלע קאַנטן פון דער וועלט, אום צו באַראַטן איבער די וועגן, מיט וועלכע עס זאָל גיין די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. דאָס וועט אפשר קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, ווייל סטייטש — וועט אַ ייד פרעגן — פון וועמ'זשע דען, אַז ניט פון זיי, די יידישע שרייבער און דיכטער, זאָל די יידישע שפּראַך איר כבוד עמפּפאַנגען? און דאָך. ווי לאַנג איז עס, אַז זעלבסט פּרץ, דער מייסטער פונעם יידישן וואָרט, האָט אין זיין ווערק „מאָניש" מיט ביסנדער איראָניע און סאַרקאַזם אויסגעשפּעט די יידישע שפּראַך אַלס אַן אָרעמע, וואָס

„ס'האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל
ניט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל..."

אום אין אַ קורצער צײַט אַרום אָנצושרײַבן די עראָטישע פּאָעמע „ס׳זענען קיין ווונדער געשען“, וועלכע איז אין דער פאָרם און אין וואָרט אַן אמת קונסטווערק.

עס איז לײדער אַ פֿאַקט, אַ טרויעריקער פֿאַקט, וועלכן מען דאַרף שוין אפשר פֿאַררעכענען צו דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַז די, וואָס האָבן געשאַפֿן אין דער יידישער שפּראַך, אַז די וואָס האָבן דערוואָרבן זייערע „נעמען“ אַדאַנק דער דאָזיקער שפּראַך, האָבן זי זעלבסט פֿאַראַכטעט און זיך צו איר לכל הפּחות גלײַכגילטיק פֿאַרהאַלטן אָדער זי באַטראַכט אַלס אַ „מאַלום נעצעסאַריום“, אַ בייז וואָס מען מוז דולדן. ווער שמועסט שוין דער המון=עם, די געוויינטלעכע בשר=ודמס, פֿון זיי האָט מען דאָך ניט געקענט פֿאַרלאַנגען, זיי זאָלן זיך באַציִען מיט ליבע און אַכטונג צו זייער אייגענער שפּראַך.

אַנדערע האָבן געפֿונען, אַז די יידישע שפּראַך איז אַ „דיִבסטמויד“ און די העברעיִשע איז די נאַציאָנאַל=שפּראַך. דאָס האָבן די מאָנאָפּאָליסטן אויף יידישקייט, די ציוניסטן, אַזאַ חשובן נאָמען געגעבן אונדזער שפּראַך! האָט מען לגבי דעם געקענט פֿאַרלאַנגען, אַז די אומות העולם זאָלן זיך יאָ מיט אַכטונג באַציִען צו דער יידישער שפּראַך?

דאָס לעבן איז אָבער אַריבער צו דעם סדר=היום איבער אַלע ספקות וועגן דעם ווערט און דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער שפּראַך. זי האָט טיף און ברייט אירע וואָרצלען געלאָזן אינעם יידישן פֿאָלק. אַן אוטאָפּיסט איז געווען און בלײַבט דער, וואָס וויל די יידישע שפּראַך אויסראָטן בײַם יידישן פֿאָלק, ווייל דאָס וואָלט געווען גלײַך צו וועלן אויסראָטן דאָס יידישע פֿאָלק גופא. אַדאַנק דעם דערוואַכן פֿון די ברייטע יידישע מאַסן צום פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן לעבן האָט זיך די יידישע שפּראַך אויך שטענדיק אַנטוויקלט און אויסגעפֿײַנערט אַזוי, אַז זי האָט אויפֿגעהערט צו זײַן בלויז אַ בריק צום איבערגיין צו אַן אַנדער שפּראַך. די מאַסע און אַפֿילו די יידישע אינטעליגענץ, אויף וויפֿיל זי איז ניט אַסימילירט, קען איר דורשט נאָך שיינער ליטעראַטור שטילן אויך אין דער יידישער שפּראַך. און ווען מיר האָבן נאָך ניט אין דער יידישער שפּראַך אי קוואַליטאַטיוו, אי קוואַנטיטאַטיוו דאָס זעלבע, וואָס עס איז שוין פֿאַראַן אין אַנדערע שפּראַכן פֿון מער אַנטוויקלטע פֿעלקער, איז דערינען ניט שולדיק די שפּראַך, נאָר די פֿאַרהעלטענישן און באַדינגונגען אין וועלכע די יידישע ליטעראַטור און קונסט אַנטוויקלט זיך. אַלנפֿאַלס איז צו פֿאַרצייכענען אַן אומגעהײַערן פֿאָרשריט פֿון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור.

און ווען מען זאָל קיין שום פּראַקטישן ערפֿאָלג ניט קענען ערוואַרטן פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ, האָט זי דאָך איר גרויסע באַדײַטונג, וואָרן ווען ביז איצט האָט נאָר דער באַוווּסטער יידישער פּראָלעטאַריאַט געוווּסט צו ווערטיקן די יידישע שפּראַך אַלס די שפּראַך פֿון דער נאַציע, וועלן דאָסמאָל אָסטענטאַטיוו און דעמאָנסטראַטיוו פֿאַר דער ערע און רעכט פֿון דער

יידישער שפראַך אַרויסטרעטן אונדזערע פּאָעטן און שריפטשטעלער און אויך דער אַנדערער טייל פון דער יידישער נאַציע — דאָס בירגערטום.

און די באַדייַטונג פון דער קאָנפערענץ ווערט נאָך גרעסער צוליב דעם, וואָס זי ווערט אָפּגעהאַלטן אין עסטרייַך, ווו הגם די יידישע שפראַך שטייט נאָך ניט אויף דעם מצב, וואָס אין ליטע און פוילן, דאָך שטייט זי אַם נעענטסטן צו דער שטאַאַטסרעכטלעכער אַנערקענונג. און די אַנערקענונג פון דער יידישער שפראַך קאָן אין עסטרייַך אין אַ קורצער צייַט אויפטון מער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור, איידער די ביז־איצטיקע פיליעריקע, מיזעליקע אַרבעט פון די פאַרשיידנסטע אייַנריכטונגען און יחידים אין רוסלאַנד. די אַנערקענונג פון דער יידישער שפראַך פונעם שטאַט וועט געבן דעם גרונטשטיין פאַר דער ערשטער יידישער שטאַטלעכער פאָלקסשול מיט דער יידישער אונטערריכטסשפראַך. און מען דאַרף דאָך ניט צו דערווייַזן, אַז די פאָלקסשול, פאַר וועלכער פעלקער האָבן טייַכן בלוט פאַרגאָסן, איז דער יסוד פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער נאַציע.

מיר באַגריסן דעריבער די „ערשטע יידישע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפראַך" און ווינטשן איר גינסטיקע באַראַטונגען.

„המצפה", קראָקע, נומ' 34, אויגוסט 28:

די קאָנפערענץ פון פרייַנד פון דער יידישער שפראַך

ווי מיר זאָלן ניט קוקן אויף דעם קיום און אויף דעם עתיד פון דער יידישער שפראַך, מוזן מיר מודה זייַן, אַז די קאָנפערענץ פון פרייַנד פון דער דאָזיקער שפראַך, וואָס וועט זיך עפענען אין טשערנאָוויץ קומענדיקן זונטאָג, איז וויכטיק אין אונדזערע אויגן, וואָרים זי איז אַ באַדייַטנדיקער פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. פאַר זיך איז די יידישע שפראַך בלויז אַ גלות־שפראַך, וואָס איז אויפגעקומען אין דייַטשלאַנד און האָט זיך אַנטוויקלט אין פוילן און אין רוסלאַנד. זי איז אָבער טיף פאַרבונדן און באַפעסטיקט צו די וואָרצלען פון דער יידישער נשמה און איז געווען אין משך פון פינף יאָרהונדערטער דאָס גייסטיקע לעבן פאַר אומצאָליקע יידישע מענטשן. און אויך הייַנט איז איר באַזיס די נאַציאָנאַלע פסיכאָלאָגיע, טיילמאָל אַפילו קעגן דעם ווילן פון די וואָס שרייַבן אויף איר, וואָרים די העברעיִשע אותיות האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט דעם שטעמפל פון זייער קדושה און די נשמה פון ישראל סבא שוועבט איבער אירע רייד. איך שטרייַך אונטער די קדושה פון די העברעיִשע אותיות אַנטקעגן די בלומרשטיקע אייראָפּעער, וואָס ווילן שרייַבן יידיש מיט ניט קיין יידישע אותיות. און אַזוי לאַנג ווי אַלע שיכטן פון אונדזער פאָלק פאַרשטייען נאָך ניט קיין העברעיִש, איז אַחוץ דער יידישער שפראַך קיין אַנדער מיטל זיי אויסצולערנען יידישקייט ניט פאַראַן. אין איר מאָלט זיך אָפּ דער כאַראַקטער

פונעם רוב מנין פונעם יידישן פאָלק; זי באַווײַזט אונדז דעם מענטשן אין דעם יידן און דעם יידן אין דעם יידן, פונקט ווי זי גיט אַ טייל פון אירע פרײַנד די קאַריקאַטור פונעם יידן. זי קאָן דעריבער זײַן טײַער דעם גאַנצן פאָלק, ווי אַ כשרער רעסטאָראַן, ווו יעדערער געפינט וואָס ער באַגערט, סײַ דער וואָס זוכט נאָר כשרע מאכלים אויף צו שטילן דעם הונגער, סײַ דער וואָס שטאָפּט אָן די קישקע מיט טרפות און וויל בלויז כשרע קאָמפּאָט פאַר אַ נאָכגעריכט.

די פאָלגן פון דער קאָנפערענץ קאָן קיינער ניט וויסן פאָרויס. ווער ס'וואַרט פון איר גרויסע זאַכן, דעם נאַרט אָפּ זײַן אָפּטימיזם. עס איז ניט מעגלעך, אַז אַזאַ קאָנפערענץ זאָל מצליח זײַן באַלד בײַ איר ערשטן אַרויספאָר. אָבער פאַר זיך איז זי אַ וויכטיקע דערשײַנונג אין אונדזער ליטעראַטור, אויב אַפילו ס'זאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן קיינאיינצ יקער פון אירע באַשלוסן. אַ צונויפקום פון שרײַבער, פאַרשיידענע איינער פונעם צווייטן, אויף איין אָרט און צוליב איין ענין, הגם יעדערער פון זיי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין אַן אַנדער סביבה און אַרבעט אויף אַנדערע אידעאַלן, וועט אַ סך מיטהעלפן אויסצולײַטערן די מיינונגען, צונויפצוגיסן די געדאַנקען און צו פאַראייניקן די כוחות לטובת דעם פאָלק און זײַן קולטורעלער אַנטוויקלונג.

די יידישע ליטעראַטור איז נאָך יונג, און שוין האָבן זיך צעטיילט די סטילן פון אירע שרייבער אויף דרײַ שולן, לויט די באַדינגונגען פון זייערע היימלענדער. די אַמעריקאַנער שרײַבער זענען ליבהאָבער פונעם אויפגעבלאָזענעם סטיל, פון שרײַענדיקער מליצה און רעשדיקע גוזמאות, אָן שיינקייט און אָן פּאָעזיע. דערפאַר האָבן די רוסלענדישע שרײַבער ליב די איבערגעטריבענע פאַנטאַזיע, און אין זייערע שאַפונגען קאָן מען בלויז געפינען פּאָעטישע נשמות אָן אַ גוף און אינגאַנצן אָן חומר. און די גאַליציאַנער שטייען אויפן שיידוועג, נעמען פון די און פון יענע, אָבער די סתירהדיקע שטרעבונגען גיסן זיך בײַ זיי ניט צונויף. איצט, ווען די דאָזיקע דרײַ מינים וועלן זיך פאַרזאַמלען און יעדערער וועט זיך פלײַסן צו פאַרשטיין דעם צווייטן, איז אויב זיי זאָלן אַפילו דערנאָכדעם ווידער קעמפן איינער אַקעגן דעם אַנדערן מיטן גאַנצן כוח, קאָן מען פאָרט ניט אָפּשאַצן די ברכה וואָס קאָן אַרויסקומען פון דעם צוזאַמענפאָר.

ניט נאָר גראַמאַטישע כללים און אַ רעגולירטער אויסלייג פעלן דער יידישער שפּראַך, און איין קאָנפערענץ פון אירע ליבהאָבער קאָן ניט פאַרפולן אַלע אירע בלויזן. אָבער די רעפעראַטן און די באַשלוסן זענען ניט וויכטיק לגבי דעם פאַקט פונעם צוזאַמענפאָר גופא, וואָרים דאָס מזל פון די באַשלוסן איז געווענדט אין דעם אופן פון דורכפירן זיי, און איין טריט ניט קיין ריכטיקער קאָן צונישט מאַכן זייער פעולה, אין דער צייט ווען די חשיבות פונעם צוזאַמענפאָר גופא שטייט העכער פון יעדער קריטיק. די ענינים, וואָס שטייען אויף דער טאָג-אָרדענונג פון דער קאָנפערענץ, זענען אמת זייער וויכטיקע.

אָבער אַזוי ווי ס'איז ניט פאָרגעקומען פריער די נייטיקע דיסקוסיע אין פאָלקספאַרזאַמלונגען און אין דער פרעסע, איז שווער צו גלייבן, אַז מ'וועט מכוח זיי אַלע קומען צו אַ באַשלוס, און אויב אַפילו יאָ, וועט עס ביי די באַשלוסן ניט בלייבן, און די צווייטע קאָנפערענץ וועט פאַרריכטן די באַשלוסן פון דער איצטיקער.

מיט איין וואָרט: די קאָנפערענץ פאַר זיך איז מער וויכטיק איידער דער ווערט פון די באַשלוסן. נאָך איין קאָנפערענץ קומט אַ צווייטע, און אויב ס'וועט געגרינדעט ווערן דער אויספיר־קאָמיטעט, וואָס זאָל דורכפירן די באַשלוסן, איז זיכער, אַז די מערסטע באַשלוסן וועלן זיין פאַסיקע פאַר דער שפראַך און פאַסיקע פאַר אירע שרייבער. אָבער מ'מעג מורא האָבן, אַז ס'וועלן דאָרט זיין אַ סך זשאַרגאָניסטן שונאים פון דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס ווילן אַראָפּנעמען ביי דער יידישער שפּראַך דעם הייליקן איינהיל און איינפירן אַ זשאַרגאָנישע שריפט מיט לאַטיינישע אותיות. דעמאָלט וועט די יידישע שפּראַך מער ניט זיין קיין יידישע שפּראַך, נאָר אַ מין דייטשער דיאַלעקט, וואָס אַפילו זיין יידישער אינהאַלט וועט אים ניט כשרן און אים ניט אויפהייבן העכער פון אַנדערע דיאַלעקטן, וואָס זענען בלויז וויכטיק פאַר דער געשיכטע.

ה. האַרריס (אחז) האָט געשריבן אין אַן אַרטיקל: „קונפירנציה בטשערנאָוויטש" אין „הלאם", ניו־יאָרק, אויגוסט 28:

... אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן זיך אויפקלייבן יידישע שרייבער, וואָס טייל פון זיי זענען שוין לאַנג באַרימט אין דער ליטעראַרישער וועלט, אין אַ געוויסער שטאָט וואָס רופט זיך טשערנאָוויץ, אין בוקאָווינע. און צי ווייסט איר, ברידער מיינע, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק זיי וועלן זיך אויפקלייבן? כדי צו דערהייבן אונדזער זשאַרגאָן, צו מאַכן אים, וואָס מען רופט, „מיט לייטן גלייך", צו פאַרפולקומען אים, צו פאַרשענערן אים, צונויפצושטעלן אַ „ווערטערבוך", ווי עס פירט זיך אין אַלע שפּראַכן, צונויפצושטעלן אַ גראַמאַטיק כביכול. אויך וועט מען קלערן וועגן אויפהייבן דעם מעמד פון יידישן טעאַטער און נאָך, ווי עס ווערט געזאָגט אין צירקולאַר. טאָ גרייט זיך איצטער, ישראל, צו באַגעגענען אַ „נייע" אַסיפה. איך שטריי אונטער דאָס וואָרט „נייע", ווארים דאָ קענען מיר באמת זאָגן: זע, דאָס איז אַ נייע זאַך. אַזאַ אַסיפה איז נאָך ביי יידן ניט געווען אין אַלע יאָרן פון זייער גלות. און ס'איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף איר מיט קאָפּ...

איך וווּנדער זיך זייער אויף די קלוגע שרייבער, וואָס זענען פאַראַן צווישן זיי [די קאָנפערענץ־לייט] און דער עיקר אויף דעם קלוגן זקן ש"י

אַבראַמאָוויטש, און איך פרעג ביי זיי: וואָס איז דאָס פאַר אַ חלום וואָס האָט זיך אייך געחלומט?

... צי וועלן יידן דורך דעם געהאָלפן ווערן? צי לייענען און הערן מיר ניט אונדזערע צרות אין אַלע שפּראַכן? עס פעלט אונדז דען אַ שפּראַך?...

אין 19טן י״ה האָבן יידן אין רוסלאַנד און פוילן אָנגעהויבן לערנען די לאַנד־שפּראַך, פריער מיט צוואַנג און דערנאָך מיטן גוטן ווילן. און אין העברעיִש האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן שרייבער און דיכטער, אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט... אַ יאָר נאָך אַ יאָר האָבן זיך אויפגעכאַפּט מער און גענומען לער־נען שפּראַכן און וויסנשאַפטן... ביי היינטיקן טאָג איז שוין אַן אויסנאַם—איבערהויפּט אין די גרויסע שטעט — צו באַגעגענען אַ מענטשן וואָס קען ניט פיל־וייניק די לאַנד־שפּראַך. קענענדיק דעם געשמאַק פון די לייענער, וואָס האָבן געלייענט די ווערק פון די געהויבענע שריפטשטעלער אין דער לאַנד־שפּראַך, האָבן די העברעיִשע שרייבער אָנגעהויבן שרייבן העברעיִש אין גייסט פון דער לאַנדשפּראַך, אָבער זיי האָבן אַ ביסל אַריבערגעכאַפּט די מאָס. זיי האָבן ניט געמאַכט דאָס היטל לויט דער מאָס פון דעם קינדס קעפל, נאָר זיי האָבן דעם קינדס קעפל געמאַכט לויט דער מאָס פון היטל, און דער סוף איז געווען אַזאַ: די באַלעבאַטים, די פשוטע לייענער, האָבן געטענהט: „מיר פאַרשטייען ניט וואָס זיי זאָגן"; און די לייענער פונעם יונגן דור האָבן גע־טענהט: „איר מאַכט נאָך אַנדרעיעוון, טשיריקאָוון, אָדער איר זעצט איבער זייערע רייד; וועלן מיר בעסער לייענען דעם אָריגינאַל". און אַזוי האָט זיך פאַרקלענערט די צאָל לייענער.

וואָס האָבן געטאָן אונדזערע שרייבער? זיי זענען אַוועק און האָבן זיך געשאַפן אַ זשאַרגאָנישע ליטעראַטור פאַר מענער און ווייבער וואָס זענען נאָך ניט אַזוי געבילדעט. זיי שאַפן דערציילונגען, שילדערן אַ סך פערזאָנען מיט זייערע חסרונות, שרייבן דראַמעס, און אפשר גיט זיך זיי דאָס איין אויך, און דעריבער קלערן זיי איצט צו מאַכן אויך אַ קאָנפערענץ, וואָס וועט האָבן אַ כאַראַקטער פון אַ דעמאָנסטראַציע, און זיי פאַלן גאָרניט אויס אַ טראַכט צו טון, אַז דער בנין וואָס זיי גייען בויען האָט ניט קיין שום פעסטן פונדאַ־מענט, אַז ער איז געבויט אויף זאַמד און ווי נאָר דער צייט־גייסט וועט אויף אים אַ בלאָז טון, וועט ער צעשאָטן ווערן...

די דאָזיקע אַסיפה אין בוקאָווינע איז צום יידישן כלל אינגאַנצן ניט שייך. זי איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ דעמאָנסטראַציע וואָס די צייט האָט אַרויסגערופן, צוליב זייער [די שרייבערס] פּריוואַטער טובה. אָבער איך זע חס־ושלום דערין קיין שום עוולה ניט; יעדער מענטש, אַ סוחר צי אַ שריי־בער, דאַרף קלערן וועגן פאַרבעסערן זיין מעמד, און איך באַגריס אייך, יידישע שרייבער.

אין דעם טאָג פון עפענען די קאָנפערענץ איז אָפּגעדרוקט אין „פריינד“ נ׳ 186 אויגוסט 30, אזא ארטיקל:

צו דער יידישער קאָנפערענץ

אין דער שטאָט טשערנאָוויץ, אין דער מדינה בוקאָווינע, עפנט זיך היינט אויף די קאָנפערענץ וועגן יידיש.

שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ קאָנפערענץ מוז אָפּגעהאַלטן ווערן אין אַ לאַנד און אין אַ שטאָט, וווּ קיין יידישע שרייבער זענען ניטאָ און וווּ די יידישע ליטעראַטור איז אַזוי גוט ווי פרעמד—דער פאַקט אַליין, זאָגן מיר, באַווייזט, אין וואָסער אַ לאַגע דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך און ממילא די ליטעראַטור זיינע אויך.

נאַטירלעך וואָלט געווען, ווען אַזאַ קאָנפערענץ וואָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַרשע, אין ווילנע, אָדער אַדעס,—וווּ עס לעבן יידישע שרייבער, וווּ די יידישע ליטעראַטור איז אויסגעוואַקסן.

איז אָבער אונדזער לאַגע אַן אומנאַטירלעכע, און דאָס איז אוממעגלעך. גייען די אמתע יידישע שרייבער אין דער פרעמד, אין גלות אַריין, און שלעפּן זייער תורה מיט זיך. אַן אַלטע יידישע רגילות.

און אויב ביי אַזאַ לאַגע, ביי אַזאַ נסיון, איז זיך דאָך די קאָנפערענץ צונויפגעקומען, ווילן דאָך יידישע שרייבער עפּעס אויפטון פאַר יידיש, פאַרדינען זיי די בעסטע אַכטונג פון אַלע ליבהאָבער פונעם פאָלק און פון זיין שפּראַך, וואָס מיר ווילן זיי אויך אויסדריקן מיט אָט די עטלעכע שורות.

עס איז קיין פראַגע ניט: צי וועט די קאָנפערענץ פ י ל אויפטון, אָדער ו ו י י נ י ק. היינט איז שוין די קאָנפערענץ אַ פאַקט, און קיין פאַקט בלייבט ניט אָן פאָלגן.

וויכטיק איז שוין דאָס אַליין, וואָס יידיש האָט געפונען „גואלים“—ווי מען דריקט זיך אויס אויף העברעיִש,—וואָס עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע זענען זיך צונויפגעפאָרן פון אַלע עקן פון דער וועלט צוליב איין צוועק — צוליב י י ד י ש. דאָס אַליין באַווייזט, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט אום קיין אויסגעטראַכטע קאָפּ־שטיק, אום קיין ספּאָרט־ליבהאָבעריי; אַז דאָס יידיש איז אַ לעבעדיקער נערוו אין יידישן קערפּער, אַז אינעם יידיש שטעקט אַ שטיק יידישע נשמה. דערמיט גופא נאָר איז שוין פיל אויפגעטאָן.

עס קלעקט, אויב אויף ד ע ר קאָנפערענץ, אויף דער ערשטער, וועלן נאָר געשטעלט ווערן אין באַטראַכט די פ ר אַ ג ן, וואָס זענען נוגע צו יידיש, צו דער ליטעראַטור און, ממילא, אויך צום גאַנצן יידישן פאָלק. דערמיט וועט דאָס שווערסטע אָפּגעטאָן ווערן; די קומענדיקע קאָנפערענצן וועלן מיט דער צייט אויך די ריכטיקע תשובות געפינען אויף זיי. עס וועט גענוג זיין, אויב אויף דער קאָנפערענץ וועט באַשטימט ווערן אַ קאָמיסיע פון יידיש־קענער, אַז זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויסאַרבעטן די הויפּט־כללים פון אַ יידישער גראַמאַטיק.

מען וואָלט אפשר געקענט האָפן אויף מער ערפאָלג פון דער קאָנפערענץ, ווען פאַך-מענטשן וואָלטן געלייענט אַלע רעפעראַטן וועגן יענע ענינים, וואָס ס'וועלן אויף דער קאָנפערענץ באַהאַנדלט ווערן; אָבער מ ע ר האָט קיין שיעור ניט, און פאָרלויפיק — ווי געזאָגט—געניגט דאָס אַליין, וואָס מען שטעלט די פראַגן. מ ע ר ווי דאָס טוט אויך קיין קאָנפערענץ און קיין קאָנגרעס ניט אויף.

אַן עקשנות אָדער אַ תמימות נאָר איז עס פון יענע, וואָס קוקן אויף דער קאָנפערענץ פונעם „שטאַנדפונקט פון דער אייביקייט"—פונעם שטאַנדפונקט, מיינען מיר, פון דער לאַנגאָניקער פראַגע: צי וועט יידיש האָבן אַ קיום, צי ניט?

וואָרים ווי איז פאַראַן דער יידישער ענין, די יידישע אַרבעט, וואָס מען זאָל קענען איר נ י ט אַרויסשטעלן די פראַגע פון „מי יחיה"?

האָט מען דען דאָס גאַנצע יידנטום, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ניט אָוועקגעשטעלט—יידן גופא!—אונטער דעם אייגענעם פראַגע-צייכן? צי האָט דען ווער צווייפגעלייגט די הענט און זיצט און וואַרט מיט זיין אַרבעט, ביז וואַנען ס'וועט קומען דערויף אַ תשובה פון אונדזערע „מר בר רב אַשיס"?

ט ו ן דאַרף מען! און וואָס מ ע ר ס'וועט זיין אַרבעט, אַלץ ווייניקער ווערט וועלן אָט ד י פראַגן האָבן.

די קאָנפערענץ איז אַן אָנהייב פון אַזאַ אַרבעט—אין אַ גוטער שעה!

אין דעם זעלבן נ׳ 186 פון „פ ר י י נ ד" ברענגט X פרעסע-שטימען צו דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ. מיר דרוקן זיי דאָ צוזאַמען מיט די באַמערקונגען פון „פריינד".

די יידישע פּרעסע וועגן דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ

אין די יידישע צייטונגען וואָס מיר האָבן היינט באַקומען ווערן געבראַכט אַרטיקלען וועגן דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ, וואָס עפנט זיך היינט אין טשערנאָוויץ.

[קודם-כל גייט דער אַרטיקל פון „אונזער לעבען" נומ׳ 189 (זע ז׳ 22—24), צו וועלכן X גיט אַזאַ צושריפט:

...ער פאַרגעסט גאָר, דער שרייבער, אַז יענע, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען קיין טשערנאָוויץ, זענען אַלע מסכים, אַז גראַד „זשאַרגאָן" איז דאָס, וואָס „אַנטוויקלט זיך פאַקטיש דורך דעם פאָלק און מיטן פאָלק"; אַז כדי צו ווערן אַ לעבעדיקע שפּראַך—דאַרף זי ניט אָנקומען צו „דער מי פון עטלעכע שריפטשטעלער און אינטעליגענטן". אויב אָט די אַלע טענות לאָזן זיך יאָ אָנווענדן, איז עס בנוגע צו העברעיש, אָבער ניט צו יידיש.

און וואָס ווייטער אַלץ מער קוריאָזן וואַרפט דער שרייבער אַרויס פון זיין פעדער. ער דערמאָנט זיך די טענות פון די „פאַרברענטע העברעיסטן" קעגן יידיש, און פרעגט ווייטער:

„ווער אייגנטלעך האָט זיי, די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ, באַפאָלמעכטיקט צו האַלטן די פראַגע וועגן זשאַרגאָן פאַר אַ פאָלקס־זאַך? וואָס וועט זײַן, ווען עס וועט צונויפגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ וועגן העברעיִש און יענע וועט אַרויסטראָגן גאָר אַנדערע, פאַרקערטע באַשלוסן?"

איז דען נאָך כדאַי אָנצווײַזן אויף דער פשוטער פּלוידעריַי, וואָס שטעקט אין די אַלע אויסגעטראַכטע פראַגן? צי קומט דען די קאָנפערענץ אָפּפסקענען וועלכע עס איז שאלות? און וואָסער אַ באַפאָלמעכטיקונג דאַרף מען האָבן כדי צו האַלטן די אָדער יענע זאַך פאַר אַ פאָלקס־זאַך? טאָמער וועלן די העברעיִסטן „אַרויסטראָגן אַנדערע באַשלוסן"! טאָ מה רעש—וועלן זיי! מיר וועלן טון מיט זייערע באַשלוסן דאָס אייגענע, וואָס זיי וועלן טון מיט אונדזערע...

דער שרײַבער זאָגט אפילו, אַז ער גיט עס דאָ איבער די מיינונגען פון די „פּעסימיסטן" צו וועלכע ער געהערט ניט, אָבער זײַן אייגענע מיינונג איז נאָך משונהדיקער...]

אין „אַמעריקען היברו":

„עס איז אַן אָפענער סוד, אַז די קאָנפערענץ האָבן אויפגעטאָ צוויי נאַציאָנאַלע יידן, ד"ר זשיטלאָווסקי און בירנבוים, בעת זיי זענען געווען בײַ אונדז אין לאַנד. ביידע זענען זיי חסידים פון זשאַרגאָן און גלייבן, אַז יידיש קאָן ראַטעווען יידן פון אַסימילאַציע און פון אונטערגיין".

דער שרײַבער פונעם אַרטיקל ה' אַברהם גאָלדבערג גלייבט אָבער ניט דערין און חזרט איבער די געוויסע חקירות, אַז דער „זשאַרגאָן" מוז אונטערגיין און אַז נאָר העברעיִש האָט אַ צוקונפט. וואָס אָנבאַלאַנגט די קאָנפערענץ, האָפט ער ניט אויף קיין שום פּראַקטישן נוצן פון איר.

„איין אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז—צו באַשאַפן אַ יידישע גראַמאַטיק... צי האָט דען נאָך אָבער געטראָפן אַזאַ זאַך, אַז מען זאָל דורך דעלעגאַטן מאַכן אַ גראַמאַטיק? שוין ניט רעדנדיק דערפון, וואָס ניט אַלע דעלעגאַטן וועלן זײַן געלערטע... עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די אײַנלאַדונגען צו דער קאָנפערענץ, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, זענען געווען געשריבן ניט ריין יידיש, נאָר אויף אַן אומפאַרשטענדלעך דײַטש. אויב אַזוי, טאָ ווי וועט מען עס שאַפן די יסודות פון אַ יידישער גראַמאַטיק? נאָר ווען די קאָנפערענץ זאָל אַפילו באַשאַפן אַ פּאָר כללים, וועלן זיי נאָך ניט אָנגענומען ווערן, אין יידיש איז יעדער שרײַבער אַ בר־סמכא פאַר זיך... ס'איז קלאָר, אַז אַן אַרטיקל, געשריבן פון אַ קענער אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט, וואָלט אויף אַלעמען געהאַט מער ווירקונג ווי אַ קאָנפערענץ".

און די אונטערשטע שורה:

„צו דער קאָנפערענץ וועט אפשר קומען, אָבער עס וועט פון
איר גאָרנישט אַרויסקומען. אין גלות וועלן יידן רעדן אויף די אַרו=
מיקע לשונות, און אויב זיי וועלן זיך באַזעצן אויף זייער אייגן לאַנד,
וועלן זיי רעדן העברעיִש, ניט יידיש".

מער נביאות ווי ראַיות, נאָר דאָס לאָזט זיך כאָטש זאָגן.

אין „הד הזמן":

„... די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ — דאָס איז אַ פאַרשטענ=
דיקער און נייטיקער פראָטעסט קעגן דעם שקלאַפן=צושטאַנד, אין
וועלכן אונדזער שטיף=שפּראַך געפינט זיך. די זעלבסט=אַכטונג פאָדערט
פון אונדז צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ פּאָליטיק. די גרויסע פאָרשטייער
פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן ביז איצט געקוקט גלייכגילטיק אויף
יענע, וואָס האָבן געוואָרפן שטיינער אין אונדזער ברונעם אַריין. נאָר
אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ פאַרשטייט ניט די גרויסע באַליידיקונג וואָס
מען האָט אָנגעטאָן דעם יידיש, אויף וועלכן צען מיליאָן מענטשן
רעדן און האָט אַלנפאַלס אַ רייכע ליטעראַטור. די טשערנאָוויצער
קאָנפערענץ איז קודם אַ פּראָטעסט=קאָנפערענץ. זי זאָגט: אַלנפאַלס, ווי
לאַנג ס'איז נאָך ניט קלאָר די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון יידיש —
דאַרפן מיר די שפּראַך ערן. מיר ווילן ניט אָפּנעמען דעם „אויבנאָן",
דעם „מזרח", פון העברעיִש, מיר טאָרן אָבער ניט מסכּים זײַן, אַז יידיש
זאָל זײַן ווי אַ דינסט, וואָס ה' ברײַנין דערלויבט זיך טרײַבן מיט איר
לײַכטזיניקן שפּאַס, בעת ער איז אין אַ וואָכעדיקער שטימונג —
שרײַבנדיק זײַנע אַרטיקלען אין „אונזער לעבען". דאָס טאָרן מיר ניט
דערלויבן — ווײַל ס'איז גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך אַליין געשפּיגן אין
פּנים אַרײַן".

דער טאָג=טעגלעכער מיטאַרבעטער פון דער זשאַר
גאָנישער צײַטונג „אונזער לעבען", ה' ברײַנין, שרײַבט אין
„העולם" נומ' 32:

„העברעיִש איז אַ שפּראַך פון אייערנעכטן און פון איבערמאָרגן — און
דאָס איז איר מעלה.

דערפאַר קלעפּט זיך ניט צו צו איר דאָס מנוּוולדיקע לעבן פונעם הײַנ=
טיקן טאָג, דער זשאַרגאָן זויגט אַריין אין זיך אַלע מאַרק=ריחות, דעם גאַנצן
שמוץ פונעם מיאוסן לעבן פון דעם הײַנטיקן טאָג.

זאָל זשע זײַן העברעיִש אַ פעסטונג פאַר גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, פאַרן
נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פאַר דער נאַציאָנאַלער האָפנונג.

דער מאַרק, דער גרויסער המון לייענט אונדז ניט, גוט. ס'איז דעם שרײַ=
בער אַ פאַרגעניגן צו וויסן, אַז יענע שמוציקע לעזער, וואָס זוכן און גלוסטן
צו לייענען נבול=פּה, זנות=בילדער, פּוסטע זאַכן און סתם נאַרישע מעשיות —

אַ פֿאַרגעניגן איז דאָס דעם שרײַבער צו וויסן, אַז לעזער „בעלנים“ פון דעם מין נעמען ניט זײַנע ספרים אין די הענט אַרײַן און רירן זיך צו זיי ניט אָן.

פֿאַראַן ספרים, וואָס זענען מטמא די הענט, און פֿאַראַן הענט, וואָס זענען מטמא די ספרים“.

דאָס איז קלאָר, נאָר צוויי פראַגן בלײַבן איבער: ערשטנס, פֿאַרוואָס שרײַבט דאָס ה׳ ברײַנין אין העברעיִשן „העולם“ און ניט אין „אונזער לעבען“; ער האָט זיך דאָך אַזוי ליב פֿאָרצושטעלן, פֿאַרוואָס זשע זאָלן זײַנע טעגלעכע זשאַרגאָנישע לעזער ניט וויסן, וואָסער אַ „גייסטעס-אַריסטאָקראַט“ עס רעדט מיט זיי? צווייטנס, ווער איז ווער מען מטמא: צי איז ה׳ ברײַנין מטמא „אונזער לעבען“ מיט זײַן שרײַבעכטס, אָדער ער שרײַבט — ווײַל „אונזער לעבען“ איז אים מטמא?...

[זע דעם צוגאָב אויף ז׳ 58]

„אונזער לעבען“, וואַרשע, אויגוסט 30 (17), האָט געבראַכט אַן אַרטיקל פון מ. ספעקטאָר מיטן טיטל: „דער יום-טוב פון מאַמע-לשון“:

הײַנט עפנט זיך די ערשטע קאָנפערענץ פאַר די יידישע שפראַך — פאַר מאַמע-לשון מיין איך — אָדער ווי אַ טייל האָבן זיך צוגעוויינט אָנצורופן די יידישע שפראַך „זשאַרגאָן“.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זענען זיך אָנגעפאָרן דעלעגאַטן נישט מיט עלעגאַנטסקע פראַקן, זיי זענען אַהין נישט געקומען מיט דער ערשטער און צווייטער קלאַס, זיי באַווינען נישט די ערשטע קלאַסנע האָטעלן, ווי מיר זענען געוווינט צו זען אויף אַלע אַנדערע (אַפילו יידישע) קאָנפערענצן און קאָנגרעסן.

אויף דער קאָנפערענץ זענען געקומען מענטשן ווי פאָלקס העלדן אין די אַמאָליקע צײַטן מיט דעם שטעקן אין דער האַנט, צוליב זייער גרויסע ליבע צום יידישן פאָלק און צוליב זײַן לשון, אויף וועלכן ער שעפּטשעט פון וויגעלע אָן און רעדט ווען ער וואַקסט אויס און טרעט אַרײַן אין לעבן; אויף וועלכן ער דריקט אויס זײַן פרייד און זײַן טרויער.

צוליב אָט דער יידישער שפראַך, וועלכע ווערט געיאָגט און געפּלאָגט ווי דער ייד זעלבסט פון פרעמדע און אייגענע—זענען זיך די דעלעגאַטן צוזאַמענגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ אויף דער ערשטער קאָנפערענץ...

איך האָב די „זשאַרגאָן“-שריפטשטעלער אָנגערופן „פאָלקס-העלדן“, ווײַל מען קען זיי נישט פאַרגלײַכן צו שריפטשטעלער, וועלכע שרײַבן אין אַנדערע שפראַכן, צו וועלכע זיי קומען ווי צו אַ גרייטע שיינע שמעקנדיקע בלום. זיי ליידן נישט פאַר זייער שפראַך, און מער ווי כבוד קען זיי נישט דערוואַרטן פון זייער שפראַך.

גאָר אַנדערש איז דאָס אָבער מיט די, וועלכע שרײַבן אויף יידיש מאַמע־לשון.

די דאָזיקע שרײַבער האָבן „אויסגעליטן" דעם יידישן זשאַרגאָן מיט אַלע זײַנע געפילן, און ג.יבער דעם וואָס מען לײַדט, דאָס ווערט ליב און אײַנגעבאַקן, און קיין שום שטערונג, קיין שום באַליידיקונג וועט ניט אָפּ־האַלטן אַזאַ יידישן שריפטשטעלער ליב צו האָבן אַזאַ לשון...

ערשט צוריק מיט אַ פּאָר צענדליק יאָרן איז פּראָכט געווען אַ ב ז י ו ן צו שרײַבן אויף מאַמע־לשון.

אייניקע באַוווסטע העברעיִשע און יידיש־רוסישע שריפטשטעלער, זע־נענדיק קעגנער פון זשאַרגאָן, נאָר אינאייגנוועגס פילנדיק די גרויסע נוצן, וואָס אַ פאָלקס־שפּראַך קען ברענגען דעם פאָלק — פלעגן זעלבסט שרײַבן זשאַרגאָן, זיך ניט וועלנדיק אונטערשרײַבן אָדער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָ־מען, און האַלטן ,סוד סודות אַפילו פאַר נאָענטע מענטשן, אַז זיי זענען דאָס די מחברים.

און דאָס איז געטאָן געוואָרן נאָר איבער דעם, ווײַל זיי האָבן גע־רעכנט זיך פאַר אַ ב ז י ו ן צו שרײַבן אויף „שפחה־שפּראַך", ווי זיי פלעגן דאָס מאַמע־לשון אָנרופן.

נאָר געציילטע פאָלקס־שרײַבער פלעגן זיך מיט שטאָלץ אונטערשרײַבן אונטער זייערע זשאַרגאָנישע אַרטיקלען און ווערק, פילנדיק, אַז עס איז אַ כבוד צו שרײַבן פאַר אייגענע ברידער און שוועסטער פון פאָלק.

אויף זשאַרגאָן שרײַבן קוקן אַ טייל ווי אויף אַ גרינגע זאַך, — „ווער קען דאָס ניט שרײַבן קיין זשאַרגאָן?" זאָגן זיי.

אָט צוליב אַזאַ מיינונג האָבן פיל העברעיִשע און יידיש־רוסישע שרײַ־בער אָנגעהויבן שרײַבן זשאַרגאָן מיט אַ גרינגער לעבער, אַז מיט דער „שפחה" דאַרף מען ניט צערעמאָניעס מאַכן, מען דאַרף זי ניט פוצן, סטיליזירן, מען קאָן „שרײַבן" אָדער „רײַבן" אַלץ איינס...

נאָר די געציילטע פאָלקס־שרײַבער, ווי ר׳ מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און אַנדערע ווייסן, אַז יידיש שרײַבן איז פיל שווערער ווי אין אַן אַנדער שפּראַך, וועלכע האָט שוין איר גראַמאַטיק אד"גל, און אַז זשאַרגאָן שרײַבן מוז מען „פײַלן" און „איבערפײַלן".

פיל, זייער פיל האָבן די יידישע שריפטשטעלער איבערגעליטן פאַר זייער הייסע ליבע צו דער שפּראַך וואָס דאָס יידישע פאָלק רעדט.

אַפילו אין דעם מאָמענט פון ערב־עפענען די קאָנפערענץ, ווען אַפילו די גרעסטע קעגנער וואָלטן באַדאַרפט האָבן אָפּעטע פאַר דער דאָזיקער פאַר־זאַמלונג פון אמתע פאָלקסהעלדן, האָט זיך פאַרוואָלגערט פון די אַלטע צײַטן, נאָך פון די השכלה־צײַטן, אַ העברעיִשער שרײַבער „יודע הכל", וואָס „רײַבט" זשאַרגאָן אין אַ יידישער צײַטונג, און ער האָט ניט געפונען מער צו זאָגן

וועגן דער קאָנפערענץ ווי דאָס, אַז זי קאָן פאַרדינען סימפּאַטיע נישט מער ווי אַ קאָנפערענץ וועגן „עספּעראַנטאָ=שפּראַך"...

אויסער דעם האָט דער דאָזיקער אַמאָליקער „סופר" קיין אַנדער צײַט ניט געפונען ווי אָפּצורעכענען זיך מיט קליינינקע פערזענלעכע חשבונות און זאַכן, וועלכע ער ווייס אַליין, אַז זיי זענען נישט אמת...

ער גיסט גאַל אויף דער קאָנפערענץ, אַז זי וועט נישט בעסער מאַכן און [ניט] ערגער מאַכן, אַ קאָנפערענץ קאָן נישט שאַפן קיין שפּראַך.

מיט אַזאַ גרינגער לעבער קענען נאָר רעדן מענטשן, וואָס האָבן נישט געליטן פאַר דער שפּראַך וואָס עס רעדט אַ גאַנץ פאָלק.

שוין זשע ווייסט נישט דער דאָזיקער שרײַבער, אַז אַ שפּראַך, אויף וועלכע עס רעדן אַכט מיליאָן מענטשן, נייטיקט זיך נישט, מען זאָל זי „באַשאַפן", ווײַל זי לעבט שוין לאַנג, זי איז שוין לאַנג ווי פאַר=הייליקט צווישן פאָלק, וועלכעס רופט זי אָן „מאַמע=לשון" און „גאָטס יידיש"?...

שוין זשע ווייס ער נישט, אַז די ערשטע קאָנפערענץ קומט פאַר אום נאָר צו פאַרבעסערן און צו פאַרשענערן די פאָלקסשפּראַך, די יידישע ליטע=ראַטור און די לאַגע פון די יידישע שריפטשטעלער?

די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ איז די ערשטע זאָמען, פון וועלכע עס וועט אַרויסשפּראָצן ברייט, גרויס, שיין און רײַך — די קולטור פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אַזוי גלייבן די, וועלכע שרײַבן (נישט „רײַבן"!) פאַר זייער פאָלק!

אַזוי גלייבן די ערשטע פּיאָנערן, וועלכע עפענען הײַנטיקן טאָג די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך, וועלכע איז פאַר זיי טײַער, ניט ווייניקער ווי אונדזער אַלטע העברעישע שפּראַך.

און מיר שיקן זיי צום הײַנטיקן טאָג די בעסטע ווונטשן אין זייער פאָלקסאַרבעט.

*

[די ווײַטערדיקע אַרטיקלען, ביז ז׳ 58 אײַנגעשלאָסן, זענען גע=דרוקט שוין נאָך דער קאָנפערענץ, אָבער געשריבן זענען זיי אַלע ביז דער קאָנפערענץ אָדער לפּחות איידער די מחברים האָבן געהאַט וועלכע עס איז אינפאָרמאַציע וועגן דעם פאַרלויף פון די באַראַטונגען.—רעד׳ ייוואָ.]

*

אין „היינט" נומ׳ 190, וואַרשע, סעפּטעמבער 4, געפינט זיך אין הלל צייטלינס „וואָך=נאָטיצן" אַזאַ מין קאַפּיטעלע (איבערגעדרוקט דערנאָך אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" נומ׳ 173):

עס קומט איצט פאָר אין טשערנאָוויץ די קאָנפערענץ וועגן דער יידי=שער שפּראַך. מײַן מיינונג וועגן אָט דער קאָנפערענץ האָב איך שוין אַרויס=געזאָגט אין מײַנע פאָריקע „וואָך=נאָטיצן". די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ לאָזט

מיך פולשטענדיק קאַלט. אַ פאָלק באַשאַפט אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור; עטלעכע צופעליקע געסט שאַפן גאָרנישט.

אַט דאָס איז אַזוי קלאָר און פאַרשטענדיק, אַז עס איז גאָר איבעריק צו רעדן וועגן דעם. איך מוז עס אָבער ערקלערן, ווײַל די פוטער־מענטשלעך פון „אונזער לעבען" און די גיפט־מענטשלעך פון „פרײַנד" שרײַען געוואַלדן, אַז איך האָב מיט מײַנע ווערטער באַליידיקט די יידישע שפּראַך...

איך האָב געשריבן קעגן טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. דאָס איז אמת. אין דעם איז אָבער נישטאָ קיין באַליידיקונג פאַר דער יידישער שפּראַך. פאַרוואָס? ווײַל אַ נח פּרילוצקי, אַ מרדכי ספּעקטאָר, עפּעס אַ גייער, סתם אָרחי ופרחי וואָס צאָלן אָפּ „פינף קראָנען" און ווערן מיטגלידער פון קאָנ־פערענץ זענען אין מײַנע אויגן נישט קיין פאָרשטייער פון דער יידישער שפּראַך. בין איך דען באמת מחויב גלייבן, אַז יעדער עם הארץ קען זאָגן דעות וועגן יידישע קולטור?

ה׳ מרדכי ספּעקטאָר („אונזער לעבען" 191) און נאָך אים עפּעס אַן איקס („פרײַנד" 188) ווילן אײַך אײַנשמועסן, אַז די אַלע וואָס זענען געפאָרן קיין טשערנאָוויץ זענען קדושים, „פאָלקסהעלדן". פרעג איך, ווו איז דאָ די העלדישקייט?

געוויינלעך וועט קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז פּרץ, בירנבוים, זשיטלאָווסקי, רייזען, אש האָבן פיל געגעבן דער יידישער קולטור; דאָ רעדט מען דאָך אָבער ניט פון אויסנאַמען. מען רעדט דאָך דאָ פון כלל. די עטלעכע אמתע קולטור־טרעגער ווערן בטל ומבוטל ווערן אינעם גרויסן המון פון גלאַט ניי־געריקע. מיט וואָס־זשע זענען דאָס אַט די לעצטע געוואָרן „קדושים" און „העלדן"?

ה׳ ספּעקטאָר שרײַט, אַז יעדער ייד וואָס האָט עפּעס אַ שטיקל שײַכות צו זשאַרגאָן האָט שוין דערמיט אַליין קרבנות געבראַכט. איך זע ניט אָט די קרבנות וואָס ה׳ ספּעקטאָר און נאָך אַזעלכע ברענגען...

איך האָב אויך אויגן און זע עפּעס אַנדערש: איך זע, אַז דער זעלבער מרדכי ספּעקטאָר למשל, אַ ייד אָן אַ יין האָר וויסן און אָן אַ יין געטלעכן פונק אין הארצן; אַ ייד וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שטיקל אויג אַראָפּצונעמען שלעכט אַ פאָטאָגראַפיע און צו שמירן זײַנע „שטעט און שטעטלעך", לעבט כל ימיו פונעם „נעבעכדיקן" זשאַרגאָן זייער גוט, און דער גרעסטער יידישער פּאָעט, ביאַליק, למשל האָט אַלעמאָל דחקות געליטן נאָר דערפאַר, ווײַל ער שרײַבט לשון־קודש. אַזעלכע בײַשפּיל ווייס איך פיל.

מרדכי ספּעקטאָר און די מענטשעלעך פונעם „פרײַנד" האָבן שטענדיק ליב צו קלאָגן זיך אויף דעם בזיון וואָס די העברעיִשע שרײַבער זענען מבזה די זשאַרגאָניסטן,—דאָס איז איינגאַנצן שקר וכזב. איך האָב נאָך קיין איין מאָל נישט געזען, אַז אַ העברעיִשער שרײַבער זאָל פאַראַכטן פּרצן, מענדעלע מוכר

ספרים אָדער שלום-עליכמען. מען פאַראַכטעט אַמאָל אַזעלכע ווי ספעקטאָר, און ניט דערפאַר ווייל זיי שרייבן זשאַרגאָן...

מען פאַראַכטעט אַמאָל אויך אַזעלכע ווי די „איקסן" פון „פריינד" (די לייטלעך פון „פריינד" זענען אַלעמאָל גבורים אויף צו וואַרפן שטיינדלעך פון הינטערן פלויט...) נישט דערפאַר ווייל זיי שרייבן זשאַרגאָן, נאָר ווייל זיי זענען פשוט מוקצה מחמת מיאוס, ווייל זיי בייטן אַלע טאָג זייערע „דעות" און זייערע „סימפּאַטיעס" לויט די עטלעכע קאָפּיקעס וואָס זיי באַקומען...

אין „פאָרווערטס", נ"י, סעפּטעמבער 4, האָט צ ב י ו ן, יעמאָלט נאָך אַן אייראָפּעישער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג, אָפּגעדרוקט אַ גרעסערן אַרטיקל מיטן קעפּל: „ד י ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ ו ו ע ג ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ש פ ר אַ ך":

... איך מוז מודה זיין, אַז ווען איך האָב געלייענט דעם ערשטן אויפרוף פון די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ, האָב איך ווייניק געגלייבט, אַז די זאַך וועט צושטאַנדקומען. איך האָב דעם אויפרוף אָנגענומען ניט מער און ניט ווייניקער ווי פאַר אַ פרומען ווונטש וואָס ווערט קיינמאָל ניט ערפילט. איך האָב ניט געגלייבט אין דעם ווילן און אין דער ענערגיע פון אונדזערע יידישע שרייבער, און איך האָב נאָך ווייניקער געגלייבט אין דעם ערפאָלג פון זייער אונטערנעמען, זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיקייט און קאַלטקייט די יידישע פרעסע אין רוסלאַנד, און נאָך מער אין אַמעריקע, האָבן דעם אויפרוף אָנגענומען.

אמת, די גלייכגילטיקייט פון דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע צו דעם אויפרוף האָט מיך ניט איבערראַשט. מער ווי אומעטום איז די יידישע שפּראַך אַ הפקר אין אַמעריקע. אין ערגעץ הערשט ניט אַזאַ תוהו ובוהו, סיי אין דעם אויסלייגן, סיי אין דעם סטיל, ווי אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע: יעדע צייטונג האָט זיך איר סידור מיט אירע גריזן, און יעדער שרייבער אין דער צייטונג איז זיך אַ יידישע שפּראַך מיט אַן אייגענעם זשאַרגאָן פאַר זיך. אין דעם פּרט פון דער שפּראַך צייכנט זיך צום באַדויערן אַפילו די סאָציאַליסטישע אַמעריקאַנער יידישע פרעסע ניט אויס. דאָס זשאַרגאָניזירן פון דער יידישער שפּראַך דורך ענגלישע ווערטער, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף ניט, איז אַ באַזונדערע קראַנקהייט פון אַלע אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען אָן אַן אונטערשייד... עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער באַנוצן זיך מיט אַזאַ צוקאַליעטשעטע שפּראַך, אַדרבא, עס זענען דאָ אייניקע יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וואָס זייער שפּראַך מעג דינען אַלס מוסטער, נאָר איך רעד דאָ ניט וועגן אייניקע אויסגעווײלטע, נאָר וועגן דער, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, מאַסע יידישע שרייבער.

עס איז גראָד ניט דער פּלאַץ אין דיזן אַרטיקל צו ברענגען ביישפּילן פון דער יידישער שפּראַך אין דער אַמעריקאַנער יידישער פרעסע. אַלנפאַלס

קען יעדער איינציקער מאַכן אַ פּראָבע אויף אַ באַליביקער אַמעריקאַנער יידישער צייַטונג וואָס אים פאַלט אַרייַן אין האַנט, פון מייַנטוועגן אויך דער „פאָרווערטס“, און מיט אַ בלייַפעדער אין האַנט אונטערשטרייַכן די ענגלישע ווערטער וועלכע געפינען זיך דאָרטן. דערביַי איז צו באַמערקן, אַז שטאַרקע 90 פּראָצענט פון די ענגלישע ווערטער וועלכע ווערן געברויכט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע קענען אומגעביטן ווערן אָן די קלענסטע שוועריקייט אויף ריין-יידישע ווערטער, וואָס אַלע קענען זיי און פאַרשטייען זיי.

די אַמעריקאַנער יידישע פּרעסע האָט זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן דער יידישער שפּראַך און קימערט זיך אויך הייַנט זייער ווייניק. עס איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך האָט קיין שום אינטערעס אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע ניט אַרויסגערופן.

אַ וווּנדער איז עס, וואָס אויך די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד האָט זיך אַזוי גלייַכגילטיק פאַרהאַלטן צו אַזאַ נאַציאָנאַלן אונטערנעמען. די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד האָט, קען מען זאָגן, פון ערשטן טאָג ווי זי איז געבאָרן אָפּגעגעבן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דער יידישער שפּראַך. דער „פרייַנד“ האָט פון ערשטן נומער זייַנעם באַשטענדיק געלייגט גרויס געוויכט אויף דער שפּראַך. אין „פרייַנד“ איז די יידישע שפּראַך אַלע מאָל באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ ליטעראַטור-שפּראַך מיט אַ באַזונדער שטרענגע אויסגעהאַלטנקייט. די איינהייטלעכקייט פון דער שפּראַך און איר ריינקייט ווערט נאָך אין „פרייַנד“ אויך הייַנט שטאַרק אָפּגעהיט, הגם ניט מיט אַזאַ שטרענגקייט ווי פריער.

די בונדיסטישע „פאָלקסצייַטונג“ האָט זיך געגעבן אַלע מי צו אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך און אָפּצוהיטן איר גייסט און איר ריינקייט. אמת, ניט אַלע מאָל האָט זיך עס איר אייַנגעגעבן. אָבער דאָס איז געווען צוליב זייַטיקע סיבות. דער ווילן פון דער רעדאַקציע איז אַלעמאָל געווען אַ גוטער, און די מיטאַרבעטער האָבן זיך מיט דעם גרעסטן ערנסט פאַרהאַלטן צו דער שפּראַך.

אויך די גאַסן-בלעטלעך, וואָס האָבן אָנגעפאַנגען צו ערשייַנען אין רוסלאַנד און האָבן אָנגענומען דעם געלן כאַראַקטער פון די אַמעריקאַנער צייַטונגען, האָבן קעגן דער שפּראַך ווייניק געזינדיקט. די שפּראַך איז אַפילו אין די גאַסן-בלעטלעך פאַרהעלטניסמעסיק ליטעראַריש און ריין.

נעמענדיק אין באַטראַכט דעם ערנסט, מיט וועלכן עס פאַרהאַלט זיך די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד צו דער שפּראַך, איז באמת אַ וווּנדער, וואָס זי האָט זיך אַזוי גלייַכגילטיק און קאַלט פאַרהאַלטן די גאַנצע צייַט צו דער איניציאַטיווע וועגן צונויפרופן אַ קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך. ס׳קען זייַן, אַז די יידישע פּרעסע האָט ניט געגלייבט אין דער אויספירבאַרקייט פון אַזאַ אונטערנעמען, אָדער וואָס נאָך מער, זי האָט ניט געגלייבט, און גלייבט אפשר איצט אויך ניט, אין די רעזולטאַטן וואָס די קאָנפערענץ וועט ברענגען.

אויף גרויסע רעזולטאַטן. שוין אין דעם מאָמענט דאַרף מען פון דער קאָנפערענץ גאָר ניט וואַרטן. די איניציאַטאָרן פון דער קאָנפערענץ האָבן אויפגעשטעלט אַ צו ברייטע פּראָגראַמע, מיט וועלכער זיי וועלן שווער פאַרטיק ווערן. אַלס אַ התחלה וואָלט געווען גענוג, ווען די קאָנפערענץ וואָלט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט דער יידישער שפּראַך, לייגן די ערשטע גרונטשטיינער פון אַ יידישע גראַמאַטיק און פאַרענטפערן אַנדערע צייטיקע פראַגן וועלכע זענען נוגע צו דער שפּראַך. נאָר ווי קליין די רעזולטאַטן זאָלן ניט זיין, איז זייער וויכטיקייט דאָך ניט אָפּצושאַצן. קוים האָט מען נאָר געמאַכט דעם אָנפאַנג, וועט שוין דאָס ווייטערדיקע ממילא קומען.

... ס׳איז גענוג, אַז אויף דער קאָנפערענץ זאָל אויסגעאַרבעט ווערן פעסטע יסודות פאַר די יידישע אָרטאָגראַפיע (אויסלייגן) און עטלעכע כללים פון אַ יידישער גראַמאַטיק, און מיר וועלן מיט די רעזולטאַטן דאַרפן העכסט צופרידן זיין. לא עליך המלאָכה לגמור, ניט אויף דער ערשטער קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך קען אַלע פראַגן פאַרענטפערט ווערן און אַזאַ גרויסע אַרבעט אָפּגעטאָן ווערן. די איצטיקע קאָנפערענץ דאַרף זיין אַן אָנהייב פון אַ גאַנצע ריי אַזעלכע קאָנפערענצן, וועלכע דאַרפן פון צייט צו צייט צונויפגערופן ווערן. נאָר לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, טריט פאַר טריט קען אַזאַ גרויסער בנין, ווי שאַפן אַ ליטעראַטור־שפּראַך, אויפגעבויט ווערן.

לאָמיר ווינטשן דער ערשטער קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך דעם בעסטן ערפאָלג, און לאָמיר האָפן, אַז די גאַנצע יידישע פּרעסע וועט זיך געבן די מי דעם ערפאָלג צו פאַרגרעסערן און די בעשליסע פון דער קאָנפערענץ צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

אין פאָרווערטס, נ״י, סעפּטעמבער 10, 11 און 14, איז געווען אָפּגעדרוקט ש. אייזענשטאַטס אַן אַרטיקל מיט אַזאַ צושריפט פון מחבר: „פאָרנדיק אין טשערנאָוויץ, ווו איך בין איינגעלאַדן צו האַלטן אויף דער קאָנפערענץ אַ פאָרטראָג איבער דער יידישער אָרטאָגראַפיע, געפין איך פאַר נייטיק צו טיילן זיך מיט אונדזערע לעזער־קרייזן אין אַמעריקע מיט מיינע שטימונגס־געדאַנקען״. די רעדאַקציע פון זיך האָט געגעבן דעם אַרטיקל אַן אונטערקעפּל, וואָס לייענט זיך אַזוי: „דער רעפערענט וועגן יידישע ספּעלינג, ש. אייזענשטאַט, שיקט צו זיין פאָרטראָג צו דעם פאָרווערטס.—וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן יידיש אין אַלגעמיין״. אין דער אמתן איז דער אַרטיקל ניט אידענטיש מיטן רעפעראַט וואָס ש. אייזענשטאַט האָט געהאַלטן אויף דער קאָנפערענץ; ס׳איז אַן איבערבליק איבער די אויפגאַבעס פון דער קאָנפערענץ, פּונקט נאָך פּונקט פון דער טאָגאָרדענונג. מיר גיבן דאָ דעם אַרטיקל בשלימות.

ש. אייזענשטאַט, אונזער מוטער־שפּראַך אויפן טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

I

לסוף קומען די געווינטשטע טעג, וועגן וועלכע אַ סך פון אונדז האָבן

געטראַכט און געחלומט. מיר שטייען אין ערב פון דער ערשטער יידישער שפראַך=קאָנפערענץ, וועלכע דאַרף זיך צונויפקומען דעם 30טן אויגוסט אין טשערנאָוויץ. אַ שיינע מחשבה, לאַנג געהאַלטן אין די הערצער פון איינציקע שרײַבער און שפראַך=פרײַנד, רײַסט זיך אַרויס פון איר פאַרבאָרגעניש, הערט שוין אויף צו זײַן אַ בלויזע פאַנטאַזיע, און באַלד, באַלד וועט זי זיך פאַרקערפערן אין געוויסע מעשים, וועלכע וועלן אַזוי אָדער אַנדערש שפילן אַ ראָלע אין דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער שפראַך און פאַרשריבן ווערן אין איר געשיכטע.

מעשים! וואָס פאַר אַ מעשים דערוואַרט מען און וואָס פאַר אַ מעשים קען מען ערוואַרטן פון דער קאָנפערענץ? דאָס איז זייער וויכטיק איצט קלאָר צו מאַכן, כדי מען זאָל לכתחילה פאַלש ניט קוקן אויף דער זאַך און מען זאָל ניט צופיל און ניט צו ווייניק ערוואַרטן.

אין וואָס פאַר אַ לאַגע איז געווען אונדזער שפראַך ביז הײַנט? אין וואָס פאַר אַ לאַגע איז זי הײַנט? און וואָס האָט אַרויסגערופן די נייטיקייט פון מעשים? — דאָס זענען די פראַגן וועלכע מוזן דערקלערט ווערן בשעת מיר ווילן נעענטער באַקענען זיך מיט די אויפגאַבן פון דער קאָנפערענץ. שטייענדיק אפשר אויפן גרענעץ פון דער שפראַך=הפקרות און עלנט, לאָמיר וואַרפן אַ קורצן בליק אויף דעם עבר פון אונדזער מאַמע=לשון און אויף דער לאַגע זײַנער הײַנט.

אַ שווערער נסיון איז אויסגעקומען אויסצושטיין דער יידישער שפראַך אין משך פון די לעצטע 20 יאָר. זײַענדיק די שפראַך פון פאָלק אין די לעצטע דרײַ יאָרהונדערטער, האָט מען זי ניט געוואָלט אָננעמען אַלס אַזעלכע, מען האָט אין איר ניט געוואָלט שאַפן די גייסטיקע ווערטן פאַר דער יידישער מאַסע. שפעטער, ווען עס איז געוואָרן דער ערשטער שטראַל פון לעבן און באַוווּסטזײַן אין דער יידישער מאַסע און ווען מען האָט געדאַרפט האָבן אַ מיטל אויף צונויפצורעדן זיך מיט די ברייטע פאָלקסשיכטן, איז די יוגנט, וואָס האָט פריער אָנגעטאָן אַלערליי זלזולים איבער דער שפראַך, געצוווּנגען געווען אין איר רעדן צום פאָלק, זאָגן אין איר דאָס ערשטע נײַע וואָרט. זי האָט זיך אָבער מיט דער שפראַך דאַן באַנוצט בלויז ווי מיט אַ בלינדן ווערקצײַג, ניט שלײַפנדיק זי, ניט קולטיווירנדיק זי, ניט מאַכנדיק זי פאַר אַ קאָרן=קאַמער פון דעם פאָלקס גייסטיקע אוצרות. נאָר דער נסיון איז אויסגעשטאַנען געווען. געוועקט דורך דער יוגנט, האָט די אויפגערעגטע פאָלקסמאַסע אַ סך אויסגעלערנט דעם וועקער אירן גופא און האָט אים באַקענט מיט די פאָדערונגען פון לעבן און האָט אים אָרגאַניש מיט זיך פאַרבונדן. די שפראַך האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען, האָט געשאַפן אירע גייסטיקע אוצרות, פון איר השפעה געניסט וואָס אַ טאָג אַלץ אַ גרעסערער טייל פון פאָלק און קריגט ליב זײַן מאַמע=לשון.

נאָר די פלוצלינגע אויפלעבונג פון דער יידישער ליטעראַטור און דער

קולטור=שטרעבן, וועלכער האָט אויפגעוואַכט נאָך אַזאַ לאַנגער שטילקייט און הערשאַפט פון איינזײַטיקע, האַרטע, מאַטעריאַליסטישע דאָגמען, איז נאָך זײַן נאַטור נאָך שוין צום טייל אַ ניט=נאַטירלעכע ערשיינונג. יאָ, זאָגאַר אַ קרענקלעכע. אַ צו גרויסע ראָלע שפּילט די התלהבות, און דאָס וואָס עס ווערט געטאָן פון התלהבות, דאָס קאָן ניט מאריך ימים זײַן, ווײַל ווי אינעם לעבן פון יעדן איינצלנעם, אַזוי אויך אין לעבן פון כלל איז זי אַ שטימונגס=זאַך און לעשט זיך און גייט פאַרבײַ מיט די ענדערונגען פון דער שטימונג.

אַ כאַראַקטעריסטישער פּועל=יוצא פון דער התלהבות איז דער, אַז אָנשטאָט צו גיין אָן רעש, מיט אַ קלאָרער השגה אין פאָלק אַרײַן און לערנען אים וועגן אַ ליטעראַרישן און עסטעטישן געשמאַק אין די ווערק פון זײַן ליטעראַטור, האָט זיך יעדער, וואָס האָט נאָר אַ פען אין האַנט, געוואָרפן אין „רענעסאַנס=שטראָם", כדי צו שאַפן זיך אַ ליטעראַרישן נאָמען אין דער גינסטיקער צייט. אַזוי ווערן אונדזערע באַקאַנטע יידישע שרײַבער און די יונגע טאַלענטן פאַרטרונקען אין ים פון שטימונגס=שרײַבער; אַזוי איז געקומען אין קריזיס די איינציק הערשנדע רעאַליסטישע ריכטונג אין אונדזער ליטעראַטור; אַזוי איז דערשלאָגן געוואָרן די גוטע התחלה פון דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור וועלכע האָט זיך אָנגעהייבן צו אַנטוויקלען. אַזוי האָט די נאָר וואָס אויפגעקומענע קריטיק באַקומען ס'רוב די פאָרם פון אַ פראַזן=פּראָדוקציע.

און אין דעם מישמאַש איז אָפּט די לאַגע פון די באַקאַנטע יידישע שרײַבער אַ טראַגישע, ווען זיי פאַרשטייען זי, און אַ געפערלעכע, ווען זיי פאַרשטייען זי ניט. אונטער דער השפּעה פון דער נײַער צייט מיט אירע שטרעבונגען, פאַרהילכט דורך דעם התלהבותדיקן קול פון דער יוגנט, זענען זיי געצוווּנגען צו ברעכן דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן בנין פון זייער ביזהעריקער שעפונג, און וועלנדיק זיך יונג=מאַכן, פאַלן זיי אַרײַן אין דער שטימונג פון די יונגע, באַהערשט לחלוטין פון דעם געפערלעכן אימפּרעסיאָנאַליזם.

די צײַט איז גינסטיק פאַר אַלערליי פאַרלאַגן און פאַרלעגלעך, וועלכע פילן זיך ווי אויף אַ יריד, און עקספּלואַטירנדיק די נײַ אויפגעקומענע „שרײַבער" וועלכע זוכן זיך לאָרבערקרענצע, אַזוי אויך די יידישע מאַסע, בײַ וועלכער ס'וואַקסט אויס דער חשק צום לעזן, שאַפן זיי אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ס'רוב נאָר אַ פאַפּירוועַרט. אַרויסגייענדיק פון זייערע אייגענע אינטערעסן קרויגען זיי אָפּט ניט פאַרדינטע און לאָזן זיי טריומפירן מיט זייער געדרוקטן נאָמען און מיט זייער פלומרשט אַנערקענטן טאַלענט. אַזוי ווערט דער ליטעראַטור=מאַרק פאַרשאָטן מיט פּסולת, אַזוי וועבן זיך שוואַרצע נעצן, אַזוי שטייען אויף בלייכע שאָטנס און ווינקען פון הינטער די לוסטיקע פאָרשטעלונגען מכּח אַ יידישן קולטור=רענעסאַנס.

דאָס אַלץ איז געווייניק.

אויסוויינבניק איז די לאַגע אַ ניט באַשטימטע, ווייניקסטן אין רוסלאַנד

און יעדער קולטורעלער בנין שטייט אין געפאַר צעשטערט צו ווערן דורך דעם הפּוכים=פּולן לעבנסגאַנג און דורך דער שמירה=פּאָליטיק פון דער מלוכה.

דעם פעסטן יסוד פאַר אַ שפּראַך=רעפאָרם און פאַר דער אויפבליִונג פון דער ליטעראַטור זענען בכח צו לייגן די לעזער=קרייזן דורך אַ ברייטער איניציאַטיוו און אַקטיווע שטרעבונגען. דערצו מוזן זיך ברייטע שיכטן אָרגאַניזירן, און צו דעם איז נייטיק פאַרזאַמלונגס=פרײַהייט אין אַ געוויסע מאָס און די עלעמענטאַרע מאָס פון שפּראַך=אַנערקענונג דורך דער מלוכה, אויף אַזוי פיל, אַז מען זאָל אויף די פאַרזאַמלונגען פרײַ קענען רעדן יידיש.

וואָס דרינגען מיר פון דער קורצער באַטראַכטונג?

פאַר קיין פאַל ניט, אַז מיר דאַרפן בלײַבן אין אָפּהענגיקייט און יאוש, נאָר קודם=כל, אַז מיר דאַרפן ניט נאַרן זיך מכּח דער ריכטיקער לאַגע, ניט לאָזן זיך פון דער שטימונג באַהערשן און דער עיקר: צופּאַסן אונדזער טעטיקייט צו אַלע לעבנס=פאַרהעלטנישן, אַזוי אַז עס זאָל וואָס ווייניקער לײַדן אונדזער זאַך.

און אין אָט דער ריכטונג דאַרפן געשען אַלע מעשים וואָס מיר וואַרטן פון טשערנאָוויץ.

לײדער איז אָבער אין געוויסע קרייזן פון דער יוגנט די התלהבות אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זי פאַרשיכורט זיי, און זיי זעען נאָר די ליכטיקע זײַט פון יעדער זאַך; און אויב אַזעלכע עלעמענטן וועלן זײַן דאָס רוב פון דער קאָנפערענץ, אַזוי קענען מיר זיכער זײַן, אַז עס וועט בכלל ווייניק קומען צו מעשים און אַז די קאָנפערענץ קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צו גרויסער עפנטלעכער דעמאָנסטראַציע פאַר דער יידישער שפּראַך. און אויב אַזאַ איז נייטיק, דאָך קען מען מיט איר פאַרשטייט זיך ניט מאַכן דעם אָנהייב. בכלל קען מען ניט וויסן וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די קאָנפערענץ וועט טראָגן, ווײַל די קומט זיך צונויף אויף אַ ניט=נאָרמאַלן שטייגער; עס ווערן אין איר באַהאַנדלט פראַגן, וועלכע גייען אָן פאַרשיידענע שיכטן: דעם שרײַבער, דעם שפּראַך=פאָרשער, דעם אַרויסגעבער און דעם לעזער, און יעדע אינטערעסירטע גרופּע האָט פריער געדאַרפט זיך אָרגאַניזירן, צונויפרעדן זיך און דערנאָך קומען אין באַרירונג מיט די איבעריקע. דאָס ערגסטע וואָס עס קומט דערפון אַרויס איז דאָס, וואָס אונדז פעלט אַ פאַרבינדונג מיטן פאָלק און מיר ווייסן ניט, אויף וויפיל אים אינטערעסירט אונדזער אַרבעט און אויף וויפיל ער וויל און קען אונדז אונטערשטיצן.

און די אַלע סיבות ברענגען דערצו, אַז מיר זאָלן ניט קענען זאָגן געַנוי, וואָס פאַר אַ מעשים מיר וועלן אויפטון, נאָר וואָס מיר **דאַרפן** אויפטון און וואָס מען דאַרף פון אונדז העכסטן ערוואַרטן.

II

לויט דעם לעצטן נוסח פון דער טאָגעס=אָרדנונג איז צו זען, אַז די קאָנפערענץ וועט זיך באַשעפטיקן מיט אַזעלכע פונקטן, וועלכע געהערן צו די שרײַבער, פאָרשער און אַרויסגעבער, פון וועלכע עס איז אַרויסגעוואַקסן די

איניציאַטיוו צום צוזאַמענפּאָר, און זייער ווייניק מיט פראַגן, וועלכע גייען אָן ספּעציעל דעם יידישן לעזער, וועמעס פאַרהאַלטן זיך איז אַזאַ אומבאַשטימטער — און דאָס איז בײַ הײַנטיקן טאָג די ריכטיקע מיינונג, ווײַל קיינער דאַרף נאָך ניט אַזוי פיל היטן זיך פון איבערראַשונגען פון די כּחות ווי מיר. נאָר אויב מען מיינט, אַז מען וועט לאַנג קענען לאָזן די יידישע לעזער-קרייזן אין אַזאַ פּאַסיוון צושטאַנד, האָט מען אויך אַ גרויסן טעות. שוין בײַ דער באַהאַנדלונג פון פאַרשיידענע פראַגן אויף דער קאָנפערענץ וועט ווי אַ שווערע משא פאַלן אָט די אומבאַשטימטע האַלטונג פון פאָלק, און וואָס בעסער עס וועלן זײַן די רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ, אַלץ שטאַרקער, פלאַמענדיקער וועט זיך נאָך איר מוזן הערן דער אויפרוף: גייט ווירקט, טרעט אין פאַרבינדונג מיט די לעזער-קרייזן!

*

אויפן ערשטן פּונקט פון דער טאָגעס-אָרדנונג שטייט די פראַגע מכּח דער אָרטאָגראַפיע פון אונדזער שפּראַך, און אויפן צווייטן מכּוח דער גראַמאַטיק.

אַלס יונגער יידישער שפּראַך-פאָרשער קען איך מיט זיכערקייט פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז אונדזער שפּראַך, אַדאַנק איר אייגנאַרטיקער אַנטוויקלונג אַלס אַ מוטערשפּראַך פון אַן אַלטן קולטורפאָלק, האָט אויסגעבילדעט אייגנאַרטיקע שפּראַך-פאָרמען, וועלכע לאָזן זיך צונויפשטעלן אין גראַמאַטישע כּללים. איבערטראָגן אין לעבן די פּאַקטיש-לעבנדע און באַשטייענדע נאַטירלעכע גראַמאַטיק דאַרף זײַן די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ, אָדער בעסער געזאָגט פון די אויסגעוויילטע אירע. דער עיקר, וואָס זי וועט דאָ האָבן צו טון, איז אויסניצן די אַלע אויפגעקליבענע מאַטעריאַלן און ווערק, וואָס זענען געשריבן און געדרוקט געוואָרן דאַריבער ביז הײַנט און אויסגעפינען אומעטום דעם גוטן, ריכטיקן און אייגנאַרטיקן קערן.

בנוגע צו דער אָרטאָגראַפיע איז די אויפגאַבע אַ שווערערע שוין דערפאַר, וואָס ביז הײַנט איז אין דעם פאַך ווייניק געטאָן געוואָרן, אָדער בעסער געזאָגט גאָרניט געטאָן געוואָרן. יעדערער האָט געשריבן ווי ער האָט געוואָלט: די אינטעליגענץ האָט געוואָלט יוצא זײַן פאַר דער דײַטשער שפּראַך און האָט געבראָכן די דורך געוואוינהייט פעסטגעשטעלטע אָרטאָגראַפיע, די מאַסע האָט עס אָפט געטאָן און טוט עס פון אומוויסנהייט. מען מוז אויסזוכן פעסטע כּללים און געפינען דעם ריכטיקן יסוד פאַר דער אָרטאָגראַפיע. די כּללים דאַרף מען זוכן אין דעם יידישן כּתב גופא, אין די דענקמעלער פון אונדזער שפּראַך אין משך פון 300 יאָר און אין דער נאַטור פון אונדזער שפּראַך—און דאָ געפינט מען זיי. אין דעם זינען האָב איך געפירט מײַן אַרבעט אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר יאָרן און בין געקומען צו די נייטיקע רעזולטאַטן; אין פאַרבינדונג מיט די בעסערע כּחות פון אונדזערע שפּראַך-פאָרשער, האָף איך, וועט זיך מיר אײַנגעבן אויפצושטעלן די אָרטאָגראַפישע כּללים פון

אונדזער שפראַך. און די ווײַטערע אויפגאַבע אונדזערע, אַן אויפגאַבע אַ שווערע און ערנסטע, וועט זײַן דורכפירן אין לעבן און ליטעראַטור די איינהייטלעכע יסודות פון יידיש שרײַבן.

בײַ הײַנטיקן טאָג זענען די פראַגן נאָך ריין וויסנשאַפטלעכע, און צו לאַנג וועט דויערן, ווען מען זאָל זיך אויף זיי מער אָפשטעלן.

נאָר אויב די ערשטע 2 פונקטן פון דער טאַגעס=אָרדנונג לאָזן זיך זיכער ברענגען צו אַ געהעריקן סדר, איז די זאַך אַ סך שווערער מיטן דריטן פונקט: „פרעמדע און נײַע ווערטער“. שווער איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר האָבן קיין מאָס ניט אין האַנט, כדי צו קאָנען באַשטימען די פרעמדקייט און ניט=פרעמדקייט פון פאַרשיידענע ווערטער. עס זענען דאָ ווערטער, וועלכע זענען פרעמד די ברייטע יידישע שיכטן פשוט דערפאַר, וואָס זיי זענען ניט אויפגעוואַקסן צו דער קולטורעלער מדרגה, בײַ וועלכער די ווערטער ווערן געברויכט, אין דער צײַט ווען אין די אינטעליגענטע שיכטן זענען די ווערטער גוט באַקאַנט. קאָן מען דען אַזעלכע ווערטער אָנרופן פרעמדע? אַזעלכע און אַנדערע פרינציפיעלע פראַגן וועלן מוזן אַרויסטרעטן אויף דער קאָנפערענץ בשעת דער דאָזיקער פונקט וועט פאַרהאַנדלט ווערן, און מיר גלייבט זיך ניט, אַז עס זאָל זײַן לײַכט צו לייזן. בכלל כדי צו קאָנען פעסטשטעלן וועלכעס וואָרט איז אַן אייגנס און וועלכעס ניט מוז מען גוט באַקאַנט זײַן מיטן לעבעדיקן פאָלקסלשון פון די פאַרשיידענע יידישע שיכטן. און דאָס איז זייער זעלטן דער פאַל בײַ אונדזער אינטעליגענץ, אַפילו בײַ דער וואָס רעדט און שרײַבט יידיש. אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק איז די פראַגע וועגן נײַע ווערטער, ווערטער וועלכע זאָלן פון דער יידישער שפראַך גופא אויסגעבילדעט ווערן אין גייסט פון דער שפראַך. אַזאַ מין בילדונג קאָן אויפן ערשטן קוק אויסזען ווי אַ חידוש פאַר די וועלכע הערן ניט אויף צו אָנפאַלן אויף אונדזער שפראַך און זאָגן, אַז אויסער צו פאַרגרײַזן אַנדערע שפראַכן האָט זי גאָרניט ניט געקאָנט, נאָר ווער עס קוקט זיך גוט צו, זעט וויפיל נײַעס מיר האָבן אין דער שפראַך אויפגעטאָן, וויפיל נײַע, דינע שאַטירונגען (ניואַנסן) מיר האָבן אויפגעשטעלט און וויפיל נײַע באַגריפן מיר האָבן אויפגעשטעלט.

מיר האָט זיך אײַנגעגעבן אין מײַנע וויסנשאַפטלעכע באַמערקונגען אָנצווײַזן, ווי פון איין „פעל“ (למשל: גיין) האָט די שפראַך אייגנאַרטיק אויסגעבילדעט ביז 30 נײַע באַגריפן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער דײַטשער שפראַך. דורך פאַרבינדונג פון העברעישע ווערטער מיט ווערטער פון דײַטשער אָפשטאַמונג זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנצע שורה פון נײַע ווערטער, נײַע באַגריפן, און אַזעלכע ווערטער האַלטן אין וואַקסן, די יונגע ליטעראַטור שאַפט זיי טאָג=טעגלעך; שוין אין דער אַלטער צײַט האָבן מיר געהאַט אייניקע אַזעלכע אינטערעסאַנטע בילדונגען ווי: רבי=געלט, דירה=געלט, ערבות=געלט, חדר=ייִנגל, חברה=מאַן, כפרה=הינדל. איצט האָבן מיר געשאַפן אַזעלכע

ווערטער אויך פֿאַר אַבסטראַקטע השגות און פֿאַר סימבאָלישע באַגריפֿן. ווי שיין עס קלינגט למשל: מלאָכים=בליקן, יוגנט=חן, תאווה=פֿײַער, סמבטיון=שטראָם, אָדער די פֿאַרבינדונג פֿון ווערטער פֿון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג אויף אַן אייגנאַרטיק יידישן שטייגער: מענטשן=גאָט (אין „שבתי צבי"), פּערל=טוי א"אַנד. די רײַכסטע השגות קאָן מען בילדן אויף אַזאַ אופן.

לייזט מען פּרינציפּיעל די פֿראַגע איבער פֿרעמדע ווערטער און זאַמלט מען אויף די ביז אויף הײַנטיקן טאָג געשאַפֿענע נײַע ווערטער, דאַן האָט מען אין דער האַנט דאָס נייטיקע מאַטעריאַל פֿאַר דעם גרויסן שפּראַך=אוצר, פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון אַ יידישן ווערטערבוך, די פּראַקטישע זײַט פֿון וועלכן עס ווערט באַהאַנדלט אין פֿערטן פּונקט פֿון טאַגעס=אָרדענונג.

די נייטיקייט פֿאַר אַ פֿולשטענדיקן יידישן ווערטערבוך איז שוין איצט, בשעת אַ גרויסער טייל פֿון דער אינטעליגענץ האָט זיך צוגעווענדעט צו דער מוטערשפּראַך, אַ ברענענדע פֿראַגע פֿון מאָמענט. ניט אַלע זענען מסוגל צו אַרויסזוכן פֿון דער לעבעדיקער שפּראַך די פּאַסיקע ווערטער, און נאָך ווייניקער זענען אַלע מסוגל צו בילדן נײַע ווערטער. און אויב זאַכקענער וועלן ניט זען ברענגען די זאַך אין געהעריקן סדר, קומט אויס צו צווינגען אַ סך קרעפֿטן אויפֿצוהערן צו רעדן און שרײַבן יידיש אָדער אַרײַנצוטראָגן אין אונדזער שפּראַך אַ ניט=געווינטשן עלעמענט; מיר מוזן געבן אַ מעגלעכקייט אַלע שאַפֿנדע כּחות צו פֿונאַנדערגיסן זיך ברייט און פֿרײַ אין מאַמע=לשון, אַז זיי זאָלן ניט דאַרפֿן און ניט קאָנען זאָגן: ס'איז ענג מיר די שפּראַך, איך קאָן זיך ניט פֿרײַ פֿילן. — און ניט ווייניקער איז נייטיק די שאַפֿונג פֿון אַ ווערטערבוך (אין אַ ביליקער קעשענע=אויסגאַבע) פֿאַר די ברייטע פֿאָלקס=שיכטן, און אויסער נוצן קאָן דאָס גאָרניט ברענגען. אין ווערטערבוך קאָן דער מענטש פֿון דער מאַסע אָפּט נאָכזען די ריכטיקע אָרטאָגראַפֿיע פֿון אַ וואָרט; אין ווערטערבוך קאָן ער געפֿינען אַ וואָרט וועלכער אים פֿעלט, און ניט נייטיקן זיך אַרײַנצושטעלן קיין רוסישן וואָרט אָדער אַ וועלכן ניט איז אַן אַנדערן; לסוף וועט די מאַסע אַדאַנק דעם ווערטערבוך קאָנען ריכטיקער פֿאַרשטיין די באַגריפֿן פֿון אַנדערע שפּראַכן פֿאַרגלײַכנדיק זיי מיט די אייגענע.

איך וויל נאָך אַגב אורחא באַמערקן, אַז אויך דער פֿאָרשער פֿון דער יידישער שפּראַך קאָן זיך ניט באַגיין אָן אַ ווערטערבוך, און אַז עס איז זייער שווער פֿאַר אים צו ציען זײַן מאַטעריאַל פֿון קאָכיקן שפּראַך=ים אָן אַ סדר, אָן אַן אָרדנונג.

פּראַקטיש לאָזט זיך די זאַך אויספֿירן נאָר בשעת עס זאָל זײַן דערצו אַ געוויסער געלט=פֿאָנד; עס דאַרף דאַן אײַנגעזעצט ווערן אַ קאָמיסיע פֿון מבֿינים פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און געגנטן ווו עס לעבט די שפּראַך, עס מוזן אויסגענוצט ווערן אַלע אַרבעטן וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן אין דעם פֿאַך (האַרקאַוויס ווערטערבוך) און אַרויסגעגעבן ווערן אין איינצלנע ליפֿערונגען נאָך די אותיות נאָך.

ווייניק פאַרשטענדיק איז מיר דער 5טער פּונקט, וואָס הייסט: „די איבערזעצונג פון תנ"ך אויף יידיש".

די נייטיקייט פון אַזאַ מין איבערזעצונג קען מען פאַרשטיין פון דריי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן: א) פון רעליגיעזן. בשעת די אַלטע ריינע אמונה פון אַ פאָלק ווערט אין לעבן פאַרגעסן, בשעת געוויסע פאָלקסשיכטן זענען ניט מער באַקאַנט מיט דער שפּראַך און מיט דעם אינהאַלט פון די רעליגיעזע ספרים, דאַן זוכן די רעליגיעזע פאַרטרעטער זיינע צו פלאַנצן אין פאָלק די אַלטע אמונה, צופּאַסנדיק זי צו זיין שפּראַך און צו זיינע השגות. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס איז אַרויס דער מחבר פון דער ערשטער יידישער תנ"ך־איבערזעצונג לעאָ [!] אדם אין 1532טן [!] יאָר און דער מחבר פון „צאינה וראינה" אין 1600טן יאָר. זיי האָבן געטאָן די אין זייער צייט וויכטיקע אַרבעט: צו באַקענען די יידישע פרוי מיט דער יידישער אמונה און מוסר. ניט פון דעם שטאַנדפּונקט גייען אַרויס די אויפטוער פון דעם פּונקט. דאָס איז זיכער, אַז די ניי־אויפקומענדע אמונה־זוכעניש אין דער יידישער יוגנט קאָן קוים געפינען גייסטיקע רו אויף די בלעטער פון תנ"ך. ב) פון געשיכטלעכן. נאָר אויב אַזוי דאַרף מען העכסטנס איבערזעצן נאָר געוויסע חלקים פון תנ"ך, דערהויפּט די נביאים ראשונים, און אויך זייער פאָרזיכטיק און מיט באַמערקונגען, ווייל דאָס געשיכטלעכע מאַטעריאַל פון תנ"ך איז ניט שטענדיק ריכטיק; און אין יעדן פאַל וואָלט בעסער זיין שאַפן אַ מאָדערנע פאָלקסגעשיכטע פאַר דער מאַסע, וועלכע זאָל בכלל ניט אַרויסגיין פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט ביי דער באַטראַכטונג פון פאָליטישע מעשים. ג) פון ליטעראַריש־עסטעטישן. נאָר אויב אַזוי האָט עס געדאַרפט אַנדערש אַוועקגעשטעלט ווערן. אין דעם זינען האָבן מיר אַ סך וויכטיקע ליטעראַרישע ווערק וועלכע זענען געשריבן דורך יידן אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, און עס איז זייער וויכטיק אַרויסצוגעבן אַלץ אין אַ פאָלקס־אויסגאַבע, צו וועלכער די איבערזעצונג פון געוויסע ערטער אין תנ"ך קען דינען אַלס אַן אָנהייב.

III

דער 6טער פּונקט פון טאַגעס־אָרדנונג באַשעפטיקט זיך מיט „דער יידישער יוגנט און דער יידישער שפּראַך". וויל מען קלאָר ווערן אין דער באַציִונג פון דער יוגנט צו אונדזער שפּראַך, קען מען אָבער ניט באַגנוגענען זיך מיט פאַרבייגייענדיקע באַמערקונגען מכּח דעם איצטיקן מצב, מען מוז האָבן גענויע ידיעות, יאָ, זאָגאַר אַ סטאַטיסטיק אין די הענט מכּח דעם וואָס פאַר אַ צאָל לעזער האָבן מיר אין דער יוגנט, צו וועלכע שיכטן געהערן זיי, וואָס זוכן זיי אין דער ליטעראַטור און וואָס פאַר אַ באַדערפעניש זייערע באַפרידיקט זי. נאָר דאָ שטויסן מיר זיך ווייטער אָן אויף דער שווערער פראַגע, דאָ פאַלן מיר ווייטער אַריין אין תהום וואָס ליגט צווישן אונדז און צווישן די לעזער־קרייזן. און גראָד איז דער פּונקט זייער אַ וויכטיקער: די

יוגנט שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם נײַעם דור װעלכער טרײַבט װײַטער זײַן קיום מיט דער יידישער שפּראַך אויף זײַנע ליפּן. אויפֿהייבנדיק זיך איבער די השגות פֿון דער אַלטער יידישער װעלט מיט איר אָפּהענטיקייט, זוכנדיק גײַסטיקע שפּײַז פֿאַר זײַן דורשטיקן האַרץ און מח, זאָגט ער צו אַ נײַע צוקונפֿט דער יידישער ליטעראַטור—און אויף אים קאָן זי בויען איר יסוד.

נאָר ניט מיט דער יוגנט אין ענגן זינען דאַרף מען זיך באַשעפֿטיקן אין דער הינזיכט; נאָר ס'איז שוין צײַט צו שאַפֿן עפּעס אויך פֿאַר אונדזערע קינדער, פֿאַר די קינדער פֿון די ברייטע פֿאָלקסשיכטן, װעלכע זייגן אײַן די יידישע שפּראַך מיט דער מוטערמילך און באַקומען אין איר זייער ערשטע הדרכה. אָנשטאָט צו לאָזן די קינדער זיך אָן סדר און פּלאַן ערציִען פֿון די פֿאַרזאָרגטע עלטערן און אָנשטאָט צו לאָזן זיי אָן אַ בעסערער ערציִונג ביז זיי װעלן אויסלערנען אַ װעלכע ניט איז שפּראַך, איז דאָס בעסטע און װיכטיקסטע שאַפֿן פֿאַר זיי אַ יידישע קינדערװעלט, אַ קינדערצײַטונג געשריבן אויפֿן פּשוטן לעבעדיקן מאַמע־לשון, װעלכע זאָל זיי אין דער ריין קינדישנאַיִװער פֿאָרם צוטראָגן די ערשטע השגות פֿון װיסנשאַפֿט, מאָראַל און לעבנסקענטניס. דער חוב אַזאַ קינדערװעלט צו שאַפֿן איז אַ גרויסער און הייליקער, און אים צו ערפֿילן איז איצט די רעכטע צײַט: די יידישע שפּראַך האָט איצט געשאַפֿן אַ ברייטערן צוטריט צו דער יידישער פֿאַמיליע; די איבערצײַגונג, אַז די רעליגיעזע ערציִונג אַליין איז װייניק, איז דורכגעדרונגען אַלע שיכטן — און דערצו האָבן מיר איצט אין אונדזערע רייען די בעסטע ליטעראַרישע קרעפֿטן װאָס זענען מסוגל אַראָפּצולאָזן זיך אין דעם װעלטל פֿון דער קינדהייט און װעלכע האָבן ביז הײַנט געאַרבעט מיט גרויס ערפֿאָלג אין דער העברעיִשער קינדער־ליטעראַטור. װעט די קאָנפֿערענץ דערצו געפֿינען די נייטיקע מיטלען, כּדי זי זאָל קאָנען די זאַך מאַכן פֿאַר אַ װירקלעכן פֿאַקט אין לעבן, װעט מיט דעם אַליין שוין זײַן אָפּגעטאָן איינע פֿון אירע װיכטיקסטע אויפֿגאַבן.

די װײַטערדיקע פֿיר פּונקטן פֿון דער טאַגעס־אָרדנונג באַשעפֿטיקן זיך ספּעציעל מיט דער יידישער פּרעסע און בינע און מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די שאַפֿנדע קרעפֿטן זייערע.

אויב די יידישע פּרעסע האָט זיך שוין דערשלאָגן צו אַ געװיסער פּאָפּולאַריטעט אין די יידישע מאַסן; אויב אַ יידישע צײַטונג װערט מיט יעדן טאָג אַ מער נייטיקע גײַסטיקע באַדירפֿניש אין יעדער יידישער הויז; אויב עס האָט זיך אויסגעבילדעט אין פֿאָלק אַ השגה איבער דעם װערט פֿון דער אָדער יענער צײַטונג, פֿון דעם אָדער יענעם שרײַבער — איז עס נאָך לײַדער ניט דער פֿאַל מיט דער יידישער בינע. די שעפֿונג פֿון אַן אמתער יידישער בינע איז נאָך ניט געשען, כאָטש עס איז אויסגעװאַקסן דערצו אַ ברענענדע קולטורעלע באַדירפֿניש בײַ די פֿאָלקסשיכטן און כאָטש דאָס יידישע לעבן גיט רײַכע מאַטעריאַל פֿאַר דער יידישער בינע. אַ סך אַלטע

פורים-שפּילן" און נײַע ניט בעסערע ווערק האַלטן זיך נאָך אין זייער ווערט, אונטער אַ מער מאָדערנער מאַסקע שטייען אויף אַלטע בדחנים און „באַ-רײַכערן" דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור. דער געשמאַק פון די עלטערע טיילן אין דער מאַסע איז שרעקלעך פאַרדאָרבן, און אַ געשמאַק צו אַן עסטע-טישן פאַרגעניגן פעלט זיי לחלוטין; העכסטן קען מען אַרבעטן און שאַפן אַ יידישע בינע פאַר די יונגע; די אַלטע וועלן ערשט אַרײַנגעצויגן ווערן שפּעטער, ווען מען זאָל געבן אַ נאַציאָנאַלע פאַרבונג דעם יידישן טעאַטער און מען זאָל די העלדן, וועלכע זיי זענען געוויינט צו זען אין פורים-שפּיל, אויפהייבן צו העלדן פון אַן אמתער היסטאָרישער דראַמע; דעם אָנהייב האָט באַוווסטזיניק אָדער ניט געמאַכט שלום אַש אין זײַן „שבתי צבי" און זאָגט דאָס צו אין אַ ריי ווײַטערע היסטאָרישע דראַמען. דעם יסוד פאַר אַ יידישן טעאַטער דאַרפן לייגן גרופן ליבהאָבער און וואַנדערנדע גרופן. אַנטוויק-לענדיק דעם געשמאַק פון דער מאַסע, וועלן זיי שאַפן דעם אָרט פאַר אַ שטענ-דיק טעאַטער אין יעדער שטאָט.

דאָס טעאַטער און דאָס בוך—האַנט בײַ האַנט דאַרף דאָס צווילינגס-פּאָר אַרײַנגיין אין דער יידישער גאַס, דורכדרינגען אין אַלע פּאָלקסשיכטן און גיסן ליכט אין לעבן אַרײַן. די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער מאַסע איז אַ שווערע, זי איז אָפּגעריסן פון גייסטיקן לעבן, איז שטענדיק אין בהלה, לויפנדיק נאָך חיונה; דערפאַר דאַרף דאָס יידישע בוך און דאָס יידישע טעאַטער געמאַכט ווערן ביליק, כדי יעדערער זאָל קענען פון זיי געניסן. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק, אין די פאַמיליען-קרייזן דאַרף געפלאַנצט ווערן פריער ליבע צום יידישן בוך און טעאַטער, און דאָס יידישע בוך און טעאַטער דאַרפן געשטעלט ווערן אַזוי, אַז מען זאָל זיי קענען ליבן, אַז מען זאָל זיי מוזן ליבן, זיי זאָלן ניט זײַן ענג טענדענציעז און ניט פּוסט, זיי זאָלן דעם פאָלק דערלאַנגען דאָס לעבנסבילד און לערנען אים געפינען אַליין דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דאָס אידעאַלע און פאַרדאָרבענע.

במילא ווען דאָס יידישע בוך און טעאַטער וועלן געפינען זייער ברייטע אָנערקענונג אין פאָלק, וועט וואַקסן אויך דער דרך-ארץ פאַרן יידישן שרײַ-בער און ס'וועט זיך פאַרבעסערן זײַן עקאָנאָמישע לאַגע, זײַן שאַפן וועט ברענגען פּרוכט פאַר אַ גרויסער מאַסע, וועלכע וועט אים אויך געבן די מעג-לעכקייט צו אַנטוויקלען פרײַ זײַן טאַלאַנט. באַטראַכטן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע שרײַבער אַלס אַ זעלבשטענדיקע זאַך איז דערפאַר אוממעג-לעך, און נאָר די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פון דער שפּראַך קען דאָ אַרויסווײַזן איר גוטע ווירקונג. עפּעס קען אמת אויפגעטאָן ווערן דורך זעלבסטהילף פון די שרײַבער גופא, נאָר אַזאַ זעלבסטהילף קען זײַן הײַנט זייער שוואַך און קען נאָר אויסגענוצט ווערן פאַר צופעליקע גע-שעענישן, ווי פאַרן פאַל פון טויט פון וועלכן ניט איז שרײַבער, וועמעס פאַמיליע עס בלײַבט אָן מיטלען.

אַ ריין=פּאָליטישע פראַגע איז די פראַגע מכח דער אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך, און פאַר איר דורכפירונג קען פאַר קיין פאַל גאָרנישט בייטון אַ שפּראַך=קאָנפערענץ, וועלכע טראָגט ניט קיין שום פּאָליטישע פאַרבונג. אויף וויפיל מען פאַרשטייט אונטער דעם פונקט די אַנערקענונג מצד דער מלוכה און פון דער אָפיציעלער וועלט — איז די לאַגע אין יעדער לאַנד פאַרשיידן און הענגט אָפּ פון די פּאָליטישע טענדענצן פון דער מלוכה און פון דער פּאָליטישער מאַכט פון יידן. מיינט מען אָבער אונטער דעם די אַנערקענונג מצד דער געזעלשאַפט, אַזוי האָט די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפט, אויף וויפיל זי וייס פון דער יידישער שפּראַך, גאָרניט קעגן איר אַנערקענונג, און די לעצטע צייט ווייזט זי אַפילו אַרויס אַן אינטערעס פאַר די ווערק פון אונדזער ליטעראַטור. געוויינלעך קען מען די זאַך ניט ווייט טרייבן און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל לערנען אונדזער שפּראַך; ווייל כדי אַן אַנדער פאָלק זאָל לערנען אונדזער שפּראַך, דאַרף זי האָבן וועלכע ניט איז באַזונדערע קולטורעלע אָדער ווירטשאַפטלעכע פאַרדינסטן, און ליידער האָט זי נאָך ניט די און ניט יענע.

לערנען און באַשעפטיקן זיך מיט דער שפּראַך=פאָרשונג קען מען נאָר שטעלן פאַר אַ מאָראַלישן חוב די אייראָפּעיִשע שפּראַך=פאַקולטעטן, ווי מען באַשעפטיקט זיך מיט אַ סך גאַנץ ווייניק קולטורעלע לשונות, — דאָס איז אמת ניט קיין שווערע אויפגאַבע, נאָר מען דאַרף צו איר גיין אויף אַן אומוועג און האָבן צו איר פּאַסיקע קרעפטן. מען מוז אין דער וויסנשאַפטלעכער פּרעסע פון אייראָפּע פאַרשפּרייטן ידיעות איבער דער געשיכטע און בנין פון אונדזער שפּראַך און זען באַקענען מיט איר די שפּראַך=פאָרשער, און דאַן איז די זאַך געוווּנען.

די אַנערקענונגס=פראַגע קען אָבער אויסוואַקסן גאָר ניט געריכט אין אַ ברענענדיקן פונקט פון טאַגעס=אָרדנונג, ווען מען זאָל אונטער איר פאַרשטיין די פּרינציפּיעלע אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין דער יידישער גאַס. דאָ וועלן אַרויפקומען אויפן וואַסער די אַלטע פראַגן מכח העברעיִש און איר קאָנקורענץ מיט יידיש, — פראַגן וועלכע זענען די לעצטע צייט באַהאַנדלט געוואָרן גענוג פון ביידע צדדים און וועלכע האָבן ניט קיין פּראַקטישע נוצן פאַר דער קאָנפערענץ, וועלכע האָט פאַר זיך נאָר איין צוועק: שאַפן גינסטיקע תּנאָים פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך.

אַ שווערע און צום טייל אַ פּאָליטישע איז אויך די פראַגע מכח „ליטעראַרישע אייגנטום און זיין פאַרזיכערונג". די יידישע ליטעראַטור, וועלכע וואַנדערט איבער ימים און לענדער צוזאַמען מיטן יידישן פאָלק, איז זייער שטאַרק געבונדן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן שוץ פון בוך, און כּל זמן דאָס בוך וועט ניט איינגאַנצן זיין געשיצט און כּל זמן ניט אַלע מלוכות וועלן זיין אין יד=אחת, וועט אונדזערע שרייבער פון דעם אויסקומען צו ליידן. וואָס קענען זיי דערצו טון? ווי קענען זיי זיך העלפן? דער וועג וועלכער ליגט פאַר זיי

איז נאָר די פרײַע פאַראייניקונג פון אַלע יידישע שרײַבער אין פאַרשיידענע לענדער אויף אָפּצוהיטן ברידערלעך זייערע אינטערעסן. אַזאַ פאַראייניקונג קען זײַן זייער ערנסט, אָבער דער יסוד אירער וועט שטענדיק בלײַבן נאָר אַ מאָראַלישער, און פאַר וועמען מאָראַל איז פון ווייניקן ווערט, וועט קענען יעדן טאָג זייער רעכט ניט אַכטן. די פראַגע איז דערפאַר גאָר ניט קיין גרינגע.

דאָס זענען די פונקטן פון דער טאַגעס־אָרדנונג, צו וועלכע עס וועלן נאָך צוקומען פאַרשיידענע פאָרשלאָגן פון פראַקטישער נאַטור.

די צײַט פאָדערט פון אונדז אַרבעט, און מיר גייען צו איר, מיר גייען לייגן דעם יסוד פון אַ נײַער עפּאָכע אין אונדזער שפּראַך־געשיכטע. דער עיקר איז אָבער — אַלץ אָן איבעריקע התלהבות און אויך אָן יאוש. מען דאַרף ניט איבערשאַצן די כּחות און ניט ווייניקער שאַצן זיי. אין ערשטן פאַל בויט מען לופט־בנינים, וועלכע פאַלן אונטערן הילכיקן געלעכטער פון די שונאים, אין צווייטן פאַל בויט מען גאָרניט.

יעדער התחלה איז שווער, און מאַכן זי אין אַזאַ מאָמענט, ווען דאָס גייסטיק דורשטיקע פאָלק שטייט שטום און ווען שאַפנדיקע כּחות וואַקסן און גייען פאַרלאָרן, איז דער הייליקסטער חוב פון אונדזער צייט. ערנסט און מיט האָפנונג אין דער אַרבעט!

בערן, 17 אויגוסט, 1908.

לייטאַרטיקל אין פאָרווערטס, נ״י, סעפּטעמבער 12:

י י ד י ש

דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז איינע פון די פאַסירונגען, וועלכע שטרעבן פעסטצושטעלן די ווירדע און וויכטיקייט פון אונדזער „מאַמע־לשון,“ — דעם אַמאָליקן זשאַרגאָן אַן אָרט געבן צווישן די שפּראַכן אין אייראָפּע. אַזעלכע פאַסירונגען זענען אין פאַרלויף פון די לעצטע 25 יאָר געווען פאַרשיידענע. די וויכטיקסטע פון זיי קומען אין דער פאָרמע פון יידישע ליטעראַרישע ווערק. יעדע טאַלאַנטפולע סקיצע וואָס ווערט געשריבן פון אונדזערע בעלעטריסטן, יעדע שיינע געדיכט וואָס ווערט געבאָרן פון די פעדער פון אונדזערע פּאָעטן מאַכט טיפער דעם אײַנדרוק, אַז יידיש איז ניט קיין „באָלבעריַי“, נאָר אַ שפּראַך מיט אַלע שפּראַכן פון דער ציוויליזירטער וועלט צוגלײַך.

דער אַלטער געפיל איז אָבער נאָך גאַנץ שטאַרק אײַנגעוואָרצלט, און ווען אַ געבילדעטער רוסישער ייד פון דעם אַלטן דור לעזט איבער אַן ערציילונג פון פּרץ אָדער שלום אַש, ווערט ער איבערראַשט. עס גלייבט זיך אים גאָרניט, אַז אויף יידיש זאָל מען אַזוי קענען שרײַבן. די זאַפטיקייט פון די אויסדריקע, די בויגיקייט פון די זעצע, די מעלאָדישע שיינקייט און די זעלבשטענדיקע קראַפט פון דעם גאַנצן צוזאַמען־געבוי פון די ווערטער —

דאָס אַלעס קומט בײַ אים אויס ווי אַ נײַעס, וועלכער האָט זיך אים קיין מאָל ניט געטרוימט. עס איז אַזוי, ווי אַן אַלטע באַקאַנטע פּרויענצימער, וואָס מיר קענען פֿאַר אַ מיאוסקייט און אַ שלומפּער און אַ נאַר, וואָלט פּלוצלינג פֿאַר אונדז ערשינען מיט אַ שיינער חנעוודיקער געזיכט, אין פּרעכטיקע קליידער און מיט קלוגע, אינטערעסאַנטע רייד. עס איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס איז די זעלבע; עס איז אָבער פֿאָרט זי. די שטימע איז אירע, דער אָנבליק איז אירער, יעדע אַוואַיע איז אירע.

די יידיש פֿון די פּרצעס מיט די אַשס, מיט אירע אַלע עשירות און גלאַנץ, איז נאָך אַלעמען די זעלבע יידיש וואָס אונדזערע מאַמעס און באָבעס האָבן גערעדט. ניט בלויז די נשמה איז די זעלבע, נאָר דער גוף אויך. און וואָס נעענטער זי איז צו די אַלטע, אַלטע מוטערשפּראַך אונדזערע, וואָס יידישער די יידיש, אַלץ געשמאַקער לעזט זי זיך, אַלץ זיסער איז איר מוזיק אין אונדזערע אויערן, אַלץ העכער איז איר פּראַכט אין אונדזער האַרצן.

אויסצוואָרצלען אַלטע, טיף אײַנגעגראָבענע אײַנדריקע איז אָבער ניט לײַכט. עס נעמט צײַט. די אַנערקענונג, אַז אונדזער שפּראַך איז אויך אַ שפּראַך, קומט אָן ביסלעכווײַז. יעדע נײַע ליטעראַרישע ווערק העלפט מיט. יעדע יידישע צײַטשריפֿט, וואָס רעדט מיט דעם ווירדיקן טאָן פֿון די אומות העולם, פֿאַרשטאַרקט דעם נײַעם באַגריף; און אַזאַ פּאַסירונג ווי אַ קאָנפֿערענץ, וווּ יידיש ווערט באַשפּראָכן אַלס אַ שפּראַך וואָס קען ווײַטער ניט זײַן קיין הפקר, נאָר מוז האָבן באַשטימטע פֿאָרמען, אַ באַשטימטע גראַמאַטיק, באַשטימטע „ספּעלליִנג" — אַזאַ קאָנפֿערענץ רעזומירט אַלע דיזע אײַנדריקע און שטרײַכט שטאַרק אונטער דעם באַוווּסטזײַן, אַז יידיש איז אַ פֿיל וויכטיקערע זאַך ווי מען פֿלעגט מיינען, און קען זײַן אַזוי וויכטיק ווי דײַטש, ווי פֿראַנצויזיש, רוסיש אָדער ענגליש.

דער קוואַל פֿון דיזן וואַקסנדן נײַעם באַגריף איז די יידישע פּאָגראָמען־עפּידעמיע, וואָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אין די אַכציקער יאָרן. ווען ניט זי, וואָלט אַ געבילדעטער ייד וואָס שרײַבט יידיש געווען אַזאַ זעלטנהייט ווי פֿריער. גלײַך נאָך די ערשטע פֿאַר פּאָגראָמען האָבן יידישע סטודענטן וואָס פֿלעגן זיך שעמען צו הערן ווי מען רעדט יידיש, — ווער רעדט שוין וועגן רעדן! — גלײַך נאָך די ערשטע פֿאַר פּאָגראָמען האָבן זיי אָנגעפֿאַנגען אויף די גאַסן, אין דער הויך, זייער מוטערשפּראַך צו געברויכן. דאָס איז געווען זייער דעמאָנסטראַציאָן צו ווײַזן, אַז פּאָגראָסענע יידישע בלוט האָט זיי די אויגן געעפֿנט, אויפֿגעוועקט זיי פֿון זייער נאַרישן טעות, אַז זיי קענען זיך אָפּשאָקלען פֿון זייער פֿאָלק.

און אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. די ערשטע ציגל צו דעם בנין פֿון דער יידישער ליטעראַטור האָט אַבראַמאָוויטש און שלום־עליכם געמאַכט פֿריער; אָבער ווען ניט די פּאָגראָמען, וואָלט די געבײַדע ווײַט ניט דערגאַנגען. אום עס זאָל קענען בײַ אונדז וואַקסן אַ ליטעראַטור, איז צוערשט

נייטיק געווען אַן אַלגעמיינער הכשר אויף יידיש, אַן אַנערקענונג, אַז צו שרײַבן „זשאַרגאָן" איז ניט קיין אומפּאַסיקע זאַך, — אַז אַדרבא, עס איז „אַ גוטע זאַך".

וואָס שפּעטער וועט זײַן, קענען מיר ניט נביאות זאָגן. ווי אַזוי עס וועט ווירקן אויף דעם שיקזאַל פון יידיש אַן אמתע באַפרײַונג פון רוסלאַנד מיט אַן אמתע אויסלייזונג פון די יידן — דאָס אויסצורעכענען פאָרויס נע־מען מיר זיך ניט אונטער. פאָרלויפיק אָבער איז דער פאַקט אַ פאַקט, אַז די יידישע שפּראַך בליט און וואַקסט, און אַז אין אונדזער בעלעטריסטיק וויי־ניקסטנס איז זי שוין רײַך אַנטוויקלט גענוג צו פאַרדינען אַ פּלאַץ צווישן די לשונות פון אייראָפּע.

אונדזער קאָרעספּאָנדענט צביון וווּנדערט זיך, פאַרוואָס דאָ אין אַמערי־קע צײַגן מיר אַרויס ווייניק פאָרזיכטיקייט אין אונדזער יידיש, וואָרום מיר געברויכן אַזוי פיל ענגלישע ווערטער און מאַרקירן איבערהויפּט ניט אין שרײַבן, צי דער אויסדרוק איז אַ ריין־יידישער צי ניט, זאָגאַר דאַן ווען אַ יידישער אויסדרוק איז צו דעם געדאַנק פאַראַן — און ניט קיין ערגערער, ווי דער „גויִשקער".

אויף דעם קענען מיר בלויז זאָגן, דאָס אין דעם דראַנג פון פּראַקטישן אַמעריקאַנער לעבן מוזן מיר פון דער שפּראַך פריער פון אַלץ אַ פּראַקטישן געברויך מאַכן — הויפּטזעכלעך אין דער זשורנאַליסטיק. דער הויפּטצוועק איז צו זען, אַז וואָס מערער מענטשן זאָלן אונדז פאַרשטיין: ווען די ריינקייט פון יידיש שטייט אונדז אין וועג אין דיזער באַציִונג, מוזן מיר אָפּפּערן מיט איר. ווען אַן ענגלישער אויסדרוק איז געוואָרן אַ טייל פון אונדזער היגע יידיש און איז נאַטירלעכער און מאַכט דײַטלעכער דעם געדאַנק, ברויכן מיר אים. פילע ווערטער אַזעלכע זענען אַזוי צוזאַמענגעוואַקסן מיטן היגן לעבן, אַז אָן זיי איז דאָ אונדז פיל שווערער זיך צוזאַמענצורעדן. אַזאַ וואָרט למשל ווי „מאָרטגיידזש" איז איצט אַזוי גוט באַקאַנט אונדזערע היגע יידן ווי דער וואָרט „טיש". ווען מיר זאָלן אים ברויכן אויף רוסיש, אָדער אויף דייטש, וואָלטן זיי אים ניט פאַרשטאַנען. ווען מיר זאָלן דאָ זאָגן „רעשטע" צום בײַ־שפּיל אַנשטאָט „טשיינדזש", וואָלט דער לעזער צוערשט געמוזט זיך אָפּשטעלן דערמאָנען זיך מיט אַ שמייכל, אַז אינדערהיים זאָגט מען אַזוי און וואָס דאָס באַטײַט.

דער היגער לעבן איז פיל ברייטער ווי אין די אַלטע געטאָס. די יידן נייטיקן זיך דאָ דעריבער אָפט אין ווערטער וואָס זיי האָבן אינדערהיים גאָר ניט געדאַרפט, און דיזע ווערטער זענען דאָ צוזאַמענגעקניפּט מיט די היגע באַדירפניסע.

ליטעראַטור ווערט גאַנץ אַנדערש געלעזן; אָבער אַ צײַטונגס־אַרטיקל איז אַ זאַך פון מאָמענט; שנעל געלעזן, שנעל פאַרגעסן. נון, דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז מיר שרײַבן דאָ אונדזערע צײַטונגען פאַר עמיגראַנטן פון די

פאַרשיידנסטע געגנטן, מיט די פאַרשיידנסטע יידישע דיאַלעקטן, און אַלע מוזן זיי גלייך קענען פאַרשטיין וואָס מען מיינט.

אויף די ליטעראַרישע יידיש פון אַמעריקע אָבער האָט די ליטעראַרישע יידיש פון רוסלאַנד גאַנץ געוויס איר ווירקונג געהאַט.

דעם ווייטערדיקן אַרטיקל האָט מאָריס ראָזענפעלד, זייענדיק אין עסטרייך, געשריבן צום ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" נאָך פאָרן אָנהייב פון דער קאָנפערענץ; ער איז אין „פאָרווערטס" געדרוקט געוואָרן סעפּטעמבער דעם 13טן מיטן נאָמען: „קראָקע, יידיש און טשערנאָוויץ". מיר דרוקן איבער דעם אַרטיקל פון „ד״ר בירנבוימס וואָכנבלאַט" נומ׳ 5, פון אָקטאָבער 2, צוזאַמען מיט די דאָרטן צוגעגעבענע באַמערקונגען, וועלכע מיר ברענגען צום סוף אַרטיקל. (זע אויך מ. ראָזענפעלדס „שריפטען" VI, נ״י 1910 ז׳ 161—168.)

מאָריס ראָזענפעלד: די באַדייטונג פון „זשאַרגאָן" אין גאַליציען[1]

איך האָב נאָר וואָס אַוועקגעשיקט פינף קראָנען נאָך טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, וועלכע וועלן מיך דאָרט באַרעכטיקן אַלס דעלעגאַט צו דער „קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך" און וועלן מיר געבן אַ שנעלע געלעגנהייט זיך צו פאַרגעסן אָן דעם אַסימילאַטאָרישן קראָקע[2]. דער געדאַנק פון דער קאָנפערענץ איז געבאָרן געוואָרן אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, צו דער צייט, וואָס ד״ר נאַטאַן בירנבוים האָט דאָרט געהאַלטן זיינע פאָרלעזונגען. דעמאָלט האָבן עטלעכע ניו־יאָרקער יידישע שרייבער זיך אונטערצייכנט אויף דעם ערקלערונגס־בריוו וועגן די נייטיקייט פון אַזאַ קאָנפערענץ. פון יענע אַלע אונטערצייכנטע פאָרט אָבער צו דער טשערנאָוויצער אסיפה בלויז איין איינציקער, זשיטלאָווסקי, און איך בין דער צווייטער אַמעריקאַנער, וועמען עס איז באַשערט צופעליק צו זיין פון די קאָנפערענצלער. לויט ווי איך האָב ערשט יעצט ערפאַרן, געפינען זיך שוין אין טשערנאָוויץ פּרץ, אַש, נאָמבערג און נאָך אַנדערע ליטעראַטן פון רוסלאַנד און גאַליציען. איך וועל וואַרשיינלעך אָפּפאָרן פון קראָקע צו דער קאָנפערענץ צוזאַמען מיט אַברהם רייזען, באַלד נאָך מיין פאָרלעזונג, טאַקע די זעלביקע נאַכט. ריזיקע פאָרבערייטונגען זענען געמאַכט געוואָרן. עס וועלן געהאַלטן ווערן רעפעראַטן פון גרויסע שרייבער. איך וועל דאָרט האָבן אַ ספּעציעלן אָוונט אין דעם גרויסן דייטשן טעאַטער, פון וועלכן עס וועט אַראָפּגיין 40 פּראָצענט פאַר ליטעראַרישע צוועקן און פאַר אָרעמע שרייבער, וועמען מען וועט מוזן דעקן די רייזע־קאָסטן אאַז״וו.

מילא, אַ קאָנפערענץ וועט דאָס זיין און אַ היסטאָרישע דערצו, דאָך צו רופן די צונויפגעפאָרענע שרייבער „דעלעגאַטן" איז נישט אינגאַנצן ריכ־

טיק, ווײַל די באַטרעפנדע שרײַבער זענען פון קיינעם נישט דעלעגירט; זיי זענען פון קיין פּאַרטיי, חברה, פאַראיין אָדער גרופּע נאָך טשערנאָוויץ ניט געשיקט געוואָרן. די ליטעראַטן פאַרטרעטן דאָרט ממש נאָר זייער אייגענעם ווילן און אין אַ ווײַטן זין — די יידישע שפּראַך. אָבער דאָס אַליין, ווי עס שײַנט, איז גענוג, דען כאָטש די זאָגענאַנטע דעלעגאַטן פאַרטרעטן דאָרט קיינעם נישט, פאַרטרעטן זיי אַלעמען. זענענדיק די דעלעגירטע פון דער פאָלקסשפּראַך, פאַרטרעטן זיי דאָס גאַנצע פאָלק. עס זעט אפילו אויס זייער פרעמד, דאָס אַזאַ קאָנפערענץ זאָל זײַן אײַנבאַרופן און אַראַנזשירט פון אַ מאַן, וועלכער קען קיין וואָרט יידיש נישט רעדן און צומאָל זייער שווער פאַרשטיין[3], איך מיין ד״ר בירנבוים, דאָך נישט יעצט איז די צײַט צו אונטערזוכן די פּסיכאָלאָגיע דערפון, סײַ ווי סײַ איז ד״ר בירנבוים אַ יידישער שרײַבער, כאָטש ער שרײַבט אין דײַטש, און ער האָט, מען מוז דאָס אים מיט רעכט געשטיין, פאַר דער יידישער קולטור זייער פיל אויפגעטאָן, זיך פּשוט פאַר איר מקריב געוועזן.

איך ווייס, אַז מיט דער אויסנאַם פון אייניקע מענטשן האָט מען אין אַמעריקע קיין צו גרויסע אינטערעסע אין דיזן טשערנאָוויצער צוזאַמענפאָר מחמת פאַרשידענע טעמים. ערשטנס גלייבט מען, אַז עס וועט דערפון קיין פּראַקטישעס סך־הכל נישט אַרויסקומען. צווייטנס איז דער אַמעריקאַנער יידישער שרײַבער, ווי דער יידישער לעזער, נישט צו שטאַרק פאַרקאָכט אין גראַמאַטיקאַלישע כּללים. וואָס מאַכט דאָס אויס אויב מען שרײַבט „גיין", „געהן" אָדער „גאַין", „איד", „ייד", „יוד" אָדער „יאַהודי", אַזוי לאַנג ווי מען קען דאָס איבערליינען און פאַרשטיין. אַ גראַמאַטיקע קען דאָך נישט אײַנגעפלאַנצט ווערן אין אַ פאָלק אָן פאָלקסשולן, איבערהויפּט אָן העכערע שולן, אָן גימנאַזיעס, וועלכע ערקלערן און גיבן איבער מיט דורכפּראָבירטע, פּעדאַגאָגישע מעטאָדן און פּראַקטיקע דעם גייסט פון דער שפּראַך. טויזנט גראַמאַטיקעס און ביכער איבער רעטאָריק און שפּראַך־לערע וועלן קיין גראַמאַטיקאַלישע שפּראַך נישט שאַפן, ווען עס וועט נישט זײַן קיין באָדן אויף וועלכן די שפּראַך זאָל זיך אַנטוויקלען, קיין שולן ווו די יוגנט זאָל קומען לערנען. בײַ די מערצאָל אַפילו פון אונדזערע גוטע שרײַבער ווערט דאָס יידיש באַטראַכט בלויז אַלס אַ פּראָם וואָס פירט אַריבער צו דער אַנדערער זײַט, צו דער לאַנדשפּראַך, וועלכע יעדער אײנער פון אונדז מוז לערנען אין דעם לאַנד ווו ער געפינט זיך.

אָבער אָט די אַלע טענות, געערדט מיט אַ „קאַלטן לונג און לעבער", קענען נאָר גילטן אין אַמעריקע. דאָ, אין גאַליציען, זענען זיי מער ווי אַ בלויזע פראַגע וועגן דקדוק, דאָ איז דאָס אַ פּאָליטישע פראַגע, אַ לעבנספראַגע. און טשערנאָוויץ זאָל איר פאַרענטפערן, דען נאָר אין עסטרײַך מוז די אַלטע שאלה, אויב יידיש איז אַ „זשאַרגאָן", אויב יידיש איז אַ „לשון" — געלייזט ווערן. דאָ מוז זיך איינער שטאַרק און אַכט נעמען, אויב ער וויל

אין דיזער אַנגעלעגנהייט עפּעס אַריינרעדן און זיך אָפּטראָגן מיט גאַנצע ביינער. דאָ איז דאָס ניט קיין קאַפּעהויז־שאלה, קיין יאַלעווער געגנשטאַנד פאַר אַ קיבעצאַרניע; דאָ איז שוין וועגן דעם פאָרגעקומען אַ סכסוך אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט און עס שלייפן זיך געווער פאַר דיזער שפּראַך־שלאַכט, וואָס מוז און וועט פריער אָדער שפּעטער אויפרודערן די וועלט.

דיזע גרויסע קשיא, וואָס וואָרצלט טיף אין די אינערלעכע פּאָליטיק פון די גאַליצישע יידן, איז ערשט אַרויסגעקומען אין איר גאַנצער, פולער שאַרפקייט זינט עסטרייך האָט געגעבן אַלע אירע בירגער דאָס גלייכע און געהיימע שטימרעכט און די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס שטעלן צונויף איר מלוכה, כמעט פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, מיט אַ געזיכערטעס רעכט זיך צו בילדן אין זייערע אייגענע שפּראַכן אויף די הוצאות פון שטאַט. די טשעכן, די פּאָליאַקן, רוטענער, קרואַטן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין דעם האַבסבורגישן רייך (עסטרייך) אַרבעטן יעצט וועגן די אָפיציעלע אַנערקענונג פון זייערע מוטער־שפּראַכן, און די יידן אַרבעטן אויך דערפאַר. ווען די שפּראַך פון די יידן זאָל אַנערקענט ווערן, וועלן זיי מעגן פאָדערן פון זייער פּראָווינץ־לאַנדסטאַג אַ יידישע קאַטעדרע אין דעם גימנאַזיום אָדער אין דער אוניווערזיטעט, ווו וויסנשאַפטן וועלן געלערנט ווערן פון אַ יידישן פּראָפעסאָר אין יידישער שפּראַך.

נון האָבן אָבער יידן ליידער צוויי שפּראַכן. איינע, וואָס זיי האָבן אין גלות געשאַפן און איינע — וואָס זיי האָבן אין גלות פאַרגעסן, נעמלעך: דאָס טויטע לשון קודש, די רעליגיאָנס־שפּראַך פון די תפילות און יוצרות, וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט, און דאָס לעבעדיקע יידיש, וועלכע איז די מוטערשפּראַך פון שטאַרקע זיבן מיליאָן יידן אין דער גאַנצער וועלט. ווען דער יידישער אַבגעאָרדנעטער שטאַנד, פון לעמבערג, אַ ציוניסט, האָט געדאַרפט נעמען די שבועה אין פּאַרלאַמענט, האָט מען אים געהייסן שווערן אין זיין פאָלקס־שפּראַך, און ער האָט געוואָלט שווערן אין לשון־קודש, אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבן די שאלה, אויב דאָס פאָלק רעדט לשון קודש, און קומענדיק צום באַשלוס, אַז העברעיש ווערט נאָר געברויכט בלויז פון זאָגענאַנטע יידישע שפּראַך־אַריסטאָקראַטן, האָט ער געמוזט שווערן אין יידיש[4]. אַזאָס איז געווען די ערשטע אַנטשיידענע שלאַכט צו גונסטן פון אונדזער מאַמע־לשון. די העברעער האָבן זיך פונדעסטוועגן נישט אָפּגעשראָקן און זעצן פאָרט זייער קאַמף נישט נאָר מיט דעם טויטן בוכשטאַב, נאָר מיט די לעבעדיקע אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער — פון די אויסגעברייטעטע יידיש־רעדנדע מאַסן. די העברעער ווייסן גאַנץ גוט, אַז זיי וועלן נישט אָנטשעפּען דעם יידישן פאָלק אַ הייליקן בר־מינן אויפן פּלייצע, ווייל ער וועט דאָס פּאָזיטיוו נישט קענען טראָגן. די יידן רעדן יידיש, און עס איז פאַרפאַלן, אָבער די העברעער פּאַסט דאָס נישט. ס׳טייטש, די „שפחה בזויה", די מיאוסע, נידעריקע דינסט־מויד זאָל ירשענען די בעל־הביתטע. און די מלחמה גייט אויף טויט

און אויף לעבן. ווען עס זאָל אָפיציעל באַשטימט ווערן, אַז לשון קודש איז די יידישע שפּראַך, דאַן וועלן די יידישע מאַסן פאַרלירן זייער ווערט און זייער שפּראַך וועט איגנאָרירט ווערן. עס וועלן דערפון פּראָפיטירן בלויז די „סנאָבס", די נאַציאָנאַלע יידישע אַריסטאָקראַטישע צוקערלעקעך-אידעאַליסטן. דאַרום זענען די אויגן פון די אמתע פאָלק-פריינד און אַרבעטער-פריינד אין גאַליציע און אַפילו אין רוסלאַנד געריכטעט צו טשערנאָוויץ. דאַרום האָט יענע קאָנפערענץ אַ וויכטיקע, היסטאָרישע באַדייטונג. איך ווייס נישט, פון וועלכן שטאַנד די קאָנפערענץ וועט באַהאַנדלען די שפּראַך-פראַגע, וועלכע אַרגומענטן דאָרט וועלן געפירט ווערן און וועלכן ענדציל מען וועט זוכן צו דערגרייכן. מעגלעך, אַז די קאָנפערענץ זאָל טראָגן אַ מין מלמדישן, בטלנישן כאַראַקטער, אַ זאַך וואָס לאָזט זיך אַפילו נישט גלייבן; זיכער איז דאָס אָבער, אַז די קאָנפערענץ וועט האָבן אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויף די יידישע פּאָליטיק אין גאַליציען.

באַמערקונגען פון „ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט" צום אַרטיקל:
¹ דעם אַרטיקל פון מאָריס ראָזענפעלד דרוקן מיר איבער פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס" (13 סעפּטעמבער 1908) וועגן די פאָלגנדע טעמים: 1. גלאַט, ווייל ראָזענפעלד איז דאָך אַ וויכטיקער מענטש און מען באַדאַרף טאַקע זיין מיינונג הערן. 2. ווייל ראָזענפעלד האָט זיך דאָ אין גאַליציען און נאָך מער אין טשערנאָוויץ, ווו ער איז געווען אַ וואָך נאָך דער קאָנפערענץ, אַרויסגערעדט קעגן דער קאָנפערענץ, נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס זי טויג... אין דעם אַרטיקל, וואָס איז אַפנים אַרויסגעשיקט געוואָרן פון גאַליציען קיין אַמעריקע אין די לעצטע טעג פון אויגוסט, האָט ער נאָך געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג און דעמאָלט אַפילו געשיקט דעם ביישטייער פון פינף קראָנען קיין טשערנאָוויץ... וואָס איז געשען אין די פּאָר טעג, אין וועלכע ראָזענפעלד האָט געביטן זיין מיינונג? מיר ווילן ראָזענפעלדן נישט דן לכף חוב זיין. מיר מיינען, אַז ער האָט זיך באַליידיקט וואָס מען האָט זיין טשערנאָוויצער פאָרלעזונג אויף אַ פּאָר טעג שפּעטער פאַרלייגט ווי מען האָט אין אָנהייב געקלערט, און אַזוי ווי ער איז אַ נערוועזער שטימונגס-מענטש, האָט זיך דערפון ביי אים אַרויסגעוואַקסן אַ שטימונג קעגן דער קאָנפערענץ...

וועגן די אויסדריקע, וואָס ראָזענפעלד געברויכט, כדי צו ערקלערן זיין שטעלונג צו העברעיש, איבערנעמען מיר נישט קיין אַחריות.

אין דעם אַרטיקל האָבן מיר נאָר איין שטעלע אָוועקגעלאָזט, ווו ראָזענפעלד רירט אָן פּערזענלעכע פאַרהעלטענישן פון ד״ר בירנבוים, דווקא נישט מיט אומפּריינדלעכקייט, אָבער מיט אַמעריקאַנישער נאַיוויטעט און דערצו נישט ריכטיק אויך.

[2] קראָקע איז אים, ווי עס ווײַזט אויס פון דער שטעלע און פון אַנדערע אַרטיקלען, זייער נישט געפעלן. עס איז דאָ נישט דער אָרט זיך אָפּצושטעלן וועגן דער פראַגע. [3] אַפילו נישט אמת! [4] וועגן דעם ענין איז ראָזענפעלד שלעכט אינפאָרמירט געוואָרן. שטאַנד האָט נישט העברעיש און נישט יידיש געשווירן.

צוגאָב צו ז׳ 34:

הײַנט׳ נומ׳ 184, אויגוסט 28:

הלל צייטלין, „וואָך־נאָטיצן“

עס קומט איצט פאַר די קאָנפערענץ וועגן דער יידישער שפּראַך אין טשערנאָוויץ. פאַרבײַגייען אַזאַ ערשײַנונג אין אַ יידישע צײַטונג איז אוממעגלעך. זאָגן אָבער דעם ריינעם אמת איז אויך שלעכט.

עס קומט אויס, ווי רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט: „אוי לי אם אומר, אוי לי אם לא אומר“ (ווײ איז מיר, אַז איך וועל זאָגן דעם אמת, ווײ איז מיר, אַז איך וועל נישט זאָגן).

זאָגסטו אַן אמת וואָרט וועגן אונדזערע פאַרשידנסטע רעדל־פירער, באַפאַלן דיך אַלע ווי הייסעריקן; נישט זאָגן, שווײַגן, פאַרבײַגיין איז אָבער נישט ערלעך.

ווילנדיק נישט ווילנדיק, מוז מען דעם אמת זאָגן, און זאָלן די געגנער צאָרנען וויפיל זיי ווילן.

דאָ איז נישט דער אָרט צו מאריך זײַן וועגן דעם ענין. איך וויל דאָ דעריבער אין קורצן איבערגעבן מײַן באַציִונג צו אָט דער קאָנפערענץ.

די אידעע פון אַזאַ קאָנפערענץ סימפּאַטיזיר איך ווי איך סימפּאַטיזיר די קאָנפערענץ פון עספּעראַנטאָ־שפּראַך. דאָס זײַנען אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס מען קען אויף זיי זאָגן נאָר: אם לא יועיל לא יזיק...

יעדער מענטש, וואָס דענקט פּיל־וווייניק, ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט קאָנפערענצן באַשאַפט מען נישט קיין שפּראַכן. ממה נפשך: איז די יידישע שפּראַך אַ שפּראַך, בײַטיקט זי זיך נישט אין אַפּוטרופּסים; איז זי נישט קיין שפּראַך — וועלן איר קיין אַפּוטרופּסים נישט העלפן.

אַזאַ קאָנפערענץ האָט נאָך אַ דין, ווען עס פאָרן זיך צונויף שפּראַכקענער, ספּעציאַליסטן, פילאָלאָגן, אָבער נישט ווען עס קומען זיך צונויף צופעליק עטלעכע סתם ליטעראַטן און כתב אורחים, וואָס האָבן „כינף קריאָנען“ אין קעשענע...

דאָס איז בנוגע צו דער עצם אידעע פון דער קאָנפערענץ. איצט אַפּאָר ווערטער וועגן דער פּראַקטישער זײַט, וועגן פּראָגראַם פון אָט דער קאָנפערענץ.

און ווי שווער מיר איז נישט מוז איך דאָך דעם אמת זאָגן, אַז לעכערלעך קומט בײַ מיר אויס די קאָנפערענץ מיט אירע העלדן.

מען מוז לאַכן ווען מען לעזט, אַז י. ל. פּרץ און נח פּרילוצקי וועלן לעזן וועגן „ליטעראַטור און ליטעראַטן“. — נח פּרילוצקי און ליטעראַטור? נח פּרילוצקי און פּרץ? ווי געפעלט אײַך אַזאַ פּאָר קליידער?

ווײַטער: „שלום אַש: וועגן פאַרטײַטשן דעם תנ״ך“...

ווען איך וואָלט עס געלעזן אין אַ הומאָריסטישער צײַטונג, וואָלט איך געמיינט, אַז עמעצער אַ לץ האָט געוואָלט פון שלום אַש חוזק מאַכן...

אָבער אַ יידישע קאָנפערענץ,—שוין זשע וויל זי זיך פון אַשן צו שפּאַס מאַכן?

בכדי צו לעזן וועגן פאַרטײַטשן דעם תנ״ך דאַרף מען דאָך פריער קענען כאָטש תנ״ך...

באַריכט פון דער קאָנפערענץ

רשימה פון די אָנטיילנעמער אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ

(נישט פולשטענדיק)

1) שמואל אײַזענשטאַט (בערן), 2) שלום אַש (קאָזמער), 3) גרשם באַדער (לעמבערג), 4) בוקסנבוים (קאָלאָמיי), 5) ד״ר נתן בירנבוים (טשערנאָוויץ), 6) מ. בירנבוים (וואַרשע), 7) יוסף ברעגמאַן (קיעוו), 8) מאיר גייער (לעמבערג), 9) אפרים דעפלער [דיפלער?] (טשערנאָוויץ), 10) משה־לייב האַלפּערן (זלאָטשעוו)[1], 11) אַברהם הײַזלער (קאָסעוו, גאַליציע), 12) אַברהם וועוויאָרקאַ (טשענסטאָכאָוו), 13) מיכאל ווײַכערט (גאַליציע), 14) ווײַנרעב (בוטשאַטש, גאַליציע), 15) סטודענט ווײַס[2], 16) וועגדער (בוטשאַטש), 17) לעאָן וועקסלער, 18) זילבער, 19) ד״ר חיים זשיטלאָווסקי (ניו־יאָרק), 20) לייבל טוביש (טשערנאָוויץ), 21) משה טײַטש (רוסלאַנד)[3], 22) ל. כאַזאַנאָוויטש[4] (לעמבערג), 23) מתתיהו מיזעס (פּרעמיסלע), 24) ה. ד. נאָמבערג (וואַרשע), 25) ד״ר ג. סאָטעק (בראַילע, רומעניע), 26) נח פּרילוצקי (וואַרשע), 27) י. ל. פּרץ (וואַרשע), 28) פרוי פּרץ (וואַרשע)[5], 29) אסתר פרומקין (ווילנע), 30) לאַזאַר קאַהאַן (לאָדזש), 31) קאָרטסמאַן (גאַליציע), 32) י. קיסמאַן (טשערנאָוויץ), 33) אַנזעלם קליינמאַן (לעמבערג), 34) יונה קרעפּעל (קראָקע), 35) אַברהם רייזען (קראָקע), 36) משה ריכטער[5], 37) קלמן שפּיראָ.

פון סטודענטישן פאַראיין „יידישע קולטור״[6].

38) יוסף גאָטליב, 39) מ. דיאַמאַנט, 40 לעאָ האַבער, 41) מיכל העלמאַן, 42) יוסף ווײַסמאַן, 43) חיים ווערבעל, 44) משה נחמן זילבערראַט, 45) אַברהם זינגער (פּאָרזיצער), 46) ענגלער, 47) קלינגער, 48) ראַט, 49) שײַקאָוויץ.

תחילתדיקער אַרבעטספּלאַן

אונזער לעבען נומ' 189, אויגוסט 27 (14):

פּראָגראַם פון דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך
טשערנאָוויץ — תרס״ח

I. דאָס ערעפענען פון דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ ווערט געעפנט זונטאָג ג׳ אלול תרס״ח (30 אויגוסט 1908

[1] לויט אַ. רייזענס מיטטיילונג אין „פרײַהייט״. [2] אפשר אידענטיש מיט סטודענט ווײַסמאַן (נומ' 42)? [3] לויט אַ. רייזענס מיטטיילונג אין „פרײַהייט״ געקומען אַלס גאַסט. [4] אויף דער קאָנפערענץ האָט ער פיגורירט אונטער זײַן צווייטן פסעוודאָנים כּ ת ר י א ל. [5] מיטגליד אָדער גאַסט?
[6] די רשימה אַנטיילנעמער פון דער „יידישער קילטור״ איז צונויפגעשטעלט צום גרעסטן טייל לויט דער פאָטאָ־גראַפישער גרופּע לעבן ז' 64. אידענטיפיצירט די פּערזאָנען האָט ד״ר ש. בירנבוים.

נ"ס) 10 אַזייגער אינדערפרי אין דעם גרויסן זאַל פון דעם בית־ישראל (יידישעס הויז).

II. געשעפטסאָרדענונג.

III. דאָס אויסקלויבן פון די קאָנפערענץ־פּאָרשטייער.

IV. ענין היום (טאָג־אָרדענונג):

1) די שפּראַך אַליין (אויסלייגעניש, גראַמאַטיק, פרעמדע און נייע ווערטער, ווערטערבוך וכ׳).

רעפערענטן: אַברהם רייזען (קראָקוי), שלמה אייזענשטאַדט (בערן), ד"ר נ. סאָטעק (ברמילא) [1], א. פאַלובאַ (סיעדלעץ).

2) די ליטעראַטור און די ליטעראַטן.

רעפערענטן: י. ל. פרץ (וואַרשע), נח פּרילוצקי (וואַרשע), אַברהם רייזען (קראָקוי).

3) פאַרטייטשן פון תנ"ך.

רעפערענט: שלום אַש (קאַזמערזש).

4) די בינע און די אַקטיאָרן.

רעפערענטן: י. ל. פרץ, נח פּרילוצקי, מאיר גייער.

5) די פּרעסע:

רעפערענט: מ. ספּעקטאָר.

6) דער יונגער דור.

רעפערענט: ד"ר בירנבוים (ווין).

7) די אַנערקענונג פון יידיש.

רעפערענטן: ליבל טויבש (טשערנאָוויץ), מ. מיזעס (פשעמישל).

אָנמערקונג: שבת 29 אויגוסט 1908, זייגער 4 נאָך מיטאָג, וועלן זיך די איינרופער פון דער קאָנפערענץ און די רעפערענטן צונויפקלייבן און אַרומשמועסן וועגן דעם סדר פון די וויכּוחים פון דער קאָנפערענץ.

דאָס זייטיקע פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ

1) זונטאָג, 30 אויגוסט, 4 אַזייגער נ"מ:

אַ פאָלקספאַרזאַמלונג אין גרודערס „אָרפעום" (זיעבענבירגער־שטראַסע 20)

2) מאָנטאָג, 31 אויגוסט, 8 אַזייגער אָוונט:

טעאַטער.

3) דינסטאָג, 1 סעפּטעמבער, 9 אַזייגער אָוונט:

אַ באַנקעט פון דעם ווינער אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור" לכּבוד דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר יידיש.

4) מיטוואָך, 2 סעפּטעמבער, 8 אַזייגער אָוונט:

אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט.

---

[1] געמיינט: בראַזלע.

ס'וועלן לייענען: י. ל. פרץ, מאָריס ראָזענפעלד, שלום אַש און אַברהם רייזען.

5) דאָנערשטאָג, 3 סעפטעמבער, 8 אַזייגער אָוונט: טעאַטער.

מיטגליד פון דער קאָנפערענץ קאָן נאָר דער זיין, וואָס איז איינשטימיק מיט דער טענדענץ פון דער קאָנפערענץ, וואָס איז אַ פריינד פון דעם יידישן לשון און וואָס איז מינדעסטנס 21 יאָר אַלט. גאַסט קאָן איטלעכער זיין. (מיטגלידער און געסט צאָלן 5 קראָן פאַר די הוצאות פון דער קאָנפערענץ).

פאָרקאָנפערענץ

(שבת, אויגוסט 29, נאָכמיטאָג)

„ראַזסוועט" נומ' 33:

5½ אַזייגער אין אָוונט דעם 29טן אויגוסט האָט זיך אין בנין פון דער „איזראַעליטישער פאָלקסשולע" געעפנט די פאָרקאָנפערענץ, אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע צונויפגעפאָרענע דעלעגאַטן, שרייבער און פּרעסע-פאָרשטייער. אין נאָמען פון אָרגאַניזיר-קאָמיטעט האָט די פאָרקאָנפערענץ געעפנט זיין פאָרזיצער, דער פאָרשטייער פון אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור" אין ווין, יוסף וויסמאַן.

אָראָפּנעמענדיק פון זיך די פולמאַכט פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט, דערקלערט דער אָרגאַניזיר-קאָמיטעט די צוגרייט-אַרבעט פאַר פאַרענדיקט און לאָזט איבער דער פאָרקאָנפערענץ די ווייטערדיקע פירונג פון דעם ענין. מחמת דעם וואָס עטלעכע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וואָס האָבן געזאָלט אַרויסטרעטן אַלס באַריכט-אָפּגעבער, האָבן נישט געקענט קומען צו פאָרן צו דער צייט און צוליב עטלעכע אַנדערע אומשטענדן טראָגן אַריין די אָנטיילנעמער פון דער פאָרקאָנפערענץ אייניקע אויסבעסערונגען אין סדר-היום. נאָך אַ געוויסער באַראַטונג ווערט פעסטגעשטעלט אַזאַ סדר:

זונטאָג דעם 30טן אויגוסט 10 אַזייגער אינדערפרי: די פייערלעכע עפענונג פון דער קאָנפערענץ דורך ד"ר נ. בירנבוים און י. ל. פרץ.

דאָס פעסטשטעלן דעם סדר פון די באַראַטונגען און די וואַלן פון אַנפירנדיקן ביוראָ.

לייענען באַגריסונגען.

זונטאָג 3½ נאָכמיטאָג: אַ פאָלקספאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'וועלן אַרויסטרעטן ד"ר זשיטלאָווסקי, י. ל. פרץ און אַנדערע.

זונטאָג 8½ אינאָוונט: אַ ליטעראַרישער אָוונט מיטן אָנטייל פון פרץ, אַש, רייזען און נאָמבערג.

מ אָ נ ט אָ ג:

ש. אַש. — דאָס איבערטראָגן אַלע קולטור־אוצרות פון יידנטום אויף דער יידישער שפּראַך.

די שפּראַך (גראַמאַטיק, אָרטאָגראַפיע, ווערטערבוך) — רעפערענטן: אַ ב ר ה ם ר י י ז ע ן, קראָקע; ש מ ו א ל א י ַ י ז ע נ ש ט אַ ט, בערן; ד"ר ס אָ ט ע ק, בראַילע (רומעניע).

ד י נ ס ט אָ ג:

ליטעראַטור, סצענע און פּרעסע אין רוסלאַנד — י. ל. פּ ר ץ.

ליטעראַטור, סצענע און פּרעסע אין אַמעריקע — ח. ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י.

ליטעראַטור, סצענע און פּרעסע אין גאַליציע — אַ. ר י י ז ע ן.

מ י ט ו ו אָ ך:

אונדזער יונגער דור — נ. ב י ר נ ב ו י ם (ווין).

אונדזער יוגנט און די יידישע שול — מ. ב י ר נ ב ו י ם (וואַרשע).

די קונסט און אירע שעפער — ש. אַש.

ד אָ נ ע ר ש ט אָ ג:

פרעמדווערטער און נייַע ווערטער.

די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך — ל. ט ו י ב י ש (טשערנאָוויץ).

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן: 1) אויף די רעפעראַטן אָפּגעבן נאָר די פרי־מאָרגן־צייט, 2) די נאָכמיטאָג־צייט אָפּגעבן אויף אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראַק־טישע פראַגעס.

חוץ דעם איז איבערגעלאָזט געוואָרן דעם אָנפירנדיקן ביוראָ, וואָס וועט אויסגעקליבן ווערן דורך דער קאָנפערענץ, צו געבן אַ וואָרט אַלס רעפערענטן אויך אַנדערע פּערזאָנען, וואָס וועלן זיך אַרויסווייַזן פאַר קאָמפּעטענט, אין פאַל ווען ס'וועט זייַן נייטיק אַוועקצושטעלן אויפן סדר־היום נייַע פראַגעס. — אַלס איינע פון די פראַגעס, וואָס עס איז כּדאַי צו באַהאַנדלען, רופט אָן ב. פרילוצקי: „די פאָלקסשאַפונג און איר נאָרמירונג", וועגן וואָס ער זאָגט צו צו רעפערירן. דאָס ווערט אויך גענומען אין אַכט דורכן פאָרזיצער און אָנגעמערקט אויף אַרייַנצוטראָגן אין אָנפירנדיקן ביוראָ.

נאָכן ענדיקן באַהאַנדלען דעם סדר־היום טראָגט ה. ד. נ אָ מ ב ע ר ג אַרייַן דעם פאָרשלאָג, די קאָנפערענץ זאָל באַין אופן נישט פאַרשווייַגן דעם פונקט וועגן אונדזער באַציִונג צו העברעיִש. מיר קלייַבן זיך איצטער צונויף, זאָגט ער, מיטן ציל דורכצופירן אַן איבערקערעניש אין יידישן לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר ווילן דערהייבן די יידישע שפּראַך ביז דער העכסטער מדרגה פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג; די נייטיקייט צו נאָרמירן די דורך אונדז באַהאַנדלטע פראַגעס איז שוין צייַטיק געוואָרן, זי איז צוגע־גרייט דורכן גאַנג פון די געשעעניש אין יידישן לעבן. דאָס פאָלק וואַרט פון אונדז אַ קלאָרן קוק אויף אַלע נייַע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע ווערטן,

פאַראיין „יידישע קול־טור" מיט אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ

(די רייען גערעכנט פון אונטן, די פערזאָנען — פון רעכטס אויף לינקס)

ערשטע ריי

1. —?, 2. גאָטליב.

צווייטע ריי

3. פּרץ, 4. פרוי פּרץ, 5. דינ־גער, 6. פרוי בירנבוים, 7. ד״ר נ. בירנבוים.

דריטע ריי

8. זשיטלאָווסקי, 9. גייער, 10. דיאַמאַנט, 11. נאָמבערג, 12. רייזען, 13. ראָט, 14. האַ־בער, 15. אַש.

פערטע ריי

16. ווערבעל, 17. מ. בירנ־בוים, 18. ענגלער, 19. —?, 20. —?, 21. העלמאַן.

פינפטע ריי

22. ווײַסמאַן, 23. זילבער־ראַט, 24. קלינגער, 25. שפּי־קאָוויץ.

ה. ד. נאָמבערג, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, שלום אַש, י. ל. פּרץ, אַברהם רייזען
אויף דער קאָנפערענץ

און מיר דאַרפן נישט אויסמײַדן דעם ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מיר באַציען זיך צו דער העברעיִשער שפּראַך, מיט וועלכער ס׳איז פאַרבונדן די יידישע געשיכטע און די גאַנצע יידישע קולטור. מיר דאַרפן אָננעמען אין דער דאָזיקער פראַגע אַ קלאָרע רעזאָלוציע, און זי וועט לויט מײַן טיפסטער איבערצײַגונג זאָגן: מיר דריקן אויס אונדזער אמתדיקע סימפּאַטיע צו דער העברעיִשער שפּראַך.

י. ל. פּרץ האָט אין דער פראַגע אַ פאַרקערטע מיינונג. ער האַלט נישט, אַז די קאָנפערענץ זאָל קענען אַרויסרופן קעגן זיך אַ וועלכע ס׳איז באַשולדיקונג, אויב זי וועט נישט אָננעמען קיין רעזאָלוציע וועגן איר באַציִונג צו העברעיִש. נישט אָננעמען קיין רעזאָלוציע — הייסט נאָך נישט פאַרשווײַגן די פראַגע און אויסמײַדן אַן ענטפער. מיר מיינען דאָס נישט. מיר האָבן זיך דאָ אויפגעקליבן צוליב פּראַקטישער אַרבעט פאַר דער יידישער שפּראַך, און נאָר פּאָזיטיווע טעטיקייט אינטערעסירט אונדז. די פראַגע וועגן העברעיִש איז אַ טעאָרעטישע, און די דיסקוסיע וועט זײַן נישט קיין פרוכטבאַרע, יעדערער וועט בלײַבן בײַ דאָס זײַניקע. קיינער וועט אונדז דערפאַר נישט באַשולדיקן אין שנאה צו העברעיִש, דאָס איז נישט ריכטיק. מײַן אייגענע באַציִונג צו העברעיִש איז אַלעמען גוט באַקאַנט, און ווען מען וואָלט איצט צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ וועגן פראַגעס פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָלט איך גערן אין איר אָנטייל גענומען.

אַ ש האַלט זיך בײַ דער זעלבער מיינונג וואָס פּרץ. ער זאָגט, אַז די פראַגע וועגן דער באַציִונג צו העברעיִש איז אַ שטיין, אָן וועלכן ס׳קענען צעשלאָגן ווערן אַלע אונדזערע פּלענער און וואָס שפּילט נישט קיין שום פּאָזיטיווע ראָלע אויף אונדזער קאָנפערענץ.

די מיינונגען פון פּרצן און אַשן ווערן אונטערגעהאַלטן אויך פון אַנדערע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ: נתן בירנבוים, טויביש, פּרילוצקי א״אַנד.

אײַזענשטאַט באַמערקט, אַז הגם די פראַגע וועגן דער באַציִונג צו העברעיִש איז טיילווײַז אַ טעאָרעטישע, דאָך האָבן אַלע שרײַבער, וואָס שרײַבן גלײַכצײַטיק אויף ביידע שפּראַכן, זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין אונדזער באַראַטונג, האָבנדיק דעם חשד, אַז מיר באַציען זיך פײַנדלעך צו העברעיִש; פון די שרײַבער פון דעם דאָזיקן טיפּ זעען מיר דאָ בלויז איין פּרצן.

פּרץ געפינט פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז ער פאַרראַט נישט די העברעיִשע שפּראַך, און ער דערקלערט בפירוש: „איך זאָג אויפריכטיק — אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז העברעיִש, אונדזער פאָלקסשפּראַך יידיש".

רייזען מאַכט אים אַ פאָרוואורף, אַז אין דעם פאַל גייט ער זיך פונאַנדער מיט די טענדענצן פון דער קאָנפערענץ.

די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ לאָזן זיך אַרײַן אין אַ ווײַטערדיקער פּאָלעמיק מכּח דעם דואַליזם, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן דורך פּרצן.

פרק געפינט נאָכדעם פאַר נייטיק צו באַגרינדן דעם אַרויסגעזאָגטן דואַליזם, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, אַרויסגערופן פאַרשיידענע אומפאַר-שטייענישן. נאַציאָנאַלע שפּראַך, זאָגט ער, רוף איך אָן די שפּראַך, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט דער געגעבענער נאַציע און וואָס קען פאַרשווינדן נאָר מיט איר דעגענערירן: אַזאַ איז העברעיִש. פאָלקסשפּראַך רוף איך אָן די שפּראַך, וואָס איז אין אַ געוויסער היסטאָרישער תּקופה די גערעדטע שפּראַך פון אַ געוויסן טייל פון יידישן פאָלק, די שפּראַך, וואָס איז נישט געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט יידנטום און וואָס איר גורל איז נישט אַזוי אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיטן גורל פון פאָלק. אונדזער באַראַטונג האָט דעם ציל צו באַהאַנדלען עטלעכע וויכטיקע פּראַגעס, וואָס זיינען שייך צו דער יידישער שפּראַך — וועגן העברעיִש וועט איצט קיין רייד נישט זיין. אַוודאי, יעדערער פון אונדז האָט דאָס רעכט — און וואָס איז שייך צו מיר גופא, האַלט איך דאָס פאַר אַ מאָראַלישן חוב — אַרויסצוזאָגן אַגב-אורחא זיין באַציִונג צו העברעיִש. דאָס זעלבע קענען זאָגן אויך אַנדערע, אָבער קיין אייניקייט פון די מיינונגען אין **דער** פּראַגע פאָדערן מיר נישט, מחמת נישט דאָס איז איצט אונדזער פּראַקטישע פּלאַטפאָרם.

נאָמבערג חזרט איבער אויפסניי זיין פאָרשלאָג. ער דריקט אויס זיין זיכערקייט, אַז קלאָר מאַכן אונדזער באַציִונג צו העברעיִש איז אומבאַ-דינגט נייטיק. אין דער געזעלשאַפט און אין דער ליטעראַטור וועלן זיך פאַר-שפּרייטן פאַרשיידענע פאַלשע אויסטייטשונגען, וואָס עס וועט שטערן אונדזער פּאָפּולאַריטעט און אויטאָריטעט; ענדלעך פאָדערן פון אונדז אַ סך פּונקטן, ווי למשל: די יידישע יוגנט און די פאָלקסשול, אַ תּשובה אויף דער דאָזיקער שאלה: וואָס פאַר אַן אָרט דאַרף פאַרנעמען העברעיִש אין אונדזער שול.

אויף אָט דער לעצטער באַמערקונג נאָמבערגס גיט **ד״ר בירנבוים** די פאָלגנדיקע תּשובה. העברעיִש ווי אַ געגנשטאַנד פון שול-אונטערריכט ווערט פון אונדז אַלעמען אָנערקענט, ווייל אונדז איז גוט באַוווּסט זיין קולטור-ווערט; אָבער קיינער פון אונדז ספק'ט נישט, אַז אין דער פרייער יידישער שול דאַרף דער אונטערריכט פאָרקומען אויף יידיש, אויף דער פאָלקסשפּראַך פון די ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בכלל האָט דער פאָרשלאָג פון נאָמבערגן נישט געפונען קיין מיטגעפיל.[1]

נאָך אַן איבעררייס טרעט מען צו צו באַהאַנדלען עטלעכע פּראַקטישע פּראַגעס, ס'ווערט אויסגעאַרבעט אַ פאָרשלאָג וועגן סדר פון די באַראַטונגען אויף דער קאָנפערענץ, ס'ווערן אָנגעמערקט קאַנדידאַטן אין פּרעזידיום און סעקרעטאַריאַט, וואָס וועלן צוזאַמען בילדן דאָס אָנפירנדיקע ביוראָ.

$8^1/_2$ אַזייגער ווערט די פאָר-קאָנפערענץ דערקלערט פאַר געשלאָסן.

---

[1] „ראַזסוועט״ נומ' 33, שפּאַלט 10.

ערשטע זיצונג

(זונטאָג, אויגוסט 30, אינדערפרי)

איינדרוקן

„פריינד“ נומ׳ 192:

די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט געעפנט ווערן אין יידישן „נאַציאָנאַל־הויז“. די יידישע קהילה פון טשערנאָוויץ און איר פאָרשטייער ד״ר שטרויכער האָבן שוין מיט אַ לענגערער צייַט צוריק געהאַט צוגעזאָגט די אויפטוער פון דער קאָנפערענץ אָפּצוגעבן פאַר אירע זיצונגען דעם לאָקאַל פון יידישן נאַציאָנאַל־הויז, וואָס האָט געדאַרפט פאַרטיק ווערן צום 30טן אויגוסט. דער לאָקאַל איז אָבער נישט פאַרטיק געוואָרן,—ווי מען זאָגט, ווייַל ד״ר שטרויכער האָט עס נישט געוואָלט, — און די קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט אין זאַל פון היגן „מוזיק־פאַראיין“.

דער גרויסער זאַל איז געווען פול מיט מיטגלידער און געסט. דעלע־גאַטן זענען געקומען פון רוסלאַנד, גאַליציע, עסטרייַך, בוקאָווינע, אַמעריקע, רומעניע אאַז״וו, ס״ה אַן ערך 75—80. געסט זענען געווען איי‏ניקע הונדערט.

„טשערנאָוויצער אַללגעמיינע צייטונג“ (דייטש), סעפט׳ 1:

... אַרום 100 דעלעגאַטן פון אַלע וועלטטיילן און אַרום 150 געסט.

גרשם באַדער אין „יידישעס טאַגעבלאַטט“, נ״י, סעפטעמבער 15:

די פוילישע צייַטונגען אין גאַליציען האַלטן אין איין חוזק מאַכן פון די „זשאַרגאָניסטישע“ פאַנטאַסטן, און דאָסגלייַכן האָט זיך דאָס לעמבערגער „טאַגבלאַט“ געהאַלטן אין איין וויצלען איבער דער קאָנפערענץ און וועגן די „ליטעראַטן קבצנים“, וואָס וועלן דאָ אַהער קומען. דאַגעגן האָבן זיך די בוקאָ־ווינער דייַטשע צייַטונגען בעסער אויסגעצייכנט. צוויי־דרייַ טאָג פאַר דער קאָנפערענץ האָט יעדע געבראַכט איבערזעצונגען פון פרץ, אַש און נאָמ־בערג—און די קאָנפערענץ האָט שוין דאַדורך באַקומען אַ באַדייַטונג פאַר דער טשערנאָוויצער באַפעלקערונג...

„ליטעראַטן קבצנים“ האָט אונדז דאָס לעמבערגער „טאָגבלאַט“ אָנגערופן, און דער שימף איז אונדז גוט אַרייַן אין קאָפּ — אַז עטלעכע פון אונדז האָבן אַזש אויפגעזוכט דאָס שענסטע האָטעל און מיר האָבן עס פערמליך באַזעצט מיט יידישע שרייַבער...

מיר האַלטן זיך פונקט וויכטיק ווי די שרייַבער פון אַלע אומות־העולם,

און מיר ווילן נישט אָפּלאָזן גאָר פון אונדזער כבוד אַלס אַרבעטער פאַרן פאָלק—אַפילו כחוט השערה...

נאָר אַזוי ווי יידיש שרײַבן איז כמעט אַ הפקר־זאַך, געפינען זיך אויך דאָ מאַנכע פון דעם סאָרט, וואָס זייער פּלאַץ איז געוויינלעך אינעם פאַפּיר־קאָרב פון די רעדאַקציעס, און מען קען גאָרניט זייערע [!] פּטור ווערן, אַז זיי הייבן אָן „האַקן אַ טשײַניק".

די קאָנפערענץ איז געווען באַשטימט, זי זאָל פאָרקומען אינעם „בית העם", דאָס איז דאָס הויז פון דער טשערנאָוויצער קולטוס־געמיינדע. דער גורל פון דער קאָנפערענץ איז אָבער גלײַך ווי דער גורל פונעם יידישן פאָלק—גלות... דער פּרעזידענט פון דער טשערנאָוויצער קולטוס־געמיינדע, דער „יידיש־נאַציאָנאַלער" רײַכסראַט־אַבגעאָרדנטער ד"ר שטרויכער, האָט אין לעצטן אויגנבליק (אַ שעה פאַרן אָנהייב פון דער קאָנפערענץ) צוריקגעצויגן זײַן ערלויבניש, אַז די קאָנפערענץ זאָל פאָרקומען אינעם „בית העם"—און די קאָנפערענץ האָט געמוזט וואַנדערן צוערשט צום מוזיק־פאַראיין און דערנאָך צום רוטענישן נאַציאָנאַל־הויז...

אויף דער קאָנפערענץ זענען פאַרטראָטן אַלע פּאַרטייען, ווי ווײַט זיי אַנערקענען יידיש אַלס שפּראַך. פון די אָפיציעלע ציוניסטן זענען ווייניק געק׳מען...

„הײַנט" נומ׳ 192, סעפּטעמבער 7:

... דאָס נײַע יידישע נאַציאָנאַל־הויז, ווו עס האָט געזאָלט פאָרקומען די ערעפענונג פון דער קאָנפערענץ, איז מכּלומרשט „נישט געווען פּאַרטיק", ווײַל דער טשערנאָוויצער ראָש־הקהל, דער פּאַרלאַמענטס־דעפּוטאַט און ציוניסט ד"ר שטרויכער, האָט זיך געפונען באַליידיקט, וואָס די יידישע שריפט־שטעלער האָבן [אים] נישט אָפּגעגעבן קיין כבוד, און דעריבער קומט פאָר די קאָנפערענץ אין מוזיק־זאַל...

א פּאַרטרײַבענער שרײַבט אין „פאָרווערטס", סעפּטעמבער 15:

פון סאַמע אינדערפרי הערשט אַן אומגעוויינלעך געהויבענע שטימונג אין טשערנאָוויץ. דאָס איז לײַכט צו באַמערקן אויף יעדער גאַס, אין יעדן ווינקל. מענטשן גייען, מענטשן שטייען—אַלע רעדן וועגן דער קאָנפערענץ וואָס דאַרף זיך הײַנט אָנהייבן אין זאַל „מוזיקאַל־פאַראיין". פון אַלע עקן וועלט, ווו יידן זענען נאָר צעזייט און צעשפּרייט, זענען זיך צונויפגעפאָרן געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ. מען וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם אָנפאַנג, שוין פון סאַמע אינדערפרי זעט מען מענטשן קלײַבן זיך אין די קאָרידאָרן פון מוזיקאַל־פאַראיין. צען אַזייגער איז שוין דער זאַל געפּאַקט.

די מיטגלידער און די געסט פאַרנעמען זייערע פּלעצער, און די פּאַראינטערעסירטע באַקומען די מעגלעכקייט אַ וואָרף צו טון מיט אַן אויג אויף דאָס ביסל אייגן בלוט, וואָס דאָ איז צונויפגעקומען, און... עס פעלן אַ סך, אַ סך פון די וואָס האָבן געדאַרפט זײַן, וואָס האָבן זיכער געוואָלט זײַן, וואָס האָבן, איך מעג זאָגן, געמוזט זײַן. ווײַל צוליב זייער אָפּוועזנהייט וועט געוויס די גאַנצע זאַך לײַדן; דאָ שטויסן מיר זיך אָבער אָן אויף אַ פּשוטער, וויאָכעדיקער זאַך—אויף דער געלט-פראַגע. און זי איז אויך דעם מאָל געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וועלכע עס האָט געווירקט אויף דעם יאָקומען אָדער ניט-קומען פון די נייטיקע מענטשן...

„ראַזסווּעט" נומ' 33:

אין זײַן גרעסטער מערהייט באַשטייט דאָס פּובליקום פון אָרטיקער אינטעליגענץ, סטודענטנשאַפט און אַרבעטער, צווישן זיי אויך פיל פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ און פון כמעט גאַנץ גאַליציע. אינדערפרי זענען אָנגעקומען אַ סך פאָרשטייער פון דער יידישער פרעסע אין גאַליציע, לערער און ליבהאָבער פון דער שפּראַך, וואָס אַ סך פון זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָנפערענץ. צווישן זיי גרשם באַדער, דער אַרויסגעבער פון אַ יידישן פאָלקס-קאַלענדאַר, און [יונה] קרעפּעל, דער אַרויסגעבער פון העברעישן „ירושלים". די אָרדענונג אין זאַל היטן אָפּ די אָרדענער פון „ייד' קולטור" מיט בלאַנקעט-שלייפלעך אין די לאַצן. די געסט פאַרנעמען דעם הינטערשטן טייל זאַל, און זייער צאָל דערגרייכט ביז 300 מאַן. די אַקטיווע אָנטיילנעמער פאַרנעמען דעם פאָדערשטן טייל זאַל און זענען אָפּגעטיילט פון די געסט דורך אַ פרײַען שטח. רעכטס פון דער טריבונע געפינט זיך דער פּרעזידיום-טיש און לינקס—דער טיש פאַר קאָרעספּאָנדענטן און סטענאָגראַפן.

צווישן די געסט געפינען זיך די ה"ה אייבער-ראַבינער ד"ר ראָזנפעלד, הרב בנימין ווײַס און פאַרטרעטער פון דער קולטוס-געמיינדע ה' ווענדער. בײַם זשורנאַליסטן-טיש זיצן פאַרטרעטער פון די צײַטונגען: „אַלגעמיינע צײַטונג", „בוקאָווינער פּאָסט" (דײַטש), „טשערנאָוויצער טאַגבלאַט", „צײַט" (דײַטש, ווין), „טאָגבלאַט" (לעמבערג), „אונזער לעבען" (וואַרשע), „הד הזמן", „טאַגעבלאַטט" (ניו-יאָרק), „פרײַנד" (פעטערבורג), „מאָרגען-זשורנאַל" (ניו-יאָרק), „וועלט" (דײַטש), „ווסכוד" (פּויליש), „יודישער אַרבעטער", „קונסט און לעבען", „סאָציאַל-דעמאָקראַט" (קראָקע), „פאָרווערטס" (ניו-יאָרק), „נאָוואָשטשי אילוסטראָוואַנע" און נאָך אַנדערע צײַטונגען.

א—ר [אסתר] שילדערט אַזוי דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָנפערענץ אין זאַמלבוך „די נײַע צײַט", ב' IV:

פאַרשריבן האָבן זיך 70 מיטגלידער. 14 זענען געווען פון רוסלאַנד:

אַש, פּרץ מיט זײַן פרוי, רייזען, נאָמבערג, משה טײַטש, װעװיאָרקע (פון טשענסטאָכאָװ, נאָענט צו די אידעען פון פ״צ), ברעגמאַן (פון קיעװ, אַן אָנ־הענגער פונעם „סערפּ״), מ. בירנבוים (אַ לערער פון װאַרשע), נח פּרילוצקי („אונזער לעבען״), כּהן (פון לאָדזשער קונסט־פאַראיין), זשיטלאָװסקי (פאָרט איצט פון אַמעריקע), אײַזענשטאַט (אויטאָר פון אַרטיקלען װעגן דער יידישער שפּראַך, געשיקט פון די בערנער סטודענטן) און אסתּר.

1 איז געװען פון רומעניע.

די איבעריקע 55 זענען אַלע געװען פון גאַליציע און בוקאָװינע. צװישן זיי האָבן זיך 8 פאַרשריבן אַלס ליטעראַטן. צװישן זיי איז געװען איינער װענדער, רעדאַקטאָר פון דער בערלינער „פלאַשען־צײַטונג״ און „צײַטשריפט פאַר די געזאַמטע קױלען־זױערע אינדוסטריע״, צװיי דײַטשישע ספּעציעל אינ־דוסטריעלע צײַטונגען. דער ה׳ װענדער קען אַפילו קיין יידיש ניט רעדן. די איבעריקע 47 מיטגלידער זענען באַשטאַנען פון אַלע מינים פּראָפעסיעס: סוחרים, סטודענטן, ראַנדאַרן, בוכהאַלטער און אַזוי װײַטער, אַפילו אַ בדחן האָט צװישן זיי אויך ניט געפעלט...

*

„ראַזסוועט״ נומ׳ 33:

10 1/4 באַװײַזט זיך אויף דער טריבונע נתן בירנבוים אין דער באַגלייטונג פון פּרץ, אַש, חיים זשיטלאָװסקין און חשובע געסט.

בירנבוים עפנט די קאָנפערענץ, לייענענדיק פליסיק פון פּאַפּיר זײַן ערשטע רעדע אויף יידיש. די אויסדרוקן — ריין יידישע, ס׳איז קענטיק טייל־װײַז פּעדאַנטיזם און געשליפנקייט פון סטיל; ער לייענט זײַן רעדע אין גאַליציאַנער דיאַלעקט.

גרשם באַדער, יידישע טאַגעבלאַט, נ״י, סעפּט׳ 17:

... אַזוי װי בירנבוים קען נישט רעדן קיין יידיש, האָט ער אָראָפּגע־לעזן זײַן רעדע פונעם פּאַפּיר, דאַהער האָט ער די װערטער אַקצענטירט אויף דײַטשמעריש און דער רושם איז נישט געװען קיין גוטער: טראָץ דעם האָט מען די רעדע שטאַרק אַפּלאָדירט. די שטימונג איז געװען אַ געהויבענע, און עס האָט זיך אַליין פון זיך זעלבסט געפּאַטשט מיט די הענט, װען דער רעד־נער האָט עס אַפילו ניט פאַרדינט...

פּרץ איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. זײַן רעדע האָט דאַדורך געמאַכט אַ געװאַלטיקן אײַנדרוק און דאָס אַפּלאָדירן האָט זיך גאָר נישט געװאָלט אײַנשטילן.

די רעדעס פון ד"ר בירנבוים און פרצן זענען געגעבן לויט „ד"ר בירנבוימס וואָכענבלאַט":

ד"ר בירנבוימס עפענונג-רעדע

געערטע געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ!

דער עולם האָט ליב אָפּצולאַכן פון מענטשן, וואָס עס גלוסט זיך זיי צו גיין אויף די נייע וועגן. אָבער דאָס שאַט די מענטשן גאָרנישט, דאָס לעכערלעכקייט ברענגט זיי נישט אום. אַדרבא, זיי האָבן אין זיך אַ באַזונדערן כח די לאַכער פון זיך אָפּצוטרייסלען און פאַמעלעך נאַרישע מיילער צו פאַרשטאָפּן און פאַרשטאָפּטע מוחות צו עפענען. זיי ווערן נישט מיד צו רעדן און זייער מוסר צו זאָגן, ביז דער עולם ווערט איבערגעצייגט און ביז עס ווערט קלאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז נישט זיי האָבן זיך באַנאַרישט, נאָר דווקא יענע, וואָס האָבן פון זיי אָפּגעלאַכט.

באַטראַכט'ס למשל די באַוועגונג פון דער יידישער שפּראַך! אָנגעהויבן האָט זי זיך שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק. נאָך דעמאָלט האָט זיך אין אַ פּאָר קעפּ דערוועקט די שאלה: פאַרוואָס, אַז אַנדערע פעלקער מישן אויס פאַרשידענע שפּראַכן און אַרבעטן אויס פון דעם געמישעכץ אַן אייגן באַשעפעניש מיט אַן אייגענער נשמה—פאַרוואָס רופט מען דאָס אָן אַ שפּראַך און גיט אים אָפּ כבוד; און פאַרוואָס, אַז יידן האָבן געטאָן דאָס אייגענע מיט דייטש, העברעיש און סלאַוויש, רופט מען עס אַ זשאַרגאָן און מאַכט פון אים חוזק? דעמאָלט איז די אַסימילאַציע נאָך שטאַרק געווען, און די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיך קוים געהאַט אָנגעהויבן. מסתמא האָבן נאָר ווינציק מענטשן זיך דערוווסט פון דער נייער שפּראַכלעכער פראַגע, אָבער די פּאָר האָבן זיך זייער שטאַרק צעלאַכט. נאָר פונדעסטוועגן איז דער געדאַנק נישט געשטאָרבן, און איינער פון זיינע ערשטע פּיאָנערן, אויב ניט דער ערשטער, אַלכסנדר האַרקאַווי, לעבט נאָך היינט אין ניו-יאָרק און האָט זיך פריידן דערלעבט ביי זיין אידעאַל.

ווי די יידישע אינטעליגענטן זענען נאַציאָנאַל געוואָרן, האָבן זיי אמת אויך ניט מיט גרויס חשק געקוקט אויף דער יידישער שפּראַך. זיי האָבן זי נאָר באַטראַכט פאַר אַ מין אָנשיקעניש וואָס מען מוז עס ליידן, אָבער וואָס מען טאָר זיך אים נישט איבערגעבן. עס איז זיי גאָר נישט אויפּן זינען אַרויף, אַז אַ נאַציאָנאַלער אינטעליגענט באַדאַרף ניט נאָר זיין צוגעקניפּט מיטן הארץ און מיטן ווילן צו זיין פאָלק, נאָר אַז ער מוז קודם-כל צווישן אים לעבן, ער מוז אָטעמען אין דער זעלבער קולטורעלער אַטמאָספערע און זיין גייסטיק לעבן מוז אַרויסוואַקסן פון זיין פאָלקסנשמה און מוז זיך ווידער מיט אַ מין היימישן כוח קענען אַריינלאָזן אין איר. און עס איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז רעדן אַן אַנדער לשון ווי דאָס פאָלק רעדט און אין וועלכן עס דענקט און פילט, קלאָגט און פרייט זיך, וויינט און לאַכט, הייסט פאַרלאָזן זיין פאָלק, הייסט עס צוריקלאָזן אין אַ וויסטעניש, אָן פריינד און פירער, הייסט

אַליין גיין אויף אַן עולם התהו, זיך אַליין מאַכן פאַר אַ פאַרוואָגלטן, פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטן פון זײַן היים און פון זײַן פאָלק.

און אַז מ׳האָט צו אָט די אינטעליגענטן גערעדט איבער דער זאַך, אַז מ׳האָט געפרוווט זיי איבערצײַגן, האָבן זיי געשמייכלט אָדער געלאַכט: „וואָס, איר ווילט גאָר, אַז מיר געבילדעטע זאָלן זיך באַנוצן מיטן זשאַרגאָן, מיט דעם מיאוסן זשאַרגאָן? דאָס וועט איר בײַ אונדז בשום אופן ניט פועלן. מאַכט זיך בעסער נישט נאַריש" — האָבן זיי געזאָגט און האָבן באַטראַכט פאַר משוגע דעם, וואָס האָט גערעדט צו זיי וועגן יידיש.

אָבער די יידישע שפראַך האָט זיך נישט געמאַכט פון זייער שמייכלען, פון זייער לאַכן, פון זייער פאַר=נאַריש=און=משוגע=האַלטן. שטיל און בנעימות איז זי זיך געגאַנגען איר וועג, אַ זיכערן וועג, דעם וועג, וואָס די נײַע צײַט און דאָס אַלטע פאָלק האָבן פאַר איר אויסגעלײַכט. די נײַע צײַט האָט זי באַדאַרפט, כדי דעם פראָסטן עולם די אויגן צו עפענען, ער זאָל אויך עפעס קענען זען, אויך עפעס קענען פאַרלאַנגען, אויך עפעס קענען האָבן פון דער וועלט. און דאָס אַלטע פאָלק, זיך דערוועקנדיק פון אַ לאַנגן דרימל און ווי בענקענדיק נאָך אַ שטאַרקער אַרבעט, האָט בשום אופן נישט געקענט אויסמײַדן די יידישע שפראַך. פאַמעלעך איז אַרויסגעוואַקסן אַ נײַע אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט אַנדערע אויגן געקוקט אויפן יידישן לשון ווי די פריערדיקע אַפילו אויך נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ. זי האָט אַ פיל געטאָן: אָט דאָס איז נשמה פון אונדזער פאָלק, אָט דאָס איז האַרץ פון אונדזער האַרץ, אָט דאָס איז לעבן פון אונדזער לעבן. וואָס וויינען מיר, אַז מיר האָבן נישט גענוג געפיל פאַר אונדזער כבוד? פון וואַנען זאָל עס זיך נעמען בײַ אונדז, אַז מיר האַלטן אונדזער גאַנץ לעבן לאַנג אין איין שעמען זיך מיט זיך אַליין? פון וואַנען זאָל עס זיך נעמען בײַ אונדז, אַז מיר גלייבן אָן דעם האָטענטאָטנס געניוס מער ווי אָן אונדזערן, אַז מיר האַלטן יעדנעמס אָרעם רעדעכץ פאַר אַ שפראַך און אונדזער אייגן רעדן, אין וועלכן מיר האָבן דורך הונדערטער יאָרן אַרײַנגעגראָבן און אַרײַנבאַהאַלטן אונדזער גייסט, אונדזער האַרץ, אונדזער הומאָר, אונדזער פרייד און אונדזער טרויער, אַז מיר האַלטן דאָס פאַר אַ געפלאַפל, פאַר אַ זשאַרגאָן? ווי אַזוי זאָל אַ פאָלק מיט אַזאַ שטענדיקער מאַיעסטעטס=באַליידיקונג קעגן זיך אַליין קענען האָבן אַ געפיל פאַר זײַן כבוד, פאַר זײַן נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט? לאָזט אונדז אַראָפנעמען דאָס חרפה=קלייד פון אונדזער מאַמע=לשון, מיט וועלכן אונדזער קראַנק, שוואַך יידישקייט האָט אים אַרומגעהילט, און אונדזער פאָלק וועט ווידער שײַנען און לײַכטן אין כבוד!

וואָס וויינען מיר, אַז מיר האָבן צו ווייניק געפיל פאַר שיינקייט, אַז דאָס יידישע לעבן האָט דאָס שיינקייט פאַרשטויסן? איז שיינקייט ניט אַזוינס, וואָס מיר טראָגן אַרויס פון אונדזער קאָפ און פון אונדזער האַרץ אין דער וועלט אַרײַן? איז שיינקייט נישט דער אָפגלאַנץ פון אונדזער אינערלעכער

שיינקייט, פון אונדזער אינערלעכער האַרמאָניע? וואָלטן מיר שוין ווירקלעך געקענט פילן מיט אמתע שיינקייטס־חושים, שוין ווירקלעך געקענט זען מיט אמתע שיינקייטס־אויגן, וואָלטן מיר געמוזט פילן, אַז דאָס ביסל דײַטש און פּויליש שמועסן האָט נישט דערהעכערט אונדזער אינערלעך שיינקייט, נאָר דווקא נאָך געמאַכט אַ תּל צו דעם ביסעלע וואָס האָט זיך נאָך געפונען בײַ אונדז. מיר וואָלטן דאַן פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיאוסקייט פון יידיש נעמט זיך נאָר פון אונדזער אינערלעך מיאוסקייט, און מיר וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע פון שיינקייט ליגט אין אַ שפּראַך, וואָס מ'האַלט זי בכבוד און פלעגט זי מיט ליבשאַפט. מיר וואָלטן פאַרשטאַנען,—טאָ פרוּוון מיר צו פאַרשטיין! נעמען מיר אַראָפּ דעם חרם פון אונדזער לשון, און אַ נײַ יידיש שיינקייט וועט אַרויסקומען פון אונדז און באַשיינען אונדזער לעבן.

וואָס ווײַנען מיר, אַז מיר האָבן צו ווייניק כּוח, צו ווייניק מאַכט אין דער וועלט? טוען מיר דען עפּעס, כּדי זיך צו עפענען נײַע קוועלן פון כּוח און מאַכט? איז עס דען נישט מעגלעך, האָבן מיר דען קיינמאָל נישט געהערט, וואָס אַ שפּראַך קען אויפטון פאַר אַ פאָלק? אַז זי צוימט אײַן און באַהיט זײַן קולטור און אַז ערשט זי קען דעם פאָלק אויפשליסן דאָס נאַציאָנאַלע גלײַכרעכטיקייט? איז דאָס נישט אַ גרויס שטיק כּוח און אַ גרויס שטיק מאַכט, און געפינען זיי זיך דען נישט גאַנץ נאָענט פון אונדז, אין אונדזער אייגן מויל, און מיר האָבן ניט ווײַטער וואָס צו טון, ווי זיי צו נעמען?

אַזעלכע און ענלעכע טענות האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער געלאָזט הערן. דערווײַל האָט זיך די יידישע ליטעראַטור וואָס אַ מאָל מער אַנטוויקלט. נאָך דעם ערשטן פּאָעטן־דור איז געקומען אַ צווייטער און אַ דריטער, וואָס אַ מאָל מער האָט מען זיך באַנוצט מיטן יידישן לשון, וואָס אַ מאָל מער איז עס אַרײַן אין כּלל־זאַכן, וואָס אַמאָל מער האָט מען געפילט דעם חוב מיטצוהעלפן צו זײַן אַנטוויקלונג: דורך מאַכן אָרדענונג, דורך אויפצייכענען זײַנע געזעצן, דורך רעגולירן זײַן שרײַבן. וואָס אַ מאָל העכער האָט זיך געהערט דער פאַרלאַנג, אַז מ'זאָל יידיש אָנערקענען פאַר אַ באַזונדערער שפּראַך.

און הײַנט דערלעבן מיר זיך, אַז פון פאַרשידענע לענדער זענען געקומען צו אונדז יידן, כּדי זיך מיט שטאָלץ צו באַקענען צו אונדזער שפּראַך, כּדי זיך צונויפצורעדן וואָס מ'קען טון וועגן אונדזער ליבן יידיש. און מיר האָבן דאָס גליק צו זען בײַ אונדז יענע גרויסע יידישע שרײַבער, וואָס אַפילו די קעגנער און אָפּלאַכער פון אונדזער שפּראַך שטאָלצירן מיט זיי און גיבן זיי אָפּ דעם גרעסטן כּבוד.

איר זעט, מײַנע געערטע געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ, אַז דאָס לעכערלעכקייט האָט אונדז ניט געקוילעט, עס האָט אונדז אַפילו ניט אַ ביסל געשאַט, און ווײַטער וועט עס אונדז אַוודאי ניט שאַטן. אַזוי לאַנג מיר האָבן נאָך געקעמפט אַלס יחידים, איז עס אפשר נאָך געוועזן מעגלעך, מיר זאָלן פאַרלירן דעם כּוח, דעם מוט און די געדולד. איצט אָבער, אַז מיר

האָבן זיך צוזאַמענגענומען פון דער גאַנצער וועלט, האָבן מיר פאַר גאָרנישט מער וואָס מורא צו האָבן.

מיר ווילן אַוודאי מיט קיינעם נישט זאַטשעפּען; אויך אַז פאַנאַטישע געגנער ווילן אונדז אָנפאַלן, וועט אונדז נישט אַרן, זיי קענען אונדז גאָר־נישט טון. ערלעכע געגנער מיט דרך־ארץ ווילן מיר אַוודאי ענטפערן מיט דרך־ארץ. נאָר דער עיקר: מיר מוזן אַרבעטן, אַ סך אַרבעטן, גוט אַרבעטן, שטיל אַרבעטן.

די קומענדיקע פינף טעג קענען נאָר זײַן דער אָנהייב פון אונדזער אַרבעט, אָבער מיר ווייסן, אַז יעדער אָנהייב איז שווער און פאַרקניפּט מיט אַ סך פּאַראַנטוואָרטונג.

געערטע געסט און מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ!

איך פריי מיך, וואָס איך זע דאָ אַזאַ גרויסע צאָל אי פון ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך, אי פון אַזעלכע, וועלכע זענען אַם ווייניקסטן פאַר־אינטערעסירט אין דעם, וואָס מיר ווילן דאָ רעדן און אויפטון.

איך דאַנק אײַך און באַגריס אײַך אַלע זייער הערצלעך, און בפרט דאַנק איך פאַר דעם כבוד, וואָס זיי גיבן אונדז אָפּ מיט זייער קומען צו אונדז און באַגריס... (דער רעדנער רעכנט אויס די נעמען פון די אָנגעזעענע טשער־נאָוויצער געסט, וואָס זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ).

איך דאַנק אויך אַלע, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו די צוגרייטונגס־אַרבעטן פאַר דער קאָנפערענץ, בפרט דער אַקאַדעמישער פאַראיינדונג „יידישע קולטור“, וואָס זײַנע [!] מיטגלידער זענען זיך גאָר מוסר נפש געווען.

און איצטערט לאָזן מיר ווײַטער פירן וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן.

איך עפן די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך.[1]

י. ל. פּרצעס עפענונג־רעדע

געערטע קאָנפערענץ!

דרײַ אײַנערלעכע באַפרײַונגס־מאָמענטן האָבן אונדזער באַוועגונג געשאַפן.

איך וויל קיין פּראָפעט נישט זײַן און נישט זאָגן אין פאָרויס, אַז מיר לעבן דאָ איבער אַ נײַעם היסטאָרישן מאָמענט, אַז מיר עפענען אַ נײַעם קוואַל פון פריש לעבעדיק וואַסער אין גאָטס ווײַנגאָרטן, אַז פון הײַנט אָן וועט דאָס אָרט פאַרכט ווערן און בליען. „עטוואָס“ דאָך זענען מיר געוואָרן, און דאָס עטוואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון די אָנגערופענע דרײַ באַפרײַונגס־מאָמענטן.

עס הייבט זיך אָן צו באַפרײַען דער יידישער „המון“, דער אָרעמער

---

1 די רעדע איז אויך אָפּגעדרוקט (מיט מינימאַלע אָפּווייכונגען) אין „פאָרווערטס“ פון 15טן סעפּטעמבער.

יידישער „עם=האָרץ". ער פאַרלירט זײַן צוטרויען אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים ניט קיין גליק. דער „המון" הייבט אָן אַליין צו בענקען, צו פילן, וויל לעבן זײַן אייגן אָרעם לעבן פאַר זיך. און עס וואַקסט אויף דער חסידיזם, די תורה פאַר אַלע.

און דאָס איז דער ערשטער מאָמענט.

יידיש הייבט זיך נישט אָן מיט אײַזיק מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע—דאָס איז דער „בראשית". שבחי בעל שם און אַנדערע וווּנדער=געשיכטן זענען פאָלקס=דיכטונגען, דער ערשטער פאָלקס=דיכטער איז ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו מיט זײַנע זיבן בעטלער.

עס האָט אויך ערוואַכט און פאַרלאַנגט עפּעס פאַר זיך די יידישע פרוי, דאָס יידישע ווײַבל, דאָס יידישע מיידל. און עס באַווײַזן זיך „ווײַבערישע ביכלעך". פון עברי=טײַטש ווערט אַ „מאַמע=לשון"...

און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פאָלק. אַ שפּראַך פאַר למדנים אין בית=המדרש: תורה=לשון, גמרא=לשון; און די צווייטע פאַרן „המון" און פאַר דער יידישער טאָכטער...

נאָר פון דעם וואָלט נאָך קיין „יידיש", קיין יידישע שפּראַך נישט געוואָרן. דאַן באַווײַזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, און שאַפט זיך זײַן אינסטרומענט פאַרן קאַמף פאַר זײַן לעבן, זײַן אַרבעטער=קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַנוגנט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווײַבערישער שול און נישט מיט וווּנדער=געשיכטן פון הינטערן אויוון אין קלויז, ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש. און עס באַווײַזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך...

דאָס אַלץ וואָלט אונדז דאָך נישט צוזאַמענגערופן; אויב מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען פון אַלערליי לענדער און שטאַטן צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש אַלס גלײַכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן, האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען אַ פערטן סאָציאַל=פּאָליטישן וועלט=מאָמענט.

דער שטאַט, וועלכן מען פלעגט אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער ווי פאַרצײַטן קינדער דעם מולך, דער שטאַט, וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדע קלאַסן אין פעלקער געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלײַכן: איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָליציי און איין פּאָליציילעך רעכט,—דער שטאַט פאַרלירט זײַן גלאַנץ.

דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען איבער זײַן מזבח, ווערט וואָס דינער און צעשטרייטער. דאָס „פאָלק", נישט דער שטאַט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציאָן, נישט דאָס פאָטערלאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פעלקער=לעבן...

און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער ערוואַכן און קעמפן פאַר זייער

שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט, און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

דער שטאַט זאָל מער נישט פעלשן די פעלקער=קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט — אָט דאָס ווערט געוואָרט גערופן און געבלאָזן אין דער מחנה, און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור=אינטערעסן.

און מיר רופן צו דער וועלט: מיר זענען אַ יידיש פאָלק און יידיש איז אונדזער שפּראַך, און אויף אונדזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונדזערע קולטור=גיטער באַשאַפן און שוין קיינמאָל נישט אָפּפערן זיי צוליב די פאַלשע אינטערעסן פון „שטאַט“, וואָס איז נאָר דער באַשיצער פון רעגירנדע, הערשערישע פעלקער און דער בלוטזויגער פון אונטערדריקטע שוואַכע.

מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פעלקער=לאַקייען קענען קיין קולטור=גיטער נישט באַשאַפן, מיר טוען עס!

און דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונדזער פאַרזאַמלונג איז געווען בוקאָווינע, נעמלעך איר הויפּטשטאָט, טשערנאָוויץ. דאָ, ווו עס לעבן צוזאַמען פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשידענע שפּראַכן, איז אונדז לייכטער אונדזער וואָרט צו פירן. מיר שפּאַצירן פאַרנאַכט אין גאַס, און פון פאַרשידענע פענצטער פליסן אַרויס פאַרשידענע שפּראַך=טענער, אַלערליי פעלקער=מוזיק; מיר ווילן אונדזער פענצטער האָבן: אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער=סימפאָניע.

מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך=שטאַט זיין בראָקן. איין פאָלק יידן; זיין שפּראַך איז — יידיש.

און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה ווייטער וועקן און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן.[1]

און נישט נאָר צוזאַמענרעדן זיך און זיך פאַר אַנדערע פּראָקלאַמירן זענען מיר געקומען. מיר ווילן צוזאַמען אַ ר ב ע ט ן, און איר וועט האָבן אַלערליי פאָרשלעגע צו פּרוקטבאַרער אַרבעט, אָבער צוויי פון זיי מוז איך אַלס די וויכטיקסטע דערמאַנען פאָרויס. זאָל יידיש ווערן אַן אַלגעמיין יידישע שפּראַך, אַזוי מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אונדזערע אַלטע

---

[1] ג ר ש ם ב ע ד ע ר, יידישעס טאַגעבלאַט, נ״י, סעפּטעמבער 17, גיט איבער דעם דאָזיקן טייל פון דער רעדע אַזוי:

„... וואַרשע און בוקאָווינע, ניו-יאָרק און רוסלאַנד מוזן אַצונד פאַראייניקט ווערן אין דער יידישער שפּראַך. דאָס אַלטערטום און די נייע צייט, די פאַרגאַנגענהייט און די געגנוואַרט מוזן געפינען אין איר זייער אויסדרוק. די יידישע קולטור-גיטער מוזן ווערן דאָס אייגנטום פון דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט מוז אונדז הערן און לערנען פאַרשטיין.“

קולטור־גיטער פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט; זאָל אונדזער יידיש ווערן צווישן אַלע וועלטשפּראַכן אַ גלייַכבאַרעכטיקטע שפּראַך, מוז זי צוגענגלעך ווערן דער וועלט.

מיר ווילן אייַך דעריבער פאָרשלאָגן: די איבערזעצונג פון אַלע ווירקלעכע קולטור־גיטער פון אונדזער גאָלדן־פרייַער פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט פון דער ביבל, און די טראַנסקריפּציאָן פון אונדזערע בעסטע קולטור־גיטער אויף לאַטייַנישע לעטערן. מיר ווילן מער קיין אומסימפּאַטיש־לינקישע פאַרוועניע, קיין אויפגעקומע עשירים נישט זיין! קולטור איז אויך טראַדיציאָן! און מיר ווילן דאָס וואָרט צווישן די פעלקער פירן נישט דורך מעכאַנישע איבערזעצונגען, וואָס טייטן דאָס לעבעדיקע וואָרט.

מיר זענען געקומען ווייניק רעדן און מער אַרבעטן. איבערדעם בעטן מיר אַלע מער צו אַרבעטן. (אַפּלאָדיסמענטן.) מיר דאַנקען דעם ד״ר בירנבוים דערפאַר, וואָס ער האָט אונדז צונויפגערופן, מיר דאַנקען דעם אַקאַדעמישן פאַראיין „יידישע קולטור", וואָס ער האָט זיך געווידמעט דעם אידעאַל און האָט מיט אַלע זייַנע כוחות צוגעהאָלפן אונדזער קאָנפערענץ פאָרצובאַרייטן. און מיר מוזן אויך הייַנט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן אין דער מאָדערנער, אייגנטלעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדז געשענקט די ערשטע קלאַסישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך און וואָס איז לײדער דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספרים! (שטאַרקע מינוטן־לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן.) איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַגריסונג־טעלעגראַם. (נאָך שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן).

ל. טויביש לייגט פאָר אַ געשעפטס־אָרדענונג, וואָס ווערט אייַנשטימיק אָנגענומען.

ס'ווערן פאָרגעלייענט די דערהאַלטענע באַגריסונגען: פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם (פון באַראַנאָוויטש: „מיט דער נשמה ביי אייַך, מיטן קראַנקן גוף צוגעבונדן דאָ. ווינטש אייַך ברכה און הצלחה"), פּ. הירשביין, אַ. האַרקאַווי, ד. פּינסקי, פון אַ גרופּע ליבהאָבער פון דער שפּראַך אין באָברויסק, פון אַ גרופּע יידישע שרייַבער אין באָסניע וואָס שרייַבן אויף סערביש, פון י. דינעזאָן, פון מ. ספּעקטאָר, פון אַ סך פּועלי־ציון־גרופּעס אין גאַליציע און בוקאָווינע, פון ד״ר ליפּפּע אין יאַס, פון מ. קריינין אין פּעטערבורג א״אַנד.

דאַן קומען פאָר וואַלן צום פּרעזידיום. ס'ווערן אייַנשטימיק אויסגעקליבן: ד״ר נתן בירנבוים אַלס פּרעזידענט; אַלס וויצע־פּרעזידענטן: י. ל. פּרץ, ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און לייב טויביש; אַלס סעקרעטאַרן:

ד״ר סאָטעק, ה. ד. נאָמבערג, אַנזעלם קלײנמאַן, לאַזאַר קאַהאַן, זינגער, װײסמאַן און אסתר.

נאָך די װאַלן פון פרעזידיום װערט געשלאָסן די ערשטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ.

די פאָלקס־פאַרזאַמלונג

(זונטאָג, אויגוסט 30, 4 נאָכמיטאָג)

די פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין גרויסן גאָרטן פונעם יידישן טעאַטער (גרוי־דערס גאָרטן) איז באַזוכט געװען, ניט געקוקט אויף דער גװאַלדיקער היץ, פון איבער טויזנט מענטשן (לויט אַנדערע—ביז צװײ טויזנט).

די טעמע פון די רעדעס איז געװען: „די באַדײַטונג פון דער קאָנפע־רענץ פאַר דער יידישער שפּראַך און איר תּכלית".

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן ל. טוביש, רעדנדיק „אין גייסט פון אָרטאָדאָקסאַלן יידנטום"[1] און דערװײַזנדיק די באַדײַטונג פון דער יידי־שער שפּראַך פאַר דער אַנטװיקלונג פון די גייסטיקע כּוחות פון פאָלק און פאַר דעם אויסגלײַכן די סאָציאַלע און שטאַנדן־דיפערענצן אין יידישן פאָלק. דער רעדנער מיינט, אַז װיבאַלד מען װעט שטאַרקן די פּאָזיציע פונעם יידישן לשון, װעלן מאַנכע אינטעליגענטן אויפהערן זיך צו „בלאָזן" אַקעגן די פּראָסטע יידן. די יידישע שפּראַך איז אַ סאָציאַלע דערשײַנונג און ניט קיין פראַגע פון הקירות. „װאָס װײַטער אַ ייד װערט פון יידיש, אַלץ װײַטער איז ער פונעם יידנטום... אַפילו קיין מיליאָן יידן איז נישטאָ, װאָס זאָלן קענען העברעיִש". קיין פראַגע „העברעיִש אָדער יידיש" איז ניטאָ. װען אַלע יידן אָדער כאָטש אַ גרויסער חלק זאָלן רעדן העברעיִש, יעמאָלט װאָלט אויפגעשטאַנען די פראַגע: העברעיִש אָדער יידיש.

ד״ר ה. זשיטלאָװסקי דריקט אויס זײַן זיכערקייט, אַז די יידישע שפּראַך איז אויסער װעלכער עס איז זײַטיקער קאָנקורענץ, אַז קיין שום שפּראַך, װי שיין און דערהויבן זי זאָל נישט זײַן, קען איר נישט שאַטן. די קאָנפערענץ, און שפּעטער די אָרגאַניזאַציע װאָס די קאָנפערענץ װעט גרינדן, דאַרף שטרעבן צו אַנטװיקלען פון דער יידישער שפּראַך די יידיש־נאַציאָנאַלע שפּראַך, װײַל דאָס איז דער בעסטער מיטל פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן קיום. דער רעדנער װײַזט אָן אויפן תּהום, װאָס איז ביז דער לעצטער צײַט געלעגן צװישן די באַגריפן ייד און מענטש. די װאָס האָבן שטודירט אין די רוסישע

[1] „ראַזסװעט" נומ׳ 34.

אוניווערסיטעטן האָבן געהאַט פאַר זיך די ברירה: אָדער סאָציאַליסט, ד"ה פרײַער מענטש, אָדער ייד, ד"ה דורכמוטשען דאָס לעבן אין גלות. דער רעדנער האַלט, אַז דער דער דאָזיקער תהום איז פאַרשווונדן זינט דער אַנטוויקלונג פון אונדזער שפּראַך, וואָס האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַן אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע. „פון דעמאָלט אָן, זאָגט ער, איז אונדזער גאַנץ ווײַטערדיק פאָלקסלעבן פאַרבונדן מיט אונדזער שפּראַך".

די יידישע שפּראַך איז נאָך אַ ביסל אַנעמיש, אָבער זי קען און וועט זיך אַנטוויקלען. וועגן זײַן באַציִונג צו העברעיִש גיט דער רעדנער אַזאַ משל: לשון=קודש איז אונדזער אַלטע באָבע, וועלכע האָט איר צײַט אָפּגעלעבט, גוט אָדער שלעכט געווירטשאַפט, אָבער שוין איז די צײַט פון איר ווירטשאַפט אַריבער. אַ קלוגע באָבע נעמט אַליין און גיט איבער די שליסלען פון די שפּײַכלערס און שאַפעס צו די ייִנגערע באַלעבאָסטעס, טעכטער אָדער שניר, און זאָגט זיי: קינדערלעך, אַצונד איז אײַער צײַט, נאַט, באַלעבאַטעוועט איר. דעמאָלט דאַרפן די יונגע באַלעבאָסטעס האָבן דרך=ארץ און בכבוד האַלטן די אַלטע באָבע ביז זי וועט בשלום צוקומען צו דער לעצטער מינוט; און נאָכדעם דאַרפן זיי איר מאַכן אַ שיינע לוויה. העברעיִש וויל זיך אָבער אַזוי נישט נוהג זײַן; זי וויל די שליסלען נישט אַרויסגעבן פון די הענט, נאָר זי נעמט זיך גאָר אָן מיט מוט און שרײַט אָן אויף די יונגע צוציקעס: תרבות, איר יונגע ציגלעך! איך בין באַלעבאָסטע, און פון מײַן האַנט ווערט איר געשפּײַזט... דערפאַר זענען די פאַרהעלטעניש צווישן די יונגע און אַלטע געשפּאַנט און עס ברענט דער קאַמף וועגן די „שליסלען", וועגן דער באַלעבאַטישקייט...

דער קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוועט" שרײַבט וועגן זשיטלאָווסקיס רעדע, אַז זי איז געווען זייער אינטערעסאַנט און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויפן עולם.[1] דאָס זעלבע באַשטעטיקט דער „פרײַנד".[2]

י. ל. פּרץ שטעלט זיך דערעיקרשט אָפּ אויפן הײַנטיקן יידנטום און זײַן לאַגע. „מײַנע פאָררעדנער האָבן גערעדט טעאָרעטיש, איך וועל רעדן פּראַקטיש". ווו זענען אונדזערע בעסטע קרעפטן? טייל פון זיי זענען געוואָרן יעגער וואָס היטן פרעמדע גרענעצן. ער רופט צו אַרבעטן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אונדזערע קולטור=גיטער אויף דער פאָלקסשפּראַך, בכדי צו דערגרייכן אַן אייגהייטלעכע קולטור.

ל. כאַזאַנאָוויטש. די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור וועט ניט פאַרשווינדן ווערן ביז עס וועלן ניט אַלע רעדן יידיש. איך קאָנסטאַטיר אָבער מיט פרייד, אַז די אינטעליגענץ רעדט וואָס ווײַטער מער יידיש. מיר טאָרן ניט פאַרלירן די שפּראַך, וואָרים דאָס הייסט לאָזן אויסשנײַדן זיך די

---

1 נומ׳ 34. 2 נומ׳ 192.

צונג. איך בין ניט פעסימיסטיש, ווײַל איך זע, אַז צו דער אַרבעט נעמען זיך צוויי וויכטיקע פאַקטאָרן: די מאַסע און די אינטעליגענץ.

אַחוץ די דערמאָנטע פערזאָנען האָבן נאָך גערעדט: אסתּר, וועקסלער (אין נאָמען פון דער ציוניסטישער יוגנט), נח פּרילוצקי, ד״ר סאָטעק און אַנדערע. אסתּר האָט אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט האָט דער ערשטער אָנערקענט די יידישע שפּראַך און געווירקט אין דעם זינען אויף די ברייטע מאַסן און אויף דער אינטעליגענץ.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוועט״ שרײַבט: „באַזונדערס התלהבותדיק האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון גאַליציע, פאַר וועלכע די אָנערקענונג פון יידיש אַלס גלײַכבאַרעכטיקטע שפּראַך איז אַן אַקטועלע פראַגע פון פּאָליטישן מאָמענט, וואָס איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג״.[1]

די פאַרזאַמלונג האָט געדויערט אַ שעה דרײַ.

דער ליטעראַרישער אָוונט

(זונטאָג, אויגוסט 30, אינאָוונט)

דעם זעלבן טאָג האַלב נײַן אַזייגער אינאָוונט איז פאָרגעקומען אין שטאָט־טעאַטער אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט. דער טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט. דעם אָוונט האָט געעפנט ד״ר זשיטלאָווסקי מיט אַ קורצער רעדע וועגן די ליטעראַטורן פון אונטערדריקטע אומות בכלל און דער יידי־שער ליטעראַטור בפרט.

נאָך אים האָט י. ל. פּרץ פאָרגעלייענט דעם צווייטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט״ און „פיר דורות — פיר צוואָות״.

ווײַטער האָט געלייענט אַברהם רייזען אייניקע זײַנע שירים און אַ קליינע סקיצע: „געבליבן אַליין״.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט שלום אַש פאָרגעלייענט אַ דערציילונג וואָס איז נאָך נישט געדרוקט געווען: „אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט אין רוים״, די סקיצע „דער זעלנער״ און אויף „ביס״ — אויסצוגן פון זײַן „רות״־איבערזעצונג.

ה. ד. נאָמבערג האָט דעקלאַמירט דרײַ פאָלקסלידער.

„פרײַנד״ נומ׳ 192:

דער עולם האָט די יידישע שרײַבער אויפגענומען מיט אומגעווײנלעכער התלהבות.

---

[1] נומ׳ 34.

צווייטע זיצונג

(מאָנטאָג, אויגוסט 31, אינדערפרי)

10 אַ זייגער אינדערפרי עפנט ד״ר נתן בירנבוים די צווייטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ. דאָס וואָרט באַקומט ד״ר זשיטלאָווסקי. ער דער־קלערט, אַז צוליב פאַרשיידענע סיבות איז דאָס פּרעזידיום נישט אימשטאַנד געווען אויסצואַרבעטן דעם סדר־היום פאַר אַלע זיצונגען פון דער קאָנפערענץ, און מחמת דעם נעמט מען אַרויס פון דער מיט יענע פונקטן, איבער וועלכע ס׳זענען נישט אַנטשטאַנען קיין סיכסוכים. פאַר יעדער זיצונג וועט דאָס פּרעזידיום באַשטימען די אָרדענונג פון דער קומענדיקער זיצונג.

ס׳ווערן געלייענט באַגריס־דעפּעשן: פון דער ראָדעמער מוזיקאַליש־דראַ־מאַטישער געזעלשאַפט „הזמיר", פון דער געזעלשאַפט צו קעמפן מיט אַנאַל־פאַבעטיזם אין וואַרשע, פון „הד הזמן", פון „אונזער לעבען", פון „המצפה", פון בעל־דמיון א״אנד.

דאָס וואָרט באַקומט שלום אַש צו זײַן רעפעראַט.

רעפעראַט פון שלום אַש: וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור־גיטער אין דער יידישער שפּראַך

די קעגנער פון יידיש זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן ערשט מיט מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז ניט ריכטיק. די יידישע ליטע־ראַטור, ווי די יידישע קולטור, איז פיל עלטער — זי שטאַמט פונעם תנ״ך. דער תנ״ך איז אייגנטלעך ניט קיין ספּעציעל יידישע זאַך, דאָס איז אַן אַל־וועלטלעך גוטס; און פאָרט איז ער דאָס האַרץ און דער מקור פון אונדזער קולטור.

עס איז נייטיק דעם תנ״ך אַריבערצוטראָגן אין יידיש. מען זאָגט אונדז, אַז דער תנ״ך האָט פאַר אונדז אַ ווערט נאָר אין העברעיִש. דאָס איז נישט ריכטיק. שונאים פון תנ״ך זענען די וואָס האַלטן, אַז ער איז פאַרשטיי־נערט און אויף אייביק פאַרקניפּט מיט דער שפּראַך אויף וועלכער ער איז אָנגעשריבן. דורך דעם פאַרשליסן זיי פאַר די ברייטע פאָלקסשיכטן דעם צו־טריט צו דעם דאָזיקן מקור.

אָבער דער תנ״ך דאַרף נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעדיכטעט ווערן, פּאָעטיש איבערגעגעבן ווערן דעם פאָלק אין פּאָעטישע יידישע פאָר־מען. אַלע פעלקער האָבן איבערגעזעצט אונדזער תנ״ך און האָבן געוווּסט ווי אַזוי אים אויסצונוצן; אַלע קולטור־ווערטן פון אַנדערע פעלקער, ווי די אָדי־סעע פון האָמער, זענען איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן און זענען גע־וואָרן ווערטן פון דער וועלט־קולטור. נאָר מיר האָבן דאָס נישט געטאָן.

דאָס איז באַזונדערס אויסטערליש ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז קיין שפּראַך=קולט איז בײַ יידן קיינמאָל נישט געווען. נישט די אויסנווייניקסטע שפּראַך, נישט די ווערטער זענען הייליק געווען, נאָך דער אינהאַלט. דערפאַר איז אויך דער יידישער גייסט נישט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איין באַשטימטער פאָרם. אַ ראַיה — די יידישע אמונה.

דער יידישער גאָט, וועגן וועלכן ס׳רעדט דער תנ״ך, איז נישט קיין ספּעציעל יידישער גאָט. ווי דער פּרימיטיווער גאָט בײַ אַלע פעלקער איז ער די פאַרקערפּערונג פון קראַפט. דער יידישער גאָט איז ערשט דעמאָלט געוואָרן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק דער גרויסער אַלמעכטיקער יידישער גאָט, בעת יידן האָבן שוין גערעדט נישט העברעיִש, נאָר אַראַמיש — אין דער צײַט פון בית שני. אונטערדריקט פון די רוימישע לעגיאָנען, פון אָט דער טמאדיקער און גאָטלאָזער מאַכט, פאַרלירן נישט די יידן זייער גאָט. ער טריומפירט אונטערן יאָך פון דער פיזישער איבערמאַכט פון שונא.

שוין דעמאָלט ווערט געבוירן דער „זשאַרגאָן“. אים האָט באַשאַפן דער אוניווערסאַלער כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור. דער תלמוד איז געשריבן געוואָרן בעיקר אויף אַראַמיש, ס׳רוב יידיש=פילאָזאָפישע ספרים — אויף אַראַביש, בכדי דאָס פאָלק זאָל דאָס פאַרשטיין. דאָס חסידות האָט אָנגעהויבן רעדן צום פאָלק ניט אויף העברעיִש, נאָר אויף יידיש. ניט אַלע יידישע תפילות אַפילו זענען ריין העברעיִש, און די תפילות פון פרויען, וועלכע זענען ניט אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן ווי די מאַנסבילשע תפילות, זענען אינגאַנצן אויף יידיש. אויף העברעיִש דאַוונט מען, אויף יידיש בעט מען. בײַם דאַוונען ווערט פאַרשטיינערט די נשמה, און עס בלײַבט נאָר דער קערפּער; עס פאַרלירט זיך דער באַגריף און עס בלײַבט נאָר דאָס וואָרט; עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מין כישוף, אַ סגולה וואָס זאָל העלפן.

די פרויען האָבן געשאַפן אַ ווײַבערשן „מודה=אַני“, אַ ווײַבערשן „צאינה=וראינה“. אָט די האַרציקע געבעטן פון דער יידישער פרוי האָבן טאַקע אויפגעהיט אונדזער פאָלקס=גייסט, מיר זענען אויף זיי געהאָדעוועט געוואָרן, און פון זיי האָבן מיר געצויגן אונדזער יניקה.

אין זײַן קינדישער ריינקייט איז אַל דאָס יידישע אויפגעהיט אין תנ״ך, אין זײַנע רעליגיעזע פאַרזאָגן, אין די רייד פון די נביאים, אין די ליבעגעזאַנגען פון די דיכטער—אין דעם אַלעמען איז באַהאַלטן אונדזער פאָלקס=עשירות. וואָלטן מיר געהאַט אַ מלוכה און אַ לאַנד, וואָלטן מיר פאַר זיי געשטריטן און זיי באַשיצט. איצט קענען און דאַרפן מיר שטרײַטן פאַר אונדזערע קולטור=אוצרות, און קודם=כל פאַרן תנ״ך, מיר דאַרפן באַקענען מיט אים די ברייטע שיכטן פון פאָלק.

„פריינד“ נומ׳ 192:

די קאָנפערענץ נעמט אויף אַשס רעדע מיט רעשדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

י. ל. פּרץ הייבט אָן די וויכוחים וועגן דער פראַגע. ער ווייזט אָן דערויף, אַז אַש האָט צונויפגעמישט עטלעכע זאַכן אינאיינעם; דאָס נעמט זיך אָבער דערפון, וואָס אַש איז קיין רעדנער ניט. אָבער זיין הויפּט־געדאַנק — אַז די יידישע קולטור־אוצרות מוזן איבערגעזעצט ווערן אין יידיש — איז אַ ריכטיקער... די שרייבער, וואָס זענען אַרויס פון בית־המדרש, גייען אויס. עס שטייט אויף אַ דור פון שרייבער עמי־הארצים, וועלכע מוזן געפינען זייערע וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט. וואָס האָבן געטאָן די גוים מיט דער ביבל? זיי האָבן געשאַפן אַ גאַנצן צווייג פון דער וויסנשאַפט. וואָס האָבן יידן געטאָן? יידן האָבן בעל־קוראס, וועלכע לעזן פאָר די ביבל, און דאָס פאָלק לעזט נאָך. מען דאַרף, יעדער זאָל פאַרשטיין די ביבל. וואָרים קיין קולטור שאַפט מען נישט פון היינט אויף מאָרגן. יעדע קולטור מוז האָבן אירע טראַדיציעס, אירע היסטאָרישע קבלות. ווילן מיר, אַז זי זאָל זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפט, מוזן מיר זי ענג פאַרבינדן מיט דער פאַר־גאַנגענהייט. די ביבל איז געוואָרן פאַרשלאָסן פאַרן פאָלק, דער תלמוד איז אויך געוואָרן פאַרשלאָסן. אַלע טירן מוזן אויפגעמאַכט ווערן: די ביבל מוז ווערן יידיש. ווען אונדזערע קולטור־גיטער זענען פאַרשטיינערט, מוזן מיר זיי וואָס צום גיכסטן אויפלעבן. נישט נאָר הייליק, נאָר אויך לעבעדיק דאַרפן מיר דעם תנ״ך מאַכן, אַזוי אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל אים פאַרשטיין.

פרצעס רעדע ווערט אויפגענומען מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן.

מיזעס מיינט, אַז ס׳איז אַן איבעריקע זאַך איבערצוזעצן דעם תנ״ך אין יידיש.

נ. פּרילוצקי באַווייזט, אַז די יידישע ליטעראַטור ווערט פלאַכער, ווייל די יידישע שרייבער קענען אַלע ווייניקער העברעיש. דאָס יידישע איצ־טיקע לעבן איז זייער באַגרענעצט, און זיי האָבן ניט פון וואַנען צו שעפּן זייערע טעמעס. כּדי די יידישע קונסט זאָל זיך אַנטוויקלען, איז נייטיק זי צו פאַרבינדן מיט דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס וועט געשען, אויב מען וועט דעם תנ״ך איבערזעצן אויף יידיש. אַזאַ איבערזעצונג וועט אָבער אויך העלפן צו פאַרבעסערן און פאַררייכערן די שפּראַך גופא.

ש. איזנשטאַט דערמאָנט, אַז דער תנ״ך איז שוין עטלעכע מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, און די קומענדיקע איבערזעצער וועלן זיך מוזן רעכענען מיט די אַלטע איבערזעצונגען. אַגב, די גאַנצע ביבל איז ניט נייטיק איבערצוזעצן. פיל ערטער אין ביבל האָבן נאָר אַ היסטאָרישע באַדייטונג, פאַרן פאָלק איז עס ניט וויכטיק. ער ווייזט אויך אָן אויף דעם, אַז איבערזעצן דאַרף מען ניט נאָר די ביבל, נאָר אויך אַלע יידישע ליטע־ראַטור־אוצרות וועלכע מיר פאַרמאָגן: פון דער ביבל ביז מענדעלע מוכר־ספרים.

ה. ד. נאָמבערג ווײַזט אָן אויף עטלעכע סתירות אין אַשס רעדע. די ביבל איז שוין איבערגעזעצט — דער „צאינה־וראינה" איז אַ פאָלקס־איבערזעצונג, און דעריבער דאָס בעסטע. איצט קען דאָס איבערזעצן די ביבל טראָגן נאָר אַ דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער. ער איז אָבער מסכּים, אַז די אי־בערזעצונג מוז געמאַכט ווערן. ער באַמערקט אויך, אַז דאָס וועט כּלל ניט הייסן, אַז מיר ווילן אויסראָטן העברעיִש. ער וואָלט עס געהאַלטן פאַר אַ נאַ־ציאָנאַלן אומגליק, ווען יידן זאָלן פאַרגעסן העברעיִש.

אסתּר מיינט, אַז פאַר יידן וועט די איבערזעצונג פון תּנ"ך נישט האָבן דעם ווערט, וואָס ס'האָט געהאַט פאַר אַנדערע פעלקער. אַז לוטער האָט איבערגעזעצט די ביבל, האָט עס געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ער האָט אַליין געקוקט אויף דער זאַך ווי אויף אַ פאָלקסזאַך; בײַ אונדז איז עס אַ פּריוואַטע זאַך. זי ווײַזט אויך אָן, אַז פּונקט ווי עס איז נייטיק, מען זאָל איבערזעצן אין יידיש די אַלטע יידישע גיטער, איז אין אַלגעמיין נייטיק, מען זאָל איבערזעצן אין יידיש אויך די אַלע גיטער וואָס די איבעריקע לי־טעראַטורן פון דער וועלט פאַרמאָגן.

ד"ר ח. זשיטלאָווסקי האַלט, אַז דורך איבערזעצן דעם תּנ"ך און אויך אַנדערע יידישע קולטור־אוצרות אויף יידיש וועלן מיר עפענען פאַרן יידישן פאָלק דעם ים־הגדול, וועלכן די גרויסע יידישע מאַסן האָבן ביז איצט אויף די אויגן נישט געזען. ווי מיר זאָלן ניט קוקן אויפן תּנ"ך, מוזן מיר דאָך מודה זײַן, אַז עס איז נייטיק צו שאַפן די מעגלעכקייט, יעדער ייד זאָל אים קאָנען פאַרשטיין. דער רעדנער ווײַזט אָן, אַז קיינער האָט זיך ניט אַרויסגעזאָגט קעגן איבערזעצן די ביבל, פאַרשיידענע מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ גיבן נאָר צו אַן אַנדער באַדײַטונג דער זאַך. דעריבער לייגט ער פאָר אַזאַ רעזאָלוציע: די קאָנפערענץ געפינט פאַר נייטיק איבערצוטראָגן אין יידיש די אַלטע יידישע גיטער וואָס זענען געשריבן אין העברעיִש, און אין דער ערשטער ליניע — דעם תּנ"ך.

עס רעדן נאָך עטלעכע רעדנער: זילבער, ווײַנרעב, וועקס־לער, און די דעבאַטן ווערן געשלאָסן.

אַש באַקומט דאָס לעצטע וואָרט און ענטפערט אויף די טענות, וואָס עטלעכע רעדנער האָבן צו אים געהאַט. ער דערקלערט, אַז ער איז מסכּים מיט ד"ר זשיטלאָווסקי, — אַז מען קאָן ניט יוצא זײַן נאָר מיטן תּנ"ך אַליין. ער מיינט אויך דעם תּלמוד. דער תּנ"ך איז אָבער נייטיקער ווי אַלץ. אים איז וויכטיק ניט נאָר די פראַגע וועגן אויסבילדן די יידישע שפּראַך, נאָר אויך אויסבילדן די יידישע נשמה. פיל מענטשן, זאָגט ער, זענען פון אונדז אַוועק; די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט זיי אומגעקערט. פאַר זיי דאַרפן מיר דאָס יידיש. מיר דאַרפן זײַן גאַנצע מענטשן, און גאַנצע קענען מיר זײַן נאָר יידן.

ס'ווערן אַרײַנגעטראָגן צוויי רעזאָלוציעס וועגן דער פראַגע: די ער־

שטע רעזאָלוציע זאָגט, אַז די איבערזעצונג פון תנ"ך איז נייטיק, בכדי צו באַרײַכערן און פאַרשענערן די יידישע שפּראַך. די צווייטע זאָגט, אַז די איבערזעצונג איז נייטיק, בכדי צו באַרײַכערן די יידישע קולטור (דעם יידישן גייסט).

נאָך געוויסע וויכּוחים ווערןביידע רעזאָלוציעס פאַראייניקט, אָנגענומען און איבערגעגעבן צו אַ רעדאַקטיר־קאָמיסיע פון 7 פּערזאָן, צווישן זיי באַדער, דופלער, נאָמבערג, קרעפּעל [1].

ג. באַדער אין „יידישעס טאַגעבלאַטט", סעפּט 17, גיט איבער דעם אינהאַלט פון דער רעזאָלוציע אַזוי:

מען דאַרף איבערזעצן אַלע יידישע קולטורגיטער פונעם תנ"ך ביז צו די אַגדות און די מדרשים — צוליב דער הייבונג פונעם יידישן גייסט און צוליב דער פאַרשענערונג פון דער יידישער שפּראַך.

דערמיט ווערט נאָך 12 אַ זייגער געשלאָסן די פרימאָרגן־זיצונג.

דריטע זיצונג

(מאָנטאָג, אויגוסט 31, נאָכמיטאָג)

$2^1/_2$ אַזייגער נאָכמיטאָג ווערט געעפנט די נאָכמיטאָג־זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר זשיטלאָווסקי. מען לייענט נײַ־אָנגעקומענע באַגריסונגען. די אַרבעט איז אײַנגעטיילט אַזוי, אַז פאַרמיטאָג גייען רעפעראַטן, נאָכמיטאָג אָרגאַניזיר־פראַגעס [1].

דאָס וואָרט באַקומט י. ל. פּרץ.

י. ל. פּרצעס רעפעראַט וועגן דער אָרגאַניזיר־פראַגע

דער פאַרדינסט פון דער קאָנפערענץ וועט זײַן אַ גרויסער און איר ציל וועט זײַן דערגרייכט, אויב זי וועט מאַכן דעם ערשטן שריט צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיין־יידישן ליטעראַטור־ און קולטור־פאַראיין. די נייטיקייט פון אַזאַ פאַראיין איז שוין צײַטיק געוואָרן. הגם די מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ זענען נישט קיין געוויילטע דעלעגאַטן, באַווײַזט דאָך די גרויסע צאָל געסט און באַקומענע באַגריסונגען, אַז די קאָנפערענץ דריקט אויס די שטימונג פון דער יידישער פאָלקסמאַסע.

ווילן מיר עפּעס אויפטון פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער יידישער קולטור, מוזן מיר באַשאַפן אַ געזעלשאַפט אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אויספירן דאָס וואָס מיר באַשליסן; וועלכע זאָל פון צײַט צו צײַט

1 „המצפה", נומ׳ 35, 1908.   2 „פאָרווערטס", סעפּט׳ 17.

צונויפרופן קאָנפערענצן, ווי אונדזערע קולטור־פראַגעס וועלן באַטראַכט ווערן. די אָרגאַניזיר־תקנות, וואָס דאָס דערווײַליקע ביוראָ האָט אויסגעאַרבעט,[1] קאָן מען אויסנוצן ווי מאַטעריאַל, וואָס די קאָנפערענץ וועט עס ווײַטער באַאַרבעטן און באַשאַפן פון אים פעסטע תקנות.

דער פּראָיעקט פון די אָרגאַניזיר־תקנות, וואָס דאָס דערמאָנטע ביוראָ לייגט פאָר, איז אַזאַ:

די „קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך" שטרעבט צו די פאָלגנדע צילן:

א) אָנערקענונג און גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער שפּראַך.

ב) באַפעדערונג און פאַרשפּרייטונג פון קולטור און קונסט אין דער יידישער שפּראַך.[2]

צו דערגרייכן די צילן באַשאַפט די קאָנפערענץ אַן אָרגאַניזאַציע און אַ ביוראָ מיט דעם דערווײַליקן זיצאָרט אין טשערנאָוויץ.

אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע באַשטייט פון יידן, צום ווייניקסטן 18 יאָר אַלט, וואָס שטרעבן צו די צילן פון דער „קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך" און צאָלן לטובת איר ווייניקסטנס 1 רובל אַ יאָר ($2^1/_2$ קראָן, 2 מאַרק אאַז"וו).

ביוראָ. דער אויספיר־אָרגאַן פון דער קאָנפערענץ איז דאָס ביוראָ, וואָס זי וועט אויסוויילן. דאָס ביוראָ רופט זיך אָן „צענטראַל־ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך". דאָס ביוראָ איז מחויב צונויפצוקלײַבן די אַרויפגעלייגטע געלט־באַשטײַערונגען און אויסצופירן די החלטות פון דער קאָנפערענץ.

חוץ דעם דאַרף דאָס ביוראָ:

א) ווערבירן מיטגלידער פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

ב) גרינדן חברות, קאָמיטעטן, גרופּעס און אַנדערע פאַראייניקונגען, וואָס אַרבעטן פאַר די צילן פון דער קאָנפערענץ לויט די באַשטימונגען פון די פאַרשיידענע לאַנד־געזעצן.

ג) אַרויסגעבן און שטיצן דאָס אַרויסגעבן פון קולטור־ און קונסט־זאַכן.

ד) גרינדן ביבליאָטעקן.

ה) אָרגאַניזירן רעפעראַטן און פאָרלעזונגען.

ו) באַהילפיק זײַן אין פאַריידישן אַלע קולטור־ און קונסט־אוצרות פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און קודם־כל דעם תנ"ך.

ז) באַהילפיק זײַן אין אַרויסגעבן מוסטער־לערנביכער.

---

[1] „ראַזסוועט", נומ' 34: „די אידעע פון פּראָיעקט האָט געהערט פּרצן, די מיטגלידער פון ביוראָ האָבן אים רעדאַקטירט".

[2] א—ר, „נייע צייט" ב' IV, ז' 96: „דערנאָך האָט ער [פּרץ] צוגעגעבן נאָך אַ פאָרמל: „פאַראייניקונג פונעם יידישן פאָלק אין זיין קולטור און אין זיין שפּראַך".

ח) גרינדן און שטיצן יידישע מוסטער=שולן.

ט) גרינדן און שטיצן אַ וואַנדערנדיקן מוסטער=טעאַטער.[1]

י) גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פאַר ליטעראַטן און קינסטלער.

יא) פאַרמיטלען צווישן ליטעראַטן און קינסטלער פון איין זײַט און אַרויסגעבער, בוכהענדלער און פובליקום פון דער אַנדערער.

יב) שאַפן אַן אײַנריכטונג, וואָס זאָל דינען אַלס אויטאָריטעט פאַר פראַגן פון יידישער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק און אַנדערע שפּראַך=פראַגעס.

יג) פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָנערקענונג און גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך. צונויפרופן פעריאָדישע קאָנפערענצן.

דאָס ביוראָ באַשטייט פון אַ דירעקטאָר, וויצע=דירעקטאָר, סעקרעטאַר און עקאָנאָם.

די קאָנפערענץ. אַקטיווע וואַל=רעכט צו דער קאָנפערענץ האָט יעדער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע נישט יינגער פון 21 יאָר, פּאַסיווע — איינער אויף 100 מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. חוץ דעם ווערן צוגעלאָזן צו דער קאָנפערענץ אויך די יידישע שרײַבער, וואָס אַ רשימה פון זיי פירט דאָס ביוראָ.[2]

דער פאָרזיצער דערקלערט די דיסקוסיע איבער דער פראַגע פאַר געעפנט און טיילט אײַן די דעבאַטן אויף גענעראַלע און ספּעציעלע. אויפן ערשטן אָרט ווערט אַוועקגעשטעלט די גענעראַל=דעבאַטע: צי איז בכלל נייטיק אַן אָרגאַניזאַציע און וואָסערע?

אויפן פאָרשלאָג פון אייניקע דעלעגאַטן ווערט די רעדנער=צײַט באַגרעניצט מיט 15 מינוט.

דער ערשטער רעדט צו דער אָרגאַניזיר=פראַגע נ. פּרילוצקי. ער באַמערקט, אַז אין די פאָרגעלייגטע תקנות רעדט זיך צו פיל וועגן צענטראַל=ביוראָ און צו ווייניק, כמעט גאָרניט, וועגן דער אָרגאַניזאַציע גופא. ער לייגט פאָר: מען זאָל אויסקלײַבן אַן ענגערן אַקציאָנס=קאָמיטעט, אָדער אַן „אויספיר=ביוראָ", וואָס זאָל זיצן אין טשערנאָוויץ. דערצו דאַרף אויסגעקליבן ווערן אַ גרויסער קאָמיטעט מיט פאָרשטייער פון אַלע לענדער. ער לייגט פאָר, אַז די קאָנפערענץ זאָל אויסקלײַבן אַ ליטעראַריש ערן=געריכט.

הײַזלער איז בכלל קעגן אַזאַ אָרגאַניזאַציע. ער אָנערקענט יידיש נאָר אַלס די נויטווענדיקע שפּראַך פונעם יידישן גלות, און דעריבער פעלט אים אין דער פּראָגראַם דער געהעריקער פּלאַץ פאַר העברעיִש, וואָס איז געווען, איז און וועט זײַן דער איינציקער קיט פון אונדזער נאַציאָנאַלער

---

1 א—ר, „נייע צייט" ב' IV, ז' 98 גיט איבער דעם פונקט: „גרינדן און שטיצן יידישע טעאַטרען". ,

2 גרשם באַדער, „יידישעס טאַגעבלאַט", סעפּט' 17: „...פּרץ אַליין האָט מודה געווען, אַז ער איז „סעקרעטאַריש אונפּאַ־בערייטעט" [צום אָרגאַניזיר־פּראָיעקט].

עקסיסטענץ. דער גאַנצער פּלאַן איז ניט מער ווי אַ מיטל צו שעדיקן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אויב די קאָנפערענץ וויל באַשליסן, אַז דאָס העברעער-פאָלק דאַרף ניט מער באַטראַכטן העברעיִש פאַר זײַן נאַציאָנאַל-שפּראַך, וועט דאָס זײַן ניט קיין שפּראַך-קאָנפערענץ, נאָר אַ שמד-קאָנפערענץ.

טייל אָנטיילנעמער רעאַגירן שאַרף קעגן דעם רעדנערס ווערטער. עס ברעכט אויס אַן אינצידענט, דער פּאָרזיצער ליקווידירט אָבער דעם טומל און גיט אַ מעגלעכקייט הײַזלערן צו ענדיקן זײַן רעדע.

גרשם באַדער, יידישעס טאַגעבלאַט, סעפּטעמבער 17 אונטערן קעפּל „העברעיִסט מאַכן אַ רעש":

... אַט די רעדע האָט אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן שטורעם. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער רעדנער איז אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרויער באָרד, האָבן זיך אַ סך פון די קאָנפערענץ-טיילנעמער געוואָלט פּשוט וואַרפן אויף אים צום שלאָגן... דערבײַ האָבן אויך די העברעיִסטן פון צווישן די געסט אָנגעמאַכט אַ רעש, און עס האָט נאָר געדאַכט, אַז אָט-אָט וועט זיך דער עולם צעפּאַטשן...

גערעטעט דעם צושטאַנד האָט דער פּאָרזיצער ה' זשיטלאָווסקי. מיט עטלעכע קלוגע ווערטער האָט ער די אויפרעגונג באַרויִקט, און די דעבאַטע האָט זיך געקענט ווײַטער פירן אָן רעש. די שטימונג איז שוין אָבער געווען אַן אויפגערעגטע, ווײַל עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז די טשערנאָוויצער העברעיִסטן ווילן מאַכן דעמאָנסטראַציעס קעגן דער קאָנפערענץ און פון די קאָנפערענץ-מיטגלידער וועלן אויך צושטיין צו דער דעמאָנסטראַציע.

אַ פּאַרטריבענער אין „פאָרווערטס", סעפּטעמבער 17, שילדערט דעם אינצידענט מיט א. הייזלערן אזוי:

... אָבער דאָ קומט פאָר אַ גרויסער טומל אין זאַל. עס נעמט דאָס וואָרט איינער אַ ייד אין אַ יאַרמלקע מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך ספּעציעל אײַנגעשריבן אַלס מיטגליד, און מאַכט אַ ליאַרעם, אַ גוואַלד, אַז מען איז זיך צונויפגעקומען כדי צו באַגראָבן העברעיִש. אויף דער גאַלעריע זענען שוין געשטאַנען אַ סך מענטשן, וועלכע זענען ספּעציעל צוליב דעם געקומען כדי אונטערצוהאַלטן דעם טומל, און האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן, שרײַען. אַדאַנק דער אויסגעצייכנטער פירונג פון דער זיצונג דורך ד"ר ח. זשיטלאָווסקי איז דער זאַל געבראַכט געוואָרן צו אָרדענונג, און די דעבאַטן האָבן זיך רויִק געפירט ווײַטער".

בוקסענבוים: דעם ה' הײַזלערס דרך איז ווי עמעצער ברעכט אַרײַן בײַ אַ מענטשן אין שטוב און וויל אים דורכויס באַווײַזן, אַז דאָס ווײַב זײַנס איז נישט קיין פּאַסיקע פאַר אים. יענער ווױנט שוין מיט דעם ווײַב אַזוי פיל יאָרן צוזאַמען, לעבט מיט איר בשלום — און פּלוצים קומט אײנער שטערן זײַן שלום-בית...

קאַהאַן ווײַזט אָן אויף די חסרונות פון די פאָרגעלייגטע תקנות. בכלל איז ער מסכים מיט פּרילוצקין, ער לייגט נאָך פאָר, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך רופן: „אָרגאַניזאַציע פאַר יידישער שפּראַך און קולטור" און זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן אָרגאַן.

אסתּר איז קעגן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, ווײַל דאָס וועט ווידער זײַן אַ מין כלל-ישראל-פּאָליטיק, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן-באַוווסטזײַן פון פּראָלעטאַריאַט. די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און פונעם פּראָלעטאַריאַט זענען פאַרשיידן, דעריבער קאָן אַזאַ אַלגעמיינע יידישע אָרגאַניזאַציע אויף קיין פאַל ניט עקסיסטירן.

קאַהאַן ענטפערט דערויף, אַז בנוגע צו געוויסע קולטורעלע אינטערעסן קאָנען זיך פאַראייניקן אַלע קלאַסן. אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור איז דער פּראָלעטאַריאַט נאָך אפשר מער פאַראינטערעסירט ווי די בורזשואַזיע. אַפילו דער „בונד", מיינט דער רעדנער, וואָלט אויך געדאַרפט זײַן פאַר אַזאַ קולטורעלער אָרגאַניזאַציע — ווײַל דאָס וואָלט זײַן דער אָנהייב פון יענער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, צו וועלכער ער שטרעבט.

ל. כאַזאַנאָוויטש ווײַזט אָן, ווי וויכטיק עס וואָלט געווען, אַז די יידן פון אַלע לענדער זאָלן זיך פאַראייניקן אין דער אָרגאַניזאַציע: ווען מען שליסט לכתחילה אויס די מעגלעכקייט פון אַ פאַראייניקונג צווישן אַלע יידן פון פאַרשיידענע לענדער, שטעלט מען זיך פּאַקטיש אויפן באָדן פון דער אַסימילאַציע און מען פּראָפּאַגירט די צעשטיקלונג פונעם יידישן פאָלק. ער לייגט פאָר, אַז די שריפטשטעלער זאָלן זיך באַזונדער פאַראייניקן.

זינגער באַווײַזט, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז מעגלעך און נייטיק. שפּעט אין אָוונט[1] ווערט די זיצונג געשלאָסן.

אײַנדרוקן

ברזל פון „ראַזסוועט" כאַראַקטעריזירט די דיסקוסיע אַזוי (נומ' 34):

די אָפּאָנענטן קען מען צעטיילן אין דרײַ גרופּעס. טייל זענען מסכים מיט דער פּרינציפּיעלער זײַט פון פאָרשלאָג און טראָגן אַרײַן אַ גאַנצע ריי-

---

1 געגנער ווערט איר אַרגומענטאַציע געבראַכט ווייטער.

2 לויטן „פאָרווערטס", סעפּט' 17: 7 אַ זייגער.

אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען. אַנדערע האַלטן אַזאַ אָרגאַניזאַציע פאַר איבעריק: אַזוי דערווייזט אסתּר פרומקין זייער הייס, אַז מ׳קען בשום אופן נישט פאַראייניקן אין איין פאַרבאַנד יידן פון פאַרשיידענע קלאַסן, וואָרים דאָס איז כּלל־ישׂראל־פּאָליטיק, וואָס פאַרטונקלט דעם קלאַסן־באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט. די דריטע, די פאָרשטייער פון די ציוניסטן, האַלטן, אַז מען דאַרף נישט בויען אַזעלכע ברייטע אָרגאַניזאַציע־פּלענער, מחמת יידיש איז נישט אונדזער איינציקע שפּראַך. די דיסקוסיע פירט זיך שטורמיש, צייטנווייז ווייזט זיך אַרויס פּאַרטיייִשע ענגקייט.

אַ פּאַרטריבענער אין „פאָרווערטס“, סעפּט׳ 17, גיט איבער זיין אַלגעמיינעם איינדרוק:

יעדער [רעדנער] האָט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען וועגן דעם סטאַטוט. דאָס זענען אייגנטלעך געווען די מיינונגען פון די פּאַרטיי־פּראָגראַמען, ווי זיי קוקן אויף יידיש און העברעיִש. קיין נייס איז דאָרט ניט געזאָגט געוואָרן. יעדער פּאַרטיי־מענטש האָט באַשיצט די מיינונגען און שטאַנדפּונקטן אויף וועלכע זיין פּאַרטיי שטייט.

אסתּרס אַרגומענטן

די אַרגומענטאַציע פון די לינקע געגנער פון אָרגאַניזיר־פּראָיעקט ווערט איבערגעגעבן דורך א—ר אין זאַמלבוך „די נייע צייט“, באַנד IV, אין אַרטיקל „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ“:

דער אַלגעמיינער געדאַנקען־גאַנג, אויף וועלכן די געגנער פונעם פּראָיעקט האָבן זיך סומך געווען, איז געווען פאָלגנדער:

פאַרשפּרייטן קולטור פאַרשפּרייט יעדע סאָציאַלע גרופּע לויט איר וועלטאָנשויונג, לויט אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע אינטערעסן. די קולטור וואָס ס׳פאַרשפּרייט אַ שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליסט איז אָפּטמאָל ניט גלייך צו דער קולטור, וועלכע ס׳פאַרשפּרייט אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָג; די זעלבע קולטור־אוצרות, וואָס זענען פונעם ערשטן ווערט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, זענען אָפּטמאָל גאָרניט קיין אוצרות פאַר דער בורזשואַזיע, און אומגעקערט. פאַר אַ ציוניסט למשל איז די איבערזעצונג פון דער גאַנצער ביבל אַ גרויס שטיק אַגיטאַציאָנס־אַרבעט; פאַר פּראָלעטאַריער זענען די פּאָעטישע טיילן פון איר אַ קוועלע פון שיינהייטס־געפיל און דאָס איבעריקע — אַ שטאָף צו היסטאָריש שטודירן און קריטיק.

די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך פּאָליטישע צילן — קאַמף, פּראָפּאַגאַנדע פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַך. די גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַך קען

פאַרשטאַנען ווערן זייער פאַרשיידן — אין פאַרבינדונג מיט דעם אָדער יענעם נאַציאָנאַלן פּראָגראַם. די פּראָפּאַגאַנדע קען געפירט ווערן אויף צענדליקער אופנים.

ס׳איז שוין קיין רייד ניטאָ וועגן דעם, אַז די קאָנקרעטע אַרבעט און קאַמף קען געפירט ווערן נאָר אין פאַרבינדונג מיט די אָרטיקע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען; אַז קיין אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע איז דאָס ניט אימשטאַנד צו טון.

דעריבער דאַרף די באַשאַפענע אָרגאַניזאַציע האָבן אַ ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער; דערבײַ וועלן אויך קאָנען געגרינדעט ווערן פאַרשיידענע קאָמיסיעס — גראַמאַטישע, פילייכט פּעדאַגאָגישע, ליטעראַרישע — דאָס איז שוין אַ שפּעטערע זאַך, ווען די פאַראינטערעסירטע חברות וועלן זיך אויפקומען און אויפרעדן.

באַטייליקן זיך אין איר קענען פאַרשיידענע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צאָלן פאַרן ביוראָ אַ געוויסן בײַטראָג (למשל, 5 רובל אַ יאָר).

דאָס ביוראָ קען ניט פאַרנעמען זיך מיט שאַפנדער אַרבעט אויף די ערטער, קען ניט פירן קיין פּאָליטישן קאַמף פאַר אָנערקענונג פון דער שפּראַך; עס קען ניט גרינדן קיין שולן אאַז״וו. זײַן פאַרלאַגס־טעטיקייט קען זײַן באַגרענצט מיט ריין אינפאָרמאַטיווע אויפגאַבן, למשל סטאַטיסטיק, ביבליאָגראַפיע אאַז״וו.

אין באַזונדערע לענדער דאַרפן אויך באַשאַפן ווערן אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָען, לאַנדעס־קאָנפערענצן.

פאַרשיידענע פאַראײנען און אײַנריכטונגען באַקומען ניט קיינע דירעקטיוון פונעם ביוראָ, סײַ אין זייער קולטורעלער, סײַ אין זייער פּאָליטישער טעטיקייט.

די קאָנפערענץ פאַרנעמט זיך מיט אַלע קולטורעלע פראַגן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס האָט אַ שײַכות צו דער שפּראַך.

די טעאַטער־פאָרשטעלונג

גרשם באַדער, יידישעס טאַגעבלאַטט, סעפּט׳ 17:

... אויף דער נאַכט זענען אַ סך דעלעגירטע פון דער קאָנפערענץ געגאַנגען מאַכן אַ באַזוך אין דעם טשערנאָוויצער יידישן טעאַטער. די אײַנרופער פון דער קאָנפערענץ האָבן צוגעזאָגט צו אַראַנזשירן עטלעכע גוטע פאָרשטעלונגען, איז יעדער טאַקע געווען נײַגעריק צו זען — דער גאַנצער עולם איז אָבער אַהיימגעגאַנגען אַנטוישט, ווײַל דאָס וואָס מען האָט באַקומען צו זען אינעם טשערנאָוויצער יידישן טעאַטער איז פּשוט נאָר געווען אַ קאַריקאַטור פון יידיש טעאַטער...

פערטע זיצונג

(דינסטאָג, סעפטעמבער 1, אינדערפרי)

9½ אַזייגער אינדערפרי ווערט געעפנט די פרימאָרגן־זיצונג דורכן וויצע־פרעזידענט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי[1]. אויפן סדר־היום שטייען די רעפעראַטן וועגן דער שפּראַך, אָרטאָגראַפיע און גראַמאַטיק. די רעפערענטן זענען ד"ר סאָטעק, ש. אײַזענשטאַט, מ. מיזעס. איידער מען טרעט צו צו די רעפעראַטן, ווערט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָרשלאָג מיט 14 אונטערשריפטן, אַז די קאָנפערענץ זאָל אויסאַרבעטן אַ מאַניפעסט צום יידישן פאָלק, ווו ס'זאָל דערקלערט ווערן וואָס די קאָנפערענץ איז און וואָס זי וויל.

דער קאָרעספּאָנדענט פון „ראַזסוועט" (נומ' 34) קלערט אויף דעם פאָרשלאָג אַזוי:

מחמת דעס, וואָס דער אָרגאַניזיר־פּלאַן האָט אַרויסגערופן אויף דער פריערדיקער זיצונג אַזאַ לאַנגע פּרינציפּיעלע דיסקוסיע, אין וועלכער עס זענען צרויסגעזאָגט געוואָרן שאַרפע עקסטרעמע מיינונגען סײַ בנוגע דער ראָלע פון דער יידישער שפּראַך, סײַ בנוגע דער נייטיקייט פון אַזאַ ברייטער אָרגאַניזאַציע, האָבן איינקע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ אויפגעהערט צו גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אייניקונג און געמיינזאַמער פּראַקטישער אַרבעט. האַלטנדיק די רעפעראַטן פאַר זייער וויכטיק אין טעאָרעטישער הינזיכט, שטעלן זיי דאָך דעם פאָרשלאָג נישט אויסצוהערן די רעפערענטן און אויסצואַרבעטן אַ טעקסט פון אַ מאַניפעסט, מיט וועלכן די קאָנפערענץ זאָל זיך ווענדן צו די ברייטע מאַסן.

פּרץ טרעט אַרויס קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, ווײַל לויט זײַן מיינונג קען מען די רעאַלע אַרבעט נישט אָנהייבן פון אַ מאַניפעסט; אַזאַ ווענדונג וועט מען קענען בלי־ספק פאַרעפנטלעכן צום סוף פון די באַראַטונגען, אָבער ניט איצטער, איידער עס איז גענוי באַשטימט געוואָרן ווי אַזוי די קאָנפערענץ באַציט זיך אין אַלגעמיין צו דער פראַגע וועגן דער שפּראַך. ער לייגט פאָר, אַז אַזאַ מאַניפעסט זאָל אויסאַרבעטן דאָס אויספיר־ביוראָ וואָס מען וועט אויסקלײַבן.

נאָמבערג טרעט אַרויס קעגן דער מיינונג און פאַרטיידיקט דעם פאָרשלאָג וועגן מאַניפעסט.

אַש האַלט אונטער פּרצן.

משה טײַטש, אסתר, מ. בירנבוים שטיצן אונטער דעם פאָרשלאָג, זעענדיק אין אים אַ ווינקלשטיין פון גאַנצן בנין.

---

1 לויטן פאָרווערטס, סעפּט' 17: דורך נ. בירנבוימען.

די דעבאַטן ווערן איבערגעריסן. דורך אַן אָפּשטימונג ווערט באַשלאָסן די פראַגע וועגן מאַניפעסט דערוויַיל אָפּצולייגן און אַריבערצוגיין צום סדר־היום.

ד"ר נ. סאָטעקס רעפעראַט

דאָס וואָרט באַקומט ד"ר סאָטעק (בראַיִלע, רומעניע). אין זיַין רעפעראַט רעדט ער בפּרטיות וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך און איר אַנטוויקלונג און וועגן דער פאַרפעסטיקונג פון איר אָרגאַנישן צוזאַמענבונד מיטן יידנטום.

ער שטעלט פעסט, וואָסערע שפּראַכן און אין וואָס פאַר אַ מאָס האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דער יידישער. יידן זענען אַ נע־ונד־פאָלק. ווו זיי זענען געווען, האָבן זיי געהאַט אויף זיך השפּעות. ער וויַיזט אָן, וויפיל אָריגינעלע שטריכן האָט, ניט געקוקט דערויף, באַקומען די יידישע שפּראַך ווי אַן אויסדרוק פון יידישן פאָלקסלעבן.

אַ שפּראַך, זאָגט ער, ווערט ניט געבוירן ווי אַ וואָלאַפּיוק, אַן עספּעראַנטאָ. אַ שפּראַך אַנטוויקלט זיך נאָרמאַל, בליט זיך פונאַנדער ווי אַ בוים וואָס האָט וואָרצלען און עפּעס אַ באָדן. אַז יידן זענען אין 15טן יאָרהונדערט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון בייַערן און האָבן איבערגעוואַנדערט אין די סלאַווישע פּראָווינצן, האָבן זיי גערעדט דיַיטש. די יידישע שפּראַך איז אַנטשטאַנען אין די סלאַווישע פּראָווינצן. דאָס איז נישט קיין קונסט־פּראָדוקט, נאָר אַ זאַך וואָס דאָס לעבן אַליין האָט אַרויסגערופן. נאַטירלעך זענען אין יידיש אויך אַריַין פיל רוסישע און פּוילישע ווערטער. דאָס איז פון איין זיַיט. פון דער צווייטער זיַיט זענען אין יידיש אויך אַריַין פיל העברעיִשע ווערטער. אַ ייד פלעגט זיך אויסוויינען דאָס האַרץ אין העברעיִש. דאַווענען דאַוונט ער נאָך ביז איצט אין העברעיִש, איז קיין וווּנדער ניט, אַז פיל באַגריפן האָבן זיך געקענט אויסגיסן ביַי אים נאָר אין אַ העברעיִשער פאָרם.

אַלע שפּראַכן האָבן זייערע געלערנטע וועלכע פאַרנעמען זיך מיט זיי, פאָרשן זיי אויס. אַפילו מיט די ציגיַינערשע דיאַלעקטן האָבן זיך אייניקע פּראָפעסאָרן באַשעפטיקט, כדי וויסנשאַפטלעך זיי צו באַגרינדן. נישט אַזוי איז געווען ביז איצט מיט יידיש. יידיש, זאָגט מען, איז אַ זשאַרגאָן. מען פאַרגעסט, אַז לוטער האָט באַשאַפן דעם שענסטן דיַיטשן ליטעראַרישן דיאַלעקט נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט צונויפגענומען איַינאייַנעם די שענסטע ווערטער פון אַלע דיַיטשע דיאַלעקטן.

דער רעפערענט גייט דאַן אַריבער צו אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער שפּראַך, אירע גראַמאַטישע און אָרטאָגראַפישע עלעמענטן, און וויַיזט אָן, אַז אומבּיַיטן אַן אָרטאָגראַפיע מוז מען זייער פאָרזיכטיק. די אָר־

טאָגראַפיע מוז אויסגעאַרבעט ווערן אַן איינהייטלעכע, עס זאָל ניט זיין אַזוי ווי ביז איצט, ווען יעדער שריפטשטעלער שרייבט נאָך זיין אייגענעם קאַפּריז.

דער רעדנער גיט אַ פּראַקטישן פאָרשלאָג: צו פאַרשפרייטן אין געוויסע האַלב-אַסימילירטע ספערעס די יידישע ליטעראַטור אין לאַטייניש שריפט דערמיט וועט מען צוציען די אינטעליגענץ, וואָס קען ניט לייענען דעם יידישן אַלף-בית. לויט זיין פערזענלעכער דערפאַרונג האָט דער מיטל געבראַכט צום צוציען 3000 נייע לייענער פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין רומעניע. ער לייגט פאָר זיך ערנסט צו באַשעפטיקן מיט דער פראַגע וועגן דער לאַטיינישער טראַנסקריפציע.

לויט ג. באַדערס באַריכט אין „ייד' טאַגעבלאַטט", סעפטעמבער 21, איז סאָטעקס רעפעראַט געווען „שטאַרק דייטשמעריש".

ש. אייזענשטאַטס רעפעראַט

נאָך אַן איבעררייס לייענט ש. אייזענשטאַט זיין רעפעראַט וועגן אָרטאָגראַפיע. דער רעפעראַט באַטראַכט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון יעדן קלאַנג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער העברעישער און דייטשער שפּראַך. יעדער פּונקט ווערט כאַראַקטעריזירט מיט ביישפּילן פון היסטאָרישע דאָקומענטן. די רעזולטאַטן פון שפּראַך-אַנאַליז שטעלט פאַר דער רעפערענט אין אַן אָרטאָגראַפישער טאַבעלע, וואָס ווערט צעטיילט צו אַלע אָנטיילנעמער.

עס ווערט באַשלאָסן, אַז די אַנדערע העלפט פון רעפעראַט זאָל נישט געלייענט ווערן[1], נאָר איבערגעגעבן ווערן דער שפּראַך-קאָמיסיע, וואָס וועט בעגרינדעט ווערן.[2]

דאָס וואָרט באַקומט מ. מיזעס.

מתתיהו מיזעסעס רעפעראַט

צי איז יידיש אַ שפּראַך?—דאָס איז קיין ספק נישט. אַ שפּראַך אויף וועלכער עס רעדן 8—9 מיליאָן מענטשן איז אַ שפּראַך. די יידישע שפּראַך איז אָבער נאָך נישט אָנערקענט געוואָרן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דערום מוזן מיר קעמפן דערפאַר, אַז זי זאָל יאָ אָנערקענט ווערן. אויך אַנדערע פעלקער האָבן געדאַרפט פיל קעמפן ביז זייער אייגענע אינטעליגענץ האָט אָנערקענט זייער אייגענע שפּראַך. מען זאָגט—יידיש איז אַ זשאַרגאָן,

---

1 מחמת דעם, וואָס דער סבעציעל-וויסנשאַפטלעכער רעפעראַט האָט ניט שטאַרק פאַר-אינטערעסירט דעם עולם („דער פריינד" נומ' 192; ייד' טאַגעבלאַט, סעפט' 21).

2) לויטן „יידישן אַרבעטער" נומ' 32: „דעם ביוראָ".

אַ געמיש פון קאַליע דײַטש מיט לשון־קודש און סלאַוויש. אָבער די וויסנשאַפט האָט באַוויזן, אַז קיין ריינע שפּראַכן זענען בכלל ניטאָ. צי איז ענגליש ניט קיין גערמאַניש־פראַנצויזישער פּודינג? אין יעדער שפּראַך זענען פאַראַן טויזנטער פרעמדע ווערטער. ווען מיר זאָלן אָנערקענען, אַז יידיש איז אַ זשאַרגאָן, וועלן מיר מוזן קומען צום באַשלוס, אַז דײַטש, ענגליש, פראַנצויזיש אאַז"וו זענען אויך זשאַרגאָנען.

יידיש, טענהט מען, איז מיאוס. ענגליש איז אויך נישט שיין; די דײַטשן האָבן אויך אַמאָל זייער שפּראַך געהאַלטן פאַר מיאוס. דער שטאָף פון יידיש, אַזוי ווי פון אַלע שפּראַכן, איז טיילווײַז גענומען פון אַנדערע שפּראַכן, דער ג ײ ס ט אָבער איז אַ ריין־יידישער.

דאַן ווײַזט דער רעפערענט אָן מיט אַ גאַנצער ריי בײַשפּילן, אַז קיין שפּראַך איז נישט קיין ריינע. די דײַטשע שפּראַך איז פאַרמישט מיט קעלטישע און ראָמאַנישע ווערטער, ענגליש — מיט ראָמאַנישע, גערמאַנישע און אַנדערע ווערטער, גריכיש—מיט פעניקישע ווערטער, אינדיש—מיט פערסישע ווערטער אאַז"וו. אויך העברעיִש גופא איז נישט קיין ריינע שפּראַך און איז פאַרמישט מיט פיל אַראַמישע, פעניקישע און אַנדערע ווערטער. דאָס וואָס יידיש איז נישט קיין מזרח־שפּראַך איז אויך קיין גרויס אומגליק נישט, ווײַל מיר זעען, אַז דער גרעסטער טייל פעלקער רעדן נישט אויף דער שפּראַך פון יענער ראַסע, צו וועלכער זיי געהערן אָן. אַזוי רעדן גערמאַנער—ראָמאַניש, ראָמאַנער — גערמאַניש, די בולגאַרן, וועלכע זענען מאָנגאָלן, רעדן סלאַוויש און דעסגלײַכן.

וואָס טוט מען, וואָס יידן רעדן אויף פאַרשיידענע לשונות? — דער גרעסטער טייל יידן, 8—9 מיליאָן, רעדן יידיש. אויף אַנדערע שפּראַכן רעדן עפּ"י רוב גאַנץ אָדער האַלב אַסימילירטע יידן, וועלכע אינטערעסירן אונדז נישט אַזוי שטאַרק. און די וואָס רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן רעדן נישט אויף א י י ן לשון, נאָר אויף צענדליקער לשונות, דעריבער קאָנען מיר זיך מיט זיי נישט רעכענען. אויך בײַ אַנדערע פעלקער זעען מיר, אַז ט י י ל ן פון פאָלק רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן, און פונדעסטוועגן וועט קיינער נישט זאָגן, אַז די הויפּט־שפּראַך איז נישט די נאַציאָנאַלע.

דאַן גייט ער אַריבער צו דער פראַגע וועגן העברעיִש.

די פראַגע וועגן העברעיִש, מיינט דער רעדנער, איז כלל קיין פראַגע נישט. העברעיִש האָט פאַרלוירן איר האַרץ, איר נשמה, איז געוואָרן אַזוי ווי אַלט־גריכיש און לאַטײַן — אַ ספרים־שפּראַך. העברעיִש פאַרבינדט אונדז אָבער מיט דער פאַרגאַנגענהייט, און דערום וועט עס בלײַבן בײַ אונדז אַ שפּראַך, וועלכע וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן יידישן עבר.

צום סוף ווײַזט ער אויף, אַז יידיש איז ענג פאַרבונדן מיט דער העברעיִשער שפּראַך; אַז דער שפּראַך־בוי און די גראַמאַטיק פון יידיש איז זייער

נאָענט צו העברעיש. ער ענדיקט זײַן רעפֿעראַט מיטן געדאַנק, אַז דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט האָט געגעבן דער מענטשהייט גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון נאַציעס, דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט וועט געבן גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון די שפּראַכן.

דער רעפֿעראַט רופֿט אַרויס אַ גרויסן טומל בײַ אַ טייל קאָנפֿערענץ.

פּרץ נעמט אַ וואָרט און וואַרפֿט אויף די העברעיִסטן זייער אויפֿפֿירונג. ער לייגט פֿאָר, די קאָנפֿערענץ זאָל באַשליסן אָפּצודרוקן מיזעסעס רעפֿעראַט אין אַ באַזונדער בראָשור, אַלס די ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט וועגן דער יידישער שפּראַך.

דער פֿאָרשלאָג רופֿט אַרויס אַפּלאָדיסמענטן פֿון איין זײַט און טומלדיקע פּראָטעסטן פֿון דער צווייטער. עס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געוויינט פֿון כעס און ווייטאָג נאָך מיזעסעס רעפֿעראַט[1]. פּרץ מעלדט, אַז אויב ער האָט וועמען באַליידיקט, נעמט ער זײַנע ווערטער צוריק[2]. ס'ווערן געעפֿנט דעבאַטן, נאָך וועלכע די פֿראַגע בלײַבט פֿונדעסטוועגן אָפֿן[3].

דערויף ווערט געשלאָסן די פֿרימאָרגן=זיצונג ביז 2½ אַ זייגער.

איינדרוקן

דער קאָרעספּאָנדענט פֿון „פֿרײַנד“ שרייבט וועגן מיזעסעס רעפֿעראַט אין נומ' 192:

ה' מיזעסעס רעפֿעראַט האָט געדויערט אַן ערך אָנדערטהאַלבן שעה, און די גאַנצע קאָנפֿערענץ האָט אים אויסגעהערט מיטן גרעסטן אינטערעס. איבערצוגעבן דעם רעפֿעראַט, אַפֿילו בקיצור, איז אוממעגלעך, — ווײַל אין אים איז געווען צונויפֿגעקליבן אַן אומגעהײַערער מאַטעריאַל פֿון אַלע צווײַגן פֿון דער שפּראַך=וויסנשאַפֿט און פֿון אַלע פֿראַגן, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער ווערט אָדער שײַכות צו דער יידישער שפּראַך.

גרשם באַדער, „יידישעס טאַגעבלאַט“, סעפּט' 17:

... דער רעפֿעראַט פֿון ה' מיזעס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטיקל עמפּערונג בײַ מאַנכע דעלעגירטע פֿון קאָנפֿערענץ, וואָס העברעיש איז נאָך בײַ זיי טײַער און הייליק. און ווען י. ל. פּרץ האָט דאַן פֿאָרגעלייגט, די קאָנפֿערענץ זאָל דאָס רעפֿעראַט אָפּדרוקן אין אַ באַזונדער ביכל, איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם וועלכער האָט געדראָט איבערצוגיין אין „האַנטאַרבעט“... די העברעיִסטן האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו פֿײַפֿן, און די זשאַרגאָניסטן זענען שוין גרייט געווען צו באַקעמפֿן [!] דאָס רעפֿעראַט פֿון ה' מיזעס מיט די פֿויסטן.

---

1 „המצפה“, נומ' 36, 1908.
2 „נײַע צייט“, IV, ז' 96.
3 לויט דעם באַריכט פֿון „פֿרײַנד“ איז דער פֿאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן.

און פון צווישן די שרײַענדיקע העברעיִסטן האָט זיך איינער אַוועקגע־זעצט אין אַ ווינקל און האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו וויינען און האָט זיך באַרניט געקענט שטילן. ניט ווײַט פון אים זענען געשטאַנען צווײ העברעיִש־שפּרעכנדע מיידלעך, און קוקנדיק אויף אים האָבן זײ מיטגעוויינט.

א—ר, אין זאמלבוך „די נײַע צײַט“, IV:

די שפּראַך־קאָנפערענץ האָט זיך קוים אַ שעה פאַרנומען מיט שפּראַך־פראַגן — און דאָס פּובליקום איז שוין שטאַרק פאַרשלעפּערט געוואָרן... פון דיזן צושטאַנד האָט אים אַרויסגעפירט מיט זײַן רעפעראַט הער מיזעס. אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. שרײַבט מייסטנטיילס העברעיִש, אַרבעט אין „המצפה“ — און וויפל ווערטער, וואָס האָבן נאָר אַ שײַכות צו טויט און טויטקייט ס׳זענען נאָר דאָ אין דער יידישער שפּראַך, האָט ער אַרויסגע־שלעפּט אויף דער סצענע, בשעת ער האָט אָנגערירט העברעיִש: „קברים“, „בית־עלמין“, „מומיע“, „אָן דפק“ אאַז״וו אאַז״וו.

רעדן רעדט ער אַזוי, אַז מ׳כאַפּט קוים פון צען ווערטער איינעם... אָבער ער רעדט מיט אַזאַ היץ, אַז ער צווינגט זיך פאָרט צו הערן.

דער רעפעראַט געדויערט העכער אַ שעה. ער ברענגט די אייגנטלעך שוין פעסטגעשטעלטע כּללים... דאָס אַלץ אָבער ווערט אילוסטרירט מיט אַזאַ גרויסער צאָל אינטערעסאַנטע בײַשפּילן (אמת ניט אַלע מאָל ווּיסנשאַפטלעכע, אָפט קוריאָזע), אַז דער רעפעראַט גיט טאַקע אַ רײַכן מאַטעריאַל אַנטקעגן די קעגנער פון יידיש.

ער געפינט, אַז העברעיִש קען בלײַבן אַ שפּראַך פון ספרים. די יידישע ווּיסנשאַפט קען אין העברעיִש באַאַרבעט ווערן. ער געפינט אַפילו, אַז אויך פּובליציסטיק קען געשריבן ווערן אין אַ שפּראַך, אין וועלכער „ס׳קלאַפּט ניט אַזוי שטאַרק דער דפק“...

דוכט זיך, ניט אַזוי געפערלעך.

די הערן העברעיִסטן אָבער קענען ניט פאַרטראָגן די ווערטער „מומיע“, „קברים“, „בית־עלמין“ און מאַכן אַזאַ סקאַנדאַל, אַז ס׳איז ניט צו באַשרײַבן...

פינפטע זיצונג

(דינסטאָג, סעפּטעמבער 1, נאָכמיטאָג)

די זיצונג הייבט זיך אָן 4 דעם זייגער אונטער דעם פאָרזיץ פון ד״ר זשיטלאָווסקי. אויפן סדר־היום שטייט די פראַגע וועגן דער אָרגאַניזאַציע.

נאָכדעם ווי די לעצטע פון די רעדנער זאָגן אַרויס זייערע מיינונגען וועגן אָרגאַניזיר=פּלאַן, באַקומט דאָס שלוס=וואָרט דער רעפערענט.

פּ ר ץ. אין גאַנג פון דער דיסקוסיע האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט דריי ריכטונגען: איינע איז בכלל קעגן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, די צווייטע איז פאַר אַן אָרגאַניזאַציע מיט באַגרענעצטע קאָמפּעטענצן, די דריטע—פאַר אַן אָרגאַניזאַציע אין הסכם מיטן פּלאַן. די קעגנער פון דער אָרגאַניזאַציע האַלטן, אַז אַזאַ מין אינסטיטוט קאָן געגרינדעט ווערן נאָר פון דער מלוכה און אַז מיר קאָנען נישט פאַרשטעלן מיט זיך קיין מיניסטעריום פאַר פאָלקס=בילדונג. דאָס זאָגן די ציוניסטן. אויב מען זאָל קוקן אויף דער זאַך פעסימיסטיש, איז דאָס אַזוי. מען דאַרף אָבער צו רו לאָזן דעם פעסימיזם. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז די בעסטע יידישע אַנשטאַלטן ווערן דערווייל געגרינדעט און אויסגעהאַלטן דווקא פון יידן אַליין, און נאָר יענע אינסטיטוציעס, קעגן וועלכע די רעגירונגען טרעטן אַרויס, האָבן אַן אמתן גרויסן ווערט פאַרן פאָלק. קעגן די וואָס זאָגן, אַז דאָס וועט קאָסטן צו פיל געלט: מיר קומען ניט מיט האַרמאַטן פאָדערן געלט. ווער עס וועט מיט אונדז זיין איינשטימיק און געפינען פאַר נייטיק זיך צו לאָזן קאָסטן אַזוי פיל און אַזוי פיל, יענער נאָר וועט געבן דאָס געלט. וועגן דעם איז גלאַט ניטאָ וואָס צו רעדן. מיר ווילן, עס זאָלן אויפהערן צו זיין לאָקאַלע קולטורן — מיר ווילן באַשאַפן אַן אַלגעמיינע ליטעראַטור, אַן אַלגעמיינע קולטור. קעגן אונדז קענען אַרויסטרעטן נאָר די וועלכע פילן נישט יידיש און דענקען נישט יידיש.

די וואָס זאָגן, אַז דער סטאַטוט טויג ניט, אָבער שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע געפינען זיי פאַר נייטיק, וועל איך ענטפערן: די תקנות באַזיצן בלי־ספק געוויסע אומפינקטלעכקייטן און נישט=דערזאָגטקייטן, אָבער דאָס וועט מיט דער צייט פעסטגעשטעלט ווערן דורכן לעבן אַליין.

אַן אָרגאַניזאַציע איז אונדז אומבאַדינגט נייטיק, אונדזערע כוחות זענען צו פיל צעבערעקלט. דער סדר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכן אַ סך האָבן אָנערקענט פאַר אַ מוסטערהאַפטן, טויג פאַר אונדז נישט: אונדז איז נישט נייטיק אַזאַ צענטראַליזאַציע, מיר דאַרפן אַרבעטן אויף די ערטער אונטער דער אָנפירונג פון ביוראָ, וואָס מיר וועלן גרינדן צייטווייליק אין טשערנאָוויץ.

פּרץ שטרייכט אונטער, אַז דאָס פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די ליטעראַטן איז נישט די הויפּט=אויפגאַבע פון דער פאָרגעלייגטער אָרגאַניזאַציע. די ליטעראַטן פאַרטיידיקן זיך אַליין מיט דער הילף פון פאַראייניקונג. אונדזערע אויפגאַבעס זענען אָן אַן ערך ברייטערע: מיר זענען צעריסן און צעשפּליטערט דורך אונדזער מלוכהלאָזיקייט; לאָמיר זשע באַשאַפן אַ קולטור=פאַראייניקונג אויפן גרונד פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

וואָס איז שייך צו דעם, וואָס אַ סך האָבן פאָרגעלייגט צו אָרגאַניזירן אונדזער קולטור=אַרבעט אין די ראַמען פון די עקסיסטירנדיקע פּאָליטישע

פּאַרטייען, האַלט ער דאָס פאַר אוממעגלעך. דער רעדנער דריקט אויס זײַן גרעסטע סימפּאַטיע צום „בונד", אָבער ער האַלט, אַז די פּאַרטייען אונדזערע זענען געווען צו סוביעקטיוו אין דער קולטור-אַרבעט און האָבן דעם ליטעראַטור-מאַרק פאַרפלייצט בלויז מיט בראָשורן. ער ענדיקט: אויב איר נעמט אָן דעם פאָרגעלייגטן פּלאַן, קומען מיר צו פאָרן אין וואַרשע און אין די אַנדערע שטעט מיט פּראַקטישע רעזולטאַטן; מיר זאָגן דעם פאָלק, אַז מיר האָבן באַשאַפן אַ קולטור-אָרגאַניזאַציע.

אסתּר טראָגט אַרײַן אַ רעזאָלוציע: אָפּוואַרפן פּרצעס פּראָיעקט, אויסקלײַבן אַ ביוראָ מיט בלויז אינפאָרמאַטיווע פונקציעס; די קומעדיקע קאָנפערענצן זאָלן זײַן צוזאַמענקומענס פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וואָס אַרבעטן אין פאַרשיידענע לענדער אויפן געביט פון דער יידישער קולטור, מיטן צוועק זיך צונויפצורעדן און איינס בײַם אַנדערן געוווּיר צו ווערן וואָס עס טוט זיך און ווי אַזוי עס טוט זיך. דערבײַ דערקלערט זי, אַז אַזוי ווי דער אָרגאַניזיר-פּלאַן פונעם רעפערענט הייבט זיך אָן מיט אַן אַרײַנפיר, וועלכער צייכנט אָן דעם אַלגעמיינעם טעאָרעטישן קוק אויף דער ראָלע פון יידיש אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן, מוז זי אויך אַזוי טון, און זי שיקט פאָרויס צו איר פאָרשלאָג אַן אַלגעמיינע טעאָרעטישע באַגרינדונג, אין וועלכער עס זאָגט זיך: „מיר אָנערקענען די יידישע שפּראַך פאַר דער איינציקער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידן".

ל. וועקסלער (לעמבערג) נעמט דאָס וואָרט און מאַכט אויפמערקזאַם, אַז מיט דעם לעצטן טייל פון דער רעזאָלוציע וויל אסתּר דורכשמוגען אַ פּרינציפּיעלן ענין, וועלכער איז נאָך פון דער קאָנפערענץ נישט באַשלאָסן געוואָרן, און אַז אַזאַ באַשלוס איז געפערלעך, ווײַל פיל מיטגלידער פון דער קאָנפערענץ וואָלטן באַלד געמוזט פאַרלאָזן די קאָנפערענץ ווען אַזאַ באַשלוס זאָל אָנגענומען ווערן.

עס קומט פאָר אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן דעם, צי זאָל מען און ווי אַזוי זאָל מען שטעלן צו אָפּשטימונג אסתּרס רעזאָלוציע.

ס'ווערט אָפּגעשטימט, צי זאָל אסתּרס רעזאָלוציע געשטעלט ווערן צו אָפּשטימונג אָן אָדער מיט אַ פריערדיקער דיסקוסיע. דער רעזולטאַט איז אַזאַ: 18 קעגן דער דיסקוסיע און 16 פאַר איר.

ס'ווערט צוערשט געשטעלט צו אָפּשטימונג די רעזאָלוציע פון דעם רעפערענט פּרץ. מיט אַ מערהייט פון 27 קעגן 7 בײַ 2 אָפּגעהאַלטענע ווערט אָנגענומען דער אָרגאַניזיר-פּלאַן פון פּרצן ווי אַ פּלאַטפאָרם, און ס'ווערט באַשלאָסן צו פירן אַ דעבאַטע וועגן די איינצלהייטן.

די רעזאָלוציע פון אסתּרן און דער פאָרשלאָג צו עפענען דעבאַטן וועגן מאַניפעסט ווערן אָפּגעוואָרפן מיט דער זעלבער מערהייט.

טייל פון די וואָס האָבן געשטימט קעגן אסתּרס רעזאָלוציע גיבן אָפּ

אַ דערקלערונג, אַז זיי האָבן געשטימט קעגן נאָר צוליב דער פּראַקטישער זייט פון דער רעזאָלוציע.

אַנדערע דערקלערן, אַז זיי האָבן געשטימט דווקא קעגן דער טעאָרעטישער זייט.

ל. כאַזאַנאָוויטש דערקלערט, אַז ווען ער איז קעגן דער טעאָרעטישער פאָרמולירונג פון חברה אסתר, איז עס נישט ווייל ער אַלס פּועלי־ציוניסט גייט דאָ צוזאַמען מיט די בירגערלעכע ציוניסטן, נאָר מחמת די פּועלי־ציון פאַרטרעטן דאָ אַ דריטע ריכטונג.

מען טרעט צו צו דעבאַטירן פּרצעס אָרגאַניזיר־פּלאַן פּונקטנווייז.

פּרץ לייגט פאָר דעם ערשטן פּונקט פון פּלאַן, וואָס אַנטהאַלט דעם פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט, צו באַהאַנדלען מאָרגן (דעם 2טן סעפּטעמבער), איצט אָבער צוטרעטן צו דער דיסקוסיע לויט די איבעריקע פּונקטן.

דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען.

מען איז מודיע דעם עולם, אַז 9 אַזייגער פאַרנאַכט מאַכט דער פאַראיין „יידישע קולטור" אַ „קאָמערס" (באַנקעט) לכבוד די דעלעגאַטן.

איינדרוקן

ווענן דער שטימונג נאָך דער דאָזיקער זיצונג שרייבט אַ פּאַרטריבענער אין „פאָרווערטס", סעפּטעמבער 17:

... עס איז געבליבן נאָך אַ גאַנצער באַרג אויפן קאָפּ—וועגן דעם ווי אַזוי די קאָנפערענץ קוקט אויף יידיש: צי נאָר ווי אויף אַ פאָלקסשפּראַך, צי ווי אויף אַ נאַציאָנאַלע, צי ווי אויף די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, צי ווי אויף איינע פון די צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן. די שטימונג איז אַ געהויבענע. באַלד וועט מען מוזן באַשליסן די באַציִונג פון דער קאָנפערענץ צו דער פראַגע. עס ווערט שוין שפּעט, באַלד שליסט מען די זיצונג. עס איז שוין אַריבער דריי טעג, נאָך צוויי זענען געבליבן, און מען האַלט נאָך אַזוי ווייט. דעריבער באַשליסט מען אָפּצולייגן אָן אַ זייט די רעפעראַטן, וואָס מען דאַרף מאָרגן לעזן, און אָנשטאָט זיי אויפצועפענען אַ דיסקוסיע וועגן העברעיִש און יידיש; און דערנאָך, אַז די פראַגע וועט באַשלאָסן ווערן, וועט מען איבערגיין צו די ערשטע צוויי פּונקטן פון סטאַטוט.

דער באַנקעט

(דינסטאָג, סעפּטעמבער 1, פאַרנאַכט)

דער ווינער אַקאַדעמישער פאַראיין „יידישע קולטור", וואָס האָט די קאָנפערענץ צונויפגערופן און אָרגאַניזירט און איז געקומען קיין טשערנאָוויץ אין פולן צוזאַמענשטעל, האָט דינסטאָג דעם 1טן סעפּטעמבער אינאָוונט

איַינגעאָרדנט אַ גרויסן באַנקעט לכבוד דער קאָנפערענץ. דער גרויסער זאַל פונעם „מוזיק-פאַראיין" איז געווען דעקאָרירט און פול מיט מענטשן. עס זענען געווען איַינגעלאַדן אַלע דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ, די פאָרשטייער פון דער געמיינדע מיטן דעפּוטאַט ד"ר שטרויכער בראָש, פון פּאָליטישע פּאַרטייען, קולטור-אַנשטאַלטן און אַנדערע פּערזאָנען. עס זענען דערהאַלטן געוואָרן באַגריסונגען און אַנטשולדיקונגען פאַר ניט-קומען פון לאַנד-פּרעזידענט פון בוקאָווינע און פון אָרטיקן בירגערמיַיסטער.

סטודענט זינגער עפנט דעם באַנקעט, דערציילט די עובדות פונעם פאַראיין „יידישע קולטור" זינט ער עקסיסטירט אַאַז"וו. צום סוף באַגריסט ער אַלע געסט, אָנהייבנדיק פונעם ד"ר שטרויכער און אויסלאָזנדיק מיט דער פרוי אסתּר פרומקין.

קוים האָט ער נאָר דערמאָנט איר נאָמען, איז זי באַלד אַרויף אויף דער טריבונע און האָט פּראָטעסטירט קעגן די איַינאָרדענער פון באַנקעט, וואָס זיי האָבן איַינגעלאַדן נאָר בורזשויען און די אַרבעטער, וואָס זענען געקומען, לאָזט מען אַפילו אין זאַל ניט אַריַין.

עס ווערט אַ טומל. דער פּאָרזיצער פּרוּווט באַרויִקן דעם עולם. ער דערקלערט, אַז מען האָט איַינגעלאַדן נאָר די פּאָרשטייער פון די אַרבע-טער—וויַיל ס'איז דאָ ווייניק אָרט, האָט מען אַלע ניט געקאָנט אַריַינלאָזן. די דערקלערונג באַפרידיקט אָבער נישט; אסתּר און נאָך עטלעכע פּערזאָן פאַר-לאָזן דעם זאַל.

נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט איז מען איבערגעגאַנגען צום אָוונט-סדר: עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס.

עס האָבן גערעדט: ד"ר בירנבוים (דיַיטש), ד"ר זשיטלאָווסקי, י. ל. פּרץ, ש. אַש. נ. פּרילוצקי, די פאָרשטייער פונעם סטודענטן-פאַראיין וואָס האָט געמאַכט דעם באַנקעט, און אַנדערע.

דערצו האָט אַן אָרקעסטער געשפּילט יידישע מאָטיוון, פּרל' גאָטעסמאַן און דער 13-יעריקער וויַינשטאָק האָבן מיט דערפאָלג געזונגען יידישע זאַכן, און דער באַנקעט האָט זיך פאַרצויגן כּמעט ביז באַגינען.

א—ר, די נייע צייט IV, ז' 92 שרייבט וועגן דער „יידישער קולטור":

„דאָס איז ניט קיין ציוניסטישער פאַראיין, אָבער צווישן זיַינע מיטגלי-דער (אַן ערך 30 מענטשן) זענען פאַראַן ניט ווייניק ציוניסטן".

א פּאַרטײבענער, „פאָרווערטס", סעפּט' 18:

דער פאַראיין „יידישע קולטור" האָט אויך איַינגעלאַדן די אַרבעטער פּועלי-ציוניסטן פון טשערנאָוויץ. וואָס איז אָבער געווען? אַז עס זענען גע-קומען אַרבעטער אין מוזיקאַל-פאַראיין, האָט מען פון זיי געפאָדערט, זיי זאָלן זיַין אין שוואַרצע פראַק, און טאָמער זענען אייניקע אַריַין, האָט מען

קעגן זיי אָנגעווענדעט פּאָליצײ און מען האָט זיי אַרויסגעפירט פון זאַל. אין דער צײַט ווען דער פאַראיין האָט אײַנגעלאַדן פילע בורזשויעס, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין עסק מיט דער יידישער קולטור, האָבן זיי נישט אײַנגעלאַדן די פאָרשטייער פון דער אָרטיקער „קולטור־אָרגאַניזאַציע", וועלכע אַרבעט צווישן די היגע אַרבעטער.

גרשם באַדער, יידישעס טאַגעבלאַט, סעפּט' 21:

... דער קאָמערס האָט גיכער געהאַט אַ פּנים פון אַ גרויס פּאָלקס־מיטינג איידער פון אַ קאָמערס. דער זאַל און די גאַלערייען זענען געווען איבערפילט מיט מענטשן, און עס זענען אויך געהאַלטן געוואָרן אַגיטאַציאָנס־רעדען ווי אויף אַ פּאָלקס־פאַרזאַמלונג. צום קאָמערס האָבן אויך געוואָלט קומען פאַרטרעטער פון דער טשערנאָוויצער אַרבעטערשאַפט, נאָר מען האָט זיי ניט אַרײַנגעלאָזט אין זאַל: פון די טשערנאָוויצער „ראָשי־הקהל" זענען געקומען עטלעכע צום קאָמערס, האָט מען זיך שוין געשעמט אַרײַנצולאָזן אַרבעטער, וואָס האָבן נישט אָנצוטון קיין שוואַרצן סאַלאָן־ראָק...

זעקסטע זיצונג

(מיטוואָך, סעפּטעמבער 2, אינדערפרי)

10 אַזייגער אינדערפרי עפנט זיך די פרימאָרגן־זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. מען לייענט פאָר די נײַ־אָנגעקומענע באַגריסונגען: פון דער עסטרײַך־אונגאַרישער עקזעקוטיווע פון די פּועלי־ציון, פון קאָוונער מוזיקאַליש־דראַמאַטישן פאַראיין, פון מ. ספּעקטאָר.

אסתּר טראַגט אַרײַן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע פון איר און נאָך 15 קאָנפערענץ־מיטגלידער קעגן דעם פאַראיין „יידישע קולטור", וואָס צום אָנטייל אין נעכטיקן אָוונט זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן קיין פאָרשטייער פון די אַרבעטער, וועלכע זענען דער יסוד פון דער יידישער קולטור, און ספּעציעל פון אָרטיקן יידישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן בילדונגס־קאָמיטעט.

ל. כאַזאַנאָוויטש פּראָטעסטירט אין נאָמען פון די „פּועלי־ציון" קעגן דעם אויפפיר פון דער „יידישער קולטור".

ד"ר זשיטלאָווסקי פּראָטעסטירט ווידער אין נאָמען פון עם פּרעזידיום קעגן דעם פאָרזיצער פון דער „יידישער קולטור", פאַרוואָס ער האָט געעפנט דעם באַנקעט מיט אַ באַגריסונג צו דעם ד"ר שטרויכער, וועלכער האָט זיך אַזוי שלעכט באַצויגן צו דער גאַנצער קאָנפערענץ.

דער פּאָרזיצער פון דער „יידישער קולטור" גיט איניקע דערקלערונגען: זיי האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן אַריינצולאָזן די פּראָווינצער „פּועלי־ציון" מחמת גרויס ענגשאַפט אין זאַל, און פון דעם אַרבעטער־פאַראיין „ביל־דונג" האָבן זיי גאָרנישט געוווסט; דערביי ווייזט דער רעדנער אָן, אַז דער באַנקעט איז געווען אָרגאַניזירט פון דער „יידישער קולטור" און האָט צו דער קאָנפערענץ קיין שייכות נישט.

עס ווערט אַ טומל, און מען מוז מאַכן אַ הפסקה אויף עטלעכע מינוט.

דערנאָך ווערט באַשלאָסן אַלע פּראָטעסטן ביי צולייגן צום פּראָטאָקאָל און אַרי־בערצוגיין צום סדר־היום, אויף וועלכן עס שטייען די רעפעראַטן וועגן דער יידישער פּרעסע, ליטעראַטור און טעאַטער.

ל. קאַהאַן לייגט פאָר אָנשטאָט אויסצוהערן די רעפעראַטן אַריבערצו־גיין צו דער אָרגאַניזיר־פראַגע, ווייל פיל רוסלענדער דעלעגאַטן קאָנען לענ־גער ווי ביז פרייטאָג נישט בלייבן און אויב מען וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט פּראַקטישער אַרבעט, וועט מען אָפּפאָרן מיט גאָרנישט.

נ. פּרילוצקי לייגט פאָר צו באַשטימען אַ נאַכט־זיצונג און דערווייל אַריבערצוגיין צו די רעפעראַטן.

נאָך קורצע וויכוחים ווערט אָנגענומען קאַהאַנס פאָרשלאָג, און מען גייט אַריבער צו דער אָרגאַניזיר־פראַגע.

די וויכוחים הייבן זיך אָן וועגן ערשטן פּונקט פון דער אָרגאַניזיר־פראַגע, וועגן דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך: צי אָנערקענט די קאָנפערענץ די יידישע שפּראַך פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, צי נישט? פאַר דער איינציקער נאַציאָנאַלער, צי נישט? ווי אַזוי איז די באַציִונג פון דער קאָנפערענץ צו העברעיִש?

לויט גרשם באַדער, „ייד' טאַגעבלאַט, סעפּט' 21, איז „אַלס יסוד פון די וויכוחים" גענומען געוואָרן פּרצעס ערשטע רעזאָלוציע, וואָס לייענט זיך אַזוי: „די קאָנפערענץ אָנערקענט די יידישע שפּראַך אַלס אַ שפּראַך פון יידישן פאָלק און פאַרלאַנגט די פאַראייניקונג פון יידן אין דער יידישער קולטור און אין דער יידישער שפּראַך".

ווייִנרעב זאָגט זיך אַרויס, אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק איז נאָר העברעיִש, אין דער אַנטוויקלונג און דערהאַלטונג פון יידיש זעט ער נאָר אַ מיטל צו דערהאַלטן דאָס יידישקייט און צו דערנענטערן זיך צום אידעאַל פון אויפלעבן דאָס פאָלק אין זיין נאַציאָנאַל־שפּראַך העברעיִש. דאָס דאַרף אָבער ניט שטערן צו אַרבעטן אינאיינעם מיט יענע, וואָס זעען אין יידיש טאַקע דאָס גאַנצע און אייביקע פון דער יידישער קולטור, נאָר זאָלן יענע זיך היטן צו באַליידיקן די געפילן פון די העברעיִסטן. ער לייגט פאָר וועגן די דאָזיקע פראַגן נישט אָנצונעמען קיין רעזאָלוציעס: לאָמיר נישט רעדן וועגן דער פּרינציפּיעלער פראַגע, רעדן לאָמיר נאָר וועגן קולטור. איך פאַרלאַנג טאָלעראַנץ.

ל. כאַזאַנאָוויטש דערקלערט דעם שטאַנדפונקט פון די פועלי=ציון, אַז זיי ווילן בשום=אופן נישט שוין איצט אַרויסטראָגן דעם פסק=דין אין דער שפּראַכן=פראַגע. זיי גלייבן אין קיבוץ=גליות, און מען קען גאָרנישט וויסן, אויב דערביי וועט ניט העברעיִש ווידער געווינען איר אַמאָליקע נאַציאָנאַלע ראָלע, אַזוי ווי מען זעט שוין איצט אין ארץ=ישראל. דערפאַר לייגט ער פאָר אַ רעזאָלוציע פון אַזאַ אינהאַלט: נישט אַרויסטראָגנדיק קיין אורטייל אויף אַלע צייטן און מכח אַלע יידן, דערקלערט מען נאָר, אַז אין די לענדער, ווו יידן וווינען אין מאַסן און זיי רעדן יידיש, זאָל מען אָנערקענען יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

קרעפּעל מיינט, אַז יידיש איז נישט אונדזער איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר דאָך דאַרף מען פאַר דער יידישער שפּראַך אַרבעטן.

ל. קאַהאַן. העכער דריי פערטל יידן רעדן יידיש, העברעיִש רעדט קיינער ניט. לעת=עתה איז נאָך יידיש נישט קיין אמתע נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. מיר דאַרפן אָבער שטרעבן זי פאַר אַזאַ צו מאַכן און ווירקן, אַז זי זאָל אַלס אַזעלכע אָנערקענט און גלייכבאַרעכטיקט ווערן, וואָס דאָס איז מעגלעך ערשט דאַן, ווען אויף יידיש וועלן זיך געפינען אַלע יידישע קולטור=אוצרות.

נ. פּרילוצקי. מיר דאַרפן זיך ניט אַריינלאָזן אין מעטאַפיזיק. מיר דאַרפן נאָר שאַפן די אינסטיטוציעס, וועלכע עס קומט יידיש על פי יושר. אַ ווערטער=קאַמף איז לחלוטין איבעריק. דערווייל שטייען מיר נאָך אויפן שיידוועג, אָבער דאָס לעבן פירט צו דעם, יידיש זאָל ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך.

ש. אַש. די פראַגע, צי איז יידיש אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך אָדער נישט, איז די זעלבע פראַגע, צי זענען יידן אַ נאַציע אָדער נישט. יידיש האָט דאָס זעלבע רעכט אָנצורופן זיך נאַציאָנאַלע שפּראַך ווי יידן—אַ נאַציע. יידיש איז ביי אונדז ניט קיין פרעמד געוויקס, ס׳איז אַ פּרי פון אונדזער אייגן בלוט, פון אונדזער האַרץ. ווער עס פילט יידיש דער ווייסט, אַז יידיש איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך.—וועגן העברעיִש זאָגט אַש אַט וואָס: ער וואָלט געהאַלטן פאַר אַ צווייטן תשעה=באָב דעם טאָג, ווען די העברעיִשע שפּראַך זאָל אונדז פלוצים פאַרפאַלן גיין. אָבער עס זענען פאַראַן צוויי העברעיִשע שפּראַכן: דאָס העברעיִש פון אונדזערע אָבות און נביאים און פון די מדרשים, דאָס לעבעדיקע, נאַטירלעכע העברעיִש, וואָס מיר ליבן און אַכטן מער פון די העברעיִסטן, און דאָס נייע העברעיִש, וואָס מען רעדט אין די יידישע קאָלאָניעס אין פאַלעסטינע. אָט די צווייטע שפּראַך איז געקינצלט, ניט נאַטירלעך; ס׳איז דעריבער נישט קיין העברעיִש, נאָר אַן ערגערער זשאַרגאָן פון אַלע עקסיסטירנדיקע זשאַרגאָנען, לחלוטין פרעמד דעם יידישן גייסט. ווען איך בין געווען אין ארץ=ישראל, האָב איך געהערט נאָר איין ליד פון די קינדער; עס האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ, וואָס מען פאַרענגט אַזוי די קליינע מוחות.

גרשם באַדער, „יידישעס טאָגעבלאַט“, סעפּטעמבער 21:

אַשס רעדע איז... געווען גאָר אַ געלונגענע און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַגייסטערונג: אונטער איר אײַנדרוק האָט דער גאַנצער עולם געגאָסן טרערן, און קיין אויג איז ניט געבליבן טרוקן.

א. וועוויאָרקאַ מיינט, אַז דער באַשלוס וועגן יידיש און העבּרעיִש וועט זײַן נישט דער ריכטיקער, ווײַל אויף דער קאָנפערענץ פעלן די יידישע אַרבעטער פון רוסלאַנד.

ווײַס ווײַזט אָן, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און העבּרעיִש רעדט נישט דאָס יידישע פאָלק, די ברייטע פאָלקס־שיכטן פאַרשטייען אַפילו העבּרעיִש ניט. מיר קומען אין אוניווערסיטעט און פאָדערן, מ'זאָל אונדז אָנערקענען אַלס אַ זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַליטעט. מען פרעגט אונדז, וואָס פאַר אַ שפּראַך מיר רעדן, ווײַל אין עסטרײַך ווערן נאָר אָנערקענט די שפּראַכן, אָבער נישט די נאַציעס, און ווען מיר זאָגן, אַז מיר רעדן „יידיש“, ענטפערט מען אונדז, אַז „יידיש“ איז נאָר אַ פאַרדאָרבן דײַטש, אָבער נישט קיין זעלבשטענדיקע שפּראַך. ווען מיר אַליין וועלן שטעלן אין ספק, צי יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, טאָ וואָס זאָלן שוין זאָגן אונדזערע שכנים? ס'איז געווען פאַר אונדז, וואָס מיר זענען אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, דערצו קענען מיר דערווײַל גאָרנישט טון, אָבער אַ פאָלק אָן אַ שפּראַך זענען מיר דאָך נישט מחויב צו זײַן.

די זיצונג ווערט געשלאָסן 1 אַזייגער, און די ווײַטערדיקע וויכּוחים ווערן אָפּגעלייגט אויף דער נאָכמיטאָג־זיצונג.

זיבעטע זיצונג

(מיטוואָך, סעפּטעמבער 2, נאָכמיטאָג)

די זיצונג עפנט זיך 3 אַזייגער אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר זשיטלאָווסקי. עס ווערן ווײַטער געפירט די דעבאַטן.

ה. ד. נאָמבערג זאָגט אַרויס זײַן אַכטונג פאַר העבּרעיִש, דאָך ווײַזט ער אָן, אַז די יידישע מאַסע אָנערקענט יידיש פאַר איר נאַציאָנאַלער שפּראַך. די וויכטיקייט פון אַ רעזאָלוציע וועגן דעם באַשטייט, לויט זײַן מיינונג, דערין, אַז אויך די יידישע בורזשואַזיע זאָל אָנערקענען יידיש פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך.

ד"ר זשיטלאָווסקי קאָנסטאַטירט, אַז די פאַרשיידענע מיינונגען וועגן יידיש און העבּרעיִש, וועלכע מיר האָבן געהערט אויף דער קאָנפערענץ, עקסיסטירן אויך אין דער יידישער געזעלשאַפט. דאַן גייט ער אַריבער צו דער וויכטיקייט פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פאַרן יידישן פאָלק. ווען מיר

קעמפן פאַר אונדזערע נאַציאָנאַלע רעכט, ווען מיר פאָדערן אַ יידישע שול אאַז"ו, מוזן מיר דאָך אָנווייַזן, אַז מיר האָבן אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך קאָן אָבער ניט זייַן העברעיִש, נאָר יידיש. ער לייגט פאָר אויסצוקלייַבן אַ קאָמיסיע אויף אויסצואַרבעטן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער יידיש זאָל אָנערקענט ווערן אַלס יידישע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

עס רעדן נאָך אייניקע רעדנער.

פּרץ באַקומט דאָס שלוס־וואָרט. קודם־כל דערקלערט ער, וואָס עס הייסן בייַ אים „נאַציע" און „פאָלק", „נאַציאָנאַלע שפּראַך" און „פאָלקס־שפּראַך". אָבער ער איז קעגן דעם, אַז די קאָנפערענץ זאָל אָננעמען וואָסער עס איז באַשלוס וועגן אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. דאָס, זאָגט ער, זענען טעאָריעס. אַז עס איז אַמאָל געקומען איינער און האָט געזאָגט, אַז די ערד דרייט זיך, וואָלט עס לעכערלעך געווען צו שטעלן אויף אָפּשטימונג. יעדערער מעג זיך האָבן זייַן מיינונג. מאַיאָריטעט איז נאָך ניט קיין גאַראַנטיע פון ריכטיקייט. וויכטיק זענען מאַיאָריטעט און מינאָריטעט נאָר דאַן, ווען עס האַלט בייַ פּראַקטישער אַרבעט. אויב איר ווילט מיט אַן אמת אַרבעטן, אַרבעט; טעאָרעטישע פראַגעס זענען גאָרניט וויכטיק.

מען לייענט איבער די רעזאָלוציעס, וועלכע עס האָבן אַרייַנגעטראָגן די פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען.

1) די רעזאָלוציע פונעם רעפערענט י. ל. פּרץ, וועלכע זאָגט, אַז די קאָנפערענץ אָנערקענט יידיש אַלס אַ שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאַרלאַנגט די פאַראייניקונג פון די יידן אין דער יידישער קולטור און אין דער יידישער שפּראַך [די פראַגע יאָ אָדער ניט „נאַציאָנאַלע" שפּראַך ווערט ניט באַרירט].

2) צו אָט דער רעזאָלוציע שטעלט יונה קרעפּעל אַ צוגאָב: דורך דעם דאָזיקן באַשלוס האָט די קאָנפערענץ נישט די כוונה צו שמעלערן די באַדייַטונג און דעם ווערט פון דער העברעיִשער שפּראַך פאַרן יידישן פאָלק.

3) אסתּרס רעזאָלוציע: די קאָנפערענץ אָנערקענט יידיש אַלס די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. העברעיִש האָט אַ באַדייַטונג פון אַ היסטאָרישן דענקמאָל, וואָס אויפצולעבן אים איז אַן אוטאָפּיע.

4) ל. כאַזאַנאָוויטשעס רעזאָלוציע: יידיש איז אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, און אין די לענדער, ווו עס וווינען קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן, פאַרלאַנגען מיר פאַר איר פולע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גלייַכבאַרעכטיקונג.

5) די רעזאָלוציע פון זשיטלאָווסקי, אַש, נאָמבערג: יידיש איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, אָבער יעדער מיטגליד פון דער קאָנפערענץ און פון דער צוקונפטיקער אָרגאַניזאַציע איז פרייַ צו דענקען

וועגן העברעיִש ווי אַזוי עס דיקטירן אים זײַנע פּערזענלעכע איבערצײַגונגען.[1]

פּרץ לייגט פאָר פעסטצושטעלן די פּרינציפּיעלע מיינונג פון דער קאָנפערענץ און דערנאָך איבערגעבן די רעדאַקציע פון דער רעזאָלוציע צו אַ באַזונדער קאָמיסיע.

פּרצעס פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען. מען טרעט צו צום אָפּשטימען. מען שטימט אָפּ צוערשט דעם אַלגעמיינעם טייל: צי איז יידיש אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, צי נישט.

כמעט אײַנשטימיק (אין דער אָפּשטימונג נעמען אָנטייל עטלעכע און דרײַסיק פּערזאָן) ווערט באַשלאָסן: יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק.

„ווי אָט דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, זענען אַש און רייזען אַרויפגעפאַלן איינער אויפן אַנדערנס האַלדז און זיך געקושט פאַר שמחה."[1]

דאַן גייט די אָפּשטימונג איבער קרעפּעלס צוגאָב („נישט צו שמע־לערן די באַדײַטונג פון העברעיִש"). ער ווערט אָפּגעוואָרפן.

עס ווערט געשטעלט צו אָפּשטימונג דער פאָרשלאָג פון אַש־זשיטלאָווסקי־נאָמבערג, וועלכער לאָזט פרײַ די באַציִונג צו העברעיִש. מיט 20 שטי־מען קעגן 15 ווערט ער אָפּגעוואָרפן.

ווײַנרעב גיט אָפּ אַ דערקלערונג, אַז ער אַלס ציוניסט איז אַהער געקומען צו טון אַ געמיינזאַמע אַרבעט פאַרן יידישן פאָלק, נישט וועלנדיק אַרײַנקריכן אין עמעצנס נשמה, פאַרוואָס יענער וויל די אַרבעט טון. בײַ אים אַלס ציוניסט איז יידיש נישט אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, נאָר אַ שפּראַך אויף וועל־כער עס רעדט פאַקטיש אַ גרויסער טייל פון דעם יידישן פאָלק; דערפאַר האָט ער די דאָזיקע שפּראַך ליב און וויל זי אַנטוויקלען. אים וואָלט נישט געאַרט, אַז אַנדערע וואָלטן זיך האַלטן בײַ אַנדערע מיינונגען; אָבער דורך דער אָנגענומענער רעזאָלוציע איז אים אוממעגלעך געוואָרן צו אַרבעטן אײַנ־איינעם מיט דער קאָנפערענץ און ער טרעט פון איר אַרויס, דערקלערנדיק דערבײַ, אַז ער וועט גאַנץ געוויס אויך ווײַטער אַרבעטן פאַר יידיש, אָבער נאָר אין הסכם מיט זײַנע ציוניסטישע איבערצײַגונגען.

עס ווערט פאָרגעלייגט איבערצושטימען דעם צוגאָב, אַז די באַציִונג צו העברעיִש בלײַבט יעדערן פרײַ לויט זײַנע פּערזענלעכע איבערצײַגונגען.

מיט 26 שטימען קעגן 12 ווערט דער דאָזיקער צוגאָב אָנגענומען.

ס'ווערט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויסאַרבעטן אַ רעזאָ־לוציע אין זינען פון דעם אָנגענומענעם באַשלוס.

דערויף ווערט די זיצונג געשלאָסן.

---

[1] אַ פּאַרטרײבענער אין פאָ־ווערטס, סעפּט' 18, רעדט אויך וועגן 5 רעזאָלוציעס, אָבער אָנשטאָט קרעפּעלס פאָרשלאָג (2) שטייט בײַ אים: מען זאָל יידיש דערקלערן אַלס פאָלקסשפּראַך. ווער עס האָט דעם נוסח פאָרגעלייגט, ווערט נישט דערמאָנט.

[1] „טאָגבלאַט" נומ' 172.

פרצעס קוק

לויט אַ פּאַרטריבענער, „פאָרווערטס", סעפּטעמבער 18, זאָל פּרץ האָבן געזאָגט: „פאַר מיר איז העברעיִש די נאַציאָנאַל־שפּראַך, יידיש איז נאָר אַ פאָלקס־שפּראַך".

להיפּך צו דעם גיט ד"ר ח. זשיטלאָווסקי איבער פּרצעס קוק אויף דער פראַגע אַזוי („דאָס נייע לעבן", נ"י, 1908, נומ' 1, זע ז' 275 א"וו): „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך איז אַזאַ לשון אויף וועלכן דאָס פאָלק רעדט און פון וועלכער די אינטעליגענץ שעפּט איר קולטור און בילדונג. באַטראַכטן מיר העברעיִש און יידיש, געפינען מיר, אַז זיי האָבן ביידע קיין רעכט ניט אויף דעם טיטל „נאַציאָנאַל". העברעיִש איז שוין אויס נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל דאָס פאָלק האָט שוין אויפגעהערט צו רעדן העברעיִש; יידיש איז נאָך ניט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל די אינטעליגענץ שעפּט נאָך ניט פון איר איר בילדונג און קולטור. אונדזער אויפגאַבע דאַרף זיין אויפהייבן יידיש, וואָס איז לעת־עתה אַ פאָלקס־שפּראַך פון די מאַסן, צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פאַר דאָס גאַנצע פאָלק און די אינטעליגענץ".[1]

אַכטע זיצונג

(דאָנערשטאָג, סעפּטעמבער 3, אינדערפרי)

די פרימאָרגן־זיצונג עפנט זיך האַלב 10 דעם זייגער אונטערן פאָרזיץ פון ד"ר בירנבוים.

ד"ר זשיטלאָווסקי לייענט פאָר די ווייטערדיקע רעזאָלוציע, וואָס די קאָמיסיע האָט אויסגעאַרבעט:

„די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאָדערט פאַר איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג.

דערביי האַלט די קאָנפערענץ פאַר נייטיק צו ערקלערן, אַז יעדן אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ, ווי אויך יעדן מיטגליד פון דער קינפטיקער אָרגאַניזאַציע, בלייבט די פרייהייט זיך צו באַציען צו דער העברעיִשער שפּראַך לויט זיינע פּערזענלעכע איבערצייגונגען".

פּרץ דערקלערט, אַז ער פּערזענלעך איז נישט מסכים מיט דער פאָרגעלייענטער רעזאָלוציע. ער זאָגט: די רעדעס, וואָס זענען דאָ געהאַלטן גע־

---

1 זע אויך פּרצעס שריפטלעכע דערקלערונג (ז' 133—134) און זיין לייטאַרטיקל אין זשורנאַל „יודישע וואָכענשריפט" (ז' 286 א"וו פון דעם איצטיקן בוך).

װאָרן, האָבן מיך ניט איבערצײַגט. די ראַיה, אַז די פּאָליטישע לאַגע אין עסטרײַך, הויפּטזעכלעך אין גאַליציע און בוקאָווינע, פאָדערט דורכויס צו דערקלערן יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט מיך ניט גערירט. דאָס דערקלערן איבערהויפּט געהערט ניט צו די סטאַטוטן פון אַ פאַרבאַנד, וואָס ווערט דורך דער קאָנפערענץ אַרויסגערופן צום לעבן. אַ פּאָליטיש־פּראַקטישער צוועק קען און דאַרף אויף קיין איבערצײַגונג ניט ווירקן. עס איז נייטיק בלויז די אָנערקענונג פון יידיש אַלס שפּראַך בכלל. אַש דערציילט אונדז וועגן דעם לעבעדיקן העברעיִשן לשון פון די בוכאַרער יידן, קעגן וועלכן ער אַליין האָט אויך גאָרנישט. אָנערקענענדיק יידיש פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך, ווײַזן מיר אָן פאַר העברעיִש אַן אָרט נאָר אין עבר, אין דער געשיכטע, אָנערקענען מיר די העברעיִשע שפּראַך פאַר פרעמד. וועמען זשע האָבן מיר אָפּגעטראָטן אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וועמען פאַרקויפן מיר, אויב אַזוי, אונדזערע נביאים? [1]

פּרץ ענדיקט זײַן דערקלערונג אַזוי:

איך בלײַב בײַ מײַן מיינונג:

1) העברעיִש איז קיין פאָלקס־שפּראַך. העברעיִש לעבט ניט מער.

2) מעכאַניש אויפלעבן אַ שפּראַך הייסט באַשאַפן אַ נײַעם זשאַרגאָן.

3) אַזוי לאַנג ווי אונדזערע קולטור־גיטער וועלן בלײַבן אין העברעיִש, איז יידיש נאָר אַ פאָלקס־שפּראַך.

4) די קאָנפערענץ האָט דעריבער נאָר דאָס רעכט אויפצונעמען אַן אַרבעט צו פאַרהעלפן דער פאָלקס־שפּראַך אויפצוהייבן זיך צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך.

אָבער ניט אונטערגעבנדיק זיך דער מאַיאָריטעט, בלײַב איך מיטגליד פון דער קאָנפערענץ. איך צי מיך נאָר צוריק פון פּרעזידיום, ביורא און פּאַקטישער אַרבעט ביז צו דער קינפטיקער קאָנפערענץ, וואָס וועט זיך געוויס באַנוגענען מיטן זאַץ: „אונדזער שפּראַך איז יידיש".

נאָך דער דאָזיקער דערקלערונג פאַרלאָזט פּרץ דאָס פּרעזידיום און פאַרנעמט אַן אָרט צווישן די געוויינלעכע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ.

קרעפּעל דערקלערט, אַז ער איז נישט מסכים מיט דער טעאָרעטישער זײַט פון דער רעזאָלוציע און וועט זיך דערלויבן אין דער נאָענטער צוקונפט אַרויסזאָגן זיך אין דער ליטעראַטור קעגן איר.

ל. טוביש זאָגט, אַז אומעטום רעדן יידן אויף פרעמדע שפּראַכן; דאָס אָננעמען אַ פרעמדע שפּראַך איז געגליכן צום אָננעמען אַ פרעמדע נאַציאָנאַליטעט. יידיש איז ניט קיין פרעמדע שפּראַך, עס איז אָרגאַניש צו־

1 די דערקלערונג פון פּרצן אין דער געגעבענער פאָרם איז צונויפגעשטעלט לויט „פאָרווערטס" פון סעפּט' 18 און „ראַזסוועט" נומ' 35. די ווײַטערדיקע פּונקטן גייען לויטן „פאָרווערטס".

נויטגעבונדן מיט אונדזער פאָלקסלעבן, אָבער מ׳קען עס נישט אָנרופן נאַציאָנאַל־שפּראַך, ווייל אויך די שפּאַניאָלישע שפּראַך פון די בולגאַרישע יידן קען מען אויף אַזאַ אופן אָנרופן נאַציאָנאַלע, מחמת אויך זי האָט זיך אייגנאַרטיק אַנטוויקלט אין מויל פון די יידן. ער לייגט דעריבער פאָר צו אָנערקענען יידיש אַלס שפּראַך פון יידישן פאָלק, אָבער נישט אַלס נאַציאָנאַלע.

אסתר. אין דער נישט־פעסטקייט פון די מיינונגען פון דער קאָנפערענץ איז שולדיק דער אומשטאַנד, וואָס מען האָט געלאָזט אָפן די פראַגע וועגן דער באַציִונג צו העברעיִש. איך געפין, אַז די פאָרמל וועגן יידיש איז ניט גענוג. די דיסקוסיע וועגן נאַציאָנאַל־ און פאָלקס־שפּראַך, קען זיין, האָט גאָרניט קיין באַדייטונג. אָבער עס זענען פאַרהאַנען ווערטער־סימבאָלן, וועלכע זענען אונדז זייער וויכטיק. דריי טעג האָבן זיך געצויגן די דעבאַטן. עס זענען געווען פיל הייסע רעדנער פאַר העברעיִש. איבערלאָזנדיק דעם פונקט אַזוי ווי ער איז, וועט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז די קאָנפערענץ וויל אונטערשטיצן די ציוניסטישע אוטאָפּיע. **איך קען ניט מיטהעלפן דער אוטאָפּיע.** דאָך טרעט איך ניט אַרויס פון דער קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ שטעלט ניט פאָר די שטימונג ניט פון פאָלק און ניט פון דער אינטעליגענץ. דאָ זענען נאָר צופעליקע מענטשן צו באַשאַפן אַן אינסטיטוציע, נאָך מיין מיינונג — נאָר אַן אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ. דעריבער געפין איך, אַז די קאָנפערענץ דאַרף קיין פּרינציפּיעלע באַשלוסן ניט אָננעמען, זי קען נאָר באַשליסן צוזאַמענרופן אַ צווייטע קאָנפערענץ, און נאָר וועגן דעם קען מען דאָ רעדן.

עס ווערט אַ טומל. עס געדויערט איידער מען ברענגט אַן אָרדענונג.

ל. טויביש דערקלערט, אַז דער פאָרשלאָג איז שוין לאַנג אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

וועוויאָרקאַ. די רעזאָלוציע שטעלט אונדז אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע און נעמט ביי אונדז צו די מעגלעכקייט אַריבערצוגיין צו רעאַלער אַרבעט. אונדז פאַרפירט דאָס, וואָס מיר האָבן נישט קלאָר געמאַכט אונדזער באַציִונג צו העברעיִש.

פּרץ געפינט דאָס פאַר נישט ריכטיק. אין אונדזער אָרגאַניזיר־פּראָיעקט איז דייטלעך געזאָגט: די פאַרשפּרייטונג פון קולטור, ליטעראַטור און קונסט אויף דער **יידישער שפּראַך**, און דאָס באַזייטיקט אַלע אומפאַרשטייענישן.

ל. כאַזאַנאָוויטש. מיר האָבן אָנערקענט די יידישע שפּראַך פאַר אַ נאַציאָנאַלער — מיט דעם האָבן מיר געשאַפן אַ פּלאַטפאָרם פאַר איינהייטלעכער אַרבעט פון אַלע פאַרזאַמלטע עלעמענטן. מיר קענען נישט מסכּים זיין מיט די עקסטרעמע עלעמענטן, וואָס פאָדערן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו דער העברעיִשער שפּראַך. עס האָבן מסכּים געווען צו אַרבעטן מיט אונדז

אויך פערזאָנען פון ציוניסטישן לאַגער: וועלן מיר דאָך נישט באַליידיקן זייערע איבערצײַגונגען.

אַ פּאַרטײַ־ענער שילדערט אין „פאָרווערטס" פון סעפּט׳ 18 די שטימונג אין דעם מאָמענט:

...עפּעס איז די פאַרזאַמלונג מיד, און מען ווייסט ניט וואָס צו טון ווײַטער. קיין צעשפּאַלטונג איז נאָך ניטאָ, אָבער עס פילט זיך עפּעס אין דער לופטן, און אָט־אָט צופאַלט דאַכט זיך באַלד די גאַנצע זאַך...

ד"ר נ. בירנבוים. מײַנע הערן, איין זאַך בעט איך אײַך: פאַלט נישט אַרײַן אין פּעסימיזם. איך האָב דאָ געהערט אַן אָנצוהערעניש, אַז מיר זענען אַ צופעליקע פאַרזאַמלונג, אונדז האָט קיינער ניט אויסגעקליבן, קיינער נישט באַפולמעכטיקט, און מיר דריקן נישט אויס די מיינונג פון גאַנצן יידישן פאָלק. אויב דאָס ערשטע איז טיילווײַז ריכטיק, איז אָבער דאָס צווייטע לחלוטין אָן אַ גרונד. אַלע ריכטונגען און שטרעבונגען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָבן געפונען אַן אויסדרוק אין אונדזערע וויכוחים. מיר דאַרפן זיך פאַראייניקן און צונויפרעדן. מיר דאַרפן פאַרווירקלעכן די פאַרלאַנגען פון פאָלק, מיר דאַרפן שאַפן זײַן ליטעראַריש־קולטורעלע פאַראייניקונג. מיר קענען זיך נישט פונאַנדערגיין נישט אָוועקלייגנדיק דעם ווינקלשטיין; מיר אַלע ווילן דאָך איינס און דאָס זעלבע און גייען זיך פונאַנדער נאָר אין דער טעאָריע. מיר דאַרפן זיך דערפאַר אָפּזאָגן פון דער רעזאָלוציע אין איר לעצטער רעדאַקציע, מיט וועלכער איך פערזענלעך בין פולקום אײַנשטימיק. מיר דאַרפן אָנשטאָט דעם אָננעמען: „די קאָנפערענץ האַלט פאַר אומבאַדינגט נייטיק די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין קולטורעלער, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער הינזיכט". מיר דאַרפן קיינעם נישט אָפּשטויסן, נישט די ציוניסטן, נישט דעם „בונד". מיר ווילן הײַנט זײַן באַשיידן, מיר ווילן אַרבעטן.

נ. פּרילוצקי באַמערקט, אַז דאָס איז שוין פאַרפאַלן, ווײַל מען איז שוין מיט דער פראַגע פאַרטיק געוואָרן נעכטן.

די דעבאַטן ווערן געשלאָסן.

מען שטימט אָפּ די רעזאָלוציע פונקטנווײַז, און זי ווערט אָנגענומען אינגאַנצן אין דער רעדאַקציע פון דער קאָמיסיע, מיט אַלע שטימען קעגן פיר[1].

דער עולם איז אויפגערעגט. מען מאַכט אַ הפסקה אויף 10 מינוט.

איידער מען גייט איבער צום באַהאַנדלען די ווײַטערדיקע פונקטן פון אָרגאַניזיר־פּראָיעקט, ווערט יעדערן געגעבן דאָס רעכט צו אַ פערזענלעכער דערקלערונג, פאַרוואָס ער איז נישט מסכים מיט דער רעזאָלוציע, וואָס עס ווערט אויך אַרײַנגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל.

פּרץ בעט זײַן דערקלערונג אויך אַרײַנטראָגן אין פּראָטאָקאָל.

---

1 לויטן „פאָרווערטס" פון סעפּט׳ 18: „מיט אַ מערהייט פון 30 שטימען קעגן 5—6".

אַ גרופּע קאָנפערענץ־אָנטיילנעמער מיט **ל ײ ב ל ט ו י ב י ש** בראָש גיט אָפּ די דאָזיקע דערקלערונג:

„מיר אונטערגעשריבענע ערקלערן, אַז מיר באַטראַכטן די העברעיִשע שפּראַך אַלס די עלטערע נאַציאָנאַל־שפּראַך פונעם ייִדישן פאָלק; אַז דורך דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווערט נישט געשמעלערט דער ווערט און די באַדײַטונג פון דער העברעיִשער שפּראַך און אַז דורך דער אָנגענומענער רעזאָלוציע ווילן מיר זיך פאַראייניקן צו פּראַקטישער אַרבעט, נישט פאָרגרײַפנדיק דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער געשיכטע. אַריה־ליב טויביש, לעאָן וועקסלער, דוד טויביש, מאיר גייער, יונה קרעפּעל, קלמן שפּיראָ".

א ס ת ר מעלדט, אַז זי בלײַבט אַרבעטן נאָר דערפאַר וואָס זי רעכנט, אַז די איצטיקע קאָנפערענץ איז נאָר אַ פּראָוויזאָרישע, אַז זי וועט נאָר באַטראַכטן די פראַגע ווי אַזוי צונויפצורופן אַ נײַע קאָנפערענץ און וועט גרינדן אַ פּראָוויזאָריש ביוראָ מיט צוגרייט־ און אינפאָרמיר־פונקציעס. די רעדנערין טראָגט אַרײַן אַזאַ פּראָיעקט:

אין דער צווייטער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך פאַרטרעטער פון אַלע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אײַנריכטונגען, וועלכע אַרבעטן אויף ייִדיש: קונסט־ און בילדונגס־פאַראײנען, לערער־פאַראײנען, שולן, פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען מיט סיסטעמאַטישער קולטורעלער טעטיקייט, טעאַטער־טרופּעס, צײַטונגען, ביכער־פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן אאַז"וו. פאַרטרעטונג האָט נאָר יענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שיקט צו ניט שפּעטער ווי דרײַ חדשים פאַר דער קאָנפערענץ ווייניקסטנס 5 רובל אויף אירע הוצאות. די איצטיקע קאָנפערענץ קלײַבט אויס אַ צוגרייט־ביוראָ.

ד"ר ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י זאָגט זיך אַרויס קעגן איבערגיין צום באַהאַנדלען די ווײַטערדיקע פונקטן פון פּרצעס אָרגאַניזיר־פּראָיעקט. אַלע וויכּוחים האָבן געגעבן די מעגלעכקייט אויסצופאָרשן דעם באָדן פאַר אונדזער קולטור־בנין און פעסטצושטעלן, אַז דער באָדן איז נאָך נישט אינגאַנצן צוגעפּאַסט פאַר אים. שאַפונגס־אַרבעט אויפן גרונד פון פּראָיעקט איז אוממעגלעך; פעסט אויפבויען די אָרגאַניזאַציע לאָזט זיך איצט נישט; פּאַסיק איז דערפאַר אסתּרס פאָרשלאָג פעסטצושטעלן איצט נאָר דעם פּלאַן פון אונדזער ווײַטערדיקער טעטיקייט. מיר האָבן ניט פאַרלוירן די צײַט, וואָס מיר האָבן אַזוי פיל גערעדט. איצט דאַרפן מיר איבערגיין צו דער פראַגע ווי אַזוי צוזאַמענצורופן די צווייטע קאָנפערענץ, וועלכע זאָל באַשטיין פון געקליבענע מיטגלידער פון פאַרשיידענע קולטורעלע פאַראײנען און אַנשטאַלטן. מיר דאַרפן אָבער זען, אַז די וואָס וועלן זיך צונויפקלײַבן זאָלן קענען צוזאַמען אַרבעטן. דעריבער דאַרפן צו דער קאָנפערענץ צוגעלאָזן ווערן נאָר אַזעלכע, וואָס אָנערקענען די נייטיקייט פון גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער ייִדישער שפּראַך אין קולטורעלער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער הינזיכט. אַסימילאַטאָרן צב"ש, ווען זיי אַרבעטן אַפילו אויף ייִדיש, קענען בשום אופן ניט אָנטיילנעמען אין דער צווייי־

טער קאָנפערענץ. סטודענטן־פאַראייגען און ליטעראַטן ווערן צוגעלאָזן נאָר מיט באַראָט־רעכט. די איצטיקע קאָנפערענץ קלייַבט אויס אַ ביוראָ און זייַנע פאַרטרויונגס־מענער אין יעדן לאַנד. דאָס ביוראָ איז מחויב: 1) אַרויסצוגעבן די פּראָטאָקאָלן פון דער איצטיקער קאָנפערענץ; 2) אויסצואַרבעטן אַ טאָג־אָרדענונג פאַר דער צווייטער קאָנפערענץ; 3) צונויפצורופן די צווייטע קאָנפע־רענץ און 4) אַרייַנטרעטן אין באַציִונגען מיט די ברייטע קרייזן פון יידנטום. זייַן אַדרעס דאַרף זייַן אַלעמען באַוווּסט. דאָס איז דער מאַקסימום פון מעג־לעכער אַרבעט אין איצטיקן מאָמענט.

א—ר שרייבט אין „נייע צייט", IV:

...די אָנהענגער פון פּרצעס פּראָיעקט זענען שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס מען שטעלט ווייַטער אַוועק די פראַגע פון אָנהייב. די שטימונג איז אַ געשפּאַנטע.

ד"ר נ. בירנבוים האַלט, אַז דער חילוק צווישן פּרצעס פּלאַן און דעם נייַעם פאָרשלאָג איז נישט קיין גרויסער. דער עיקר איז דער באַוווּסט־זייַן, אַז מיר גייטיקן זיך אין אַן אָנפירנדיקער אינסטיטוציע און אַז מיר זענען איצט ביכולת זי צו שאַפן. וואַרטן מיט אַרבעט ביז אַ צווייטער קאָנ־פערענץ קענען מיר ניט. מיר ווילן שוין אַרבעטן.

עס ווערן געעפנט דעבאַטן וועגן די ביידע פאָרשלאָגן.

קאָרסטמאַן זאָגט זיך אַרויס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע און בעט צו די קומעדיקע קאָנפערענצן אייַנצולאַדן אויך די מיטגלידער פון יידישן נאַציאָ־נאַלן קלוב אין פאַרלאַמענט. אַדאָלף שטאַנד, זאָגט ער, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט אין פאַרלאַמענט, אַז מיר האָבן אַ שפּראַך, אַז מיר האָבן אויף דער יידישער שפּראַך באַשאַפן אַ ליטעראַטור. ער האָט דער ערשטער אָנגערופן אין עסטרייַכישן פאַרלאַמענט פּרצעס נאָמען.

אסתר שטרייַכט אונטער דעם אויסגאַנג־פּונקט פון איר פאָרשלאָג און דערווייַזט, אַז ער שיידט זיך שטאַרק אונטער לויט זייַן כאַראַקטער פון פּרצעס פּלאַן. מיר באַמערקן אין רוסלאַנד און אַמעריקע אַ קולטור־טעטיקייט וואָס וואַקסט מיט יעדן טאָג, אומעטום אַנטשטייען צו דעם צוועק פאַראייגען. נישט פאַרבינדנדיק זיך מיט די אַלע אינסטיטוציעס קענען מיר נישט גרינדן קיין אָרגאַניזאַציע. מיר דאַרפן אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס זאָל פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון דער דאָזיקער קולטור־טעטיקייט און זאָל געבן אַ מעגלעכקייט די אַלע אַנטשטאַנענע אָרגאַניזאַציעס צו פאַראייניקן זיך, בכדי צו באַשאַפן די אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכער פּרץ האָט אונדז גערעדט.

די דעבאַטן ווערן געשלאָסן.

פּרץ טראָגט אַרייַן אַ צוגאָב צו אסתרס פאָרשלאָג: יעדע 100 יידן,

וואָס זענען מסכּים מיט די טענדענצן פון דער קאָנפערענץ, זאָלן אויך קענען שיקן זייערע פאָרשטייער צו דער צווייטער קאָנפערענץ.

מיט אַ מערהייט פון 27 שטימען קעגן 16 ווערט באַשלאָסן צו באַהאַנדלען פרצעס אָרגאַניזיר-פּראָיעקט.

עס פאַלט דורך דער זאַץ: „פאַראייניקונג פונעם יידישן פאָלק אין זיין קולטור און שפּראַך".

נאָך קורצע וויכּוחים ווערט באַשלאָסן אַריינצושטעלן אין פּראָיעקט די שוין אָנגענומענע רעזאָלוציע וועגן יידיש אַלס נאַציאָנאַל-שפּראַך מיט דער אָנמערקונג וועגן געוויסנס-פרייהייט בנוגע צו העברעיִש. דאָס זאָלן זיין די ערשטע צוויי פּרינציפּיעלע פּונקטן פונעם סטאַטוט.

מען גייט אַריבער צום וויטערדיקן פונעם סטאַטוט-פּראָיעקט, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„... באַפעלדערונג און פאַרשפּרייטונג פון קולטור און קונסט אין דער יידישער שפּראַך".

אַ ב ר ה ם ר י י ז ע ן לייגט פאָר אַריינצושטעלן דאָס וואָרט „אויסשליסלעך" אין דער יידישער שפּראַך דערפאַר, וואָס עס איז ניט גאָר דייטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן אינעם סטאַטוט, ווי אַזוי די קאָנפערענץ קוקט אויף העברעיִש. דערנאָך קענען קומען פיל און זאָגן, אַז העברעיִש איז די יידישע שפּראַך.

דער פאָרשלאָג פון אַ. רייזען פאַלט דורך. דער פּונקט ווערט געענדערט אויף אַזאַ אופן:

„באַפעלדערונג און פאַרשפּרייטונג פון קולטור, קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראַך".

איינס אַ זייגער ווערט די זיצונג פאַרמאַכט ביז דריי.

ניינטע זיצונג

(דאָנערשטאָג, סעפּטעמבער 3, נאָכמיטאָג)

א פ א ר ט ר י ב ע נ ע ר הייבט אָן אין „פאָרווערטס" זיין באריכט וועגן דער דאָזיקער זיצונג מיט די ווערטער:

...עס איז שוין צו ענדע באַלד דער לעצטער טאָג פון די זיצונגען, און די אַרבעט איז נאָך זייער ניט וויט פון אָנהייב. עס זענען נאָך געבליבן אַלע איבעריקע פּונקטן פון סטאַטוט, איך רעד שוין ניט וועגן די רעפעראַטן, וועלכע מען האָט נאָך ניט געלעזן...

ד"ר זשיטלאָווסקי. אַזוי ווי די צײַט איז קורץ, הײַנט־מאָרגן צעפּאָרן זיך אַ סך מענטשן, איז אויב מען וויל ניט, אַז די אַרבעט, וואָס מען האָט אויפגעטאָן, זאָל גיין פאַרלוירן, זאָל מען אָננעמען אָן אַ דיסקוסיע אַלע איבעריקע פּונקטן און אויסקלײַבן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל זיי שוין אַליין אויסבעסערן און ברענגען אין אָרדענונג.

אסתר. די צײַט איז קורץ און עס איז גאָרנישט מעגלעך אויפצוטון. דאָס איינציקע וואָס עס איז יאָ מעגלעך איז—איצט שאַפן די כּללים, לויט וועלכע עס דאַרף צונויפגערופן ווערן די צווייטע קאָנפערענץ.

כּאַזאַנאָוויטש. עס זענען דאָ אַ סך מענטשן, וועלכע וועלן אַרויס־טרעטן פון דער קאָנפערענץ, ווײַל דער סטאַטוט גיט צו פיל מאַכט דעם ביוראָ און איז אין אַלגעמיין ניט צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער זאַך. ער לייגט פאָר, אַז מען זאָל זיך צונויפקומען אויפן מינימאַלסטן, אויף וואָס אַלע קענען אײַנשטימען, דהײַנו אויף אַן אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ, און דעם סטאַטוט וועט מען איבערלאָזן אויסצואַרבעטן דער צווייטער קאָנפערענץ.

נאָמבערג. שאַפן איצט אַן אָרגאַניזאַציע איז אוממעגלעך. דעריבער שטיץ איך דעם פאָרשלאָג פון אסתר.

פון אַלע פאָרשלאָגן וועלכע עס ווערן אַרײַנגעטראָגן ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון ל. כּאַזאַנאָוויטש: מאַכן אַ פּויזע פון 10 מינוט, כּדי אויס־צואַרבעטן אַ מינימום, אויף וועלכן אַלע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ זאָלן קענען אײַנשטימען.

די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען (אסתר, כּאַזאַנאָוויטש, זשיטלאָווסקי און אַנדערע) האַלטן אָפּ אַ באַראַטונג און אַרבעטן אויס אַזאַ אייניקונג־ און מינימום־פּראָיעקט, וועלכן זיי לייגן פאָר דער קאָנפערענץ:

„די קאָנפערענץ באַשליסט אויסצוקלײַבן אַ ביוראָ מיט די פאָלגנדע פונקציעס: 1) צוגרייטן די צווייטע קאָנפערענץ; 2) אַרויסגעבן די פּראָטאָ־קאָלן און דעם סטענאָגראַפישן באַריכט פון דער ערשטער קאָנפערענץ; 3) אינפאָרמאַציע; 4) איניציאַטיוו אין אויסאַרבעטן פּראָגראַם־פּראָיעקטן פאַר דער צווייטער קאָנפערענץ.

אין דער צווייטער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך פאַרטרעטער פון יענע קולטור־חברות און אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן זייער טעטיקייט אויף יידיש און אָנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק.

אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס זענען: קולטור־ און בילדונגס־פאַראיינען, לערער־פאַראיינען, שולן, טעאַטער־טרופּעס, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן, צײַטונגען, זשורנאַלן, פאַראיינען מיט סיסטעמאַטישער קולטור־טעטיקייט, ליטעראַטן־פאַראיינען.

מיט באַראַטונגס־רעכט ווערן צוגעלאָזן פאַרטרעטער פון פּאָלי־

טישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק און קעמפן פאַר איר פּאָלי־טישער און קולטורעלער גלייכבאַרעכטיקונג".

נאָך געוויסע וויכוחים, בעת וועלכע אַנדערע רעדנער דריקן זיך אויס, אַז מ׳וויל דאָ מאַכן אַ סאָציאַליסטיש קלייזל, אַז מ׳וויל פאַרפלייצן די קאָנ־פערענץ מיט סאָציאַליסטן אאַז"וו, ווערט באַשלאָסן מיט 25 שטימען קעגן 1, ביי עטלעכע אָפּגעהאַלטענע, צו שטעלן דעם נ י ־ י ע ם אָרגאַניזיר־פּראָיעקט אויף דער טאָג־אָרדענונג.

דערמיט איז פּרצעס פּראָיעקט פּאַקטיש אָפּגעוואָרפן.

אַ גרופּע אָנטיילנעמער לייגן פאָר, אַז אויך אינעם מינימום־פּראָיעקט זאָל אַריינגעשטעלט ווערן די טאָלעראַנץ־באַמערקונג וועגן העברעיִש, אָדער ס׳זאָל לפּחות אַריינגעשטעלט ווערן, אַז די חברות דאַרפן שטיין אויפן שטאַנד־פּונקט פון דער גרונד־רעזאָלוציע.

מיט אַ גרויסער מערהייט באַשליסט מען, אַז די רעזאָלוציע בלייבט אין קראַפט, נאָר אינעם מינימום־פּראָיעקט דאַרף מען נאָר באַצייכענען דיי־לעך די באַציִונג צו יידיש.

דער פּונקט וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳ווערט צוזאַמענגעשטעלט די נאָענט־סטע קאָנפערענץ, גייט דורך מיט אַ מערהייט פון 27 שטימען ביי 6 אָפּגע־האַלטענע.

פון די פריער אויסגערעכנטע אָרגאַניזאַציעס ווערן אויסגעשלאָסן נאָר פאַרלאַגן וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון געוויינלעכע קאַפּיטאַליסטישע אונ־טערנעמונגען. מ׳גיט צו די סטודענטן־פאַראיינען, וואָס מעלדן אין די אַקאַדע־מישע רייסטערס יידיש אַלס זייער מוטער־שפּראַך.

אַנדערע (די לינקע) זענען קעגן דער לעצטער אויסבעסערונג, מחמת זיי האַלטן, אַז די סטודענטן־פאַראיינען זענען פּאַקטיש פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, מערסטנטיילס ציוניסטישע; זיי אַנטוויקלען מערסטנטיילס קיין שום טעטיקייט נישט אויף יידיש.

דער צוגאָב וועגן די סטודענטן־פאַראיינען ווערט אָנגענומען.

ס׳ווערט אויך אָנגענומען ק ר ע פּ ע ל ס צוגאָב־פאָרשלאָג צו געבן רעכט אָנטיילצונעמען אויך די פאַראיינען, וואָס אַנטשטייען ספּעציעל מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן די יידישע ליטעראַטור און צו אַנטוויקלען די יידישע שפּראַך.

דער פאָרשלאָג אויסצומעקן די ליטעראַטן־פאַראיינען, מחמת אַזעלכע עקסיסטירן דערוויילע נישט, ווערט אָפּגעוואָרפן.

אַ ש טראָגט אַריין אַ פאָרשלאָג, אַז יעדע הונדערט יידן, וואָס וועלן אָנערקענען יידיש פאַר זייער נאַציאָנאַל־שפּראַך, זאָלן אויך קענען שיקן אַ פאָר־טרעטער צו דער קאָנפערענץ.

אַרום דעם פֿאָרשלאָג הייבט זיך אויף אַ דיסקוסיע. ס'ווערט אָנגעוויזן, אַז אויף דער קאָנפֿערענץ דאַרף פֿאַרטראָטן ווערן קולטורעלע טעטיקייט, אַז סתּם יידן קענען אין איר אַרבעט גאָרנישט אַרײַנטראָגן, אַז מ'קען קיינעם נישט געבן קיין רעכט אָן פּליכטן און אַז דאָס אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג וועט אַרײַנפֿירן אויף די קאָנפֿערענצן אַ צופֿעליקן און נישט קאָמפּעטענטן עלע־מענט. מ'רעכנט אויך, אַז דאָס וועט באַשאַפֿן די מעגלעכקייט פֿאַר די אָרטיקע בוקאָווינער יידן צו מאַיאָריזירן די געקומענע פֿאַרטרעטער פֿון קולטורעלער אַרבעט, אַז דער דעמאָקראַטיזם פֿון דעם פֿאָרשלאָג איז אַ פֿיקטיווער, ווײַל אויסנוצן די דאָזיקע מעגלעכקייט וועלן נאָר אָרטיקע מענטשן.

אַ ש נעמט אַראָפּ זײַן פֿאָרשלאָג.

די זיצונג ווערט געשלאָסן ביז 8 אַ זייגער אינאָוונט.

אײַנדרוקן

די שטימונג אויף דער זיצונג מאָלט אַ פֿ אַ ר ט ר י ב ע נ ע ר אין „פֿאָרהערטס", סעפּ־טעמבער 18:

...די דיסקוסיע איז ווייניק אינטערעסאַנט, זי נעמט נאָר אָפּ אַ סך צײַט, און די מינוטן בלײַבן געציילטע. אַלע פֿילן, אַז מען מוז עפּעס אויפֿטון, און אַלע ווייסן, אַז אויפֿגעטאָן איז נאָך גאָרנישט געוואָרן. אָבער מען רעדט ווײַטער און מען חזרט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבער דאָס אייגענע. דער תּוך פֿון דער זאַך באַשטייט שוין איצט אין פֿאָלגנדעס: די קאָנפֿערענץ האָט זיך צעטיילט אין צוויי טייל. איינע באַשטייט פֿון די ציוניסטן און די אי־בעריקע זייערע אָנהענגער. די צווייטע טייל באַשטייט פֿון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן. די ערשטע זענען פֿאַר אַן אַלגעמיינע, אַזוי צו זאָגן כּל־ישׂראל־חברים־חברה. די צווייטע איז פֿאַר אַן אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָ און אַ ביוראָ צו אָרגאַניזירן אַ צווייטע קאָנפֿערענץ...

צ ע נ ט ע   ז י צ ו נ ג

(דאָנערשטאָג, סעפּטעמבער 3, אינאָוונט)

9 1/4 אינאָוונט ווערט געעפֿנט די לעצטע זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אין זאַל פֿון דער אָרטיקער יידישער קאָרפּאָראַציע „סאָפּירא". עס זענען אָנ־וועזנדיק בלויז דעלעגאַטן; געסט ווערן נישט צוגעלאָזן מחמת דעם קליינעם לאָקאַל. דעם פּאָרזיץ פֿירט ד"ר זשיטלאָווסקי, אים פֿאַרבײַט דערנאָך פּרץ, וואָס איז צוריק אַרײַנגעטראָטן אין פּרעזידיום.

וועקסלער טראָגט אַריין אַשס פאָרשלאָג אין אַ געענדערטער רע־דאַקציע.

ס'הייבט זיך אויף אַ דיסקוסיע. מען ווייזט אָן, אַז מען וועט אַפילו נישט קענען קאָנטראָלירן די דאָזיקע הונדערטשאַפטן, אַז ס'דאַרפן פאָרגע־שטעלט זיין אָרגאַניזאַציעס.

וועקסלער שטעלט זיין פאָרשלאָג אַלס צוגאָב צו קרעפּעלס, און ער ווערט אָנגענומען אין דער פאָרם:

„אָנטיילנעמען אין דער קומעדיקער קאָנפערענץ קאָנען אויך פאַראיינען און גרופּעס, וועלכע ווערן געגרינדעט מיטן ספּעציעלן צוועק מיטצוהעלפן די צילן פון דער קאָנפערענץ.

הונדערטשאַפטן פון מיטגלידער, וועלכע אָנערקענען די צילן פון דער קאָנפערענץ און צאָלן יעדערער אַ געוויסן יערלעכן אָפּצאָל, האָבן דאָס רעכט צו שיקן צו איין דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ".

אסתר און אירע אָנהענגער שטימען קעגן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

דער פאָרשלאָג צו געבן פאָרשטייערס פון פּאָליטישע פּאַרטייען נאָר באַראָט־רעכט ווערט פאַרטיידיקט דורך אַלע פאָרשטייער פון פּאַרטייען: אסתר (בונד), כאַזאַנאָוויטש (פּועלי־ציון), זשיטלאָווסקי (סיימיסטן) און וועקסלער (ציוניסטן).

נאָמבערגס פאָרשלאָג, אַז אַזעלכע פאָרשטייער דאַרפן געשיקט ווערן נישט דורך פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, נאָר בלויז דורך די אָנפירנדיקע צענטראַלע אינסטיטוטן פון די פּאַרטייען, ווערט אָנגענומען איינשטימיק.

דער באַשלוס ווערט אַלזאָ אָנגענומען אין דער פאָרם: „מיט באַראָט־רעכט ווערן צוגעלאָזן פאָרשטייער פון צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען און אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָנערקענען יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און קעמפן פאַר זיין פּאָליטישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער גלייכבאַרעכטיקונג."

ס'ווערט געשטעלט צום באַהאַנדלען דער ווייטערדיקער פונקט פונעם מינימום־איינקונגס־פּראָגראַם: „צו דער קאָנפערענץ ווערן אויך איינגעלאַדן מיט באַראָט־רעכט די יידישע שרייבער."

אסתר זאָגט זיך אַרויס קעגן דעם: זי האַלט, אַז דאָס ביוראָ איז נישט קאָמפּעטענט פעסטצושטעלן, וועמען עס קומט דער דאָזיקער כבוד, ווארים דאָס הענגט אָפּ פון די פּערזענלעכע אָנשויונגען. אויב די שרייבער וועלן וועלן זיין אויף דער קאָנפערענץ, וועלן זיי זיך אָרגאַניזירן אין פאַר־איינען אָדער זיי וועלן באַקומען זייערע מאַנדאַטן פון די ליטעראַטן־פאַראיינען.

וועקסלער איז מסכים מיט אסתרן. ער האַלט אָבער, אַז די צווייטע קאָנפערענץ וועט פונדעסטוועגן דאַרפן אויסקלײַבן פון צווישן די שרײַבער בכבודיקע פאָרשטייער.

נאָמבערג מיינט, אַז די שרײַבער האַלטן זיך מייסטנס אָן אַ זײַט און שטייען נישט אין קיין פאַרבינדונג מיט די מאַסן, אַזוי אַז אויב מען וועט זיי נישט אײַנלאַדן, איז אַ ספק, צי זיי וועלן ווען נישט איז אַליין אַרויסשטעלן זייער קאַנדידאַטור.

כאַזאַנאָוויטש. מיר האָבן טויזנטער „שרײַבער". ווער זשע וועט עס משפטן און באַשטעטיקן די טאַלענטירטקייט? גרויסע שרײַבער זענען אָפט שלעכטע ראַטגעבער און נישט קאָמפּעטענט אין פראַגעס פון וויסנשאַפטלעכן אָדער פּראַקטישן כאַראַקטער. אײַנלאַדן אויף דער קאָנפערענץ איז נייטיק באַר וויסנשאַפטלער און ספּעציאַליסטן, ווי האַרקאַווי און אונדזערע דרײַ רעפּע-רענטן, וואָס זענען געקומען צו אונדז מיט אַ טיפער קענטעניש פון דער זאַך (סאָטעק, אײַזענשטאַט, מיזעס).

דער פאָרשלאָג פון כאַזאַנאָוויטשן ווערט אָנגענומען: „ס'ווערן אײַנגעלאַדן מיט באַראַט-רעכט שפּראַכקענער."

מען גייט איבער צום באַטראַכטן דעם פּונקט: דאָס צענטראַל-ביוראָ, זײַנע אויפגאַבעס און זײַנע רעכט.

עס דערוועקט זיך די פראַגע, וועלכע אַרבעט צו געבן דעם ביוראָ: צי בלויז אינפאָרמאַטיווע אָדער אויך דאָס רעכט צו טון וואָס עס וועט געפינען פאַר וויכטיק?

ס'ווערט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז מ'גיט דעם ביוראָ איניציאַטיווע צו באַשאַפן אַלץ, וואָס איז נישט קעגן די טענדענצן פון דער קאָנפערענץ.

זשיטלאָווסקי לייגט פאָר, דאָס ביוראָ זאָל קענען האָבן איניציאַ-טיווע אין די גרענעצן פון די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ. די קאָנפערענץ האָט למשל ניט באַשלאָסן צו גרינדן שולן, ביבליאָטעקן — קען דאָס ביוראָ דאָס הײַ-יאָר ניט טון.

די מחברים פונעם מינימום-פּראָיעקט בעטן אַ הפסקה אויף אַ ישוב-הדעת. די מערהייט וויל ניט. ס'הייבט זיך אָן אַ טומל. סוף כל סוף ווערט דאָך געמאַכט אַ הפסקה.

אין דער פּריוואַטער באַראַטונג דערקלערט אסתר, אַז אויב מען וועט דאָ שאַפן אַ ביוראָ, וואָס וועט גרינדן שולן, ביבליאָטעקן אאַז"וו, וועט זי מיט אירע אָנהענגער ניט קענען פאַרבלײַבן. די באַראַטונג ברענגט ניט צו קיינע רעזולטאַטן.

זשיטלאָווסקיס פאָרשלאָג וואַרפט די קאָנפערענץ אָפּ.

מיט 22 שטימען ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג, אַז דאָס ביוראָ האָט דאָס רעכט, אַחוץ צו אינפאָרמאַטיווער און עקזעקוטיווער, אויך צו איניציאַטי-

ווער אַרבעט, וואָס וועט נישט זײַן אין קיין סתירה צו די טענדענצן און באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ.

ס'איז שוין געוואָרן אַרום 2 אַזייגער בײַנאַכט.

אסתר מאַכט אַזאַ פערזענלעכע מעלדונג:

איך האַלט דיזע קאָנפערענץ פאַר אַ צופעליקער פאַרזאַמלונג, וועלכע שטעלט ניט פאָר ניט די שטימונג פון די פאָלקסמאַסן, ניט די שטימונג פון דער אינטעליגענץ, ניט די קולטורעלע אַרבעט, וואָס פירט זיך ווירקלעך אויף יידיש. די פאַרזאַמלטע מענטשן האָבן געקאָנט קוקן אויף זיך נאָר ווי אויף איניציאַטאָרן, וועלכע האָבן געקענט אָרגאַניזירן אַ ריכטיקערע קאָנפערענץ. נאָר דיזע ריכטיקערע קאָנפערענץ האָט געקענט פעסטשטעלן דעם יסוד און אומפאַנג פון דער קולטורעלער טעטיקייט. נאָר זי האָט געקענט באַשליסן פאַר זיך די פראַגע, צי איז בכלל מעגלעך אַ געמיינזאַמע שאַפנדע קולטורעלע אַרבעט. איצט איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס, לויט וועלכן דאָס ביוראָ טרעט שוין איצט צו צו אַ ברייטער שאַפנדער קולטורעלער אַרבעט. איך וויל ניט נעמען קיין אָנטייל אין דער פאַליסיפיקאַציע [בײַ דעם אויסדרוק ברעכט אויס אַ שטורעם פון פראָטעסטן. ד"ר בירנבוים שרײַט: „חוצפהו!"] פון אַן ערשטער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ. איך וועל זיך ניט באַטייליקן אין די אָפּשטימונגען און נעם אַראָפּ פון זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַלע רעזאָלוציעס פון דיזער קאָנפערענץ.

צו דער דאָזיקער מעלדונג שליסט זיך אָן ברעגמאַן (קיעוו).

ס'ווערט באַשלאָסן: די אויפגאַבעס פון דעם ביוראָ זענען:

1) צוגרייט־אַרבעטן צו דער צווייטער קאָנפערענץ;

2) אַרויסגעבן אַ געדרוקטן סטענאָגראַפישן פּראָטאָקאָל פון דער קאָנפערענץ;

3) אַרויסגעבן שלום אַשס יידישע איבערזעצונג פון רות (די גאַנצע הכנסה פון דעם דאָזיקן בוך האָט אַש געשאָנקען אויף די צילן פון דער קומעדיקער אָרגאַניזאַציע);

4) אַרויסגעבן מיזעסעס רעפעראַט אין אַ באַזונדער בראָשור;

5) אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם און אַ טעטיקייט־פּראָיעקט פאַר דער קומעדיקער קאָנפערענץ.

דאָס ביוראָ איז די עקזעקוטיווע פון דער קאָנפערענץ און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר. דאָס ביוראָ באַשטימט זײַנע פאַרטרעטער אין אַלע לענדער.

וועגן פינאַנצן טראָגט אַרײַן אַ פאָרשלאָג דוד טוביש, וואָס עס ווערט אויך אָנגענומען: 1) יעדער מיטגליד פון אַ הונדערטשאַפט (גרופּע) צאָלט 1 קראָן אָדער 50 קאָפּיקעס יערלעך; די פאַראײַנען און אינסטיטוציעס צאָלן אײַן יערלעך צו 5 רובל אָדער 12 קראָן מיט 50 העלער; 2) דאָס ביוראָ דאַרף דערוועקן די איניציאַטיווע צו פרײַוויליקע זאַמלונגען לטובת

דער אָרגאַניזאַציע; 3) דאָס ביוראָ דאַרף אויך אַרויסגעבן ביכער, וואָס געפי־נען זיך נישט אין קיין סתירה מיט די טענדענצן פון דער קאָנפערענץ; 4) די פאָרשטייער פון ביוראָ אין פאַרשיידענע לענדער באַקומען פון ביוראָ געוויסע סומעס אויף צו דעקן די הוצאות, מיט וועלכע די אַרבעט איז פאַרבונדן.

וועגן צוזאַמענשטעל פונעם ביוראָ ווערט באַשלאָסן: דאָס צענטראַל־ביוראָ געפינט זיך צייטווייליק אין טשערנאָוויץ און באַשטייט פון 3 אויסגע־קליבענע מיטגלידער, וואָס וווינען שטענדיק אין טשערנאָוויץ. אויסער דעם האָט אויך דאָס ביוראָ צוויי סעקרעטאַרן, וואָס באַקומען געהאַלט. דאָס ביוראָ מוז אַרבעטן צוזאַמען מיטן אויסגעקליבענעם צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער באַ־שטייט פון מיטגלידער אין אַלע לענדער. די פאַרטיילונג פון דער אַרבעט ווערט פעסטגעשטעלט דורכן ביוראָ. דאָס ביוראָ צוזאַמען מיטן צענטראַל־קאָ־מיטעט בילדן דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

איידער מען טרעט צו צו די וואַלן פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, ווערט אַרויפגעבראַכט די פראַגע וועגן י. ל. פ ר ץ, וועלכער האָט דאָך דערקלערט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן מסכּים מיט דער החלטה וועגן יידיש. עס ווערט געשטעלט דער אָנפרעג, צי מעג געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם בנוגע צו געוויסע פּערזענלעכקייטן. קעגן דעם טרעטן אַרויס אַ ש, נ אָ מ ב ע ר ג, ר י י ז ע ן, פ ר י ל ו צ ק י און אַנדערע, און דער פאָרשלאָג פאַלט דורך.

פ ר ץ גיט אָפּ אַ דערקלערונג, אַז בעצם איז ער מסכּים מיט דער קאָנ־פערענץ אין אירע טענדענצן צו מ אַ כ ן יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך און אויך מיט אַלע פונקציעס, וואָס מען גיט דער יידישער שפּראַך, נאָר ער האָט אַן אַנדער קוק אויף דער דעפיניציע פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך.

נ אָ מ ב ע ר ג טראָגט אַריין דעם פאָרשלאָג, אַז אָנערקענענדיק די פאַר־דינסטן פּרצעס פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור און ווייל ער וויל אַר־בעטן פאַר דער זאַך פון דער קאָנפערענץ און פון זיין דערקלערונג איז אויך צו זען, אַז ער איז בעצם מיט איר מסכּים, נאָר ער פאַרשטייט אַנדערש דאָס וואָרט „נאַציאָנאַל״, זאָל מען ספּעציעל פאַר אים מאַכן אַן אויסנאַם און אים אויפנעמען אַלס מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער פאָרשלאָג ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

עס ווערט געמאַכט אַ פאָרשלאָג: אויסצוקלייבן אין ביוראָ ד״ר נ. בירנ־בוימען און געבן אים דאָס רעכט צו קאָאָפּטירן די אַנדערע צוויי מיטגלידער. דער פאָרשלאָג פאַלט דורך.

עס קומען פאָר וואַלן. אין צענטראַל־ביוראָ ווערן אויסגעקליבן: אַלס פּרעזידענט ד״ר נ. ב י ר נ ב ו י ם — איינשטימיק; ווייטער דער סטודענט ד ו ד ט ו י ב י ש און ל. כ אַ ז אַ נ אָ ו ו י ט ש־כתריאל, אַלע אין טשערנאָ־וויץ. אַלס פאַרטרויונגס־מענער (מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט) ווערן אויסגעקליבן: י. ל. פ ר ץ און י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ן (וואַרשע), ד״ר ח י י ם ז ש י ט ל אָ ו ו ס ק י (ניו־יאָרק), ד״ר י. ס אָ ט ע ק (בראַילע), א. ו ו י ־ ט ע ר

(ווילנע), סטודענט זינגער (פרעזידענט פון דער „יידישער קולטור", ווין) און לעאָן וועקסלער (לעמבערג).

פאַרטרויונגס־מענער אין די איבעריקע פונקטן וועט באַשטימען דאָס ביוראָ נאָכדעם, ווי עס וועט אָנקניפּן באַציִונגען מיט די אָרטיקע טוער.

עס ווערט נאָך אַמאָל באַשלאָסן צו שיקן אַ דעפּעשע צו מענדעלע מוכר ספרים. אַ פאָרשלאָג פון בוקסענבוים, צו שיקן אַ טעלעגראַם אויך צו שלום־עליכמען, ווערט אָפּגעוואָרפן מיט דער מאָטיווירונג, אַז אויף דעם אופן וואָלט מען באַדאַרפט שיקן דעפּעשן צו אַלע יידישע שריפטשטעלער, בעת מענדעלע מוכר ספרים איז דאָך דער זיידע, דער נעסטאָר און מיט איין וואָרט—דער סימבאָל פון דער יידישער ליטעראַטור.

נאָכדעם ווי אַלע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום, זענען אויסגעשעפּט געוואָרן, האָט באַקומען דאָס וואָרט דער פרעזידענט פון צענטראַל־ביוראָ ד"ר נתן בירנבוים. ער האָט געמאַכט אַן איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון דער קאָנפערענץ און אירע וויַטערדיקע פערספעקטיוון. מיר האָבן, זאָגט דער רעדנער, אַ סך אויפגעטאָן אויך חוץ דעמאָנסטראַציעס, הגם אויך די דעמאָנסטראַציעס גופא זענען פאַר אונדז זייער וויכטיק. אונדזערע וויכוחים האָבן אמת צו לאַנג געדויערט, אָבער דאָס איז נישט אונדזער שולד. מיר דריקן אויס אַלע אָנשויונגען און ריכטונגען אין יידישן לעבן, וואָס האָט נאָך אַליין קיין ענטפער נישט געגעבן אויף די דאָזיקע פראַגעס. אונדזער פּאָלעמיק וועגן העברעיִש איז זייער וויכטיק שוין צוליב דעם, וואָס זי איז צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען אַזוי אָפן, און זי וועט, קאָן זיַין, אַ סך פון אונדז געבן די מעגלעכקייט פונאַנדערצוקלייַבן זיך אין דער פראַגע. צוליב דער ליבע צו דער שפּראַך און צום פאָלק האָבן מיר געזען אויף דער ערשטער קאָנפערענץ מענטשן מיט פאַרשיידענע אָנשויונגען, און עס פרייט אונדז זייער, וואָס מיר האָבן זיך געקענט פאַראייניקן און שאַפן אַ יסוד פאַר דער אַרבעט אין דער צוקונפט. לאָמיר זשע אויך וויַטער אַרבעטן פאַר דעם וווּיל פון אונדזער שפּראַך און פאָלקסקולטור.

בייַ שטאַרקע און לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן איז די ערשטע קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך 5 אַזייגער פאַרטאָג דערקלערט געוואָרן פאַר געשלאָסן.

„ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט״ נומ׳ 5:

בונעם ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך

אויפרוף[1]

די קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך האָט זיך געענדיקט, און איצט מוז זיך אָנהייבן די אַרבעט, וואָס די קאָנפערענץ האָט אונדז אָנגעוויזן.

מיר האָפן, אַז אַלע וואָס רעכענען זיך, גאָר אָן שום טענות און קונצן, צו אונדזער יידישן פאָלק, צו וועלכער פּאַרטיי און צו וועלכער [!] קלאַס זיי זאָלן נישט געהערן, וועלן פאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן פּאַרטייִשע זאַכן, נישט אום [!] אויף צו להכעיס דעם אָדער יענעם, נאָר וועגן דער לעבעדיקער נשמה פון אונדזער פאָלק.

מיר בעטן אַלע יידן אונדז צו העלפן אין אונדזער אַרבעט.

בפרט בעטן מיר אַלע קולטורעלע געזעלשאַפטן און איינריכטונגען, וועלכע אַרבעטן אין דער יידישער שפּראַך און אַנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק, ווי קונסט- און בילדונגס-פאַראיינע [!], שולן, פאַראיינע מיט סיסטעמאַטישער קולטורעלער טעטיקייט, טעאַטער-גרופּן, ביבליאָטעקן, שריפטשטעלער-גרופּן, אַקאַדעמישע פאַראיינע וועלכע מעלדן אין די אוניווערזיטעטן יידיש פאַר זייער מוטערשפּראַך אַאַז״וו, זיי זאָלן צושטיין צו אונדז און אונדז אַריינשיקן לכל-הפחות 5 קראָנען=5 מאַרק=6 פראַנק=2 רובל=5 שילינג=1 דאָלאַר, כדי זיי זאָלן באַקומען דאָס רעכט צו שיקן פאַרטרעטער צו דער צווייטער קאָנפערענץ.

מיר בעטן אויך, מען זאָל אונדז פאָרשלאָגן ערלעכע און געטרייַע פאַרטרויענסמענער אין די פאַרשידענע שטעט, וואָס זאָלן

1) אונדז קענען געבן גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם מעמד פון יידיש אין זייערע ערטער,

2) צוציען צו אונדז אַלע פאַראיינע און איינריכטונגען פון די אויבן דערמאָנטע אַרטן,

3) גרינדן אַזעלכע פאַראיינע און איינריכטונגען,

4) געווינען הונדערטשאַפטס-מיטגלידער, וועלכע צאָלן יערלעך 1 קראָנע=1 מאַרק=1.20 פראַנק=40 קאָפּיקעס=1 שילינג=20 סענט פאַר דער קאָנפערענץ, און וואָס זאָלן אונדז איבערהויפּט פאַרטרעטן בײַ זיך אינדערהיים אין אַלע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזערע צוועקן.

---

[1] אַחוץ דעם דאָזיקן אויפרוף איז באַקאַנט בלויז איין אַקט פון דעם ביוראָ: דאָס איז דער בריוו צום ציוניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט אין גאַליציע, אָפּגעדרוקט אין „ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט״ נומ׳ 5; ער איז איבערגעדרוקט אין דעם דאָזיקן בוך ז׳ 245—246.

יידן! קומט און אַרבעט מיט בײַ דער וויכטיקער אַרבעט, וואָס מוז איצט געטאָן ווערן, כדי דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל אויפגעטאָן מיט זײַן אַלטער קולטור, זאָל קענען בלײַבן בײַ אַן אייגענער גייסטיקער אַנטוויקלונג, נישט מוזן פאַרזינקען אין פעלקער־ים. קומט און העלפט מיט, וואָרן עס איז אויך וויכטיק פאַר אונדזערע [!] פּאָליטישע [!] און סאָציאַלע לאַגע צווישן די אַנדערע פעלקער!

טשערנאָוויץ, סעפּטעמבער 1908.

דוד טויבש, דערווײַליקער סעקרעטאַר

ד״ר נתן בירנבוים, פּרעזידענט

דער דערווײַליקער אַדרעס איז:

David Taubes, Czernowitz, Rathausstrasse 4.

די דיכטער=טורנע לטובת דעם ביוראָ

נאָך בעת דער קאָנפערענץ האָבן די דיכטער: פרץ, אַש, רייזען און נאָמבערג באַשלאָסן צו מאַכן אַ טורנע איבער גאַליציע און בוקאָווינע און די ריינע הכנסה צו באַשטימען פאַר די הוצאָות פון דעם ביוראָ פון דער קאָנפערענץ. נאָך דער קאָנפערענץ איז טאַקע די טורנע פאָרגעקומען. מיר ברענגען דאָ אַ באַשרייבונג פון די ליטעראַרישע אָוונטן לויט דעם באַריכט אין „ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט״ נומ׳ 4:

קאָלאָמיי. אין אונדזער שטאָט איז געווען דער אָוונט שבת, דעם 12טן פון דעם חודש סעפטעמבער אויף דער נאַכט אינעם שפּאָרקאַסע=זאַל. עס איז געווען אַ גרויס פּובליקום פון אַלע שיכטן פונעם יידישן פאָלק. ערעפנט האָט דעם אָוונט ה׳ ד״ר ראָזנהעק אינעם נאָמען פונעם לאָקאַל=קאָמיטע. דאַן האָבן די דיכטער: רייזען, פרץ, אַש און נאָמבערג פאָרגעלעזן... זייערע זאַכן. נאָך דעם אָוונט איז געווען אַ שיינער קאָמערס...

...זונטאָג נאָכמיטאָג האָט פרץ, פאָלגנדיק דער איינלאַדונג פון די פּ״ס, געלעזן ביי זיי איינע פון זיינע סאָציאַלע סקיצן. ה׳ ד״ר שאָר האָט געהאַלטן אַ דייטשע רעדע, אויף וועלכער פרץ האָט אים געגעבן אַ גוטע תשובה.

בוטשאָטש. דינסטאָג דעם 16טן ד״ח אַרום האַלב 9 אויף דער נאַכט איז אינעם טעאַטער=זאַל פאָרגעקומען דער גרויסער דיכטער=אָוונט. אַלס ערשטער איז אויפגעטרעטן, מיט גרויס התלהבות און ביפאַל, י. ל. פרץ. בישט מינדער ביפעליק איז אויפגענומען געוואָרן שלום אַש, וועלכער האָט געלעזן דעם ערשטן אַקט פון זיין דראַמע „שבתי צבי״ און אַ סקיצע נאָך אינעם מאַנוסקריפּט. נאָכדעם האָט נאָך פרץ געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער „די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור״ און אַש איבער „די יידישע שפּראַך=קאָנפערענץ״. נאָך די רעדעס איז געקומען צו אַן אויפגערעגטער סצענע, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן פון אַ פּאָר איבעראייפריקע אָנהענגער פון העברעיש.

דראָביטש. דער אָוונט אין אונדזער שטאָט איז גלענצנד אויס=

געפאַלן. אַרום האַלב 9 האָט אים ה׳ פּרץ ערעפנט מיט אַ פאָרטראַג איבער דעם צוועק פון דעם הײַנטיקן אָוונט. זײַן פאָרם־פאָלענדעטע, שײנע און זײער בײַפעליק אויפגענומענע רעדע האָט ער געענדיקט מיט די װערטער: „מיר האָבן צװאַר אונדזער אַלטע העברעיִשע קולטור־שפּראַך, װעלכע האָט פאַר זיך אפשר אַ צוקונפט; זי קען אָבער אוממעגלעך פון הײַנט אויף מאָרגן װערן אַ פאָלקס־שפּראַך. און דאָס פאָלק באַדאַרף שוין הײַנט אַן אײגענע שפּראַך, כדי נישט מיטגעריסן צו װערן פון דעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע. מיר מוזן זיך זאָרגן פאַר דעם הײַנט, אויב מיר װילן דערלעבן דעם מאָרגן". דאַן האָבן נאָך רײזען און נאָמבערג רעציטירט אײניקע געדיכטע, און פּרץ האָט פאָרגעלעזן זײַנע סקיצן. נאָך דעם אָװנט איז געװען אַ קאָמערס, בײַ װעלכן עס האָבן גערעדט ציוניסטן, פּועלי־ציוניסטן און סאָציאַליסטן.

„ד״ר בירנבױמס װאָכענבלאַט" נומ׳ 4:

...חוץ די שטעט זענען נאָך געװעזן אָװנטן — איבער װעלכע מיר האָבן לײדער נישט באַקומען ספּעציעלע ידיעות — אין סוטשאַװאַ, קימפּאָ־לונג און גוראַ־הומאָראַ (רײזען און נאָמבערג) אין בוקאָװינע, און אין סטאַניסלעװ[1], סטרי און סכאָדניצע אין גאַליציע. נאָך אײניקע אָװנטן װעלן פאָרקומען אין שטעט פון מערב־גאַליציע, אײדער די דיכטער װעלן פאַרלאָזן דאָס גאַליצישע טעריטאָריום מיט גרויס דאַנק און דאַנקבאַרקײט, מיט גרויסער ליבע און פאַרערונג געזעגנט פון דער גאַליצישער ײדישער באַפעל־קערונג...

אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" נומ׳ 184 געפינען מיר אַ גענױערע באַשרײַבונג פון ליטעראַרישן אָװנט אין קאָלאָמײ:

[קאָלאָמײ] ...אויך מיר קאָלאָמײער האָבן די זכיה געהאַט די פיר ײדישע שרײַבערס פּרץ, שלום אַש, אַברהם רײזען און נאָמבערג צו באַגריסן. שבת צונאַכטס אַם 12טן ד״מ האָבן די היגע ציוניסטן פאַראַנשטאַלטעט אַ ליטע־ראַרישן אָװנט, אויף װעלכן עס האָבן די אויבנדערמאָנטע ײדישע קינסטלער זײערע זאַכן פאָרגעלעזן. די קאָלאָמײער אינטעליגענץ האָב איך דאָרט מיט ליכט געזוכט און קײנעם נישט געפונען, דער איבעריקער עולם האָט געזאָגט: מיר האָבן געמײנט, אַז מען װעט עפּעס שפּילן אָדער זינגען, און דאָ האָט

---

1 װעגן דער נסיעה קײן סטאַניסלאַװ דערצײלט מתתיהו מיזעס אין די „ליטעראַרישע בלעטער" 1925, נומ׳ 49—50:

„... פּרץ איז מיט נאָך צװײ אַנדערע שריפטשטעלער אַריבערגעפאָרן קײן סטאַניסלאַװ און דאָרטן איך אַ גרויסער פאַרזאַמלונג װעגן ײדיש גערעדט. דאָס האָט זײער געערגערט די העברעיִסטן. אויפן צװײטן טאָג 6 אַזײגער אינדערפרי װאַרט אַ היציקער „העברעיִסטישער קנאַי" אין דעם באַנהיף פון סטאַניסלאַװ און שרײַט צו פּרצן: „פּפוי, פּרץ!". דערויף ענטפערט פּרץ מיט זײַן אײנ־לעכער איבערלעגנקײט: „צו דעם, יונגערמאַן, האָט איר נישט באַדאַרפט צײַט הרי אויפשטײן"

מען עפּעס געלעזן וואָס מיר פאַרשטייען גאָר נישט. אָט אַזוי איז שוין אונדזער עולם. שפּעטער איז געווען אַ קאָמערס. טאָאַסטע מיט דרשות האָט נישט געמאַנגלט. קורץ, דעם עולם איז דער קאָמערס בעסער געפעלן ווי דער אָוונט. אונדזערע פּפּ"ס האָבן זיך אויך געקהלט, און די טאָאַסטן האָבן זיך געשטאַלטן צו עפּנטלעכע פּאָליטישע רעדן... סוף כל סוף האָט מען אַ ביסל אָנגעהויבן צו זינגען. און אַזוי ווי די ציוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו זינגען „עוד לא אָבדה", האָט זיך שלום אַש שטאַרק אויפגערעגט און האָט די זעלבע וואָס האָבן אים איינגעלאַדעט קיין קאָלאָמיי געזאָגט מיט אַ געבייזער: „איר זענט אומפאַרשעמט", וועלכעס האָט זייער אַ שלעכטן איינדרוק געמאַכט.

און אַזוי ווי אַ פרייַלן האָט געהאַט אַן אַנזיכטס-קאַרטע, אויף וועלכע עס זענען געווען אונדזערע פיר יידישע אַבגעאָרדנטע אונטערגעשריבן, איז זי מיט דער אַנזיכטס-קאַרטע צו פּרצן געגאַנגען, ער זאָל אויך אונטערשרייַבן. האָט ר' יצחק ליב פּרץ אַוודאי נישט געוואָלט און האָט געענטפערט, אַז מיט די מענטשן האָט ער קיין שום שייַכות נישט און וויל אויך נישט אויף איין קאַרטע זייַן אונטערגעשריבן מיט זיי.

צי ווייסט איר, ליבער מייַסטער, אַז די פיר יידישע אַבגעאָרדנטע זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן פון דער העכסטער טריבונע אַראָפּגעשריגן: מיר יידן ווילן אַ יידישע שפּראַך, מיר ווילן די אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך—און האָבן דערמאָנט אייַער נאָמען אויף דער פּאַרלאַמענטס-טריבונע פאַר גאַנץ אייראָפּע?

אונדזערע „פּוילישע ברידער"[1] האָבן דעם 13טן אויך אַ ליטעראַרישן אָוונט געמאַכט און האָבן די יידישע קינסטלער איינגעלאַדן אין זאַל „ליבליך". דאָ האָט אונדזער גוטער באַקאַנטער ד"ר שור [=שאָר] דעם אָוונט דייַטש ערעפנט. דאָס איז די יידישע שרייַבערס נישט געפעלן און האָבן נישט געוואָלט לעזן, נאָר פּרץ האָט שוין צוליב געטאָן און האָט עפּעס אַ נאָוועלע פאָרגעלעזן און מער האָט ער נישט געוואָלט. שלום אַש האָט געזאָגט, [אַז] ביי אַזאַ אָוונט וואָס איז דייַטש ערעפנט געוועזן און פון ד"ר שור וואָס איז באַקאַנט אַז ער באַשמוצט און זידלט דאָס יידנטום, וואָס האַלט זיך נישט פאַר קיין ייד, וויל ער אויף דעם אָוונט נישט מיטווירקן. און אָט אַזוי האָט דער אָוונט אויסגעזען...

אין „טאָגבלאַט" נומ' 185 געפינען מיר וועגן דיכטער-אָוונט אין בוטשאַטש:

[בוטשאַטש] דינסטאָג דעם 15טן סעפּטעמבער איז געווען אין בוטשאַטש אַ ליטעראַרישער אָוונט, אין וועלכן עס האָבן טיילגענומען די דיכטער פּרץ און אַש. ביים קאָמערס איז פאָרגעקומען אַ פאַקט, וועלכער ווערט אונדז פון

---

1 די פּפּ"ס.—רעד' ייוואָ.

פילע זײַטן באַשטעטיקט און וואַרפט אַ שיף ליכט אויף פערזענלעכקייטן, וועלכע נוצן זייער פּאָפּולאַריטעט דאָצו אויס, ערנסטע און אַנערקענטע שריפט־שטעלער אויף אַ מיאוס און אומגערעכט אופן צו קריטיזירן. אַזוי האָט ה׳ י. ל. פּרץ אין אַ שמועס מיט מענטשן, וואָס קענען נישט די העברעיִשע ליטעראַ־טור, באַצייכנט אַחד־העמען אַלס אַ מענטש, וואָס איז „אַ גאָרנישט״, מיט אַ גרויסן אומכבוד גערעדט וועגן ברײַנין און ד״ר קלויזנער.

די באַמערקונגען האָבן אַרויסגערופן זייער אומאָנגענעמע צווישנפעלע... מיר ווערן געבעטן פאָלגנדע ערקלערונג צו פאַרעפנטלעכן:

געערטע רעדאַקציע!

דינסטאָג דעם 16טן סעפּטעמבער האָט אַ קאָמיטע בײַ אונדז אין שטעטל אין נאָמען פון די ציוניסטישע פאַראיינע פאַראַנשטאַלטעט אַ ליטעראַרישן אָוונט אונטער מיטווירקונג פון י. ל. פּרץ און שלום אַש. דער אָוונט האָט געהאַט אומאָנגענעמע פאָלגן, און ווײַל דער אָוונט איז אָן דעם ווילן פון אויסשוס פאַראַנשטאַלטעט געוואָרן, ערקלערן מיר דאָ, אַז דער אויסשוס פון דעם פאַראיין „ציון״ האָט נישט קיין שום שײַכות מיט די פאַראַנשטאַלטער פון דעם אָוונט; נאָך מער, ער דריקט אויס זײַן באַדויערן דעם קאָמיטע, וועל־כעס האָט מיסברויכט דעם נאָמען פון דעם פאַראיין „ציון״. גלײַכצײַטיק לייגן אַלע אויסשוס־מיטגלידער אָפּ זייערע מאַנדאַטן אין די הענט פון די פאַראיינס־מיטגלידער.

שמואל י. קנאָבלער
סעקרעטאַר

בצלאל הערזאָס
פּרעזידענט

צוגאָבן צום קאָנפערענץ־באַריכט

מתתיהו מיזעסעס באַריכטיקונג

„טאָגבלאַט" נומ' 175, לעמבערג, סעפטעמבער 10:

זייער געערטער הער רעדאַקטער!

געשטיצט אויף אייער לאָיאַליטעט, בעט איך אײַך, אין נאָמען פון דעם אמת, אין אײַער געשעצט בלאַט פאָלגנדע שורות צו פובליצירן:

אין די נומער 170 פונעם 3 ל"מ איז נישט גענוי דער באַריכט איבער מײַן רעפעראַט, וואָס איך האָב געהאַלטן אויף די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. ס'איז נישט ריכטיק, אַז איך האָב געזאָגט, אַז אין העברעיִשן דאַרף מען שרײַבן בלויז שאלות תשובות, אָדער אין בעסטן פאַל נאָך פּיוטים. אַזאַ אײַסערונג וועט [וואָלט] ווידערשפּרעכן צו מײַנע ווײַטערע אויספירונגען דאָרט, ס'וועט [וואָלט] איבערהויפּט אין אַ געגנזאַץ געשטאַנען צו מײַנע גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט ביז הײַנט.

איך האָב באמת גענומען אַ גאַנץ אַנדערע שטעלונג ווי די וואָס איז אין אײַער בלאַט מיטגעטיילט. איך האָב נעמלעך באַהויפּטעט, „אַז דאָס העברעיִשע איז אַ שפּראַך וואָס לעבט זײַט טויזנדע יאָרן נאָר אין ספרים, און אַזוי זאָל עס ווײַטער בלײַבן אַ ספרים־לשון". „דאָס העברעיִשע זאָל בלײַבן די שפּראַך פון די פאָרשונג, שפּעציעל פון די יידישע וויסנשאַפט, פון די יודאַיִסטן". „בעלעטריסטיק איז נישט נייטיק, מען האָט אין לה"ק קיינמאָל נישט געפלעגט קיין שיינע ליטעראַטור, אַ חוץ אַ ביסל לירישע און רעליגיעזע פּאָעזיע, און אַזוי זאָל עס אויך ווײַטער בלײַבן. געלונגענע העברעיִשע ערציילונגען, וואָס זענען דאָ זייער ווייניק, זענען ווי לעבעדיק אויס די יידישע שפּראַך אַרויסגענומען. פילן טיף און שטאַרק קען מען בלויז אין דעם לשון וואָס מען רעדט אין אים פון קינדווײַז אָן, וואָס מען האָט זיך אין זײַן גייסט אַרײַנגעוואַקסן, אַרײַן געפּעכעט, וואָס מען האָט זיך אין זײַנע פאַרבאָרגענע זעלישע געהיימניסע אַרײַנגעפילט, אַרײַנגעבענקט, „אַרײַנגעלעבט", און דאָס לה"ק פון די מאָדערנע בעלעטריסטיק איז „אַן עקזאָטישע בלומע וואָס מען האָדעוועט אין אַן אָראַנזשעריע". „מעגן אין דעם לה"ק אַלע ווערטער ווײַטער

עקסיסטירן—דער יסוד פון די נשמה, דער פסיכישער הינטערגרונט פעלט. די שפּראַך איז געוואָרן אַ קונסטשפּראַך, אַ מומיע וואָס מעג אויסזעהן ווי אַ לעבעדיקער מיט אַלע אבֿרים, נאָר דאָס האַרץ שלאָגט שוין נישט מער". דאַדורך האָב איך אויך געזאָגט, אַז „מיט די בעלעטריסטישע פאַרזוכע וועט מען באַלד מיד ווערן. מען וועט סוף כּל סוף מערקן, ניכטערן ווערן פון די אייגנאַרטיקע ראָמאַנטיק און דערזעהן, אַז אַ לשון וואָס קלינגט נישט אויף די גאַס איז נישט עלאַסטיש גענוג, אַז עס זאָל קענען ווידערשפּיגלען די גאַס, עס איז נישט פיין און פּרעציז גענוג, אַז עס זאָל קענען ווידערגעבן די געפילע וואָס שטורמען און ברויזן אים האַרץ, עס איז צו שטייף און טרוקן, עס זאָל קענען צייכנען, ווי אַ פּינזל פון אַ מייסטער, די שטילי־טשקע וויבראַציאָנען, די קליינע ניואַנסן אין זעלן־לעבן".

קלאָר און דייטלעך האָב איך דאָס געזאָגט, וואָס אַ סך טראָגן עס אין האַרץ, וואָס פילע זעהען זיך דאַריבער מצער אין שטילן, אינערן שמערץ. יסורים פון די נשמה, גרויס איבערווינדונג האָט עס מיך געקאָסטעט. ענדלעך טאָר מען נישט לאָזן הערשן קיין בלאָנד, זעלבסטבאַטרוג שאַט. ווער ס'זעט דעם אמת און רייסט נישט דעם שלייער אַראָפּ פון דעם שקר, דער באַגייט אַ גרויסן חטא קעגן די היסטאָריע, קעגן זיין פאָלק, קעגן די צוקונפט. „דאָס לה"ק אייגנט זיך נישט פאַר די ליטעראַטור פון דעם לעבן", מיט דעם האָב איך נאָך נישט געזאָגט, אַז לה"ק קערט צום בית־עלמין. איך האָב בפירוש באַטאָנט: „ביי אונדז זאָל דאָס לה"ק אַ גרעסערע ראָלע שפּילן ווי נאָר דאָס לשון פון די סינאַגאָגע און די אמונה". אונדז זע מיר אין מיטלאַלטער למשל אין איטאַליען, אַז נעבן אַ דאַנטע, אַ פּעטראַרקאַ, אַ טאַסאָ האָט זיך געקאָנט אויך אין דעם אַלטן לאַטייניש אַ בליענדע רענעסאַנס־ליטעראַטור אַנטוויקלען. ביי אונדז זאָל דאָס לה"ק, „אַחוץ רבנישע תשובות און דרשות, אויך וויסנשאַפט און טראַדיציאָנעלע פּאָעזיע באַטרייבן, דאַביי צ"ב פּובליציסטיק, פּאָליטישע צייטשריפטן קענען נישט שאַדן". דער מוח קען זיך גוט אויסדריקן אפילו אין אַ לשון, וואָס דער דפק שלאָגט אין אים נישט באַזונדערס. „ביי אונדז וועט דאָס לה"ק קענען זיין דאָס ערנסטע לשון פון אַ געוויסע באַלעבאַטים־שיכטע. ס'וועט נאָך דאַצו אַ מיסיאָן ערפילן פון גרויס וויכטיקייט, אונדז צוזאַמענצוהאַלטן מיט אונדזערע צעבראָכענע ברידער פונעם אָריענט, וואָס זענען פון אונדז שפּראַכלעך און טעריטאָריאַל געטרענט". ס'דאַכט זיך מיר, אַז די דאָזיקע ציטאַטעס זענען שוין גענוג.

אינדעם איך דאַנק אייך, הער רעדאַקטער, שוין אין פאָרויס פאַר די פאַרעפנטלעכונג פון די דאָזיקע באַריכטיקונג, צייכנע איך מיט גרויס כּבוד
מתתיהו מיזיש (מיעזעס).

פּשעמישל, אַם 6 סעפּטעמבער 1908.

אסתרס דערקלערונגען

ד״ר „בירנבוימס וואָכענבלאַט״, נומ׳ 3, סעפּט׳ 18:

ווערטער הער רעדאַקטער!

דער באַריכט וועגן דער שפּראַכקאָנפערענץ, וועלכער איז געגעבן געוואָרן אין די נומערן 1 און 2 פון אײַער „וואָכענבלאַט״, גיט איבער אייניקע בעשליסע ניט גענוי און מיט אייניקע מער אָדער ווייניקער וויכטיקע אָפּווײַכונגען. ס׳געפינען זיך דאָרט אויך אייניקע באַהויפּטונגען, וועלכע זענען פאַר מיר פּערזענלעך באַליידיגנד; אָבער וועגן דעם שפּעטער.

אַלס איינע פון די סעקרעטערע פון דער קאָנפערענץ און אויך אַלס אַנטראַג־שטעלערין, וועלכע האָט דעם אַזוי גענאַנטן „מינימאַל־פּראָיעקט״ מיט איר האַנט געשריבן, געפין איך מיך באַרעכטיקט צו בעטן אײַך, הער רעדאַקטער, צו דרוקן פאָלגנדע ערקלערונג.

דער פּונקט וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳ווערט צוזאַמענגעזעצט די קאָנפערענץ, איז אין אַלגעמיינער פאָרם אָנגענומען, לויט מיינע אַנגאַבן און לויט די אַנגאַבן וועלכע דער שריפטפירער־סטענאָגראַף האָט מיר געגעבן, מיט אַ מערהייט פון 27 שטימען בײַ 6 אַנטהאַלטענע. קיינע רעזאָלוציעס, וועלכע זאָלן דיזן פּונקט אומוואַרפן, ווי עס זאָגט הער אַ. ק. אין נ״ר 1, זענען אין דער נאַכטזיצונג ניט אָנגענומען געוואָרן. אָט איז דיזער פּונקט:

„אין דער צווייטער קאָנפערענץ באַטייליקן זיך פאַרטרעטער פון קולטורעלע געזעלשאַפטן און אײַנריכטונגען, וועלכע אַרבעטן אין דער יידישער שפּראַך און אָנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק: קונסט־ און בילדונגס־פאַראיינען, לערער־פאַראיינען, שולן, פאַראיינען מיט סיסטעמאַטישער קולטורעלער טעטיקייט, טעאַטער־טרופּן, ביבליאָטעקן, שריפטשטעלער־גרופּן אאַז״וו״.

אין דער ספּעציאַל־דעבאַטע זענען צוגעגעבן געוואָרן: 1) פאַראיינען וועלכע ווערן געגרינדעט מיטן ספּעציעלן צוועק מיטצוהעלפן די צילן פון דער קאָנפערענץ, 2) אַקאַדעמישע פאַראיינען, וועלכע מעלדן אין די אוניווערזיטעטן יידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך, 3) הונדערטשאַפטן פון מיטגלידער, וועלכע צאָלן יעדער אַ יערלעכן בײַטראַג פאַר דער קאָנפערענץ.

מיט באַראַטנדער שטימע ווערן צוגעלאָזן: 1) פאַרטרעטער פון צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון פּאָליטישע פּאַרטייען און לייטנדע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָנערקענען יידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און קעמפן פאַר איר פּאָליטישער, קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג; 2) שפּראַך־קענער.

ס׳איז אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אָנשטאָט די ווערטער: „וועלכע אָנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק״, צו

שטעלן אין ערשטן אָפּזאָץ: „וועלכע שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון דער גרונד־רעזאָלוציע", אָדער: „פונעם ערשטן פּונקט פון דער גרונד־רעזאָלוציע". דיזער פאָרשלאָג איז פאַרוואָרפען געוואָרען מיט אַ מערהייט פון 19 קעגן 16 שטימען. דאָס איז אַן אָנגאַבע פון סטענאָגראַפישן באַריכט. פאָרגעקומען איז דאָס אין דער נאָכמיטאָג־זיצונג, בשעת אָפּשטימען איבער דעם פּונקט וועגן צוזאַמענשטעלן די קאָנפערענץ.

דער הער אַ. ק. האָט אַלזאָ אַ פאַקטיש פאַרוואָרפענע פאָרמולירונג אין זײַן באַריכט אַרײַנגעשטעלט. נאָך מער: דער פאַרוואָרפענער פאָרשלאָג האָט גערעדט וועגן איין גרונד־רעזאָלוציע; הער אַ. ק. רעדט וועגן החלטות.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מיט דער אָפּשטימונג האָט קיינער נישט געמיינט די פריער אָנגענומענע רעזאָלוציעס און אָנמערקונגען מבטל צו זײַן. מ'האָט נאָר געמיינט, אַז בנוגע צום אָנטייל אין דער קינפטיקער קאָנפערענץ דאַרף נאָר די באַציִונג צו יידיש פאָרמולירט ווערן.

*

איצט מײַן פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייט.

דער זעלבער אַ. ק. שרײַבט אין נ"ר 2, אַז איך און אַנדערע האָבן, „אויסנוצנדיק די געלעגנהייט פון נאָכמיטאָג, ווען אויפן זאַל איז געווען נאָר אַ קליינע צאָל טיילנעמער און דאָס רוב „זייערע" (ד"ה „אונדזערע" — א—ר), אומגעוואָרפן דעם פריערדיקן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ" אאַז"וו. דאָס איז פאַלש. די צאָל מיטגלידער איז געווען אומגעפער די זעלבע וואָס דינסטאָג און מיטוואָך. דינסטאָג בײַ דער נאָמענס־אָפּשטימונג וועגן פּרצעס סטאַטוט זענען געווען 27 פאַר, 7 קעגן און 2 נייטראַל — ד"ה 36; מיטוואָך, בײַ דער אָפּשטימונג וועגן דער באַציִונג צו יידיש, האָבן געשטימט 28 קעגן, 4 פאַר, 4 נייטראַלע — ד"ה 36; דאָנערשטאָג, ווען ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער מינימאַל־פּראָיעקט, האָבן געשטימט פאַר זײַן ערשטן פּונקט (צוזאַמענשטעלונג פון דער קאָנפערענץ) 27 פאַר, 6 אַנטהאַלטענע (33); אין אַ פריערדיקער אָפּשטימונג (ענדערונג פונעם ערשטן אָפּזאַץ פון דיזן פּונקט) האָבן זיך אַפילו באַטייליקט 35 מענטשן (19 קעגן 16).

ס'זענען אפשר צווישן דער מאָרגן־זיצונג און פאַרמיטאָג־זיצונג אַוועקגעפאָרן אַ פאָר מענטשן — אָבער קיינער פון די אַנטראַג־שטעלער פונעם מינימום־פּראָיעקט האָט וועגן דעם געוווסט און האָט אויף דעם ניט גערעכנט.

איך קען נאָר צוגעבן, אַז דיזער פּראָיעקט איז אין יענעם מאָמענט אַרײַנגעטראָגן געוואָרן ניט נאָר דורך „בונדיסטן און פּוע"צ", נאָר אויך דורך דעם פאָרזיצנדן זשיטלאָווסקי, און די אומרעכטיקע באַשולדיקונג פונעם הערן אַ. ק. פאַלט אַלזאָ אויך אויף זשיטלאָווסקין.

מיט אַכטונג

אסתּר.

ל. כאַזאַנאָוויטשעס הכחשה

זייער געערטע רעדאַקציע!

אין דער ערשטער נומער פון אײַער געשעצטער בלאַט ווערט באַהויפּטעט, אַז די בונדיסטיש-פּועלי-ציוניסטישע קאָאַליציע — אָנגעפירט פון אסתר און מיר — האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס אינעם לעצטן נאָכמיטאָג פון דער קאָנפערענץ זענען שוין געווען אַ סך טיילנעמער פאַררייזט, כּדי דורכצוזעצן איר ווילן. איך קאָנסטאַטיר, אַז די „קאָאַליציע", וועלכע איז אײַבעריקנס געווען בונדיסטיש-פּועלי-ציוניסטיש-סיימיסטיש (אויך ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אונטערשטיצט דעם מינימאַל-אייניקונגס-פּראָגראַם) האָט וועגן אויסנוצן די געלעגנהייט ניט געדאַכט, עס איז נישט אונדזער שולד וואָס דעם לעצטן טאָג זענען געווען ווייניקער טיילנעמער! מיר זענען אויך נישט שולדיק אין דעם, וואָס דאָס סטאַטוט איז ערלײדיקט געוואָרן דעם לעצטן טאָג.

כתריאל.

י. ל. פּרצעס דעקלאַראַציע

„סאָציאַלדעמאָקראַט", קראָקע, נומ׳ 40, אָקטאָבער 2:

י. ל. פּרץ וועגן דער יידישער שפּראַך

אין די באַריכטן פון דער יידישער שפּראַכקאָנפערענץ, וועלכע דאָס „טאָגבלאַט" האָט בכוונה פאַרדרייט, איז די שטעלונג פון י. ל. פּרץ צו דער פראַגע יידיש אָדער העברעיִש נישט געווען קלאָר. דאָס האָט אונדז באַוויגן בײַ אַ געלעגנהייט צו אינטערפּעלירן פּערזענלעך אונדזער גרויסן דיכטער אין דער פראַגע. און הער פּרץ, כּדי צו פאַרבייגן מיספאַרשטענדניסע, האָט אונדז די אַנטוואָרט געגעבן שריפטלעך. די אַנטוואָרט לויטעט:

„יידיש איז נישט קיין דײַטש; יידן קענען נישט קיין דײַטש און דײַטשן קענען נישט קיין יידיש. דאָס וואָס יידיש איז אַמאָל אַ דײַטש געווען, מאַכט מיר נישט אויס; אַבי עס איז קיין דײַטש נישט געבליבן. ווען פון „טײַטש" איז געוואָרן דײַטש, האָט „וואָס טײַטש" באַקומען די באַדײַטונג: ווי אַזוי איז עס דײַטשלעכער? וואָס פאַר אַ זין האָט עס? נישט: ווי אַזוי איז עס אויף דײַטש. עס איז געוואָרן „יידיש", ווײַל עס איז די אומגאַנג-שפּראַך פון 90 פּראָצענט פון יידישן פאָלק. דאָס פאָלק ווייסט פון „זשאַרגאָן" נישט.

קיין נאַציאָנאַל-שפּראַך איז עס דאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. נאַציאָנאַל איז די שפּראַך וואָס ווערט געבוירן און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיטן פאָלק און האָט אין זיך דעם אוצר פון זײַן גאַנצער קולטור אין אַלע ערטער און אין אַלע צײַטן. אַברהם יצחק ויעקב, די נביאים, די שפּעטערע קלאַסיקער קענען

קיין יידיש נישט. די היינטיקע אינטעליגענץ מוז אָנקומען צו אַלערליי לאַנדעס־שפראַכן, די יידישע צו העברעיִש.

פאַקטיש לעבן מיר זיך אויס אין דרייערליי שפראַכן: דאָס פאָלק — אין יידיש, די האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ — אין די לאַנדס־שפראַכן און די יידישע אינטעליגענץ אין דער געוועזענער נאַציאָנאַלשפראַך פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

אַ נאַציאָן מוז אָבער האָבן אַ נאַציאָנאַלשפראַך, און איינע, נישט צוויי און דריי.

וועלכע שפראַכע דאַרף זיין אונדזער נאַציאָנאַל־שפראַכע אין דער צוקונפט? די לאַנדעס־שפראַכן קענען אונדזערע נאַציאָנאַלשפראַכן נישט זיין. זיי זענען פאַר אונדז אַנטי־נאַציאָנאַל. נעמען מיר אָן די לאַנדעסשפראַכן, שרייבן מיר זיך אונטער אַן אורטייל צום טויט דורך רעדערן.

זאָל אונדזער צוקונפט־שפראַכע זיין העברעיִש?

מעכאַניש אויפלעבן אַ שפראַכע קען מען נישט; אין טויטע שפראַכן פאַר לעבעדיקע פעלקער גלייב איך נישט; אין וויג אַריין צוריק קומען קען מען נישט. בלייבט מיר יידיש. אָן דער לאַנדעס־שפראַכע בלייבט אונדז ווייניק קולטור, אָן העברעיִש האָט דאָס פאָלק קיין פאַרגאַנגענהייט, אָן יידיש האָבן מיר קיין פאָלק נישט...

פון דער פאָלקס־שפראַך מוז דעריבער אַ נאַציאָנאַל־שפראַכע ווערן. עס דאַרפן אין איר באַשאַפן ווערן אַזוי פיל קולטורגיטער, דער יידישער קולטורמענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן אויף יידיש; און עס מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אַלע קולטורגיטער פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, זי זאָל ווערן די שפראַך פון דער גאַנצער קולטור פון דער יידישער נאַציאָן איבעראַל און — אין אַלע צייטן. דער וועג צו דער פרייער, איינהייטלעכער, צווישן־לענדערישער יידישער נאַציאָן איז — פון פאָלקס־ צו נאַציאָנאַל־שפראַך; אַלע אַנדערע לעבעדיקע שפראַכן וועלן זיין פאַר אונדז שכנישע און פרעמדע שפראַכן, די העברעיִשע — אונדזער פיעטעטספולע פאַרגאַנגענהייטס־שפראַך, אונדזער „לשון־הקודש". אַ לאַנגער, שווערער וועג, אָבער דער איינציק מעגלעכער.

קראַקוי, דעם 22 סעפטעמבער.

י. ל. פרץ.

נ. פּרילוצקיס ניט-געהאַלטענער רעפעראַט

אין „טאָגבלאַט“, לעמבערג, נומ׳ 179—181, סעפּטעמבער 16—18, איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל: „די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידישע שריפטשטעלער אין רוסלאַנד“ פון נ ח פּ ר י ל ו צ ק י מיט אַזאַ צושריפט: „אַ קורצער אויסצוג פון דעם רעפעראַט, וועלכער איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, נאָר איז צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע רעפעראַטן, וואָס זענען געווען אויף דעם סדר-היום, אָפּגעלייגט געוואָרן צוליבן מאַנגל אין צייט“. — מיר דרוקן איבער דעם אַרטיקל מיט עטלעכע קירצונגען.

I

אַז די יידישע ליטעראַטור איז ניט אימשטאַנד צו געבן פרנסה אירע כהנים און לוויִם, אַז דער יידישער שרייבער וואָס לעבט בלויז פון דער פעדער שטייט אויף איינער פון די סאַמע נידעריקסטע שטאַפּלען פון סאָציאַל-עקאָנאָמישן לייטער, — דאָס איז שוין אַן אַלטער אמת, וועלכן ס׳איז גאָר איבעריק געַנויער צו באַווייַזן. דער טיפּ פונעם יידישן מחבר, וואָס איז חוזר על הפּתחים מיט זייַן חיבור אונטער דער פּאָלע פון דער אָרעמער קאַפּאָטע, באַראַקטעריזירט אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער נייַער ליטעראַטור. און ווי לאַנג איז, אַז ער איז אויסגעשטאָרבן? מייַן פאָטער האָט מיר דערציילט, ווי צו מייַן זיידן איז אַמאָל געקומען דער אַלטער גאָטלאָבער, וואָס האָט אַרומגערייזט איבערן גאַנצן יידישן תּחום, קלייַבנדיק אַבאָנענטן אויף זייַן „בוקר אור“. אָבער איך אַליין האָב נאָך די זכיה צו געדענקען, ווי מיט 17 יאָר צוריק איז אין מייַן געבורטסשטאָט געקומען מ. ספּעקטאָר, צונויפנעמענדיק בייַ די „קוראים נכבדים“ אַדרויפן אויפן „הויזפרייַנד“...

שוין די ערשטע אונדזערע שריפטשטעלער וואָס האָבן געוואָלט לעבן באָר פון דער פּען און האָבן אַלע קרעפטן פון זייער נשמה אַוועקגעגעבן דער ליטעראַטור זענען געפאַלן אַ קרבן פון דעם דרייסטן באַשלוס. פּרץ סמאָלענסקין און יהודה-לייב גאָרדאָן האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין דחקות און נויט, און דער ביטערער קאַמף פאַר דאָס שטיקל טרוקן ברויט האָט זיי פאַר דער צייַט פונעם לעבן אויסגעשטראָכן. פון דעמאָלט אָן איז אונדזער ליטעראַטור און פּרעסע באַדייַטנדיק אויסגעוואַקסן, און דאָך איז אין רוסלאַנד די צאָל ליטעראַטן, וואָס האָבן פרנסה פון שרייַבן, זייער קליין. דאָס זענען אויסשליסלעך זשורנאַליסטן, ד״ה מיטאַרבעטער פון טעגלעכע צייַטונגען. אָבער אויך זייער מאַטעריעלע לאַגע איז נישטאָ וואָס מקנא צו זייַן. דער יידישער זשורנאַליסט מוז אַרבעטן איבער די כוחות, די שווערע אַרבעט טריקנט אים אויס דעם מאַרך פון די ביינער, און קריגן קריגט ער פאַר דעם אַלעם — גראָשנס. דער פאַרדינסט קלעקט קוים אויף ברויט. און דערבייַ קאָן דער יידישער זשורנאַליסט אין רוסלאַנד יעדע מינוט פאַרלירן די אַרבעט, און דעמאָלט קומט אים אויס כאָטש צו גיין בעטלען. געדענקען מיר דאָך אַלע די

צווי שרעקלעכע פאַלן, וואָס האָבן זיך געטראָפן בײַ אונדז אין משך פון לעצטן יאָר. ווען מיכאל וועבער, וואָס האָט 25 יאָר דורכאַנאַנד געאַרבעט אין יידישע רעדאַקציעס (פריער אין „הצפירה" און דערנאָך אין „היום") איז געפערלעך קראַנק געוואָרן, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו ראַטעווען און איז געשטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, איבערלאָזנדיק אַ ווײַב מיט קינדער ווי אויפן וואַסער. נאָך גרויזאַמער איז געווען דער טויט פונעם יונגן נאָוועליסט בערשאַדסקי, וועלכער האָט עטלעכע יאָר רעדאַגירט דעם ווילנער „הזמן". נאָכדעם ווי ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער דאָזיקער צײַטונג האָט ער מער ווי אַ יאָר פשוט געהונגערט, ניט קאָנענדיק געפינען קיין שום באַשעפטיקונג. צו בעטלען איז ער געווען צו שטאָלץ און איז ממש אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט: דאָס כראָנישע הונגערן האָט אים אַזוי אויסגעצערט, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן אין גאַלאָפ-שווינדזוכט, וואָס האָט אין איין מאָנאַט אויסגעלאָשן זײַן יונג, שיין לעבן...

דאָס רוב יידישע שריפטשטעלער אין רוסלאַנד שעפן זייער חיונה פון פאַרשיידענע קוועלן וואָס האָבן קיין שום שײַכות ניט צו ליטעראַטור. מענדעלע מוכר ספרים איז פון כמה שנים אויפזעער פון אַדעסער תלמוד-תורה, דינעזאָן קלײַבט אַנאָנסן פאַר צײַטונגען, י. ל. פרץ איז באַאַמטער אין וואַרשעווער יידישער געמיינדע, פרוג האָט ביז דער לעצטער צײַט געשריבן הומאָריסטישע פעליעטאָנען פאַר דער פעטערסבורגער בולוואַרפרעסע; אַחד-העם און זלמן עפשטיין זענען משרתים בײַ וויסאָצקין, ראַווניצקי און לעווינסקי — סוחרים, ביאַליק פירט אַ דרוקערײַ; יהודה שטיינבערג האָט ס'גאַנצע לעבן געקנעלט אין פאַרוואָרפענע בעסאַראַבער שטעטלעך, און ווען ער האָט געפרווט אַראָפוואַרפן פון זיך דאָס מלמדות און איז אַריבערגעפאָרן אין אַ גרעסערן קולטורעלן צענטער — קיין אַדעס — אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אַזאַ לאַגע מוז זייער טרויעריק ווירקן אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור, סײַ העברעיִשער, סײַ יידישער. גיט ער זיי אַוועק אויף איין זאַך, בלײַבט ניט אויף דער אַנדערער. טראַכטנדיק איבער אונדזער ליטעראַטור, שטעל איך מיר פאָר, אַז ווען די שריפטשטעלער אונדזערע זאָלן זײַן רײַכע לײַט, אָדער ווען די ליטעראַטור וואָלט זיי קאָנען געבן פרנסה, וואָלטן זיי געווען אימשטאַנד צו לייסטן פאַר דער יידישער קונסט און וויסנשאַפט צען מאָל, זאָגאַר הונדערט מאָל מער ווי ביז איצט. ווען דער יידישער שרײַבער זאָל ניט דאַרפן אַזוי ביטער קעמפן מיטן הונגער, וואָלט ער מער געקאָנט אַרבעטן איבער זיך אַליין, און דער מאַנגל אין בילדונג און אַרטיסטישער קולטור איז דאָך איינע פון די גרעסטע ווונדן פון אונדזער ליטעראַריש לעבן. אויך וואָלט דער יידישער שרײַבער געקאָנט טיפער און ברייטער באַאַרבעטן זײַנע שאַפונגען, לענגער און אויפמערקזאַמער אַרומשלײַפן זייער פאָרם, — און די פאָרם איז דאָך אויך איינע פון די שוואַכסטע זײַטן פון אונדזער ליטעראַטור... יוסף קלויזנער האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי-

ביאַליק שרײַבט זײַנע וווּנדערבאַרע געדיכטן. ער טראָגט זיי אויס ממש ווי אַ מוטער איר קינד. ווי אַ עיבור טראָגט ער זיי אין שויס פון זײַן נשמה, און דעמאָלט ווען אַ ליד וואַקסט אין אים קאָן ער גאָרנישט טון: גייט אַרום ליידיק, לייענט ניט, שלאָפט אַ סך, און וואָכנלאַנג וועבט זיך אין אים יעדעס פּאָעטישעס ווערק... איז מעגלעך, אַז די נודנע געשעפטן פון אַ דרוקערײַ־פּאַרוואַלטער זאָלן ניט שטערן צום הייליקן פּראָצעס?

יהודה שטיינבערג איז, ווי געזאָגט, געווען אַ מלמד. נאָר די פּאָעטישע פאַנטאַזיע פלעגט ניט וועלן וויסן דערפון און פלעגט אָנצינדן אירע שטראַלן אין זײַן נשמה פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט צו איר ניט געהאַט קיין צײַט. ער איז געזעסן עפּעס מיט אַ באַלעבאַטיש אידיאָטל, מיט געוואַלד געשטופּט די תורה אין זײַן הילצערנעם קאָפּ, — און טאַקע דעמאָלט האָבן פאַנטאַסטישע זעונגען געשוועבט פאַר זײַנע אויגן, גערייצט אין אים דעם שרײַבער, געלאָקט זײַן דורשטיק הארץ. און — דערציילט אונדז יעקב פיכמאַן אין זײַנע ערינערונגען וועגן פאַרשטאָרבענעם חבר — פלעגט יהודה שטיינבערג ניט אויסהאַלטן, פלעגט כאַפּן אַ בלײַפעדער און אויף גיך פאַראייביקן אויפן פּאַפּיר די שוימיקע שפּיל פון זײַן נשמה. כמעט אַלע זײַנע משלים און קינדער־מעשהלעך האָט ער אָנגעשריבן אויף אַזאַ אופן. איז אַ וווּנדער, אַז אין פיל פון זיי לײַדט די פאָרם!?... אָבער ווען ער זאָל געווען האָבן פרײַע צײַט זיי צו באַאַרבעטן? און ווידער: ווער וויים וויפל פּראַכטפולע זאַכן זענען אויסגעלאָשן געוואָרן אין זיין אײַנבילדונגסקראַפט איידער ער האָט באַוויזן זיי אויף פּאַפּיר איבערצוטראָגן?

די שכינה פון פּאָעט איז זייער קאַפּריז, אירע בליצן שײַנען אויף אומדערוואַרט, און כאַפּט מען זיי ניט אין פולווער פון שאַפונג, פאַרשווינדן זיי אָן אַ דונער...

ווען דער שרײַבער פון די אַרטיקלען איבער „משה" און „רמב"ם" זאָל ניט זײַן וויסאָצקיס אַ רייזנדער, אפשר וואָלן מיר עפּטער באַגעגנט זײַן נאָמען אין אונדזערע צײַטונגען און מאָנאַטשריפטן... בכלל: צו פרי גייען אונדזערע שריפטשטעלער, באַזונדערס די העברעיִשע, אַרויס פון דער ליטעראַטור, צו גיך ווערן זייערע נעמען אַ זעלטענער גאַסט אין דער ליטעראַרישער אַלטעגלעכקייט...

II

ווי טרויעריק עס איז ניט דער פאַקט, וואָס דאָס רוב יידישע ליטעראַטן מוזן האָבן עפּעס אַ זײַטיקע פּרנסה וועלכע רויבט בײַ זיי אַוועק די בעסטע כוחות און די בעסטע צײַט, — דאָך האָט עס אין זיך די איינע גוטע זײַט, וואָס די דערמאָנטע ליטעראַטן האָבן, אויסער אייניקע אויסנאַמען, כאָטש די מעגלעכקייט צו פירן אַ וואָסער עס איז מענטשלעך לעבן. אמת־שרעקלעך איז אָבער די לאַגע פון די יידישע שריפטשטעלער וועלכע האָבן אפילו דאָס אויך ניט, ד"ה פאַר וועלכע עס איז אויסגעשלאָסן אַפילו די מעגלעכקייט צו

פאַרקויפן זייער פרייהייט פאַר אַ שטיקל ברויט. ניט יעדער יידישער שריפט־שטעלער וואָס איז מסכּים צו נעמען אויף זיך עפּעס אַ באַשעפטיקונג אויסער ליטעראַטור געפינט זי שוין. איינציקע זענען ניט פעיִק דערצו, אַנדערע האָבן ניט די אָביעקטיווע מעגלעכקייט.

אין אַזאַ לאַגע געפינט זיך מערסטנס אונדזער ליטעראַרישע יוגנט. דאָס רוב שרייבער פון עלטערן דור קומען אַרויס פון משפּילישע אָדער סוחרישע קרייזן און האָבן דעריבער גיכער געהאַט די אָביעקטיווע מעגלעכקייט, ווי אויך די סוביעקטיווע פעיִקייט, זיך צוצוטשעפּען צו עפּעס אַ זייטיק געשעפט, זיי האָבן באַקומען מער בילדונג און זענען געווען, לכל הפחות פון אויסנווייניק, מער אינטעליגענט.

אונדזער ליטעראַרישע יוגנט איז לויט דער אָפּשטאַמונג כּמעט דורכויס דעמאָקראַטיש. די רוסישע ליטעראַטור האָט איין מאַקסים גאָרקי, וועלכער איז געקומען אין טעמפּל פון קונסט פון לעצטן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפט. ביי אונדז שטאַמט די גאַנצע ליטעראַרישע יוגנט פון דער פאָלקסמאַסע...

„נאַקעט און באָרוועס — זיין אָנטון, הונגער — זיין עסן", דאָס פאָלקסווערטל איז געזאָגט געוואָרן דאַכט זיך ספּעציעל פון דעם יונגן יידישן שרייבער: אַ פּאָר נייע שטיוול זענען ביי אים אַ געשעעניש וועלכע מאַכט אַ היסטאָרישע עפּאָכע אין זיין לעבן. אַ זאַטער מיטאָג איז איינער פון די חלומות זיינע וועלכע ווערן זעלטן פאַרווירקלעכט...

וואָס מען זאָל דאָרטן ניט רעדן וועגן דער „איניקסטער קראַפט פון טאַלענט" וועלכע קאָן אַלע נסיונות אויסשטיין אָדער וועגן דער „אידעאַלער ווירקונג פון אָרעמקייט" אויפן מענטשנגייסט, מוז מען דאָך זאָגן, אַז דאָס לעבן אין אַזעלכע אומשטענדן ווי אויבן באַשריבן שפּיגלט זיך זייער שלעכט אָפּ אויף דער פּסיכיק פון שרייבער. ער פאַלט ביי זיך אַראָפּ. דער געפיל פון זעלבסטווערט ליידט אין אים שטאַרק, אין אים ווערן צעפגעשוואַכט די איניקסטע זעלבשטענדיקייט און פרייהייט, וועלכע זענען די פליגל פון אמתן טאַלענט. ער ווערט זייער הכנעהדיק בנוגע צו די עלטערע קאָלעגן, וועלכע האָבן אָפּט־מאָל אַ נטיה אויסצונוצן דעם אייַנפלוס אויף דער ליטעראַרישער יוגנט אין שלעכטן זינען, צו פערזענלעכע, ניט שטענדיק ריינע צוועקן. בכלל לעבט דער יונגער יידישער שרייבער אין אַזעלכע תּנאָים, וועלכע אַנטוויקלען אין אים זייער גיך עלעמענטאַרן אַמאָראַליזם פון גאַנץ פאַרדעכטיקן מין...

III

די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון די יידישע שריפטשטעלער אין רוס־לאַנד שטאַמט פון צוויי גרונט־סיבות: ערשטנס האָבן אונדזערע ליטעראַטן ניט ווּ זיך צו דרוקן; און צווייטנס איז דער ליטעראַרישער האָנאָראַר זייער אַ נידעריקער. ביז דער לעצטער צייט זענען די יידישע צייטונגען געווען אַ צענטער אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט די יידישע שריפטשטעלער. דער פּעטערבורגער „פריינד" און דער וואַרשעווער „וועג" האָבן גרויסע פאַר־

דינסטן פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור. דאָס זענען געווען ניט נאָר טעגלעכע צײַטונגען, נאָר אויך ליטעראַרישע אָרגאַנען, וועלכע האָבן פיל אָרט אָפּגע־טיילט פֿאַר בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און קריטיק. כמעט די גאַנצע ליטעראַרישע יוגנט אין רוסלאַנד האָט באַקומען די אָנערקענונג אין די רעדאַקציעס פון די דערמאָנטע צײַטונגען, און אויך זיי האָט זי צו פֿאַרדאַנקען איר ערשטע אַנטוויקלונג און איר פּאָפּולאַריטעט. רחל פייגענבערג האָט געמאַכט די ערשטע שריט און איז אויסגעוואַקסן אין „פֿרײַנד" און אין „וועג", א. מ. ווײַסענבערג אין „וועג" אאַז"וו.

אין משך פון די לעצטע $1^{1}/_{2}$ יאָר איז אָבער די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד שטאַרק געפֿאַלן. דער „וועג" איז אונטערגעגאַנגען, דער „פֿרײַנד" ברענגט גרויסע דעפיציטן און איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַרקלענערן זײַנע הוצאָות. די וואַרשעווער פּרעסע ווידער, וועלכע שטייט אין מאַטעריעלן זינען גראָד גלענצנד, איז געוואָרן זייער אַמעריקאַניזירט, רעכנט זיך אין דער ערשטער ליניע נאָר מיטן געשמאַק פון דער גאַס, יאָגט זיך נאָך סענסאַציעס און אינטערעסירט זיך גאַנץ ווייניק מיט דער יידישער ליטעראַטור בפרט. די גערעכטיקייט פֿאָדערט מודה צו זײַן, אַז „אונזער לעבען" דרוקט יאָ פון צײַט צו צײַט אַ בעלעטריסטישע זאַך, אָבער די צײַטונג טוט עס נאָר פֿאַר יוצא צו זײַן און נעמט ניט קיין אַקטיוון אָנטייל אין וווּקס פון דער שיינער ליטע־ראַטור. דער „וועג" האָט אין משך פון די $1^{1}/_{2}$ יאָר פון זײַן עקסיסטענץ אַרויס־גערופן מער ווי 10 נײַע און אינטערעסאַנטע טאַלענטן,—„אונזער לעבען" אין פֿאַרלויף פון די $1^{1}/_{2}$ יאָר פון זײַן עקסיסטענץ קיין איינעם! דער „הײַנט" ווידער האָט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן ליטעראַטור פון זײַן פּראָגראַם: אין משך פון די 8 חדשים פון זײַן דערשײַנען האָט ער אָפּגעדרוקט סך־הכל 3 קליינע נאָוועלן! דערבײַ וועט ניט איבעריק זײַן צו באַמערקן דעם כאַראַקטעריסטישן פּרט, אַז פּאָעזיע און איבערהויפּט געדיכטן און לידער געפינען זיך בײַ אונדז אונטער אַ באַזונדערן באָיקאָט. דער „פֿרײַנד" גיט נאָך אַמאָל אַ „יום־טוב־לידל", דער „אונזער לעבען" אָבער דרוקט „פּרינציפּיעל" קיין שירים ניט.

קיין ספּעציעלע ליטעראַרישע אָרגאַנען זענען בײַ אונדז ניטאָ. די ניט לאַנג אַנטשטאַנענע „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" זענען אויסגעגאַנגען אויפֿן פערטן ביכל. די „ראָמאַנצײַטונג" גיט אַלץ אויסער ליטעראַטור. הכלל, די לאַגע איז ניט קיין פֿריילעכע.

אַ גרויסע צרה איז, וואָס מיר האָבן ניט קיין גרויסע ביכער־פֿאַרלאַגן מיט געלט. דאָס רוב יידישע פֿאַרלעגער זענען קבצנים, וואָס זייער גאַנצער פֿאַרמעגן טרעפט ניט אָן קיין עטלעכע הונדערט רובל. זיי זענען ניט אימשטאַנד אַרויסצוגעבן קיין גרויסע זאַכן, נאָר בלויז קלייניקייטן: אַ דרוק־בויגן, צוויי, העכסטנס דרײַ... דערבײַ יאָגן זיי זיך נאָך גאַנגבאַרע „סחורה". זייער געשעפט פֿאָדערט, אַז די אויפלאַגע זאָל רעאַליזירט ווערן אין עטלעכע טעג, אַ וואָך, אַם העכסטנס צוויי וואָכן — מער וואַרטן קאָנען זיי ניט. דרוקן זיי טאַקע בלויז שמאַטעס: „שערלאָק כאָלמס", „קעגן שוואַב־

גערשאַפֿט", פּאָרנאָגראַפֿישע בראָשורן און אידיאָטישע וויצבלעטלעך...

איך געהער ניט צו די פּעסימיסטן וועלכע קוקן דורך שוואַרצע ברילן אויף דעם יידישן ביכער־מאַרק. איך מיין, אַז ער שטעלט פֿאַר אַ דאַנקבאַר פֿעלד, אויף וועלכן מען קאָן אַ סך אויפֿטון. דער אומגליק איז אָבער, וואָס אונדזערע קאַפּיטאַליסטן באַציִען זיך צו אים אויב ניט מיט פֿאַראַכטונג, איז מיט לײַכטשעצונג אָדער גאָר גלײַכגילטיק. אַן עוולה! איך גלייב, אַז אַ יידישער פֿאַרלאַג וואָס זאָל קאָנען פֿירן זײַןווירטשאַפֿט אויף נאָרמאַלע קאַפּיטאַליס־טישע יסודות, ד"ה אַרײַנלייגן אין געשעפֿט די נייטיקע סומען געלט און זײַן אימשטאַנד איבערוואַרטן די אומבאַדינגטע צײַט ביז די ביכער וועלן זיך צעגיין און די הכנסות וועלן דעקן די הוצאות, — איך גלייב, אַז אַזאַ פֿאַר־לאַג וואָלט אָן אַ שום ספֿק געהאַט אַ גרויסן ערפֿאָלג. מיר האָבן דאָך פֿאַר די אויגן אַ לעבעדיקן בײַשפּיל: דער פֿאַרלאַג פֿון העברעיִשע ביכער „תושיה".

ווי עס איז, נאָר לעת־עתּה האָבן דאָס רוב יידישע ליטעראַטן אין רוס־לאַנד ניט ווו זיך צו דרוקן. גאָר זעלטן געראָט וועמען פֿון זיי צו זען זײַנע אַ זאַך אין דרוק. מערסטנטיילס מוזן זיי זיך באַגענוגענען מיט טרוימען וועגן דער גאָלדענער צײַט וואָס וועט אַמאָל קומען, ווען פֿאַר יעדן יידישן טאַלענט וועלן זײַן ברייט געעפֿנט די טויערן צו לעבן און רום. איז זיך צו וווּנ־דערן, אַז זיי אַנטוויקלען זיך ניט, וואַקסן ניט, הערן זאָגאָר אויף צו שרײַבן?

פֿאַרוואָס האָבן מיר ניט קיין יידישן ראָמאַן? מיינט ניט, אַז די יידישע ליטעראַטן זענען ניט פֿעיִק צו שאַפֿן גרויסע בנינים. פֿאַרקערט, איך קען קאָנ־סטאַטירן, אַז בײַ אונדז עקסיסטירט אַ טענדענץ צו קאָמפּליצירטע ליטעראַ־רישע פֿאָרמען. א. מ. ווײַסענבערג און יונה ראָזענפֿעלד שרײַבן פֿיל גערנער גרויסע זאַכן ווי קלײנע, נאָר זיי טאָרן זיך ניט דערלויבן אַזאַ שווערע אַר־בעט, דען זי קאָן קיין רעאַלע פּרוכטן ניט ברענגען. ווער וועט זייערע ראָ־מאַנען קויפֿן? ווו וועלן זיי געדרוקט ווערן? און די דערמאָנטע שריפֿטשטע־לער מוזן זיך צווינגען מיט געוואַלד צו שרײַבן נאָר קלענערע סקיצן.

און פֿון דער צווייטער זײַט, ווי געזאָגט, איז דער ליטעראַרישער האָנאָ־ראַר בײַ אונדז זייער קליין. געווען שוין אַ שטיקל צײַט, ווען 5—6 קאָפּיקעס פֿון אַ שורה איז געווען דער נאָרמאַלער פּרײַז פֿאַר בעלעטריסטיק און פּובלי־ציסטיק. מער באַוווּסטע ליטעראַטן האָבן באַקומען צו 7, 8, 10, זאָגאַר 15 קאָפּ׳ פֿון דער שורה. הײַנט נעמט דער גרעסטער שרײַבער בײַ אונדז צו 4 קאָפּ׳. די קלענערע דאַנקען גאָט, אַז מען גיט זיי 2.

יונה ראָזענפֿעלד איז בײַ אונדז דער פּרוכטבאַרסטער פֿון אַלע יונגע. ער דרוקט זיך זייער אָפֿט אי אין „פֿרײַנד", אי אין „אונזער לעבען"; ניטאָ קיין ליטעראַרישע אונטערנעמונג, ווו ער זאָל ניט נעמען קיין אָנטייל, און דאָך האָט ער זיך פֿאַר מיר געקלאָגט, אַז ער קען ניט אויסאַרבעטן קיין 30 רובל אַ חודש... הײַנט וואָס זאָלן שוין זײַנע חברים זאָגן, וואָס זענען ניט אַזוי גליקלעך אויף דרוקן זיך!?...

מתתיהו מיזעסעס רעפּעראַט

מתתיהו מיזעסעס רעפֿעראַט וועגן דער ייִדישער שפּראַך[1]

1

די שפּראַך איז דער שטאַרקסטער קיט, וואָס ער האַלט גרופּן פֿון מענטשן אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט צוזאַמען. דער פֿאַקט אַליין, אַז אַ געוויסע אָנצאָל פֿון מענטשן קען זיך נאָר צווישן זיך פֿאַרשטענדיקן, שנירט זיי צוזאַמען און שיידט זיי אָפּ אין יעדער הינזיכט פֿון אַנדערע, וואָס זיי פֿעלט דאָס זעלבע מיטל זיך צו פֿאַרשטענדיקן. ערשט אַ אייגענע שפּראַך מאַכט מעגלעך, אַז אַ פֿאָלק זאָל קענען פֿירן אַ זעלבשטענדיק קולטור-לעבן מיט אַ אייגענעם אויסדרוק.

פֿעלקער, וואָס זיי פֿעלט אַ אייגענע שפּראַך, מעגן זיי אויף דער לייטער פֿון דער ציוויליזאַציע נאָך אַזוי הויך שטיין, מעגן זיי נאָך אַזוי פֿאַרפֿלאַמט זײַן אויף זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פֿירן אַ שוואַך און פּאַרטוקלט זאָנדער-לעבן, צו זייער קולטור פֿעלט אַ שאַרפֿע און טיפֿע אייגענע אויספּרעגונג.

אַלס בײַשפּיל קענען אונדז דינען די אירלענדער. דאָס איז אַ פֿאָלק פֿון פֿײַערדיקע פּאַטריאָטן, און דערצו אַ עילויש פֿאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין מיטלאַלטער דעם ערשטן פֿילאָזאָף סקאָטוס עריגענאַ, וואָס האָט אין יענע צײַטן, ווען דיקע פֿינצטערניש האָט אַלעס צוגעדעקט, דײַטשלאַנד צו דער קולטור צוגעפֿירט; קאָלומבאַן, גאַללוס זענען געווען איראָשאָטן; אַ טאַלענטירט פֿאָלק, וואָס גיט נאָך הײַנט אַרויס אַ סך אָריגינעלע ענגלישע שרײַבערס (בערנאַרד שאָו איז אַ אירלענדער) — און דענאָך, קוקט אָן ווי זײַן הײַנטיקע נאַציאָנאַלע קולטור זעט אויס.

נישט די קאַטאָרגע פֿון די ענגלישע לאָרדס האָט באַווירקט די ירידה? ניין! ס'זענען דאָ אַנדערע פֿעלקער וואָס האָבן אַ סך ווייניקער פּונקען פֿונעם געטלעכן ליכט און וואָס האָבן מער געליטן, און דענאָך איז זייער כּוח נישט פֿאַרזוילשט. די סיבה פֿון דעם אויסלעשן פֿון דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן פֿײַער איז פּשוט דער מאַנגל פֿון אַ אַלגעמיינער אייגענער פֿאָלקשפּראַך. נאָר

---

1 מיר גיבן דאָ דעם פֿולן טעקסט פֿון מתתיהו מיזעסעס רעפֿעראַט, וואָס אַ קיצור פֿון אים איז געדרוקט ז' 94—96. — רעד' ייוואָ.

אַ גאַנץ קלײנער טײל אירלענדער שמועסט איריש, דער גרעסטער טײל פון זײ שמועסט ענגליש. אַ פאָלק וואָס פאַרלירט זײַן לשון פאַרלירט אויך זײַן באַזונדערע נשמה. ס׳ווערט אויס אים אַ קאָפּיע פון פרעמדע פאָרמען, כּאָטשע דער אינהאַלט, די נוס, דער קוואַל פון דער נשמה מעג זײַן אײגן.

קײנער איז נישט קליגער ווי אַ בעל=נסיון, ווי דער וואָס האָט אַ סך ערפאַרונג, זאָגט אַ אַלט יידיש ווערטל. אונדזער פאָלק, וואָס האָט אַ לאַנגע געשיכטע מיט ערפאַרונגען אָן אַ צאָל הינטער זיך, אונדזער פאָלק וואָס פירט שוין צײַט עטלעכע טויזנט יאָר באַוווסט אַ זעלבשטענדיק קולטורלעבן, האָט שוין לאַנג דערלאַנגט די ידיעה פון דעם דאָזיקן געזעץ פון דער היסטאָריע, האָט שוין לאַנג דערקענט, וואָס פאַר אַ חשיבות ס׳האָט אַ לשון אַלס בינדע=גליד און דערהאַלטער.

תמיד האָט דער ייד געזען אַ אײגן לשון צו רעדן. אַ פאָנאָגראַף פון פרעמדע לשונות צו זײַן, עפּעס אַ מין אויטאָמאַט, וואָס מען פויקט אין אים אַרײַן ווערטער און ס׳פויקט אויס אים אַקוראַט גלײַך אַרויס, האָט זיך דער ייד—אַזוי ווײַט ווי די כוחות האָבן אים געסטאַרטשעט—קײן מאָל נישט געוואָלט דערנידריגן. ס׳זענען געווען צײַטן, ווו די פאַרהעלטניסע מיט זײער שרעקלעכער געוואַלט האָבן געצוווּנגען דעם ייד פרעמדע לשונות צו רעדן, אָבער דענאָך האָט זיך דער ייד נישט געבײגט און האָט נישט מיט שווײַגן צלדינג אויפגענומען, נײן! צו שטאַרק איז דער ייד דערצו געווען.

ער האָט דעם פרעמדן וואָרטשאַץ בלויז אַלס רוישטאָף, אַלס טויט מאַטעריאַל באַטראַכטעט, וואָס ער האָט באַלעבט מיט זײַן אײגענעם גײסט און דערויף זײַן אײגן זיגל אויפגעדריקט. ווי איבער גאַנץ מערב=זײַט פון אַזיען האָט זיך דאָס אַראַמעישע לשון פאַרשפּרײט און האָט פאַרדרענגט אַלע אַנדערע סעמיטישע לשונות, האָט דער ייד אויך געמוזט דאָס העברעישע איבערבײַטן,—אָבער אויף אַ אײגן אופן. דאָס אַראַמעישע, וואָס ער האָט אָנגענומען, איז געוואָרן געפורעמט צו זײַן אײגן לשון, און ס׳איז אַזוי מחולק געווען אין ארץ=ישראל פונעם סירישן, ווי אין בבל פונעם מאַנדעישן. דאָס אַראַמעישע פון דער יידישער ליטעראַטור פון דניאל ביז בבלי, ירושלמי און תרגום זענען אײגענע דיאַלעקטע. ווי אין דער צײַט פונעם צווייטן בית=המקדש האָט זיך דער ייד אין אַלעקסאַנדריען באַזעצט און האָט געפונען פאַר בײטיק גריכיש דאָרט צו רעדן, האָט ער דאָס אָנגענומענע גריכיש פאַראַרבעט צו אַ אײגן העלעניסטיש דיאַלעקט. דאָס לשון פון דער סעפּטואַגינטאַ, פון די אַפּאָקריפען, פונעם נײַעם טעסטאַמענט איז אַזוי נישט גלײַך צו דעם קלאַסישן לשון פון האָמער אָדער סאָפאָקלעס ווי צו דער קוינע (koinē) פון די אַלעקסאַנדרישע גראַמאַטיקער. הונדערטער ווערטער, ווענדונגען, טײַטשן זענען גאַנץ נײַ און אײגן. שירער זאָגט, אַז דער אמתדיקער העלענער האָט איבערהויפּט נישט געקאָנט פאַרשטײן דעם זשאַרגאָן פון דער יידיש=אַלעקסינדרינישער ליטעראַטור. דער ייד האָט תמיד געזען, זײַן נשמה זאָל ווערן אויס=

געדריקט אויף איר ספעציפיש אופן, אַז זײַן וועלט־אָנשויונג זאָל האָבן אַ אייגענעם אויסדרוק.

שוין אין אַלטערטום, נאָך גרוי פּאַרצײַטנס, ווי די רוימער האָבן זייער מלוכה איבער דער גאַנצער וועלט געהאַט, האָבן זיך באַזעצט קליינע גרופּן פון יידן אין דער ווײַטער פּראָווינץ שפּאַניען. ווייניק און צעשפּרענגט און אָן קאָנטאַקט מיט די יידישע צענטרען, זענען זיי גאַנץ צעשמאָלצן געוואָרן אין זייער אומגעבונג. אַ סך הונדערטע יאָרן זענען פאַריבערגעגאַנגען, און פון זיי האָט מען קיין קול נישט געהערט. פּוסטקע ווי אין אַ מדבר. שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. לאַנג, לאַנג האָט דאָס געדויערט. דער ווינטער־שלאָף האָט נישט געוואָלט ענדיקן. ביז ענדלעך זענען עטלעכע חכמים פון בבל געקומען, און דער מאָרגנשטערן האָט אין דער וויסטעניי אויפגעשײַנט און דעם שווערן שלאָף פאַריאָגט און די פאַרדרימעטע צום לעבן דערוועקט. פון די הינערפלעט האָבן זיך די דאָרטיקע פאַרגליווערטע יידן צו אַ ניי שטור־מיש לעבן אויפגעכאַפּט, אַ סך ערנסטע דענקער און גוטע פּאָעטן און טאַ־לענטירטע שפּראַכפאָרשער זענען אויפגעגלענצט, די פאַרבאָרגענע כוחות זענען אויפגעבליט, אַ שיינע עפּאָכע איז דערלײַכט.

אָבער דענאָך איז דאָס נישט קיין גלאַנץ־צײַט פון דער נאַציאָנאַלער יידישער קולטור. זייערע געדאַנקען־סיסטעמע, זייערע דיכטונגען, זייערע דקדוקים וואָלטן געקאָנט mutatis mutandis אויך פון אַראַבער געשריבן ווערן און זענען אויך צו־מייסט נישט העברעיש, נאָר אַראַביש געשריבן געוואָרן.

אמתדיק אייגנס, אָריגינעל יידישעס, וואָס טריסקעט אַרויס אויס דעם קוואַל פון דעם פאָלקס־כוח, האָבן זיי נישט געקאָנט שאַפן. קיין אייגן לשון האָבן זיי נישט געהאַט, און זיי האָבן זיך פאַרדעם נישט געקענט צו אַ אייגענע פאָלקס־מאַסע קריסטאַליזירן, אַנטשפּרעכנד צו דער אייגענער שאַפונגס־קראַפט ווײַטער צו בילדן. לאַנגע צײַטן פון וווּילטאָג האָבן פאַרווייכלעכט די יידן און נישט צוגעלאָזט אַפילו שפּעטער צו קיין אינערער קאָנצענטראַציע.

דערצו נאָך דער וועקסל פונעם אַראַבישן צום שפּאַנישן, דער פּלוצים־דיקער דרוק האָט זיי דעם רעסט פונעם כוח צו שאַפן און אומבילדן גענצ־לעך גענומען. אַפילו שפּעטער, ווען זיי זענען געוואָרן פאַרטריבן און אָפּגע־שניטן פון דעם פאָלק, וואָס זיי האָבן פון אים די שפּראַך גענומען, און דאָס אייגענע פאַרדײַען וואָלט באַדאַרפט אָנצוקומען לײַכט, האָבן זיי נישט באַ־זיצט די געזונטע קראַפט אויס דעם פרעמדן עלעמענט אַ באַזונדער לשון צו שמידן.

ספרדיש, שפּאַניאָליש, וואָס אונדזערע ברידער שמועסן אינעם אָריענט, וואָס אונדזערע געגנער שטעלן עס אַקעגן צו אונדזער יידיש, איז איבער־הויפּט נישט קיין אייגן לשון, אַפילו קיין דיאַלעקט נישט. אַ פּאָר גאָר ווײַ־ניקע לשון־קודשע ווערטער און עטלעכע פאַראַלטעטע קאַסטילישע אויסדריקע

מאַכן נאָך נישט אויס קיין אייגן געפרעגע. די גראַמאַטיק, די אויסשפּראַך, די פאָרמען זענען די זעלבע וואָס אין שפּאַניען, נישט דער מינדסטער חילוק. אַ שפּאַניער קאָן אַ שפּאַניאָלן פולקומען פאַרשטיין. ס'זענען דאָ אַ סך שפּאַנישע פּאַטריאָטן, וואָס האַלטן די שפּאַניאָלן פאַר אמתדיקע פאָלקס-גענאָסן. ס'ערשייַנען אַפילו אַ סך ספרדישע ביכלעך מיט לאַטייַנישע אותיות. אַפילו דער נאָמען פונעם ספרדישן ביי די שפּאַניאָלן אַליין איז נישט יידיש. דאָס ספרדישע הייסט ביי זיי „לאַדינאָ", „לאַטייַן", ד"ה ראָמאַניש. אין טיראָל איז דאָ אַ דיאַלעקט, וואָס ער הייסט אויך אַזוי.

אַחוץ די ספרדים איז דאָ אין אָריענט אַ צווייטע גרופּע פון יידן, וואָס רעדן אַראַביש. זיי זענען צעשפּרענגט אויף קליינע קופּקעלעך אין צפון-זייט פון אַפריקאַ, אין אַראַביען און בבל און צענטראַל-אַזיען, פירן אַ פלאַנצן-לעבן. זיי זענען אַ טויטער טייל פון אונדזער פאָלק. זייערע לייסטונגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז גלייך זעראָ. זיי שטייען אויף דעם זעלבן ניוואָ וואָס זייערע שכנים, רעדן זיי ווי זיי, דענקען זיי ווי זיי. פאַרקאָפּטשעט איז דאָס ליכט פון זייער נשמה, אויסגעטריקנט דער שטראָם פון זייער נאַציאָנאַל-קראַפט. זיי זענען אַסימילירטע יידן, „אַראַבער מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן", אמתדיק געזאָגט פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרלוירענע שאָף. אַחוץ דאָס ביסל אמונה איז גאָר נישט קיין חילוק צווישן די דאָזיקע יידן און מאָהאַמעדאַנער וואָס רעדן אַראַביש. אָן לשון און אָן כוח, זענען זיי געוואָרן געליימטע אברים פון אונדזער פאָלק.

אַם שטאַרקסטן און אַם קרעפטיקסטן פון אַלע שפּראַכן וואָס אונדזער פאָלק האָט אין גלות אויפגענומען, איז אַם שטאַרקסטן פאַריידישט און צו אַ זעלבשטענדיק לשון געוואָרן פאַראַרבעט יענץ לשון, וואָס די יידן פון מיטל- און מזרח-אייראָפּע האָבן פון די גערמאַנען באַקומען.

די גרויסע מאַסע פון די אַשכנזים האָט קיין מאָל נישט געבראָכן מיט איר אייגענער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זעלבשטענדיק פון זיך אַרויס תמיד געשאַפן די אַלטע קולטור—בשעת די ספרדים האָבן פרעמדע גערטנער געהיט און די אַנדערע גרופּן זענען געווען פאַרזונקען אין באַרבאַרייַ. די ליטעראַטור פונעם פּלפּול, פון די תשובות און די פּשטלעך איז אַ קרעפטיקער המשך, אַ שעפּ-פערישע, טיפע קאָנטינואַציע פון דער ליטעראַטור פון דער גמרא. ס'האָט זיך אין דער יידיש-געהאַלטענער אַטמאָספערע אַ אייגענער, כאַראַקטעריסטישער טיפּוס אַרויסגעבילדעט. דער פּוילישער, אַשכנזישער ייד מיט זייַן אופן צו קלערן, מיט זייַן אויסנווייניקער ערשייַנונג, מיט זייַן רעדן, מיט זייַנע ווערטלעך, מיט זייַן גאַנץ וועזן איז עפּעס אָריגינעלעס, שטאַרקעס, וואָס האָט טיפע וואָרצלען; עפּעס אוראייגענעס, נישט קיין קאָפּיע. דער אַנטיסעמיטיזמוס האָט געוויינט אַפילו די אייגענע אַשכנזישע אינטעלעקטועלע, אַז זיי זאָלן אַראָפּקוקן מיט בזיון אויף דעם אַלטן פּוילישן ייד אין דער קאַפּאָטע, צו פאַראַכטן דעם פּלפּול, צו פאַרשפּעטן די פאַרצייַטיקשט יידישע אייגנטימ-

לעכקייטן. אָבער ווער ס׳איז נישט קיין שקלאַוו פון גוייִשע פּאָראורטיילע און האָט פאַרשטענדניס פאַר אָריגינעלקייט און ווייס דעם צווישנשייד צווישן אַ אָפּקלאַטש, אַ קאָפּיע, און צווישן דעם וואָס די נשמה שפּינט אַליין אַרויס מיט אירע אייגענע כּוחות פון אירע פאַרבאָרגענע טיפעניש, וועט אַ אַנדער אורטייל איבער דער דאָזיקער יידן-גרופּע האָבן.

ווען אונדז זאָל׳ מיר אָנקוקן, וואָס די אַשכנזישע יידן האָבן געלייסטעט זייט דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך דערנענט צו דער ציוויליזאַציע פון מערב-אייראָפּאַ, מוזן מיר אַ נישט-געוויינלעכע מיינונג געווינען איבער דער קראַפט און פעיִקייט, וואָס ליגט אין וועזן פון די מזרח-יידן. מענדעלזאָן, היינע, מייערבער, מאַרקס, הערטץ, לאַזאַר גייגער אאַז״וו זענען זין פון נאָר אַ קליינטשיקן טייל פון די אַשכּנזישע יידן, די מיט זייער קולטור אויסגעצייכנטע יידן פון דייטשלאַנד זענען עטנאָגראַפיש פּויליש-אַשכנזישע יידן. פאַר הונדערט יאָר צוריק האָבן זיי געשמועסט דאָס זעלבע לשון, געלערנט די זעלבע גמרא, געלעבט אין זעלבן גייסט ווי זייערע ברידער פון מזרח-זייט.

און אייַנזנדיק איז דער טיפּוס פון דעם אַשכנזישן ייד. ניצשע, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט דעם אַסימילירטן דייטשן ייד, זאָגט, אַז דער ייד איז אַ געבוירן פאָלק (natio nata) אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פעלקער, וואָס זענען נאָר קינצלעך געמאַכט (natio facta). און ס׳איז אויך אמת. היינע איז דורך און דורך אַ ייד. אַפילו בייַ בערנע הערט מען גאַנץ אָפט אַ אייגענע יידישע נאָטע. מאַרקס מיט זייַן ווירטשאַפטלעכער מאָניסטישער וועלטאָנשויונג איז ווייַטער דער ייד פונעם אַני-מאמין; נור שטאָט דאָס מאָנאָטעיִסטישע אַחדות פונעם אייבערשטן האָט ער דאָס מאַטעריאַליסטישע אַחדות פון דער עקאָנאָמיע.

אַפילו האַלבע אַשכנזישע יידן קאָנען פון זיך נישט אָפּטון די השפעה פונעם יידישקייט. בראַנדעס ווייַזט נאָך, אַז בייַ פויל הייזע, וואָס נאָר זייַן מאַמע איז געווען אַ יידיש קינד אַ משומדת, זענען פאַרהאַנען יידישע נאָכקלענגע אין זייַן פּאָעטישער פאַראַנלאַגונג.

בכן, די דאָזיקע גרופּע פון יידן, וואָס זייער כאַראַקטער, זייער טיפּוס איז אַזוי אייביק ווי געגאָסן אויס אייַזן, אַזוי שווער אויסצומעקן ווי געהאַקט אין אַ פעלזן, האָט באַטעטיקט דעם דאָזיקן פלאַסטישן כּוח, וואָס זייערע זיידעס האָבן באַוויזן אין אַלעקסאַנדריען און בייַם אַראַמעיִשן, און זיי האָבן דאָס לשון וואָס זיי האָבן אין דייַטשלאַנד דערהאַלטן פאָלקאָמען פאַריידישט. זיי האָבן די פרעמדע עלעמענטע צום יידישן גייסט אָנגעפּאַסט, די אויסשפּראַך לויט דער אייגענער פאָנעטישער פאַראַנלאַגונג אומגעבילדעט, אַ סך כּללים פון דער גראַמאַטיק געענדערט, הונדערטע ווערטער אַרייַנגעבּרענגט, געננוג: זיי האָבן אַ גאַנץ נייַע יידישע שפּראַך געמאַכט.

מען קאָן רעכנען, אַז הייַנט רעדן גוטע אַכט מיליאָן יידן יידיש-אַשכנזיש. איך וועל פון די $5\,1/2$ מיליאָן רוסישע יידן 5 מיליאָן רעכנען, דערצו גאַליציען און בוקאָווינאַ 1 מיליאָן, מזרח-אונגאַרן און רומעניען $3/4$ מיליאָן, צפון-

זײַט פון אַמעריקאַ, ענגלאַנד און דרום־זײַט פון אַפריקאַ מינדעסט 1¼ מיליאָן; דאָ האָבן מיר צוזאַמען קליין געשאַצט 8 מיליאָן. ווען אונדז זאָל׳מיר נאָך צורעכנען די יידן, קרבנות פון דער אַסימילאַציע, וואָס זענען אַשכּנזים, און זיי, אָדער זייערע פעטער אָדער זיידעס, האָבן פריער אונדזער יידיש גע־רעדט, דאָ וואָלטן מיר געקאָנט נאָך 2 מיליאָן צורעכנען. אַלע אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנישע יידן, אַחוץ אפשר אַ פערטל מיליאָן ספרדים, האָבן מיט הונדערט יאָר אָדער נאָך ווייניקער צוריק פון פּאַריז ביז אַדעס, פון לאָנדאָן ביז יאַס אַלע איין לשון, דאָס אַשכּנזישע געשמועסט.

אַכט רעשפּעקטיווע צען מיליאָן מענטשן וואָס רעדן אַ אייגן לשון האָבן דאָס רעכט זייער לשון צו האַלטן פאַר דאָס לשון פון אַ פאָלק, קאָנען מיט יושר שטעלן די פּרעטענסיע, אַז זייער לשון זאָל באַטראַכטעט ווערן פאַר אַ נאַציאָנאַל לשון.

II

יאָ, וועט איינער זאָגן, דאָס לשון וואָס די יידן האָבן געמאַכט איז דאָך גאָר ניט קיין לשון, ס׳איז דאָך עפּעס אַ קוידערוועלש, אַ סוחרים־זשאַרגאָן, אַ מין געמישעכץ פון פאַרשיידענע לשונות, עפּעס אַ טורעם פון בבל, אַ מישמאַש פון קאַליע דייטש מיט לשון־קודש און סלאַוויש. איך וועל די איידלע מפונקים פרעגן: וואָס איז דאָס ענגלישע, נישט קיין גערמאַניש־פראַנצייזישער פּודינג? וואָס זענען די ראָמאַנישע לשונות, דאָס איטאַליענישע, פראַנצייזישע, שפּאַנישע אאז״וו — נישט קיין פאַרדאָרבן פאָלקס־לאַטײַן, צו־זאַמענגעקלעבט מיט יסודות אויס גערמאַנישע, קעלטישע, באַסקישע און נאָך אַנדערע שפּראַכן?

אונדז יידן קען׳מיר זיך טרייסטן, אַז נישט נאָר מיר האָב׳מיר מלחמה צו פירן מיט דעם אָבערפלעכלעך אורטייל פון דעם עולם.

אויך די ראָמאַנישע שפּראַכן, ווי פאַרצײַטנס זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערהייבן צו דער מדרגה פון ליטעראַטור־שפּראַכן, זענען געוואָרן גע־האַלטן פון דער געבילדעטער קלאַס פאַר קאַליע לאַטײַנישע דיאַלעקטע. ווי דאַנטע האָט זײַן אומשטערבלעך ווערק, די געטלעכע קאָמעדיע, מחבר געווען, האָט מען אים אין זײַן אייגן פאָטערלאַנד געפרעגט, וואָס איז די מעשה וואָס ער שרײַבט אין דעם פאַרדאָרבענעם זשאַרגאָן פון דעם המון, פאַרוואָס שרײַבט ער נישט קיין לאַטײַן. אין אַזאַ פאַראַכטונג איז דעמאָלט געווען די שענסטע שפּראַך פון אייראָפּאַ, דאָס איטאַליענישע! פראַנקרײַך, וואָס האָט זײַן לאַטײַנישן זשאַרגאָן צום ראַנג פון אינטערנאַציאָנאַליטעט דערהויבן, האָט די מלחמות פון דער „פּלעיאַד" הינטער זיך. נאָך אין 16טן יאָרהונדערט האָט מען געמוזט לאַנגע ליטעראַרישע קריגעכצער פירן כדי צו באַווײַזן, אַז פראַנ־צייזיש איז נישט קיין patois, נאָר עבנבירטיק צום לאַטײַנישן.

די חשובסדיקע לשונות פון אייראָפּאַ זענען זשאַרגאָנס, און מען האָט

זיי בתחילת טאַקע מבזה געווען; און דענאָך שעמט זיך מיט זיי הײַנט נישט קיין עסטעט, קיין שפּראַכלעכער גורמאַנד. און אונדז זאָל'מיר אונדזער פּײַנגעפיל ווי אַ גוזמא איבערטרײַבן און זיך שעמען מיט אונדזער לשון? ניין! און נאָכאַמאָל ניין!

דאָס וואָס דער ייד פאַרהאַלט זיך קאַלט צו זײַן לשון, אָן אַהבה און ליבשאַפט, איז נישט פאַרדעם ווײַל דער ייד האַלט פאַר זיך פאַר אַ עוולה אַ מיש-שפּראַך צו רעדן. דער אמתדיקער טעם איז פשוט בושה, אײַנפאַך שקלאַוון-געפיל. דער ייד לאָזט זיך סוגערירן פון די אַנטיסעמיטן. בכן דער דײַטש, דער שונא ישראל, פאַרלאַכט די יידישע פאָרם און געשטאַלט פון זײַן לשון, — מיינט דער ייד, אַז דער דאָזיקער שטאָלצער דײַטש האָט רעכט, און טוט אים נאָך, און דערקלערט זײַן יידיש לשון פאַר אַ ווילדן זשאַרגאָן און האַלט עס פאַר אַ גרויסער חרפה אין אים צו רעדן.

אַ גרויסער טייל פון די האַנדלונגען פון די יידן זײַט אַ פּאָר צענדלינגע יאָרן שטאַמען פון דער אַנטיסעמיטישער סוגעסטיע. אומבאַוווּסט, כדי פשוט צו מינדערן די אָנגריפס-פּונקטע פון די שונאים, אויס ריינעם אינסטינקט, ווענדט זיך דער ייד געגן אַ סך פון זײַנע נאַציאָנאַלע גיטער נאָר פאַרדעם, ווײַל דער גוי האַלט זיי פאַר נישט גוט אָדער נישט שיין. אומבאַוווּסט האָרכט צו די אַנטיסעמיטישע סוגעסטיע אַפילו דער טרײַער ציוניסט, דער הייסער העברעער און לייגט די האַק אויף דער איינציקער מויער און שאַנץ פונעם יידישן פאָלק אין אייראָפּאַ, אויף זייער הײַנטיק לשון, אויף דאָס יידישע.

דער אַנטיסעמיטיזמוס קערט זײַן בויגן און שיסט זײַנע פײַלן קעגן אַלדינג וואָס ווערט גערופן יידיש, קל וחומר דאָ ווו ס'האַנדלט זיך נישט נאָר אַליין וועגן אַ יידישער זאַך, נאָר נאָך דערצו וועגן אַ מיש-שפּראַך וואָס איז פון יידן געמאַכט. דאָ וועקט זיך אויף די גאַנצע גאווה בײַ די פירנדע אַנטיסעמיטן פון אייראָפּאַ, בײַ די דײַטשן.

די דײַטשן האָבן אַ שוועכע צו אַלע נישט-אורשפּרינגלעכע לשונות. זיי בילדן זיך אײַן, אַז מחמת דעם ווײַל זיי זענען דאָס איינציקע פאָלק אין מערב-אייראָפּאַ, וואָס רעדט לויט דעם פּלוג נישט קיין פאַרמישט לשון, זענען זיי דאָס איידלסטע קולטור-פאָלק, די אויסערוויילטע נאַציע פון דער וועלט, און אַלע אַנדערע פעלקער — און ספּעציעל די דאָזיקע וואָס רעדן נישט קיין אורשפּרינגלעכע לשונות — זענען אינפעריאָרע ראַסן.

אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס דײַטשע פאָלק צו די גרעסטע קולטור-פעלקער פון אייראָפּאַ, ווער שמועסט צו אונדז. בײַ דעם בעל-גאַווהדיקן פאַרהאַלטן אונטערשיידן זיך נישט די קלאָרסטע דענקער פון דעם גראָסטן פּעבל.

דער גרויסער פילאָזאָף פיכטע זאָגט אין איינער פון זײַנע באַרימטע רעדן צו דער דײַטשער נאַציע (IV), אַז ס'זענען בטל אַלע פאַרגלײַכעכצער צווישן דעם דײַטשן און צוויש; דעם נײַ-לאַטײַנישן, ד"ה ראָמאַנישן, ער באַ=

הויפּטעט, אַז ווען מען וויל שמועסן פון דעם אינענווייניגדיקן ווערט פונעם דײַטשן, קען מען פאַרגלײַכן נאָר מיט אַ לשון פון גלײַכן ראַנג, ווי למשל דאָס גריכישע.

שאָפּענהויער, וואָס האָט זיך אַלס אַ זון פון אַ נידערלענדער קיינמאָל נישט געפילט דײַטש־פּאַטריאָטיש, איז אויך נישט מחולק בײַ דעם פון די גערמאַנישע שאָוויניסטן און זאָגט, אַז דאָס ענגלישע און פראַנצייזישע שטייען אין געגנזאַץ צו די אורשפּראַכן (Parerga §284); און פאַרדעם ווײַל די דאָזיקע שפּראַכן זענען נישט קיין אורשפּראַכן, וואָס נאָר דאָס דײַטשע האָט דאָס כבוד צו זײַן, איז בײַ אים דאָס פראַנצייזישע „דער עלענדעסטע ראָמאַנישע זשאַרגאָן", „די שלעכטעסטע פערשטימעלונג (דאָס אַרגסטע קאַליע־מאַכעכץ) לאַטײַנישער ווערטער" (l. c. 299).

אַצינדערט איז דאָס נישט קיין חידוש, אַז דער דײַטש, דער שוואָב דער שטאָלצער, וואָס ער איז גאַנץ פאַרנאַרט אויף זײַן אורשפּרינגלעכקייט, דעגראַדירט אונדזער מיש־שפּראַך, וואָס האָט נאָך דערצו דאָס אומגליק יידיש צו זײַן, פאַר אַ זשאַרגאָן.

אַז אונדז וועל׳מיר פאַרלאָזן דאָס ענגע ווינקל פון פאַראורטיילטע און אַרויספליען פון דער פאַרשרומפּענער שטומפּיקער שאַבלאָנע אין די הויכע לופטן פון ברייטע האָריזאָנטן, פון ווײַטע פילאָלאָגישע פּערספּעקטיוון, וועט קלאָר און דײַטלעך פאַר אונדז ווערן, אַז אַ מיש־שפּראַך איז ניט קיין חסרון. דווקא לשונות פון ווילדע פעלקער זענען ריין און ציכטיק, אָן אַ פרעמד צו־מישעכץ. די אינדיאַנער, די באַנטו, די אויסטראַל־נעגער האָבן אין דער איינ־זאַמער שטילקייט פון די וועלדער זייערע שפּראַכן אָפּגעהיטן פאַר פרעמדע עלעמענטע און זייער איינהייטלעכן בוי דערהאַלטן אַזוי כשר ווי בײַ די ששת ימי בראשית. ווי מער אַ פאָלק האָט קולטור, אַזוי מער דערהאַלט זײַן שפּראַך פרעמדע צופליסע.

אונדז קאָנ׳מיר דאָס זען בײַ פעלקער וואָס נעמען הײַנט אָן אַ נײַע קולטור. דאָס יאַפּאַנישע זאַפּט זיך אײַן אַ סך ענגלישע ווערטער, און ס׳איז אַ מעלה. דער גרויסער קענער פון יאַפּאַן Lafcadio Hearn פרייט זיך אין זײַן ביכל קאָקאָראָ דעריבער, ער האַלט דאָס פאַר אַ פּראָגרעס, די שפּראַך וועט דאַדורך רײַכער ווערן, אַזוי ווײַט, אַז ער האָפט, אַז מיט דער צײַט וועט אַפילו דער יאַפּאַנישער דקדוק זיך ענדערן אונטער דעם אײַנפלוס פון די איי־ראָפּעיִשע שפּראַכן.

אויף אַ ריינעם יחוס פון אַ לשון צו שטאָלצירן איז אַ קליינטשיקער, ענגהאַרציקער שטאַנדפּונקט. בלוי בלוט מיט צווייַ און דרײַסיק זיידעס איז נישט פאַרהאַנען בײַ קיין לשון. ס׳איז אַ זאַך וואָס די פילאָלאָגן האָבן באַ־וויזן, אַז אַ שפּראַך דערהאַלט זיך ריין נאָר אין דעם אורצושטאַנד פון באַר־באַרײַ, אַז ווי מער אַ פאָלק אַנטוויקלט זיך, אַזוי מער ווערט זײַן שפּראַך פאַרמישטער, פאַרדאָרבענער, פאַרלירט זײַנע פאָרמען, זײַן אמתדיקן קלאַנג

אאַז״ו. בכן איז דאָס נישט קײן פעלער, אַז אַ לשון איז פאַרמישט, דאָס איז נישט קײן פאַרװיאַנעט װערן, נאָר אַ באַגלײט־ערשײַנונג פון אַנטװיקלונג.

איך װיל ניט פון דעם דײַטשן פאָלק אַװעקלײיק׳נען זײַן הױכע קולטור, זײַן גלענצנדיקע אַנטװיקלונג, און פאַר דעם װיל איך אױך זאָגן, אַז די דײַטשע שפּראַך, כאָטשע זי איז לפנים אַזױ אורשפּרינגלעך, האָט אַלע מערקמאַלע פון אַ פאַרמישט לשון, פון אַ זשאַרגאָן.

אַ גוטע העלפט פון אַלע דײַטשע װערטער זענען פרעמדװערטער, פון דעם װיל איך שױן גאָרנישט שמועסן. פון די װערטער, װאָס דאַכטן זיך אונדז אַלס כשר דײַטש, איז אַ זײער גרױס חלק לעהנװערטער, װאָס זענען אַ אינטעגראַלער טײל פונעם דײַטשן לשון. אַפילו די דײַטשע אורװערטער זענען נישט צוזאַמענגעהאַלטן דורך אַ אײנהײטלעכן פאָדעם.

מען װאַרפט געװײנלעך פאָר געגן די ראָמאַנישע שפּראַכן, אַז װערטער װאָס קערן צום זעלבן שורש זענען טײלמאָל אַזױ אױס, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו דערקענען זײער צוזאַמענהאַנג. מען װאַרפט אױך פאָר דעם יידישן, אַז למשל אינעם װאָרט צושטאָר־געבן דערקענט מען נישט דאָס װאָרט „שטײַער" (צושטײַערן), אַז פאַרװאָרלײסט קלינגט װי „לײסטן", נישט „לאָזן" (פערװאַרלאָסען). דעם זעלבן צוג קען מען אױך בײַ דעם דײַטשן באַמערקן. װעלכער דײַטש, װאָס ער האָט נישט קײן פילאָלאָגישע שטודיען, װײס אַז הערלײך, פרעהלײך אאַז״ו שטאַמט פון „פראָה־גלײַך", „העהר־גלײַך"? אַז דאָס סופיקס „־לײך" איז אַמאָל געװען אַ װאָרט פאַר זיך? װעמ׳ פאַלט אײַן, אַז עמזיג איז גלײַך װי „אַמײַזענהאַפט", אַז אײמער און צובער קומען אַרױס פון דעם זעלבן װאָרצל? אײמער איז פריער געװען „אײן־בער" „צובער"=צװאָבער, צװײ־בער. „בער" (bare) איז טײַטש געװען „טראָגן", װי הײַנט נאָך אין פלאַטדײַטשן און אין ענגלישן. בכן אַ כלי װאָס מען טראָגט דאָס, מיט אײן האַנט אָדער מיט בײדע (צװײ) הענט. בײַשפּיל למשל זעט אױס װי ס׳זאָל שטאַמען פון „שפּיל", און דערװײַל איז דער שורש spele, שמועסן. פרעװעל האָט אַ פּנים פון אַ אײנהײטלעך װאָרט, און דערװײַל איז עס צוזאַמענגעזעצט אױס „פער־עװעל". „עװעל" (איװל) איז נאָך הײַנט טײַטש אין ענגלישן שלעכט, בליגד.

ס׳לאָזט זיך ברענגען װערטער אָן אַ צאָל, װאָס דער הײַנטיקער דײַטש קען זײ שױן נישט מער פאַרדײַען. אַפילו די דײַטשע אָרטאָגראַפיע איז נישט פילאָלאָגיש ריכטיק. אױך דאָ איז אױפגעדריקט דער קאַראַקטער פון אַ מישּׁפּראַך. ס׳איז אין דער אָרטאָגראַפיע אַ װילד כאַאָס, אָן אַ טעם און אָן אַ געזעץ. פערטיג שרײַבט מען דײַטש מיט e, כאָטשע ס׳שטאַמט פון „פאַהרען", עלטערן, כאָטש דער װאָרצל איז „אַלט", בעהענדע, כאָטשע ס׳קומט אַרױס פון „האַנד" אאַז״ו.

אָבער נישט נאָר די איינצלנע ווערטער זענען ווי אין אַ תוהו־ובוהו, אפילו אַלגעמיינערע ציגע, אַפילו דער דקדוק, די דאָזיקע אײַזערנע רינגען וואָס האַלטן צונויף דאָס כאַאָס פון ווערטער, זענען שטאַרק דורכגעזעצט מיט פרעמדע יסודות. פון פלעטע איז *פלעטיסט*, פון באַדען—*באַדענזער*, פון קאַנט—*קאַנטיאַנער*, פון פּיפּיג—*פּיפּיקוס*, פון שווידערן—*שווידערעז*, לויטער לאַטײַנישע פאָרמען. ווידער אין אַנדערע פאָרמען הערט מען דאָס עכאָ פון פראַנצייזישע אײַנפליסע. אַזוי האָט דער דײַטש פון יענער זײַט פון די וואָגזן איבערגענומען אַלע פאָרמען אויף „־ירען" ווי: *דראַנגזאַלירען*, *שטאָלצירען*, *גאַסטירען*, *גלאַזירען*, אאַז"וו, ווײַטער אַלע אויף „־ײַ" ווי: *פישערײַ*, *בעקערײַ*, *אויסקונפטײַ* אאַז"וו. ווײַטער אויף „־אַזש" (age) ווי פאַסטאַזש אאַז"וו.

ס'וואָלט אויסגעקומען גאַנצע בייגן צו פילן, ווען איך זאָל וועלן אויפציילן די אַלע פאָרמען און פראַזן און רעדנסאַרטן, וואָס דער דײַטש פאַרדאַנקט זיי גאָר צו פרעמדע. דאָס דײַטשע לשון, טראָץ דעם אויסענווייניקן אויסזען, איז אַ אַמאַלגאַמאַ. דער דײַטש האָט גאָר קיין שום רעכט זיך צו רימען מיט דער ריינקייט פון זײַן שפּראַך. אמת, אַז אַנדערע אורשפּרינגלעכע לשונות פון קולטור־פעלקער זענען אויך נישט בעסער, ווען נישט ערגער, באַשטעלט, און אַלע זענען ביז אויף דעם גרונד זשאַרגאָניזירט; אָבער וואָס שטאָלצירט דער דײַטש, וואָס קוקט ער אויף אונדז מיט אויגן פון גאווה און וואַרפט אונדז פאָר, אַז דווקא אונדזער לשון איז אַ זשאַרגאָן, איז „דער זשאַרגאָן"? די וויסנשאַפט קען נישט קיין פּריווילעגיעס. קיין טאָפּלט מאָס איז נישט פאַרהאַנען. אָדער זענען אַלע שפּראַכן, וואָס זיי פעלט די אורשפּרינגלעכע ריינקייט, זשאַרגאָנס, דעמאָלט איז אויך די דײַטשע שפּראַך אַ זשאַרגאָן,—אָדער קיין איינציק איז נישט קיין זשאַרגאָן, און אונדזער יידיש איז אַ לשון ווי אַלע. גערעכט מוז מען זײַן.

די אַנטוויקלונג פאַרדאַרבט און פאַרמישט. לפי זה אַליין וואָלט דאָס יידיש שוין באַדאַרפט דאַרשטעלן אַ העכערע מדרגה אין דער אַנטוויקלונג. און דאָס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס. איך וועל פּרוּוון דאָס צו באַווײַזן.

דאָס פאַרהעלטניס פון דעם יידישן צום דײַטשן איז אַ סך מאָל אַנאַלאָג צו דעם פאַרהעלטניס פון די ראָמאַנישע שפּראַכן צום לאַטײַניש. און אַזוי ווי די ראָמאַנישע שפּראַכן זענען אַ היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דעם לאַטײַנישן, שפּעציפיש צו די פעלקער וואָס האָבן דאָס לאַטײַנישע אָנגענומען, אַזוי איז אויך דאָס יידישע אַ יודאַיזירטע עוואָלוציע פון דעם דײַטשן לשון. דאָס יידישע נאָמען (שם דבר) קען נישט קיין דעקלינאַציע, אַחוץ בײַ ווערטער וואָס באַצייכנען אַ מענטש. דער ייד זאָגט: *דער טיש*, *פון דעם טיש*, *דעם טיש*, און „טיש" בלײַבט טיש אָן אַ שינוי.

דאָס זעלבע גופא קאָנ'מיר זען בײַ די טעכטער־שפּראַכן פון רוים. דאָס פראַנצייזישע, איטאַליעניש, שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע אאַז"וו האָבן נישט

קיין שום דעקלינאַציע. דער מאַנגל פון אַ דעקלינאַציע איז אַ אַנטוויקלונג. די רײַכסטע פלעקסיע געפינט זיך בײַ אַ אינדיאַניש שטאַם אין צפון-אַמעריקאַ (די אַלגאָנקינס), ווו אַפילו די פּרעפּאָזיציעס (יחס השם) און די אַדווערביען (תואר הפעל) זענען פלעקסירבאַר. דאָס שוואַך אַנטוויקלטע פאָלק פון די באַסקן האָט צוועלף פעלע בײַ דעם נאָמען, די אוגראָפינישע פעלקער ביז צוואַנציק פעלע, דער סאַנסקריט אַכט (מיט דעם וואָקאַטיוו), דאָס סלאַווישע זיבן, דאָס לאַטײַנישע זעקס, דאָס גריכישע און דאָס אַלטהויכדײַטשע פינעף, דאָס הײַנטיקע דײַטשע פיר, דאָס אַראַבישע דרײַ, דאָס העברעיִש טיילווײַז צוויי אאַז״וו. כסדר אַ פאַרמינדערעכץ.

בעסער נאָך קענען מיר דאָס זען, אַז דער פּראָגרעס פון דער קולטור מינדערט דאָס פלעקסירעכץ פון שפּראַכן, אַז אונדז וועל׳מיר באַטראַכטן די היסטאָריע פון איינצלנע שפּראַכן. דאָס לאַטײַנישע האָט אין דעם פאָלקסלשון (lingua rustica) פאַרלוירן דעם געניטיוו, אין דעם אַלטפראַנצייזישן און אין דעם רומענישן האָט זיך די צאָל פון די פעלע אויף צוויי פאַרמינדערט. די הײַנטיקע ראָמאַנישע שפּראַכן (אַחוץ דעם רומענישן) האָבן שוין גאָרנישט קיין פעלע. דאָס אַלטגריכיש האָט פאַרלוירן אין דעם נײַגריכיש דעם דאַטיוו. דאָס אַנגלזעקסיש האָט אין דעם ענגלישן אָנגעווירן אַלע פעלע ביז אויף דעם געניטיוו. דאָס נײַפּערזישע האָט אויך נישט, אין געגנזאַץ צום אַלט-פּערזישן, קיין דעקלינאַציע, אַפילו דאָס עספּעראַנטאָ וויל אָפּשאַפן אַלע פעלע אַחוץ דעם אַקוזאַטיוו.

די ראָמאַנישע לשונות זענען אַנאַליטיש. שטאָט ווי דער דײַטש זאָגט סינטעטיש, דאָס הימעלס-בלוי אָדער דאָס בלוי דעס הימעלס, זאָגט דער פראַנצויז l’azur du ciel (du=de le), אַזוי אויך דער ייִד: דאָס בלוי פון דעם הימל, די גרעסע פון דער וועלט, די העל-קייט פון דער זון, דאָס תקיפות פון דעם פּריץ אאַז״וו. דאָזיקע אַנאַליטישע עלעמענט איז אויך פאַר די דײַטשע דיאַלעקטע כאַראַקטעריסטיש. דאָס ייִדישע האָט דאָס קאַראַקטעריסטיש בשותפות מיט דעם פראַנצויז, אַז ס׳איז אין אים כמעט נישט מעגלעך צוזאַמענגעזעצטע ווערטער צו מאַכן (nomina composita).

הויכאַנטוויקלטע לשונות זענען נישט מדקדק צו מאַכן אַ חילוק צווישן מינים. די סעמיטישע לשונות, ווי די הײַנטיקע ראָמאַנישע, קענען נור צוויי מינים (זכר, נקבה), דאָס נעוטרום קענען זיי נישט. דאָס ענגלישע און דאָס פּערזישע האָבן נור איין מין, וואָס דינט פאַר ביידע געשלעכטער. די פעלקער וואָס האָבן זיך אַם פריסטן אויפגעכאַפּט צו קולטור, ווי די כינעזן, די סומער-יער (וואָס האָבן געבליט פאַר די באַבילאָניער), די דראַווידאַס (וואָס זענען עלטער פון די סאַנסקריט-אינדער), האָבן אין זייערע אַגלוטינירנדע לשונות אין היסטאָרישע צײַטן אויך נאָר איין איינציק מין. דאָס ייִדיש האָט צוואַר נאָך נישט פאַרמאָגט גאַנץ אָפּצושאַפן די געשלעכטער, די צײַט איז נאָך גע-

וועון צו קורץ, עפּעס האָט ער שוין אין דער הינזיכט געטון. די פּאָסעסיוו=
פּראָנאָמינאַ מאַכן נישט קיין חילוק צווישן די מינים. מען זאָגט מײַן טיש,
מײַן שאַפע, מײַן הויז; דײַן טיש, דײַן שאַפע אאַז"וו. דאָס נומעראַלע
„איין" איז אויך גלײַך אין דעם נישט אָנערקענען פון מינים: איין טיש,
איין שאַפע, איין הויז. די נאָמינאַ וואָס האָבן אַ פלעקסיע דעקלינירן, אַז
מיר וועלן אָוועקקוקן פון דעם אַרטיקל, גלײַך מענלעך ווי ווײַבלעך ווי זעכ=
לעך: משה, משהס, משהן; חנה, חנהס, חנהן; דאָס ייִנגעלע,
ייִנגעלעס, ייִנגעלען אאַז"וו.

ס'איז נאָך צו ווייניק צײַט ווי דער ייִד שמועסט ייִדיש, אַז עס זאָל
אים געווען קענען געלינגען דאָס פּרינציפּ דורכצופירן. דער דאָזיקער האַנג
אָבער האָט באַווירקט, אַז דער ייִד איז גאַנץ ווילקירלעך פאָרגעגאַנגען; ער
האָט גאָרנישט געקוקט, אין אַ וואָס פאַר אַ געשלעכט איז אַ וואָרט אין
דײַטשן, און האָט נישט מדקדק געווען וואָס פאַר אַ אַרטיקל צו געבן. דער
ייִד זאָגט: דער (דאָס) שלאָס, דער (דאָס) דאַך, די (דער) באָרט, דער
(דאָס) טויער, דער (דאָס) בוך, די (דער) צווייג, די (דאָס) שיף, די
(דאָס) שווערט, דער (די) לאָמפּ, דער (די) לאָמטערן אאַז"וו—אַלץ
פאַרקערט ווי אין דײַטשן. אין ליטוואַקישן דיאַלעקט איז מען ביי דעם אַ סך
קאָנסעקווענטער און מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס נעוטרום.

דער ייִד האָט אַ טבע אויס דײַטשע אייִנפאַכע וואָקאַלע טאָפּלטע
(דיפטאָנגע) צו מאַכן, ווי למשל „וואָס" רעדט דער ייִד אויס ווועס, „צאָל"—
צויל, „שאַלע"—שויל אאַז"וו. ענלעך גייט פאָר דער איטאַליענער, וואָס
ער האָט פון buono—bonus געמאַכט, פון fuoro—forum אאַז"וו. ענלעכער
נאָך און געטרייער פאַרטאָפּלט די וואָקאַלע דער שפּאַניער: דאָס לאַטײַנישע
novus למשל איז ביי אים nuevo געוואָרן, ruedo—rota אאַז"וו.

טייל פאָנעטישע ציגע אין ייִדישן, וואָס מען האַלט זיי פאַר שטומפּיק
און פאַר אַ אויספלוס פון פאַרדאָרבנקייט, פון פאַרגרעבטער פוילקייט, זענען
נישט אַנדערש ווי אַ אַנטוויקלונג און קאָנסעקווענטע פאָרטזעטצונג פון אמת=
דיקע דײַטשע געזעצע פון דער פאָנעטיק. דער ייִד זאָגט אויף דעם אָרט
פון „געלויפען" אייגנטלעך גילאָפן, פון „געפאַלען"—גיפאַלן אאַז"וו. מען
וואַרפט אַ סך מאָל דורכדעם פאָר, אַז דער ייִד פאַרשלינגט כאַפּנדיק ווער=
טער, אַז די הויפּט=מידה פונעם ייִדישן איז דאָס פאַסקודנע אַקצענטויִרעכץ.
דאָס כאַפּנדיקע, דאָס שלעכטע אַקצענטויִרעכץ איז לויט דעם ריכטיקן אמת
אַ גרונדצוג פון דער נײַהויכדײַטשער שפּראַך, וואָס אונטערשיידעט זי פון אירע
פריערע אַנטוויקלונגס=שטאַדיען, און ס'איז גאָר נישט ייִדיש. אין מיטלהויכ=
דײַטשן פלעגט מען צו זאָגן למשל: gilungan, vogal, siban, gigeban, דע=
רייס האָט דער נײַהויכדײַטש געבילדעט gelungen, vogel, sieben, gegeben.
איבעראַל דאָס לאַנגע, ברייטע „a" אויף אַ „e" פאַרקירצט, און ס'איז נישט
מער געווען ווי אַ ווײַטערער, קאָנסעקווענטער שריט דאָס „e" גאַנץ צו פאַר=

טײַליקן. דער ייד האָט פֿאַרשטאַנען דעם יסוד פֿון דעם לשון, און ער האָט געוווּסט ריכטיק זײַן ערוואָרבן דיאַלעקט אויף דעם וועג פֿון פּראָגרעסיווער עוואָלוציע צו פֿירן.

III

דער ייד האָט אין דער ווײַטער פֿרעמד זיך אַ לשון אָנגעאייגנט. ער איז נישט געווען קיין שקלאַוו פֿון די דײַטשע יסודות. ער האָט דעם פֿרעמדן שטאָף פֿאַרדײַעט, אויסגעבויט, אַנטוויקלט, ביז ס'האָט זיך אַ נײַע יידישע סינטעזיס אַרויסקריסטאַליזירט. דאָס זעט מען אַם בעסטן נישט דאָרט ווו מען זעט אַ אַלגעמיינע רעגל פֿון עוואָלוציע, — אַ סך בעסער דאָרט, ווו די דײַטשע שפּראַך האָט חסרונות און דער ייד האָט זיי אויף אַ אייגן אופֿן אויסגעפּילט.

אינעם דײַטשן איז נישט קיין חילוק בײַם פּלוראַל (לשון רבים) צווישן דעם ערשטן און צווישן דעם דריטן פּאַרשוין. מען זאָגט: „ווי ר געבען", „זי י געבען", און „געבען" ענדערט זיך נישט (דאָס אַלטהויכדײַטשע — געבאַמעס, געבאַנט, דאָס מיטעלהויכדײַטשע — געבען, געבענט). דאָס יידיש (וואָס שטיצט זיך נישט אויף עלטער דײַטש, ווי דער עולם קלערט, נאָר פּאַרקערט אויף דעם נײַ־הויכדײַטשן) האָט אַ אייגענע פֿאָרם אײַנגעפֿירט. מען זאָגט אונדז גיב'מיר און זיי גיבן; אַזוי: אונדז לויפֿ'מיר, אונדז רײַט'מיר, אונדז שרײַב'מיר, אונדז גלייב'מיר אאַז"וו.

דער דײַטש קען נישט קיין צווישנשייד צווישן דעם צווייטן פּאַרשוין פּלוראַל (לשון רבים) און דעם פּלוראַל בײַ דעם אימפּעראַטיוו (צווי): „איר שרײַבעט"—„שרײַבעט", „איר קויפֿעט"—„קויפֿעט". דער ייד גיבט צו אַ „ס" בײַ דעם אימפּעראַטיוו און זאָגט עך שרײַבט און שרײַבטס, עך קויפֿט און קויפֿטס אאַז"וו.

אַ ענלעכע דיפֿערענציאַציע זע'מיר בײַ דעם וואָרט „ווירד". דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אין דײַטשן אַ טאָפּלטע טײַטש. איינמאָל באַדײַטעט „ווירד" אין דעם זין פֿון געשען, למשל: „איך ווערדע פּריסטער" (fio sacerdos), און איינמאָל ווידער אין דעם זין, אַז ס'וועט זײַן, למשל: „איך ווערדע פּריסטער זײַן" (ero sacerdos). דער ייד זאָגט איינמאָל „איך ווער (ווער) פּריסטער" און קאָניוגירט איך ווער (וועיער), דו ווערסט (וועיערסט), ער ווערט (וועיערט), אונדז ווער (וועיער) מיר, עך ווערט (וועיערט), זיי ווערן (וועון); דאָס אַנדערע מאָל זאָגט דער ייד: „איך וועל פּריסטער זײַן" און קאָניוגירט: איך וועל זײַן, דו וועסט, ער וועט, אונדז וועל'מיר, עך וועט, זיי וועלן זײַן.

דער דײַטש זאָגט איר דרײַפֿאַך. איינמאָל ווען ער וויל זאָגן פֿעמינין (לשון נקבה) בײַ פּאָסעסיוו־פּראָנאָמינאַ: „דאָס הויז פֿון חווה—איר הויז".

אַ אַנדער מאָל, ווען ער וויל זאָגן פּלוראַל בײַ די זעלבע פּראָנאָמינאַ אויף דריטע פּאַרשוינען: „דאָס הויז פון די סוחרים“—„א י ר הויז“. אויסערדעם, אַז דער דײַטש וויל זאָגן פּלוראַל (לשון רבים) אין דעם צווייטן פּאַרשוין בײַ פּערזאָנאַל־פּראָנאָמינאַ, באַניצט ער אויך דאָס וואָרט „איר“: „וויר, א י ר, זי“. דער ייד זאָגט אין דעם ערשטן פאַל גלײַך ווי דער דײַטש „א י ר הויז“. אין צווייטן פאַל האָט דער ייד זעלבשטענדיק אויס דעם פּלוראַל „זיי“ געמאַכט „ז י י ע ר“: „זייער הויז“. אין דריטן פאַל זאָגט דער ייד „ע ך“.

נישט תמיד איז דער ייד אויסן געווען אויף חילוקים. דאָרט ווו דער דײַטש האָט געמאַכט איבערפליסיקע חילוקים איז דער ייד פאָרגעגאַנגען סינ־טעטיש און ער האָט פאַראיינהייטלעכט. דער דײַטש קאָניוגירט נישט־רעגל־מעסיק „איך ווייס“ און „וויר וויסען“, „איך דאַרף—וויר דירפען“, „איך מאַג—וויר מעגען“ אאַז״וו. דער ייד זאָגט גלייך: איך ו ו י י ס—אונדז ו ו י י ס׳ מ י ר, איך ד אַ ר ף—אונדז ד אַ ר פ׳ מ י ר, איך מ ע ג—אונדז מ ע ג׳ מ י ר.

די דײַטשע הילפסצײַטווערטער (אויקסיליאַרע ווערבן) זעען ווונדערלעך אויס: „וויר זינד, איר זײַד, זי זינד“. וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג פאַרבינדט זיי? דער ייד האָט גענומען דאָס ווערב (פּעל) „זײַן“ און ער האָט פון זיך געבילדעט: „אונדז ז ײַ נ׳ מ י ר (זענ׳מיר), עץ ז ײַ נ־ט (זענט), זיי ז ײַ נ־ע ן (זענען), אַזוי ווי פון „קוקן“: „אונדז קוק׳מיר, עץ קוקט, זיי קוקן“.

די דײַטשע אַדווערביען האָבן אַ פאַרקערט פּנים: וואָפיר, וואָצו, וואָרום אאַז״וו. דער ייד זאָגט נאַטירלעכער: פ אַ ר ו ו אָ ס, צ ו ו ו אָ ס אאַז״וו.

שטאַרק און מיט שכל האָט דער ייד דורכגענומען די פון גערמאַניען צוגעקומענע עלעמענטע. איבעראַל האָט דער ייד מיט זײַן קלאָרן פאַרשטאַנד געווירקט, געמאַכט אָרדנונג, העלקייט פאַרשפּרייט. די קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער דער ייד האָט זײַנע נײַערונגען מיט דער שפּראַך פאַראייניקט, איז זייער אינטערעסאַנט און וואַרפט ליכט אויף דער קראַפט פון דער סינטעזיס. ענלעך ווי אין סלאַווישע לשונות, האָט דער ייד אײַנגעפירט דעם דעמינוטיוו (אימינוטיוו) פאַר אַלע זאַכן פון דעם טעגלעכן געברויך, למשל: ד אָ ס ב י כ ל, ד אָ ס פ ל ע ש ל, ד אָ ס ז י י ג ע ר ל, ד אָ ס ג ל ע ז ל אאַז״וו. די ענדונג פון „־ל“ פאַר פאַרקלענערונג עקסיסטירט אין טייל דײַטשע דיאַלעקטע, אָבער זיי זענען אין קיינעם איינציקן אַזוי ווײַט פאַרברייטערט ווי אין יידישן.

דאָס יידישע האָט דורך זײַן אייגנאַרטיק דעמינוטיוו אַ פאַרברייטעטע פאָרם אויף „־ל“ דערהאַלטן, וואָס זײַן מין איז נעוטרום. דאָס יידישע האָט אָבער קיין האַלבקייטן נישט געקענט. אַלע דײַטשע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך פשוט צופעליק אויף „־ל“, אין וועלכן געשלעכט זיי מעגן זײַן, האָט דער ייד פאַראיינהייטלעכט מיט דער דעמינוטיוו־פאָרם און געמאַכט פאַר נעוטרום, ווי למשל: ד אָ ס (דער) צ ע ט ל, ד אָ ס (די) ז ע מ ל, ד אָ ס (דער) ד ע ק ל, ד אָ ס (דער) ו ו ע ק ס ל, ד אָ ס (דער) אַ ר ט י ק ל אאַז״וו.

דער ייד איז נישט געווען קיין דאָרשטיקע גאָמבקע, וואָס זאַפּט אין

זיך איין אָן כּוח אַלעס וואָס איז דערנעבן. דער ייד איז געווען אַ פּריץ איבער דאָס פרעמדע מאַטעריאַל, אַפילו דער פרעמדער פשוטער סענס (זין) פון די ווערטער האָט זיך נישט דערהאַלטן. זייער אַ סך מאָל איז דאָס דײַטשע וואָרט געווען פאַר דעם ייד אַ ליידיק געקלינגל, וואָס מען קען אין אים אַרײַנברענגען וואָס פאַר אַ טײַטש ס׳איז אָנגעמעסענער פאַר דעם יידישן שפּראַכגייסט.

איך וועל אַ פּאָר בײַשפּילע ברענגען פון זאָלכע ווערטער, וואָס האָבן איבערגעביטן דעם טײַטש. א י י ד ל באַדײַט אויף דײַטש „מיוחסדיק", אויף יידיש „דעליקאַטנע", „צאַרט"; ג אָ ג ן, דײַטש „גריזשען", יידיש „זייגן", „ציצקען"; ש מ ע ק ן (געשמאַק האָבן), יידיש „ריכן"; פ אַ ר ז ו כ ן (פּראָבירן), יידיש „קאָסטן", „טועם זײַן"; ב י י ז (שלעכט), יידיש „בעל־כּעס"; ק ל ע ר ן (קלאָר מאַכן), יידיש „דענקען"; ז ע צ ן (נידערזעצן), יידיש „פלאַנצן"; ה ו י ל (ליידיק, פּרוזשנע), יידיש „נאַקעט"; מ ע ג ן (קאָנען, אימשטאַנד זײַן), יידיש „מותר זײַן", ב אַ ה אַ ל ט ן (עפּעס מעסט האַלטן), יידיש „פאַרבערגן"; מ י ל ד (אַ גוט האַרץ האָבן), יידיש „פרײַגעביק"; אַאַז"וו אַאַז"וו.

דאָס יידיש איז אַ איינהייטלעך קריסטאַליזירט לשון, מיט אַ שטאַרקער אינעווייניגדיקער קאָנסאָלידאַציע און מיט אַ קרעפטיקער אויסנווייניגדיקער פאַראַרבעטונג. די קעגנערס פון דעם יידישן, אַז זיי ווילן ווײַזן אַז יידיש איז נאָר אַ פאַרמישטער זשאַרגאָן, ברענגען זיי ראַיות, אַז אויף אַ סך באַגריפע זענען דאָ איבערפליסיקע סינאָנימע פון פאַרשידענע לשונות, אַז דער ייד, ווו ער איז געווען, האָט ער געכאַפּט ווערטער אָן אַ באַדאַרף, און זײַן לשון איז דורכדעם נאָר אַ כאַאָטיש צוזאַמענקלעבעכץ.

למשל, מאַכן זיי חוזק, דער ייד זאָגט: ח ו ש ך און ט ע מ נ י און פ י נ צ ט ע ר אויף איין און דער זעלבער זאַך. צום ערשטן דעקן זיך נישט די דרײַ ווערטער, ס׳זענען דאָ פײַנע חילוקים צווישן זיי. פ י נ צ ט ע ר איז אַ פיזישע באַצייכנונג, אַז ס׳לײַכט נישט די זון און ס׳איז טונקל. ח ו ש ך האָט אין יידישן נאָר אַ איבערטראָגענעם טײַטש, אַז ס׳איז טרויעריק און שלעכט. ט ע מ נ י איז די זעלבע מעטאַפאָרע, נאָר שטאַרקער, אַז ס׳איז גאָר שלעכט.

נישט קיין צוזאַמענקלעבעכץ, נאָר סובטילע פײַנקייטן און קלאָרע אָרדנונג זע׳מיר פאַר אונדז.

און צווייטנס, אַפילו מען זאָל נישט קאָנען נאָכווײַזן דעם איידעלן שפּראַכלעכן אינסטינקט ווי די יידן האָבן אים באַוויזן, איז אויך נאָך גאָר נישט קיין ראַיה פאַר דעם בוי פון דעם לשון.

יעדעס לשון וואָס האָט אַ סך דיאַלעקטע אָדער ס׳איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון אַ סך קולטורן גייט איבער פון נישט־נייטיקע סינאָנימע. למשל אין דײַטשן האָט ס מ ע ט ע נ ע פיר אויסדריקע, וואָס ס׳איז צווישן זיי גאָר נישט קיין חילוק: „ראַהם" וואָס איז הויכדײַטש, „אָבערס", וואָס איז פון דעם מזרח־דײַטשן, „סמעטען" וואָס איז גענומען פון דעם סלאַווישן, „קרעם־

וואָס איז אַ פראַנצייזיש וואָרט. אַ פאַרטײַטשער קען ווערן גערופן: איבערזעצער, דאָלמעטש (סלאַוויש), דראַגאָמאַן (טערקיש). אַ קוימען הייסט „רויכפאַנג", „קאַמין" (לאַטייניש) „שאָרנשטיין" (האַלב סלאַוויש) אאַז"וו.

אַקעגן דער שפּראַכלעכער זעלבשטענדיקייט פון דעם יידישן וואָרט פאָרגעוואָרפן, אַז פאַר אַ גאַנצער שרעגע פון זאַכן פעלן ווערטער און דער ייד מוז זיי הײַנט נעמען פון די פעלקער וואָס רינגלען אים אַרום. אַ לשון וואָס איז אָנגעוויזן אויף פרעמדע לשונות תמיד, זאָגן זיי, קען קיינמאָל קיין אמתדיק לשון נישט ווערן, בלײַבט תמיד אַ מיש־שפּראַך, אַ זשאַרגאָן. אַז דער ייד וויל רופן אַ בוים, רופט ער ווי די הײַנטיקע פּאָליאַקן (סאָסנע, יאָדלע, אָלכע אאַז"וו); אַז ער וויל האָבן נעמען פאַר בעלי־מלאָכות, מוז ער נעמען פּוילישע אויסדריקע (סטאָליער, צעשלע, קאָוואַל אאַז"וו).

ס'איז ליידער אמת. אָבער דאָס איז אַ ווײַט פאַרברייטעטע ערשײַנונג, אַז אַ פאָלק וואָס טרעפט זיך צוזאַמען מיט ענינים, וואָס ס'האָט פריער נישט געקענט, נעמט איבער מיט די דאָזיקע נײַע ענינים אויך די נעמען וואָס זיי האָבן אין דער פרעמד. דער דײַטש האָט די גרונדלאַגע פון זײַן קולטור אין דער פרעמד גענומען, בכן ווערט אין זײַן שפּראַך די גאַנצע גייסטיקע און טעכנישע קולטור בלויז מיט פרעמדע ווערטער אויסגעדריקט. פון דער פראָסטער אײַנריכטונג פון דער היים (טיש, פענסטער, פּפאָסטן, קיכע אאַז"וו) ביז צו דער בילדונג (שולע, בוך, בריף, דיכטער, שרײַבען, שטודירען אאַז"וו), ביז צו דער ממשלה דער געאָרדנעטער (קייזער, רײַך, אַמט, אָרדנונג, בעצירק, גרענצע, מיליטער, אָפיציר, זאָלדאַט, קאַזערנע אאַז"וו) זענען לויטער ווערטער, וואָס זענען געקומען פון דעם אויסלאַנד.

אויך הײַנט קען מען ווײַזן, ווי פאַר גאַנצע קאַטעגאָריען קומען לויטער פרעמדע ווערטער אַרײַן. דער שפּאָרט האָט איבעראַל לויטער ענגלישע אויסדריקע, די מאָדע און די קיך פראַנצייזישע, דאָס רעכט לאַטײַנישע, די מעדיצין און זאָגנסט די וויסנשאַפט צומייסט גריכישע.

זיך אָנלענען אויף נישט־אייגענע לשונות בײַם איבערנעמען פון נישט־היימישע זאַכן איז גאָר נישט קיין עוולה. די אונגאַרן האָבן פאַר דאָס האַנטווערק און דעם גאָרטנבוי לויטער פרעמדע ווערטער, ווײַל זיי האָבן פריער קיין גערטנער און קיין וואַרשטאַט נישט געקענט, איידער זיי זענען צוזאַמענגעקומען מיט די פעלקער וואָס האָבן אויף זיי דעם דאָזיקן שפּראַכלעכן אײַנפלוס אויסגעאיבט. אַזוי האָבן די פראַנצויזן פאַר מיליטערישע און יעגערישע ענינים ס'רוב אַראַבישע ווערטער.

פרעמדווערטער שטאַמען כמעט תמיד פון דעם, אַז אַ פרעמדשפּראַכיקע קולטור ברענגט נײַע, פריער נישט־באַקאַנטע זאַכן. אַ פּוילישער געלערנטער אַלעקסאַנדער בריקנער האָט אַמאָל געפּרוווט די גאַנצע היסטאָריע פון דער פּוילישער קולטור לויט די פרעמדע ווערטער אויפצובויען, און ער האָט געהאַט נישט קיין שלעכטן סוקצעס (ערפאָלג).

נישט פאַרדעם ווײַל דאָס יידישע איז אַ נישט זעלבשטענדיק, נישט קיין אַנטוויקלט לשון מוז דער ייד זיך פאַר געוויסע קאַטעגאָריען ווערטער לײַען. נאָר פאַרדעם ווײַל דער ייד אין גלות האָט געפירט אַ איינזײַטיק לעבן, האָט ער פאַר געוויסע ענינים, ווי האַנטווערק און וואַלד, וועלכע זענען פון זײַנעטוועגן גלײַכגילטיק געווען, גאָר נישט קיין פלאַץ איבערגעלאָזט אין זײַן אַחוץ דעם דורכגעאַרבעטן און אויסגעבויטן לשון. נישט קיין פאַרפאַל און קיין פאַרפוילטקייט איז חייב דאַרן, נאָר דאָס ענגקייט פון דעם געטאָ.

IV

— נו, וועט עמעצער זאָגן, אַ לשון וואָס איז געבוירן אין דעם ענגן געטאָ, וואָס האָט אין זיך אַרײַנגעסאַפּעט די שטיקעדיקע לופט פון די פאַרשימלטע קעלערס אין די קליינע יידישע געסלעך, איז אַ לשון וואָס ס'איז זיך נישט ווערט מיט אים מטפל צו זײַן. וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָ אין אַ לשון, וואָס מען אײַנווענדן, פון וועלכן די וויג איז נישט געשטאַנען אין וועלדער און פעלדער אין דער ברייטער פרײַקייט און דער אָטעם פון די לאָנקעס האָט זי נישט דערפרישט, נישט דורכוויאַיעט מיט ריח פון רויזן און טשאַטשקעלעך, ליליען און פיאָלקעס, נישט דורכגעקלונגען מיט זיסע מעלאָדיען פון פייגעלעך.

עלנט און צער, אויסגוויינענדיקע פאַרשקלאַווונג און דערנידריקונג, שמערץ און קוואַל מאַכן נאָך נישט קיין לשון הויל און נידריק און אינעווייניק ענג. אויס דעם גליענדיקן קעסל פון צרות גייען שטאַרקע מענטשן אַרויס, געלײַטערט ווי אײַזן, קלאָרער, רייגער, פעסטער. די געפײַניקטע נשמה, אַז זי איז גרויס, שרײַט אויס זאַלבע טיפענישן, אויס אַזוינע פאַרבאָרגענע אָפּגרונדן, פון וועלכע ס'חלומט זיך נישט דעם מפונק וואָס ער לויפט נאָך פינקלדיקע מאָטילעס, וואָס ער יאָגט נאָך לײַכטיקע ווערמלעך, וואָס ער שוועבט אין הוילן גלאַנץ און אין ליידיקן פליטער.

די ענגע באַדריקונג פון דעם געטאָ האָט נאָך געשטײַגערט און קאָנצענטרירט אונדזערע כוחות.

די פוילישע ליטעראַטור פון דעם נײַנצעטן יאָרהונדערט, די בליט פון דעם פוילישן גייסט, איינע פון די הערלעכסטע רויזן אין גאָרטן פון דער אייראָפּעישער פּאָעזיע, איז אַ קינד פון צער, פון קאַטאָרגע, פון ענגע קאָזשעניעס. דער שענסטע טייל פון דעם פוילישן גייסט איז אַ קלאָג־געשריי אַקעגן טיראַנײַ, איז אַ זייפצער געוואַלטיק טיף, איז אַ סימפּאָניע פון יעמערלעכע קריצן פון אַ דערדריקטן און געקאָפּעטן. און איז די דאָזיקע ליטעראַטור פון ליידן נישט קיין גרויסע ליטעראַטור? איז דאָס דער שכר, אַז נישט געניג מען לײַדט יסורים און מען איבערדויערט דאָס באַרבאַרישע גיהנם, אַז מען זאָל דערצו הערן: די יסורים האָבן דײַן אײַזערנע נשמה פאַרזשאַווערט, דײַנע זעלישע כוחות גענומען?

אויס פאַרשימלטע קעלערס און טונקעלע אוליצעס קען מען אויך זשע־

ניאַל שרײַען, קען מען אויך מיט טאַלענט זײַנע כּוחות זאַמלען און שטיל און פאַרבאָרגן שפּיגען דאָס שענסטע געוועב. ליטעראַטור פון צער, פון פײַנענדיקער פאַרמאַכטקייט אין אַ שמאָלער אַטמאָספערע פון שטעטלעך, איז נאָך נישט קיין פּחיתת-הכּבוד. קאָנצענטרירט גאַז האָט אין זיך ענערגיע פון וואולקאַנען.

שטאָט-לעבן מאַכט נישט טויט און קיין לשון פאַרשרומפּן. דער גרעסטער בוקאָלישער דיכטער פון דעם אַלטערטום איז געבוירן אין סיראַקוז, געטע איז אַ קינד פון דעם יידישן פראַנקפורט, דאַנטעס וויג איז אין פלאָרענץ געשטאַנען. די גרעסטע פּאָעטן זענען, אין געגנטייל, געבוירן אין דער שטיקעדיקער לופט פון די שטעט, און זייער פרישקייט און נאַטירלעכקייט האָט גאָר דאַדורך נישט געליטן.

— דאָס יידישע פאָלק לעבט אָבער כּמעט אינגאַנצן אין שטעט, הערט מען מתוכּח זײַן, איז די פאַנטאַזיע פאַר זיך שוין אָרעם, נישט פעיִק פאַר נאַטור-בילדער, פאַר שילדערונג פון לאַנדשאַפטן.

דעם פאָרוואורף קען מען פּשוט ווידערלייגן דאַדורך, אַז די יידישע ליטעראַטור אַנטהאַלט אין זיך הײַנט אַ סך באַשרײַבונגען פון נאַטור, און דער חסרון איז מער אַ אײַנגעבילדעטער, און ווען ער איז אַפילו אַמאָל געווען, האָט זיך שוין דער חסרון אויסגעפילט.

ווען מען זאָל אַפילו פון דעם וועלן אַבסטראַהירן, איז דער חסרון פון נאַטור-בילדער נאָך גאָרנישט קיין ראיה. נאַטור-בילדער זענען גאָר נישט קיין תּנאַי פאַר שיינקייט און נאַטירלעכקייט פון אַ לשון. די קלאַסישע ליטעראַטור פון די רוימער און פון די גריכן קען זיך נישט רימען מיט קיין איינציק וואָרט, וואָס זאָל שילדערן די הערלעכקייט פון דער נאַטור. האָמער געפינט פאַר נייטיק אויסצומאָלן אויף גאַנצע זײַטן די ריסטונג פון זײַנע העלדן, און פאַר דער אייביקער וויאָסנע פון דעם העלענישן הימל האָט ער נישט קיין וואָרט. צעזאַר האָט באַשריבן די גאַלישע מלחמה וואָס ער האָט אין די אַלפּן געפירט, און ס׳פאַלט אים קיין איינציק מאָל נישט אײַן צו דערציילן איבער דער פּראַכט פון די גלעטשער, איבער דער געוואַלדיקער מאַיעסטעט פון די בערג. אַלעקסאַנדער הומבאָלדט אין זײַן ווערק „קאָסמאָס" וואָלט געקאָנט דעריבער באַלערן יעדן, וואָס ער איז פאַרבלענדט דורך דער הײַנטיקער ליטעראַטור-שטרעמונג און גלייבט, אַז וואָס הײַנט איז מאָדע, איז דאָס אַ אַבזאָלוטער תּנאַי.

— יאָ, נישט בלויז די נאַטור פעלט, עס פעלט דאָך אויך ליבע און פרייד!

אַזוי ווייניק ווי עס פעלט הײַנט אין דער יידישער ליטעראַטור נאַטור, פעלט אויך ליבע. ליבע איז אַ געפיל וואָס האָט תּמיד עקזיסטירט, כאָטשע די יידישע קאָנוועניענץ-חתונות האָבן צו דער ליבע קיין ממשלה געגעבן. חתונות אויס ליבע האָט נישט געקענט דער אַלטער גײך אַזוי ווייניק ווי דער הײַנטיקער יאַפּאַנער. ס׳איז געווען צײַטן, ווו אַפילו אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן זענען אַזוי געוואָרן פאַרפאַלמעצט דורך די קלויסטערס, אַז אויך אויס זיי איז אַרויסגעפלויגן די ליבע. צעזען, אַ דײַטשער שרײַבער אין זיבצעטן יאָר-

הונדערט, שרײַבט, אַז ער איז דער ערשטער דײַטשער פּאָעט, וואָס ער שרײַבט ליבעס־געשיכטן (די „מינע" האָט מען שוין דאַמאָלס געהאַט פאַרגעסן).

אָן ליבע מוז אַ ליטעראַטור דענאָך נישט פאַרדאַרט ווערן. ס'איז נישט קיין צוואַנג אַמאָר קרבנות צו ברענגען און מיט באַקכוס אַ טענצל צו פירן. ליטעראַטור, אַז זי איז אמתדיק, מוז זי די ציטערנישן פון דער נשמה מאָלן, מוז פאַרכישופן די כוואַליעס פון דעם האַרץ אין ווערטער, און אַז אונדזער פאָלק זאָל נאָר זײַן לײַדנדיקע נשמה ווידערגעבן, נאָר אויף ציפּערעסן זײַן פידעלע אָנלענען און אויס די סטרונעס שלאָגן טיפע, שמערצלעכע, עלעגישע אַקאָרדן, וואָלט דאָס שוין געווען אַ גענוג גרויסע ליטעראַטור.

און דענאָך, כאָטשע קיין שטראַל פון פרייד דערלײַכט נישט אויף דעם פאַרכמאַרעטן הימל פון דעם יידישן פאָלק, אינדיווידועלע פריידן פעלן נישט. און ליבע ווי ליבעס־שילדערונגען ווי ליבעס־פּאָעזיע איז גענוג פאַרברייטעט אין דער הײַנטיקער צײַט בײַ דעם יידישן פאָלק.

— יידיש, אַ פּראָדוקט פון שטעטלעך, מאַנגלט דער געזונטער צוזאַמענ־האַנג מיט דער נאַטור, וואָס איז אייגן די נאָרמאַלע לשונות; ס'איז אַ פּאַס־קו'ני מיאוס לשון, הערן מיר אַ פריש תּרעומות.

דער חסרון פון דעם צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַטור באַווײַזט זיך נישט ערגעץ אַנדערש אינערלעך. פאַר וואָס זאָל ער זיך באַווײַזן גאָר בײַ דער אויסנווייניקער פאָרם פון דעם לשון? דאָס שטומפּיקע אין יידישן, וואָס מען האַלט עס געוויינלעך פאַר אַ אייגנטימלעכער יידישער העסלעכקייט, האָב איך שוין אויבן באַוויזן, איז נישט יידיש. אין וואָס אויסערט זיך ווידער דאָס פּאַסקו'ניקייט? איז דאָס נישט קיין אַנטיסעמיטיש פּאָראורטייל, וואָס מען האָט אים אונדז סוגערירט? איבערהויפּט איז דער פאָרוווּרף פון העסלעכקייט לע־בערלעך און קינדיש, אַ סוביעקטיוו אורטייל, וואָס לאָזט נאָך גאָרנישט שליסן. אַז איינער איז נישט קיין אַדאָניס, איז ער נישט קיין מענטש? ווי קומט אַ געשמאַק־זאַך צו אַ אָביעקטיוו אורטייל? סאָקראַטעס, עזאָפּ, מענדעלסאָן, ווינדהאָרסט אאַז"וו זענען געווען קליינע פּאַסקו'נע מענטשלעך, און וואָס באַ־ווײַזט דאָס קעגן זיי? דאָס ענגלישע איז לויט דער אַלגעמיינער מיינונג פון אייראָפּאַ אַ העסלעך לשון, און דענאָך — האָט דאָס געשטערט, אַז שעקספּיר, מילטאָן, בײַראָן, שעללי אאַז"וו זאָלן אין דעם לשון זייערע מײַסטער־ווערק זינגען?

אינעווייניקער ווערט און אויסנווייניקער קלאַנג זענען פאַרשידענע ענינים. דאָס דײַטשע אַליין, דאָס לשון וואָס מען האַלט עס קעגן יידיש אַלס אַ מוסטער פון שיינקייט, האָט נישט פון אייביק אויף דאָס פּריווילעג פון שיינקייט. יוליאַן אַפּאָסטאַטאַ, דער פײַנגעבילדעטער רוימישער קייזער, דער־ציילט, אַז ער האָט געהערט אויף דעם ריין זינגען דײַטשן, זענען אים זייערע לידער פאָרגעקומען ווי דאָס געקרעכץ פון שרײַענדיקע רויבפייגל. די דײַטשע הומאַניסטן אַליין האָבן זייער מאַמע־לשון פאַר רוי און באַרבאַריש געהאַלטן

און זיך געשעמט אין אים צו שרײַבן. מען האָט באַדאַרפט פרעגן דעם גרויסן קיניג פון די פרײַסן פרידריך דעם צווייטן, וואָס ער האָט נאָר פראַנצייזיש געוואָלט לייענען און שרײַבן, וואָס ער האָט געהאַלטן פון דעם שטאָלצן יונקערדײַטשן. אויך די ראָמאַנישע פעלקער האָבן נישט קיין באַזונדערס הויכע מיינונג פון דעם דײַטשן.

— דאָס יידיש איז אָבער נישט=נאַטירלעך פאַסקו׳ני, הערט מען טיילמאָל זאָגן: עמעצער וואָס ער שמועסט יידיש פון יוגנט אויף קומט אים אָן שווער, אַז ער זאָל ריין שמועסן אַ מאָדערן לשון.

אמת בײַ די מייסטע מענטשן. אָבער דאָס איז דווקא נישט בײַ עמעצן וואָס ער שמועסט נאָר יידיש. בײַ יעדן פאָלק און בײַ יעדן לשון קען מען דאָס זאָגן. אַ דײַטש זאָל קענען שמועסן פויליש, וואָלט ער באַדאַרפט אויסגוצן זכות=אָבות, ער קאָן גאָרנישט די קלענגע משיג זײַן. ווער דערמאָנט זיך נישט די דערבע וויצלעך פון היינע אין דעם „הערן פאַן שנאַבעלעוואָפּסקי״ איבער דער אויסשפּראַך פון פוילישע ווערטער. ווי דער דײַטש רעדט פראַנצייזיש, האָט מען שוין געגוג אויסגעלאַכט. פאַר אַ פּאָר צענדליגגער יאָרן איז אין עסטרײַך געווען אַ מיניסטעריום, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז באַשטאַנען אויס סלאַוון. דער דײַטש האָט דאָס מיניסטעריום גערופן „דאָס אונאויסשפּרעכליכע״, אַזוי קומט אים אָן שווער אַ פרעמד וואָרט אויסצורעדן. „בעהמישע דערפער״ רופט מען אויף דײַטש אַ וואָרט וואָס מען קאָן נישט אַרויסזאָגן. אַ ביימיש דאָרף מיט זײַן סלאַווישן נאָמען איז אַ נוס וואָס איז נישט צו צעקנאַקן פאַר אַ דײַטש.

און נישט בײַ זאָלכע גרויסע חילוקים ווי צווישן דײַטש און ראָמאַנישע אָדער סלאַווישע שפּראַכגרופּן זע׳מיר אונדז די דאָזיקע שווערקייט; מען קאָן עס זען אויך בײַ דער זעלבער שפּראַכגרופּע. טשעכאָוו, דער רוס, דערציילט אין זײַן „זעקסטן פּאַוויליאָן״ איבער אַ פּאָליאַק, וואָס זײַן נאָמען איז שווער אַרויסצורעדן. דאָס וואָס דער ייד שמועסט געוויינלעך נישט ריין פרעמדע לשונות איז אַן אַלגעמיין מענטשלעכער פעלער, וואָרן פרעמדע פּאָנעטישע חילוקים און פײַנקייטן איז נישט קיין לײַכטע זאַך זיך אָנצואייגנען. אַזוי ווי דעם ייד קומט אָן שווער גויִש גוט צו רעדן, אַזוי נאָך שווערער קומט אָן אַ גוי יידיש צו רעדן. יידיש רעדן ווי אַ גוי, ווי אַ „גר״, הייסט זייער שלעכט און גראָב יידיש שמועסן.

די העבראיִסטן וואָלט איך געוואָלט דערמאַנען, אַז עמעצן, וואָס זײַן מאַמע=לשון איז אַ סעמיטישע שפּראַך, קומט נאָך אָן אַ סך שווערער אַ אײראָפּעיִש לשון גוט צו רעדן. דאָס שפּראַכסיסטעם וואָס איז גאַנץ משונה, די אייגנאַרטיקע וואָקאַלע, בפרט די גוטוראַלן, בויערן אַ טיפן אָפּגרונד צווישן שם און יפת. יאָזעפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו הכהן), וואָס ער איז געווען אַ טיכטיקער גריכישער שרײַבער, איז אַליין מודה אין דעם לעצטן בוך פון

זײַנע אַלטערטימלעכקײַטן, אַז ער קען נישט ריין גריכיש שמועסן. די גערשטע אַראַמעיִשע פּאָנעטיק האָט אים זאַפּאָרעס אין וועג געלייגט.

דאָס יידיש איז אַ נאַטירלעך לשון, דאָס יידיש איז אונדזער לשון מיט אַ דײַטלעכן סטעמפּל פון אונדזער גײַסט. וואָס שאַט דאָס אונדז, אַז עטימאָלאָגיש קערן $3/4$ פון דעם יידישן צו דעם דײַטשן שטאַם. דער גערמאַנישער ענגלענדער באַדינט זיך אין דעם געוויינלעכן לשון מיט 30 פּראָצענט ווערטער, וואָס זענען געקומען פון יענער זײַט פון דעם קאַנאַל. זײַן ווערטערבוך האָט 70 פּראָצענט ווערטער, וואָס לאָזן זיך צוריקפירן אויף די קלאַסישע לשונות. דער אַלבאַניער האָט אין זײַן לשון 45 פּראָצענט ווערטער פון דער פרעמד. דאָס הינדוסטאַני (אורדו) ווי דאָס טערקישע (אָסמאַנלי) האָבן אַ גרויסן חלק פון זייערע ווערטער פון דעם אַראַבישן און פּערזישן. דאָס יאַפּאַנישע האָט אין זײַן ווערטערבוך אויפגענומען כמעט דעם גאַנצן אוצר פון די כינעזישע ווערטער, דאָס מיטלאַלטערלעכע פּערזיש (הוזוואַרעש) האָט באַשטאַנען ס'רוב אויס אַראַמעיִשע ווערטער מיט בלויז פּערזישע ענדונגען.

וואָס גייט עמעצן אָן דאָס מאַטעריאַל דאָס טויטע, פון וואַנען ס'איז? נישט דאָס ליידיקע געקלינגל פון ווערטער מאַכט אַ לשון, נאָר דער גייסט וואָס באַלעבט עס. נישט דער רויער שטאָף שפּילט בײַ אַ לשון אַ ראָלע. ראַסע, נאַציאָנאַליטעט ליגט נישט אין דער פּשוטער שאָל. אַלץ וואָס באַשטימט אַ ראַסע, אַ פֿאָלק, בכן די פאַרב פון דער הויט, דער בוי פון דעם גוף, דער קאַראַקטער, די נשמה פאַרערבט זיך, מוז זיך פאַרערבן; לשון קען אויך געוועקסלט ווערן. דער פראַנצויז וואָס ער איז אַזוי קערפּערלעך ווי אויך אין גייסט, קאַראַקטער, זעלישער אייגנשאַפט נישט מחולק קיין סך פון זײַנע יידעס די קעלטן, האָט כמעט אַלע ווערטער געוועקסלט מיט דעם לאַטײַנישן. האָט ער דאַדורך אויפגעהערט אַ פראַנצויז צו זײַן, איז ער דאַדורך אַ ריימער געוואָרן? דאָס נאַציאָנאַלע וועזן ליגט נישט אין די הוילע ווערטער, דאָס דריקט זיך אויס אין דער אינעווייניקער אויסבויונג, אין דעם אינהאַלט וואָס מען האָט אַרײַנגעהויכט אין די באַקומענע עלעמענטע, אין דער פאָנעטישער פאָרם און בעיקר אין דעם גאַנצן ים פון געפילע, בילדער, אַסאָציאַציעס, וויצן און דרג"ל, וואָס האָט זיך אין דעם שטומען בלינדן שטאָף אַרײַנגעוואַקסן. מיט דעם לשון פון די יידעס ווערט מען נישט געבוירן, דאָס לערנט מען; מיט דער נשמה, מיט דעם גייסט פון די עלטערן אָבער יאָ, און דאָס איז דאָס מאָסגעבנדע.

נישט די מאַטעריע איז מכריע, נאָר דער כוח וואָס שאַפט און ווירקט אַנטשיידעט אַלצדינג. דאָס רוב פון זײַנע מיטן און געטער-געשטאַלטן האָט דער גריך גענומען פון מצרים, אַשור און פעניציען, און דענאָך — ווער וועט דעם פאָרוואורף מאַכן, אַז ס'האָט העלאַס געפעלט אָריגינאַליטעט? דער שײַן פון געטלעכקײַט, וואָס ער איז אַרויסגעפלאָסן אויס דער העלענישער נשמה און האָט די רויע בײַקעס צו קונסטפולע זאַגן דערהויבן און אַזיאַטישע סטראַשיד-

לעס צו אָלימפּישע געשטאַלטן פאַראײדלט, די גרויסע נשמה וואָס האָט אין אירע טיפקייטן אויס מושלעס פערל אויסגעאַרבעט—די איז געריִמט, די שענס-טע פראַנצייזישע און דײַטשע זאַגן פון דעם הייליקן גראַל, פון טריסטאַן און איזאָלדע, פון פּאַרסיוואַל, פון לאָהענגרין, פון אַרטוס אַאַז"וו זענען אייגנטלעך קעלטישע, און דענאָך, ווער וועט זאָגן, אַז די ליטעראַטור פון גערמאַניען און פראַנקרײַך אין מיטלאַלטער איז געווען אומפּרוכטבאַר און גנביש. נישט גע-שאַפן האָט געטע די לעגענדע פון פויסט, געטע האָט זי נאָר קינסטלעריש אויסגעבילדעט. דאַנטע האָט נישט אַליין אויסגעקלערט דאָס גיהנם, וואָס ער האָט עס אַזוי נישט-איבערטראָפן באַזונגען; שעקספּירס דראַמען האָבן כמעט תמיד צו זייער יסוד ענטווירפע פון עלטערע ענגלישע דראַמאַטורגען. איינער פון די גרעסטע פוילישע דיכטער, יוליוס סלאָוואַצקי, האָט כמעט קיינמאָל נישט אַליין פון זיך אויסגעקלערט די פאַבל פון זײַנע דיכטונגען. די גרויסע מדרגה קומט נישט פון דעם שטאָף, נאָר פון דער פּאָעטישער באַהאַנדלונג.

די דאָזיקע פּלאַסטישע קראַפט, וואָס בלאָזט אַרײַן אַ נײַע נשמה, וואָס וועקט אַ אייגן לעבן, וואָס גיט אײַן אַ פרישע צורה, — דאָס איז דער עיקר און דער קרן. אַז אונדז שטיי׳מיר ווי אָנגעקאָוועט פאַר אַ פּראַכטווערק פון אַ גרויסן קינסטלער, — וואָס איז עמעצנס דאגה, ווו ס׳ליגט די קאָפּאַלניע פון דעם מאַרמלשטיין, וואָס אַ מיקעל אַנזשעלאָ, אַ טאָרוואַלדסען האָט געמייסלט געטלעכע ווונדער. מיר בוקן זיך מיט פאַרערונג בלויז פאַר דעם גרויסן גייסט, וואָס ער האָט אויף דעם קאַלטן, גלײַכגילטיקן שטיין אויפגעדריקט זײַן הימליש מײַסטער-זיגל.

וואָס גייט דאָס עמעצן אָן, פון וואַנען ס׳קומט דאָס יידישע לשון? ווען מען זאָל וועלן קוקן אויף דעם יחוס פון ווערטער, וואָלט אויסגעקומען פון די גרעסטע שאָוויניסטישע פעלקער אַפילו זייערע אייגענע נעמען אַוועקצו-נעמען. די ראָמאַנישע פראַנצויזן האָבן אַ נאָמען פון אַ דײַטשן שטאַם פון די פראַנקן. די פּרײַסן, וואָס טראָגן דעם פאָן פון באַרבאַרישן שאָווי-ניזמוס, וואָס זייער דײַטשקייט איז העכער איבער אַלע מידות און מוסר, הייסן גאָר לויט אַ פרעמד פאָלק. די פאַרצײַטיקשטיקע פּרײַסן זענען געווען אַ לע-טיש פאָלק, שטאַרק פאַרהאַסט און פאַראַכטעט בײַ די דײַטשן. דאָס וואָרט גערמאַניען אַליין איז נישט דײַטש. ווי טאַציטוס האָט שוין באַמערקט און ווי די חקירה פון לשונות האָט אויך באַוויזן, איז דאָס וואָרט, וואָס באַ-צייכנט די גאַנצע ראַסע, קעלטיש, אַזוי ווי אויך דער דײַטשער „ריין" און די דײַטשע „אַלפּן" זענען קעלטישע נעמען. די רוסן, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ אויף זייער וועזן און קוקן מיט אַ נאַרישער גראָב-יונגישער פאַראַכטונג אויף דאָס פאַרפוילטע מערב, האָבן אַ נאָמען, וואָס שטאַמט גאָר אַליין פון מערב-זײַט, און האָבן אים באַקומען פון די נאָרמאַנען.

נישט נאָר די פעלקער, אַפילו די קולטור-צענטרען האָבן נישט קיין אייגענע נעמען. פּעטערסבורג איז אַ דײַטש וואָרט, ווי ווידער צוריק:

בערלין, ווין, ברעסלוי, גראַץ, כעמניץ אַאַז"וו זענען סלאַווישע ווערטער, ווי ווידער: מינכען, אויסגסבורג, קעלן, מינסטער, טריר אַאַז"וו זענען לאַטייַנישע ווערטער. נישט אויף דעם קלאַנג פון די ווערטער קוקט מען, נאָר אויף די מאַסן פון פאָלק און קולטור, וואָס פילט זיי אויס. ס'וואָלט געווען פשוט לעכערלעך תמיד בודק זייַן דאָס כשרות פון די ווערטער. ווען דער דייַטש זאָל וועלן אמתדיקן דייַטש רעדן, וואָלט ער זיך באַדאַרפט די נאָז אָפּצושנייַדן, דען קיין אורשפּרינגלעך דייַטש וואָרט דערפאַר איז נישט פאַרהאַנען. „נאַזע" איז אַ לאַטייַניש וואָרט (nasus). העכסטנס עמעצן זאָל אייַנפאַלן די נאָז צו רופן, „געזיכטסערקער", „לעשהאָרן", ווי טייל פּוריסטן האָבן געוואָלט.

מען זאָל נישט קלערן, אַז די עלטסטע שפּראַכן שטייען בעסער. ווי ווייַט מען קען נאָכפאָרשן, געפינען זיך פרעמדע יסודות שוין אין די אורשפּרינגלעכסטע, פאַרצייַטיקשטיקע שפּראַכן. אונדזערע חסידים פון דעם לשון־קודש וואָלט איך געוואָלט מאַכן אויפמערקזאַם, אַז שוין אין דעם לשון פון תנ"ך קאָן מען געפינען עטלעכע הונדערט ווערטער, וואָס זענען אַשוריש און שטאַמען גאָר נישט פון דער סעמיטישער פאַרוואַנדשאַפט. דאָס אַשורישע אַליין האָט סומערישע ווערטער אין זיך אויפגענומען. דאָס עלטסטע גריכיש האָט אין זיך שוין אָנגעזאַפּט אַ היפּשע צאָל פון פעניצישע ווערטער. שוין דער סאַנסקריט האָט ווערטער בשותפות מיט די עלטסטע סעמיטישע לשונות. דאָס לאַטייַנישע האָט נישט קיין קליין צומישעכץ פון איטאַלישע (עטרוסקישע, נישט-אַרישע) און גריכישע ווערטער. דאָס עלטסטע גערמאַניש, וואָס אונדז קען'מיר, דאָס גאָטיש פון דעם חומש-טייַטש פון וווּלפילאַס, האָט אין די פּאָר פראַגמענטע, וואָס האָבן זיך ביז אויף אונדזערע צייַטן דערהאַלטן, אַקעגן הונדערט פרעמדווערטער. אַזוי אויך פעלן נישט אין עלטסטן אַנגלזעקסיש קלאַסישע ווערטער.

ווער קוקט אויף ווערטער, ווער איז צו פיל חוקר ודורש? ווען עמעצער וואָס ער טרינקט וואַסער זאָל וועלן קוקן דורך אַ מיקראָסקאָפּ, וואָלט אים אויסגעקומען פאַר דורשט צו שטאַרבן. ווען מען פאָרשט די קלאָרע העלע זון, געפינט מען אין איר פלעקן. לאָז מען אַרייַנקוקן אין דאָס שענסטע אייַלבילד, וועט מען נאָר פּליאַמעס דערזען. ווען מען זאָל וועלן קאָנזעקווענט איבעראַל אַנאַליזירן די עלעמענטע, וואָלט אויסגעקומען צו לייק'נען די עקזיסטענץ פון נאַציאָנען, און שפּעציעל פון דער דייַטשער נאַציאָן. די באַפעלקערונג פון צפון-זייַט דייַטשלאַנד און די פון דרום-זייַט זענען צוויי גאַנץ פאַרשידענע ראַסן-טיפּן, דער איינער דאָליכאָצעפאַל, און דער צווייטער בראַכיצעפאַל. פאַר דעם וואָס ער שטייט הינטער די קוליסן איז נישט פאַרהאַנען קיין שוישפּיל. אַז מען נעמט די כעמישע רעטאָרטע אין האַנט אַרייַן, צעפאַלט יעדער גלאַנץ, צעפליט יעדע שענקייט, און גרוי שטאָף בלייבט צוריק. צופיל אַנאַליזירן פירט צו גאָרנישט.

V

פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך געפֿורעמט לשון, האָבן די טויטע וואָרצל קיין באַדײַטונג. דאָ הייבט אָבער אָן אײנעם צו שמערצן די נאַציאָנאַלע גאווה. וואָס טײַטש, אונדז יידן, וואָס מיר האָב׳מיר אַזאַ לאַנגע און גלענצנדיקע געשיכטע, באַדאַרף׳מיר מאַכן אַ הלוואָה בײַ אַ פֿאָלק פֿון נעכטן? מיר, דאָס פֿאָלק פֿון דער ביבל, זאָלן באָרגן ווערטער פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט נאָך דאַמאָלס, ווען אונדזער ש״ס האָט מען געחתמעט, זשאָלענדזשעס פֿון ביימער אין די וועלדער געפֿרעסן און מיט בערנפֿעל זיך אָנגעטון? מיר סעמיטן זאָלן ערקלערן אַ לשון, וואָס איז סוף כּל סוף לינגוויסטיש אַ אינדאָגערמאַניש לשון, פֿאַר אונדזער אייגן?

צוואַר איך האָב שוין, ווי איך קלער, גענוג ראַיות געבערענגט, אַז דאָס אָרט פֿון וואַנען ווערטער שטאַמען איז גלײַכגילטיק, דענאָך וויל איך נישט פֿאַרמײַדן אײַנצוגיין אויף דער דאָזיקער ראַסן־קושיא און צו פֿאַרענטפֿערן די פֿאָרווירפֿע פֿון דעם יידישן געוויסן.

די לאָמבאַרדן זענען גערמאַנען און רעדן איטאַליעניש, די דײַטשן פֿון מזרח־דײַטשלאַנד ביז קיין מעקלענבורג זענען סלאַוון און לעטן און רעדן גערמאַניש, די אייגנטלעכע פֿראַנצויזן זענען קעלטן מיט אַ גערמאַניש אײַנשלאַג דערצו, און רעדן אַ ראָמאַניש לשון, די באַוווינער פֿון דער נאָרמאַנדיע זענען פֿראַנצייזיש־רעדנדיקע נאָרמאַנען (סקאַנדינאַוויער).

און נישט נאָר בײַ זאָלכע שפּראַך־חילוקים, אַפֿילו דאָרט ווו ס׳זענען פֿאַרהאַנען געוואַלטיקע ראַסן־צווישנשיידן קאָנ׳מיר אויך זען דעם דאָזיקן וועקסל פֿון שפּראַכן. די טאָסקאַניער, בכן דער דאָזיקער שטאַם וואָס ער שמועסט דאָס שענסטע איטאַליעניש און האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן די גרעסטע מײַסטער (דאַנטע, מאַקיאַוועלי אאַז״וו) פֿון איטאַליעניש, איז גאָר נישט קיין אינדאָגערמאַניש פֿאָלק. זייערע זיידעס האָבן פֿאַרצײַטנס גערעדט אַ עטרוסקיש לשון, וואָס קערט זיך גאָרנישט מיט קיין שום אינדאָגערמאַנישער שפּראַך. בכן האָב׳מיר אַ פֿאָלק, וואָס איז אַזוי מחולק פֿון די אַריער ווי די סעמיטן, און דענאָך שמועסט עס אַ אַריש לשון. אַזוי ווי די אורשפּאַניער, איידער זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קעלטן, די איבעריער, האָבן גערעדט אַ באַסקיש לשון, וואָס האָט נישט קיין שום מחותנותשאַפֿט מיט די אַריער; און וואָס שטערט דאָס, אַז זייערע קינדער זאָלן שמועסן אַ נײַלאַטײַנישע שפּראַך. קרובים פֿון די דאָזיקע איבעריער זענען געוועזן די אַקוויטאַניער, די באַוווינער פֿון דרום־פֿראַנקרײַך; און זייערע אייניקלעך, די פּראָוואַנסאַלן, האָבן אַ ראָמאַניש לשון, וואָס איז אַ סך שענער און נאָך רײַכער פֿון דעם פֿראַנצייזישן. דאָס עלטסטע סלאַוויש, דאָס סלאַוויש פֿון די קלויסטערס, איז לויט שלײַכער די פֿאַרצײַטיקשטיקע שפּראַך פֿון די בולגאַרן; און די בולגאַרן אַליין זענען גאָר נישט קיין סלאַוון. זיי זענען אַ מאָנגאָליש פֿאָלק, וואָס האָט אַמאָל

געוווינט אויף דער וואָלגאַ, און ווי זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דעם באַלקאַן צווישן סלאַווישע פעלקער, האָבן זיי דאָס לשון געוועקסלט. גריזשען זיי זיך אַ סך וועגן דעם איבערבײַט פון דעם אוגראָפינישן אויף סלאַוויש? דאָס איז אַ גרויס טעות, כאָטשע ס׳איז שוין קאָנווענציאָנעל געוואָרן, אַז שפראַכן=איינהייט איז אויך ראַסן=איינהייט. פון די לינגוויסטיש=איינהייטלעכע אינדאָגערמאַנען איז בלי שום ספק אַ גרויסער, ווען נישט דער גרעסערער טייל גאָרנישט קיין אינדאָגערמאַנען.

דער סקרופל פון דעם ראַסן=אונטערשייד איז איבערטריבן. אונדזער ידעות באַדאַרף זיך נישט אויף קיין האָר אַנגסטיקן. דאָס וואָס זיי האָבן אַ יינגערע קולטור=געשיכטע און אונדז אַ עלטערע האָט גאָר אַ ווייניק ממשות. יוגנט איז נישט קיין חרפה. אונדז מעג׳מיר שוין אויפהערן צו זײַן פאַרצויגן אויף אונדזערע גרויע האָר.

אונדז זען׳מיר נאַציאָנאַלע יידן, אונדז רעד׳מיר אַ לשון, וואָס מיר האָב׳מיר אָנגעפאַסט געגנצלעך צו אונדזער וועזן. ס׳איז פון אונדזערטוועגן אַ אויסגעבלאָזענע איי, צי דער שטאָף פון דעם לשון איז כשר לויט דעם סעמיטישן יחוס=בריוו. אונדז מעג׳מיר שוין אַמאָל שטאַרקן און זיך נישט לאָזן סוגערירן פון די אַנטיסעמיטיש=געפאַרבטע ראַסן=אידעאָלאָגיעס.

די סירענען=קולות פון דער העברעיִש=סעמיטישער נאַציאָנאַלער פראָנדע ווילן אָבער נישט שווײַגן און באַשטרעבן זיך צו רירן דאָס ווייעדיקע האַרץ פון דעם אייביקן בלאָנדזער מיט אַ אַנדער אַרגומענט.

— ווי הייסט מען האָט אונדז פאַרצײַטנס דערנידריקט, צו דער ערד געטרעטן, אונדזער בלוט אויסגעזאָגט: איז דאָס נישט קיין עבדות דאָס לשון פון די דאָזיקע באַדריקער פאַר אונדזער אייגן צו האַלטן? הערט מען שרײַען.

סענטימענטאַליטעט, פאַרצערטלט געפיל, וואָס רײַסט די סטרונעס פון אַלטע יסורים, וואָס גראָבט אין דעליקאַטע וויבראַציעס, וואָס לאָזט זיך שטימען לויט יעדן רודער פון געפילע, איז גיפט פאַר דער ענערגיע, איז צעזעצעדיק סם פאַר יעדן אונטערנעמען, איז אַ סימן פון שוואַכקייט און מאַטיקייט. שטאַרקע און גרויסע פעלקער זענען אַזוי ווי גרויסע און שטאַרקע אינדיווידועןּ, פאַרזינקען זיך ווייניקער אין טונקעלע קלערעכצער און שלעפעכצער און טוען אָבער מער.

ראשית איז אונדזער לשון נאָר לינגוויסטיש ס׳רוב גערמאַניש. פון דעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפונקט איז אַזוי די פאָרם ווי דער בוי יידיש. שנית, וואָס פאַר אַ עוולה ליגט איבערהויפט צו רעדן הײַנט אַ לשון פון מענטשן, וואָס זייערע עלטערזיידעס האָבן אונדזערע עלטערזיידעס צרות אָנגעטון?

ווער האָט צו די פראַנצויזן זייער לשון געברענגט? די זעלנערס פון די רוימישע אימפעראַטאָרן, וואָס האָבן אַ חורבה געמאַכט אויס דעם שיינעם גאַליען און אויסגעמעקט די אַלטע קעלטישע קולטור, זיי האָבן געזעצט דעם שטאַם פון דעם לאַטײַנישן פון יענער זײַט פון די אַלפּן.

ווער האָט דאָס ענגלישע לשון אין אירלאַנד איינגעפירט? רייבערישע לאָרדס מיט הענט פון בלוט באַפלעקט.

ווער האָט קיין מצרים דאָס אַראַבישע געברענגט? באַרבאַריש שרעקלעכע מאַמעלוקן.

ווער האָט קיין ענגלאַנד געברענגט די יסודות פון דעם פראַנצייזישן נאָרמאַנישע טיראַנען.

ווער האָט איבער גאַנץ איטאַליען אויסגעשפּרייט די ווינציקע שפּראַך פון לאַציום? אַלטע רוצחים, וועטעראַנען אָן רחמים מיט הערצער אויס שטיין.

אונדזערע אָבות, וואָס האָבן אָנגענומען אין דייטשלאַנד די דייטשע עלעמענטע פון דעם יידישן, האָבן דאָס נישט געטון אויס אינעווייניקע שקלאַפעריי. דעם יידס נשמה איז קיינמאָל נישט געווען פאַרשקלאַפּט. דער אָפיציעלער קאָמערקנעכט האָט זיך קיינמאָל נישט מבטל געווען. ער האָט תמיד געהאַט די ידיעה, אַז דער שטאָלצער פריץ זיינער איז אַ רייבער („פריץ" איז דאָך אייגנטלעך טייטש רייבער), אַ מאָראַליש מינדערווערטיק אינדיווידוום. תמיד האָט דער ייד געפילט וואָס ער איז מיט זיין אַלטער תורה אַקעגן דאָס דעמאָלטיקע האַלבווילדע אייראָפּע. אין אַרגסטן גלות האָט זיך דער ייד העכסטנס צוזאַמענגעצויגן, צוזאַמענגעבראָכן. געבייגט האָט ער זיך אין דער נשמה אָבער קיינמאָל נישט. פריי און מיט אַן אייגענער קולטור האָט ער אין די וועלט געקוקט. נאָר אויסנווייניק איז געווען דאָס עבדות.

אין געגנטייל, די שטאָלצע פעלקער פון אייראָפּע, וואָס די שווערטער פון די לעגיאָנען האָבן זיי ראָמאַניש געלערנט רעדן, זיי האָבן זיך געלאָזט קנעכטן אויך אינעווייניק. ס'זענען געווען צייטן, ווו גאַנץ אייראָפּע איז געלעגן צו די פיס פון דעם ריימער, וואָס איז געזעסן אויף דעם שטול פון דעם יידישן פישער אויס גליל. אינעווייניקדיק געקייט ווי אַ שקלאַוו, געבייגט ווי קלאָסעס ביים שטורעמווינט, איז דער גרויסער היינריך דער פערטער, קייזער פון דייטשלאַנד און איטאַליען, דער פריץ פון אַלע קריסטן, געשטאַנען באָרוועס פאַר דעם קלויסטער אין קאַנאָסאַ. לאַנגע, לאַנגע הונדערטער יאָרן האָט אייראָפּאַ געציטערט ווי אַ צעבראָכענע טראָסטענע, ווי אַ דאַר צווייגל ביי אַ זאַווערוכע, פאַר דער אייביקער שטאָט, וואָס האָט אים דאָס לשון געגעבן, פאַר דער שטאָט וואָס האָט געקנעכטעט די וועלט צוויי מאָל, איינמאָל מיט דעם שווערט און מיט רציחות און דאָס צווייטע מאָל מיט דעם צלם (צלב) און מיט הייליקע שריפות.

מיר יידן, וואָס מיר האָב'מיר דורכגעלעבט דאָס שוואַרצע מוראדיקע מיטלאַלטער, כאָטשע מען האָט אונדז געפּייניקט און געפּלאָגט, מערדערלעך געשלאָגן און געברענט, געבראָטן און געהרגעט, באַדאַרפן מיר גאָר נישט קוקן אויף יענע צייטן ווי אויף צייטן פון עבדות. אונדז באַדאַרפ'מיר אָפּקוקן אויף יענע צייטן ווי אויף אַ צייט פון איינזנדיקער שטאַרקייט פון דער נשמה, פון גוואַלטאָווגע כוח, פון טאַפּפערקייט אָן פחד. און אַז אין יענע

צייטן איז אונדז געלונגען אונדזער אייגענע קולטור ווייטער צו אַנטוויקלען און זיך אויסצואַרבעטן אַ אייגן לשון, מעג׳מיר מיט שטאָלץ און מיט אַ הויכן שטערן צוריקקוקן. נישט קיין בושות, נישט קיין שאַנד פון עבדות וועט אונדז די דאָזיקע שפּראַך דערמאָנען.

VI

מיר אַשכנזים וועל׳מיר אונדזער יידיש פאַר אונדזער לשון האַלטן, פאַר דאָס היינטיק לשון פון אונדזער נאַציע.—וואָס וועל׳מיר טון מיט די דאָזיקע יידן וואָס רעדן נישט אונדזער יידיש?

פאַר אַלעם מוז קאָנסטאַטירט ווערן, אַז די צאָל פון זאָלכע יידן איז זייער קליין. די איינהיימישע אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע יידן און דערצו אַ פערטל מיליאָן ספרדישע יידן פון אייראָפּאַ באַטרעפן צוזאַמען העכסטנס איין מיליאָן. אמת, ס׳איז דאָ אַ סך מער יידן, גאַנץ מערב-אייראָפּאַ, רוב אונגאַרן, אַ טייל פון די רוסישע יידן, אַ גרויס חלק פון די אַמעריקאַנישע יידן, וואָס רעדן נישט קיין יידיש. זיי אָבער קענען נישט אין באַטראַכט געצויגן ווערן, ווען מען שמועסט פון אַ נאַציאָנאַל לשון. זיי מעגן נאָך אַזוי פיל ליידן פון די אַנטיסעמיטישע העצן, זיי מעגן נאָך אַזוי אויפשפּרינגען ווען מען טרעפט זיי אין דעם יידישן אָדער אַריין, זיי מעגן נאָך אַזוי פיל מנדב זיין אויף דער חברה קדישא און אויף דער אַליאַנץ און אַפילו אויף דעם נאַציאָנאַל-פאָנד—מיטגלידער פון דער זעלבער נאַציע האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו זיין. זיי זענען אַסימילירט. ראַסע און אין דעם בעסטן פאַל די אמונה זענען די איינציקע פעדעם וואָס פאַרבינדן אונדז מיט זיי. זיי וועלן קיין יידיש נישט שמועסן, ווי זיי וועלן אויך מער קיין לשון-קודש נישט לערנען. העברעיִש, „די ערווירדיגע ביבעלשפּראַכע“, איז פאַר זיי די שפּראַך פון דעם טעמפּל, און אויך דאָס נישט תמיד.

אַלזאָ פון די עלף מיליאָן יידן זענען צוויי אַסימילירט, איינע צעברעקלט אויף עטלעכע שפּראַכגרופּן און אַכט רעדן אונדזער אַשכנזיש-יידיש. וואָס איז איינס אַקעגן אַכט? און דערביי מוז׳מיר געדענקען, אַז די מיליאָן נישט-אַשכנזישע יידן צעפאַלן אויף יידן וואָס רעדן שפּאַניאָליש און וואָס רעדן אַראַביש און דזשעז און פּערזיש און בוכאַריש און אינדיש און כינעזיש און געאָרגיש. שפּליטער, ברעקלעך פון איין זייט, און פון דער אַנדערער אַ איינציקער שפּראַכבלאָק. דערצו זענען די דאָזיקע קליינע גרופּקעלעך אויך קוואַליטאַטיוו אָן באַדייטונג, פּאַסיוו זייט הונדערטער יאָרן, זיי לייסטן גאָר-נישט, נישט אין זייערע היימישע דיאַלעקטע און נישט אין העברעיִשן. אַפילו די ספרדים, וואָס האָבן אַ גרויסע פאַרגאַנגענהייט און וויגען צום טייל אין אייראָפּאַ, זענען פאַרגליווערט און פאַרשלאָפן (פון די אַסימילירטע ספרדים שמועס איך נישט). די ניי-העברעיִשע ליטעראַטור האָט זייט הונדערטער יאָרן אויפצווייזן קוים עטלעכע מיטלמעסיקע ספרדישע שרייבערס (מענדעס, יוסף-

הלוי א״אַנד). נישט נאָר אונדז זען׳מיר קוואַנטיטאַטיוו כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, נאָר אויך קוואַליטאַטיוו זען׳מיר די סמעטענע פון דעם יידישקייט. אין דעם לאַגער פון די אַ ש כ נ ז י ם געפינט זיך דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע כוח וואָס אונדזער פאָלק באַזיצט. רוב מנין און רוב בנין שמועסט יידיש. די אויסנאַמען זענען אַ מיעוט, וואָס זיין חסרון איז נישט חשובדיק. אונדז וועל׳מיר זיך מיט דעם באַגנוגן.

אונדז וועל׳מיר מיט אונדזערע נישט=אַשכנזישע ברידער נישט קיין אויסנאַמע זיין. די מייסטע נאַציעס זענען שפּראַכלעך גאָרנישט פולקומען געאייניגט. אין שפּאַניען רעדן די קאַטאַלאָניער פּראָוואַנסאַליש כמעט, און די באַסקן אַ גאָר נישט=אַריש לשון. די איטאַליענער האָבן אַחוץ דער ליטעראַטור=שפּראַך, וואָס איז דער דיאַלעקט פון טאָסקאַניען, נאָך אין צפון=זייט די גאַלאָ=ראָמאַנישע שפּראַך און אין דרום די סאַרדישע שפּראַך. פון די איטאַליענער אין איסטריען, וואָס זענען הייס אירעדענטיסטיש, שמועסט אַ טייל גאָר אַ רומעניש דיאַלעקט. דייטש האָט אַחוץ דער ליטעראַטור=שפּראַך אַ מאַסע פון דיאַלעקטן, פון וועלכע פּלאַטדייטש איז שוין מחולק ווי אַ באַזונדער לשון. אַפילו אין אָבערדייטשן אַליין זענען שוין די מונדאַרטן כמעט פרעמדע שפּראַכן. ערשט נישט לאַנג, ביי דעם באַקאַנטן איילענבורג=פּראָצעס, האָט מען געמוזט אין בערלין גופא צו אַ עדות אויס בייערן רופן אַ דאָלמעטש, וואָס זאָל פאַרטייטשן זיינע ווערטער אויף הויכדייטש. די פראַנצויזן האָבן אונטער זיך די פּראָוואַנסאַלן, וואָס האָבן אַ אייגענע ליטעראַטור אַפילו, און די ברעטאַניער, וואָס רעדן נאָך זייער אַלט קעלטיש. ענגלאַנד מוז צוקוקן, ווי גאַנצע מאַסן פון זיינע איינוווינער שמועסן פאַרשידענע קעלטישע דיאַלעקטע און אַפילו אַלט=פראַנצייזיש (אויף דער אינזל דזשערזי). אין שוועדן און אין נאָרוועגן זענען דאָ לאַפּן, וואָס רעדן פיניש; אונטער די פינלענדער ווידער שמועסט אַ חלק שוועדיש. אין מאַראָקאָ שמועסט אַ טייל פון דער באַפעלקערונג גאָר נישט קיין סעמיטיש לשון, נאָר בערבעריש. אויף מינדערהייטן קען נישט קוקן דאָס רוב, אַז מען וויל נישט אַריינפאַלן אין אַ אַנאַרכיע אַריין.

דאָרט ווו דער איינפלוס פון דער ליטעראַטור פון דעם רוב איז גרויס, דאָרט איז איבערהויפּט דער מיעוט בטל און לעבט זיך אויס אין דער ליטעראַטור פון דעם רוב. אַזוי האָבן די ברעטאַניער די בעסטע כוחות צו דער פראַנצייזישער ליטעראַטור אַוועקגעגעבן און אַליין קיין אייגענע נישט געשאַפן. אַבעלאַרד, קאַרטעזיוס, ראָשפוקאָ (Rochefoucauld), פלאָבער (Flaubert), רענאַן זענען געבוירענע ברעטאַניער. די שאָטן (שקאָטן) און אירן אין גרויס=בריטאַניען האָבן דאָס רוב פון דער ענגלישער ליטעראַטור געשאַפן און די אייגענע באַרדן פאַרנאַכלעסיקט. שאָטן אַליין זענען אין לעצטן יאָרהונדערט געווען: סמיט, מיל, קאַרלייל, רעסקין, מעקאָלי (Macaulay) א״אַנד.

טיילמאָל איז דאָס נישט דער פאַל. אַזוי אין נידערדייטשלאַנד, אין דרום=פראַנקרייך, ביי די באַסקן, ביי די קאָפּטישע גלחים האָט דער מיעוט

מער אָדער ווייניקער געשריבן אין זײַן אייגן לשון. ס'איז פֿאַרהאַנען אַפֿילו, אַז נישט קיין מיעוט, נאָר אַ חשובֿדיק טייל פֿון איין און דעם זעלבן פֿאָלק זאָלן שרײַבן אין איין לשון, און דער אַנדערער אויך גרויסער טייל אין אַ אַנדער לשון. אַזוי אין דער שווייץ שרײַבט איין חלק דײַטש, דאָס אַנדערע פֿראַנצייזיש, און דאָס דריטע גאָר איטאַליעניש. איין העלפֿט בעלגיער שרײַבט פֿלעמיש, און די צווייטע וואַלאָניש. ווען אַפֿילו די ספֿרדים זאָלן נישט זײַן אַזאַ מיעוט אין יעדער הינזיכט ווי זיי זענען באמת, ווען נישט די אַנדערע גרופּן זאָלן זײַן אַזעלכע פֿאַרשווינדנדיקע מינאָריטעטן, וואָלטן זיי געמעגט אין זייערע אידיאָמע ווײַטער שרײַבן, און אונדזער נאַציאָנאַל-קאַראַקטער און די באַדײַטונג פֿון אונדזער לשון וואָלט דאַדורך נישט פּוגם געוואָרן.

ווען ס'זאָל מעגלעך זײַן יענע פֿאַרשפּרעגטע יידן צוצופֿירן צו אונדזער יידיש, ווי וויל און פֿײַן וואָלט דאָס געווען. ס'וואָלט אַוודאי אַ סך געניצט. אין די הײַנטיקע פֿאַרהעלטעניסע איז דאָס אָבער נישט מעגלעך. זיי באַקערן פֿאַר זיך איז גאָר נישט אַזוי פֿאַנטאַסטיש. די היסטאָריע קאָן נאָך ברענגען איבערראַשונגען. פֿאַר אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק האָט אַ טייל פֿון די ליטוואַקן רוסיש געשמועסט און האָבן גאָרנישט געקאָנט דאָס לשון פֿון אַלע מזרח-יידן. נו, האָט מען פּשוט פֿאַר דאָס אַשכּנזישע לשון געמאַכט פּראָפּאַגאַנדאַ. אַ גרויסער גאָון, ר' מאיר כּץ, שרײַבט, אַז הלוואַי וואָלטן אַלע ליטוואַקן אַשכּנזיש רעדן און די ערד וועט פֿול ווערן מיט דעת. דער געזונדער נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז דעמאָלט נאָך נישט אויסגעוועפּט דורך איבערטריבן אַנאַליזירן און סענטימענטאַליזירן.

אַזוי ווי דאָס פֿראַנצייזישע און דאָס ענגלישע אאַז״וו זענען די נאַציאָנאַלשפּראַכן פֿון די פֿראַנצויזן, די ענגלענדער אאַז״וו, כאָטשע חלקים פֿון זיי האָבן גאָר אַ אַנדער מאַמע-לשון, אַזוי אויך אונדז יידן, כאָטשע אַקעגן אַ מיליאָן פֿון אונדזערע ברידער שמועסן גאָר נישט אונדזער שפּראַך, האָבן מיר דאָס פֿולקומענע רעכט צו האַלטן אונדזער אַשכּנזיש פֿאַר דער שפּראַך פֿון דער הײַנטיקער יידישער נאַציע. פּשטלעך און קלויבעכצער פֿון ווערטער, סכאָלאַסטישע דרייעכצער קענען און דאַרפֿן אונדז דאָס דאָזיקע רעכט נישט נעמען.

— נישט שפּראַך פֿון דער נאַציע איז דאָס יידיש, נאָר די שפּראַך פֿון דעם פֿאָלק, הערט מען פֿון פֿאַרשידענע זײַטן, אַפֿילו פֿון גוטע מלחמה-האַלטערס פֿון אונדזער צד.

פֿאָלק און נאַציע. אַ מחלוקת וועגן אַ וואָרט. נאַציאָנאַל לשון איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי פֿאָלקס-לשון, נאָר מיט דעם חילוק, אַז דער צווייטער טיטל איז נישט דעמאָקראַטיש. נאַציע און פֿאָלק איז איינס און דאָס זעלבע, אַחוץ דאָס קליינע קופּקעלע אַריסטאָקראַטן. „פֿאָלק" איז טײַטש בײַ זיי דער פּעבל, דער המון. מיט דעם וואָרט „פֿאָלקס-לשון" ווערט נישט מיט דעם מינדעסטן אַרומגעגאַנגען דער פֿאַקט, אַז די יידן האָבן צמאָל געהאַט אַ

אַנדער לשון אין זייער מויל, און אַז ס'הײַנט דאָ יידן, וואָס קענען נישט קיין יידיש. „פאָלקס=לשון" איז בלויז אַ וואָרט, וואָס יעדע אינטעליגענץ בײַ יעדן פאָלק, אַז זי זאַפּט אין זיך אײַן פול פרעמדע קולטור, רופט אַזוי די שפּראַך פון די קליינטשיקע ברידער. „פאָלקס=לשון" איז אַ אַנאָמאַליע אין די הײַנטיקע דעמאָקראַטישע צײַטן, אַ רײַסעדיקער קריץ, אַ סקריפּעדיקער דיסאָנאַנס.

רופט דאָס יידיש פאָלקס=לשון, דאָס פאַקט וועט זיך אָבער נישט ענדערן, אַז כמעט אַלדינג וואָס לעבט אין דער יידישער נאַציע געפינט זיך נאָר אין דער מחנה פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן געזייגט מיט דער מילך פון דער מאַמעס ברוסט דאָס יידישע לשון; אַז אַחוץ פון דער מחנה הוטשעט די אַסימילאַציע אָדער ס'זשיפּעט ווי פאַרגליווערט אַ פאַרשלאָפן, צעברעקלט יידישקייט.

אַמאָל, ווי די גאַנצע אינטעליגענץ אין דײַטשלאַנד איז געוואָרן ערצויגן לאַטײַניש און קיין פאָדעם, קיין געמיינזאַם שטריקעלע האָט זי נישט צוזאַמענגעהאַלטן מיט דעם פראָסטן דײַטשן עולם, האָבן זיי דאָס לשון פון דעם עולם, פון דער גרויסער דײַטשער נאַציע, אויך „פאָלקס=לשון" גערופן. „דיוטיסק" — „דײַטש" איז אייגנטלעך טײַטש „פעלקלעך", די שפּראַך פון דעם פאָלק. דער נאָמען האָט אַזוי פיל דער שטאָלצער חברה גענוצט ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט. לאָזן זיך כוואַליעס פון דעם שטראָם, ווען די שנייען לאָפּיען זיך און די וועסנע כאַפּט זיך אויף און די וואַסערן גייען אַריבער די ברעגעס, זיך צוריקהאַלטן דורך טאַמעס? לאָזט זיך דער ווולקאַן, ווען ס'זידט און קאָכט אין זײַנע היילן און ס'ברויזט און דונערט אַפּער געוואַלטיקע לאַוועס, זיך צוריקבאָכען דורך שויפלען ערד, דורך גאָפלען זאַמד?

גרויס און שטאַרק איז דאָס לעבן. אויפטועכצער און אַרומגייעכצער פועלן גאָרנישט, פירן צו גאָרנישט.

נאַציע, פאָלק — אַ שאָד זיך אַרומצוהרגענען. דאָס לעבן האָרכט אַזויפיל די קליגעכצער און וואָרט=דרשות, ווי דער שטורעם די השבעות פון אַ בעל=מופת. דו זאָג דיר דײַנס, דרשע וויפיל ס'גייט אין דער קוואָרט אַרײַן, און איך טו מיר מײַנס. דאָס לעבן טוט זיך זײַנס. הויך איבער די וואָלקן זיצט דאָס פאַטום און לאַכט איבער די דרשות פון די דאָזיקע, וואָס וואָלטן געוואָלט מיט שמות די אײַזערנע האַנט פון די נאַטורגעזעצע דרייען לויט זייער טעם.

די אָנהענגער פון דעם נאָמען „פאָלקס=לשון" ווילן אויך באַווייזן, אַז נאָר דער דאָזיקער נאָמען איז רעכט. די אַרגומענטע וואָס מען קען ברענגען קענען אָבער נישט אַרויסגיין פון דעם מויל פון אמתדיקע יידישיסטן. די אַרגומענטע זענען, אַז יידיש איז טאַקע נאָר אַ פּעבל=לשון, און פאַרדעם קען מען אים קיין בעסערן נאָמען ווי פאָלקס=לשון געבן. יידיש, זאָגן זיי, איז אַ לשון נאָר פעיִק אויסצודריקן גוט אַ ווערטל, אַ וויץ, אַ קאַטאָוועסל;

אַ מאַרשאַלקאָווסקע לשון, וואָס נאָר דער המון קען אין אים געשמאַק האָבן. פּראַוודע, ווי קען מען אָננעמען, אַז פֿון אַלע שפּראַכן פֿון דער גאַנצער וועלט זאָל דווקא דאָס יידישע אַזאַ נידעריקע מדרגה האָבן? דווקא די יידן, וואָס האָבן אין דער קולטור אַזוי פֿיל פֿאַרמאָגט צו לייסטן, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין בעסער לשון אויסצואַרבעטן ווי פֿאַר סאַטירע, פֿאַר חכמהלעך און האַנסוורסטעו? פּראַוודע, פֿון וואַנען קען מען זאָגן, אַז אַז אַ לשון וואָס איז פֿעיִק פֿאַר סאַטירע און וויצע איז שוין פֿאַר זיך קאָמיש און נידריק און קען זיך נישט אויפֿהייבן צו אַ הויכן פֿלי? פּראַוודע, אַ סך אוצרות פֿון טיפֿער טראַגיק און שמערץ וואָס בויערט ווי שפּיסן זענען שוין דאָ אין דער יידישער ליטעראַטור; און דענאָך, וואָס שאַדט דאָס צו די פֿאַרעכטער, צו די געהויבענע אויסלאַכערס צו רעדן פֿון אַ מאַרשאַלקאָווסקע פּעבל־לשון.

די דאָזיקע וואָס זאָגן דאָס זענען סוגערירט פֿון די אַנטיסעמיטן. ס'האָט אַמאָל ערנסט באַמערקט אַ גרויסער אַנטיסעמיט, רישאַרד וואַגנער, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַ ייד אויף דער סצענע אויפֿצופֿירן און נישט צו לאַכן אויס אים. דאָס עכאָ פֿון דעם אַנטיסעמיטישן לאַכן קלינגט נאָך אין דער אַנזיכט, אַז דאָס יידיש איז אַ קאָמיש וויצלעך־לשון. אין דייטשלאַנד איז די לעצטע צענדליגע יאָרן אמתדיק דאָס יידיש (מוישעל) אַראָפּגעזונקען פֿאַר אַ שפּראַך פֿון „וויצלעך און לאָצעלעך (הלצות)“. דאָס איז דער סוף, אַז מען לאָזט אויף זיך פּאַסיוו יעדעס פֿרעמדע אורטייל דערגיין. זייט שטאַרק, יידן! פֿאַרוואָס זענט עך ווי טייג, וואָס יעדער פֿרעמדער קען דרויס מאַכן וואָס אים קומט אין קאָפּ אַריין. לעבטס אַ אייגן לעבן נאָך אייגענע זעלבשטענדיקע אורטיילע.

פֿאַר זיך אַז מיר וועלן נעמען די זאַך, לאָזט זיך פֿון דעם יידישן וויץ בלויז שליסן, אַז דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין זיך אַ סך גייסט און זיין שפּראַך קען דעם דאָזיקן גייסט גוט אויסדריקן. אויך די פֿראַנצויזן שמען מיט זייער עספּרי, און נאָך מער, אויף דעם געביט פֿון דעם דראַמאַ איז דער צווייג וואָס איז ביי די פֿראַנצויזן אָריגינעל און נישט אויפֿגעבויט לויט פֿרעמדע מוסטער, דאָס איינציקע מין וואָס זיי האָבן פֿון זיך ספּאָנטאַן געשאַפֿן — די קאָמעדיע. אַנאַטאָל לעראָאַ־באָליע האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די יידן און די פֿראַנצויזן האָבן אַ סך מידות און מעלות בשותּפֿות. בכן איז פֿראַנצייזיש אויך מאַרשאַלקאָווסקע. וואָס וועלן אַצונדערט זאָגן די שפּעטערס?

ס'קען איבערהויפּט זיין, אַז דער יידישער וויץ איז גאָרנישט ספּעציפֿיש יידיש און נאָר אַ פּראָדוקט פֿון די צושטענדע. פֿאַרצייטנס, אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, איז דאָס אַזויפֿיל ווי גאָרנישט דערפֿון. (די פּתיחתא פֿון איכה, די מחברות עמנואל זענען צו ווייניק פֿאַר אַ עמינענט וויציק פֿאָלק.) דער וויץ שטיצט זיך אויף ווידערשפּריכע, אויף קאָנטראַסטן וואָס קערן נישט צו זיך. זאָלכע קאָנטראַסטן און ווידערשפּריכע זענען דאָ אַם־מייסטן אין צייטן פֿון איבערגאַנג, ווו דאָס אַלטע איז נאָך נישט אויסגע־

שטאַרבן און דאָס נײַע פֿאָרעט זיך שוין אָרנטלעך. דעמאָלט אַנטשטייען די לעכערלעכסטע סיטואַציעס, וואָס וועקן דעם וויץ און שאַרפֿן די פֿײַלן פֿון ווערטלעך און שפּאַנען דעם בויגן פֿון קאָמעדיען און סאַטירן.

דער מלמד פֿון דעם לעבן, דאָס ליכט פֿון דעם אמת, די היסטאָריע קאָן אונדז דאָ אַ סך בײַשפּילן געבן. ווי דאָס אַלטע גריכנלאַנד האָט זיך שוין דערנענט צום ווינטער און דאָס נײַע, אוניווערזעלע סאָפֿיסטישע און סאָקראַטישע גריכנלאַנד האָט זיך דערהויבן, דעמאָלט האָט אַריסטאָפֿאַנעס געדיכטעט. ווי די קרייצציגע האָבן אַביסל ליכט אין דער פֿינצטערער נאַכט פֿון דעם מיטלאַלטער אַרײַנגעברענגט און מיט טונקלע קלויסטער צוזאַמענגעפֿירט דעם העלן מוירישן מזרח, דעמאָלט האָבן די גאָליאַרדן געוויצלט. ווי דאָס אַלטע רויע דײַטשלאַנד האָט געגוססט און דאָס נײַע הומאַניסטישע האָט די האַנט געשטרעקט נאָך דער ממשלה, דעמאָלט האָבן געשפּיצט זייערע צעזעצעדיקע קוילן: פֿישאַרט, בראַנט, הוטען אאַז״וו. אין יענע צײַטן פֿון איבערגאַנג האָט פֿראַנקרײַך ראַבלע (Rabelais) געזען. די וווּנדערלעכע צוזאַמענזעצעכצער פֿון אַלטער און נײַער אָרדנונג מוזן אַרויסרופֿן לאַכן. ס'איז באַקאַנט, וואָס פֿאַר אַ קאָמישן אײַנדרוק מאַכט דאָס הײַנטיקע יאַפּאַן מיט זײַן מישמאַש. און אַז דאָס יאַפּאַנישע פֿאָלק האָט אין זיך אַביסל זשעני, דעמאָלט וועט אויך דאָרט דאָס דאָזיקע היסטאָרישע געזעץ זיך באַוואָרהייטן און אַ פֿאָנטאַנע פֿון הומאָר הויך שפּריצן.

אַ אַנדערע ראיה, וואָס מיר הערן קעגן יידיש אַלס נאַציאָנאַל לשון, איז, אַז אַ צעשפּרייט און צעזייט פֿאָלק קען נישט קיין אייגנטלעכע ליטעראַטור שאַפֿן, וואָס זאָל אין זיך האָבן דעם סענץ פֿון דער נשמה פֿון דער נאַציע; און פֿאַרדעם קען מען אויך צו דער שפּראַך פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור נישט געבן קיין נאָמען „נאַציאָנאַל לשון".

ס'איז אַ טרויעריקער אמת, אַז דאָס גלות מאַכט שווער די אייגענע נשמה צו ווידערגעבן, אַז איבעראַל זע'מיר און הערן מיר פֿרעמדס און די קולות וואָס גייען פֿון אונדזער אייגן האַרץ אַרויס ווערן פֿאַרהילעכט. ס'איז אַ שווערער צושטאַנד. די אַרומרינגלדיקע פֿעלקער האָבן כּוח און מוח. אַז אונדזערע ליטעראַטור זאָל טאַקע זײַן דאָס עכאָ פֿון אונדזער פֿאָלק אָן צומישעכצער, איז זייער שווער. ס'איז נישט קיין חילוק בײַ דעם אָבער, צי מיר שרײַב'מיר לשון קודש, צי יידיש. דער חסרון פֿון קאָמפּאַקטקייט שנײַדט טיף אין אונדזער לײַב און לעבן אַרײַן.

ס'איז טרויריק, אָבער ס'מוז נישט זײַן אַזוי. ס'איז אויך תּמיד נישט אַזוי געווען. אין געגנטייל, דאָרט ווו ס'איז דאָ כּוח, מאַכט יעדער דרוק אַ קעגן־דרוק, קומט פֿון יעדן אײַנפֿלוס נאָך אַ שטאַרקער אַרויסקוואַלן פֿון דער אייגענער ברון.

צעשטרייטקייט קאָן טיילמאָל דאָס שענסטע און בעסטע אַרויסברענגען: ווײַטקייט פֿון דעם האָריזאָנט, רײַכקייט פֿון פֿאַרבן, אַ זיסע מאָזאַיִק פֿון

טעמים. ס׳רוב פון דער גריכישער קולטור איז אַנטשטאַנען דאָרט ווו די גריכן זענען געווען מינאָריטעטן, דאָרט ווו די גריכן האָבן געלעבט אין קאָ־לאָניען ווי אויף אינזעלן און אין מיטן פון פרעמדע פעלקער. אויף דעם ברעג פון קליינאַזיען, צווישן אַ געוואַלט פון די פאַרשידנסטע קולטור־נאַציעס, האָבן די קופקעלעך העלענען אין זייערע פּאָר שטעטלעך דאָרט געזונגען די איליאַס און די אָדיסעע און אָנגעצונדן דאָס ערשטע ליכטל פון מענטשלעך דענ־קען, די יאָנישע פילאָזאָפיע. אין דרום־איטאַליען, געטרענט דורך אַ ים, האָבן די גריכישע עמיגראַנטן פון זיך אַרויסגעגעבן די עלעאַטישע פילאָזאָפן און די פיטאַגאָרעיִשע שקאָלע און עמפּעדאָקלעס און שפּעטער דעם גרויסן בוקאָלישן פּאָעט טעאָקריטאָס. אַריסטאָטעלעס׳ וויג איז גאָר נישט געשטאַנען אין העַ־לאַס, נאָר אין אַ קאָלאָניע, צווישן מאַצעדאָנישע באַרבאַרן. די גריכישע וויסנשאַפט ווי די נעאָפּלאַטאָנישע מיסטיק זענען געוואַקסן אין מצרים און סיריען.

שטאַרקע נשמות האָבן אין זייער האַרץ זייער פעסטונג. דאָרט ווו זייער הויז איז, דאָרט בויען זיי זייער היים, דאָרט שאַפן זיי זייער פאָטערלאַנד, דאָרט איז אַ צווײַג פון דער מעטראָפּאָל.

מען באַדאַרף נישט מער האָבן ווי די פּאָליאַקן. אין דער ליטע זענען זיי אַ מינאָריטעט אַ באַדריקטע, פון אַלע זײַטן די גרויסע רוסישע קולטור מיט נאַגײַקעס, און טראָץ דעם זענען די בעסטע פּוילישע דיכטער געבוירן אין דער ליטע. די מאַסן פון פרעמדע, דער דרוק, האָט זיי געררייצט צו אָנ־שטרענגונגען, צו גאָך גרעסערע לײַסטונגען.

אַז דאָס יידישקייט וויל זיך נישט צעשמעלצן אין אייראָפּע, אַז דאָס יידישקייט וויל נאָך דער נאַכט פון געטאָ נאָך אַ אייגענעם מאָרגנשטערן דערזען, מוז עס זיך צו שטאַרק לעבן אויפכאַפּן, און דעמאָלט וועט די לי־טעראַטור אַ טיפע און קרעפטיקע זיין. וויל דאָס יידישקייט נאָך אַ צוקונפט האָבן און זעלבשטענדיק זײַן, דעמאָלט מוז עס האַלטן דאָס יידישע לשון פאַר אַ נאַציאָנאַל לשון און זיך אין אים מיט מײַסטערווערקן פאַרשאַנצן. אין דעם „פאָלקס־לשון" קלינגט אַ מוראדיק יאוש, קלינגט עפּעס ווי דער קול פון דעם וואָס ער שרײַבט אַ צוואָה. מען גלייבט שוין ניט אין דער אייגענער לעבנסקראַפט.

VII

אַצונדערט קומ׳מיר צו אַ פרישער און וויכטיקער שאלה. אַז יידיש איז אונדזער נאַציאָנאַל לשון, ווי שטעל׳מיר זיך צום לשון־הקודש? לשון־הקודש איז אַ שפּראַך וואָס לעבט נאָר אין ביכער, און אַזוי זאָל עס אויך ווײַטער בלײַבן אַ ספרים־לשון. ס׳איז אַ פּראָסטער חלום, אַז לשון־קודש זאָל אַמאָל בײַ די פאַרשפּרייטע מינאָריטעטן פון אַ האַלבן וועלטטייל קענען צוריק ווערן די שפּראַך פון דעם לעבן. וואָס אַ קאָנצענטראַציע פון יידן אין ארץ־

ישׂראל אין דעם באַלאַנג וועט קענען טון, ווייסן מיר נישט. ווייל דעם וואָס גליבט, ס׳איז אַ שאָד פּשוט די מי, יעדע פֿאַרשווענדונג פֿון כּוח איז אומזיסט. ס׳איז אַ ווילדע כימערע, אַז דאָס פּראָסטע פֿאָלק זאָל אַ שפּראַך וואָס עס עקזיסטירט נאָר אין ביכער אַזוי ווײַט דערלערנען, אַז ס׳זאָל זי קענען רופן זײַן אייגן.

לשון־קודש האָט זיך שוין לענגער ווי פֿאַר צוויי טויזנט יאָר געזעגנט מיט דעם לעבן. לשון־קודש איז אין די היינטיקע פֿאַרהעלטעניסע פֿאַר די יידן פֿון גלות די שפּראַך פֿון אַמאָל, דאָס נאַציאָנאַל לשון פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט. יידיש איז די שפּראַך פֿון היינט. דאָס לעבן, דער היינט מוז יידיש אויסגעדריקט ווערן. דער נעכטן, די וויסנשאַפֿט, די פֿאָרשונג, דאָס פּאַרטיפֿעכץ אין אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט קאָן און זאָל אין לשון־קודש ווײַטער האָבן זײַן שפּראַך־אָרגאַן. לשון־קודש זאָל אונדז פֿאַרבינדן מיט אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט. און מיר יידן מוזן האָבן אַ פֿאַרגאַנגענהייט, אויף וואָס מיר זאָל׳ מיר קאָנען אין דעם גרויען שפּלות פֿון דעם גלות צוריקקוקן. אונדז מוז׳מיר האָבן אַ פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל קענען מיט איר גלאַנץ אונדז טרייסטן אין די נאַציאָנאַלע נויטן, וואָס זאָל אונדזער פֿאַרחלשדיקע נשמה שטאַרקן, אונדזערע קעפּ הייבן, אין אונדזערע ווונדן באַלזאַם גיסן. אונדז מוז׳מיר האָבן אַ פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס זאָל דורך דעם דערמאָנען פֿון בעסערע ליכטיקערע צײַטן אונדז אַריבערפֿירן איבער דעם טונקעלן און מוראדיקן וואָכנטאָג פֿון צער און יסורים.

דאָס לעבן אָבער (מינדעסט אין די לענדער פֿון צפֿון) מוז און קאָן נאָר יידיש אויסקלינגען. לשון־קודש איז פֿאַר דעם לעבן אַ קונץ־שפּראַך. ווען מען זאָל אַפֿילו האָבן ווערטער פֿאַר אַלץ אין דער וועלט און אין דער נשמה, זענען דאָס פֿאַרשטיינערטע ווערטער, אָן אַ פּסיכישן הינטערגרונד, אָן אַ יסוד אין דער זעלע, אָן נערוו און פּולס, זענען אַ מומיע, וואָס מעג האָבן אַ פּנים ווי אַ לעבעדיקער, אַלע אברים אויסזען נאַטירלעך, דאָס האַרץ שלאָגט אָבער נישט מער.

אַ לשון וואָס קלינגט נישט אויף דער גאַס איז נישט עלאַסטיש גענוג, אַז ס׳זאָל קענען ווידערשפּיגלען די גאַס, איז נישט פֿײַן גענוג, אַז מ׳זאָל קענען ווידערגעבן די געפֿילע וואָס שטורמען און ברויען אין האַרץ, איז צו שטײַף און האַרט, אַז עס זאָל קענען צייכנען ווי אַ פּינדזל פֿון אַ מײַסטער די ציטערנישן פֿון דער נשמה, די קלײנטשיקע ניואַנסן פֿון שטימונגען. וואָרן פֿילן שטאַרק און טיף קאָן מען נאָר אין אַ לשון וואָס מען רעדט פֿון קינדווײַז אָן, אָדער וואָס מען האָט זי דערלערנט פֿון מענטשן וואָס רעדן דאָס לשון פֿון קינדווײַז אָן. אַ נאַטירלעך לעבעדיק לשון איז נאָר אַזאַ לשון, וואָס מען קען אין זײַן גײַסט זיך אַרײַנוואַקסן, אין זײַנע זעלישע געהיימניסע אַרײַנלעבן, אין זײַנע קלאַנגען, אין זײַנע שאַטירונגען. אין זײַנע בילדער, אין זײַן פֿאַרבאָרגענער מוזיק אַרײַנפֿילן.

ס׳איז אויך פֿאַרדעם אָנצונעמען, אַז אויך די בעלעטריסטיק קאָן קיין

צוקונפט אין לשון=קודש פונעם גלות נישט האָבן. מען האָט קיינמאָל נישט אין אייראָפּע אין לה"ק מער שיינע ליטעראַטור געפלעגט ווי אַ ביסל רעטאָריש=לירישע און רעליגיעזע פּאָעזיע. דער אינסטינקט פון דעם עולם האָט ריכטיק געפירט. די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט זייער אמתדיק געלונגענע העברעישע ערציילונגען, און די דאָזיקע זענען ווי לעבעדיק אויס דעם יידישן אַרויסגענומען. דאָס געמיט, די אַסאָציאַציעס פון געפילע, די צונויפקניפּעכצער פון סוביעקטיווע עמפּפינדונגען זענען קיינמאָל ניט קיין לשון=קודש, און אין דעם בעסטן פאַל נאָר יידיש. די שרייבערס וואָס שרייבן דערציילונגען, לשון=קודש און יידיש, שרייבן תמיד בעסער יידיש ווי לשון=קודש. באָטלאָבער איז געווען אין לה"ק אַ מאַטער פּאָעט, און זיינע יידישע פאָלקסלידער ווייזן אויף טאַלענט. גאָלדפאַדען אין זיינע „ציצים ופרחים" איז נאָך אַ סך ווייניקער ווי אין זיינע דראַמען. י. ל. גאָרדאָן האָט נאָר מחבר געווען אַ פּאָר לידלעך אין יידישן, און דאָס זענען פּערל, וואָס איבערטרעפן מיט זייער נאַטירלעכקייט און אמתדיקייט זיינע שירים. פּרץ און מענדעלע מוכר=ספרים לאָזן זיך גאָר נישט פאַרגלייכן זייערע יידישע מייסטערווערקע מיט זייער העברעיש. מען קען די ליסטע פון די דאָזיקע שרייבערס נאָך אַ סך פאַרלענגערן. די העברעישע בעלעטריסטיק פון היינט קען קיין גרויסע צוקונפט נישט האָבן. אַז אונדזער יידישקייט איז נישט קיין פאַרפאַלמעצט ביזאַנטיזמוס, אַז אונדזער פאָלק לעבט נישט אויס טויבער, שווערפעליקער אינערציע, נאָר אויס טיפן חשק צום לעבן, וועט די אייגנאַרטיקע ראָמאַנטיק פון לשון=קודש באַלד צעפליען. אַ עקזאָטישע בלום וואָס מען האָדעוועט אין אַ אָראַנזשעריע קען אויף פרייער לופט נישט בליען.

אונדזער לשון פון דעם לעבן וועט יידיש זיין, און אונדזערע וויסנשאַפט העברעיש. פון דער היסטאָריע קען מען זיך נישט אָפּטרייסלען, ווי מאַנכע עקסטרעמיסטן וואָלטן ווידער פאַרקערט געוואָלט. די היסטאָריע איז ניט קיין צופעליקע זאַך וואָס מען טוט מיט איר ווי מען וויל, וואָס מען קען זי ענדערן פון היינט אויף מאָרגן.

רוב פעלקער האָבן אַחוץ זייער אייגן לעבעדיק לשון נאָך איין לשון פאַר געוויסע צוועקן. דער אַסיריער האָט סומעריש אַ סך פון זיינע אורקונדן מחבר געווען, דער ריימער האָט עטרוסקיש לאַנג פאַר דער שפּראַך פון זיינע טעמפּל געהאַלטן. דאָס ריימישע איז געווען ביז פאַר עטלעכע הונדערט יאָר די איינציקע אָפיציעלע ליטעראַטור=שפּראַך פון אייראָפּע. די גריכיש=אָרטאָדאָקסע סלאַוון און רומענען האָבן אַ סך הונדערטע יאָרן דאָס אַלט=סלאַוויש פאַר זייער ליטעראַטור=שפּראַך געהאַלטן. די עגיפּטישע קריסטן וואָס רעדן אַראַביש שרייבן נאָך קאָפּטיש; די מעזאָפּאָטאַמישע קריסטן, וואָס זייער היינטיק לשון איז אַראַביש, שרייבן זייערע רעליגיאָנס=ענינים אַראַמעיש. די אַביסיניער וואָס שמועסן אַמהאַראַ האַלטן נאָך תמיד דזשעז צו זייער שריפטגעברויך. די בראַהמאַנען, וואָס פאַר אַ לשון זיי רעדן, שרייבן נאָך תמיד

סאַנסקריט. די מאַהאָמעדאַנער פון אַלע לענדער באַטראַכטן אַראַביש פאַר דער שפּראַך פון זייער רעליגיעזן קולטוס. שפּראַכן, זע׳מיר אַ סך מאָל, וואָס זייער נשמה איז שוין לאַנג פון זיי אַרויסגעפלויגן, באַהערשן נאָך טייל ליטעראַטור=געביטע.

דאָס לשון=קודש קען ביי אונדז אַ גרעסערע ראָלע שפּילן ווי נאָר אַ לשון פון דער סינאַגאָגע און דער אמונה. אַחוץ רבנישע תשובות, דרשות און דערגלייַכן זאָל מען אין איר דעם יידישן גייסט, דעם יידישן מוח אויסדריקן. טראַדיציאָנעלע פּאָעזיע, פּובליציסטיק, פּאָליטישע צייַטונגען קאָנען נישט שאַטן. אין דער רענעסאַנס, ווען אַ דאַנטע, אַ פּעטראַרקאַ, אַ טאַסאָ האָבן געבליט, האָט מען אויך דאָס קלאַסישסטע לאַטייַן געשריבן. שפּעציעל ביי אונדז, ווו ס׳האַנדלט זיך נאָר וועגן ערנסטער ליטעראַטור, וועלן יידיש און לשון=קודש קאָנען זייַן גוטע שכנים. אַ סך, אַ סך יאָרן, ווען אין מערב=אייראָפּע איז שוין הויך געבליט די שיינע ליטעראַטור אין די לאַנדעס=שפּראַכן, האָט דאָס לאַטייַנישע נאָך תמיד געדינט פאַר ערנסטע צוועקן. אין דייַטשלאַנד זענען נישט קיין סך מער ווי הונדערט פופציק יאָר, צייַט יאָהאַן קריסטיאַן וואָלף האָט געמאַכט די התחלה איבער פילאָזאָפישע ענינים דייַטש צו שרייַבן. פראַנקרייַך האָט אין קאַרטעזיוס (דעקאַרט) ערשט דעם ערשטן דענקער געפינען, וואָס ער האָט זייַנע מחשבות פראַנצייזיש געשריבן.

מיר באַדאַרפן נישט מורא האָבן, אַז לשון=קודש וועט דעם זעלבן סוף האָבן ווי דאָס לאַטייַן. דאָס לאַטייַן איז געווען אַ לשון פון אַ ברוטאַלער היעראַרכיע, פון גלחישע פּריצים, די מלחמה איז אייגנטלעך געווען אַקעגן דער שוואַרצער חברה פון רוים. דאָס לאַטייַן האָט נאָך דערצו געשטרעבט צו דערשטיקן די לאַנדעס=שפּראַכן. און דענאָך איז דאָס אַ טעות, אַז לאַטייַן עקזיסטירט שוין נישט פאַר דער ליטעראַטור. נאָך הייַנט איז לאַטייַן די שפּראַך פון דעם פּאָרטראַג און פון די דיסערטאַציעס אויף אַלע קאַטוילישע פאַקולטעטן און סעמינאַריען, און נאָך אַ סך פילאָלאָגישע, שפּעציעל אָריענטאַליסטישע שריפטן שרייַבט מען לאַטייַניש. אונדזער לשון=קודש איז תמיד געווען דעמאָקראַטיש, קיין רבנים האָבן קיינמאָל נישט געמאַכט אויס דעם לה״ק אַ ווערקצייַג פון זייערטוועגן.

ס׳איז קיינמאָל ביי אונדז נישט געווען אַ אייגנטלעכע אָרגאַניזאַציע פון רבנים. די ראָלע פון אַ רב אונטערשיידט זיך געוואַלטיק פון דער ראָלע פון אַ קאַטוילישן גלח. דאָס מאָטיוו פון דער קאַמפּאַניע קעגן דאָס לאַטייַנישע פעלט ביי אונדזער לשון=קודש. אין געגנטייל, דאָס לשון=קודש וועט תמיד אַ בעדירפניס בלייַבן, כדי אונז צו פאַראייניקן מיט אונדזערע ברידער, און ס׳וועט קיינמאָל — אַזוי לאַנג ווי אונדזער פאָלק וועט עקזיסטירן — נישט אויפהערן ביי אַ געוויסער באַלעבאַטים=שיכט געפלעגט צו ווערן.

דער פּחד, אַז ביי צוויי לשונות וועלן זיך קאַסטן אַרויסבילדן, איז נישט באַגרינדעט. דאָרטן ווו ס׳איז מעגלעך פון איין שיכט צו דער צווייטע=

איבערצוגיין, דאָרט איז קיין קאַסטן ניט פאַרהאַנען. שמועסן וועט דאָך יעדער יידיש, די יידישע בעלעטריסטיק וועט יעדנס מאכל זײַן. נאָר די העבער־געבילדעטע וועלן אויך לשון־קודש לייענען. ווער וועט שטערן דעם, וואָס ער לייענט נאָר יידיש, זיך להי"ק אויסצולערנען?

די שרײַבערס וועלן קענען אין ביידע שפּראַכן זיך אויסדריקן. שוין הײַנט זע'מיר, אַז אַ גרויס חלק פון די העברעיִשע שריפטשטעלער שרײַבט יידיש. די באַגרינדערס פון דער יידישער ליטעראַטור זענען לויטער העבּ־רעיִשע שריפטשטעלער. ווען אונדז וועל'מיר אַפילו אָפּזען דערפון, זענען קאַסטן, וואָס זייער חילוק זאָלן שפּראַכן זײַן, נישטאָ. ווען ס'קומט, אַז אַ פאָלק מיט איין לשון באַזעצט זיך אין אַ לאַנד מיט ווידער אַן אַנדער לשון, דע־מאָלט מוז תמיד איין לשון פון דעם לעבן ווײַכן. טיילמאָל, ווי אין די ראָ־מאַנישע לענדער, אין מזרח־דײַטשלאַנד, אין די רוסישע סטעפּן אאַז"וו, נעמט דאָס פאָלק אָן דאָס לשון פון די זיגערס, פון דער אייבערשטער שיכט; טייל־מאָל ווידער פאַרקערט נעמען די פרעמדע אײַנדרינגלערס אָן דאָס לשון פון די עראָבערטע, ווי די היקסאָס אין מצרים, די לאָמבאַרדן אין איטאַליען, די מאַנדזשורן אין כינאַ, די נאָרמאַנען אין רוסלאַנד אאַז"וו. שפּראַכלעכע קאַסטן זענען נישט האַלטבאַר, ווײַל ווען צוויי שפּראַכן ווילן גלײַך דינען צו די צוועקן פון דעם לעבן, מוז צווישן זיי קומען צו אַ צוזאַמענשטויס, און איינע מוז פאַלן. ווען די העברעיִסטן וועלן זיך אויף איבערגריפע ערלויבן, דעמאָלט וועלן זיי אַוועקגעקערט ווערן דורך דעם לעבעדיקן כוח פון דעם פאָלק. וועלן זיי אָבער פרידלעך זיך מיט ספרים באַשעפטיקן און קיינע אויפטועכ־צער זוכן, דעמאָלט וועט דאָס לשון־קודש אומגעשטערט בלײַען צום נוצן פון דאָס יידישקייט.

דאָס איינציק לשון וואָס קען רעדן צו אונדזער יידיש האַרץ איז אונדזער יידיש. די נאַציאָנאַלע טענות פון די העברעיִסטן זענען ניכטיק. דער עולם איז הײַנט דעמאָקראַטיש און וויל זיך נישט באַגנוגן, אַז דאָרט אויבן זענען דאָ מענטשן וואָס שרײַבן ספרים אין דעם לשון פון דעם סידורל און מאַכן מעשיות וואָס קלינגען ווי די הפטורה. דער עולם וויל אין זײַן אייגן לשון זײַן צײַט צעשטרייען מיט ראָמאַנען, זײַנע געפילן ערגעצן מיט פּאָ־עזיע, זײַן גייסט פאַרטיפן מיט וויסן. און אַחוץ דעם, אַפילו רוב פון די יידישע אַריסטאָקראַטן פון דעם גייסט פאַרשטייען נישט קיין שײַטל עברי. נאָר אַ פיצינקעלע טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ איז אים שטאַנד צו לייענען לשון־קודש. אַפילו דאָרט אויבן איז העברעיִש נאָר באַגרענצט אויף אַ קליין הײַפל. ס'איז פאַרדעם אָן זין דער ווילן פון אַ טייל העברעיִסטן צו האַלטן די יידישע ליטעראַטור פאַר אַ אַרט זשאַנר, פאַר אַ מין ליטעראַ־ריש שפּילעכל אין דעם דיאַלעקט פון אַ פאָלקס־שטאַם.

יידיש איז אַ דיאַלעקט — פון וועלכער שפּראַך? פון לשון־קודש? וואָס פאַר אַ דיאַלעקט איז דאָס, ווו 80 פראָצענט, ווען נישט מער, ווערטער זע־

בען נישט סעמיטיש און די גראַמאַטיק, טראָץ דעם סטעמפּל פון דער יידישער אייגנאַרט, איז אַ פרעמדע. יעדער דיאַלעקט מוז האָבן די זעלבע גראַמאַטיק און אַ גרויסן רוב פון ווערטער וואָס די ליטעראַטור-שפּראַך האָט, זאָנסט איז דאָס נישט קיין דיאַלעקט נאָר אַ זעלבשטענדיק לשון.

דאָס זעען מיר אַ סך מאָל ביי דער אַנטוויקלונג פון שפּראַכן, אַז ווען ס׳ווערט גרויס די צווישנשייד צווישן דער שפּראַך פון די ספרים און דער שפּראַך פון דעם אומגעבילדעטן עולם, דעמאָלט מוז קומען אַ נייע שפּראַך אין די סאַלעס פון דער ליטעראַטור אַריין. אין אינדיען איז אַזוי געשען מיט דעם סאַנסקריט, ביי אונדז בזמן התלמוד מיט דעם לשון-קודש, ביי די גריכן מיט דעם אַלטגריכישן, ביי די דייטשן מיט דעם אַלט-און מיטל-הויכדייטשן אאַז״וו.

אָדער שטאָט דער איינציקער שפּראַך פון פריער קומען עטלעכע שפּראַכן, דיאַלעקטע פון פאַרשידענע שטעמע, צו זייער רעכט. דאָס זע׳מיר ביי די סלאַווישע, ביי די ראָמאַנישע און נאָך ביי אַ סך אַנדערע פעלקער. דאָס שטאַטס-אינטערעס אין אייראָפּע איז אַ סך מאָל קעגן דאָס געזעץ פון דער אינדיווידואַליזאַציע פאָרגעגאַנגען און ס׳האָט דיאַלעקטע נישט געלאָזט אויפקומען צו זעלבשטענדיקייט, אָבער ס׳האָט נישט תמיד געהאָלפן. דער דיאַלעקט וואָס איז שטאַרק מחולק פון דער אָפּיציעלער שפּראַך, דער קען דורך דער אָפּיציעלער שפּראַך נישט פאַרדרענגט ווערן. די וואָס רעדן דעם דאָזיקן דיאַלעקט האָבן שוין זאָלכע זעלישע באַדערפענישע, וואָס לאָזן זיך נישט אין קיין אַנדערער שפּראַך אויסדריקן. דער זיד-פראַנצייזישער דיאַלעקט למשל איז אין מיטלאַלטער געווען אַ לשון מיט אייגענער ליטעראַטור. דער פראַנצייזישער צענטראַליזמוס האָט אים געוואָלט צעדושען. ס׳האָט נישט געהאָלפן—זייט הונדערט יאָר האָבן זיי צוריק אַ אייגענע ליטעראַטור. די קאַטאַלאָניער אין שפּאַניען, ווי זיי האָבן דערשפּירט, אַז זייער דיאַלעקט איז אַזוי אייגנאַרטיק אַז דאָס שפּאַניש פון קאַסטיליען איז זיי פרעמד, האָבן זיי אָנגעהויבן קאַטאַלאָניש צו שרייבן.

מען ווייזט געוויינלעך, אַז די דייטשע דיאַלעקטע זענען נישט פאַרשטענדלעך פאַר דעם הויכדייטשן, און דענאָך זענען זיי צווייגן פון דעם זעלבן לשון. ס׳איז אָבער נישט ווי ס׳דאַכט זיך אָבערפלעכלעך. ביז לוטער האָט נישט עקזיסטירט קיין איינהייטלעכע דייטשע שפּראַך. יעדער שטאַם האָט געהאַט בייטיק זיינע היסטאָריעס, זיינע געפילע, זיינע חלומות אין זיין אייגענער באַזונדערער פאָרם אויסצודריקן. אינטערעסן פון דער רייכסקאַנצליי, דער פּראָטעסטאַנטיזמוס אד״גל האָבן גורם געווען צו דערהייבונג פון איין געקינצלט דיאַלעקט צו דער אָפּיציעלער שפּראַך פון דייטשלאַנד. אָבער ס׳איז נישט לייכט געגאַנגען. נאָך אים זיבצענטן יאָרהונדערט האָבן גרויסע שרייבערס ווי לוירענבורג אים פּלאַטדייטשן מחבר געווען. היינט זע׳מיר, אַז יעדער דייטשער דיאַלעקט ווי פּלאַט, פריזיש, שווייצעריש, בייעריש, שטייעריש

אַאַז״וו באַשטרעבט זיך צו באַשרײַבן שפּעציפֿישע בילדער אין זײַן שפּעציפֿיש שפּראַך. צוואַר הײַנט איז דאָס נאָך זשאַנר, מיט דער צײַט וועט מען אָבער צו דער איבערצײַגונג קומען, אַז זעלבשטענדיקע דיאַלעקטע זענען טאַקע שפּראַכן, נישט קײַן פּעבל־רעדעכצער.

דאָס לעבן וועט דאָס רעכט באַווײַזן. די תּמיד וואַקסנדע גרייס פֿון די דיאַלעקט־ליטעראַטורן ווײַזט, אַז דאָס דײַטשע פֿאָלק קען זיך שוין נישט אויסלעבן אין דעם הויכדײַטשן, אַז דאָס הויכדײַטשע איז אַ אינטעליגענץ־לשון געוואָרן, ד״ה עס געפֿינט זיך שוין אויף דעם וועג פֿון פֿאַרשטיינערונג. ס׳איז נישט ווײַט די צײַט פֿון דער שפּראַכלעכער דיפֿערענציאַציע. שוין אים לויף פֿון דער געשיכטע האָט זיך די דאָזיקע דיפֿערענציאַציע באַוויזן דאָרטן ווו ס׳האָט געפֿעלט אויסנווייניקדיקער צוואַנג. ענגליש איז געווען ביז צום זעקסטן יאָרהונדערט אַ זעקסיש דיאַלעקט. נידערלענדיש איז ביז פֿאַר פֿיר הונדערט יאָר געווען אַ פּלאַטדײַטשער דיאַלעקט און הייסט נאָך ביז הײַנט אים ענגלישן „דײַטש“ (Dutch). דיאַלעקטע זענען איבעראַל עטימאָלאָגיש איינס מיט דער אָפֿיציעלער שפּראַך, דער עיקר חילוק איז די פֿאָנעטיק און די סינטאַקס, און דענאָך גענוגט שוין אַ נישט־גרויסער חילוק צו פֿאַרטיפֿן אַ אָפּגרונט, — קל וחומר בײַ דעם יידישן, וואָס איז דאָך עטימאָלאָגיש און גראַמאַטיקאַליש אַ גאַנץ אַנדערע פֿילאָלאָגישע ערשײַנונג ווי דאָס העברעיִש. יידיש איז נישט קיין דיאַלעקט, נאָר טאַקע אַ זעלבשטענדיק לשון פֿון דער הײַנטיקער יידישער נאַציע.

VIII

יידיש איז דאָס לשון פֿון דאָס יידישקייט. נאָר דאָס לשון אַליין קען אונדז היטן פֿאַר אַסימילאַציע, נאָר דאָס לשון אַליין קען אַ פֿאַנצער זײַן קעגן פֿרעמדע אַטאַקן. צי עמעצער איז יאָ אַ פֿרײַנד פֿון דעם יידישן צי נישט, איינס מוז ער מודה זײַן, אַז אים גרויסן און אים גאַנצן, דאָרטן ווו מען הערט אויף יידיש צו שמועסן, דאָרט פֿאָרט אַרײַן דער מלאך־המוות פֿון נאַציאָנאַלער פֿאַנענפֿלוכט; אַז ווען מען זאָל שמועסן שטאָט יידיש אין רוסלאַנד רוסיש, אין דער ליטע ווײַסרוסיש און ליטוואַקיש, אין פּוילן פּויליש, אין דער אוקראַינע רוטעניש, אין גאַליציען פּויליש און רוטעניש, אין רומעניען רומעניש, אין אונגאַרן אונגאַריש, קראָאַטיש אאַז״וו, דעמאָלט וואָלט געפֿעלט יעדער באַנד פֿאַר דאָס הײַנט נאָך איינהייטלעכע יידישקייט, און צעברעקלט וואָלט עס זיך געמוזט אויפֿלייזן צווישן די שכנים. אָן אַחדות, אָן אַ מיטל זיך צו פֿאַרשטענדיקן וואָלט די יידישע נאַציע צעשמאָלצן געוואָרן. דאָס קען׳מיר זען אין מערב־אייראָפּע, ווו רוב יידן האָבן פֿריער אַשכּנזיש געשמועסט, און הײַנט, זײַט זיי האָבן זיך אַסימילירט, זענען זיי צווישן זיך ווי פֿרעמדע.

די העברעיִסטן זענען זיך שטאַרק טועה, אַז די קרעפּטיקונג פֿון דעם יידישן וועט שאַדן דעם לשון־קודש. ס׳האָט זיך נישט געטראָפֿן, אַז עמעצער

וועקסלט זייַן יידיש אין דעם טעגלעכן לעבן מיט דעם העברעיִשן; דאָרט ווי
ס'שווייַגט דאָס יידיש, דאָרט פאַרשטומט אויך דאָס יידישקייט, דאָרט חלומט
זיך קיינעם נישט העברעיִש צו רעדן אום וואָכן־טאָג, דאָרט ערדונגערט די
לאַנדעס־שפּראַך. און מיט דער צייַט, אַז נישט אין דעם ערשטן, איז דאָס אים
צווייטן דור, טריִומפירט די אַסימילאַציע מיט אירע ראַדיקאַלע פאָלגן.

דאָס יידישע לשון באַדאַרפט קרעפטיקונג, חיזוק, די מויער וואָס האַלט
צוזאַמען אונדזער פאָלק פאַר אויפלייזונג האָט אַ סך בריכעס. לייַכטזין פון
אייבעוויניק, שטורמען פון פרעמדע אייַנפלוסע פון דרויסן דערשיטערן די
מויער תּמיד מער. נישט נאָר אַלעמאָל ווערט גרעסער די צאָל פון די דאָזיקע
יידן, וואָס הערן אויף, טראָץ זייער פּאַטריאָטיזם, יידיש צו רעדן; אַפילו די
וואָס רעדן יידיש מישן אָן אַ באַדאַרף אַלעמאָל מער פרעמדע ווערטער־
אַרייַן אויף אַ באַרבאַרישן אופן.

מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן, אונדז אַלע, צי זשאַרגאָניסטן צי העברעיִסטן,
צי אונדז האַלט'מיר דאָס יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך צו פאַר אַ צופעליק
דיאַלעקט, אַז מען זאָל דאָס לשון, וואָס איז נאָך דער רעליגיאָן דער אייב־
ציקער פאָדעם וואָס דערהאַלט דאָס אחדות פון אונדזערע מזרח־יידן (די
ספרדים האָבן דורך דעם חסרון פון אַ שפּראַך קיין שום אחדות, אַפילו משדך
זייַן ווילן זיי זיך נישט מיט אונדז), נישט לאָזן אונטערגיין. לויט דעם הייַנ־
טיקן שטאַנד, לויט דער קעלט פון דעם עולם אַקעגן יידיש, קען מען נישט
צו אונדזער שפּראַך אַ גרויסע צוקונפט פּראָפעצייַען. ווען ס'פירט זיך ווי
ביז הייַנט, איז נאָך צוויי, דרייַ דורות, און קיין שלאַד וועט נישט בלייַבן
פון דעם לשון, וואָס דורך הונדערטער יאָרן האָט זיך אונדזער פאָלק אַרייַנגע־
לעבט און קונצפול פאַראַרבעט.

דער חוב פון דעם יידישן פאָלק איז זיך אויפצוּוועקן פון דער סוגעריר־
טער פאַראַכטונג און זיך באַוווסט צו ווערן וואָס זייַן לשון איז און וויפיל
חשיבות ס'האָט פאַר זייַן ווייַטערן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד. דאָס יידישע פאָלק
מוז צו דער ידיעה קומען, דאָס אַ שפּראַך וואָס מען האָט עס פאַרדייַעט און
זייַן נשמה אַרייַנגעדעכעט איז הייליק און ס'איז אַ גרויסע זינד קעגן דער
אייגענער צוקונפט די דאָזיקע שפּראַך צו לאָזן שטאַרבן.

מיר וואָס ערקלערן אונדזער אַשכּנזיש פאַר דאָס לשון פון דער יידי־
שער נאַציע, מייַנ'מיר נישט מיט דעם עפעס גאַנץ נייַעס צו שאַפן, אַ פריש
יידישקייט צו מאַכן, די היסטאָרישע קאָנטינואַציע צו לייקנען, אַלע בריקן
וואָס פאַרבינדן אונדז מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען צו פאַרברענען. ניין!
אונדז זענ'מיר אַלס יידיש־שמועסנדיקע נאָר ממשיך דעם פאָדעם פון דער
היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס יידיש איז קיינמאָל נישט אַברופּט ווי אַ בליץ
פון דעם העלן הימל צו אונדז אַרייַנגעפאַלן. פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, מיט פאַמע־
לעכדיקע שריט איז דאָס לשון אַרייַן אין אונדזערע געצעלטן. פּאַוואָליע, פּאַ־
וואָליע האָט מען דעם גערמאַנישן שטאָף אַרייַנגעזייגט, פאַרקייַט, פאַרדייַט, אין

זיין אייגן פלייש און בלוט פאַראַרבעט. דאָס יידיש פון היינט איז אַ פּראָדוקט פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס וואָס האָט געדויערט הונדערטער יאָרן. אונדז האָב׳מיר נישט נאָר דאָס דאָזיקע לשון אומגעפּורעמט, ווייטער אַנטוויקלט, זעלבשטענדיק געזעצע געגעבן. אונדז האָב׳מיר מער געטון, אונדז האָב׳מיר דאָס לשון צוגעפּאַסט צו אונדזער שפּראַכגעפיל, צו דער פּסיכע פון אונדזער פאָלק, צו דער לינגוויסטישער פאַראַנלאַגונג, ביז ס׳איז געלונגען דאָס ווערקצייג אין וועלכן ס׳קאָן זיך אונדזערע נשמה אמתדיק און נאַטירלעך אָפּנבאַרן.

דאָס יידיש איז אַ המשך פון דער פאַרגאַנגנהייט. דאָס באַווייזט, אַז אַ חשובדיקער טייל פון די ווערטער קומט אַרויס פון דעם לשון־קודש. נישט דווקא ווערטער פאַר רעליגיעזע באַגריפן אָדער מנהגים, ווי מען קלערט געוויינלעך. דאָס לעבן פון דער נשמה, דאָס בית־המקדש פון דעם אינעווייניגדיקן מענטש, ווערט צו־מייסט העברעיש אויסגעדריקט. דער ייד האָט פאַרשפּירט פאַר אַ הילול, אַז אויך דאָ זאָלן זיך פרעמדע אַרומפּאָרען. דאָס גאַנצע סובּיעקט קאָן זיך אויסלעבן לשון־קודש, היינו: נשמה, שכל, חכם, בר־דעת, תלמיד־חכם, למדן, עלוי, עמוק, דעה, סברה, חכמה, שוטה, פתי, משוגע, חלום, טעות, שקר, וודאי, אמת, תופס זיין, משיג, מרגיש, בחוש, מחשבה, ידיעה, פלא, נס, מופת, ברירה, טענה, עצה, יושר, עוולה, חסרון, מעלה, כבוד, שם, גאווה, ענוו, שפלות, חצוף, עז פנים, קנאה, חניפה, ליצנות, חושד, בושה, חרפה, פחד, מורא, אימה, צער, יסורים, סכנה, צרה, יללה, כעס, עקשנות, נקמה, מתיאש, חרטה, תשובה, צדקה, מצווה, רצון, חשק, בטחון, חזוק, רחמנות, חסד, חן, מנוחה, תענוג, תכלית, ברכה, מזל, הצלחה, שלום, שמחה, טעם אאַז״וו. מוזיק איז דאָס לשון פון דעם סוביעקט, פון דעם נפש. מוזיק איז דער געגנזאַץ פון דעם רעאַלן, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּן, איז דיאַביזיש, אינעווייניגדיקער רויש, אים געגנזאַץ צו דעם אַפּאָליניש, דאָס וואָס לאָזט זיך אין בילדער פאָרשטעלן. פאַרדעם ווערט אויך די מוזיק מיט לשון־קודש־ווערטער באַצייכנט: נגון, זמר, שיר, קול, מתיקות, משורר אאַז״וו. די צייט איז נאָר אַ פאָרשטעלונג, אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשלעכן גייסט, די צייט עקזיסטירט נאָר אין דעם מוח פון דעם באַטראַכטנדיקן, נאָר אים סובּיעקטיוון באַוווסטזיין, די צייט־באַגריפע האָבן פאַר דעם אויך לשון־קודשע נעמען: רגע, שעה, מעת־לעת, זמן, חודש, תיכף, קודם, תמיד, שהיה אאַז״וו.

דאָס העברעיִשע רעפּרעזענטירט אין דעם יידישן דאָס זעליש־קולטורעלע עלעמענט. דאָס רעאַלע שטייט אַחוץ פון די רעמען. רעדעטיילע וואָס גייען אוים צו באַטאָנען דאָס רעאַלע זענען מחמת דעם גערמאַניש, היינו דאָס אַדיעקטיוו, דאָס נומעראַלע, דאָס פּראָנאָמען און די פּרעפּאָזיציע. פאַרקערט ווייטער דאָס רעדעטייל, וואָס באַציט זיך אויף דאָס ווערב (פּעל) און וויל באַטעים זיין דאָס וואָס געשעט און ס׳קומט אין דער צייט פאַר, איז אַ סך מאָל לשון־קודש, איך מיין דאָס אַדווערב (תואר הפּעל), ווי: בשום אופן, בסדר, במעט, מכוח, בכן, היינו, מחמת, אפשר, בעיקר, פשוט, אַפילו,

אַדרבא, אַוודאי, בפרט, בקיצור, דווקא, הכלל, הלוואַי, כדי, מכל־שכן, תמר(=טאָ־מער) אאַז"וו. און אויך ס'רוב ווען דאָס אַדווערב באַצייכנט עפּעס אַבסטראַקטעס: ווי: פאַרחלומט, שכלדיק, אמתדיק, אאַז"וו.

נישט נאָר די נשמה איז העברעיִש געבליבן, אויך די געזעלשאַפט, דאָס מיליע אין וואָס דער ייד וואַקסט און לעבט איז העברעיִש געבליבן. ס'רוב פאַר־העלטניסע וואָס קומען פאָר אין דעם סאָציאַלן בוי זענען העברעיִש, היינו: סוחר, סחורה, עסק, משא־ומתן, מסחר, מוכר, קונה, יריד, מלווה, זול, יקרות, רווח, קרן, חשבון, סך, פרנסה, הוצאות, גביר, עשיר, נגיד, אביון, דלות, קבצן, חובות, נדבות, היזק, הלוואָה, צדקה, פרוטה, אורח, עבודה, משא, בעל־מלאָכה, פועל, בעל־עגלה, בשמים, קצב, שותף, משרת, תקיף, יורד, שונא, מחלוקת, רודף, מציל, חבר, שליח, עֵד, טענה, שבועה, מודה, מוסר, קהל, משפט, פסק, בעל־הבית, יורש, נחלה, צוואָה, חלק, רבים, כלל, יחיד, מועט, אַסיפה, ראָש, נשיא, חברה, גבאָים, במקום, קלפי וכו'. אָבער נישט נאָר די יידישע סאָציאַלע פאַרהעלטניסע, אויך די גוייִשע, ווי וויַט זיי רירן זיך אָן מיט די יידן, האָבן העברעיִשע באַצייכנונגען: מלוכה, קירה, מדינה, מלחמה, מנצח, חורבה, שריפה, שר, פריץ, רוצח, גזלן (איך רעכנע דאָס פאַר גוייִשע פאַרהעלטניסע) שופט, גלח, חגא, צלב, בלבול, תפיסה, קנס, מיתה, הרגען, תלין, גזירה, שגץ, גוי, גלות, רשע, יין נסך וכו'.

טיילוויַז זענען אויך ווערטער וואָס באַציען זיך אויף דעם מענטש גופא און אויף זיַינע צושטענדע העברעיִש: גוף, מוח, גולם, דופק, חוש, טעם, ריח, פּנים, גבורה, כוח, חלשן, סגי־נהור, נכפה, שגעון, מרה־שחורה, קדחת. וויַטער: רופא, רפואה, סם, מחיה זיַין, אויסערדעם: נֵפֶל, בחור, חתן, כלה, זקן, מת, שפחה, נקבה וכו'.

אינטערעסאַנט איז אויך ווי דער ייד האָט זיך געשטעלט צו דער באַ־צייכנונג פון מינים. די אידעען פון מינים, די גאַטונגס־באַגריפן עקזיס־טירן באמת נישט אין דער ווירקלעכקיַיט. די פלאַטאָנישע אידעען, די אָנשויונגען פון די מיטלאַלטערלעכע רעאַליסטן קערן שוין היַינט צום אַלטן איַזן. נאָר די איינצלנע ערשיַינונגען זענען פאַראַנען. לויט דער נישט געגאַרטער פסיכאָלאָגיע איז דער גאַטונגס־באַגריף נאָר אַ ווערק פון אַבסטראַ־הירעכץ. מיט דעם שכל מאַכ'מיר אונדז אַ נאָמען, וואָס אומפאַסט אַ גאַנצע שרעגע פון זיך ענלעכע אינדיווידועןן. די גאַטונגס־באַגריפע זענען פּראָדוקטע פון דעם סוביעקטיוון מענטש און הייסן אויך ווען דעם לשון־קודש. למשל יעדעס מלבוש האָט זיך אים יידישן אַ אייגענעם נאָמען פון ערגעץ אַ לשון; אַלע צוזאַמען הייסן אָבער העברעיִש: מלבוש אָדער בגד, תכריכים. יעדעס עסנוואַרג ווערט גערופן פון דעם סלאַווישן אָדער דיַיטשן, צוזאַמען אָבער ווערן זיי באַצייכנט: מאכל. אַזוי וויַטער זענען נעמען פון מינים: כלים, מטבע, בעל־מלאָכה, משקה, פירות, כלי־זיין, בהמות, חיות, עופות, מין וכו'. די זיַיטן פון דעם הימל זענען אויך לשון־קודש: מזרח, מערב, צפון, דרום, וויַיל אויך זיי זענען בעיקר אַבסטראַקטע. פון די הימלסקערפּער האָט נאָר

די לבנה אַ העברעיִשן נאָמען. די מעלה קומט צו דער לבנה נישט נאָר ווײַל דער ייד איז זי מחדש, מער מחמת די לבנה האָט בײַ די סעמיטן אַ גרויסע באַדײַטונג געהאַט. בײַ די אַסיריער איז דער גאָט פון דער לבנה, סין, קלענער געווען אַלס דער גאָט פון דער זון שאַמאַש. די לעצטע עבודה זרה בײַ די סעמיטן איז געווען סין אין העלענאָפּאָליס. ענינים וואָס האָבן געהאַט חשיבות זענען, כאָטשע זיי זענען געווען רעאַל, העברעיִש געבליבן. אַזוי אויך דאָס ספר איז אַפילו אויסנווייניק לשון־קודש: ספר, אות, שורה, עמוד, דף, כּתבֿ־דפוס, סופר אאַז״וו. זאַכן וואָס דער ייד האָט אין אייראָפּאַ נישט געזען, האָט דאָס לעבן אים קיין פרישע ווערטער אויפגעדרענגט, און פאַרדעם האָט דער ייד די אַלטע העברעיִשע ווערטער באַהאַלטן: אַזוי דאָס ים און דעם מדבר. מדבריות קומען אין דעם קילן אייראָפּאַ נישט פאָר, בײַ דעם ים אין צפון־דײַטשלאַנד איז דער ייד ווייניק געזעסן.

פּראַוודע, ווערטער זענען פאַר אַ לשון גלײַכגילטיק, אָבער די קוואַליטעט, דאָס איכות פון די ווערטער איז אָבער פון חשיבות און ווײַזט, אַז דאָס יידיש איז טיף אײַנגעוואָרצלט אין דער יידישער נשמה, אַז זײַנע העברעיִשע ווערטער זענען נישט קיין צופעליקע ערשײַנונגען, נאָר קומען אַרויס פון אַ סיסטעמאַטישן אײַנפלוס, וואָס קוואַלט אַרויס פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־גייסט.

דאָס דאָזיקע באַווײַזן נאָך אַ סך מער די גראַמאַטיקאַלישע געזעצע. איך וויל אַ פּאָר צוברענגען. דאָס סובסטאַנטיוו איז עפּעס קאָנסטאַנטעס, רײַמלעכעס; דאָס ווערבום עפּעס וואָס באַוועגט זיך, עפּעס צײַטלעכעס. דער אַריער פאַרבינדט אין זײַנע שפּראַכן סובסטאַנטיוויש, למשל דער דײַטשע זאָגט: „דער קעניג וועלכער רעגירטע" דער העברעער: „המלך אשר משל". „וועלכער" איז אַ פּראָנאָמען וואָס באַציט זיך אויף דאָס סובסטאַנטיוו, „אשר" איז אַ אַדווערב, וואָס באַציט זיך אויף דאָס ווערב. דעם העברעיִשן אשר וואָלט אַנטשפּראָכן „וואָס". דער ייד זאָגט טאַקע נישט ווי דער דײַטשע, נאָר: „דער מלך וואָס ער האָט רעגירט". ענלעך איז אויך אים יידישן דיאַלעקט אים נײַגריכישן.

דער העברעער איז געווען זעליש טיף פאַראַנלאַגט, זײַן נשמה איז תּמיד ווי אַ שטורמעדיקער ים, אייביק אין באַוועגונג, גאָרנישט פעסט, שטאַביל. דעם העברעער איז אַלדינג ערשינען דורך די ברילן פון דעם סוביעקט, ווי אין אַ ריקע, געריסן שטענדיק דורך די כוואַליעס פון דער צײַט. מחמת דעם, פאַרדעם איז פאַר דעם ייד די צײַט אַ אייביקער שטראָם, און ער אונטערשיידט שוואַך אירע טיילע. ס'איז דאָ פּראָסטע דרײַ צײַטן: עבר, עתיד, הווה, וואָס מישן זיך נאָך דערצו אַ סך מאָל אויס. אים געגנטייל דער אַריער, וואָס קוקט אויף אַלדינג אויסנווייניק, וואָס דאָס פּריזמאַט פון דער נשמה פאַרבט נישט זײַנע אויגן, זעט די צײַט ווי עפּעס וואָס שטייט און לאָזט זיך טיילן ווי אַ שטיק מאַטעריע. דער אַריער לעבט זיך אויס, פאַרקערט ווי דער סעמיט, אין דעם פליטקן פּנים פון דער וועלט, אין דעם פּלאַסטישן, אין דעם פרעמדן רוים. דער אַריער האָט וועגן דעם אַ זשמעניע מיט צײַטן, פּערפעקטן מיט

אימפּערפעקטן, עקזאַקטן, מעדיען און אַאָריסטן. די עפּישע פעלקער, ווי דער אינדיער פון דער מאַהאַבהאַראַטאַ, ווי דער גריכע פון האָמער, ווי דער פּערסע פון פירדוסי, ווי דער דײַטשע פון די ניבעלונגען, האָבן גרויסע קונצן באַוויזן אין טעמפּאָראַלע סובטיליטעטן. דער ייִד, וואָס אין נשמה איז ער דער אַלטער ייִד נאָך תמיד, האָט אים ייִדישן נאָר איין עבר און איין עתיד. „איך בין געווען, איך וועל זײַן”; צי די האַנדלונג איז שוין פאַרטיק און פּערפעקט צי נישט, גייט דעם ייִד נישט אָן, ס'איז דאָך א י י ן צײַט. דאָס אָפּטון פון צײַטן איז נישט קיין חסרון. אין אַ סך ראָמאַנישע דיאַלעקטע פעלן די פּערפעקטע, און דאָס אימפּערפעקט דינט פאַרביידע פאָרמען. אויך אין פילע דײַטשע דיאַלעקטע קומט דאָס פאָר.

אַ פאָלק וואָס זעט די צײַט תמיד באַוועגלעך קאָן נישט זען צוויי זאַכן אויף אַ מאָל, גלײַכצײַטיק, קאָן נישט האָבן קיין פּאַרטיציפּ. דעם לשון=קודש פעלט דאַדורך די דאָזיקע פאָרם. דאָס אמתדיק ייִדיש געברויכט דאַדורך אויך נאָר זייער זעלטן פּאַרטיציפּ, וואָס איז בעיקר אַ אַדווערב=פאָרם. די ייִדישע בראָשירן=ליטעראַטור, וואָס איז אַ מיאוסע קאָפּיע פון פרעמדע ווערקע, האָט די דאָזיקע נישט נאַטירלעכע פאָרם עפּטער אים געברויך. מען באַדאַרפט דאָס נישט צולאָזן. שפּראַך=פעלער זענען שעדלעך פאַר אַ לשון.

די פאָרמען פון ווערבן זענען בײַ דעם העברעער זייער פּראָסטע. ס'איז נישט געווען בײַ אים קיין אייגנטלעך קאָניונקטיוו, ער פלעגט דאָס אַרומשרײַבן. אויף דעם אָרט וואָס דער דײַטש זאָגט „העטטע איך געשריבען” זאָגט דער העברעער „לו כתבתי”. דער הײַנטיקער ייִד הייבט אָן אַזוי ווי דער העברעער מיט „ווען” (לו) און רופט צו הילף אַ גאַנצע שרעגע מיט הילפסצײַטווערטער: „ווען איך זאָל געווען שרײַבן” („וואָלט” איז אַ קאָנדיציאָנאַל). דאָס אַרומשרײַבן בײַ צײַטווערטער איז אַ סימן פון אַנטוויקלונג און באמת אַ המשך פון דײַטשע שפּראַכגעזעצע און גאָר נישט אַזוי וווּנדערלעך ווי טייל קלערן. ס'איז געגוג, אַז אונדז וועל'מיר פאַרגלײַכן דאָס דײַטשע „עס ווירד געלעזען ווערדען” מיט דעם פּשוטן לאַטײַנישן ווערב „legatur”, „עס מעגע געהערט ווערדען” און „audiatur”, אַאַז"וו. קאַראַקטעריסטיש איז, אַז די איינפאַכקייט פון די צײַטן באַשרענקט זיך ניט אויף די פאָרמען אַליין, אויך די ווערטער טראָגן אויף זיך דעם סטעמפּל פון דער דאָזיקער איינפאַכקייט. דער ייִד קען נאָר זומער און ווינטער; פרילינג און הערבסט האָבן נישט קיין נעמען, מען שרײַבט זיי אַרום: „פּסח=צײַט”, „ניסן=צײַט” און „סליחות=טעג”, „סוכות=צײַט”. „אָשיען” און „יועסנע” זענען נישט קיין פאַרברייטעטע ווערטער, אין מערב=גאַליציע קען מען זיי גאָרנישט. דער „אַבענד” (אָוונט) האָט אויך בײַ ייִדן נישט קיין נאָמען. דער גרוס „אַ גוטן אָוונט” איז דער איינציקער שלאַד פון דעם וואָרט. „פאָראַבענדס” הייסט אים ייִדישן „פאַרנאַכט”, דער „אַבענד” אַליין ווערט גערופן „תחילת=הלילה”, „אויף דער נאַכט”.

דער סובסטאַנטיוו איז אים לשון=קודש נישט פלעקסירבאַר. וואָס גייט

דעם ייד אן דאס רעאלע דער נסמך (status constructus) איז גאנץ פאר־קערט צו די אַרישע לשונות. דער ייד, וואס ער האט אנגענומען דאס דײַטשע לשון וואס איז יא פלעקסירבאר, האט געהאט א גאנצע מלחמה. דער צוזא־מענשטויס פון די צווײ פארשידענע שפראך־סיסטעמע האט זיך געענדיקט מיט א כשר. דאס וואס לעבט נישט באמת, אדער אויך דאס וואס זשיפעט נאר א טיריש לעבן, איז טאקע ווײַטער נישט פלעקסירבאר און קען נישט קיין פאר־ענדערונגען. מען זאגט: דער לאמפ, פונעם לאמפ, צום לאמפ, דעם לאמפ; די שטוב, פון דער שטוב, צו דער שטוב, די שטוב; דער לייב, פונעם לייב, צום לייב, דער לייב. ווערטער אבער וואס באצייכענען מענטשן אדער זייערע אטריבוטע זענען דעקלינירבאר, ווי: אברהם, אברהמס, אברהמען; דער רופא, דעם רופאס, דעם רופאן אאז״וו. ענלעכקייט דערמיט האט אויך דער זעקסישע געניטיוו אין ענגלאנד.

נישט נאר אויף די אינעווייניגדיקע שפראכגעזעצע האט זיך אויסגע־פרעגט דאס יידישקייט, אויך די אויסנווייניקע פארם איז א סך מאל העברעיש. אלע העברעישע ווערטער ענדערן זיך אפ אים פלוראל ווי געהעריק: חכמים, ספרים, סוחרים, קונים, אותיות אאז״וו. און אחוץ דעם, א סך פרעמדע ווערטער האבן פארגעצויגן דאס העברעישע לשון רבים, ווי למשל: דאקטאר—דאקטוירים, טכויר—טכוירים, פארשוין—פארשוינים אאז״וו. דאס ווײַבלעכע פלוראל איז ס׳רוב לשון־קודש. מאמע—מאמעס (מאמות), שאפע—שאפעס, רעדאקציע—רעדאקציעס אאז״וו. קלינגט גלייך ווי סחורה—סחורות, תורה—תורות, פרי—פרות אאז״וו. אים יידישן רעדט מען אויס ביידע ענדונגען גלײַך; דאס „ת“ איז גארנישט אנאלאג צום ענגלישן.

אפילו די פאנעטיק האט דאס זיגל פון דעם אלטן יידישקייט אויף זיך. דער ייד האט פארדעם געענדערט די דײַטשע אויסשפראך ווי ס׳איז בעסער געווען צו זײַן סעמיטישער צונג, ווייכער און באקוועמער צו זײַן העברעישן גומען. דער סעמיט האט א טבע פאר א „ריש“ א סגול (e) אין א פתח (a) צו פארבײַטן, אזוי אויך דער ייד הײַנט: גארבער (גערבער), בארג (בערג), הארץ (הערץ), שארבן (שערבען), פארטיק (פערטיג). „פער“ ווערט אייגנטלעך „פאר“ ארויסגערעדט: „פארמאכן“, „פארבארגן“, „פארענטפערן“ אאז״וו. פאראלעלן דערצו זענען אויך דא אין מאנכע אבערדײַטשע דיאלעקטע.

דאס לשון־קודש ציט פאר א „מעם“ פאר א „נון“. אים תרגום זאגט מען „מלכין“, לשון־קודש „מלכים“; דארט „חיין“, בײַ אונדז „חיים“, דארט „שלחנין“, בײַ אונדז „שלחנים“ אאז״וו. אזוי אויך אויף דעם ארט פון „רויגען, זאנד, פאדען, אונגליקליך, אונגערן“ אאז״וו זאגט דער ייד „רוימען, זאמט, פאדעם, אומגליקלעך, אומגערן“ אאז״וו. די דאזיקע ענדערונגען שטימען אויך אבער מיט דעם מיטלהויכדײַטשן.

דער העברעער האט א ווידערווילן צו א „נד“ צוזאמען. „הנדו“ הייסט בײַ אים „הודו“, „מנדע“—„מדע“. ער ווארפט אוועק די „נון“. דער ייד האט

זעם זעלבן ווידערווילן און ער וואַרפט ווײַטער אַוועק די „ד". אַזוי איז אים ייִדישן „פֿאַרשטאַנען, פֿאַרהאַנען, אָנצינען, פֿאַרבינען, אויסגוויניק, לעבעדיק, פֿאַסקונע, געפונען, וויאַנען, און" שטאָט „פערשטאַנדען, פֿאָרהאַנדען, אָנצינדען, פערבינדען, אויסווענדיג, לעבענדיג, פֿאַסקודנע, געפונדען, וויענדנען (więdnąć), אונד".

די ייִדן ליינען אַ "צאַדיק" — „c", "z", שטאָט ווי אַלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער ווי אַ „ס" „ז"; אַזוי אויך זאָגן די ייִדן אַ סך דײַטשע ווערטער אויף „ז" ווי „z", „c": „פינסטער, פענסטער, אַלס, קונסט אאַז"וו" ווערט אייגנטלעך אויסגעשפּראָכן „פינצטער, פענצטער, אַלץ, קונץ, אאַז"וו.

אים לשון־קודש אַז עס קומען צוזאַמען צוויי „טאָף", אָדער „טעס", אַזוי ווערן זיי פֿאַרשלונגען (כּרתּתי,—כּרתּי, מותּתתּי—מותּתי, מתּטהר—מטּהר). אַזוי אויך „געאַרבייטעט — געאַרבעט, געלײַכטעט — געלײַכט, געגליסטעט — געגליסט, געפּאַסטעט — געפּאַסט, געהוסטעט — געהוסט אאַז"וו. אים לשון־קודש פֿאַרשלינגען זיך טיילמאָל די קאָנסאָנאַנטע, אַז אַפילו אַ „דאַלעד" קומט מיט אַ „טאָף" צוזאַמען (מתדבר—מדבר). אַזוי אויך אין ייִדישן: אין „לײַדט, שאַדט, געשאַדט, גערעדט אאַז"וו" הערט מען קיינמאָל נישט די „טעס" און ס'קלינגט נאָר „lad", „schad" אאַז"וו. כדי מען זאָל גיין אויס דעם וועג צו דעם צוזאַמענשטויס, האָט דער ייִד געפונען פֿאַר נייטיק אַ אַנדערע שטאַרקע פֿאָרם פון דעם פֿאַרטיציפּיום פּרעטעריטי צו בילדן בײַ ווערטער וואָס באַדאַרפן זיך ענדיקן אויף „דעט"—„דט". אַזוי שטאָט „געמעלדעט, געבאַדעט אאַז"וו" זאָגט מען „געמאָלדן, געבאָדן אאַז"וו".

אים העברעישן אַ „כעס" נאָך אַ וואָקאַל ווערט אויסגעשפּראָכן ווי „אַך" „לוח", „רוח" אאַז"וו (פּתח גנובה — pathach furtivum). ס'איז אַ באַקאַנטע ערשײַנונג אים סעמיטישן דאָס איבערבײַטן פון אַ פּתח אויף אַ סגול. די הײַנטיקע טראַדיציאָנעלע אויסשפּראַך למשל פון הֶפְקֵר, הֶסְפֵּד איז הֶפְקֶר, הֶסְפֶּד, אַזוי זאָגט מען אים ייִדישן רוח, לוח — רועך, לועך. אַנאַלאָג צו דעם, אַז „ch" בײַם סוף וואָרט ווערט אויסגעשפּראָכן „ech" זאָגט דער ייִד אייגנטלעך נישט „בוך, שוך, קוך אאַז"וו" נאָר „בועך, שועך, קועך אאַז"וו".

דער העברעער האָט אַ נייגונג צוויי גלייכע קאָנזאָנאַנטן צו פֿאַרשלינגען (כּפולים), דער דגש חזק ווערט אין דער טראַדיציע פון דעם גרעסטן רוב ייִדן נישט טאָפּלט אויסגעשפּראָכן. ענלעך פֿאַרהאַלט זיך דער ייִד צו די דײַטשע טאָפּלע לויטע: אַלליין — אַ ל יין, גאַללע — ג אַ ל, קאָממען — ק ו מ ע ן, פֿאַללען—פ אַ ל ן, קעננען—ק ע נ ע ן אאַז"וו.

IX

דאָס ייִדיש איז אַ פֿאָרטזעצונג פון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט. איבּדז זענ'מיר טיף פֿאַרקניפּט מיט דעם וואָס איז אַמאָל געווען, אַזוי ווי אַ בוים וואָס ציט כּוחות פון זײַנע וואָרצלען. אונדזער יסוד איז דאָס פֿאַרצײַטיקשטיקע ייִדישקייט. פֿאַרדעם איז לויט מײַן דעה אַבסאָלוט נייטיק, אַז דאָס כּתב פון דעם

יידישן זאָל זײַן אונדזער לשון-קודש אלף-בית. אַלע טענות אַקעגן דעם שטאַרטשען נישט, אַז אונדז זאָל׳מיר מיט פרײַען ווילן אויפגעבן אַזאַ וויכטיק באַנד.

די אַלגעמיינסטע און אויך די אַם מייסטן פּליטקע טענה איז, אַז דאָס יידיש איז אייגנטלעך אַ גערמאַניש לשון, און גערמאַניש באַדאַרפט נישט געשריבן ווערן סעמיטיש. ס׳איז אָבער אַ נאָנסענס. אין דער רגע ווי מיר ער-קלערן אונדזער אידיאָם פאַר אונדזער נאַציאָנאַל לשון, הערט זיך אויף יעדער יחוס און מחותנותשאַפט מיט דעם דײַטשטום. די דײַטשע עלעמענטע זענען געוואָרן געפורעמט און אויסגעבויט לויט דעם יידישן גייסט. דער יידישער גייסט האָט זיך תמיד באַדינט צו זײַנע אויפצייכנונגען מיט דעם כתב אַשורי (כתב עברי איז דאָך נאָר אַ פריערע פאָרם בלויז). וואָס איז אונדזער דאגה, אַז די גערמאַנען צייכנען אויף מיט לאַטײַנישע אָדער „גאָטישע" אותיות (פראַקטור)?

אַפילו דאָס נישט, ווי קומט עטימאָלאָגישע קרובותשאַפט צו אַלפאַ-בעטישער גלײַכקייט? אַלע אַלפאַבעטע פון די אַרישע פעלקער, אַפילו דאָס אַלפאַבעט פון דעם סאַנסקריט, אַפילו דאָס גריכישע וואָס איז דורך דעם לאַ-טײַנישן די מאַמע פון אַלע אייראָפּעיִשע אַלפאַבעטע, אַפילו די היילִיקע רונען קומען אַרויס פון אונדזער אַלפאַבעט, פון אונדזער פעניציש אַלף-בית. דאָס גרי-כישע אַלפאַבעט האָט נאָך ביז הײַנט זײַנע סעמיטישע נעמען (אַלפאַ, בעטאַ, גאַמאַ, דעלטאַ, קאַפּאַ, לאַמבדאַ וכו׳). דאָס כתב פון די עלטסטע סעמיטן, פון די באַבילאָניער, איז גאָר סומעריש. הײַנט זענען דאָ אינדאָגערמאַנען, וואָס שרײַבן אַ פשוט סעמיטיש כתב: די פּערסער.

איין כתב קאָן דינען פאַר די פאַרשידנסטע שפּראַכן. גריכישע אותיות באַנוצן, אַחוץ די אייגנטלעכע גריכן, די האַמיטישע קאָפטן, די אילירישע אַלבאַניער, די גאָטן און טיילווײַז די סלאַווישע קיריליצאַ. אַראַביש שרײַבן די אייגנטלעכע סעמיטישע אַראַבער, די שפּאַנישע מאָריסקען, די איראַנישע פּערזער, די טערקישע אָסמאַנלי, די האַמיטישע בערבערן, די קויקאַזישע טשערקעסן, די מאַלאַיִשע באַוווינער פון דזשאַווע און אַזױ וו.

פאַרקערט ווידער קענען שפּראַכן פון איין שטאַם יעדע אַ אַנדער פּרעמד כתב באַנוצן. אַזוי בײַ די אוגראָפינען: די אונגאַרן און די פינען שרײַבן מיט לאַטײַנישע אותיות, די סאַמאָיעדן מיט רוסישע, די טערקן און מאַמאַרן מיט אַראַבישע און די מאָנגאָלן מיט סירישע. לינגוויסטיש שײַכות שפּילט בײַ כתב נישט קיין ראָלע. יידיש קאָן מען און מען מוז מיט אונדזער אַלף-בית שרײַבן און מוז׳מיר זען, ווי ווײַט מיר קענ׳מיר, צו שטאַרקן די וואָרצלען אויף וואָס מיר שטיצן זיך, שטאַרפער מאַכן די שטריק וואָס האַלטן אונדז מיט אונדזער פאַרצײַטנס צוזאַמען און נישט לויזער מאַכן. נאָר אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אייגן חוט השדרה, וואָס פאַרלירט בײַ יעדער ווענדונג פון דער היסטאָריע זײַן נשמה, קאָן זיך דרייען לויט יעדן ווינט און זיך ענדערן בײַ יעדעם אײַנפלוס. די פּערסער—זיי מעגן שרײַבן אין די צײַטן פון די אַכאַמענידן קײַל-שריפט, אין די צײַטן פון די פּאַרטער מעגן זיי

ווערן האַלבע גריכן, בשעת דעם מלכות פון די סאַסאַנידן מעגן זיי ווידער אַראַמעיִש שרײַבן און נאָך דעם אַנגענעמעכץ פון דעם איסלאַם ווידער אים אַראַבישן כתב זייער שפּראַך אויסדריקן. די ליטווער מעגן זיך דרייען פון דעם לאַטײַנישן צו דער קירילליצאַ. מיר זענען אַ צו שטאַרק היסטאָריש אויסגעבילדעט פאָלק מיט אַ צו קרעפטיקער אייגנאַרט, אַז אונדז זאָל'מיר זיך לאָזן קנעטן ווי וואַקס און זיך בייגן דאָרט אַהין ווו דאָס ווינטל בלאָזט. הײַנט שרײַבט מערב־און מיטל־אייראָפּאַ לאַטײַניש, שרײַבן מיר אים לאַטײַנישן כתב, מאָרגן קומט אפשר מזרח־אייראָפּאַ צו אַ גרויסער השפּעה און תקיפות איבער דער קולטור, נו טו'מיר זיך איבער און שרײַב'מיר קירילליצאַ. און אפשר אַמאָל איז מנצח די פּאַן־איסלאַמיטישע באַוועגונג און די האַלבע לבנה וועט צוריק לײַכטן איבער האַלב אייראָפּאַ, אָדער די געלע ראַסע וועט פאַרפלייצן די וועלט און אויסאיבן אַ קולטור־הערשאַפט — די היסטאָריע האָט צײַט, און sub specie aeternitatis איז דאָך נאָך אַלץ מעגלעך — נו, וועל'מיר שרײַבן אַראַביש אָדער כינעזיש. די דאָזיקע וואָס טענהן, אַז יידיש מוז לאַטײַניש געשריבן ווערן, מיינען ס'רוב דאָס, ווײַל אין זיי שטעקט נאָך דער שקלאַווישער חשק פון דעם געטאָ אַ פּנים פון „קולטורעלע מענטשן" צו האָבן, און פאַרגעסן, אַז זאָלכע קולטורעלע מאָסן זענען אַזוי ווי פליגן וואָס לעבן איין טאָג.

טייל טענהן ערנסטער, אַז דאָס יידישקייט וויל הײַנט אָנערקאַנט ווערן, מוז עס פון אייראָפּאַ פאַרשטאַנען ווערן; און כדי זיי זאָלן עס פאַרשטיין, כדי אייראָפּאַ זאָל אונדזער ליטעראַטור לייענען, מוז אונדזער שריפט אַ אייראָפּעיִשע זײַן. דאָס איז אים גרונט אויך נישט ריכטיק. אונדזער יידיש איז אַ פאָנעטישע שריפט (די לשון־קודשע ווערטער וואָלטן באַדאַרפט געפּינטלט ווערן); און זענען זײַנע צוואַנציק אותיות (כעס און טאָף זענען אָפּגעשאַפט אים יידישן) אַזוי שווער צו דערלערנען, אַז זיי זאָלן אָפּשרעקן יעדן גוי? דאָס לאָזט זיך זאָגן בײַ דעם כינעזישן, בײַ אַ כתב פון אידעאָגראַמען, אָדער אַפילו בײַ אַ היסטאָרישן כתב ווי דאָס ענגלישע, אָבער ווי קאָן מען דאָס זאָגן בײַ דעם יידישן?

אַחוץ דעם, ווען אונדזער כתב זאָל זײַן לאַטײַניש, וועל'מיר אויך נישט קיין סך געווינען און גויִם וועלן אונדזערע ליטעראַטור נישט לייענען. לייענט דער עולם נאָר ליטעראַטורן פון גרויסע און מעכטיקע פעלקער, ליטעראַטורן פון קליינע אָדער שוואַכע מוזן זיך באַגניגן, אַז מען קען זי פון איבערזעצונגען. די וועלט לערנט פראַנצייזיש, ענגליש, ווײַל די ערשטע שפּראַך איז געווען ביז נישט לאַנג די ערשטע מאַכט אין אייראָפּאַ און דאָס צווייטע איז הײַנט די שפּראַך פון צוויי גוואַלטאָווע מלוכות. איטאַליעניש, שפּאַניש קען איינער אויף הונדערט, אויף טויזנט אינטעליגענטע מענטשן, כאָטשע אין זיי זענען געשריבן זייער שיינע ליטעראַטורן און די שפּראַכן זענען שענער און לײַכטער צו דערלערנען ווי פראַנצייזיש אָדער ענגליש.

ווער לייענט די נאָרוועגישע ליטעראַטור אים אָריגינאַל, כאָטשע די וועלט איז הײַנט באַגייסטערט פאַר איבסען און ביערנסען, ווער פאַלט איין פוליש וועגן שיענקעוויטש, נידערלענדיש וועגן מולטאַטולי צו לערנען? ווער קען אין אייראָפּאַ דאָס סערביש-קראָאַטישע לשון, כאָטשע ס'איז דאָס שענסטע סלאַווישע לשון און האָט אַ רײַכע ליטעראַטור? די שריפט וועט גאָר-נישט העלפן, די ליטעראַטור פון דעם קליינען און צווייטען פעלקל צוצופירן צו אייראָפּאַ. דאָס קאָנען טון נאָר גוטע איבערזעצונגען אַליין. דער גוי וואָס וואָלט אַפילו געלייענט יידיש אים אָריגינאַל וואָלט העכסטנס די ווערטער, דעם גייסט דעם פרעמדן זיכער נישט פאַרשטאַנען.

ביז צֹהער טעאָרעטיש, אַקאַדעמיש דעבאַטירט. פּראַקטיש איז זיכער אַ נישט-מעגלעכקייט יידיש לאַטײַניש צו שרײַבן. ווי וועל'מיר וואָקאַליזירן, לויט די פוילישע אָדער לויט די ליטוואַקישע יידן? וועל'מיר שרײַבן gefynen אָדער gefunen, toit אָדער tet, schein אָדער schön? הײַנט האָט דאָס יידישע כתב אַ מעלה, אַז אַזוי ווי ס'איז אַ חילוק אין דער אויסשפּראַכע פון די ווערטער צווישן די פאַרשידענע טייל פון די אַשכנזישע יידן, אַזוי איז אויך מחולק די אויסשפּראַך פון די אותיות. די פוילישע יידן לייענען אַ וואָוו ווי i אָדער y, די ליטוואַקישע u. דער פוילישער ייד זאָגט gefynen און שרײַבט „געפונען", דער ליטוואַקישער זאָגט מיט u און שרײַבט אויך „געפונען". אַזוי אַ „חולם" איז בײַ די פוילישע oi און בײַ די ליטוואַקעס e; „טויט" שרײַבט מען גלײַך און מען לייענט אַנדערש. אַזוי אַ „צירה": דער מערב-גאַליצישער לייענט ei, דער רוסישער e. „שיין" איז אָן אַ חילוק געשריבן, און יעדער טייל לייענט ווי זײַן היימישע אויסשפּראַך איז. (ענלעכע חילוקים ווי בײַ אונדז איז אויך בײַ די גריכן צווישן דער אַלטגריכישער אויסשפּראַך פון איין זײַט און דער מאַצעדאָנישער, ריימישער און נייגריכישער פון דער צווייטער זײַט, כאָטשע דאָס איז איינס: Sulla—Sylla, Oidypos—Ädypus, Aischylos—Äschylus.)

ווען ס'זאָלן מער קיין טעמים נישט זײַן ווי דער פּראַקטישער טעם, איז שוין גענוג, אונדזער אַלף-בית צו באַנוצן אים יידישן און נישט צו בײַטן. דער נאַציאָנאַלער טעם אָבער מוז אונדז תמיד דערמאָנען, וואָס פאַר אַ גרויסע באַדײַטונג דאָס האָט פאַר אונדזערטוועגן, אַז איין און דאָס זעלבע כתב פאַרבינדט דאָס יידיש מיט אונדזער לשון-קודש.

*

יידיש איז פון דעם לינגוויסטישן שטאַנדפּונקט אַ לשון ווי אַלע אַנדערע לשונות, פון דעם יידיש-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז דאָס יידיש אונדזער נאַציאָנאַל לשון, פון דעם מאָדערנען פעלקער-פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט שליסט אַ גרויסע פאָלקלאָרע, הונדערטער מעשיות, טויזנטער אַסאָציאַציעס פון געפילע און באַגריפע דאָס דאָזיקע לשון צו אונדזער פאָלק.

יידיש ערקלערן מיר פאַר אונדזער נאַציאָנאַל לשון, אָבער די פאַרגאַנ-

גאַנגענהייט אונדזערע פאַרלירט דאַדורך נישט פון אונדזערטוועגן אירע באַדײַטונג, אונדז ווייס׳מיר צו שעצן אירע לייסטונגען, צו אַכטן אירע חשיבות, צו שוינען יעדעס פינטעלע וואָס האָט זיך צו אונדז אַריבערגעראַטעוועט. אָבער אין דער פאַרגאַנגענהייט אַליין צו לעבן ווילמיר נישט. לשון=קודש באַדאַרפט נישט מער ווערן די שפּראַך פון דעם לעבן. בלומען אויף פרידהייף צו פליקן קאָן אָנגענעם זײַן; צו וואוינען אויף אַ פרידהאָף איז אָבער נישט פאַר די וואָס ווילן לעבן. די פאַרגאַנגענהייט האָט פון אונדזערטוועגן אַ מאָנומענטאַלע באַדײַטונג, אירע שפּראַך באַדאַרפט הויפּטזעכלעך דינען נאָר פאַר מאָנומענטאַלע צוועקן, פאַר וויסנשאַפט. די פאַרגאַנגענהייט פילט מיט שטאָלץ אונדזער באַוווסטזײַן, עס ווײַזט וואָס אונדזערע עלטערזיידעס האָבן אַמאָל געקאָנט שאַפן און רעגט אונדז, נישט קיין קאַרלאָוואַטע עפּיגאָנען צו זײַן. צוריק צו קערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, זי צו פאַריונגען, איז שעדלעך. דאָס יידישקייט ווערט דאַדורך אײַנגעפּאַלמעצט ווערן.

אַזוי ווי דער דײַטש איז שטאָלץ אויף אירמין דעם כערוסקער, כאָטשע ער ווערט פון זײַן לשון, וואָס איז נאָך משונהדיקער געווען פון דעם אַלטהויכדײַטשן, קיין וואָרט פאַרשטיין; אַזוי ווי דער ענגלענדער רימט זיך מיט אַלפרעד דעם עראָזערער, כאָטשע דאָס אַלטע אַנגל=זאַקסיש איז פאַר אים אַ בוך מיט זיבן זיגלען און ס׳חלומט זיך אים גאָרנישט, אויף דעם אָרט פון זײַן הײַנטיק געמישעכץ דאָס גלענצעדיקע לשון פון בעאָוואָלף מחיה=מתים צו זײַן; אַזוי ווי דער פראַנצויז שטאָלצירט אויף די גאַליער וואָס האָבן קעלטיש גערעדט און ס׳פאַלט אים גאָרנישט אײַן צוריק צו פאַרשפּרייטן די שפּראַך פון דער ברעטאַן; אַזוי ווי דער פראַנצויז לויבט זיך מיט קאַרל דעם גרויסן, מיט זײַן שאַרלמאַן, כאָטשע ער האָט גאָר געמאַניש גערעדט, וואָס זיי האָבן דערצו פײַנט שנאת=מות; אַזוי ווי דעם איטאַליענער, דעם זון פון די רוימער, פאַלט גאָרנישט אײַן צו באַלעבן דאָס ריינע לשון פון האָראַץ; אַזוי ווי דער סלאַווישער בולגאַרע שטיצט זיך אויף זײַנע מאָנגאָלישע זיידעס; אַזוי ווי דער נײַגריכע, וואָס ער רעדט אַ פאַרדאָרבן גריכיש און לעבט מיט זײַן גאַנץ נפש אין דער פאַרגאַנגענהייט, וויל דענאָך נישט פאַרבײַטן זײַן פאַרדאָרבן גריכיש מיט דעם קלאַסישן לשון פון די העלענען און לײַכטיקע העלאַס; אַזוי ווי דער מאָדערנער עגיפּטער קוקט מיט גאווה אויף די פאַראַאָנען און ס׳קומט אים גאָרנישט אין קאָפּ אַרײַן דעם שופר של משיח צו בלאָזן בײַ די פּיראַמידן און די היעראָגליפן צוריק לעבעדיק צו מאַכן,—אַזוי אויך אונדז יידן באַדאַרפ׳מיר נישט שפּילן קיין פאַרצויגענע קינדער און קיין עקסטראַ מעשיות טרײַבן. אונדז קענ׳מיר רעדן יידיש אָן אַ חשק עס צו פאַרבײַטן מיט דעם לשון=קודש און דענאָך גוטע יידן זײַן, און אונדזערע אויגן צו בייגן צו די פינקלדיקע שטערן, וואָס לײַכטן אונדז אַקעגן פון די נחמות פון דעם נביא, פון דער זיסקייט פון דעם פידעלע פון דעם מלך, פון די ספקות פון דעם וואָס ער האָט געשטורעמט אים צער אַקעגן דעם הימל, פון דער פער=

ספּעקטיווע פון דער געוואַלטיקער פון דעם פירער אין דעם מדבר, פון די הגדות די ליבלעכע פון די בלאָנזערס אָן וועג. יידן זענ׳מיר אונדז יידיש שמועסדיקע, גוטע, ווייל אונדזער יידיש איז פולקומען דורכגעטרענקט מיט אונדזער גייסט, ווייל אונדזער יידיש קאָנטינוירט די פאַרגאַנגענהייט.

אונדז זע׳מיר יידן און אונדז וויל׳מיר דאָס בלייבן.

אָן אַ שפּראַך אַ אייגענע קאָן קיין פאָלק נאָרמאַל נישט עקזיסטירן. לשון־קודש האָט נישט קיין שום שאַנסן פאַר דאָס לעבן. האַלב גויים, האַלב יידן, גויִיש רעדן, יידיש פילן? אַ אַמפיביען־לעבן איז אַ קאַריקאַטור אַ מאַטע,—אַ סך טרויריקער און אַרגער ווי אמתדיקע אַסימילאַציע. צוויטער־וועזן מאַכט פלאַך און האַלב.

ווען מען ס׳ליגט אויף דעם האַרץ די צוקונפט פון אונדזער פאָלק, ווער ס׳וויל נישט צוקוקן צו דער טראַגעדיע ווי אַ דרייטווינטיעריק פאָלק גוססט, ווער ס׳וויל נישט, אַז דאָס יידישקייט זאָל אויפגיין צווישן גויים, דער זאָל אין זיך מנצח זיין די פאָראורטיילע פון פאַראַכטונג צום יידישן, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן סוגערירט, און זאָל זיין קול פאַראייניקן אין דעם קאָר וואָס דונערט אַלעמאָל העכער, אַלעמאָל שטאַרקער: גיט אונדז פולע גלייכבאַרעכטיקעכץ, עמאַנציפּירט אויך דאָס לשון פון אונדזער פאָלק. לאָז אונדזער לשון האָבן אַלע שפּראַכן־רעכט אין דער שקאָלע, כדי עס זאָל זיך קענען נאַטירלעך אויסבילדן, לאָזן דאָקומענטע אין דעם לשון נישט זיין ווייניקער פולווערטיק ווי אין יעדער אַנדער לשון פון דער וועלט.

דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט האָט מענטשן־רעכטע געשאַפן, דאָס צוואַנציקסטע האָט די הויכע אויפגאַבע שפּראַכן־רעכטע צו שאַפן. ווער ס׳גלייבט אין דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, דער זאָל אין אונדזערע שרעגעס אײַנטרעטן און מיט מוט און האָפנונג שטרעבן פאַר אונדזער הייליקער נאַציאָנאַלער זאַך, פאַר דערלאַנגען פון אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פאַר אונדזער יידישער שפּראַך.

פּרעסע־שטימען נאָך
דער קאָנפערענץ

סעפּטעמבער 1908

נאָכדעם ווי מיר האָבן ביז אַהער אויסגענוצט די פאַקטישע מיטטיילונגען פון א—ר [אסתר] אין איר אַרטיקל, נייע צייט IV, ז' 89—104, גיבן מיר איצט אין אַן אויסצוג די אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון דער קאָנפערענץ, וואָס דער דאָזיקער אַרטיקל האַלט אין זיך.

די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ

(בריוו פון אַן אָנטיילנעמער)

„מיטגליד פון קאָנפערענץ קען איטלעכער זיין,
ווער ס'איז אַ פרייַנד פונעם יידישן לשון"...
(פון מיטגלידס־קאַרטע).

אַ נויטווענדיקייט אין אַ שפּראַך־קאָנפערענץ האָט זיך די לעצטע צייַט שטאַרק געפילט...

אַלע וואָס אַרבעטן פאַר יידיש און אויף יידיש זענען פאַראינטערעסירט אין דער פאַרפאָלקאָמונג פון דער שפּראַך, אין דער ערפינדונג פון אירע געזעצן, אין דער איינהייטלעכקייט פון דער אָרטאָגראַפיע, גראַמאַטיק, אין אַ שעפּפונג פון אַ ליטעראַרישער שפּראַך, פון אַ מער אָדער ווייניקער אָנערקענטער ליטעראַרישער אויסשפּראַכע. און אַלע וואָס לערנען יידיש אין די שולן, וואָס רעדן יידיש אויף דער בינע, וואָס זינגען יידישע לידער אין געזאַנג־פאַראייַנען, וואָס שטעלן יידישע דראַמען אין דראַמאַטישע פאַראיינען, וואָס אָרגאַניזירן יידישע ביבליאָטעקן אאַז"וו — פילן אַ באַדערפעניש צו בייַטן זיך מיט זייער ערפאַרונג, צו וויסן איינע פון די אַנדערע. אַלע זענען זיי פאַראינטערעסירט צו שטיצן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט אין דיזער ריכטונג.

און ניט איבערשאַצנדיק דעם ווערט פון אַזאַ קאָנפערענץ, פעסט געדענקענדיק, אַז דורך אָפּשטימונגען איז נאָך קיין גראַמאַטיק ניט באַשאַפן געוואָרן, האָט זיך דאָך געדוכט, אַז די קאָנפערענץ וועט אַ סך קענען אויפטון: זי וועט פיל פראַגן דייַטלעך און קלאָר אַוועקשטעלן, זי וועט באַקאַנט מאַכן צווישן זיך די קולטורעלע טוער, זי וועט אונטערפירן דעם סך־הכל צו דעם וואָס איז ביז אַהער אויפגעטאָן געוואָרן לטובת דער שפּראַך; זי וועט באַשאַפן

אַן אינפאָרמאַציאָנס־איינריכטונג, וואָס זאָל קענען צו הילף קומען מיט אויס־קונפטן די קולטורעלע טוער; זי וועט פאָרבאַרייטן אַ קאָנפערענץ, ווי קול־טורעלע איינריכטונגען וועלן זיין פאַרטרעטן, אַ קאָנפערענץ, וואָס איר טאָגעס־אָרדנונג וועט פריער באַשפּראָכן און דיסקוטירט ווערן; זי וועט, ענדלעך, אפשר אין שטאַנד זיין שוין צו באַשאַפן אַ וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וועלכע זאָל איבער דער שפּראַך אַרבעטן — אַאז״וו.

אַזוי אומגעפער, רעכן איך, האָבן זיך פאָרגעשטעלט די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ די לערער, צייטונגס־אַרבעטער, קולטור־טוער אויף יידיש, וועלכע האָבן וועגן איר געהערט.

אויסגעקומען איז גאָר אַן אַנדער זאַך.

מ׳האָט פריער ניט געקענט ערוואַרטן, אַז דיזע קאָנפערענץ זאָל שטאַרק באַזוכט ווערן. ס׳איז אַזוי ווייניק געטאָן געוואָרן דערצו. קיינע רעפעראַטן און רעזאָלוציעס זענען ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, קיין מער אָדער ווייניקער ערנסטע דיסקוסיע האָט זיך אין דער פרעסע ניט געפירט. אַחוץ צייטונגען און... רעליגיעזע קהילות האָט מען ניט איינגעלאַדן קיינע קולטורעלע איינ־ריכטונגען. אייגנטלעך האָט קיינער ניט געוווסט ווי עס דאַרף צו זיין אויף וואָס ער פאָרט, וואָס וועט פאָרקומען.

קיינע שולן, קיינע לערער־פאַראיינען, קיינע קונסט־ און בילדונגס־חברות האָבן ניט געשיקט קיין פאַרטרעטער. די וואָס שרייבט דיזע שורות און אַ באַוווסטער לערער פון ווארשע, אויטאָר פון אַ יידישער כרעסטאָמאַטיע, זענען געווען די איינציקע, וואָס האָבן אויף זייער לעבן געפּרובירט צו אונטערריכטן יידיש, און לעכערלעך און טרויעריק איז געווען צו זען, ווי דער דאָזיקער לערער האָט זיך אומגעטראָגן מיט אַ רעזאָלוציע פון זיינע קאָלעגן מכח דעם, די העברעיִשע אָרטאָגראַפיע זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַ יידישער, און האָט ניט געוווסט, ווו שפּאַרט מען דיזע רעזאָלוציע אַריין אויף אַ יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ.

ס׳זענען געקומען, לויט דעם שאַרפזיניקן אויסדרוק פון אונדזערן אַ גרויסן שריפטשטעלער, מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אויף הוצאות, קיינער האָט זיך ניט געפילט פאַרפליכטעט, יעדער איז געווען „פּאַר זיך אַ באַ־לעבאָס״...

ס׳איז עפּעס געווען אַ 4—5 מענטשן מיט מאַנדאַטן פון קאָרפּאָראַציעס — קאַהאַן פון לאָדזשער דראַמאַטישן פאַראיין, איינזענשטאַט פון די בערנער סטו־דענטן, סאָטעק פון בראַזלאָווער [בראַזלער] רעליגיעזער קהילה, און נאָך אַ פּאָר.

דערפאַר האָט די קאָנפערענץ צו זיך צוגעצויגן גאָר אַן אַנדער עלעמענט.

די פראַגע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש איז אין עסטרייך נישט קיין אַקאַדעמישע פראַגע; דאָס איז אַ פראַגע, וועלכע ווערט שוין כמעט איצט אַוועקגעשטעלט אויפן טאָגעסאָרדנונג פּראַקטיש.

די וואַקסנדע ווירקונג פון די קריסטלעך=סאָציאַלע אַנטיסעמיטן, דער באַיקאָט קעגן דער יידישער אינטעליגענץ, די דערוואַכונג פון די יידישע מאַסן טרייַבט די יידישע אינטעליגענטע יוגנט צום באַוווסטזייַן, אַז נאָר ביי דער יידישער מאַסע קען זי געפינען אַן אָנווענדונג פון אירע קרעפטן און קענטניסע. אויף דעם באָדן וואַקסט אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן דער סטודענטנשאַפט, און ספּעציעל אַ באַוועגונג צוליב דער יידישער שפּראַך. פאַראַיאָרן האָבן אין די אוניווערזיטעטן פילע הונדערטער סטודענטן געמעלדעט יידיש אַלס זייער מוטער=שפּראַך.

ס'פאַרשטייט זיך אָבער, אַז ביי דיזע ריין=בורזשואַזע עלעמענטן קען קיין ראַדיקאַלע פאָדערונג ניט זייַן שאַרף אויסגעדריקט, דערעדט ביזן סוף; אונטער דעם דראַנג פון די קריסטלעך=סאָציאַלע, אָפּגעריסן פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון זייַן קאַמף, זענען זיי דורכגעדרונגען מיט אַן אומבאַשטימטן נאַציאָנאַליסטישן געפיל, מיט אַן אומבאַשטימטער צעשוווּמענער ליבע צו העברעיש, צו דער פאַרגאַנגענהייט אאַז"וו און בילדן אַ גוטן עלעמענט פאַר דער ציוניסטישער אַגיטאַציע. מייסטנטיילס זענען די סטודענטישע יידישע פאַראיינען ציוניסטיש. די ניט=ציוניסטישע עלעמענטן האָבן זיך דערווייַל ווייניק דיפערענצירט.

אייניקע עסטרייַכער ציוניסטן, וועלכע זענען בכלל בעסערע פּאָליטיקער אַלס זייערע רוסלענדער ברידער, האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז די שפּראַך=באַוועגונג קען מען אויסניצן אין אייגענע פּאַרטיי=צוועקן; זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ פּאָפּולערן לאָזונג ווי גלייַכבאַרעכטיקונג פון דער שפּראַך לוינט אונטערצושטיצן.

און אַן אָפיציעלער ציוניסט דאָקטאָר דיאַמאַנד טרעט פייַערלעך אַרויס אַלס פאָרזיצנדער אויף דער פאָלקספאַרזאַמלונג, וועלכע ס'ווערט אָרגאַניזירט לכבוד דער קאָנפערענץ; און אַ גאַנצע רייע ציוניסטן ווערן „פרייַנד" פון יידיש און באַגליקן די קאָנפערענץ מיט זייער אָנטייל...

אמת, דער ציוניסט דאָקטאָר שטרויכער, דער פאָרזיצנדער פון יידישן קלוב, פאַרשליסט אונטער אַ שיינעם תירוץ פאַר דער קאָנפערענץ די טירן פונעם יידישן נאַציאָנאַל=הויז — אָבער דאָס ערקלערן געניטע מענטשן מיט ספּעציעלע אורזאַכן...

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווען ציוניסטן טרעטן אַרויס ווי „פרייַנד" פון יידיש, נאָך דער פאַראַיאָריקער רעזאָלוציע וועגן דעם, אַז העברעיש איז די אָפיציעלע שפּראַך פונעם ציוניזם אאַז"וו, פילן זיי זיך ניט גאָר מיט אַלעמען. און די יידישע שפּראַך=קאָנפערענץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָרט, ווו העברעיסטן און ציוניסטן מכל המינים שווערן טרייַהייט דער העברעישער שפּראַך און ווייַזן אויף, אַז דווקא צוליב דעם לשון=הקודש זענען זיי איצט „אידיסטן" (אַ נייַ טשערנאָוויצער ווערטל) געוואָרן...

פאַר יעדערן איז אָבער קלאָר, אַז ס׳איז נאָך ווייניק אָנצורופן זיך „פרײַנד“, כּדי טאַקע אַ פרײַנד צו זײַן...

עס איז געווען נאָך אַ גרופּע — אונדזערע גרויסע שריפטשטעלער פּרץ, אַש אינאיינעם מיטן דאָקטאָר נ. בירנבוים און מיט נאָך אַנדערע האָבן זיך אומגעטראָגן מיט ברייטע פּלענער: פאַראייניקן דאָס גאַנצע פאָלק און זײַן קולטור, באַשאַפן אַן אַלטוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, שטאַרק צענטראַליזירט; דאָס טשערנאָוויצער ביוראָ פון דער אָרגאַניזאַציע זאָל אַרומכאַפּן אין זײַן שעפערישער אַרבעט די גאַנצע קולטורעלע טעטיקייט אינעם ייִדנטום. מיר דאַרפן ניט בויען אויפן באָדן פון די אַלטע, שוין עקסיסטירנדע קולטור־חברות, האָט געשריגן פּרץ: זיי זענען אַלע פּאַרטייִש (?!). מיר זענען כּלל־ישראל־ייִדן! מיר דאַרפן בויען אַלץ אויף דאָס נײַ...

... די קולטורטוער און ייִדישע ליטעראַטן האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן צווישן די אַלע באַלעבאַטים און באַלעבאַטישע זינדעלעך. ס׳איז קלאָר געווען פון ערשטן טאָג, אַז וועגן קיין ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט איז דאָ ניטאָ וואָס צו רעדן. און מ׳מוז טאַקע קאָנסטאַטירן אַ מערקווירדיקע ניט־ערנסטקייט אין דער באַציִונג פון דער מערהייט מיטגלידער.

אין די וויכטיקסטע אָפּשטימונגען באַטייליקן זיך העכסטנס 40 מיטגלידער. וועגן נאָמענטלעכע אָפּשטימונגען וויל מען ניט הערן. אין דער אָפּשטימונג פון דער רעזאָלוציע, אַז ייִדיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, באַטייליקן זיך סך־הכּל 36 מענטשן. מ׳פאַרשפּעטיקט אויף די זיצונגען, מ׳ווייס אָפּטמאָל ניט, פאַר וואָס מ׳שטימט; מענטשן שטימען אָפּ און זענען סותר די אייגענע אָפּשטימונגען. דערצו הערשט נאָך אין זאַל אַ טומל, וועלכן ס׳מאַכן אָן די „טשערנאָוויצער געסט“ מיט זייערע אַפּלאָדירן און צישן.

דעם רעפעראַט פון אײַזנשטאַט, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט אָרטאָגראַפיע, הערט קיינער ניט... דאָס פּובליקום האָט זיך זייער ווייניק אינטערעסירט מיטן רעפעראַט, און דער רעפערענט האָט אַפילו ביזן מיטן ניט דערלייענט און האָט געזאָגט, אַז דאָס איבעריקע וועט ער שוין אין קאָמיסיע ענדיקן. אומזיסט האָבן די רעפערענטן דערנאָך דערמאָנט וועגן אַ קאָמיסיע. אומזיסט האָב איך אַ פּאָר מאָל גערעדט וועגן איר נייטיקייט. מ׳האָט קיין קאָמיסיע עד־היום ניט געקליבן.

... וואָס פאַר באַשיידענע צוועקן די קאָנפערענץ זאָל זיך ניט שטעלן, ווי שמאָל זי זאָל די פראַגע פון דער שפּראַך ניט נעמען — איז איין זאַך קלאָר: באַוווּסטזיניק אַרבעטן פאַר די אויפבליִונג פון ייִדיש, פאַר זײַן פאַרשענערונג און אויסבעסערונג — קענען נאָר די וואָס גלייבן, אַז די צוקונפט איז פאַר ייִדיש. ווי קענען קעמפן פאַר די רעכטע פון דער מוטערשפּראַך די, וואָס טרײַבן אַליין מיט זייער טעטיקייט ליצנות איבער מוטערשפּראַך, וואָס באַמיען זיך אַליין צו אַנטוויקלען און בילדן זייערע קליינע קינדער אין אַ לשון וואָס איז פרעמד דער ייִדישער מאַסע; די וואָס ווילן זײַן די אָנפיר־

פון די פאָלקסמאַסן און באַשליסן צו מאַכן פאַר זייער אָפיציעלער שפּראַך העברעיש, אַרויסצוגעבן זייער אָפיציעלן אָרגאַן אויף העברעיש, וועלכע איז די פאָלקסמאַסן דורכויס אומפאַרשטענדלעך?

איז דער קאָנפערענץ יאָ עפּעס באַשערט צו שאַפן, קען דאָס זײַן נאָר צום שאָדן פון די העבראַיסטן, קען דאָס זײַן נאָר אַ נײַער באַרג ערד איבער דעם העבראַיש.

אַ קליינע מינדערהייט פון דער קאָפערענץ האָט דאָס געשטרעבט צו אונטערשטרײַכלען. אַ גרויסע מערהייט האָט דאָס געשטרעבט צו פאַרטושן, כדי כל-ישראל צו פאַרזאַמלען אונטער אַ נײַער כלל-ישראל-פאָן.

*

נאַציאָנאַל-שפּראַך אָדער פאָלקס-שפּראַך? ווער ען וואָלט אײַנגעפאַלן דיזן ריין ווערטערלעכן דיספּוט צו פירן.

אָבער ס'זענען דאָ ווערטער-סימבאָלן, ווערטער וואָס דריקן אויס גאַנצע שטימונגען.

און ווען איר געפינט זיך אין אַ פאַרזאַמלונג ווּ דאָס וואָרט פאָלקס-שפּראַך באַדײַטעט שפחה, דינסט, און דאָס וואָרט נאַציאָנאַל-שפּראַך — גבירה, האַרינטע, דאַן פילט איר זיך פאַרפליכטעט צו באַשטיין דווקא אויפן וואָרט נאַציאָנאַל-שפּראַך...

... אַלע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָך די מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין דער קינפטיקער קאָנפערענץ... איין זאַך איז קלאָר, זיי האָבן נישט קיין שום נייטיקייט אַרײַנצוטרעטן אין די הונדערטשאַפטן און אונטערשטיצן מיט זייער געלט די „שעפּפערישע" צרבעט פון איצטיקן ביוראָ; זיי זענען מחויב נאָר 5 רובל אַרײַנטראָגן פאַר די קאָנפערענץ. דיזע מעגלעכקייט איז דאָך געלונגען אויף דיזער קאָנפערענץ צו באַשאַפן.

אין „טאָגבלאַט" לעמבערג, סעפטעמבער 3, שרייבט מ. קליינמאַן אין אַן אַרטיקל „פון דער שפּראַך-קאָנפערענץ":

... געאייניקט האָט מען זיך [אויף דער פאָרקאָנפערענץ], ווי אַזוי אָפּט אין דעראַרטיקע פעלע, אַז מען זאָל די פראַגע [וועגן העברעיש] נישט לאָזן דירעקט אויפקומען אויף דער קאָנפערענץ, נאָר לאָזן יעדן בלויז פאָזיטיוו פאַר זשאַרגאָן, גלײַך ווי די פראַגע וועגן העברעיש עקסיסטירט נישט. אַנדערע האָבן טאַקע אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אַזאַ פראַגע עקסיסטירט נישט, דען „העברעיש איז צו שוואַך צו זײַן אַ קאָנקורענט פאַר יידיש" — אָט ווי זיכער עס איז שוין בײַ זיך די „דינסטמוידן"...

אין Czernowitzer Tagblatt, סעפּטעמבער 6, איז אָפּגעדרוקט אַ לענגערער,
ניט געחתמעטער, לייטאַרטיקל: „די יידישע שפּראַך=קאָנפערענץ“, וואָס
לאָזט זיך אויס אַזוי:

...גיט נאָר אַ טראַכט וועגן דער גראַמאַטיק, וואָס מ׳וואָלט געדאַרפט שאַפן
פאַר Jiddisch. איר אייבערשטער פּרינציפּ וועט דאַרפן זײַן: וואָס מער פאַר=
דרייט און צעקאַליעטשעט דו נעמסט אַרויס אַ וואָרט פון דער מקור=שפּראַך,
אַלץ נעענטער קומסטו צו צו די געזעצן פון דער יידישער גראַמאַטיק. הײַנט
גאָר שאַפן אַ קולטור אויף דעם באַזיס — קעגן דעם מוז מען ענערגיש פּראָ=
טעסטירן. מיר פאַרשטייען זאָרגן וועגן דער עקסיסטירנדיקער יידישער קולטור
מיט אירע רײַכע אוצרות אָן אַ מאָס; מיר פאַרשטייען קולטיווירן די העברעיִשע,
קדמונימדיקע שפּראַך פון יידן, די שפּראַך וואָס אין איר איז דאָס פאָלק גע=
בוירן און דערצויגן געוואָרן, וואָס אין איר האָבן זײַנע דיכטער באַוויינט
זײַן פּײַן, די שפּראַך וואָס לעבט נאָך הײַנט אין איר קלאַנגיקייט און אייגנ=
אַרטיקייט און וואָס אין איר ווערט געשאַפן אַ גרויסע רײַכע ליטעראַטור.
אָבער אַרויסוואַרפן די אַלע אוצרות אין אַלטן אײַזן און אַראָפּלאָזן זיך צום
זשאַרגאָן, אַסרן דאָס אייגענע און נעמען זיך אויפבויען אַ געלאַטעט שטיקל
אַרבעט פון אַנטליענע און איבערגעפּירטע ציגל — דאָס איז עפּעס אַזוינס
וואָס מ׳קען ניט פאַרשטיין; מיר אין בוקאָווינע ווייניקער ווי ווער עס איז. די
יידישע פראַגע איז גענוג פאַרפּלאָנטערט. זאָל מען ניט צוטראַכטן קיין נײַע
פּראָבלעמען.

תיכף נאָך דעם אָקאָרשט ציטירן לייטאַרטיקל ברענגט די צייטונג אַ בריוו אין רעדאַקציע
וואָס זי דרוקט אָפּ מיט אַ באַמערקונג, אַז זי איז ניט אין אַלע פּונקטן מסכים מיטן מחבר
S. Kassner. אינעם בריוו זיינען פאַראַן אַזוינע זאַצן:

... צו וואָס הייסט עס דאַרף מען דעם זשאַרגאָן? די שטרעבונג פון
אַלע אויפריכטיקע געבילדעטע אין יידנטום איז געווענדט צו דעם, אַרײַנצו=
ברענגען מאָדערנע אייראָפּעיִשע קולטור אין די גרויסע יידישע מאַסן פון
מזרח=אייראָפּע, צו צעשפּרייטן די נעפּלען פון פאַנאַטיזם און אומטאָלעראַנץ,
כּדי אַן אויסגעגלײַכט פאָלק זאָל קענען דערנאָך אַליין פאַרענדיקן זײַן פולקומע
באַפרײַונג. קומט מען און מ׳שטעלט זיך העזהדיק אַוועק אין וועג און
מ׳שטעלט אָפּ די פאָרויסגייער מיט אַ „האַלט!“ ד״ר נתן בירנבוימען איז וויל=
געפעלן אָנצוהייבן אַ נײַעם קורס אין יידנטום. ווען מען זאָל אים פרעגן אויף
זײַן מאַנדאַט, וואָלט ער זיך אומזיסט פאַררופן אויף די יידישע פאָלקסמאַסן...
איך הייב גאָר ניט אָן צו ספקן אין דער לויטערקייט פון זײַן כּוונה און
דער ערלעכער איבערצײַגונג זײַנער. אָבער ער באַלאַנגט צו יענע אומגליקלעכע
מענטשן, וואָס ברענגען אויס זייערע בעסטע כּוחות ניט אויפן ריכטיקן אָרט...
אַ טיפער וויטאָג נעמט מיך אַרום בײַם געדאַנק, אַז דאָס אַלץ מיט וואָס

מ'האָט אונדז מזכּה געווען: קאָנפערענץ, פאָלקספאַרזאַמלונג און קאַמערס זאָל באַטײַטן יידישע קולטור, פּראָגרעס, מאָדערנע יידישקייט. מיט מיר זענען מסכּים אַ סך יידן, אַ סך יידישע פּאָליטיקער אין לאַנד. און איך האָב דעם מוט צו זאָגן איצט אָפן: גענוג די בייזע שפּילן! מיר ווילן אַרויס פון געטאָ!

„היינט", ווארשע, סעפּטעמבער 7:

... ווי די „נאַציאָנאַלע צײַטונג" באַמערקט, שפּירט מען אויף דער קאָנ־פערענץ די אָנגעשטרענגטע באַציִונגען צווישן די רוסישע און גאַליציאַנישע אָנטיילנעמער. דער גרעסטער טייל פון די פאַרזאַמלטע וואָס, ווי מיר האָבן שוין דערציילט, שטאַמען פון רוסלאַנד רעדן דעם ליטווישן אָדער פּוילישן זשאַרגאָן, און ווי נאָר עס באַקומט דאָס וואָרט אַ גאַליציאַנער ייד וועלכער רעדט דעם גאַליציאַנישן זשאַרגאָן, הערט מען שטאַרקע קולות: „יידיש, רעדט יידיש!"

אין לעמבערגער „טאַגבלאַט" נומ' 174, סעפּטעמבער 9, שרייבט יונה קרעפּעל אין אַן אַרטיקל „נאָך דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ":

... אויף דער קאָנפערענץ האָבן זיך געוויזן צוויי שטרעמונגען. די איינע איז געווען רעפּרעזענטירט דורך עטלעכע בונדיסטן אויס רוסלאַנד, מיט וועלכע עס האָט קאָמאַנדירט — דאָס מוז מען מודה זײַן — מיט גרויס געשיק־לעכקייט די בונדיסטין פרוי אסתּר. די בונדיסטן זענען געווען שטאַרק אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט, יעדעס קאָמאַנדאָ פון פרוי אסתּר איז באַפאָלגט געוואָרן און בײַ יעדער אָפּשטימונג האָבן די גענאָסן געקוקט [אויף] זייער פירערין און האָבן אירע ווינקע געפאָלגט.

צו דיזער גרופּע האָבן זיך אָנגעשלאָסן עטלעכע אַקאַדעמיקער אויס גאַליציען, ווי אויך אַ טייל פון די ליטעראַטן האָבן נישט געוואָלט זיך אָפן שטעלן אין געגנזאַץ צו די בונדיסטן. מיר האָבן געהערט, אַז יידישע ליטע־ראַטן, וואָס שרײַבן יידיש און ווילן זיך נענטערן צום פאָלק, קענען אין רוס־לאַנד נישט ווידערשפּעניקן דעם בונד... אויב דאָס איז אַ גענוגנדער תּירוץ, איז אַן אַנדערע פראַגע.

מיט די בונדיסטן זענען אין די לעצטע טעג אויך געגאַנגען די „פּועלי־ציון", וועלכע האָבן זיך אין די ערשטע טעג אַ ביסל שטרענגער געהאַלטן. עס זעט אויס, אַז זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועט מען זיי חושד זײַן, אַז זיי זענען צו פיל נאַציאָנאַליסטיש, און איבערדעם האָבן זיי זיך אונטער־געגעבן דער פרוי אסתּר.

די צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון די נאַציאָנאַליסטן, ציוניסטן, העבראַיִסטן און עטלעכע אומפּאַרטייִשע. אָט דיזע גרופּע, הגם זי איז געווען

צאָלרײַכער, איז זי דאָך גאָרנישט געווען אָרגאַניזירט, און איבערדעם זענען אָפּט אַרויסגעקומען החלטות געגן זיי.

אין „טאָגבלאַט“ נומ׳ 175 גייט דער המשך פון דעם זעלבן אַרטיקל.

... זי [די פראַגע וועגן יידיש־העברעיש] איז אויך באַרירט געוואָרן אין זייער אַן אומגליקלעכער פאָרם דורך דעם רעפעראַט פון מיזעס, וועלכעס איז מערקווירדיקערווײַזע אַרײַנגערוקט געוואָרן צו דעם פונקט וועגן אָרטאָ־גראַפיע, כאָטש עס האָט דאָצו גאָר ווייניק שײַכות געהאַט.

פון דעם אַלעם איז צו זען, ווי שטאַרק דיזע פראַגע האָט די דיסקוסיע באַהערשט, און עס איז כדאַי אויסדריקלעך צו באַמערקן, אַז דאָבײַ האָבן זיך לײַדנשאַפטלעכער פאַרהאַלטן די קעגנער פון העברעיש. דער גייסט פון אונדזער אַלטער נאַציאָנאַל־שפּראַך האָט זיי — אַזוי דוכט זיך — פאַרפאָלגט ווי אַ געשפּענסט, ווי עפּעס אַ מין גייסט פון יענער וועלט, און זיי האָבן זיך געסטאַרעט אים צו פאַרטרײַבן מיט אַ „קלאָרן און דײַטלעכן באַשלוס“, אַז יידיש איז די איינציקע נאַציאָנאַל־שפּראַך פון דער יידישער נאַציאָן.

עס איז אַ באַקאַנטער כּלל, אַז טויטע באַגראָבט מען, אָן טויטע פאַר־געסט מען. און ווען דאָס איז נישט אַזוי, מוז מען אָננעמען איינס פון צוויי: אָדער דער טויטער איז גאָר נישט טויט, אָדער עס איז אים געשען אַן אומ־רעכט און די טייטער ווערן געפּלאָגט פון געוויסנביסע. און וועלכעס פון אָט די ביידע זאַכן מיר ווילן נישט אָננעמען, איינס שטייט פעסט: אַזאַ באַשלוס איז אומגערעכט, אינקוויזיטאָריש...

דער ווײַטערדיקער אַרטיקל איז געשריבן פון כּ[תריאל־כאַזאַנאָוויטש] און איז אַזוי ווי אַן אָפיציעלער באַריכט פון די פּועלי־ציון, וואָס זענען געווען אויף דער קאָנפערענץ. ער איז געדרוקט אין „דער יידישער אַרבעטער“, צענטראַל־אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון אין עסטרייך, נומ׳ 32, לעמבערג, סעפּטעמבער 10.

כּ., די קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך

די קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט פאָריקע וואָך שטאַטגעפונען אין דער הויפּטשטאָט פון בוקאָווינע, פאַרדינט אַ גרויסע אויפ־מערקזאַמקייט פון דער יידישער עפנטלעכער מיינונג. עס איז געווען אַ פאַר־זאַמלונג פון ערנסטע מענטשן מיט אַ מער אָדער ווייניקער באַדײַטנדן אײַנ־פלוס אויף ברייטע קרייזן, צי אַלס דיכטער און שריפטשטעלער, צי אַלס פּאָ־ליטיקער, און וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערנסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער ווירקלעכקייט. די נעמען בירנבוים, זשיטלאָווסקי, פּרץ, אַש האָבן אַ שטאַרקן קלינג, און יעדער וועט זיך ערנסט צוהערן צו די ווערטער

פון דיזע מענער, ווען אויך נישט אימער טיילן זייערע מיינונגען. געוויס, עס זענען נישט געקומען אַלע וואָס האָבן געזאָלט קומען. אָבער נישט אויס מאַנגל אין סימפּאַטיע צו דער זאַך, וואָס איר זענען געווען געווידמעט די באַראַטונגען, נאָר צוליב טעמים, וואָס זענען בײַ אונדז יידן לײדער אַזוי לײַכט פאַרשטענדלעך... אָן אַ ספק וועט די באַטייליקונג אין דער נעכסטער קאָנפערענץ, וועלכע וועט באַשטייען נישט פון איינצלנע נאָר פון זיך אַליין שפּרעכנדע פּערזאָנען, זאָנדערן פון פאַרטרעטער פון פאַראייגען און גרופּן, זײַן אַ פיל צאָלרײַכערע. פילע האָבן זיך אויך אָפּגעהאַלטן פון קומען, ווײַל זיי האָבן נישט געוווּסט די אמתע כוונות פון די איניציאַטאָרן פון דער קאָנ־פערענץ. הײַנט, ווען די וועלט ווייסט שוין וואָס מען וויל, וועלן אפשר מאַנכע האַלבע פרײַנד אַוועקפאַלן, אויף זייער אָרט וועלן אָבער צוקומען פילע גאַנצע פרײַנד.

די באַדײַטונג פון דער קאָנפערענץ ליגט אין צוויי ריכטונגען, אין אידעאַלער און פּראַקטישער. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אידעע, אַ פּרינציפּ, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אינסטיטוציע, וועלכע זאָל אין אַ געוויסער באַציִונג פאַראייניקן די צעבראָקלטע, צעוואָרפענע און אָפט זיך פײַנדלעכע כוחות אין יידנטום אויפן קולטורעלן, באַזונדערס שפּראַכלעכן געביט.

ווי בײַ יעדער גרויסער זאַך איז אויך דאָ געווען צוערשט דאָס וואָרט, דער געדאַנק, וואָס איז פאַרויסגעאײַלט פאַר דער טאַט ווי דער בליץ פאַרן דונער. די אײַנבאַרופער פון דער קאָנפערענץ האָבן — אין זייער שטרעבונג אויסצומײַדן קאָנפליקטן—אויפגעשטעלט אַ טאַגעס־אָרדנונג פון מער פּראַקטישע ענינים, ריכטיק רעכנענדיק, אַז אַ פּראַקטישע אַרבעט וועט זײַן לײַכטער אַ פאַראייניקונג פון די שטרײַטנדע לאַגערן. אָבער עס איז געקומען אַנדערש. מיט געוואַלט האָט זיך דורכגעזעצט די דיסקוסיע איבער די אַלטע פראַגע וואָס האָט אַלעמען געברענט אויף דער נשמה: העברעיִש אָדער יידיש? עס איז געווען העכסט אינטערעסאַנט צו זען, ווי דער סיכסוך צווישן יידיש און העברעיִש האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די פאַרהאַנדלונגען ווי מיט אַן עקספּלאָ־זיוו־קראַפט. און מערקווירדיק: די דיסקוסיע האָבן אַם מייסטן געוואָלט די העברעיִסטן, בעת די יידיש־פרײַנד האָבן זיך באַצויגן צו איר עטוואָס קאַלטער. עס איז געווען ווי די פרײַ געוואָרענע טאַקטפולע יידישע „דינסטמויד" וואָלט אין באַוווּסטזײַן פון איר קראַפט און ווירדע נישט געוואָלט רייצן די נערוועז געוואָרענע העברעיִשע „האַרינטע".

די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן דער באַציִונג פון דער קאָנפערענץ צו יידיש און העברעיִש האָט געשטעלט די גרופּע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן גע־נומען אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, אין אַ שווערע לאַגע. אונדזער פּאַרטיי האָט זיך אין דער פראַגע נאָך קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט, אויף די שפּאַלטן פון אונדזער אָרגאַן איז די פראַגע נאָך אויך נישט גרינדלעך באַהאַנדלט געוואָרן,

אַזוי אַז מיר האָבן געמוזט צווייפלען, צי וועט אונדזער שטעלונג אויף דער קאָנפערענץ נישט אַרויסרופן קיין סיכסוכים אין דער פּאַרטיי. און דאָך האָבן מיר געמוזט איינגעמען אַ באַשטימטע שטעלונג. מיר האָבן נישט געקענט דערלאָזן, אַז אַנדערע פּערזאָנען, וואָס האָבן אַפילו גערעדט אין אייגענעם נאָמען, אָבער דאָך מער אָדער ווייניקער פאַרטראָטן די אָנשויונגען פון די פּאַרטייען צו וועלכע זיי געהערן, אַז די פּערזאָנען זאָלן אַרויפדריקן אויף דער קאָנפערענץ דעם שטעמפּל פון זייער גייסט. מיר האָבן אויך נישט געקענט גלײַכגילטיק צוזען ווי די פּועלי-ציון זאָלן איינע די אַנדערע באַקעמפן אין אַ פראַגע, וואָס קען ריכטיק באַאַנטוואָרט ווערן נאָר אין הסכּם מיט אונדזער גאַנצער וועלט-אָנשויונג.

נישט האָבנדיק קיין דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי-עקזעקוטיווע אין דער פראַגע, וואָס איז אַזוי אומערוואַרטעט געשטעלט געוואָרן אויף די טאַגעס-אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ, האָבן מיר געמוזט אַליין אָננעמען אַ באַשלוס, מעלדנדיק, אַז נישט די פּאַרטיי, נאָר מיר זענען פאַר אונדזער שטעלונג פאַראַנטוואָרטלעך. עס האָט זיך גראָד געטראָפן, אַז אין דער אָפּשטימונג איבער די אומערוואַרטעט אַרײַנגעטראָגענע רעזאָלוציע, אַז יידיש איז די איינציקע נאַציאָנאַל-שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, האָבן אַלע פּועלי-ציון אין דער צאָל פון אַכט פּערזאָנען געשטימט ווי איין מאַן קעגן, און דאָס אָן אַ פריערדיקער פאַרשטענדיקונג. דיזע איינהייטלעכע האַלטונג בײַ דער אָפּשטימונג האָט אונדז געגעבן די האָפענונג, אַז אין די גרונד-פּרינציפּן וועלן זיך אויך אונדזערע מיינונגען דעקן. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן צו דעם צוועק אַ באַשפּרעכונג, אין וועלכער עס האָבן גענומען אָן אָנטייל אַלע מיטגלידער און געסט פון דער קאָנפערענץ—אַ 30 מאַן—מיט אַ גלײַכן רעכט. נאָך אַ דרײַ-שעהדיקער דיסקוסיע האָבן מיר אַלע מסכּים געווען אויף איין רעזאָלוציע: צו ערקלערן יידיש אַלס נאַציאָנאַל-שפּראַך אין לענדער מיט קאָמפּאַקטע יידיש-שפּרעכנדע מאַסן. מיט דער ערקלערונג האָבן מיר זיך שטרענג אָפּגעטיילט סײַ פון דער בונדיסטישער, סײַ פון דער בירגערלעך-ציוניסטישער ריכטונג, פאַרטרעטנדיק אַן אייגנאַרטיקן שטאַנדפּונקט, וואָס שײַנט אונדז זיך צו געפינען אין פאָלשטענדיקער האַרמאָניע מיט אונדזער גאַנצער וועלטאָנשויונג. וועט די פּאַרטיי אָננעמען אונדזער מיינונג, איז מה טוב, אויב נישט, איז זי אויך פאַר איר נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

אונדזער שטאַנדפּונקט, ווי מיר האָבן אים פאַרטיידיקט אויף דער קאָנפערענץ, איז געווען פאָלגנדער: אַזוי ווי די יידן געפינען זיך אין אַן אומוואַנדלונגס-פּראָצעס אין עקאָנאָמישער באַציִונג, איז הײַנט אוממעגלעך פעסטצושטעלן, אויב די אָדער יענע שפּראַך וועט זײַן די צוקונפט-שפּראַך פונעם גאַנצן יידישן פאָלק. ווען מיר וואָלטן געקענט גלייבן, אַז די יידן וועלן שטענדיק בלײַבן אין זייערע איצטיקע וווין-לענדער, דאַן וואָלטן מיר איבערהויפּט נישט געגלייבט אין דער צוקונפט פון אַ יידישער קולטור און אַ יידישער שפּראַך, דאַן וואָלטן מיר געזאָגט, אַז צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער אַסי-

מילאַציע וועט אויך פאָרקומען אַ גייסטיקע אַסימילאַציע פון די יידן צו זייער נישט-יידישער סביבה. מיר זענען אָבער פעסט איבערצײַגט אין דער קאָנצענטראַציע פון די פאַרשידענע יידישע פאָלקס-טיילן אין איין לאַנד, אין דער אַנטשטייונג פון אַ זעלבשטענדיקער פאָלקס-ווירטשאַפט, אין קיבוץ-גליות. די יידן פון די פאַרשידענע לענדער וועלכע רעדן הײַנט אויף פאַרשידענע לשונות וועלן מוזן אָננעמען איין שפּראַך כּדי זיך געגנזײַטיק צו פאַרשטענדיקן. אויף דעם באָדן פון אַן איינהייטלעכער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט מוז אַנטשטיין אַ קולטור- און שפּראַך-געמיינשאַפט. וועלכע שפּראַך וועט אָנגענומען ווערן פון דער גאַנצער נאַציע, צי יידיש, צי העברעיש, שפּאַניאָליש אָדער אַן אַנדערע—מיר מוזן זיך הײַנט אָפּזאָגן דאָס צו אַנטשיידן, ווײַל מיר ווילן נישט געמאַכט ווערן פון דער היסטאָריע פאַר קיין נאַרן. מיר ווייסן, אַז העברעיש דינט שוין הײַנט אין ארץ-ישראל אַלס פאַרשטענדיקונגס-מיטל צווישן די יידן פון פאַרשידענע לענדער. מיר האָבן נאָך צו ווייניק ערפאַרונגען כּדי צו וואַגן צו באַהויפּטן, אַז העברעיש האָט אַ פעסטן יסוד אינעם לעבן פון פּאַלעסטינער יידן, אַז איר געהערט די צוקונפט. מיר זאָגן אָפן און ערלעך: מיר ווייסן נישט. מיר מוזן אָבער מיט אַלע כּוחות פּראָטעסטירן קעגן די מיינונג, אַז די 3 מיליאָן יידן וואָס רעדן נישט יידיש זענען פאַר אונדז פאַרלוירן. קיינער פון אונדז האָט נישט קיין רעכט צו ערקלערן: La nation ce [!] moi (איך בין די נאַציאָן).

מען זאָגט אונדז, אַז בײַ אַנדערע פעלקער גיט עס אויך אַ מיעוט וועלכער רעדט נישט די שפּראַך פון דער מערהייט, און פונדעם איז דיזע די נאַציאָנאַל-שפּראַך. דאָ איז אָבער אַ געוואַלטיקער אונטערשיד. די מינדערהייט בײַ אַנדערע פעלקער שעפּט די יניקה פון איר עקסיסטענץ פון דער מערהייט, שטייט מיט איר אין פאַרבינדונג און קערט צו איר צוריק אָדער איז גרייט צו איר צוריקצוקערן. בײַ אונדז איז אָבער די זאַך אַזוי, אַז די שפּראַך פון דער מערהייט איז נישט די היסטאָרישע שפּראַך פון דער גאַנצער נאַציע, אַז סײַ די מערהייט, סײַ די מינדערהייט האָבן אָנגענומען זייערע שפּראַכן אויף זייער וואַנדערונגס-וועג, אַז נישט די מינדערהייטן שעפּן די יניקה פון זייער עקסיסטענץ פון דער מערהייט, זאָנדערן אַלע פון אַ פרעמדער סביבה.

מיר קענען אַלזאָ יידיש נישט ערקלערן אַלס די שפּראַך פון דער גאַנצער נאַציע, אַלס איר שפּראַך פאַר אַלע אייביקייטן. דאָס איז אָבער אויך נישט נייטיק. די אָנערקענונג פון דעם יידיש מוז געשען דורך דעם שטאַט. דער שטאַט האָט אָבער נישט צו טון מיט דער יידישער נאַציע אַלס גאַנצע, נאָר מיט אירע טיילן וועלכע שטעלן פאַר אים פאָר עטוואָס גאַנצעס. עס עקסיסטירט נישט אַ וועלט-שטאַט, וועלכער זאָל דאַרפן נעמען שטעלונג צו יידן פון דער גאַנצער וועלט. דעריבער איז פאַר אונדז פאַלשטענדיק געניג זיך אַרויסצוזאָגן פאַר דער אָנערקענונג פונעם יידיש אַלס נאַציאָנאַלע

שפּראַך אין לענדער מיט קאָמפּאַקטע (געדיכט צוזאַמענלעבנדע) יידישע מאַסן.

דאָס איז דער באָדן אויף וועלכן עס קענען זיך אייניקן אַלע, וועלכע ווילן נישט צווינגען אַנדערע אָננעמען זייערע דאָגמען. ווער עס וויל ערקלערן יידיש אַלס איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך היינט און פאַר אַלע צייטן, דער ריזיקירט נישט נאָר צו שפּילן די ראָלע פון אַ פאַלשן נביא אין דער געשיכטע, דער שליסט אויך אויס פאַרשיידענע ריכטונגען אינעם ציוניזם פון דער מיטאַרבעט. אָן דעם ציוניזם אָבער קען קיין גרויסעס קולטור־ווערק נישט געשאַפן ווערן. ווען דער ציוניזם האָט נישט איבערצייגט מיט זיינע אַרגומענטן, דער זאָל וויניקסטנס רעכנען מיט זיין מאַכט און איינפלוס.

אונדזער פאָרמולירונג איז ווערטלעך נישט דורכגעדרונגען, אָבער די אידעע, וועלכע מיר האָבן אין איר אַריינגעלייגט, האָט דאָך געזיגט. די קאָמיסיע, וואָס איז איינגעזעצט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ רעזאָלוציע איבער די פראַגע און אין וועלכער עס האָט אָנטיילגענומען אונדזער אַ חבר, האָט באַשלאָסן צו ערקלערן יידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך, וואָס איז טאַקע אויך אָנגענומען געוואָרן. דיזע פאָרמולירונג דריקט אויס די באַציִונג פון דער קאָנפערענץ נאָר צו יידיש, אָבער נישט צו העברעיִש. „איין" נאַציאָנאַל־שפּראַך וואָלט געהייסן, אַז עס גיט נאָך אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. „די" נאַציאָנאַל־שפּראַך וועט זי אויסשליסן, „אַ" זאָגט זיך נישט אַרויס נישט פאַר נישט קעגן זיי. דאָס איז אַן אַרט מינימום־פּראָגראַם, אויף וועלכן עס קענען זיך אייניקן אַלע וועלכע אַכטן יידיש און גלייבן וויניקסטנס אין איר נאָענטער צוקונפט.

דער פּראַקטישער טייל פון די קאָנפערענץ־אַרבעטן איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אינעם אויסאַרבעטן אַ סטאַטוט. דאָ האָבן מיר זיך געמוזט היטן מער פאַר אַ צו פיל ווי פאַר אַ צו ווייניק. פּרץ איז געקומען מיט אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן צו שאַפן אַ קולטור־צענטרום וואָס זאָל באַזאָרגן די גאַנצע וועלט מיט קולטור־שפּייז, אַ מין קולטור־הויפּטנידערלאַגע וועלכע זאָל פונאַנדערשיקן די קולטור־סחורה נאָך אַלע ריכטונגען פונעם ווינט. אָבער נישט נאָר צו פּרצעס פּלאַן האָבן מיר נישט געקענט שטימען, מיר האָבן בכלל נישט געקענט מסכּים זיין צו דער מיינונג, אַז עס איז מעגלעך אַ קולטורעלע אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע געזעלשאַפטס־שיכטן און פּאַרטיי־ריכטונגען. שליסלעך קען זיך קיינער נישט באַפרייען פון די קלאַסן־איינפלוסע אונטער וועלכע ער איז אויפגעוואַקסן, און איין קולטורעלע אָרגאַניזאַציע פאַר אַלעמען וואָלט דאָך געטראָגן אַ קלאַסן־כאַראַקטער. אָן אַ פּאַרטיי־באַשלוס וואָלטן מיר אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע בשום־אופן ניט איינגעטרעטן, און דעריבער האָבן מיר נישט געקענט ווירקן ביי איר באַשאַפונג. אין דער באַציִונג האָבן זיך פאַראייניקט אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען אויף דער קאָנפערענץ (פּועלי־ציוניסטישע, סיימיסטישע און בונדיסטישע), און אַדאַנק אונדזער אייניקייט־לעכן אויפטרעטן האָבן מיר דורכגעזעצט, אַז דערווייל זאָל נאָר געשאַפן ווערן

אַ צענטראַל־ביוראָ מיט פאַרטרויענסמענער פון אַלע לענדער מיט דער קאָמפּעטענץ, וועלכע איז באַשרענקט אויף איניציאַטיווע און אינפאָרמאַציע און הויפּטזעכליך מיט דער פאָרגרייטונג פון דער נעכסטער קאָנפערענץ. ווען אונדזער שטאַנדפּונקט וואָלט נישט דורכגעדרונגען, וואָלט די קאָנפערענץ צעפאַלן. די נעכסטע קאָנפערענץ, וואָס וועט זײַן אַן אמתער אויסדרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, וועט נאַטירלעך קענען באַשטימען, צי די קאָמפּעטענץ פונעם צענטראַל־ביוראָ זאָל פאַרגרעסערט ווערן אָדער נישט.

די קאָנפערענץ איז פאָריבער, זי איז געווען אַ קרעפטיקער לעבנסצייכן פון דער יידישער רענעסאַנס. שטאָלץ און פרײַ האָט די פאַראַכטעטע יידישע שפּראַך אויפגעהויבן איר קאָפּ און פאַרלאַנגט אירע רעכטן. די יידישע פאָלקס־טיילן אין די פאַרשידענע לענדער פאַראייניקן זיך צו אַ שותּפותדיקער נאַציאָנאַלער אַרבעט. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט נישט בלײַבן בײַ בלויזע ווערטער. אונדזערע חברים באַזונדערס, וואָס האָבן זיך מיט אַזאַ גרויסער אויפמערקזאַמקייט באַצויגן צו דער קאָנפערענץ און אירע פאַרהאַנדלונגען, וועלן האָפנטלעך זײַן, ווי שטענדיק, די ערשטע אויפן פּלאַץ, ווו עס האַנדלט זיך וועגן נאַציאָנאַלע זעלבסטאַכטונג און זעלבסט־אַקציאָן.

P. S. אין „דר. בירנבוים׳ס וואָכענבלאַט" ווערט באַהויפּטעט, אַז די בונדיסטיש־פּועלי־ציוניסטישע קאָאַליציע האָט אויסגענוצט דעם לעצטן טאָג פון דער קאָנפערענץ, בעת פילע זענען שוין געווען פאַררײַזט, כּדי דורכצוברענגען איר ווילן. די באַהויפּטונג איז אַ שווערע באַשולדיקונג קעגן אסתּרן און מיר און אויך קעגן זשיטלאָווסקי, דען אויך ער האָט זיך אונטערגעשריבן אויף דעם מינימאַל־אייניקונגס־פּראָגראַם. איך ערקלער, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט וועגן דער אויסניצונג פון אַזאַ געלעגנהייט. עס איז נישט אונדזער שולד, וואָס צום שלוס זענען געווען ווייניק פּערזאָנען, און עס איז אויך נישט אונדזער שולד, וואָס דאָס סטאַטוט איז באַהאַנדלט געוואָרן אינעם לעצטן טאָג. מיר האָבן געאַרבעט לויט דעם ווי אונדזער געוויסן האָט אונדז געהייסן. וועלנדיק מיטאַרבעטן אין דער צוקינפטיקער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיר נישט געקענט דערלאָזן, אַז צופעליקע פּערזאָנען, וואָס האָבן פון קיינעם קיין פולמאַכט נישט געהאַט, זאָלן געבן דער זאַך אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זאָל פילײַכט אוממעגלעך מאַכן די מיטאַרבעט פון די בעסטע קרעפטן. דעריבער האָבן מיר געפאָדערט, אַז די הויפּט־אויפגאַבע פונעם ביוראָ זאָל באַשטיין אינעם פאָרגרייטן די נעכסטע קאָנפערענץ, ווײַטער אין אינפאָרמאַציע און איניציאַטיווע. מיר דענקען, אַז דאָס געגרינדעטע צענטראַל־ביוראָ וועט דערמיט אַליין אויך האָבן פולע הענט מיט אַרבעט.

אין „העולם“ נ׳ 36, סעפטעמבער 11, שרייבט א. חרמוני:

... און אַ שאָד, וואָס בעת איך שרייב אָט די שורות ווייס איך נאָך נישט דעם אויסגאַנג פון דער פראַגע וועגן דער „זשאַרגאָנישער גראַמאַטיק“...

ווי גרויס איז די ליבע ביי די מאַלפעס! מיט זייערע הענט דערשטיקן זיי פאַר גרויס ליבע זייערע קינדער. און די זשאַרגאָניסטן ווען מיט זייער „גראַמאַטיק“ דערהרגענען דעם זשאַרגאָן אויף אייביק.

ביז איצט האָט דער זשאַרגאָן געהאַט איין מעלה אַנטקעגן העברעיִש: דער ייד האָט נישט געדאַרפט לערנען דעם זשאַרגאָן. ווען מען וועט אַרויפּטין אויף אים דעם יאָך פון „גראַמאַטיק“ — וועט דער ייד זאָגן: לערנען זשאַרגאָן? ניין, איך בין נאָך נישט משוגע! מען לערנט העברעיִש, מ׳לערנט רוסיש, מ׳לערנט חשבון, אָבער — זשאַרגאָן, אַ זשאַרגאָנישע גראַמאַטיק!... טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, איך בין נאָך ביים זינען, דאַנקען גאָט!

און איך ווינטש די זשאַרגאָניסטן, זיי זאָלן מצליח זיין מיט זייער גראַמאַטיק; באַזונדערס מיט דער גראַמאַטיק. און דעמאָלט וועל איך זיך אויך פרייען מיט זייער „גרויסער וואָך“ אין טשערנאָוויץ...

אין זעלבן נומער „העולם“ איז ציטירט אַ לייטאַרטיקל פון „הזמן“. מיר ברענגען דאָ דעם אויסצוג לויט דעם „העולם“:

... די יידישע שפּראַך — אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך!

פּרוּווט נאָר איבערגעבן די דאָזיקע רעזאָלוציע די ספרדישע יידן, די מזרחדיקע, די באַרג-יידן פון קאַווקאַז, די יידן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, די שטאַם-יידן פון ענגלאַנד, די יידן פון אַלע איבעריקע ערטער איבער דער גאָרער וועלט וואָס זענען נישט פאַרבונדן מיט דער „זשאַרגאָנישער שפּראַך, וואָס ווערט גערעדט נאָר אין רוסלאַנד, רומעניע, גאַליציע און אַמעריקע — פּרוּווט זיי נאָר זאָגן, אַז זיי זענען באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, צי וועלן זיי אייך נישט אָנקוקן פאַרוואונדערט און צי וועלן זיי נישט קלערן, אַז איר מאַכט חוזק פון זיי?

דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, וועט קיינמאָל נישט אָננעמען די הערשאַפט פון אַ שפּראַך, וואָס האָט נאָר אַ לאָקאַלן ווערט, — מעג זיין ביי אַ גרויסן טייל פון אונדז. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז און וועט זיין נאָר די, וואָס האָט אַ יסוד אין דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט צוזאַמען צווישן אַלע טיילן פון פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, וואָס בינדט צונויף און פאַראייניקט די איינציקע טיילן פון דער נאַציע.

און קאָמיש זענען די אָנטיילנעמער פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, ווען זיי קומען פּסקענען אין דער שפּראַכן-פראַגע און באַשאַפן נייע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. זיי זענען קאָמיש נישט נאָר דערפאַר, וואָס זייער רעזאָלוציע וועט

בלייבן אויפן פּאַפּיר און קיינער וועט זיך אויף איר נישט אומקוקן, נאָר אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן קאַליע געמאַכט דורך דעם דאָס, וואָס זיי האָבן גע־וואָלט פאַרריכטן. אָנשטאָט צו דערוועקן ליבע צו דער יידישער שפּראַך, צו פאַרשפּרייטן איר ליטעראַטור, צו פאַרפולקומען זי און אַנטוויקלען זי,—זאַכן, וואָס פיל פון די נאַציאָנאַליסטן, אויך פון די חובבי [שפת עבר, האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט צו זיי און האָבן מסכים געווען דערויף, ווילן זיי איצט אַרויסרופן קעגן דער יידישער שפּראַך אַ שווערע מלחמה מצד די ליבהאָבער פון דער העברעישער שפּראַך, דאָסמאָל אַ גערעכטע מלחמה, אויף וויפיל זיי ווילן באמת קומען ירשענען דעם אָרט פון דער אמתער נאַציאָנאַלער שפּראַך!...

„דער בירנבוימס וואָכענבלאַט" נומער 2, סעפּטעמבער 11:

ה. ד. נאָמבערג, נאָך דער קאָנפערענץ

נאָך לאַנגע הכנות, נאָך פיל מי און פינף־טעגיקער אַרבעט צעפאָרן מיר זיך איצט יעדער אין זיין לאַנד, יעדער אין זיין היים.—מיט וואָס פאָרן מיר אַוועק?

מיט אַ קליין שטיקל פּאַפּיר אין דער האַנט. עס שטייט דרויף געשריבן:

„די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך אָנער־קענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און פאָדערט איר פּאָליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפט־לעכע גלייכבאַרעכטיקונג".

איך ווייס נישט, ווי אַנדערע קוקן אויף די רעזולטאַטן פון אונדזער קאָנפערענץ. מיר האָבן פיל געגנער, און אַלע שטייען נישט אויף איין פראָנט קעגן אונדז. מיר וועלן האָבן אַ שווערע אַרבעט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן פאַר־שידענע אָנפאַלן פון פאַרשידענע זייטן, פון רעכטס און פון לינקס. סיי די אַסימילאַטאָרן, סיי די נאַציאָנאַליסטן פון אַחד־העמס שניט וועלן נישט שפּאָרן קיין מי, אום צו מאַכן צו נישט דעם רעזולטאַט פון אונדזער אַרבעט. ווער ווייס, צי מען וועט נישט פּרוּוון אונדז אויסצולאַכן, — אונדז און דאָס קליינע שטיקל פּאַפּיר, וואָס מיר וועלן אַהיימברענגען יעדער אין זיין לאַנד!

מיר קאָנען רויק זיין און אָפּוואַרטן דעם אָנפאַל מיט אַ שטאָלץ אויפ־געהויבענעם קאָפּ, מיט דעם קלאָרן בליק פון אונדזער ריינעם געוויסן און מיט דעם מוט פון אונדזער טיפער איבערצייגונג. מיר האָבן געטאָן דאָס איינציקע ביטיקע וואָס אַזאַ קאָנפערענץ האָט געדאַרפט טון און געקענט טון. מיר האָבן געזאָגט דאָס דרייסטע וואָרט, וואָס איז אַזוי פיל געלעגן אויף דער צונג, און מיר ווייסן און גלייבן, אַז דאָס וואָרט וועט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון טויזנטער און מיליאָנען פון אונדזער פאָלק. מיר זאָגן: אין דעם תוהו־ובהו פון אונדזער לעבן איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אַ פעסטער שטיין, אויף דעם שטיין וועט אויפגעבויט ווערן דאָס בנין פון אַ שענערן און ווירדיקערן נאַציאָנאַלן לעבן.

אַ קליין שטיקל פאַפיר האָבן מיר אין דער האַנט. אין האַרצן אָבער האָבן מיר דעם פעסטן גלויבן, אַז די ווערטער וואָס שטייען דרויף זענען דיקטירט פון אונדזער שיקזאַל; אונדזער לעבן און זײַנע נויטווענדיקייטן האָבן דרויף אָנגעשריבן אונדזער אָנערקענונג און אונדזער פאָדערונג.

מיר אָנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך און פאָדערן איר גלײַכבאַרעכטיקונג. ווער — מיר?

נישט די אָנטיילנעמער אין דער קאָנפערענץ, וויפיל שיינע און באַרימטע פערזענלעכקייטן צווישן זיי זענען געווען — נישט זיי רעדן אין זייער אייגענעם נאָמען. מיר — דאָס זענען די 90% פון יידישן פאָלק וואָס לעבן, טראַכטן און פילן אויף אונדזער מאַמע-לשון; וואָס דאַרפן אויסגעהיילט צו ווערן פון דער ערגסטער פון אַלע גלות-קרענק און גלות-ליידן — פון דער גרינגשעצונג צו זיך אַליין, פון דער פאַראַכטונג צו אונדזער אייגענעם טון און טראַכטן, צו אונדזער אייגענעם פילן און רעדן.

מיט דער אָנערקענונג פון יידיש פאַר אַ פולבאַרעכטיקטער נאַציאָנאַלער שפּראַך האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך נאָך איין גלות-פלעק; האָבן מיר אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן געגעבן נאָך אַ רעאַלע פאָרם.

מיר האָבן אויך אין פאַרלויף פון די פינף טעג געלייגט דעם יסוד צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַבע איז צו פאַרווירקלעכן דעם אמת וואָס שפּראָצט פון אונדזערע הערצער; צו מאַכן פון דעם שטיקל פאַפיר אַ שטיק געזונט קולטור-לעבן. אונדזער אָרגאַניזאַציע דאַרף צו פאַרבינדן די אַלע וואָס גלייבן מיט אונדז און האָפן מיט אונדז. דערויף זענען נייטיק איבערגעגעבענע אַרבעטער, לאַנגדויערנדע מי, טאָגטעגלעכע אַרבעט.

ד ע ר ו ו י י ל האָבן מיר אַ שטיקל פאַפיר, באַשריבן מיט אונדזער „אמת". לאָמיר דערויף שטאָלץ זײַן! מיר ווייסן צו דערציילן פון שטיקלעך פאַפיר וואָס האָבן געמאַכט איבערקערענישן אויף דער וועלט.

אין „ה י י נ ט" נומ' 196, סעפּטעמבער 11, שרייבט ה ל ל צ י י ט ל י ן אין אַן אַרטיקל „ר ו ס ך - נ אָ ט י צ ן" (איבערגעדרוקט אין „ט אָ ג ב ל א ט", לעמבערג נומ' 178).

אין טשערנאָוויץ האָט זיך די „קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך" געענדיקט מיט דעם, [מיט] וואָס זי האָט זיך אָנגעהויבן, — מיט גאָרנישט. און קיין חידוש ניט: די קדמונים האָבן נאָך געזאָגט, אַז פון גאָרנישט קען קיין יש ניט ווערן... עטלעכע קינסטלער פיל-וויניק ערנסטע, צו זיי אַ גאַנצער המון פון עמי-הארצים, — וואָס פאַר אַ גוטס האָט געקאָנט פון דעם אַרויסקומען?

ווען אונדזערע פאַרשידענע שרײַבערלעך פון די בית-עלמין-בלעטער וואָלטן נישט געווען אַזעלכע חונפים און עבדי-עבדים, וואָלטן זיי עס פאָרויס

גענזען און וואָלטן נישט געמאַכט אַזעלכע געוואַלדן וועגן דעם „יום־טוב פון מאַמע־לשון".

און אפשר האָבן זיי עס יאָ געזען, אפשר האָבן זיי טאַקע געפילט, אַז די עמי־הארצים וועלן מנצח זײַן, און מחמת דעם טאַקע האָבן זיי זיך אַזוי געפרייט...

טאַקע מהאַי טעמא; איין עם־הארץ פילט מיט דעם צווייטן עם־הארץ...

דעם וואָס [אים] איז אָבער באמת טײַער די יידישע קולטור, יענער קען זיך בשום אופן נישט פרייען אויף דעם, וואָס די מיינונגען פון פּרץ, פון נאָמבערג, פון נאָך אַ פּאָר פרײַערע גייסטער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און עס איז אָנגענומען געוואָרן די עם־הארצישע רעזאָלוציע, אַז זשאַרגאָן איז די נאַציאָנאַל־שפּראַך...

אומזיסט האָבן די עטלעכע נישט־עמי־הארצים וואָס זענען אויפן קאָנפערענץ געווען געמיט זיך צו געבן ערקלערונגען, אַז זשאַרגאָן איז אונדזער פאָלקס־לשון, אָבער נישט קיין נאַציאָנאַל־שפּראַך.

זשאַרגאָן איז נישט קיין נאַציאָנאַל־שפּראַך, ווײַל אַלע גייסטיקע אוצרות אונדזערע זענען אין לשון־קודש און נאָר אין לשון־קודש. זשאַרגאָן איז דער טאָג; לשון־קודש — די אייביקייט.

אָט די עטלעכע ווערטער האָבן גאָרנישט געהאָלפן. דער גאַנצער המון פון פאַנאַטיקער און עמי־הארצים וואָס זענען אויפן קאָנפערענץ געווען האָבן עס נישט געקאָנט באַגרײַפן...

בכדי צו מפייס זײַן פּרצן און נאָך אַזעלכע האָט מען צו אָט דער הויפּט־רעזאָלוציע צוגעטשעפּעט נאָך אַ רעזאָלוציע, אַז די באַציִונג צו העבּרעיִש בלײַבט בײַ יעדן חבר פרײַ.

פרעגט זיך דאָך, ווי קען זײַן די באַציִונג פרײַ, ווען מען נאַרט איר דאָ? צי נאַרט איר זיך, צי מיינט איר נאַרן אַנדערע?

קוים בין איך אַ חבר פון דער כּלומרשט געגרינדעטער „אָרגאַניזאַציע", קוים בין איך אויף זיך מקבל די ערשטע רעזאָלוציע, קוים אַנערקען איך זשאַרגאָן פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, קאָן שוין מײַן באַציִונג צו העברעיִש ניט זײַן פרײַ בשום אופן...

ווײַל קיין צוויי נאַציאָנאַלע שפּראַכן איז ניטאָ. עס קען געבן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און אַ פאָלקס־שפּראַך, אָבער נישט קיין צוויי נאַציאָנאַל־שפּראַכן...

בשעת מען רעדט פון געטער, קאָנען געבן פיל געטער, רעדט מען אָבער פון איין אמת, פון איין גאָט, דאַן מוז מען געדענקען אָן דעם „לא יהיו לך אלהים אחרים על פני"...

נאָר וואָס האָבן די אַלערליי פאַנאַטיקער און עמי־הארצים צו טון מיט לאָגיק, מיטן קלאָרן דענקען און פאַרשטיין?

זיי האָבן דעם טשערנאָוויצער יום-טוב אַ נאָמען געגעבן „דער יום-טוב פון מאַמע-לשון".

באמת דאַרף גאָר די מאַמע נישט אַזעלכע קינדער, דאָס איז נישט געווען קיין „יום-טוב פון מאַמע-לשון", נאָר אַ יום-טוב פון עם-הארצות...

אין „פ ר י י נ ד" נומ' 198, סעפטעמבער 13, געפינען מיר פאָלגנדיקן ניט-געחתמעטן לייטאַרטיקל:

אַ ר ע ז אָ ל ו צ י ע — אַ ן אַ ב ס ו ר ד

מער ווי מיט אַלץ זענען יידן רייך מיט רעזאָלוציעס, החלטות און באַשלוסן, וואָס ליגן ווי שטיינער און קיינער טראַכט אַפילו ניט צו פּרוּוון זיי אין לעבן אויסצופירן.

רעזאָלוציעס צו רעזאָלוציעס זענען אָבער ניט גלייך.

פאַראַן רעזאָלוציעס אין וועלכע מען דריקט אויס אַ געוויסע נויטווענדיקייט — דאָס הייסט מיט אַ רוב שטימען ווערט אָנגענומען, אַז דאָס אָדער יענץ איז נ י י ט י ק, עס זאָל געטאָן ווערן. ווערט עס נאָכדעם נ י ט אויסגעפירט, איז די שולד ניט אין דער רעזאָלוציע, נאָר אין יענע וואָס האָבן זי געדאַרפט אויספירן און ניט אויסגעפירט.

פאַראַן ווידער רעזאָלוציעס, וועלכע דריקן אויס ניט מער ווי אַ פרומען ווונטש. די וואָס נעמען אָן אַזאַ רעזאָלוציע פאַרשטייען אַליין, אַז ביי באַשטימטע באַדינגונגען איז שווער, אָדער גאָר אוממעגלעך, אַז דער ווונטש וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע זאָל אויסגעפירט ווערן. נאָר גוטע מענטשן — שלעכט? פּראַקטיקער ווילט זיך אַמאָל אַרויסוואַרפן אַ מין אוטאָפּיע — אפשר וועט אַמאָל קומען אַ צייט, וואָס עס וועט יאָ מעגלעך זיין דעם ווונטש צו פאַרווירקלעכן.

אַזעלכע מיני רעזאָלוציעס ווי די לעצטע, אויב זיי זענען ניט פּראַקטיש, לאָגיש אָבער זענען זיי. אַלנפאַלס באַציִען זיי זיך אויף דער צוקונפט און — דאָס איז דער עיקר — אויף מענטשלעכער טעטיקייט, ס'הייסט דערויף, וואָס מענטשן האָבן צו טון.

קאָמיש זענען אָבער אויס אַזוינע רעזאָלוציעס, אין וועלכע מען איז אויסן אָפּצופּסקענען וועגן אַ פאַקט, וואָס איז שוין געשען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

וועגן פאַקטן — זאָגט מען — אַמפּערט מען זיך ניט, אָבער נאָך ווייניקער לאָזט זיך אָפּפּסקענען מיט אַ רוב שטימען וועגן אַ פאַקט.

פאַקטן קאָנען באַוויזן ווערן, אָדער זיי קאָנען ניט באַוויזן ווערן, אָבער מיט אַ רוב דעות אָפּשטימען וועגן זיי איז אַן אַבסורד.

און אָט אַזאַ אַבסורד איז אויך די רעזאָלוציע וואָס עס איז אָנגענומען

בעוואָרן אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ וועגן דעם, אַז „יידיש איז אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך".

אויב זי איז, איז עס דאָך אַ פאַקט, און אויב ס'איז אַ פאַקט — צו וואָס די אָפּשטימונג? און ווי אַז דער רוב אויף דער קאָנפערענץ וואָלט געוועזן קעגן דעם, וואָלט דאָך דעמאָלט דער פאַקט געוואָרן אויס פאַקט!

וואָסערע פון אונדזערע צוויי שפּראַכן איז אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך — וועגן דעם קאָן מען האָבן פאַרשידענע מיינונגען. איינער וועט באַווייזן אַזוי, און אַ צווייטער וועט באַווייזן דעם היפּך. מיט אַ רוב שטימען אָבער לאָזט זיך אַזאַ פראַגע ניט אָפּפּסקענען, פונקט ווי קיין וויסנשאַפטלעכע פראַגע, ווייל זי באַציט זיך אויף פאַקטן, לאָזט זיך ניט באַשטימען מיט קיין רוב דעות.

דערהויפּט זעט די גאַנצע רעזאָלוציע אויס משונה ווילד נאָכדעם ווי די אייגענע קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן איבערזעצן אונדזערע נאַציאָנאַלע גיטער פון העברעיִש אויף יידיש.

אויב יענע ספרים וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף העברעיִש זענען אונדזערע נאַציאָנאַלע גיטער, הייסט עס דאָך ממילא, אַז די שפּראַך אויף וועלכער זיי זענען געשריבן געוואָרן — העברעיִש — איז די נאַציאָנאַלע שפּראַך!

עס וואָלט ניט אויסגעמאַכט, ווען די קאָנפערענץ וואָלט אָנגענומען רעזאָלוציעס און זיי נאָכדעם ניט אויסגעפירט; עס וואָלט געוועזן ניט שיין, ווען זי וואָלט אָנגענומען רעזאָלוציעס אָן פּראַקטישן ווערט; עס איז אָבער מיאוס, וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן אַבסורד...

אין „טאָגבלאַט" נומ' 177, לעמבערג, סעפטעמבער 13, שרייבט משה ווייזנפעלד, פּרעמיסלע, אין אַן אַרטיקל „נאָך דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ":

די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ האָט אונדז געבראַכט אַ גרויסע אַנטוישונג... פאַר אַלעם האָבן ביי דער קאָנפערענץ געפעלט די באַרופנסטע מענטשן, אָן וועלכע מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן קיין שום אונטערנעמען פאַר דער יידישער שפּראַך — דאָס זענען די יידישע שרייבערס. און די וואָס זענען אַם ערשטן באַרעכטיקט פון זאָגן עפּעס אַ וואָרט וועגן דער יידישער שפּראַך זענען — אַחוץ עטלעכע — אויף דער קאָנפערענץ נישט געווען. און נאָך אַלעם האָט זיך די קאָנפערענץ גאָרנישט באַפאַסט מיט דעם אייגנטלעכן טעמאַ, דאָס איז מיט דער פאַרבעסערונג פון דער יידישער שפּראַך, הייבונג פון דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור, נאָר איז איבערגעקראָכן צו אַנדערע פראַגן וואָס געהערן נישט צו'ן איר, און דאָס האָט שוין תיכף בתחילת אַראָפּגעזעצט דאָס אָנזען פון דער קאָנפערענץ. אָנשטאָט זיך צו באַפאַסן מיט די אויבנדערמאָנטע אָנגעלעגנהייטן האָט זי זיך אַריינגעלאָזט אין

ויכּוחים וועגן דער פראַגע: העברעיִש צי יידיש, וועלכעס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטרײַט און סיכסוכים צווישן די פאַרשידענע שאַטירונגען פון דער קאָנפערענץ און זי געמאַכט אַרבעטס־אומפעיִק. נאָר וואָס האָט אַם מייסטן געשאַט דער זאַך, איז דאָס באַשטרעבן פון אַ גרויסן טייל פון די קאָנפערענץ־טיילנעמער זיך אויסצורופן אַלס עקסטראַ־פּאַרטיי אינעם יידנטום. און דערפאַר האָט שוין נאַטורגעמעס געמוזט פּלאַצן דער גאַנצער פּלאַן...

... און אַזוי איז זיך די קאָנפערענץ צעפאָרן נאָך פינף טאָג באַראַטן מיט גאָרנישט, מיט בלויז דיסקוסיאָנען, רעזאָלוציעס און ערקלערונגען, און האָט גאָר נישט קאָנקרעטעס געשאַפן. דאָס איז ווירקלעך צו באַדויערן.

עס איז כּדאַי, אַז אַנדערע מענטשן, וואָס מיינען עס ערנסט מיט דער יידישער שפּראַך, זאָלן אויפנעמען דעם רעיון וועלכער האָט איצט צו קיין רעזולטאַט נישט געפירט, און זיך סטאַרען אין דער הינזיכט פּאָרט עפּעס צו טון.

אין „היינט" נומ׳ 199, סעפּטעמבער 15, שרייבט הלל ציטלין אין אַן אַרטיקל אונטערן טיטל „אונדזערע צוויי שפּראַכן" (איבערגעדרוקט אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" נומ׳ 182):

מען רעדט איצט פיל וועגן דער יידישער שפּראַך. איך בין נישט פון די שפּראַך־פאַנאַטיקער און נישט פון די „שפּראַך־פאַבריקאַנטן. איך האַלט אַלעמאָל, אַז דער וואָס האָט וואָס צו זאָגן און ווייס ווי צו זאָגן עס, יענער געפינט שוין אַליין זײַן שפּראַך, זײַנע ווערטער, זײַנע אויסדריקן. פילט איינער, אַז ער דאַרף שרײַבן לשון־קודש — שרײַבט ער לשון־קודש; פילט אַ צווייטער, אַז ער דאַרף שרײַבן יידיש, — שרײַבט ער יידיש; פילט אַ דריטער, אַז ביידע שפּראַכן זענען פאַר זײַנע געדאַנקען און בילדער צו ענג, און ער מוז דווקא אויף אַן אייראָפּעיִשע שפּראַך שרײַבן — טוט ער עס. דאָ קענען נישט העלפן קיינע קאָנפערענצן און קיינע רעזאָלוציעס. דאָסגלײַכן אויך בנוגע צו ווערטער און אויסדריקן, — האָט איינער טאַלאַנט, איז איינער אַ פּערזענלעכקייט, ברענגט איינער אונדז זײַנע אויסערלעכע אָדער אינערלעכע ערפאַרונגען, ברענגט ער זיי אונדז מיט זײַנע אייגענע ווערטער און אויסדרוקן. דאָ העלפן ווײַטער נישט קיינע געמאַכטע געזעצן און גזירות.

פונדעסטוועגן וואָלט זיך מיר הײַנטיקס מאָל וועלן זײַן איינער פון די מחדשים אין שפּראַך, ריכטיקער: מיר וואָלט זיך וועלן מבטל זײַן צוויי באַנײַטע ווערטער און אײַנפירן אויף זייער אָרט די אַלטע ווערטער. מיר וואָלט זיך וועלן מחזיר זײַן את העטרה ליושנה...

אַמאָל פלעגט מען אונדזער אַלטע לאַנד אָנרופן ארץ־ישראל און אונדזער אַלטע שפּראַך — לשון־קודש. הײַנט הערט איר גאַנץ זעלטן אָט די דערמאָנטע ווערטער; אויף דעם אָרט הערט איר שטענדיק „פּאַלעסטינע" און „העברעיִש"...

דאָס איז דוכט זיך אַ קליײניקײט. דאָס איז אָבער אַ קליײניקײט וואָס האָט אַ היפּשע באַדײַטונג. די חסידים פון זשאַרגאָן האָבן עס גוט פאַרשטאַנען, ווען זײ האָבן אױפגעהערט צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט „זשאַרגאָן“ און זײ רופן אונדזער שפּראַך אָן פּשוט: יידיש.

זײ האָבן זײער גוט געטאָן. אינעם וואָרט „יידיש“ ליגט שױן די פאַרשטעלונג פון אַ פאָלקס־שפּראַך, אַ שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. דאָס וואָרט „זשאַרגאָן“ איז פרעמד, קאַלט און אָפּשטױסנד; דאָס וואָרט „יידיש“ מוז זײַן יעדן יידן נאָנט...

איך פאַרשטײ זײער גוט אָט די דערמאָנטע חסידים פון זשאַרגאָן. איך פאַרשטײ אָבער אױך, אַז מען דאַרף דער „העברעישער“ שפּראַך אױך אומקערן איר נאַטירלעכן נאָמען, אָט אַזױ װי מען דאַרף אױך דער יידישער לאַנד אומקערן איר נאַטירלעכן נאָמען...

אין „טאָגבלאַט“ נומ׳ 178, לעמבערג, סעפּטעמבער 15, שרײַבט נח פּרילוצקי אין אַן אַרטיקל „נאָך דער שפּראַך־קאָנפערענץ“:

... איך באַטראַכט די טשערנאָװיצער קאָנפערענץ אַלס אַ היסטאָרישע נױטװענדיקײט, און נאָר אָנערקענענדיק דעם שטאַנדפּונקט, מײן איך, איז מעגלעך צו אורטײלן װעגן איר. דער צוזאַמענשטעל אירער איז טאַקע אַ צופעליקער. אַ צופאַל איז פּילײַכט וואָס „אַ נח פּרילוצקי“ איז יאָ געקומען קײן טשערנאָװיץ און אַ הלל צײַטלין האָט געפונען פאַר מער פּאַסנד צו בלײַבן אין דער הײם און נישט װילנדיק אָדער נישט קענענדיק בױען, — בעסער מבטל מאַכן אַלץ, צו וואָס אַנדערע טרעטן צו מיט שעפערישע צװעקן. אַ צופאַל איז באַטירלעך, וואָס פּרץ און רײזען האָבן יאָ געקאָנט קומען צו דער קאָנפערענץ, און שלום־עליכם איז גראָד קראַנק און איז קעגן זײַן הײסן פאַרלאַנג נישט געװען אימשטאַנד דאָס צו טון. אָבער די קאָנפערענץ אַלײן, די קאָנפערענץ אַלס אַזעלכע טאָר, לױט מײַן מײנונג, נישט באַטראַכט װערן אַלס אַ צופעליקע ערשײַנונג...

אַ לעבעדיקער פאַקט איז, אַז 8 מיליאָן יידן רעדן יידיש. אַ לעבעדיקער פאַקט איז, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גאַנץ רײַכע ליטעראַטור און פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך. אַ לעבעדיקער פאַקט איז אױך, אַז די פּאָליטישע אָנגעלעגנהײטן פון היסטאָרישן מאָמענט האָבן אַרױסגערוקט די פראַגע װעגן יידיש אױפן ערשטן פּלאַן פון אונדזער לעבן: די נאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון יידישן פאָלק הענגט אָפּ פון דער אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך. קורץ: אַ טאַטזאַך איז, אַז יידיש איז אױסגעװאַקסן ביז דער גרײס און ביז דער װערט פון אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק... אַז יידיש איז ענג פאַרקניפּט כמעט מיט אַלע פּראַקטישע פראַגן פון דעם געגנװערטיקן יידישן לעבן...

... אין איינע פון מיינע אונטערהאַנדלונגען האָב איך זיך אויסגעדריקט: די קאָנפערענץ איז דער אויסערלעכער אויסדרוק דערפון, אַז די יידישע שפּראַך ווערט באַוווסטזיניק פון זיך זעלבסט און פון אירע באַדערפעענישן און שטרעבט צו באַשאַפן די אַנשטאַלטן און אָרגאַנען, וואָס דאַרפן זיי צופרידנ־שטעלן...

אין „העולם“ נומ׳ 37, סעפטעמבער 18, שרייבט ר. ברייני אין אַן אַרטיקל „די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ“:

... די אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ אַליין, אירע צונויפרופער און אָרגאַניזאַטאָרן, האָבן אַראָפּגעזעצט און דערנידעריקט, צוליב זייער אומ־באַהאָלפיקייט צו ממשותדיקער אַרבעט, צוליב זייער קנאַפן געפיל און פאַרשטאַנד פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער נשמה און פאַר דער וויכטיקער היסטאָרישער שעה, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט, — זיי אַליין האָבן אַראָפּגעזעצט און דערנידעריקט דעם ווערט און דעם מהות פון דער קאָנפערענץ און האָבן געמאַכט פון איר אַזאַ חוכא־וטלולא, ווי עס וואָלטן דאָס נישט געקענט טון אַלע אירע קעגנער און פיינד, וואָס האָבן געפּילט אין איר אַ פּאַטש אין פּנים דער יידישער קולטור און אויפלעבונג...

אין „ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט“ נומ׳ 3, סעפטעמבער 18, און נומ׳ 4, סעפטעמבער 25, איז אָפּגעדרוקט:

בעל־מחשבות, עספּעראַנטאָ און יידיש

(לכבוד דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך)

I

אין דרעזדען זענען זיך צונויפגעפאָרן עספּעראַנטיסטן פון דער גאַנצער וועלט. רוסן, אַמעריקאַנער, יאַפּאַנער אינאיינעם מיט דייטשן, פראַנצויזן און ענגלענדער האָבן זיך פאַראייניקט, אום צו שטאַרקן און קרעפטיקן די וועלט־שפּראַך עספּעראַנטאָ. פאַרשידענע רעגירונגען האָבן געשיקט זייערע פאַרטרע־טער אויפן עספּעראַנטאָ־קאָנגרעס און אַרויסגעוויזן אינטערעס צו ד״ר זאַמענ־האָפס ווערק. ד״ר זאַמענהאָפן אַליין האָט מען מקבל געווען מיט פויקן און טרומייטן, מיט אַ גאַנצן אָרקעסטער, און בעת ער איז אַרויף אויף די קאָנ־גרעס־בימה, איז דער קאָנגרעס־זאַל פאַרהילכט געוואָרן פון בראַוואָ־פּאַטשערייַ און די געדיכטע בראַוואָ־טענער פון אָרגל־מוזיק.

דער דרעזדענער עספּעראַנטאָ־קאָנגרעס האָט זוכה געווען צו אַ גרויס־אַרטיס פאַראַד, און די הילכיקע אינטערנאַציאָנאַלע חגא־גלאָק האָט געקלונגען

אין די אויערן פון די פעלקער פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער. אָט אַזאַ מזל האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט, ווען דאָס שמעקט נאָר מיט די גראָזן פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און פעלקער-ברודערשאַפט. איך בין זיכער, אַז דער פּאַראַד פון די קומענדיקע קאָנגרעסן וועט נישט לערך זײַן הילכיקער און גרעסער ווי דער פּאַראַד פון הײַ-יאָר, און מיט איטלעכן יאָר וועט זיך מערן די צאָל פון די חגא-גלאָקן, וואָס גלעקלען מיט קאַלט-שטאָלערנע צונגען די קאַלטע בשורה פון קאַלטער פעלקער-ברודערשאַפט.

II

אין טשערנאָוויץ זענען זיך צונויפגעפאָרן יידישע שרײַבער, פּאָעטן, קריטיקער, פּובליציסטן, נאַציאָנאַל-פּאָליטיקער. אויך דאָרטן איז געזעסן אַ יידישער אַמעריקאַנער לעבן אַ יידישן פּוילן און אַ יידישן ענגלענדער. קיין גרויס פּאַראַד האָט מען פאַר זיי נישט געמאַכט. נישט נאָר די אינטערנאַציאָנאַלע, אויך די נאַציאָנאַל-יידישע חגא-גלאָק האָט פאַר זיי נישט געקלונגען. און אין קעלן, דעם איינציקן אָרט ווו עס ליגן צונויפגעוויקלט עטלעכע בלאָ-ווײַסע מגן-דוד-פאָנען, האָט מען געקנייטשט מיטן שטערן און פעסט באַשלאָסן צו מאַכן פון דעם טשערנאָוויצער צונויפקומען אַ מעשה שלא היה ולא נברא. די בלאָ-ווײַסע מגן-דוד-פאָנען האָט מען נאָך טיפער פאַררוקט אין קאַסטן, און אום צו פאַרטרײַבן דעם אומעט זענען אונדזערע פירער געגאַנגען זיך איינחזרן די פּאָר פסוקים לשון-קודש, מיט וואָס זיי וועלן איבעראַיאָר עפענען דעם נײַנטן קאָנגרעס.

אָט אַזאַ מזל האָט שוין אַלץ אויף דער וועלט וואָס פאַרלאָזט זיך נישט אויף וועלט-בעלי-טובות, האַגער קאָנגרעסן, רוסישע קאַרעטן, וועלט-אָטאָמאַנען און לאָזט זיך שטיל און ערנסט גיין צום האַרצן פון פאָלק, צו דעם תוך פון זײַן נשמה, אום צו געפינען די גליקן אין אייגענעם שטח, אין די שמאָלע ד׳ אַמות פון דער אייגענער פאָלקס-קולטור. און איך בין בטוח, אַז אויך די קומענדיקע קאָנפערענצן וועלן פאַרבײַגיין נישט מינדער שטיל ווי די הײַ-יאָריקע, כי לא ברעש ה׳.

III

עספּעראַנטאָ און יידיש! דאָרטן די באַשאַפונג פון אַ נײַער שפּראַך, און דאָ די פאַרוואַנדלונג פון אַ לעבעדיקער פאָלקס-שפּראַך אין אַ ליטעראַרישער, נאַציאָנאַלער. דאָרט מוז מען זיך מעסטן מיט דעם רבונו-של-עולם, ווערן אַ גאַנצער באַשעפער, און דאָ נאָר אַרויסבאַקומען כללים און נאָרמען פון דער שפּראַך וועלכע לעבן אין איר אַ שטילן פאַרבאַהאַלטענעם לעבן זײַט הונדערטער יאָרן.

דוכט זיך גאָר אַ קלייניקייט! און דאָך, ווי גיך איז ד״ר זאַמענהאָף פאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע מעשה-בראשית, און ווי שווער, ווי ביטער שווער

וועט אָנקומען די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ־לײַט ביז זיי וועלן דערגרייכן כאָטש אַ טייל פון זייערע ווונטשן. צײַט רישעליעס צײַטן אַרבעטן פראַנצויזישע געלערנטע אויף דעם פראַנצויזישן אַקאַדעמישן ווערטערבוך — און זיי זענען נאָך עד־היום נישט פאַרטיק. צײַט גרימס צײַטן אַרבעטן די דײַטשן אויף זייער ווערטערבוך—און אויך זיי זענען נאָך נישט פאַרטיק מיט דער אַרבעט. דאַקעגן אָבער וועט זאַמענהאָף ווערן פאַרטיק מיט זײַן „אַקאַדעמישן" ווערטערבוך אין איין קאָנגרעס־יאָר. די זעצער וועלן ניט וואַרטן איין רגע, די ווערטער נאָכן אַלף־בית וועלן אָנקומען פון וואַרשע גיך ווי אַ וויכער, און די עספעראַנטיסטן וועלן באַקומען דאָס, אויף וואָס פעלקער וואַרטן הונדערטער יאָרן.

עספעראַנטאָ און יידיש!... מען מוז קומען צו אַ הסכם, אַז באַשאַפן איז לײַכטער ווי דאָס באַשאַפענע צו באַגרײַפן, אַז דעם אייבערשטן זענען אָנגעקומען די סדרי מעשה־בראשית לײַכטער ווי די סוגיא תגרילור, אָדם מיט חווהן האָבן אים אײַנגאַנצן געקאָסט אַ שמייכל אויף די ליפן און דער לויתן מיטן שור־הבר אַ קוועטש מיט די אַקסלען. ווײַל ווי די מעשה זאָל ניט זײַן, איז פאָרט דער אייבערשטער אַ פלינקערער באַשעפער ווי ד"ר זאַמענהאָף, דער אייגנדאָקטאָר אין וואַרשע.

IV

עספעראַנטאָ און יידיש!... ביידע זאַכן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די גאונות פון די מזרח־יידן. עס איז נישט קיין בלויזער צופאַל, וואָס אַ רוסישער ייד איז געוואָרן דער באַשעפער, רחמנא לצלן, פון אַ וועלט־שפּראַך. אמת, חוץ עספעראַנטאָ געפינען זיך נאָך אין די פנקסן פון דער וועלט־קולטור נאָך אַנדערע 148 וועלט־שפּראַכן. און אויב איך האָב קיין טעות נישט, לעבט נאָך יאָהאַן מאַרטין שלייער, דער באַשעפער פון וואָלאַפּיק, וועלכער האָט געהאַט אַמאָל נאָך מער אָנהענגער ווי הײַנט ד"ר זאַמענהאָף. און דענאָך מיין איך, אַז עס איז קיין בלויזער צופאַל, וואָס אַ רוסישער ייד איז איצט דער ערשטער צווישן די וועלט־שפּראַכן־מאַכערס.

ווער וואַקסט אויס נאָך מער ווי דער רוסישער ייד אָן אַ שפּראַך? ווער איז נאָך מער מטמא זײַן מויל מיט אַ מישמאַש פון אַלערליי נישט־דורכגעלעבטע, נישט־דורכגעפילטע שפּראַכן, ווי דער רוסישער ייד און זײַנע קרובים, די גאַליציאַנער, רומענער און „אַמעריקאַנער בירגער"? דער אומגליקלעכער מזל פון אונדזער פאָלק האָט געמאַכט פון אונדז אַזעלכע ברואים, וואָס קוקן אויף אַלץ אין דער וועלט ווי אויף אַ מיטל זיך צו דערשלאָגן צו אַן אָרעמער חיונה. אין דער מלחמה פאַרן פשוטן גשמיותדיקן לעבן האָט דאָס פאָלק פאַרלאָרן דעם חוש צו די זאַכן וואָס זענען אַ ציל פאַר זיך אַליין. אויך די שפּראַך איז פאַר אונדז אַ מיטל, ניט קיין ציל. אויך זי דינט אונדז ווי אַ דינסטמויד, און ווײַטער ווילן מיר פון איר נישט וויסן. דאָס יידישע פאָלק

איז דאָך שטענדיק פאַריאָגט און געפּלאָגט, עס איז שטענדיק געצוואונגען זיך צו באַנוצן מיט די פײַנסטע און ליבסטע זאַכן ווי מיט אַ מיטל זיך אַרויסצוראַטעווען פון עפּעס אַ צרה! אין אַ שעת־סכנה קוקט מען נישט אויפן עצם פון דער זאַך. פאַלט אָן אַ גזלן, כאַפּט מען די שבתדיקע לײַכטער און מען ווערט זיך קעגן דער געפאַר. אין מיטלאַלטער האָבן די יידישע ווײַבער אויף דער נסיעה זיך פאַרקליידט אין מענערישע קליידער און דער ייד מיטן פּעקל אויף די פּלייצעס פאַרמאַסקירט אין פרעמדע שפּראַכן. אײַ וואָס קיינעם נאַרט מען נישט אָפּ!? ווער קלערט וועגן דעם? ווער האָט דאָס גאָר צייט איבערצוקלערן וועגן דער אימפּעט טראָגט!?

מיר זענען אַזוי אומגליקלעך געווען, אַז מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט זיצן אויף אַן אָרט און רויִק געניסן דאָס ביסל שיינקייט פונעם לעבן. געניסן אָבער איז דאָס אייגענע וואָס מודה זײַן, אַז דאָס לעבן, אַזוי ווי אַלע צווײַגן, בלעטער און בלומען פונעם לעבן, האָבן אַ ווערט פאַר זיך אַליין, האָבן אַ ממשות צו אַלע צײַטן, אויך דאַן, ווען עס גיט נישט קיין רוח בצקו, אויך דאַן אַפילו, ווען די בעטלער־טאָרבע ווערט נישט פולער דערפון. דער קליינקרעמערישער אָדער, נאָך בעסער, דער פּעדלערישער גייסט האָט אויסגעמעקט אין יידישן פאָלק די פּראָסטע געזונטע חושים צו דער אייגענער שפּראַך און ממילא אויך צו אַנדערע שפּראַכן. ווען מען קוקט אויף אַ שפּראַך מיט די אייגענע אויגן ווי אויף אַן אײַזנבאַן, אַ טעלעגראַף, אַ טעלעפאָן — טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט מאַכן פון דער דאָזיקער „ערפינדונג" עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זײַן פּשוט בתכלית הפּשטות?

דאָס פאַרדרייטע פאַרפּלאָנטערטע יידישע לעבן וועקט אין איטלעכן פון אונדז אַ מאָדנעם גוסט צו פּשטות. די יידישע פאַרמאַטערטע נשמה וויינט נאָך פּשטות. געוואַלד, צו וואָס אַלע די פאַרפּלאָנטערטע שווערע שטריק וואָס פאַרצוימען דעם וועג דעם אָרעמען פּעדלער בעת ער אײַלט זיך צו גיין איבער די הייזער?! געוואַלד, צו וואָס די גרענעצן, די פאַרשידענע פאָלקס־טיפּן, די פאַרשידענע שפּראַכן און נאָך אַזעלכע שמאָכטעס?! צו וואָס נאָך מאַכן שווערער דאָס ביטערע לעבן, אַז אַזוי איז עס שוין אויך נישט אויסצוהאַלטן?!

און אין יידישן לעבן באַמערקן מיר עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר אַ רבונו של עולם — נישט אַ ד"ר זאַמענהאָף — איז דאָס בכוח צו באַשאַפן. דער ייד וואָס איז אויסגעבונדן מיט טויזנטער סתירות, וועמענס נשמה איז אפשר איינע פון די פאַרפּלאָנטערטסטע צווישן די פעלקער־טיפּן, וואָס וואָלט אין דער שטילקייט און איינפאַכקייט פונעם דאָרף־לעבן אויסגעקומען ווי אַ פיש אויף דער יבשה — אָט דער ייד שרײַט און וויינט: געוואַלד, פּשטות, כאָטש אומעטום די ענגלישע קאָנסטיטוציע, כאָטש אומעטום איין שפּראַך!

אָט אַזאַ קאַריקאַטור איז בכוח צו באַשאַפן נאָר דער אייבערשטער, און איינער פון זײַנע מענטשעלעך אין דער דאָזיקער קאַריקאַטור איז ד"ר זאַמענהאָף, דער באַשעפער פון דער וועלטשפּראַך עספּעראַנטאָ.

V

דער מיטעלער מענטש פונעם פאָלק איז נישט קיין גרויסער בעל=מידות. ער ווייסט נישט פון ווייטע וועגן, ווייטע צילן, צוקונפטס=אידעאַלן און דאָסגלייכן. ער האַלט נאָר דערפאַר וואָס גיט אים אַ שטיצע אין דער מלחמה פאַרן לעבן, און ער קערט זיך אָפּ מיט אַ ברום פון אַלץ וואָס שוואַכט אים אָפּ אין זיין לעבנס=קאַמף. ער שעצט אינסטינקטיוו יעדע שפּראַך, ווען זי ווערט גערעדט פון אַ גוט אָרגאַניזירטן פאָלק, און ווענדט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון דער שפּראַך וואָס ווערט געפירט פון אַן אָרעם הייפל נע=ונד=ניקעס=ציגיינער, אָן געלט און אָן כוח, אָן אַן אייבערע פּאָליטישע מאַכט, אָן אַן אינעווייניקסטע סוחרישע קראַפט. און קען ער נישט קיין אַנדערע חוץ די וואָס מען האָט אים אין וויגל געלערנט — שעמט ער זיך מיט איר אין די עלטערע יאָרן, און צייטנווייז באַקומט ער צו'ן איר אַ ברענענדיקע שנאה. אין אָנפאַנג פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן זיך די דייטשן געשעמט מיט זייער שפּראַך, ווען זיי פלעגן פאַרוואָגלט ווערן קיין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין דער פאַראַכטונג צו דער אייגענער שפּראַך דריקט זיך אויס די פאַראַכטונג צום אייגענעם פאָלק, צו זיך אַליין. ווען דאָס פאָלקס=לעבן איז אַזוי צעבראָכן, אַז עס איז נישט בכוח צו באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אַרומנעמען איטלעכן גליד פון פאָלק און אים פאַרלייכטערן זיין טאָג, — דאַן פאַרוואַנדלען זיך די בעסטע און טייערסטע זאַכן פון דער פאָלקס=קולטור אין אַ לאַסט און אָפטמאָל אין אַ מכה שלא כתובה בתורה. די מנהגים פונעם פאָלק, די שפּראַך מאַכן נאָך דעם מיטעלן מענטשן אָפּגעשיידענער, איינזאַמער; נישט זיי פאַרלייכטערן אים דאָס לעבן, נאָר זיי מאַכן אים דאָס לעבן צווישן שטאַרקערע און אָרגאַניזירטע פעלקער נאָך שווערער און ביטערער. דער איינצלנער באַקומט דעריבער אַ שנאה צו די אויסערע און אינערע סימנים וואָס שיידן אים אָפּ פון די אַרומיקע בעסער=אָרגאַניזירטע פעלקער און [ער] זוכט מיט אַלע מיטלען ווי אַזוי צו פאַרמאַסקירן דעם געירשנטן הויקער.

שטאַרקער ווי אומעטום דריקט זיך דאָס אויס ביים יידישן פאָלק, וואָס ליידט פון זיינע אויסערע סימנים און זעט פון זיי זעלטן ווען עפּעס גוטס. דער מיטעלער ייד וואָס לאָזט זיך אַוועק אויף די גויִשע מערק ליידט פון זיין שפּראַך, ליידט פון זיין הילוך, פון זיין היסטאָרישער נאָז. און קומט ער פון די מערק אַהיים אַ צעמאַטערטער מיט אַ ליידיקער קעשענע—איז ער גרייט צו שעלטן מיט טויטע קללות זיין הויקערדיקע נאָז, זיין הויקערדיקע שפּראַך. די גאַנצע פאַראַכטונג וואָס דער ייד פילט צו זיין צעבראָכענעם פאָלקס=לעבן גיסט ער אויס אויף איינע פון די הויפּט=צווייגן פון זיין קולטור=לעבן — אויף זיין אייגענער שפּראַך. עס איז אַ טעות ווען מען מיינט, דאָס נאָר אונדזער אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ פאַראַכטעט דאָס „יידיש". דאָס פאָלק איז נאָך

אַ גרעסערער שונא פונעם „זשאַרגאָן“ ווי די אינטעליגענץ, און אין אייניקע פּעריאָדן זעען מיר גראָד דעם היפּך דערפון בײַ דער יידישער אינטעליגענץ. אָט נעמט כאָטש די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ. די שענסטע נעמען פון אונדזער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ האָבן זיך פאַראייניקט כדי צו דערהייבן די יידישע שפּראַך, דאָס פאָלק דאַגעגן שטייט ווײַט אָפּגערוקט פון דער שטילער קאָנפערענץ — און דערהערט עס עפּעס דערפון, איז עס שוין גרייט צו מאַכן אַ „גלײַכוואָרטל“ אין אָפּצושפּעטן פון אַ יידישער גראַמאַטיק וואָס וויל אַרײַנברענגען אַ טאָלק אין זײַן צעמישטן לשון.

VI

עספּעראַנטאָ און יידיש... דאָרטן פּויקן און טרומייטן, דאָ דאָס איראָנישע געלעכטער פון אַ פאָלק אַ חולה, וואָס שפּעט אָפּ פון דעם רופא וועלכער פּרוּווט נאָך אַרײַנצוברענגען לעבן אין דעם פאַרפרוירענעם גוף. דאָרטן קאָקאַרדעס און עפּאָלעטן, טעלעגראַמעס פון אַלע עקן פון דער וועלט, באַנקעטן, טעאַטער־שטיק, פּרוּוען אין שײַנע טאָאַלעטן און הערן אין פּרעק און לאַקשיך; און דאָ אַ הײַפל דיכטער בעלי־חלומות און פאַרטרויערטע נאַציאָנאַליסטן וואָס אַרבעטן שוין צענדליקער יאָרן צו אָרגאַניזירן דאָס צעפּאַלענע יידישע פאָלק. דאָרטן קלינגען די גרויסע חגא־גלאָקן, און אַ נעץ ווערט געוואָרפן איבער די קעפּ פון דער גאַנצער מענטשהייט; און דאָ אַ שטילע חתונה פון עטלעכע בעלי־חלומות, אויף וועלכער עס פעלן די הויפּט־מחותנים — דאָס יידישע פאָלק. ווי גרויס איז דער חילוק? אַזוי גרויס, ווי צווישן אָרעם און רײַך. און צודעם, וואָס פאַר אַ טיפע גײַסטיקע אָרעמקייט האָט פאַראייניקט די עספּעראַנטיסטן און וואָס פאַר אַ טיפער צער, וואָס פאַר אַ טיפע ליבע האָט פאַראייניקט די טשערנאָוויצער יידן!... די עספּעראַנטיסטן קלעפּן צוזאַמען מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער, כדי מען זאָל באַקוועמער און האַסטיקער קאָנען קויפן און פאַרקויפן קאָרן און ווייץ, פּוטער און לעדער, קעז און אַרבעס; די טשערנאָוויצער פאַראייניקן אַ צעפאַלן, צעברעקלט פאָלק, כדי פון די איינצלנע פאַרוואָגלטע נשמות זאָל מיט דער צײַט באַשאַפן ווערן אַן איין־איינציקע פאָלקס־נשמה. די עספּעראַנטיסטן פאַרנעמען זיך נישט מיט דעם אינעווייניקסטן מענטשן, מיט דער נשמה פון פעלקער, בײַ זיי איז רעכט אַ דײַטש־נאַציאָנאַל דראַמאַ צו לאָזן שפּילן פון 20 אַקטיאָרן פון 20 פאַרשידענע אומות. די טשערנאָוויצער ווייסן, אַז אַ שפּראַך פון אַ פאָלק האָט נאָר דענסטמאָל אַ מעגלעכקייט צו לעבן און זיך צו אַנטוויקלען, ווען דאָס פאָלק אַליין האָט זיך נישט אויפגעהערט צו אַנטוויקלען, ווען דאָס גאַנצע פאָלקס־לעבן איז אַזוי אָרגאַניזירט, אַז יעדער איינצלנער פילט זיך אין אים ווי אַ טייל פון גאַנצן, ווי אַ פיש אין זײַנע נאַטירלעכע וואַסערן. ווי אָרעם און פּשוט איז די אַרבעט פון די עספּעראַנטיסטן!... ווי רײַך

טיף און קאָמפּליצירט איז די אַרבעט וואָס שטייט פאַר דער קאָנפערענץ פון דער יידישער שפּראַך.

לייטאַרטיקל אָן חתימה אין „יידישעס טאַגעבלאַטט״, נ״י, סעפּטעמבער 20:

העברעיש און זשאַרגאָן

דער קאָנפערענץ וועגן זשאַרגאָן, אין טשערנאָוויץ, האָט באַשלאָסן, אַז די יידישע נאַציאָנאַל־שפּראַך איז זשאַרגאָן. אויב מען זאָל מוזן פאָלגן די רעזאָלושאָנס פון קאָנפערענץ, וועט דער סידור ניט אָנערקענט ווערן אַלס נאַציאָנאַלער ספר, „לכה דודי״ וועט מוזן אַרויסגעטריבן ווערן פון דער נאַציאָנאַלער יידישער ליטעראַטור; ישעיה, ירמיה און תורת־משה וועט מוזן אָנערקענט ווערן אַלס „פרעמדע״ ספרים, און דאָס גאַנצע ביסל יידישקייט ליגט אין אַשס דראַמע „גאָט פון נקמה״ און אין פּרצעס „שטריימל״...

וואָס פאַר אַ קאָמעדיע! מענטשן זאַמלען זיך אויף און באַשליסן רעזאָלושאָנס, ריכטיק ווי דאָס פאָלק שטייט און וואַרט אויף דעם וואָס זיי וועלן דאָרטן אין טשערנאָוויץ באַשליסן!

דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג באַשלאָסן, אַז אויך מיר זענען אַ נאַציאָן. אַז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך איז נאָר די־יעניקע, אין וועלכער דער גייסט פון דער יידישער אומה האָט זיך אַנטוויקלט; אין יענער שפּראַך וואָס אונדזער רעליגיאָן איז געשריבן; אין דער שפּראַך אויף וועלכער דער תנ״ך איז געשריבן — דער ספר וואָס האָט אונדז געמאַכט אומשטערבלעך!

זשאַרגאָן איז אונדז ליב און טייער, און מיר דאַרפן זען וואָס לענגער צו אָנצוהאַלטן. עס איז אונדזער פאָלקס־שפּראַך, אָבער נישט אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך!

זשאַרגאָן וועט קיינמאָל ניט פאַרנעמען ביים יידישן פאָלק דעם פּלאַץ פון די אַלטע געהייליקטע שפּראַך אין וועלכע עס ליגט דער יסוד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און פון אונדזער צוקונפט.

„דער טאָג״, וואָכנבלאַט, ווילנע, נומ׳ 1, סעפּטעמבער 24 (11):

ש. ניגער, די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך

I

ווער פון אונדז האָט ניט געטראַכט, ניט געחלומט וועגן אַ קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך? געחלומט — און דערביי געבליבן. מען האָט ניט געגלייבט, אַז די קאָנפערענץ איז גאָרניט אַזאַ ווייטע זאַך... „ווען גלייבט אַ ליטוואַק? — ווען ער ציילט דריי מאָל איבער״. נאָר ניין! ער ציילט און ציילט, דער ליטוואַק — און גלייבט ערשט ניט, ער האָט קיין הנאה ניט פון גלייבן. און ס׳איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער אויפטו פון דער קאָנפע־

...ענק, פון דעם באַוווּסטזיניקן פאַרהאַלטן זיך צו דער יידישער שפּראַך און קולטור, — געהערט ניט אונדז, „באַוווּסטזיניקע" ליטוואַקעס, ניט אונדז, „געטאָ־טרוימער", נאָר דער פּראַקטישער, וואָכעדיקער אַמעריקע: דאָס ביוראָ, וואָס דורך אים איז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ צונויפגערופן, איז געגרינדעט אין אַמעריקע... איך ווייס ניט, ווי עס איז אין גאַליציען און אין אַנדערע לענדער, נאָר ביי אונדז אין רוסלאַנד, דערהויפּט אין ליטע, איז שוין לאַנג געוואָרן אַ מאָדע, אַ געוויינהייט, אַ צווייטע נאַטור צו חלומען, צו „בענקען" — און דערביי קאָקעט „צווייפלען", קרעכצן און קלאַפּן זיך על חטא, און זאָגן ווידוי מיטן יידישן פאָלק, און שטעלן זיך אין אַ „האַמלעטי־שער פּאָזע", און מאַכן כלערליי „טראַגישע" העוויות...

— געדענקט איר דעם „משוגענעם בטלן" פּרצעס?

— אַ ליטוואַק מיט די ביינער. אַן אָפענער מוח, אַן איידעלער, אָבער אַן אויסגעטריקנטער, אַ הונגעריקער גייסט, אָן אַ פונק לעבן, אָן אַ טראָפּן ווילן, אָן גאַנצקייט, גריבלט זיך טאָג ווי נאַכט אין דער נשמה, און סוף כל סוף מאַכט ער אַ „פילאָזאָפישע" מינע — ניט אומזיסט איז ער דאָך בערעלע חקרן — און שטעלט אַ קלאָץ־קשיה:

— ווער בין איך?

— נו, ווער־זשע בין איך צו אַלדע שוואַרצע יאָר?...

די גאַנצע לופט אַרום אונדז, אי אין לעבן, אי אין דער ליטעראַטור, איז אַנגעזעטיקט ווי מיט פעסט־מיקראָבן מיט אָט דעם אייביקן חקרנישן „ווער בין איך?", מיט אָט דער נאַרישער נשמה־גריבלעריי, מיט אָט דעם בטלנישן האַמלעטיזם, מיט אָט דער צעקראָכענער ווילנלאָזיקייט, אַפּהעטיקייט, מעלאַנכאָליע, מידע „בענקענישן", קראַנקע חלומות, פאַרבלאָנדזשעטע בליקן...

פאַרקרימטע מוחות זענען ביי אונדז, און מיר האָבן זיך אָפּגעוויינט צו קוקן אויף גאָטס וועלט גלייך, פּראָסט, אָן חכמות... אָדער מיר פאַר־גלאָצן די אויגן צום הימל, גלייבנדיק אין אַ נס, אָדער מיר לאָזן זיי אַראָפּ צו דער ערד, ווי אַבלים; און טאַפּן מיר אָן אַ וועג אויף דער ערד, איז ניטאָ קיין שטערן, וואָס זאָל אים באַלייכטן; פאַרקוקן מיר זיך אויף אונדזער שטערן אין הימל,—פאַרלירן מיר דעם וועג אויף דער ערד... ביי קיינעם, דוכט מיר, איז אַזוי ניט ווייט דער הימל פון דער ערד, דער שבת פון דער וואָך, דער אידעאַל פון דער ווירקלעכקייט, ווי ביי אונדז יידן...

דערפאַר „בענקען" מיר נאָך אונדזערע אידעאַלן און ליבן זיי ניט: די ליבע גיסט צונויף דעם הימל מיט דער ערד, דעם שבת מיט דער וואָכע־דיקייט; די ליבע איז אַקטיוו, די ליבע ריזיקירט, ווייל זי צווייפלט ניט, זי גלייבט. מיר אָבער „טרוימען" און גלייבן ניט, אַז דער טרוים אונדזערער האָט אַ ממשות, מיר שטעלן זיך צילן און ווילן זיי דערגרייכן אָן ריזיקע, אָן פאַנאַטיזם, אָן מסירת־נפש. מיר שטייען בפועל־ממש אויפן ברעג פון אָפּ־גרונט און ווילן ניט אַנדערש גאַראַנטיעס — גאַראַנטיעס פון איר מאַיעסטעט

דער „היסטאָרישער נויטווענדיקייט" — אַז מיר וועלן איבערגיין דעם ים-סוף נוט פאַרנעצנדיק די שיך...

דערפאַר בלײַבן מיר בלאָנדזשען אין דער מדבר, דערפאַר פרוכפּערן און מערן זיך בײַ אונדז די „טרערן-מיליאָנערן", די קלאָגמוטערס, וואָס מיינען אַז די גאַנצע עולם-הבא קומט זיי דערפאַר וואָס זיי שטייען גאַנצענע טעג — פונקט ווי אימיצער בעט זיי — און מעסטן די קברים, און בלעטערן דעם מעבר-יבוק, און פראַווען אַבלות, און קלאָגן אויפן חורבן...

דערפאַר נעמען זיך ניט אויס בײַ אונדז די קאַלטע נשמות, וואָס מיט די וואַסערדיקע טרערן זייערע האָבן זיי שוין דעם לעצטן פונק לעבן אין זיך פאַרלאָשן, אויסגעווייינט די אויגן און — בלינדע — זעען זיי מער ניט ווי די אייגענע פינצטערניש, די פאַרוויסטקייט פון זייער אייגענעם האַרצן; פון די אויסגעלאָשענע אויגן זייערע קוקט אַרויס די גלײַכגילטיקייט און אויף די בלאַסע, טויטע ליפּן איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ קאַלטע, אַ זעלבסטמערדערישע איראָניע, אַ פאַרגאַלט ביטול-שמייכל...

מיט אָט דעם קאַלטן, פאַרגאַלטן ביטול-שמייכל האָט די יידישע פּרעסע (אין רוסלאַנד) באַגעגנט די אידעע פון דער יידיש-קאָנפערענץ און די קאָנפערענץ זעלבסט.

פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די קאָנפערענץ האָט זיך געגרייט איז געווען אָפּגעדרוקט אין איין צײַטונג איין ערנסטער אַרטיקל. פון אַ זייטיקן מענטשן, ניט פון דער רעדאַקציע. די איבעריקע צײַטונגען האָבן אָדער געשוויגן, אָדער געזידלט זיך, אָדער געפּראַוועט המצאָות...

אין דעם לעבן פון פעלקער זענען פאַראַן זאַכן, וואָס די געשיכטע פאַרשרײַבט זיי אויף אירע אומשטערבלעכע בלעטער, אַלץ איינס, צי זענען זיי געטאָן געוואָרן גוט אָדער שלעכט; דאָס אַליין וואָס זיי זענען געטאָן געוואָרן, דער עצם פאַקט, האָט אַ היסטאָרישע באַדײַטונג. אַזאַ היסטאָרישע באַדײַטונג האָט אַן און פיר זיך דער פאַקט, וואָס צום ערשטן מאָל איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אומאָפּהענגיק פון די דירעקטע רעזולטאַטן צו וועלכע די קאָנפערענץ האָט געבראַכט. אַלס אַ היסטאָרישע פאַסירונג האָט זי געקאָנט אַרויסרופן נאָר ערנסטע געדאַנקען, נאָר ערנסטע געפילן: טיפע אומצופרידנקייט אָדער, להיפך, פרייד און באַגייסטערונג. אונדזערע צײַטונגס-לײַט אָבער האָבן אַזוי ווייניק אַכטונג צו זיך, אַזוי ווייניק ליבע צו דעם וואָס זיי אַליין טוען, אַז די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך האָט בײַ זיי מער ניט אַרויסגערופן ווי אַ בטלנישן מאַך מיט דער האַנט:

— עט!

— גאָרנישט מיט גאָרנישט!

אין אונדזער צײַטונגס-„אונטעראויוון" זיצן צוויי מינים מענטשן: מענטשן אָן גאַל, — גוטמוטיקע, און מענטשן מיט גאַל, — ברוגזע.

די מענטשן אָן גאַל זענען גערן, אַז מען „טשעפּעט" זיי ניט:

— טוט אײַך, טײַערינקע, וואָס איר ווילט, נאָר לאָזט אונדז צורו, ס'איז אַזוי אויך שווער אויפן האַרצן...

קיינעמס כּבֿוד חלילה ווילן זיי, די דאָזיקע גאָטס בהמהלעך, ניט אָנ-רירן, און כּל-זמן די לאַגע פון דער קאָנפערענץ איז אומבאַשטימט געווען, האָבן זיי געשוויגן, ווי עס פּאַסט פאַר „באַנציע שווײַגס"; נאָר ווען די קאָנ-פערענץ האָט זיך געענדיקט און דער עולם איז קאַלט געבליבן — הייסט עס: טאַקע ניט געווען, וואָס צו קאָכן זיך — האָבן זיי, די גייסט-פּאַראַליטיקער, זיך אָנגעטאָן אַ כּוח, אַ הוסט געטאָן און הייזעריק אויסגעשריען:

— אַבסורד! ניט לאָגיש!

די מענטשן אָן גאַל זענען מענטשן מיט „לאָגיק" — דאָס איינציקע וואָס זיי איז געבליבן. פאַר די מענטשן מ י ט גאַל איז אָבער „לאָגיק" אַליין ווײַ-ניק; זייער דעוויז איז: „יושר"! און דער „יושר", די „גערעכטיקייט" פאָדערט, זיי זאָלן דיך אָננעמען פאַרן קאָלנער, אַרויספירן אויפן בימה און בפּני כּל עם ועדה זאָגן:

— יאַנקל, ביסט אַ פאַרד!

אָדער:

— יאַנקל, דײַן טאַטע איז אַ גנבֿ!

אָדער:

— יאַנקל, ביסט מחילה טעמפּ אויף עבֿרית!

אינעם קרעמל פון „הײַנט" איז מען בײַ די א י י ב ע ר ש ט ע פּאָליצעס צופרידן אי מיט זיך, אי מיט דער וועלט, בײַ די א ו נ ט ע ר ש ט ע אָבער איז מען צופרידן נאָר מיט זיך, אויף דער וועלט איז מען ברוגז — און אָט דאָ האָבן זיך געשאָטן, נאָך איידער די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן, קולות און גוואַלדן:

— וואָס פאַר אַ קאָנפערענצן?

— קנאַפּ איז זיי דער עספּעראַנטאָ-קאָנגרעס!

און בכלל:

— זשאַרגאָן איז די „שפּראַך פון האַנדל", די „שפּראַך פון מאַרק"...

יע, דער „הײַנט" קאָן עדות זאָגן, אַז „זשאַרגאָן" איז ד י ש פּ ר אַ ך פ ו ן מ אַ ר ק...

דער „הײַנט" וויל ניט אַנדערש לשון-קודש. „זשאַרגאָן" איז פאַר אים צו וואָכעדיק... דער „הײַנט" איז אַן אַריסטאָקראַט!

אַלס „אַריסטאָקראַט" איז ער „ראָמאַנטיש" און קערט זיך אום צו דער ירושה פון אונדזערע עלטער-זיידעס — צו דער טענה:

— מי שמך?

אויף אַ יידישן באַלעבאָס, און נאָך אַ באַלעבאָס אַ תּקיף, „מיט אַ געמ-בע", וועט קיין רושם ניט מאַכן אַ זאַך, ווי גרויס זי זאָל ניט זײַן, וויבאַלד

נאָר זי ווערט געטאָן דורך „אונדזערע יידעלעך"... אָט זאָל קומען עפּעס אַ מענטש „פון דער וועלט", — אַן אָליפאַנט, אַ משה מאָנטעפיאָרע, אַ באַראָן הירש, — וועט מען האָבן פאַר אים אָפּשיי און דרך־ארץ; בדוחק איז רעכט אויך טעאָדאָר הערצל; ישראל זאַנגוויל אפילו איז שוין אויך צו „היימיש", הײַנט ווער רעדט שוין „שרײַבערלעך" יידישע — פּרץ, אַש, רייזען!

— פרעגט, שמייכלט דער באַלעבאָס, בײַם איידעם בײַ מײַנעם — ער קען זיי...

און וויבאַלד אַז „ער קען זיי" איז שוין ניטאָ וואָס נתפעל צו ווערן...

ח

און מען איז ניט נתפעל געוואָרן...

די קאָנפערענץ, וואָס אַ סך האָבן געוואַרט אויף איר ווי אויף אַ יום־טוב, האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון „חול־המועד": אַ יום־טובדיקער טיש אין אַ שטוב אַ וואָכעדיקער: אומעטיקע פנימער, קאַלטע שמייכלען — און פון גאַס אונטערן פענצטער שרײַט מען:

— האַנדל, האַנדל!...

„יידיש איז די שפּראַך פון האַנדל"...

די שפּראַך פון האַנדל קאָן ניט זײַן די שפּראַך פון קולטור...

— אַזוי הויך איז בײַם יידן די קולטור?

— ניין, אַזוי נידעריק איז בײַ אים זײַן האַנדל!...

אין דעם האַנדלען און וואַנדלען, אין דעם וואָכעדיקן לעבן פון יידישן באַלעבאָס איז אַזוי ווייניק דאָ שיינקייט, אַזוי ווייניק גייסט־איידלקייט, אַזוי ווייניק שאַפונגס־קראַפט, אַזוי ווייניק ק ו ל ט ו ר, אַז אַלץ וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שטיקעלע שײַכות צו זײַן טעגלעכן לעבן, קאָן — דוכט זיך אים — קיין שײַכות ניט האָבן צו שיינקייט, צום גייסטיקן שאַפן, צו אידעאַלן, צו קולטור.

— יידיש איז די שפּראַך פון טאָג — היוצא מזה: יידיש קאָן ניט ווערן די שפּראַך פון קולטור.

די אייביקע צעשפּאַלטנקייט, דער אייביקער דואַליזם פון דעם קליינ־בירגערס נשמה: „וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צו לײַטן איז צו לײַטן"; „האַנדלשאַפט איז ניט ברידערשאַפט"; אידעאַל איז אידעאַל און געשעפט איז געשעפט... אונטן איז דאָס „הײַזל", דער געשעפט, דאָרט איז שאַפשאָוויטש מיט שלמהן, דעם אַלפאָנס, גוטע ברידער, אָבער אויבן —

— דאָ, זאָגט דער „פעטער", האָב איך קיין שום געשעפטן ניט...

דאָ, אויבן, איז דער אידעאַל, דער טרוים פון אומשולד, — רבקהלע — דאָ אויבן איז אַ צימער פאַראַן, אין צימער שטייט אַן אָרון, אין אָרון — אַ רייניקייט...

באַהאַלטן, פאַרשלאָסן...

די ריינקייט, די אומשולד דאַרף זיין אָפּגעשיידט פון „הייזל", פון מיאוסן געשעפט: שבת דאַרף זיין אָפּגעשיידט, „אלף אלפי הבדלות" אָפּגעשיידט פון וואָך. כאָטש איין טאָג וויל דער קרעמער, דער געשעפטסמאַן זיך אויסטון פון זיך, „אַרויס פון די כלים", אויסשפּייען די וואָכעדיקע נשמה, אַוועקוואַרפן די וואָכעדיקע פירונגען, די וואָכעדיקע שפּראַך — די שפּראַך פון מאַרק...

פון אָט דער פאַרשטענדלעכער פאַראַכטונג צו זיך, צו דער קליינלעכקייט און וואָכעדיקייט פון דעם אייגענעם לעבן נעמט זיך דער אַחד־העמיסטישער „אידעאַליזם" מיט זיין „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע": גשמיות און רוחניות, „יהודים" און „יהדות"; אין גלות — די עקאָנאָמישע פראַגע, אין ארץ־ישראל — די גייסטיקע; „וועסטניק יעווראָפּי" פאַר „חכמות חיצוניות", פאַר „חכמת־ישראל" — „השלח"...

אַ גאַנצע וואָך אַרומוואָגלען צווישן פרעמדע, שבת — אַהיים...

און הלל צייטלין, דער עקלעקטיקער, וואָס צום באַדויערן איז ער מער כעסן ווי פאַנאַטיקער און וואָס קיין אַחד־העמיסט איז ער ניט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל אים פעלט אַחד־העמס אויסגעהאַלטנקייט, — הלל צייטלין איז מוסיף צו אַחד־העמס „דאָפּלטער בוכהאַלטעריע" נאָך אַ פונקט:

— אינדערוואָכן — זשאַרגאָן, שבת — לשון־קודש.

דער ראָמאַנטישער אָבער דאָך פּראַקטישער באַלעבאָס וויל זיין אַ „פּרינץ" (אַ בן־מלך), נאָר „אַ פּרינץ אויף איין טאָג"... שטענדיק זיין „אַ פּרינץ" — דאָס איז ניט פאַר זיינע כוחות, ניט פאַר זיין פאַנטאַזיע. און ער איז „ראָמאַנטיש" נאָר דערווייל, ווייל עס גלייבט זיך ניט, אַז אויך דאָס רעאַלע זאָל קענען שיין זיין. ער בענקט נאָך דער שיינקייט, נאָך דער נשמה־יתרה, וואָס איז באַהאַלטן „אין טרוים", אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל ער האָט קיין מוט ניט און קיין קראַפט ניט אַריינבלאָזן אַ נשמה־יתרה, אַן אילוזיע פון קונסט אין דער ווירקלעכקייט, אין דער געגנוואַרט...

מען פרעגט, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט די רעזאָלוציע וואָס די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט אָנגענומען, — אַז זי „אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם יידישן פאָלק און פאָדערט איר פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע גלייכבאַרעכטיקונג"... — די פּראַקטישע באַדייטונג פון אָט דער רעזאָלוציע וועט קלאָר ווערן ערשט שפּעטער, אינעם פּראָצעס פון אויסנווייניקסטן און איבעווייניקסטן קאַמף פאַר די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך; אָבער דער מאָראַלישער ווערט פון דער רעזאָלוציע איז קלאָר שוין איצט. דאָס וואָס מען פאַלט אויף איר אַזוי אָן איז מער ניט ווי אַן איבעריקער באַווייז, אַז זי איז נייטיק געווען.

זי האָט געוויזן, אַז עס שפּראָצן ביי אונדז אַרויס נייע גייסטיקע באַגערן, נייע קולטור־מעגלעכקייטן, ווייל עס קומען אָן נייע מענטשן, נייע יידן, וואָס קענען מער ניט איבערטראָגן די צעשפּאָלטנקייט פון דער נשמה, די

צעבראָכנקייט פון דער יידישער פערזענלעכקייט, און זיי בויען אַ בריק איבער דעם תהום וואָס ליגט צווישן דעם קולטורעלן אידעאַל און דער אומ־קולטורעלערווירקלעכקייט, צווישן דעם שבת און דער וואָך, צווישן דעם עבר און דער געגנוואַרט. זיי ווילן ווײַטער שפּינען דעם פאָדעם, דעם גאָל־דענעם פאָדעם פון אונדזער גייסט־געשיכטע, זיי ווילן אָבער ניט, אַז אָט דער טײַערער פאָדעם זאָל זײַן אַ תכשיט וואָס מען ניצט אים נאָר שבת און יום־טוב. זיי ווילן, אונדזער אַ ל ט ע ג ל ע ך לעבן זאָל יום־טובדיק ווערן, זאָל שענער און איידעלער ווערן...

זיי זאָגן, די נײַע יידן:

— מיר זענען שטאָלץ מיט אונדזער ירושה, מיט אונדזער קולטור, — בעוווים האָבן מיר מיט וואָס צו „שטאָלצירן": מיר ווילן אָבער האָבן אַ קול־טור, אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור ניט בלויז אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך אין דער געגנוואַרט, ניט בלויז אין אַרכיוו, אין מוזעום אָדער א ו י ב ן אין צימער בײַ שאַפּשאָוויטשן, אין אָרון־קודש באַהאַלטן, אין מענ־טעלע אײַנגעהילט, — נאָר אויך אין לעבן, אין ברייטן אָפענעם לעבן. מיר ווילן מער ניט נאָכטון יענעם קליינשטעטלדיקן „דײַטש", וואָס איין מאָל אין יאָר, יום־כפור, דערלויבט ער זיך אַ לוקסוס, דערמאָנט זיך אין גאָט און ווייט אין שול אַרײַן. מיר ווילן, אונדזער גאָט, אונדזער הייליקייט, אונדזער קול־טור זאָל שטענדיק, טאָג־טעגלעך זײַן צווישן אונדז, א י ן אונדז... (ניט נאָר אין דעם טאָג פון אַ יאָרצײַט און ניט נאָר אין בית־מדרש זאָל ברענען דאָס נשמה־ליכט פון אונדזערע הייליקע גייסטער, פון אונדזער שאַפנדער טראַדיציע, נאָר שטענדיק און אומעטום זאָל עס ברענען און לײַכטן, — אומעטום, אין שול און אין שטוב, אַרום אונדז און אין אונדז, אין אונדזער אַרבעט, אין אונדזער שאַפן, אין אונדזערע טרערן, אין אונדזער שמייכל, אין אונדזערע תפילות, אין אונדזערע אַלטעגלעכע געשפּרעכן...

דעריבער איז אונדזער פאַרלאַנג און אונדזער שטרעבונג:

רײַך און שיין און בליענד זאָל זײַן ניט בלויז די שפּראַך, וועגן וועלכער מיר רעדן, — העברעיִש, נאָר אויך די שפּראַך, א ו י ף וועלכער מיר רעדן — יידיש...

דעריבער איז אונדזער מיינונג:

מיר יידן האָבן געהאַט אַמאָל אַ שפּראַך—העברעיִש; אויף דער שפּראַך האָבן מיר גערעדט און געשריבן. דערנאָך האָבן מיר אין גלות און בײַ זיך אין דער היים אין ארץ־ישראל ג ע ר ע ד ט א ו י ף פ ר ע מ ד ע שפּראַכן, העב־רעיִש—געשריבן. אין משך פון דורות דורך תפילות און טרערן פון אונדזערע מאַמעס, דורכן קאַמף פון אונדזערע זין, האָבן מיר זיך ווײַטער אויסגעאַרבעט אַ שפּראַך וואָס אי מיר רעדן, אי מיר שרײַבן אויף איר. די שפּראַך הייסט יידיש — און זי איז די נ אַ צ י אָ נ אַ ל־ש פּ ר אַ ך פ ו ן א י צ ט, פּונקט ווי העברעיִש איז די נאַציאָנאַל־שפּראַך פון אַ מ אָ ל.

העברעיִש מוזן מיר געדענקען; פאַרגעסן מיר העברעיִש — פאַרלירן מיר דעם שליסל צום סוד פון עבר. יידיש איז אָבער דאָס שליסל פון געגנוואַרט, דאָס שליסל פון לעבן. דאָס ג ע ו ו ע ר פון לעבן. דאָס ל ע צ ט ע ג ע ו ו ע ר...

זאָל זשע עס אויפגעהאַלטן ווערן אין ריינקייט און אין ציכטיקייט, זאָל עס בלאַנקען...

אין „ד ע ר ט אָ ג“ נומ׳ 1, ווילנע, סעפּטעמבער 24 (11), שרייבט אַ. ל י ט װ אַ ק אין אַן אַרטיקל „נ אָ ר נ י ט י י ד י ש“:

... ניט קיין מוסר זאָגן וויל איך דער יידישער אינטעליגענץ: פון קיין בוכר האַלט איך בכלל ניט. איך וויל זיי ניט אויפוואַרפן, וואָס זיי שנײַדן בײַ דער יידישער מאַסע אָפּ דעם קאָפּ, רויבן בײַ איר אירע גייסטיקע קרעפטן; איך האָב מורא, איך וואָלט נאָר אַרויסגערופן אַ שפּאָט־שמייכל אויף זייערע ליפּן, זיי זענען דאָך איצט אַזוי קלוג, אַזוי פּראַקטיש. איך וויל רעדן צו דער יידישער אינטעליגענץ אויף דער שפּראַך וועלכע זי פאַרשטייט בעסער ווי אַלץ, אויף דעם קאַריערע־לשון:

— זעט, איר זאָלט זיך ניט אָפּנאַרן: ווער ווייס, אפשר וועט מען אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום מיט יידיש קאָנען מאַכן גוטע געשעפטן, און דאַן וועלן אײַערע קינדער בלײַבן אויסגעשטעלטע.

אין „ד ״ ר ב י ר נ ב ו י מ ס װ אָ כ ע נ ב ל אַ ט“, נ׳ 4, סעפּט׳ 25, שרייבט ד״ר נתן בירנבוים אין אַ נאָטיץ: „מ אָ ר י ס ר אָ ז ע נ פ ע ל ד און ד י ש פּ ר אַ ך־ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ“:

„... דאָס וואָס ער [ראָזענפעלד] האָט זיך צעלאָזט קעגן דער קאָנפערענץ, האָט דאָס צווינגט מיך אַ פּאָר ווערטער צו זאָגן.

ראָזענפעלד האָט זיך געלאָזט הערן, אַז די קאָנפערענץ איז אים אויסגעקומען ווי אָן אַ פּראַקטישער באַדײַטונג, און דעריבער איז ער נישט צוגעשטאַנען צו איר. עס איז מעגלעך, אַז ער האָט געהאַט פון אָנהייב אָן די מיינונג וועגן דער קאָנפערענץ — זי פּאַסט נישט שלעכט צו דעם גאַנצן בענטשן — נאָר ער איז זיך טועה, ווען ער זעט אין דער מיינונג די סיבה פון זײַן נישטקומען. איך וויל דערציילן ווי עס האָט זיך מיר פון אָנהייב אָן ביט אים געפירט. ווען איך בין אין אַמעריקע געוועזן און האָב דאָרט די ערשטע שריט געטאָן וועגן דער קאָנפערענץ, האָב איך צו אים געשיקט אַ שליח און אים געלאָזט בעטן, ער זאָל אויך חתמענען די ערשטע אײַנלאַדונג וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דער זאַך. דעמאָלט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט; עפּעס זענען אים, האָט מיר מײַן שליח געזאָגט, אַנדערע וואָס האָבן אונטערגעשריבן נישט געפעלן. און ווי איך האָב אים געטראָפן דעם זומער אין

קאַרלסבאַד און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעזאָגט, האָט ער מיר געענטפערט: מחמת דעם וואָס איך האָב געזען אויף דער רשימה פון אײַער שליח דעם נאָמען פון דעם רעאַקציאָנערן... האָב איך אים דערויף געענטפערט, אַז דער געוויסער מענטש איז ניט געחתמעט געווען און וועט נישט געחתמעט זײַן אויף די אויפרופן. איז ראָזענפעלד באַשטאַנען, האָט געגעבן זײַן נאָמען און האָט צוגעזאָגט צו קומען קיין טשערנאָוויץ...

אין „אידישעס וואָכענבלאַט", ראָש-השנה-נומער, וואַרשע, סעפּטעמבער 25, שרײַבט ש. י. סטופּניצקי אין אַן אַרטיקל „דאָס פאַרגאַנגענע יאָר":

די „יידישע שפּראַך-קאָנפערענץ" אין טשערנאָוויץ, אויף וועלכער אונדזער יוגנט האָט געלייגט גרויסע האָפנונגען, האָט דערווײַל אַחוץ די דיסקוסיעס איבערן זשאַרגאָן אַלס נאַציאָנאַל-שפּראַך ווי אייניקע טיילנעמער האָבן באַוויזן, ווי ווייניק זיי זענען פעיִק צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט פון אַ פאָלקס-לעבן און דעם תוך פון נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, — גאָרנישט געגעבן...

אין „טאָגבלאַט", לעמבערג, נומ׳ 186, סעפּטעמבער 25, שרײַבט מ. קליינמאַן אין אַן אַרטיקל „די יידישיסטן":

די גאַנצע צײַט וואָס איך האָב מיך געפונען אויף דיזער „מערקווירדיקער" קאָנפערענץ האָט מיך באַשעפטיקט איין הויפּט-געדאַנק: מיט וואָס פאַר אַ סאָרט חולאת האָבן מיר דאָ צו טון?... פאַר מיר, פאַרשטייט איר מיך, איז געווען קלאָר, אַז די אַסיפה באַשטייט פון אַבנאָרמאַלע מענטשן, פון ענטאַרטעטע יידן... מיר קאָן זיך בשום אופן ניט לייגן אויפן מוח, אַז מענטשן געזונטע, נאָרמאַלע, מיט אַ נאַטירלעך אוממיטלבאַרן געפיל פון צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, זאָלן קומען צון אַזאַ ווילדן געדאַנק, ווי אַנערקענען „יידיש" פאַר אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך, און וואָס נאָך מער ווילד: נישט אַנערקענען העברעיִש אַלס אונדזער נאַציאָנאַלשפּראַך...

ווערט ניט בייז! אַזוי איז עבן דאָס פאַרהעלטניש פון דער קאָנפערענץ צו העברעיִש. עס איז נאָר—איידל גערעדט—אַ פאַרשלייערונג דאָס וואָס מען האָט באַשלאָסן צו לאָזן פאַר יעדן די פרײַהייט „צו דענקען וועגן העברעיִש וואָס ער וויל". אַן אַסיפה פון יידן וועלכע נעמט אָן אַזאַ, נאָך מער אַלס גלײַכגילטיקע שטעלונג צו העברעיִש האָט דערמיט אַליין זיך געשטעלט אַלס געגנערין פון העברעיִש, ווען אַפילו בפירוש געזאָגט האָט זי עס נישט!... עס איז דאָ פונקט אַזוי ווי בײַ די סאָציאַליסטן וועלכע פרײַדיקן, אַז די רעליגיאָן איז אַ פּריוואַט-זאַך; איז דען נישט פאַר יעדן קלאָר, אַז אין דער ערקלערונג אַליין ליגט שוין אַ נעגאַטיוועס פאַר-

האַלטן זיך צו דער רעליגיאָן? דער חילוק איז נאָר דער, וואָס אַן ערלעכער סאָציאַליסט איז דרויף מודה און אַ דעמאַגאָג — נישט. און אויך דאָ ביי אונדזער פאַל איז עס אַזוי: די ערלעכערע „יידישיסטן" וועלן מודה זיין, אַז אין דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע וועגן העברעיש איז שוין אַנטהאַלטן די העכסט־באַליידיקנדע און אַנטשיידענע פאַרניינענדע האַלטונג צו העברעיש; אַנדערע אָבער וועלן דרויף נישט וועלן מודה זיין.

שיילט מען אָבער אַרויס די אמתע „טענדענץ" פון דער טשערנאָוויצער אַסיפה פון איר ניט־איבעריק חכמהדיקער איינהילונג, אַזוי מוז מען זאָגן, אַז מענטשן וואָס זענען פעיק צו באַגיין אַזאַ ווילדן נאַציאָנאַלן וואַנדאַליזם ווי די טשערנאָוויצער זענען באַגאַנגען קענען נישט זיין נאָרמאַל, זענען צומינדעסט אַלס יידן — זייער קראַנקע נשמות...

[ווייטער ברענגט דער אַרטיקל־שרייבער אַ שאַרפע פּערזענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון פאַרשיידענע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ.]

אין „סאָציאַלדעמאָקראַט", נומ' 39, סעפּטעמבער 25, איז געדרוקט אַזאַ ליי־ אַרטיקל:

L. F., נאָך דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך

דאָס 19טע יאָרהונדערט וועלכעס האָט דורך זיינע עקאָנאָמיש־פּאָליטישע און בכלל דורך זיינע סאָציאַלע שטרעבונגען און איבערקערענישן די פריער־דיקע „נאַציאָנען" נאַציאָנאַליזירט און אַרויסגערופן אויף די געשיכטס־סצענע נייע פון דער פאַרבאָרגנהייט — דיזעס יאָרהונדערט איז אויך געוועזן די עפּאָכע פאַר דעם נייעם אויפלעבן פון די יידן אַלס אַ פאָלק, נאַציאָן. דער קאַפּיטאַליזם וועלכער האָט רעוואָלוציאָניזירט די גאַנצקייט פון די פאַרשיידענע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע און פאָלגלעך אויך די פּאָליטישע און קולטורעלע, איז אַריינגעדרונגען אויך אין די יידישע מאַסן. אונטער דערווירקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע שטרעבונגען האָט זיך די יידישע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געבילדעט אַ ספּעציפישע מאַסע, דיפערענצירט און ענלעך געוואָרן צו אַנ־דערע מאָדערנע נאַציאָנען אין הינזיכט פון אינעווייניקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן בוי און סאָציאַלער גרופּירונג פון די געזעלשאַפטס־קלאַסן. ס'זענען אַנטשטאַנען נייע קלאַסן. ס'איז אַנטשטאַנען דער קלאַסן־קאַמף. דער געטאָ־ראָמאַנטיזם האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפנבלאָז און איז צעשמאָלצן אינעם פייער פון די סאָציאַלע קעמפּפע. לעבן דעם וויכטיקסטן מאָמענט — די מאָדערנע אינערלעך־סאָציאַלע סטרוקטור פונעם יידישן פאָלק — האָט מיטגעווירקט צו דער פאַרפאָלשטענ־דיקונג פון די נאַציאָנאַלע סימנים די אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, פון דער קולטור.

זינט אַ לאַנגער צייט זענען מיר ביי די יידן צוויי שפּראַכן: איינע, אַ הייליקע, וואָס ווערט באַנוצט אין פאַרקער מיט גאָט, אין תפילות, די־

צווייטע — אין די פּאַרקערס-פּאַרהעלטניסע צווישן מענטשן; איינע וואָס איז אַ היסטאָרישעס דענקמאָל פון דעם פּאַרצײַטיקן נאַציאָנאַלן גלאַנץ, אין וועלכער ס'זענען פאַרכישופט צוואַר גרויסע גראַנדיאָזע ווערק פונעם יידישן גייסט, די ביבל, די הייליקע ספרים, די שריפטן פון די נביאים, פאַרשידענע פילאָזאָפיש-רעליגיעזע ווערקע, וועלכע איז אָבער צוטריטלעך נאָר פאַר אַ הײַפעלע געלערנטע, למדנים, רבנים און וועלכע איז טויט; די צווייטע, וועלכע ס'באַנוצט די גאַנצע מאַסע זינט לאַנגע יאָרן אינעם טאָג-טעגלעכן לעבן, אינעם קאַמף — אַ לעבעדיקע; איינע — רעפּרעזענטירט די פאַרגאַנגענהייט וועלכע ווערט באַקרענצט מיט דער אוירעאָלע פון הייליקייט, די צווייטע — אַן אויסדרוק פון דער געגנוואַרט און אַ ווײַזער פון אַ נײַעם לעבן פון דער צוקונפט.

שוין אין דעם פאַקט גופא, אין דער עקסיסטענץ פון די ביידע שפּראַכן וועלכע קענען סימבאָליזירן צוויי לעבנס-עפּאָכן אין דער יידישער געשיכטע, איז געלעגן פאַרבאָרגן פּאָטענציעל די מעגלעכקייט און אַפילו די נייטיקייט פונעם צוזאַמענשטויס פון די ביידע שפּראַכן.

צו אַ קאַמף איז עס ווירקלעך געקומען.

די נײַע לעבנס-באַדינגונגען גיבן זייער סטעמפּל אויף אַלעס וואָס עס עקסיסטירט צווישן זיי. יעדע כּלי וועלכע ווערט באַנוצט אַנטוויקלט און פאַרבעסערט זיך, עבן צוליב דעם לעצטן גרונד. די שפּראַך איז אויך אַזאַ אינסטרומענט, די שפּראַך וואָס איז אַ פאַרשטענדיקונגס-מיטל צווישן מענטשן, אַן אויסדרוק פון לעבנדע, זיך אַנטוויקלענדע מענטשן, האָט צוליב דעם אַ דעסטאָ גרעסערע איבערגעוויכט איבער דעם אַלעם וואָס אַנטוויקלט זיך. זי — די שפּראַך — אַלס אַ אינטעגראַלער טייל, אַ לעבעדיקער, פונעם לעבעדיקן מענטש, מוז זיך מיט דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג פון די מענטשן, פון דער געזעלשאַפט אויך אַליין אַנטוויקלען, און די שפּראַך גופא אונטערליגט אַם מייסטן די אַנטוויקלונגס-געזעצן פונעם פאָרווערטס-שרײַטנדן לעבן.

דאָס איז אַ פאַקט, אַז די יידישע מאַסע האָט גערעדט אויף יידיש, אַז אַלע אירע געפילן און געדאַנקען האָט זי אויף יידיש, אין דעם ז"ג „זשאַרגאָן" אַרויסגעזאָגט. מיט דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמיש-פּאָליטישע און בכלל סאָציאַלע פאַרהעלטניסע, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געזעלשאַפט איז געגאַנגען אויך איר שפּראַך, דער „זשאַרגאָן". ער האָט זיך אַנטוויקלט. מיט די ענדערונגען פון די פאַרשידענע פאַרהעלטניסע, מיט דעם וואָקס פונעם באַוווּסטזײַן פון די מאַסן אַנטשטיי'ן נאָך וואָס אַמאָל גרעסערע קולטורעלע באַדערפענישע, וועלכע ווילנדיק שטילן האָט מען געמוזט דאָס טון אין דער שפּראַך וועלכע די מאַסע פאַרשטייט און וועלכע מ'האָט ווירקלעך מיט דער קראַפט פון די פאַקטן אין דיזער שפּראַך געשטילט. און נישט צוליב אַנדערש איז עס געווען ווי דער „בונד", די י. ס. ד. פּ. אין רוסלאַנד, וועלכע האָט דאָס פאַרשטאַנען און האָט דאָס געטאָן. און ער איז געווען דער

ערשטער וועלכער האָט אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך און האָט דאָס אין דער טאַט רעאַליזירט. די גראַנדיעזע פּראַכטפולע בונדיסטישע ליטעראַטור האָט אַם מייסטן מיטגעווירקט צו דער אַנטוויקלונג פונעם „זשאַרגאָן“, פון דער יידישער שפּראַך. אין דיזער אַנגעלעגנהייט האָט דער בונד ערפילט און ערפילט נאָך ביז איצט ניט אויף אַזוי פיל די פּאַרטיי־ ווי די אַלגעמיין־קולטורעלע מיסיאָן צווישן די יידישע מאַסן. אַז דער אַרבעטער איז געווען דער ווירקליכער שעפּפער פונעם יידישן בוך, אַנערקענט דאָס אַליין פּרץ אויף דער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ: „דאַן באַווייזט זיך דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פּראָלעטאַריאַט און שאַפט זיך זיין אינסטרומענט פאַרן קאַמף, פאַר זיין לעבן, זיין אַרבעטער־קולטור אויף יידיש. דער אַרבעטער באַגנוגט זיך נישט מיט תחינות און תפילות פון דער ווייבערשער שול און נישט מיט וווּנדער־געשיכטן פון אונטערן אויוון אין קלויז. ער וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש. און עס באַווייזט זיך דאָס יידישע בוך אין דער יידישער שפּראַך“.

•

אונטער דעם איינפלוס פון דער אַנטוויקלונג פון פאַרשידענע לעבנס־געביטן זענען אַנטשטאַנען נייע באַדערפעניסע אויף דעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן געביט ווי אויך אויף דעם קולטורעלן, באַדערפענישן וועלכע די יידישע מאַסע האָט געמוזט שטילן. פאַמעלעך האָבן פאַרלוירן אירע באַדייטונג די נאַיווע מעשה־ביכלעך וועלכע זענען געווען די איינציקע (אַחוץ די געבעט־ביכער) גייסטיקע נאַרונג פון די מאַסן. ס'איז אַנטשטאַנען אין דער יידישער שפּראַך אַ רייכע פּאָעזיע, נאָוועלן, ראָמאַנען, דראַמאַטן, קאָמעדיעס, מיט איין וואָרט דאָס אַלץ וואָס טראָגט דעם נאָמען שיינע ליטעראַטור. מ'האָט זיך שוין ניט באַגניגט מיט בלויסע איבערזעצונגען פון פרעמדע שפּראַכן אויף די יידישע פון נוערטפולע ווערקע — ס'איז אַנטשטאַנען אַן אָריגינעלע שיינע ליטעראַטור. אויף דעם געביט פון דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך געוויזן אַזעלכע אָריגינעלע אַרטיסטן ווי פּרץ, רייזען, אַש, ראָזענפעלד, נאָמבערג, שלום־עליכם, גאָרדין, פּינסקי און אַסך אַנדערע. נייע ליטעראַרישע, אַרטיסטישע שטרעבונגען וועלכע פליסן אין דער היינטיקער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור דרינגען אַריין פאַמעלעך אויך אין די יידישע, וועמענס אייסערלעכע פאָרם, וועמענס פּראָבלעמען באַקומען אַן אַרטיסטישן סימן. ס'זענען איבערזעצט געוואָרן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע ווערטפולסטע ווערקע אויף יידיש, ס'זענען אַנטשטאַנען אָריגינעלע. ס'גייט אַרויס אַ מאַסע יידישע צייטונגען: פּאָליטישע, ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע. ס'ווערן געגרינדעט פאַרשידענע קולטורעלע, עקאָנאָמישע, פּאָליטישע אינסטיטוציעס, ווו די אומגאַנג־שפּראַך איז די יידישע, ס'איז אַנטשטאַנען און ס'אַנטוויקלט זיך דאָס יידישע טעאַטער, אין וועלכן

ס׳וועלן געשפּילט די אָריגינעלע יידישע טעאַטער־שטיקע און די באַרימטע דראַמאַטן פון אַזעלכע קינסטלער ווי שעקספּיר, איבסען, הויפּטמאַן, מעטערלינק און אַ סך אַנדערע. בקיצור: דאָס גאַנצע פאַרשידנאַרטיקע, זייער רייכע גייסטיקע לעבן פון די מאַסן לעבט און אַנטוויקלט זיך אין דער יידישער שפּראַך.

די שפּראַך אין וועלכער ס׳קענען און ס׳זענען געשאַפן און קריסטאַליזירן זיך אַזוינע שיינע אוצרות פון אונדזער נשמה; אויף וועמענס האַרפע ס׳קענען און ס׳זענען אויסגעשפּילט די צערטלעכסטע מעלאָדיען וועלכע ציטערן אין אונדזער רייכער זעלע; וועלכע קען געבן אַ קינסטלעריש קלייד דיזע אַלע געפילן און בילדער און געדאַנקען וועלכע שטרעבן אין אונדז; און וועלכע געפינט אַן אויסדרוק פאַר די אַלע סובטילע און שווערע באַגריפן פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, אַזאַ שפּראַך לעבט און וועט לעבן! אַ שפּראַך אין וועלכער ס׳רעדט און פילט און דענקט כמעט די גאַנצע יידישע מאַסע אין רוסלאַנד, גאַליציע, אַמעריקע, רומעניע און אומעטום ווו זי געפינט זיך אין מאַסן און אין וועלכער ס׳זענען געשאַפן די אַלע פאַרשידענע ווערקע פונעם גאַנצן גייסטיקן לעבן — ווערקע וועלכע ווערן פון דיזע מאַסן געלעזן, אַזאַ שפּראַך האָט מיט דעם זעלבן אַרויסגעגעבן איר אורטייל איבער זיך זעלבסט, איבער איר עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג, איבער איר אַנטוויקלונג, איבער איר צוקונפט — אַזאַ שפּראַך קען זיין, זי איז און וועט זיין די נאַציאָנאַל־שפּראַך פונעם יידישן פאָלק!

און ווען צוליב פאַרשידענע סיבות און ספּעציעל מחמת דעם וווּקס פונעם פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין פון די מאַסן, מחמת דעם אויפבליען פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל, מחמת דעם קאַמף און פאָדערונג פון אמתער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן איבערן שטאַט — איז אַרויסגעשוווּמען די פאָדערונג פון אַנערקענען די יידישע שפּראַך, דעם ז״ג „זשאַרגאָן" פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך פון די יידן[1], איז אַנטשטאַנען דעמאָלס דער הייסער קאַמף אין בלעטער, פאָרטרעגע, פאַרזאַמלונגען וועגן: העברעיש אָדער יידיש.

*

און אין דעם קאַמף פאַר העברעיש האָבן די אָנהענגער פון לשון־קודש, וועמענס גרעסטן טייל בילדן די ציוניסטן, אַזעלכע וואָס פאַרשטייען אַליין נישט דאָס העברעישע און רעדן נאָר פויליש, האָבן צונויפגעמישט צוויי מאָמענטן: דאָס וואָס ס׳איז, ס׳אַנטוויקלט זיך, מיט דעם וואָס זיי וואָלטן ס׳זאָל זיין, מיט זייער באַגערן.

---

1 דיזע נאַציאָנאַלע פאָדערונג האָט עבען דער „אומנאַציאָנאַלער", „אַנטינאַציאָנאַלער" „קאָסמאָפּאָליטישער" פּראָלעטאַריאַט דער ערשטער אויפגעהויבן און געקעמפט פאַר איר, דער בונד אין רוסלאַנד און מיר אין גאַליציע.

און עבען ביי דעם פֿאָרשן די סאָציאַלע ערשיינונגען דאַרף מען קודם⸗כל, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, אָפּשיידן זיין „איך", זיינע באַגערן און ווינטשע פון דעם געפֿאָרשטן אָביעקט און ביים אַרויסציען די לאָגישע קאָנ⸗סעקווענצן אויף היינט און האָראָסקאָפּן אויף דער צוקונפט האַלטן זיך שטרענג אָן די פֿאַקטן, וועלכע דאַרפֿן זיין דאָס איינציקע מאַטעריאַל און מיטל צום ערקענען די אַנטוויקלונגס⸗טענדענצן, און אַרויסציען פון דיזע פֿאַקטן אַפילו אַזעלכע קאָנסעקווענצן וועלכע וואָלטן געווען אַן אַנטיטעזע צו אונדזערע ווינטשע אין דיזער זאַך, וועלכע וועלן אָבער זיין אין האַרמאָניע מיט דעם קול פון די לעבעדיקע פֿאַקטן. מיט איין וואָרט: מ'מוז אָפּטיילן דעם סוביעק⸗טיוון מאָמענט פון דעם אָביעקטיוון און ביים נאָכפֿאָרשן אַזעלכע ערשיינונגען ווי די שפּראַך קערעווען זיך מיט דעם צווייטן, און אונטער דער סכנה צו באַגיין אַ גרויסן פעלער — נישט אונטערצואָרדנען דעם צווייטן מאָמענט דעם ערשטן.

עבען דיזן פּרינציפּיעלן פעלער באַגייען די לשון⸗קודשע „קעמפּפער". זייער סוביעקטיווע פֿאָרליבע, זייער סוביעקטיוון ווונטש נעמען זיי פֿאַר אָב⸗יעקטיווע פֿאַקטן און שרייען — העברעיש איז אונדזער נאַציאָנאַל⸗שפּראַך אָדער וועט אַזעלכע זיין. פֿאַר גאָרנישט האַלטן זיי די פֿאַקטן וועלכע זאָגן עפּעס גאַנץ אַנדערש, פֿאַר גאָרנישט האַלטן זיי די אַרגומענטן, וועלכע זע⸗נען דורך די פֿאַקטן אַרויסגערופן און וועלכע פֿאַרטיידיקן זיי — אַלץ און דעצידירנד איז פֿאַר זיי זייער אייגענער ווילן, זייער ווונטש. פֿאַרטיפט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, האָבן די רעאַקציאָנערע (אויך אויף אַנדערע געביטן) פֿאַרגעסן אָן דער געגנוואַרט און אָן דעם וואָס פֿאַר אַ ווייזערס עס גיט די געגנוואַרט אויף דער צוקונפט. נעגירנדיק און איגנאָרירנדיק די לעבעדיקע פֿאַקטן, זענען זיי דורך די לעצטע איגנאָרירט געוואָרן. דאָס לעבן גייט צו דער טאַגעס⸗אָרדנונג איבער זיי, איבער זייערע ווינטשע און „טעאָרעטיזירן" וועגן העברעיש אַלס אַ נאַציאָנאַל⸗שפּראַך און גייט דעם וועג, וועלכן ס'האָט זיך אַליין געבאַנט.

דאָס „פּיום דעזידעריום" פון דיזע לשון⸗קודשע שרייערס וועט נישט ענדערן דיזן צושטאַנד. די פֿאַקטן, די קראַפֿט פון דעם לעבן איז שטאַרקער פון זייער ווילן, הגם דאָס וואָלט געווען דער ווילן פון די פּויליש⸗רעדנדע ציוניסטן. און אַ אומבאַשטרייטבאַרער פֿאַקט איז דאָס, אַז די יידישע מאַסע רעדט, פילט, דענקט, לעבט אויף יידיש. אַ פֿאַקט איז, אַז די גייסטיקע באַ⸗דערפֿענישן זענען געשטילט מיט ווערקע אין דער יידישער שפּראַך. אַ פֿאַקט איז, אַז די יידישע ליטעראַטור, אי די שיינע אי די וויסנשאַפֿטלעכע, איז גרויס און אַנטוויקלט זיך פון טאָג צו טאָג. און ווען מיר וועלן באַטראַכטן דאָס, אַז די גייסטיקע באַדערפֿענישן אַנטוויקלען זיך וואָס אַמאָל מער און אַז דיזע וועלן מוזן געשטילט ווערן אין אַ פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך, ד"ה אין דער יידישער שפּראַך — דאַן איז די קאָנסעקווענץ לייכט פֿאָרויסצוזען.

ס'וועלן נישט העלפן די „אַד האָק" געשמידעטע פּאָרווירפע מצד די העברעיסטן קעגן דער יידישער שפּראַך, אַז זי איז קיין שפּראַך, אַז זי איז אומעסטעטיש אד"גל. איעדע שפּראַך, ביז זי ווייזט זיך אין אַ באַזונדערער, ספּעציפישער, קריסטאַליזירטער פאָרם מיט אַ גראַמאַטיק, אָרטאָגראַפיע, סטיליסטיק אאַז"וו, מוז אַדורכגיין אַ הונדערטע יאָרן דויערנדע עוואָלוציע. אַזאַ שיקזאַל האָבן געהאַט אַלע היינטיקע אייראָפּעיִשע לעבעדיקע שפּראַכן און האָבן געהאַט די פריערדיקע און וועלן האָבן אין דער צוקונפט אַלע שפּראַכן, וואָרן זיי זענען אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. אויך די יידישע שפּראַך וועט ווערן מחמת דער אַנטוויקלונג צו אַ סיסטעמאַטיזירטער שפּראַך. זי האַלט איצט אין איין אַנטוויקלונג.

און די עסטעטישע מאָס טאָר מען אין אַזעלכע זאַכן נישט צולייגן, וואָרן דער עסטעטיזם קען נישט זיין קיין קריטעריום ביים אָנערקענען אַ שפּראַך פאַר אַ נאַציאָנאַלע. אַזאַ קריטעריום קען נאָר זיין דער מאָמענט, דער פאַקט, אַז די מאַסע פון אַ געוויסער נאַציאָן רעדט אין דיזער שפּראַך. און עבן דעם לעצטן פאַקט באַאָבאַכטן מיר ביי דער יידישער שפּראַך, און אויך דיזער גיט אונדז אַ וויזער אויף די צוקונפט.

דאָס העברעיִשע לשון ווי למשל לאַטייניש, גריכיש און אַנדערע געהערן צום אַרכעאָלאָגישן מוזעום פון לשונות. מתים קען מען נישט אויפוועקן. זיי וועלן בלייבן מתים. לעבן אין דער צוקונפט קען נאָר דאָס וואָס לעבט איצט, וואָס האָט אין זיך די לעבנסקראַפט. דער „זשאַרגאָן" האָט אַזאַ לעבנסקראַפט, און דעריבער קעמפט דער באַוווסטער אַרבעטער פאַר זיין נאַציאָנאַלע אַנערקענונג.

*

אויף דיזער גרונדלאַגע איז אַרויסגעשוואומען די קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך אין טשערנאָוויץ. כאָטש אויף דער טאַגעס־אָרדנונג זענען געווען אַנדערע פונקטן, איז אַרויסגעטרעטן אַלס וויכטיקסטער דער וועלכער איז נישט געווען אַף דער טאַגעס־אָרדנונג, די פראַגע: העברעיִש אָדער יידיש, און עבן דער באַשלוס אין דעם ענין איז דער וויכטיקסטער, דער פּרינציפּיעלער.

„די ערשטע קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און פאָדערט איר פּאָליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג".

די אויבּיקע רעזאָלוציע איז נאָר אַן אויסדרוק פון דעם קאָנסטאַטירטן פאַקט. זי ווייזט אָן, אַז די וועלכע האָבן דעם באַשלוס געפּאַסט האַלטן זייער האַנט אויפן פּולס פונעם לעבן פון די יידישע מאַסן, אַז זיי, וואָס האָבן דאָס באַשלאָסן, זענען — ווי ס'זאָגט ריכטיק נאָמבערג — „די 90% פון יידישן פאָלק וואָס לעבן, טראַכטן און פילן אויף אונדזער מאַמע־

און עבן אין דיזער באַשלאָסענער רעזאָלוציע ליגט די גאַנצע און וויכטיקסטע באַדייטונג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

אין „טאָגבלאַט“ לעמבערג, נומ׳ 187, סעפּטעמבער 29, גייט אַן אַרטיקל „אַ געשפּרעך מיט ד״ר שטרויכער“, געחתמעט מ. ק.:

בשעת איך בין געווען אין טשערנאָוויץ צו דער „שפּראַך־קאָנפערענץ“, האָב איך געמאַכט אַ באַזוך דעם פּרעזידענט פון דער געמיינדע און פּרעזידענט פונעם יידישן קלוב אין פּאַרלאַמענט, ה׳ ד״ר שטרויכער...

... דער ערשטער שמועס וועלכן איך האָב מיט אים פאַרפירט איז געווען: וועגן דער שפּראַך־קאָנפערענץ. ד״ר שטרויכער האָט מיר געענטפערט גאַנץ פּשוט, אָן אייבערשפּיצלען:

— איך פאַרהאַלט מיך צו דער קאָנפערענץ און צו אירע פאַראַנשטאַלטער מיט דעם גרעסטן רעספּעקט און סימפּאַטיע, ווייל איך זע דרין „אַ יידישע זאַך“, ווייניקסטנס דעם גוטן ווילן עפּעס יידישעס צו טון, און דאָס איז שוין גענוג מיין סימפּאַטיע צו ערוועקן. פון די שריפטשטעלער האָט אויף מיר באַזאָנדערס אַ גוטן איינדרוק געמאַכט ה׳ אַש, ביי וועלכן עס שפּריצן אַרויס פּאָעטישע פונקען אַפילו אין אַ געוויינלעכער רעדע...

בעצם־הדבר אָבער מוז איך זאָגן, אַלס ייד, אַז מיר לייגט זיך נישט אין קאָפּ און אויך מיין יידיש האַרץ בלייבט גאַנץ פאַרשלאָסן פאַר דער אידעע צו ערקלערן דעם דייטשן זשאַרגאָן פאַר אונדזער אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. איך האָב אַליין זייער גערן צו רעדן „יידיש“ און איך רעד טאַקע אָפט „יידיש“; אָבער אַז מען שמועסט פון „נאַציאָנאַל־שפּראַך“ מיינט מען דאָך דאָ שוין נישט די וואָכנדיקע שמועסן, נאָר די נשמה־יתרה פון אונדזער פאָלק, און די דאָזיקע נשמה אינעם זשאַרגאָנישן בגד איז מיר זייער שווער זיך פאָרצושטעלן.

דאָס איז מיין מיינונג אַלס פּשוטער ייד, אַלס איינער פונעם פאָלק, וואָס ליבט דאָס פאָלק און זיינע טראַדיציעס און וועלכן עס איז שווער גלייכגילטיק צו פאַרטראָגן, בשעת ער זעט ווי דיזע טראַדיציעס, פאַר וועלכע אונדזער פאָלק האָט מיט אַזוי פיל בלוט באַצאָלט, ווערן לייכטזיניק אַוועקגעשאַפט, אָדער אַפילו גאָר אַראָפּגעווירדיקט. וואָס איר פרעגט אָבער מיין מיינונג אַלס **יידישער פּאָליטיקער**, מוז איך אייך זאָגן, אַז פאַר אַ פּאָליטיקער קענען די אָפּשטימונגען פון אַזעלכע קאָנפערענצן אין אַזעלכע איינשניידנדע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען קיין שום ווערט נישט האָבן. פאַר די פּאָליטיקער קען נאָר די צוקונפט באַווייזן, ווער פון די שטרייטנדע צדדים האָבן רעכט געהאַט, און אַזוי לאַנג ווי דער באַווייז פעלט, איז די טאַקטיק פונעם „יידישן קלוב“ די איינציק ריכטיקע: מיר האָבן איינפאַך שטענדיק געפאָדערט די רעכט פון **ביידע** אונדזערע שפּראַכן באַגלייך. זעט אַלע אונדזערע

אַנטרעגע און אינטערפּעלאַציאָנען, וועט איר שטענדיק דאָרט געפינען **העב־רעיִש נעבן יידיש**. און אַז מיר וועלן האַלטן ביים פאַרלאַנגען אַ נאַציאָנאַלע שולע, וועלן מיר אויך פאַרלאַנגען, אַז **אונדז** זאָל געגעבן ווערן דאָס רעכט צו באַשטימען, אין וועלכער קלאַסע און אויף וועלכער שפּראַך עס זאָל פאָרקומען דער אונטערריכט...

אָקטאָבער 1908

„די צוקונפט“, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1908, ז״ז 62—63:

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און מיר

די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ איז צונויפגעקומען אין טשערנאָוויץ, בוּקאָווינע, האָט דאָרטן „געטאַגט“ און איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, — קיינער באַשמעות ווייס ניט מיט וואָס. אַלץ וואָס איז דערווייל דאָ באַקאַנט געוואָרן איז, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי און י. ל. פּרץ און אַנדערע בריליאַנטע רעדנער און שרייבער האָבן אָן אַ מאַנדאַט פון עמעצן, אָן אַ באַשטימטן צוועק פאַר די אויגן, געהאַלטן פיינע רעדעס וועגן דעם, צי איז יידיש אונדזער פאָלקס־שפּראַך אָדער אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך און... דאַכט זיך ווייטער גאָרנישט.

עס איז אַפילו ניט זיכער, צי עס איז גאָר אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע מכח די אָרטאָגראַפיע (ספעללינג) אין אונדזער אָרעמען לשון, שוין גאָרניט רײדנדיק וועגן אַן אַלגעמיינע גראַמאַטיק וועלכע זאָל זיין בינדנד פאַר אַלע שרייבער.

מיר וועלן זיך דערצו מוזן אַליין נעמען, ווייניקסטנס בנוגע צו אונדז דאָ אין אַמעריקע. דער ערשטער אויפרוף פון דער „צוקונפט“ איז, דאָס איז אמת, געבליבן אַ קול קורא במדבר, אָבער מיר וועלן פּרובירן פונדאָסניי. לאָז נאָר דער קעמפיין אַריבערגיין.

עס קען אַזוי ניט בלייבן, דאָס איז זיכער, און מען וועט מוזן אויפוועקן די פיר טעגלעכע צייטונגען אין ניו־יאָרק און די אַנדערע אין שיקאַגאָ, סט. לויס און ווו נאָך עס מעגן זיך געפינען יידישע בלעטער. דאַן מוז צונויפקומען אַ שרייבער־קאָנפערענץ זיך צו אייניקן לכל־הפּחות אויף דאָס אויסלייגן. אַזוי פיל יידישקייט דאַרף זיין ביי אַלע ריכטונגען.

„טאָגבלאַט“, לעמבערג, נומ׳ 189, אָקטאָבער 1, אין אַן אַרטיקל „נאָך דער שפּראַך־קאָנפערענץ“ פון מאיר העניש (סטאַניסלאַוו):

... איינס מוז אָבער יעדן אויפפאַלן, — אַז אַפילו די אָפּטימיסטן, די צופרידענע זענען מודה, אַז די פילע מי און פינף־טעגיקע אַרבעט האָט נישט מער געבראַכט ווי אַ „קליין שטיקל פּאַפּיר“. איך וויל מיך איצט נישט אָפּ־

שטעלן דרויף, וויפיל אמת ס'איז דאָ אין דעם „אמת" וואָס שטייט אָנגעשריבן אויף דעם „קליינעם שטיקל פּאַפּיר" און וועלכן ווערט דאָס „שטיקל פּאַפּיר" וועט האָבן פאַרן רעאַלן לעבן. איך וויל נאָר פרעגן: רבותי, פאַרוואָס האָבן די לאַנגע הכנות, די פיל מי און פינף־טעגיקע אַרבעט" נישט מער געבראַכט ווי א „קליין שטיקל פּאַפּיר"?

און די תשובה אויף דער שאלה ליגט דוכט מיר נישט אין די אַלע תירוצים וואָס אַ טייל האָבן אַרויסגעקוועטשט, און אַפילו נישט אין דער פאַרשידנהייט פון די שטרעמונגען און ריכטונגען וואָס האָט זיך באַוויזן בײַ די קאָנפערענץ־טיילנעמער. זי ליגט פאַרגעוויס מער אין דעם אומבאַוווּסטן איבערבײַטן פון דעם פּראָגראַם אין דער טאָגעס־אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ. קלאָרער אויסגעדריקט: אין דעם חילוק צווישן דעם וואָס די קאָנפערענץ האָט געזאָלט טון און דעם וואָס זי האָט געוואָלט טון. וואָרים ווי מ'זאָל נישט דענקען איבער דער ראָלע וועלכע די יידישע שפּראַך פאַרנעמט און זאָל פאַרנעמען אינעם יידישן לעבן, מוז מען מודה זײַן, אַז פאַרן עצם פונעם יידישן לשון האָט דאָס פּראָגראַם וועלכעס מ'האָט תחילת מפרסם געווען געהאַט גראָד עטלעכע וויכטיקע פונקטן, בײַ וועלכע ס'וואָלט מעגלעך געווען אַ בשותפותדיקע אַרבעט פון אַלע, און די פאַרשידענע פּאַרטיי־שאַטירונגען און ריכטונגען וואָלטן נישט בולט אַרויסגעקומען. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט דאָס איז געווען די כוונה פון דער קאָנפערענץ, אָדער פונעם רוב פון אירע טיילנעמער.

... פרעגט זיך איצט: ווו אייגנטלעך ליגט די סיבה פון דעם פּראָגראַם־וועקסל?

אָט די שאלה איז די וויכטיקסטע, און ווײַל מיר ווילן זי נישט אָפּקוּמען מיט אַ פּוסטן אויבערפלעכלעכן תירוץ, מוזן מיר דאַן באַשולדיקן נישט די קאָנפערענץ־טיילנעמער, נאָר טאַקע די עסקנים און אײַנבאַרופער פון דער קאָנפערענץ, וואָס נאָר זיי, אויפבויענדיק די קאָנפערענץ אויף אַ שלעכטן יסוד און געבנדיק איר אַ נישט־געהעריקע פאָרם, האָבן דערצו גורם געווען. וואָרים ווען מיר וועלן אויך צוגעבן, אַז דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דעם יידישן איז שוין צוגעקומען צו דעם פונקט ווו די התחלה צו אַ געמיינזאַמער אַרבעט האָט געמוזט געמאַכט ווערן, אַזוי איז דאַרונטער גיכער צו פאַרשטיין געווען דאָס שאַפן פון אַן אַרט אַקאַדעמיע פאַר יידיש ווו ס'זאָלן האָבן צוטריט נאָר מוסמכים און קאָמפּעטענטע מענטשן, נישט אַ קאָנפערענץ פון וועמען ס'איז, אַבי נאָר ער באַצאָלט די פּאָר קרוינען.

און ווען דער ערשטער פעלער איז שוין געמאַכט, זענען באַגרײַפלעכערווײַזע נאָכגעקומען נאָך אַ פעלער און נאָך אַ פעלער. אַלס אַזעלכע איז אַנטשידן צו באַטראַכטן אויך די נײַ־געשאַפענע אָרגאַניזאַציע צוליב יידיש, אויף וועלכערס אָרט עס וואָלט גיכער געדאַרפט באַשאַפן צו ווערן אַ שריפטשטעלער־אָרגאַניזאַציע. אויסערדעם האָבן די איניציאַטאָרן און שעפער פון

אָט דער אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן, אַז זיי שאַפן אַ ווערק וועלכעס וועט זיך דאַן ווענדן הויפטזעכליך געגן זיי אַליין. ביז איצט זענען געמליך די דאָזיקע הערן געקומען מיט דעם „שלאָגנדן מאָמענט“, אַז 90 פּראָצ׳ פון יידישן פאָלק לעבן, טראַכטן און פילן אויף אונדזער מאַמע=לשון, ד״ה אַז די נישט=אָרגאַניזירטע אָרגאַניזאַציע פון יידיש אומפאַסט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק (ווייל די איבעריקע 10 פּראָצ׳ שפּילן באמת קיין ראָלע נישט). כהיום ווי לעכערליך וועלן זיי ערשיינען, ווען דורך דער אָרגאַניזירונג וועט די אָרגאַניזאַציע צוזאַמענשרומפּן צו אַ פּאָר הונדערט אָדער בעסטנפאַלס צו אַ פּאָר טויזנט מענטשן? און נישט נאָר לעכערליך וועט עס זיי מאַכן, נאָר עס וועט זיי אויך זייער אַ סך שאָדן צו דער פּאָליטישער אַנערקענונג צו וועלכער זיי שטרעבן אַזוי. דען די פּאָליטיק רעכנט זיך פּידוע מיט טרוקענע צאָלן, ווען אַזעלכע זענען נאָר פאַראַנען. ווי למשל דאָ קען אַלס יסוד נאָר דינען די מיטגלידער=צאָל פון דער אָרגאַניזאַציע...

אין „העולם“ נומ׳ 39, אָקטאָבער 2, שרייבט ד״ר י ע ק ב נ א כ ט (פּאָקשאַן) אין אַן אַרטיקל „ס׳ א י ז צ ײ ט צ ו ט ו ן“:

... איך באַטראַכט די האַנדלונג פון די זשאַרגאָניסטן אין טשערנאָוויץ פאַר אַ נאַציאָנאַלער באַליידיקונג, פאַר אַ שוואַרצן פלעק אין דעם בלאַט פון אונדזער נייער געשיכטע...

... צי איז גענוג, וואָס מיר וועלן די דאָזיקע רעזאָלוציע באַדויערן און זי אין האַרצן מבטל זיין? צי איז גענוג, וואָס מיר וועלן וויינען פאַרבאַהאַל=טענערהייט אויף אונדזער חרפּה, אין דער צייט וואָס די דאָזיקע זאַך איז גע=טאָן געוואָרן עפנטליך, פאַרן גאַנצן פאָלק?

צי איז גענוג, וואָס מיר וועלן איבערטראָגן אונדזער ווייטאָג בחדרי=חדרים און וועלן נישט צו וויסן געבן אונדזער צער אַלעמען? ניין! טויזנט מאָל ניין! די לעצטע זינד וואָלט געווען גרעסער פון דער ערשטער. אויב מיר וועלן אין אַזאַ צייט שווייגן, וועלן מיר נעמען אויף זיך אַ זינד וואָס וועט נישט קענען פאַרגעבן ווערן.

אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש, אַן איבערבייט פון די ווערטן. ס׳איז געקומען די צייט, ווען יעדערער וואָס האָט ליב זיין פאָלק מיטן גאַנצן האַרצן דאַרף מקדים זיין דעם „נעשה“ („מיר וועלן טון“) צו דעם „נשמע“ („מיר וועלן הערן“), דאַרף זיך פלייסן, אַז אַלע זיינע גוטע מחשבות וועגן דער צוקונפט פון פאָלק זאָלן זיך פאַראייניקן צו ט אַ ט...

צווי נאָטיצן אין „ד״ר ב י ר נ ב ו י מ ס וואָ כ ע נ ב ל אַ ט“ נומ׳ 5, אָקטאָ=בער 2, די ערשטע געחתמעט מ., די צווייטע—ד״ר ב י ר נ ב ו י ם:

מ י א ו ס ע פ אַ ק ט ן

ווי אַזוי מען זאָל זיך נוהג זיין מיט נאַציאָנאַלע דיכטער, באַדאַרף מען

זיך נאָר בײַ יידן לערנען. אין אַ גאַליציש שטעטל האָט זיך געטראָפן, אַז איינער פון די פאַנאַטיקער וואָס זידלען די העברעיִשע שפּראַך מיט זייער אָנהענגלעכקייט צו איר האָט צוגעשריגן אַשן: „גייט צוריק נאָך רוסלאַנד מיט אײַער פאַרשטונקענער שפּראַך!“ געשריגן האָט ער דאָס נאַטירלעך אין דער אייגענער „פאַרשטונקענער“ שפּראַך, וואָרן אַן אַנדערע קען ער דאָך נישט. אין דער זעלבער שטאָט איז עס געשען, אַז אַ צווייטער פאַנאַטיקער האָט אַשן געדראָט מיט שלעג, און ווי ער האָט וועגן דעם באַקומען אַן אמתן און געזונטן פּאַטש פון דעם הייסבלוטיקן דיכטער, האָט ער דאַן בײַנאַכט אַשן איבערפאַלן אויף דער גאַס און אים פון הינטן אַ קלאַפּ אויפן קאָפּ געגעבן. אויך אין דער אייגענער שטאָט האָט אַ דריטער פאַנאַטיקער פּרצן אָפּגעפּאַסט בײַם אָרגנס, ווי פּרץ איז אַוועקגעפאָרן, און אים געשריגן אין וואָגן אַרײַן: „פאָלקס־פאַררעטער!“ און נאָך אַזעלכע ווערטער. פּרץ האָט אַפילו געהאַט דעם קלוגן אײַנפאַל אים רויִק צו ענטפערן: „דערפאַר, יונגערמאַן, איז נישט כדאַי געווען אַזוי פרי אויפצושטיין!“ נאָר די עפנטלעכקייט טאָר דעם פאַקט און אַנדערע פאַקטן ניט אָפּמאַכן מיט אַ וויץ־ווערטל. אַזעלכע פאַקטן זענען סימנים פון אַ שווערער פאָלקס־קרענק, וועלכע קענען אַפילו דעם גרעסטן אָפּטימיסט צונעמען זײַן גלויבן אין דער צוקונפט. — — —

אמת, די אָנפאַלער זענען נישט די קליגסטע און אויך נישט די בעסטע פון זייער שטאָט, אָבער אַ שלעכטער סימן בלײַבט עס פאָרט, אַז אַזעלכע קאַרליקעס האָבן געהאַט די העזה אויף אַזאַ מיאוסן אופן אָנצופאַלן אויף גרויסע מענטשן.

נאָר איין טרייסט איז פאַראַן: אַז נישט אומעטום האָט זיך אַזוינס פאַסירט, אין אַ סך שטעט זענען די דיכטער אַפילו פון זייערע געגנער מיט גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ אויפגענומען געוואָרן.

די מויז

וואָס חידושן מיר זיך וועגן די דערמאָנטע געשעענישן? וואָס חידושן מיר זיך וועגן די פּאָר פאַנאַטיקער מיט די פאַרכמאַרעטע קעפּ, וואָס זיי האָבן זיך מיט זייערע הענט און מײַלער אויף פּרצן און אַשן געוואָרפן? זיי זענען דען פון דער לופט אַרויסגעוואַקסן? זיי האָבן דען נישט לערער געהאַט — מיט אַ פּאָר נידעריקע מדרגות קליגער, אָבער בטבע נישט פײַנער פון זיי, נאָר נאָך פאַלש דערצו?... נאָר אויף וואָס זאָל מען זיך דען ריכטן פון אַ מענטש וואָס האָט די אומגלייבלעכע העזה צו שרײַבן וועגן דער קאָנפערענץ גופא די פאָלגנדע ווערטער:

„די גאַנצע צײַט וואָס איך האָב מיך געפונען אויף דיזער „מערקווירדיקער“ קאָנפערענץ האָט מיך באַשעפטיקט איין הויפּטגעדאַנק: מיט וואָס פאַר אַ סאָרט חולאת האָבן מיר דאָ צו טון?... פאַר מיר, פאַרשטייט איר מיך,

איז געווען קלאָר, אַז די אַסיפה באַשטייט פון אַבנאָרמאַלע מענטשן פון ענטאַרטעטע יידן".

איצט איז קיין ספק נישט מער! פרץ, אַש, נאָמבערג, רייזען, זשיטלאָווסקי, מענדעלע וואָס האָט די קאָנפערענץ מיט אַ בריוו באַגריסט און איז נאָר דערפאַר נישט געקומען, ווייל ער איז צו שוואַך געווען צו פאָרן, שלום-עליכם וועלכן נאָר שלאַפקייט האָט צוריקגעהאַלטן פון קומען, דוד פינסקי און אַלכסנדר האַרקאַווי וואָס האָבן נישט געהאַט די צייט צו מאַכן די גרויסע נסיעה פון אַמעריקע קיין אייראָפּע, אָבער האָבן געשיקט זייערע צושטימונגען צו דער קאָנפערענץ, דינעזאָן, בעל-מחשבות און אַלע די אַנדערע שרייבער און כלל-טוער וואָס זענען מיט זייערע געפילן ביי אונדז אין טשערנאָוויץ געווען, — זיי אַלע זענען „אַבנאָרמאַלע מענטשן", „ענטאַרטעטע יידן", און נאָרמאַל און נישט ענטאַרטעט איז נאָר איין — משה קליינמאַן...

וועט איר זאָגן: ווער איז משה קליינמאַן?... וועל איך אייך ענטפערן: פּרוּווט און שטעלט אַרויף אַ מייזל אויף אַ עלעקטרישן קנאָפּ, צי עס קען נישט אַ גרויסע שיף אין די לופטן הייבן און צעברעכן?...

דאָס אומגליק איז, אַז די גרייזשעדיקע מויז זיצט אויף אַ עלעקטרישן קנאָפּ... אין דער רעדאַקציע פון אַ טאָגבלאַט.

„ד״ר בירנבוימס וואָכענבלאַט", נומ' 5, אָקטאָבער 2:

אַ בריוו צו דעם ציוניסטישן צענטראַל-קאָמיטעט אין גאַליציען

צו דעם געערטן צענטראַל-קאָמיטעט פון
דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין גאַליציען,
לעמבעריג

די איינרופער און סאָרבאַרייטער פון דער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ האָבן פון אָנהייב אָן שטרענג געהאַלטן אויף נייטראַליטעט קעגן אַלע יידישע פּאַרטייען. און אַזוי איז אויך די קאָנפערענץ גופא געפירט געוואָרן. אין אירע החלטות געפינט זיך נישט איין וואָרט וואָס זאָל זיין קעגן דעם פּרינציפּ.

דאָס גיט אונדז דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיך אויך קעגן אונדז באַגיין אויף דעם אייגענעם אופן. וואָס זעען מיר אָבער? אין אַ יידישער צייטונג, דעם לעמבעריגער „טאָגבלאַט", גייען שוין זייט חדשים אַרטיקלען — נישט פון אַ פּריוואַטן מענטש און נישט מיט אַ רויקער פּאָלעמיק, דאָס וואָלט אונדז נישט פאַרדראָסן — נאָר פול מיט שנאה, פול מיט נידעריקן לצנות, פול מיט זידלעריי קעגן דער יידישער שפּראַך-באַוועגונג, און געשריבן דווקא אין דער רעדאַקציע אַליין. אין דער לעצטער צייט האָט די דאָזיקע העצעריי דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכט אין אַ ציוניסטישן הויפּט-פּאַרטייבלאַט, מוזן אַרויסרופן אין דער באַפעלקערונג די מיינונג, אַז די ציוניסטישע פּאַרטיי-לייטונג האָט איר הסכמה דערצו געגעבן. מיר אָבער קענען דאָס בשום אופן נישט גלייבן. מיר גלייבן נישט, אַז איר זאָלט אייַנשטימיק זייַן מיט אַזאַ נישט-נאָבעלן אַרויסטרעטן קעגן ערלעכע קולטורעלע באַשטרעבונגען פון טויזנטער און טויזנטער יידן, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך אַ זייער גרויסע צאָל ציוניסטן.

מיר האָבן עס דעריבער געהאַלטן פאַר אונדזער חוב אייַך אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם וואָס עס טוט זיך אין אייַער פּאַרטיי-אָרגאַן „טאָגבלאַט", און מיר האָפן, אַז איר וועט דאָס נישט וויַיטער צולאָזן.

מיט גרויס דרך ארץ

דאָס ביוראָ פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך:

דוד טויביש — ד"ר נתן בירנבוים

דערוויַיליקער סעקרעטאַר — פּרעזידענט

טשערנאָוויץ, 30 סעפּטעמבער 1908.

אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", נומ' 190, אָקטאָבער 2, שרייבט יעקב פּאָמעראַנץ אין אַן אַרטיקל „פּראַקטישע אַרבעט":

„... לעולם קאָן דאַרין קיין מחלוקת נישט זייַן, אַז מען דאַרף דאָס יידישע פאָלק בילדן אין דער יידישער שפּראַך. פון אַ שיין געדיכט, פון אַ געדיכט מיט אַ ניטשע-מאָטיוו אַפילו, אָדער אַ שיינער טעאַטער-דיכטונג לעבט נישט אויף אַ פאָלק. מען מוז טאַקע דאָס אויך געבן, אָבער דער עיקר איז די בילדונג וואָס איז וויכטיק פאַר זייַן פּראַקטיש לעבן.

אַ ייד וואָס קאָן נאָר יידיש לעזן, אָדער וואָס וויל נאָר יידיש לעזן, מוז האָבן אויך יידישע רעכן-ביכלעך. ער דאַרף האָבן ספרים פאַר פיזיק, פאַר געשיכטע, פאַר לאַנדווירטשאַפט אאַז"וו. ער מוז האָבן אַ גוט לעזעבוך. די לעזער פון דער צייַטונג ווייסן שוין וואָס דאָס הייסט אַ לעזעבוך ובפרט אַ גוט לעזעבוך. מען וועט מיר ענטפערן, עס זענען דאָ ספרים און ביכער פאַר די וויסנשאַפטן, אָבער דער עיקר איז דאָך, אַז מען זאָל זיי קענען, דאָס פאָלק זאָל פון זיי וויסן, זיי זאָלן זייַן אין אַיעדן יידישן הויז.— אָט! איך וויל ערווייגען די לאַנדווירטשאַפט. מיט דער לאַנדווירטשאַפט, איז סטאַטיסטיש נאָכגעוויזן, באַשעפטיקט זיך אַ גרויסער פּראָצענט פון אונדזערע יידן, וויַיל אַלע דאָרפס-יידן און יידן פון די קליינע שטעטלעך האָבן צו שטיקלעך פעלד וואָס זיי באַאַרבעטן זיי. אַיעדער ווייסט, אַז די לאַנדווירטשאַפט איז אַ וויכטיקע וויסנשאַפט און טאַער האָט גוט געזאָגט: „די געשיכטע פון דער לאַנדווירשאַפט איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט". אַלע דאָרפס-יידן לעזן מייסטנס נאָר יידיש. קומט אַ שבת, אַ יום-טוב, זוכט דער

דאָרפס־ייד אַ יידיש געדרוקט ביכל, און אַליין האָב איך געזען, אַז די גרעסטע אָפּנעמער פון מעשה־ביכלעך און יידישע ראָמאַנען זענען די דאָרפס־יידן. אַ סך דאָרפס־יידן לעזן נאָך בכבודם ובעצמם די אַלטע צאינה־וראינה, אַבי נאָר זיי שעמען זיך נישט פאַר זייערע ווייבער. צום סוף זעט מען נישט און מען הערט נישט, אַז אַ דאָרפס־ייד זאָל האָבן אַ ביכל פון לאַנדווירטשאַפט אין דער יידישער שפּראַך. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן איבער כעמיע, פיזיק און אַנדערע פּראַקטישע לערנעכצן...

[ווייטער רעדט דער אַרטיקל־שרייבער וועגן דעם, אַז אין אַנדערע שפּראַכן זענען דאָ לעזע־ביכער וואָס זענען „אַ כל־בו, וואָס מען וויל איז אין דעם דאָ", און לייגט פאָר אַרויסצוגעבן אַזעלכע אויך אין יידיש. דערביי וועט אויך די שפּראַך באַרייכערט ווערן מיט טעכנישע אויסדרוקן און טערמינען.]

... אָט אַזעלכע און דעראַרטיקע פּראַקטישע אַרבעטן זענען מיר מחויב צו טון פאַרן פאָלק און זיין שפּראַך, און דאַדורך קאָן נישט און וועט נישט זיין קיין חלוקי־דעות צווישן זשאַרגאָניסטן און העברעיסטן, ווער עס ווינטשט דעם פאָלקס טובה וועט מיטאַרבעטן דאָס פאָלק צו בילדן און אים ניצליכע וויסנשאַפטן צוצופירן. די לופטיקע „טעאָריעס" אָבער מיט די אַבסורדישע „רעזאָלוציעס" זענען נאָר געאייגנעט אַרויסצורופן האַמפעריין און מחלוקתן אָן שום נוצן.

„טאָגבלאַט", לעמבערג, נומ׳ 191, אָקטאָבער 4, האָט איבערגעדרוקט, מיט גאָר קליינע סטיליסטישע שינוים, דעם גאַנצן לייטאַרטיקל פון „יידישעס טאַגעבלאַט" (זע ז׳ 224).

אין „רוזסוועט" נומ׳ 37, אָקטאָבער 7 (סעפּטעמבער 24), איז געדרוקט אַן אַרטיקל „באַמערקונגען" פון איבן־דאַוד [א. אידעלסאָן]:

... איך בין זיך מודה: ביז דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָב איך געלייגט אויפן צוזאַמענפאָר געוויסע האָפענונגען. צי איז דער זשאַרגאָן אַ געמישטע שפּראַך אָדער אַ ריינע, אַ נאַציאָנאַלע אָדער נישט קיין נאַציאָנאַלע,—דאָס איז נישט די זאַך פון צוזאַמענפאָר. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז פיל מיליאָנען יידן רעדן נאָר אויף דער דאָזיקער שפּראַך וועלכע בייטיקט זיך נישט אין אונטערשטיצונג דורך קיין שום רעזאָלוציעס. אַ שפּראַך — דאָס איז אַן אומבאַלעבטער געגנשטאַנד, זי פילט נישט קיין פרייד, נישט קיין ווייטאָג, און וועגן איר איז נישטאָ וואָס זיך צו זאָרגן. מען דאַרף אָבער זאָרגן פאַר יענע מענטשן וואָס רעדן אויף דער דאָזיקער שפּראַך, מען דאַרף זיי געבן די מעגלעכקייט צו באַקומען אויף אָט דער שפּראַך וויסן, אַנט־

וויקלונג. עס האַנדלט זיך נאָך נישט אין דעם, אַז אין אָט דער שפּראַך זאָלן זײַן די פערל פון דער שאַפונג אויפן געביט פון דער שיינער ליטעראַטור און מענטשלעכן געדאַנק. די דאָזיקע פערל זײַנען תמיד און אומעטום געווען אַ קנין נאָר פון אַ קליינער גרופע אויסדערוויילטע אינטעליגענטן. אָבער די פראָדוקטן פון קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן שאַפן דרינגען אַרײַן אין פאָלק אומדירעקט: דורכן לערער אין שול, דורך די תלמידים אין דער משפחה, דורך אַ גרויסער צאָל מיטעלע אינטעליגענטן און דער געזעלשאַפט. אַזוי שטייט די זאַך בײַ אַנדערע, ווו דאָס גאַנצע פאָלק פון אויבן ביז אַראָפ איז פאַראייניקט דורך איין שפּראַך. דאָס אומגליק פון יידישן פאָלק באַשטייט אין דעם, וואָס זײַן אינטעליגענץ איז לויט איר שפּראַך אָפגעריסן פון פאָלק. ס'איז נישט פאַראַן קיין זשאַרגאָנישער אינטעליגענט און אַזעלכער קען נישט זײַן. מען קאָן ביז אַ געוויסן גראַד ווערן אַ געבילדעטער מענטש קענענדיק בלויז די העברעיִשע שפּראַך, אויף וועלכער עס איז דאָ אי אַ קינדער-ליטעראַטור, אי אַ לערן-ליטעראַטור, אי אַ וויסנשאַפטלעכע, אָבער מען קאָן עס נישט ווערן קענענדיק בלויז דעם זשאַרגאָן, אויף וועלכן עס איז גאָרנישט נישטאָ. בכדי צו ווערן אַן אינטעליגענט, מוז מען ווילנדיק נישט ווילנדיק אַוועקגיין פון זשאַרגאָן, באַקומען מער קאָמפליצירטע פאָרשטעלונגען און אויסדרוקן פאַר זיי אין אַן אַנדער שפּראַך. דער זשאַרגאָן ווערט נישט אַרויסגעשטויסן, נאָר פאַרגליווערט אין קאָפ אין די פרימיטיווע רעמען אין וועלכע ער איז געווען קינדווײַז. קעגן דעם וועט קיין שום רעזאָלוציע נישט העלפן.

באַשאַפן אַ זשאַרגאָנישן אינטעליגענט און אַן אמתן זשאַרגאָנישן לייענער, וואָס זאָלן זײַן די פאַרמיטלער צווישן דעם דענקנדיקן טייל פון פאָלק און זײַן מאַסע — דאָס איז די אויפגאַבע פון אונדזער צײַט. און דאָס קאָן מען דערגרייכן נישט דורך רעזעסאַנסן און נישט דורך פײַערלעכע רעדעס, נאָר בלויז אויף איין וועג: געבן דער יידישער יוגנט די מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג, כאָטש עלעמענטאַרע, און דערגאַנצן זי דערנאָך אויף זשאַרגאָן. אײַנאָרדענען זשאַרגאָנישע שולן, אָוונט-קורסן אאַז"וו דאָרט ווו דאָס איז מעגלעך; אַרויסקריגן די מעגלעכקייט דערצו ווו דאָס איז דערווײַל נישט מעגלעך, — דאָס אַלץ איז אַן ענין פאַר געזעלשאַפטלעכע טוער. אָבער געזעלשאַפטלעכע טוער אַליין זענען אָנמעכטיק אין דעם פרט. די זאַך איז די, וואָס זשאַרגאָן איז דערווײַל נישט נאָר נישט קיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אויך בכלל קיין שפּראַך נישט. אַוודאי, אויף זשאַרגאָן רעדט מען; הייסט עס, עס איז אַ שפּראַך, אָבער בכדי ער זאָל ווערן די שפּראַך פון לימוד און לערנען, בכדי ער זאָל ווערן אַן אינסטרומענט פון פינקטלעכן, און נישט פון פאַרפלאָנטערטן דענקען וואָס ווערט אויסגעדריקט מער מיט דער הילף פון הענט און מימיק ווי פון ווערטער און רעגלמעסיק געבויטע זאַצן, דאַרף אָט די שפּראַך ווערן שטאַנדהאַפטיקער אין איר אינהאַלט און אין אירע פאָרמען. זשאַרגאָן אָבער איז ניט קיין שפּראַך, נאָר אַ דור-הפלגה, ווו יעדער

וואָס שרײַבט האָט זײַנע פאָרמען, זײַן סכום ווערטער, זײַנע כּללים פון בױ,
אַזוי אַז די זשאַרגאָניסטן גופא פאַרשטייען נישט איינער דעם אַנדערן. די
אויפגאַבע פון צוזאַמענפאָר איז געווען צו פיקסירן די שפּראַך, לכל־הפּחות
פאַרן לימוד, פיקסירן די גראַמאַטיק, די אָרטאָגראַפיע, אויסקלײַבן איי=
נעם פון די פילצאָליקע דיאַלעקטן פאַר אַ יסוד, באַשאַפן אַ לערן=, קינדער=
און פּאָפּולער=וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אד"גל. איך פערזענלעך ספק, צי דעם
צוזאַמענפאָר וואָלט געראָטן זיך אַן עצה צו געבן מיט די דאָזיקע אויפגאַבן,
און בכלל צי לאָזן זיי זיך באַשיידן. אָבער מיר וואָלטן געלויבט דעם צוזאַ=
מענפאָר פאַרן גוטן ווילן. דער זשאַרגאָן גייט מיט גיכע טריט צו זײַן אונ=
טערגאַנג: ער ווערט אַרויסגעשטופּט פון אונטן דורך די הערשנדיקע שפּראַכן
און פון אויבן פאַרדאַרבן אים אַלע אונדזערע מאָדערנע שרײַבער און „צוריק=
געקומענע" אינטעליגענטן וואָס שרײַבן אויף וואָס איר ווילט נאָר נישט אויפן
יידישן זשאַרגאָן. אָנשטאָט רעזאָלוציעס וואָלט איך פאַרווערט אונטער דראָונ=
פון טויטשטראָף נ. בירנבוימען צו שרײַבן אויף זשאַרגאָן (אויסער, פאַרשטייט
זיך, פּריוואַטע בריוו), און אַשן און ענלעכע אָן אַ לכתחילהדיקער גראַמאַטי=
קאַלישער צענזור.

און אָנשטאָט דעם האָבן זיך אין טשערנאָוויץ צונויפגעקליבן דערוואַק=
סענע קינדער און אײַנגעאָרדנט אַ ליבהאָבער=ספּעקטאַקל אויף צו פאַרווײַלן
דעם יידישן עולם. מען האָט זיך געקרימט, געקריגט ווענן פאַראַיאָריקן שניי,
דעקלאַמירט, געזונגען הימנען און געלאָזט פײַערווערק. און אין אָט דער גאַנ=
צער קאָמעדיע איז דאָ איין טיף=טראַגישע זײַט. ס'איז אַרויסגעטראָטן אויף
אויסן די יידישע אָנמעכטיקייט, אָדער די אָנמעכטיקייט פון אַ געוויסן טייל
זײַנעם, דאָס נישט ביכולת זײַן צו פאַרשטיין די סאַמע איינפאַכסטע זאַכן.
דאָס זענען בריות אויף צו שפּאַרן זיך, אויף אויפצוהייבן זיך אין די הינטער=
וואָלקנדיקע ספערן פון פרוכטלאָזע טעאָריעס, אָבער טון אַן אַרבעט געהער זיך
נישט אָן צו די דאָזיקע לײַט. איבעריקנס, דאָס, קען זײַן, דערקלערט זיך
מיטן צוזאַמענשטעל. בראָש פון צוזאַמענפאָר זענען געשטאַנען מענטשן, פאַר
וועלכע זשאַרגאָן איז אַן אויסגוויניקסטע מאַרקע, די איינציקע עטיקעטקע פון
זייער נאַציאָנאַליזם אָדער דעמאָקראַטיזם, אָט די אַלע „פּרינציפּיעלע" זשאַר=
גאָניסטן, מענטשן וואָס פאַרמאָגן אָנשטאָט לעבעדיקע מעשים בלויז טויטע
פּרינציפּן און פרוכטלאָזן פּלפּול.

אין „ר אַ ז ס ו ו ע ט" נומ' 37, אָקטאָבער 7 (סעפּטעמבער 24), געפינט זיך אַזאַ בריוו
מיט אַ תשובה:

אַ ב ר י ו ו אי ן ר ע ד אַ ק צ י ע

זייער חשובער ה' רעדאַקטאָר!

איך בעט געבן אַן אָרט אויף די שפּאַלטן פון „ראַזסוועט" מײַן פּאָלגג=

דיקער דערקלערונג. אין מיין באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער קאָנפע־רענץ פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין טשערנאָוויץ, וואָס איז געדרוקט אין די נומערן 32, 33, 34 און 35 „ראַזסוועט", האָט מען די יידישע שפּראַך אין טיטל משנה שם געווען אויף זשאַרגאָן, וואָס עס גיט די לעזער אַ גרונד צו מיינען, אַז איך געהער צו די וואָס באַטראַכטן אונדזער יידי־שפּראַך פאַר אַ זשאַרגאָן. די פּיליאָריקע פאָרשונג פון אונדזער שפּראַך האָט מיך געבראַכט צו אַ פאַרקערטן אויספיר, און מיין קוק איז קלאָר אַרויס־געזאָגט געוואָרן אין מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן („פריינד" פון 1907, נומ' 159 און 181, „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", בוך 4) און אין מיין רעפע־ראַט אויף דער קאָנפערענץ גופא. איך געהער אמת נישט צו די עקסטרעמע אָנהענגער פון יידיש[1] און בעת דער אָפּשטימונג איבער דער פּרינציפּיעלער רעזאָלוציע אין טשערנאָוויץ האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, דאָך אָבער אַזאַ איגנאָרירונג פון אונדזער מוטערשפּראַך[2], ווי עס דריקט זיך אויס אין וואָרט „זשאַרגאָן", האָב איך זיך אין מיינע בריוו צום „ראַזסוועט" נישט דערלויבט.

P. S. אומקערנדיק זיך איצט קיין רוסלאַנד פון דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך וואָס איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ, לייג איך פאָר מיין דינסט פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און פאַראיינען, וואָס באַציִען זיך סימ־פּאַטיש צו דער יידישער שפּראַך, אין לייענען רעפעראַטן וועגן דער געשיכטע פון דער שפּראַך און וועגן דער קאָנפערענץ דאָרט ווו דערויף איז דאָ די גע־העריקע דערלויבעניש.

איך בעט זיך ווענדן לויטן אַדרעס: שטאָט באָריסאָוו, מינסקער גוב', צו שמואל אייזענשטאַטן.

מיט פולקומער אַכטונג

ש מ ו א ל א י י ז ע נ ש ט אַ ט (בַּרְזֶל)

באָריסאָוו 9—IX.

פ ו ן ד ע ר ר ע ד אַ ק צ י ע : באַצייכענענדיק די יידישע (разговорно-еврейский) שפּראַך מיטן טערמין „זשאַרגאָן", דריקן מיר נישט אויס דורך דעם נישט קיין פילאָלאָגישע, נישט קיין וועלכע ס'איז אַנדער אורטיילונג. מיר באַצייכענען בלויז זאַכן מיט די נעמען אונטער וועלכע זיי זענען באַוווסט פון לאַנג, נישט צוקלערנדיק קיין נייע נעמען און נישט דורכפירנדיק קיין היס־טאָרישע אויספאָרשונגען וועגן זייער אָפּשטאַם. אונטער еврейскій языкъ פאַר־שטייען מיר דאָס וואָס איז אָנגענומען צו פאַרשטיין אונטערן וואָרט „העברעיִש", און דער טערמין іудейскій (יידיש) איז קיין איין רוסלענדישן לעזער נישט באַרשטענדלעך. רעדוצירן אָבער די פּרינציפּיעלע פראַגע וועגן דער ראָלע פון

---

[1] אין אָריגינאַל: разговорно-еврейскаго языка.

[2] אין אָריגינאַל: родного языка.

דער העברעיִשער שפּראַך און פון זשאַרגאָן צו דער פראַגע וועגן נאָמען איז כּל=הפּחות קורצזיכטיק.

אין „טאָגבלאַט“, לעמבערג, נומ׳ 193, אָקטאָבער 8, שרייבט מ. ק. אין אַן אַרטיקל „די יידישע עפנטלעכקייט און די „טשערנאָוויצער“:

... מענדעלע מוכר ספרים האָט ערקלערט געגנאיבער דעם שרײַבער פון דיזע צײַלן, אַז אין טשערנאָוויץ האָט מען געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים אונדזער הייליקן לשון און ער פרייט זיך זייער וואָס ער איז דאָרטן נישט געוועזן, ווײַל ער וואָלט דאָס געוויס נישט געקאָנט רויִק פאַרטראָגן...

... ח. נ. ביאַליק האָט באמת זייער ליב אונדזער יידיש לשון פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן עס אַלע ליב, מיר „די געגנער פון דער שפּראַך=באַוועגונג“. ער האָט אין לעצטער צײַט זייער אָפט געשריבן יידיש, און זײַן „לעצטעס וואָרט“ איז שוין אַרײַנגעדרונגען אין אַלע יידישע ווינקעלעך און איז הײַנט דאַכט זיך דאָס פּאָפּולערסטע געדיכט אין דער יידישער גאַס. נאָך טשערנאָוויץ איז ער אַרומגעגאַנגען זייער צעקאָכט און עפנטלעך אַרויסגעזאָגט, אַז ער פילט זיך פאַרשעמט, אַז עס לייגט זיך אים נישט די האַנט צו שרײַבן אַ יידיש וואָרט און אַז ער וועט אַ לאַנגע צײַט פילן אַ מין קאָנפוז צו שרײַבן יידיש...

„טעאַטער=וועלט“, וואַרשע, נומ׳ 1—2, אָקטאָבער 8:

נח פּרילוצקי, די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

דאָס רוב גרויסע היסטאָרישע געשעענישן זעען פון דער נאָענט אויס זייער אָרעם און קליין. מען הייבט אָן צו באַמערקן זייער אמתן ווּקס ערשט ווען זיי געהערן שוין דער פאַרגאַנגענהייט און ווען מען קוקט אויף זיי פון ווײַטער היסטאָרישער פּערספּעקטיווע. דאָס זעלבע — מיט דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אונדזער פּובליקום, ווי אויך די פּרעסע אונדזערע, זעען נאָר די אויסערלעכע אָרעמקייט אירע. מען טענהט: „אַ צופעליקע פאַרזאַמלונג... סך=הכּל 70 טיילנעמער“... אָבער נאָר דער צוקונפטיקער פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע וועט קאָנען קאָנקרעט אָפּשאַצן די ריזיקע באַדײַטונג פון דעם אָרעמען צוזאַמענקונפט.

די צוזאַמענרופער פון דער טשערנאָוויצער „פאַרזאַמלונג“ האָבן איר אַ נאָמען געגעבן: „קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך“, נאָר שוין דאָס פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ ערלויבט צו זאָגן, אַז דער נאָמען איז געווען אַ צו שמאָלער. אוןווירקלעך, אויף דער טאַגעס=אָרדנונג פון טשערנאָוויצער צוזאַמענפאָר זענען אויך געשטאַנען פראַגן וועגן דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ווי אויך וועגן יידישן טעאַטער. פון דעם איז צו זען, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנפערענץ פאַר דער יידישער קולטור בכלל, און נישט אַ צופאַל איז, וואָס זי איז אָרגאַניזירט געוואָרן

דורך דעם ווינער אַקאַדעמישן פֿאַראיין „יידישע קולטור“. פֿאַראַלגעמיינערנדיק דאָס פּראָגראַם און די אַרבעט פֿון דער קאָנפֿערענץ, קאָנען מיר גיין נאָך ווייטער און זיך אויסדריקן, אַז דאָס איז געווען אַ קאָנפֿערענץ פֿאַר דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער געגנוואַרט.

און טאַקע אָט אין דעם גרונד־צייכן און כאַראַקטער פֿון דער טשערנאָוויצער קאָנפֿערענץ זע איך איר קאָלאָסאַלע היסטאָרישע באַדײַטונג. די טשערנאָוויצער וואָך הייבט אָן, לויט מײַן טיפֿער איבערצײַגונג, אַ נײַע עפּאָכע אין אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. אין משך פֿון זײַן טויזנט־יעריקן ביטערן גלות האָט דאָס יידישע פֿאָלק מער געלעבט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט און מיט דער צוקונפֿט, ריכטיקער — מיט די טרוימען פֿון וועגן אַ בעסערע צוקונפֿט,—ווי מיט דער געגנוואַרט. די נאַציאָנאַלע געגנוואַרט האָט אים אינטערעסירט דאָס רוב נאָר מיט די נעגאַטיווע זײַטן—מיט די רדיפֿות און מיט דער נייטיקער זעלבסטשוץ קעגן זיי. אין די פּאָזיטיווע זײַטן פֿון זײַן געגנוואַרט האָט דאָס יידישע פֿאָלק צו ווייניק געגלייבט, דעריבער האָט עס זיי ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט געשענקט. דאָס נײַנצנטע יאָרהונדערט האָט אויפֿגעוועקט אונדזער נאַציאָנאַלעס זעלבסט־באַוווסטזײַן. מיר האָבן באַגריפֿן, אַז נאָר אַקטיווע זעלבסט־טעטיקייט און זעלבסט־הילף קאָן אונדז עפֿענען די טויערן צו אַ גליקלעכער צוקונפֿט. אָבער אויך אונדזערע אַקטיוו־קעמפֿנדע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס האָבן תּחילת אָנגעשטעלט זייער בליק נאָר אין די צוקונפֿט וואָס ליגט באַהאַלטן אין געהיימע נעפּלען. די ציוניסטן האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט באַקומען זיי דעם „טשאַרטער“ און פֿאַרלאָזן אַלע דעם פֿאַרשאָלטענעם יידישן תּחום. די בונדיסטן האָבן געגלייבט, אַז דער ערפֿאָלג פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע וועט אין איין מינוט מאַכן אַ סוף צו דער פֿאַרפֿלוכטער יידן־פֿראַגע. אונדזער נאַציאָנאַלע געגנוואַרט, באַזונדערס די קולטורעלע, האָבן ביידע לאַגערן איגנאָרירט.

די געגנוואַרט לאָזט זיך אָבער נישט איגנאָרירן. זי איז די בריק פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט צו דער צוקונפֿט, דאָס רעאַלע לאַבאָראַטאָריום אין וועלכן די פֿאָלקס־נשמה פֿאַרקערפּערט איר אינהאַלט אין רעאַלע פּראָצעסן און ערשײַנונגען. ווי טרויעריק די געגנוואַרט פֿון אַ פֿאָלק זאָל נישט זײַן, האָט זי, אויסער ליידן און צרות, אויך פֿ ר ײ ד ן אָדער לכל הפּחות די באַדערפֿעניש, דעם דאָרשט נאָך פֿריידן. און די געגנוואַרט פֿאָדערט, מען זאָל זיך צו איר באַציען נישט נאָר מיט אויפֿמערקזאַמקייט, נאָר אויך מיט ליבע; מען זאָל איר דינען, מען זאָל זיך צוהערן צו איר שטימע און אויספֿירן אירע פֿאַרלאַנגען. אַ פֿאָלק וואָס אינטערעסירט זיך נישט מיט זײַן געגנוואַרט איז נישט ווערט דעם נאָמען נ אַ צ י ע, ווײַל דער נאָמען באַדײַט אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, און דאָרט ווו דאָס לעבן באַשטייט נאָר אין האָפֿנונגען אויף די צוקונפֿט אָדער אין קאַמף פֿאַר די צוקונפֿט, איז עס נאָר אַ ש אָ ט ן פֿון לעבן, די ש אָ ל ע כ ץ פֿון לעבן.

זעען מיר טאַקע, אַז ווי די ציוניסטן און בונדיסטן האָבן זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער געגנוואַרט, האָט זי זיך מיט געוואַלד געריסן אין זייערע פענצטער, און זיי האָבן זי געמוזט — ווילנדיק נישט ווילנדיק — אָננעמען כאָטש אַלס שטיפקינד אין זייערע פּראָגראַמען. אַזוי איז אַנטשטאַנען די זאָגענאַנטע „געגנוואַרטס־אַרבעט" ביי די ציוניסטן און דאָס אַזוי־גערופענע „נאַציאָנאַלע פּראָגראַם" מיט דער „קולטורעלער אויטאָנאָמיע" ביי די בונדיסטן.

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ דאַרפן מיר באַטראַכטן אַלס אַ גלענצנדן באַווייז, וואָס דאַרף אונדז האַרציק דערפרייען, אַז די נאַציאָנאַל־קולטורעלע געגנוואַרט הייבט אָן צו פאַרנעמען ביים יידישן פאָלק דאָס אָרט וועלכעס קומט איר, אויב מיר אָנערקענען דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ מאָדערנע נאַציע. איך האָב גאָרנישט מורא צו זיין פּאַראַדאָקסאַל, ווען איך וועל זאָגן, אַז ערשט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ פאַרדינט דאָס יידישע פאָלק דעם נאָמען מאָדערנע נאַציע. די אָרעמע פאַרזאַמלונג אין דער רעזידענץ פון בוקאָווינע ערלויבט אונדז צו באַהויפּטן, אַז אונדזער פאָלק איז נישט אַן אויסגעטריקנטער ביינער־זאַק וואָס זשיפּעט קוים און האַלט זיך נאָר מיט די חלומות וועגן דער צוקונפט, — נאָר אַז עס איז אַ לעבעדיקער, אַ ביסל אַנעמישער, אָבער פאָרט צאַפּלדיקער, לעבנסדורשטיקער און לעבנספעיקער אָרגאַניזם, מיט אָדערן אין וועלכע עס איז נאָך דאָ גענוג בלוט. אַ כאַראַקטעריסטישעס און האַרמאָנישעס פּרעלודיום צו דער קאָנפערענץ איז געווען די קולטורעלע באַוועגונג וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד די לעצטע פאָר יאָר, מיט אירע „הזמיר'ס", דראַמאַטישע פאַראיינען, ליבהאָבער־טרופּעס, פאָרלעזונגען אאַז"וו. — די קאָנפערענץ האָט פאַראַלגעמיינערט די דאָזיקע באַוועגונג. אין דעם פאַקט אַליין וואָס די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען זע איך אַן עפנטלעכע ערקלערונג פון יידישן פאָלק,—יאָ, יאָ, פון יידישן פאָלק — אַז עס לעבט אויך מיט דער געגנוואַרט, און אַז ווי טרויעריק און שרעקלעך די דאָזיקע געגנוואַרט איז נישט, דאָך זענען אין איר דאָ אויך שיינע עלעמענטן, דאָך ליבן מיר זי, דאָך ווילן מיר זי איינאָרדנען, אַנטוויקלען, פאַרפיינערן. מען מאַכט אונדז פּאָגראָמען, אָבער דאָך, דעמאָלט ווען מען לאָזט אונדז צורו, ווילן מיר האָבן אַ יידיש טעאַטער, און דערביי אַ שיינס; אַ יידישע שפּראַך, און דערביי אַ שיינע; אַ יידישע פּרעסע, און דערביי אַ שיינע...

ווי גרויס און ערהאַבן די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז אַלס היסטאָרישער מאָמענט איז צו זען שוין פון דעם פאַקט, אַז איר איז געלונגען צו באַווייזן אַזאַ גרויסן נס וועלכן מען האָט ביז איצט ביי אונדז געהאַלטן פאַר אוממעגלעך: אין דער קאָנפערענץ האָבן אָנטייל גענומען מענטשן פון פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערצייגונגען, עס איז ווי פאַרווירקלעכט געוואָרן ישעיהו הנביאס אידיליע: וגר זאב עם כבש — אַ בונדיסט איז געזעסן

מיט אַ מזרחי און אַ פועל־ציון אין איין כנופיא, גערעדט וועגן געמיינזאַמע אינטערעסן און געמיינזאַמער אַרבעט — נישט עק וועלט? און האָט מען געקענט רעדן וועגן אַ יידישער נאַציע כל־זמן עס איז געווען אוממעגלעך אַזאַ באַווײַז פון נאַציאָנאַלער אַחדות? און מעג מען נישט זאָגן אין דעם זין, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַ מאָדערנע נאַציע ערשט נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ?

און האָט די יידישע געגנוואַרט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און האָט דאָס יידישע פאָלק זײַן ליבע איר געשענקט, האָט קודם־כל געמוזט אַרויפשווימען און אויפן ערשטן פלאַן אַרויסטרעטן די פראַגע וועגן דער יידישער שפּראַך, — ווײַל אין יידיש ליגט די נשמה פון געגנוואַרטיקן יידנטום, ווײַל יידיש איז ענג פאַרקניפּט מיט אַלע פראַגן פון געגנוואַרטיקן יידישן לעבן. אַנערקענען מיר די יידישע געגנוואַרט און איר נאַציאָנאַלן ווערט, מוזן מיר אַנערקענען אויך דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון יידיש אַלס קאָנקרעטע פאָרם פון געגנוואַרטיקן לעבן. און ווירקלעך, אַ טאַטזאַך איז דאָך, אַז 8 מיליאָן יידן רעדן איצט יידיש, אַז אַלע פאָרמען פון אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן ליגן איצט אין דעם זאָגענאַנטן „זשאַרגאָן". און דעריבער איז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אויך אַ אָביעקטיווער באַווײַז, אַז יידיש איז שוין אויסגעוואַקסן ביז דער גרייס און ביז דער באַדײַטונג פון אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, ד"ה אַז דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט אויסער דער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועלכע פאַראייניקט אים היסטאָריש, נאָך אַ נײַע, וועלכע פאַראייניקט אים אין זײַן געגנוואַרטיקער לעבעדיקער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ און וועלכע פאָדערט, אַלס אַזעלכע, מען זאָל זיך צו איר באַציען ערנסט, זי זאָל נישט זײַן קיין הפקר־זאַך און מען זאָל איר באַשאַפן די מעגלעכקייט פון האַרמאָנישער אַנטוויקלונג...

אָט ווי איך פאַרשטיי די היסטאָרישע באַדײַטונג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. איך ווייס, אַז זי איז דורכגעגאַנגען נישט אינגאַנצן אַזוי ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זײַן. די רעאַלע תנאָים פון אונדזער לעבן האָבן געפאָדערט, אַז די קאָנפערענץ זאָל בלײַבן אין די גרענעצן פון ריין פּראַקטישער אַרבעט, און זי איז אַרויסגעטרעטן אויף דעם גליטשיקן וועג פון פּרינציפּיעלע וויכוחים, בעסער געזאָגט — פון פּרינציפּן־רײַטערײַ און פון פּרינציפּיעלע החלטות. איך בין אַליין געווען קעגן דעם, האָב זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין אי אויף דער פאָר קאָנפערענץ, אי אין דער קאָנפערענץ גופא. איך ווייס אויך, אַז איבער די פאָלקאָם־איבעריקע, אומנוצלעכע און שעדלעכע דעבאַטן וועגן „העברעיש און יידיש" האָט די קאָנפערענץ פאַרלוירן אַ סך צײַט און האָט זייער ווייניק פּראַקטישע רעזולטאַטן געבראַכט. איך ווייס דאָס אַלץ. דאָס פאַרקלענערט אָבער גאָרנישט אין מײַנע אויגן די באַדײַטונג פון דער קאָנפערענץ וועלכע עפנט אַ נײַע עפּאָכע אין אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבן. יעדער אָנהייב איז פאַרבונדן מיט פעלערן. וויכטיק איז אָבער דער אָנהייב אַליין, דער אָנהייב אַלס אַזעלכער.

אין דעם זעלבן נומער 1—2 פון „טעאַטער-וועלט", אָקטאָבער 8, געפינען מיר:

ה. ד. נאָמבערג, צו וואָס „אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך"?

מיט דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע זענען פיל נישט צופרידן. ניט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצוענטפערן אויף לינקס און רעכטס און אָנווייזן די ריכטיקייט פון אונדזער שטאַנדפּונקט. די טענות זענען פיל און פאַרשידן, און אַם מייסטן שטיצן זיי זיך אויף אַלטע איינגעוואָרצלטע פאָראורטיילן, און אויף זיי צו ענטפערן איז נייטיק אַ באַזונדערע אויספירלעכע בראָשורע.

איך וויל דאָ נאָר אויפווייזן אויף איין גרויסן טעות וועלכן עס מאַכן אונדזערע האַלבע-פריינד האַלבע-געגנער, ווען זיי וואַרפן אונדז פאָר די פראַגע: צו וואָס — אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך?

אין דעם פּלאַן פון דער אַרבעט וואָס דאַרף געטאָן ווערן אויף דעם געביט פון דער יידישער שפּראַך זענען זיי מיט אונדז איינשטימיק. אַ גראַמאַטיק — אַ גראַמאַטיק; אַן אָרטאָגראַפיע — מהיכא-תיתי; קולטור און קונסט אויף יידיש — אַוודאי און אַוודאי. נאָר וואָס דען? צוליב דעם דאַרף מען נישט אָנמאַכן אַ רעש און אַנערקענען יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. די אַלע גוטע זאַכן לאָזן זיך טון „גלאַט אַזוי", אָן שום פאָרמולעס. מען קען זיי אַריינשמוגלען ווי אויסלענדישע סחורה, בגנבה, און שאַשטיל, קיינער וועט נישט האָבן קיין פּרעטענסיעס. די מילך וועט זיין גאַנץ און די קאַץ צופרידן.

די גרויסע חכמה פון די דאָזיקע קליינע קעפּלעך וויל פון גאָרנישט וויסן ווי נאָר פון „פּראַקטישער אַרבעט". זאָל זיין אַז יידיש איז אַ „גלות-שפּראַך", אַ „פאָלקס-שפּראַך", אַן „איבערגאַנגס-שפּראַך", אַ מיטל נאָר „צו בילדן דעם המון". וואָס שאַט עס? מיר ווילן האָבן אַ גראַמאַטיק, אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, קונסט און קולטור... און ווייטער פּטור! לאָזט צורו!

און אַז די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט זיי נישט געלאָזט צורו, נאָר פאַרקערט זי האָט געשטופּט אַ טראַכט צו טון וועגן דער פראַגע פון דער צוקונפט פון דער שפּראַך, וועגן איר באַדייטונג און אָרט אין יידישן לעבן — האָט זייער גרויסע חכמה אויסגעשאָסן מיט אַ פּראָטעסט:

אַבסורד! אַזאַ רעזאָלוציע קאָן גאָר נישט אָנגענומען ווערן. מילא, וועגן דער פאָרמעלער זייט פון דער רעזאָלוציע וואָלט איך מיך נישט געוואָלט שפּאַרן מיט די פּעטערבורגער חכמים. איך וואָלט זיי נאָר געוואָלט אָנווייזן, אַז די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן בשעת עס זענען דעבאַטירט געוואָרן די סטאַטוטן פון דער אָרגאַניזאַציע. אַ גרופּע מענטשן ווילן זיך אָרגאַניזירן, זאָגן זיי: אָט דאָס אַנערקענען מיר, דאָס פאָדערן מיר, ווער עס טראַכט ווי מיר, אָרגאַניזירט אייך מיט אונדז. איז דאָס אַן אַבסורד? אָדער אפשר אויך פאָרמאַל ריכטיק? זאָלן די שרייבער פון „פריינד" דעצידירן וועגן דעם. דאָס איז זייער פּראָפעסיע.

זייער גרויס אומצופרידנהייט, וואָס האָט געבראַכט צו די קרומע העוויות

פון דעם פראָפעס׳אָנעלן נאָכשפעטער הער R, שטאַמט אָבער נישט, ווי איך מיין, פון דער פאָרמאַלער זייט. מען דאַרף די אורזאַך פון זייער אומצופרידנהייט זוכן טיפער: אין דער אייבערפלעכלעכקייט פון זייער דענקען, אין דעם עצם מהות פון די קליינע קעפלעך מיט גרויסע חכמות.

אין דער צוקונפט פון דער יידישער שפראַך גלייבן זיי יאָ און גלייבן נישט, און מער נישט ווי יאָ. צי דאַרף די „אינטעליגענץ" אויפהערן רעדן אויף אַנדערע שפראַכן און אָנהייבן רעדן יידיש, אָדער דאַרף די שפראַך זיין נאָר פאַרן „פאָלק" און פאַר די געבילדעטע קלאַסן נאָר אַ מיטל אום צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן פאָלק?—זי דאַרף יאָ און דאַרף נישט און נאָך אַ מאָל: מער נישט ווי יאָ. צי דאַרף די שפראַך, ווי יעדע לעבעדיקע שפראַך פון אַ לעבעדיק פאָלק, ווערן אַ קולט פאַר זיך, אַ קולטור-ווערט פון ערשטער ראַנג און דאַרף אָפגעהיט צו ווערן און געפלעגט פון אַלע בעסטע קרעפטן פון פאָלק? — אפשר יאָ און אפשר נישט און דוכט זיך: ביים „פריינד" וועט איר גאַנץ גיך פועלן אויף נישט. אָט אַזוי זעט אויס זייער באַציִונג צו דער ערנסטער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון יידיש און איר באַדייטונג און איר אָרט אין יידישן לעבן.

און פונדעסטוועגן—אַ גראַמאַטיק, אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, קולטור און קונסט אויף יידיש — מהיכא-תיתי. די גרויסע חכמה פון די קליינע קעפלעך האָט איר שפריכוואָרט: אם לא יועיל לא יזיק, ד"ה עס קאָן דאָך נישט שאַטן, זאָל זיין.

נאָר צו וואָס זאָל מען באַשאַפן אַ גראַמאַטיק, אויב די שפראַך וועט נישט האָבן קיין קיום אויף לאַנג? צו וואָס שאַפן אַן איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע, אויב די שפראַך איז נישט מער ווי אַ מיטל צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די „מאַסן"? זאָל זיך יעדער געגנט, יעדע שטאָט שרייבן מיט איר אָרטאָגראַפיע. זאָל מען אין דרום-רוסלאַנד אַריינמישן אַלע מעגלעכע רוסישע ווערטער, און אין פוילן פוילישע, אַבי דער עולם זאָל פאַרשטיין; בכלל, אויב די שפראַך האָט קיין צוקונפט נישט, אויב זי דאַרף נישט אַנערקענט ווערן אויך פון דער אינטעליגענץ אַלס איר אייגענע שפראַך, אַלס איר, דער אינטעליגענצס, פסיכישע פאָרם, — צו וואָס די גאַנצע מי צו פאַרפיינערן די שפראַך און מאַכן פון איר אַן אייראָפעיִשע קולטור-שפראַך?

און די חכמים פון „פריינד" האָבן געגלייבט, אַז אין טשערנאָוויץ האָבן מיר זיך אַרומגעריסן וועגן אַ שטיקל כבוד פאַר דער יידישער שפראַך. אַנדערע האָבן איר געוואָלט געבן דעם טיטל „נאַציאָנאַלע", אַנדערע נישט מער ווי „פאָלקס-שפראַך", אַנדערע גאָר האָבן זי געזידלט מיט דעם שימף-וואָרט: „גלות-שפראַך". אין תוך אַריין אַנטהאַלט די פאָרמול „יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפראַך פון יידישן פאָלק" — אַ גאַנצן פלאַן פון אַרבעט, אַ סכעמאַ פון אַ נאַציאָנאַלעס קולטור-לעבן, אַן אַני-מאמין וועגן אונדזער נאַציאָנאַלן עקסיסטענץ אין אַלע לענדער וווּ מיר געפינען זיך אין גרעסערע מאַסן און רעדן

איין און די זעלבע שפּראַך. דערין איז עס געגאַנגען, און נישט אין דעם וואָרט און אין דעם כּבוד.

אויב מיר זאָגן: „יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק", הייסט עס, אַז מיר גלייבן, אַז דאָס צוקונפטיקע יידישע נאַציאָנאַלע לעבן וועט זיך אויסגיסן אין דער פאָרם פון אונדזער מאַמע-לשון; הייסט עס, אַז ביי אונדז דאַרף אויפצוהערן די טיילונג פון „אינטעליגענץ" און „פאָלק", אַז די ערשטע מוז ווערן פאָלקסטימלעך און האָבן די זעלבע שפּראַך פאַר איר אייגענעם געברויך וואָס דאָס פאָלק האָט; הייסט עס, אַז די שפּראַך מוז ווערן אַ קולט, אַ זעלבשטענדיקע ווערט אדג"ל, און ערשט דער-נאָך קומען מיר צו דעם באַשלוס, אַז עס איז נייטיק אַ גראַמאַטיק, אַן אָר-טאָגראַפיע אאַז"וו.

און אַנערקענט ווער נישט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך, דאַרף ער זיך באמת נישט קימערן וועגן איר פאַרפיינונג און פאַרשענערונג. אויפן ווינט וויל קיינער נישט זייען, און עס איז אויך נישט נוצלעך און נישט נייטיק דאָס צו טון. אַ שפּראַך וואָס זאָל ניט ווערן קיין קולט פאַרן פאָלק איז טאַקע נישט מער ווי אַ „זשאַרגאָן" און קאָן אויסקומען אָן גראַמאַטיק און אָן אַ אָרטאָגראַפיע.

עס וואָלט נישט געשאַט, אַז די חכמים פון „פריינד" זאָלן אַ טראַכט טון וועגן דעם.

און זאָלן זיי וויסן, אַז מיט „גלאַט אַזוי" און מיט אַ „וואָס-קאָן-דאָס-שאַטן"-געפיל קאָן מען אפשר אַרויסגעבן אַ צייטונג אין פּעטערבורג, אָבער נישט שאַפן קונסט און קולטור.

אין לעמבערגער „ט אָ ג ב ל א ט" נומ' 194, אָקטאָבער 9, איז געדרוקט אַן אַרטיקל פון מ. ק ל יי נ מ אַ ן אונטערן טיטל „ד י צ ע פּ ע ס ט ע ט ע":

... כּדי מיספאַרשטענדניסע צו פאַרמיידן, וויל איך שוין פון די ערשטע ווערטער באַטאָנען, אַז עס ליגט מיר גאַנץ ווייט די אַבזיכט, ד"ר בירנבוימס פאַרדינסטע און נאַציאָנאַלע לייסטונגען אַפילו נאָר צו פאַרקלענערן. איך פער-זענלעך בין אַפילו, אַלס ציוניסט, דעם ד"ר בירנבוים גאָרנישט שולדיק. דאַ-קעגן ווייס איך אָבער, אַז זייער פילע פון די עסטרייכישע און ספּעציעל פון די גאַליצישע ציוניסטן זענען אים שולדיק אַ גרויסן טייל פון זייער גייסטיקן פאַרמעגן. און ווייטער דאַרף מיט דער גאַנצער קראַפט באַטאָנט ווערן, אַז ד"ר בירנבוים איז אַ פּערזענלעכקייט פון גרויסער באַגאַבונג, און וואָס נאָך וויכ-טיקער איז: פון הערפאָרראַגנדער מאָראַלישער קראַפט און אומבאַהאַפטעטער ערלעכקייט. די עטישע ריינקייט פון זיין כאַראַקטער און די אומבאַשאָלטנהייט פון זיין גאַנצן לעבן-התנהגות האָבן אים פאַרשאַפט יענעם כּבוד און אַכטונג וואָס מיר אַלע פילן צו'ן אים. אַ מאַן וואָס האָט זיינע איבערצייגונגען קיינ-

מאָל נישט פאַרקויפט און וואָס האָט אונטער די שווערסטע אומשטענדן פון זיין פריוואַט־לעבן נישט אויף אַ מינוט פאַרגעסן אָן זיין חוב צום כלל פון זיין אומה פאַרדינט פון דעם דאָזיקן כלל געשעצט און געאַכטעט צו ווערן.

און דערפאַר טאַקע איז ביי אונדז ד״ר בירנבוים אַ חשוב קינד, אַ געצערטלטעס און אַ געקעכלטעס. מיר האָבן אים אָבער שוין צו שטאַרק צעפעסטעט. ער האַלט זיך שוין כמעט פאַרן זויערטייג פון דער גאַנצער אומה, און אַלע אַנדערע מיטגלידער מעסט ער נאָר לויט דעם ווי וויט זיי זענען אָנגעברייט צו פאָלגן אָדער נישט צו פאָלגן זיינע דרכים. ד״ר בירנבוים האַלט שוין דערביי, אַז ער מיינט ערנסטלעך, דאָס אין זיין האַרץ לויפן זיך צונויף די פעדעם פון אַלע יידישע הערצער און אַז די רעיונות וואָס ווערן געבוירן אין זיין מוח זענען עס בעצם די רעיונות פון כלל־ישראל...

געגן אַזאַ געפערלעכער זעלבסט־איבערשעצונג—געפערלעכער נאָך דערפאַר, ווייל אַרום אים האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט אַ גרופּקעלע יונגעלייטלעך וואָס טיילן די דאָזיקע איבערשעצונג און וואָס אַלעס וואָס גייט אַרויס פון בירנבוימס מויל איז שוין ד ר ו ם הייליק, ווייל עס גייט עבן פון „זיין“ מויל — אָט געגן דיזן פערזאָנען־קולטוס איז צייט אַרויסצוטרעטן און די אילוזיאָנען צו צעשטרייען!

איך בייג מיך פאַר בירנבוים דעם מ אָ ר אַ ל י ש ז ו י ב ע ר ן כ אַ ר אַ ק ט ע ר, איך הייב אָפּ דעם הוט פאַר בירנבוים דעם טיכטיקן, אומערמידלעכן און ריזיק פיל לייסטנדן נאַציאָנאַלן אַגיטאַטאָר; איך שטעל אָבער אין פראַגע בירנבוימס א ו י ט אָ ר י ט ע ט און האָב די „העזה“ צו ערקלערן בירנבוים ד ע ם ד ע נ ק ע ר אַ ל ס אַ ג אַ נ ץ אַ ל ט ע ג ל ע כ ע מ י ט ל מ ע ס י ק י י ט...

אין לעמבערגער „ט אָ ג ב ל אַ ט“ נומ׳ 195, אָקטאָבער 11, איז איבערגעדרוקט פון פעטערבורגער „ס ר ײ נ ד“:

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם, ק ה ל ת און „מ אַ מ ע ־ ל ש ו ן“

אַ קורצינקע הקדמה.

ליגנדיק אויף דעם קראַנקן־בעט אין דער באַרימטער שטאָט באַראַנאָוויטש (באַרימט דערמיט וואָס זי שטייט אינדרויסן), בין איך די לעצטע צייט געווען נישט אין באַראַנאָוויטש נאָר אין טשערנאָוויץ, דאָס הייסט דער זינדיקער גוף האָט זיך געוואַלגערט דאָ, נאָר די נשמה איז געווען דאָרטן, דאָרטן אין דער פרייער בוקאָווינע, אויף דער ערשטער יידישער שפּראַךקאָנפערענץ. די גאַנצע וואָך פון דער קאָנפערענץ בין איך געווען אין דער גרעסטער אויפרעגונג, די טעמפּעראַטור האָט זיך געהעכערט ביי מיר פון טאָג צו טאָג, דער הוסט האָט זיך געשטאַרקט און דער אַפּעטיט איז געפאַלן; מיין דאָקטאָר איז געווען אויסער זיך! פון דער ערשטער ערעפענונגס־רעדע וואָס מיין גוטער פריינד ד״ר בירנבוים האָט אָפּגעהאַלטן אין אונדזער מאַמע־לשון

האט זיך מיין טערמאמעטער פון אזא מאמע=לשון באלד געגעבן א הייב זעקס צענטל. נאכדעם, אז עס איז געקומען צו די היציקע דעבאטן: וועלכע איז די נאציאנאל=שפראך, העברעיש אדער „זשארגאן", האט זיך מיין טעמפעראטור געהעכערט און געהעכערט. און אז עס איז געקומען צו דער געוויסער „רעזאלוציע" בשעת מיין פריינד און קאלעגע י. ל. פרץ האט זיך געשלאגן מיט אלע כוחות פאר העברעיש און די פרוי אסתר האט זיך אנגענומען די קריוודע פון פראלעטאריאט, און ווער שמועסט שוין, אז איך האב דערהערט דעם קוש פון שלום אש מיט אברהם רייזען — דעמאלט האט מיין טערמאמעטער באוויזן כמעט 40, אזוי אז מיין דאקטאר האט זיך אזש דערשראקן! קוים אבער האט זיך די שפראך=קאנפערענץ געשלאסן און די דעלעגאטן זענען זיך צעגאנגען (איך זאג „צעגאנגען", נישט „צעפארן", מחמת „צעפארן" איז זיך נאר איין שלום אש; די איבעריקע זענען אלע געגאנגען צופוס), האב איך זיך בארויקט און ס'איז מיר אריין אין קאפ א מחשבה, איך זאל נאכטון מיין קאלעגע שלום אש. מיין קאלעגע שלום אש האט גענומען אויף זיך „איבערטראגן די אוצרות פון לשון=קודש אין יידיש" און דערווייל „געפרווט" איבערזעצן אין „מאמע=לשון" „רות". איך וויל אויך פרווון איבערזעצן אין דעם זעלבן מאמע=לשון „קהלת", נאר אזוי ווי איך בין איצט מישטיינס געזאגט א חולה און שלום אש איז קיין עין=הרע א געזונטער (זאל ער זיין געזונט), וועט מן=הסתם קיינער נישט מאכן קיין פארגלייך צווישן אונדזערע איבערזעצונגען. אויך וועט מען נישט האבן צו מיר קיין טענות, וואס איך גיב מיינע לעזער דערווייל נאר דאס ערשטע קאפיטל. די איבעריקע קאפיטלעך, האף איך, וועלן נישט אנטלויפן און קיינער וועט זיי נישט אויסכאפן.

איי, טאמער וועט זיך געפינען א בעלן וואס וועט זיי יא וועלן אויסכאפן — אדרבא, זאל ער פרווון כאפן!...

שלום=עליכם.

באראנאוויטש (מינסקי גוב').

אין לעמבערגער „טאגבלאט" נומ' 196, אקטאבער 13, איז אפגעדרוקט א רעצענזיע „אונדזער נאציאנאל=שפראך" פון מ. פ. ז—ן איבער דער בראשור: משה קליינמאן: אונזער נאציאנאל-שפראך, אדעס תרס"ט, פערלאג „ציוניסטישע קאפיקע-ביבליאטעק", 28 זייטן. מיר ברענגען דא אייניקע אויסצוגן פון דער רעצענזיע:

... ווען מיר זעען איצט, אז איינער פון אונדזערע פובליציסטן האט גענומען דאס ווארט צו דיזער פראגע... מוז דאך זיין צו דעם א געוויסער גרונד, א באזונדערע אורזאכע.

און דיזע אורזאכע זעט מען טאקע באלד ארויס. זי איז: די אייניקע נייע געדאנקען וועלכע ה' קליינמאן וויל אנווייזן בכדי צו „געפינען דעם דרך, דורך וועלכן זי (די פראגע) לאזט זיך ווי געהעריק באטראכטן".

און דער דרך וואָס ה׳ קלײנמאַן ווײַזט אונדז איז נישט דער ביז-איצ-טיקער פֿון „אָדער—אָדער״, זאָנדערן דער דאָזיקער פֿון „ווי—אויך״. ער זאָגט נישט, אַז מיר מוזן זיך האַלטן בײַ איין שפּראַך, ער רעדט נישט מיט שׂנאה צו איינער פֿון אונדזערע ביידע שפּראַכן. אדרבא, ער האָט ביידע ליב, ער געפֿינט פֿאַר ביידע אַ געוויסן אָרט אין אונדזער לעבן, נאָר איז איינע פֿאַר אים די נאַציאָנאַל-שפּראַך, אַ „געטרײַע מאַמע״, די צווייטע איז די „בעסטע האַרץ-פֿרײַנדין״...

„די געטרײַע מאַמע״ — איז העברעיִש, „די בעסטע האַרץ-פֿרײַנדין״ — איז דאָס יידישע...

... [ער באַווײַזט] אַז אין פֿאָלק איז נישט פֿאַראַן דאָס געפֿיל, אַז דער זשאַרגאָן איז אַ שאַפֿונג פֿון אונדזער אייגענעם גייסט, און דעריבער „וועקט זיך בײַ אים נישט קיין געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט און אַכטונג צו דעם דאָזיקן פֿרעמדן לשון״...

... „אין די ווערטער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך זענען אײַנגעזאַפּט אַלע זאַפֿטן פֿון אונדזער געשיכטלעכן לעבן, און אין זיי זענען אָפּגעבילדעט אַלע קריצן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער נשמה״ און דערום „באַנוצן מיר זיך שטענדיק מיט העברעיִשע ווערטער דאָרט וווּ מיר ווילן אויסדריקן עפּעס אַ געפֿיל, אַ מחשבה. בפֿרט ווען דאָס געפֿיל אָדער די מחשבה איז אין איר מהות נאַציאָנאַל, ווען זי שטאַמט פֿון דער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע״...

... [פֿון אַ גאַנצער רײ טעמים קומט דער מחבר צום אויספֿיר:] אונדזער נאַציאָנאַל-שפּראַך איז העברעיִש, און נאָר העברעיִש!

און די יידישע שפּראַך?

„קיין נאַציאָנאַל-שפּראַך איז זי לעולם נישט״, אָבער ווײַל עס איז דאָך אַ פֿאַקט, אַז כּך-וכך מיליאָנען רעדן יידיש, מוז זי שוין פֿאַר אונדז ליב זײַן אַלס אַ האַרץ-פֿרײַנד און זי איז אויך פֿאַר אונדז זייער נוצלעך ווײַל „מען האָט די מעגלעכקייט אין איר צו מאָלן דאָס לעבן און דאָס שטרעבן פֿון די מאַסן״ און „זי פֿאַרמאָגט אַ ריזיקע אַגיטאַטאָרישע קראַפֿט״...

„טאָגבלאַט״, נומ׳ 198, אָקטאָבער 15:

אריה ליבל טוביש, וועגן דער יידישער שפּראַך-קאָנפֿערענץ[1]

וועגן דער יידישער שפּראַך-קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ לויפֿן אַרום זייער אַ סך „שלאָגווערטער״, וואָס האָבן אָנגעאַרבעט אַזוי פֿיל פֿאַרווירונגען

---

1 אויף פֿאַרלאַנגען פֿונעם געערטן שרײַבער און ג״ג דרוקן מיר זײַן צימליך לאַנגן אַרטיקל פֿול-אינהאַלטלעך און לע״ע אָן יעדער באַמערקונג, כאָטש אין אייראָפּע איז דווקא אַ מנהג, אַז מען גיט די תשובה נצ״ו. אונדזער ענטפֿער פֿאַרשיבן מיר ביז צום נעכסטן נומער. — די רעדאַקציע.

און פאַרדרייעניש, ממש ווי בײַם דור־הפלגה. אַלס אַ טײלנעמער פון דער קאָנפערענץ און אַלס אַזאָלכער וואָס מ׳קען אים נישט פאַר אַן „עוכר ישראל", וואָס זאָל וועלן דאָס ביסל יידישקייט וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך — חלילה עוקר מן השורש זײַן, וויל איך מיר ערלויבן די זאַך אויפצוקלערן, כּפי איך פאַרשטיי זי און כּפי איך האָב זי אויפגעפאַסט ניט נאָר פון צײַט דער שפּראַך־קאָנפערענץ, נאָר צײַט אַ משך פון אַ צוואַנציק יאָר.

איך האָף, אַז די רעדאַקציע וועט זײַן אַזוי לאָיאַל און געבן געלעגנהייט מײַן מיינונג צו פאַרעפנטלעכן. אפשר וועט דאָס די פאַרווירונג אויפקלערן און די גרויסע, נאָך מײַן מיינונג אומזיסטיקע אויפרעגונגען באַרויִקן.

איך מוז אָבער, בכדי דער גאַנצער ענין זאָל בעסער אויפגעפאַסט ווערן, אַ ביסל צוריקגרײַפן.

נאָך פאַר אַ צוואַנציק יאָר, בשעת מיר זענען נאָך געווען אין גאַליציען אַ האַלב מנין ציוניסטן, דאָס הייסט מיר זענען געווען עטלעכע יידן וואָס האָבן אָנגעהויבן נאָכדענקען איבערן גורל פון אונדזער פאָלק, איז ערשינען די ערשטע בראָשירע וואָס האָט זיך געווענדעט צום יידישן פאָלק, „דער קאָנטשיג" האָט זי געהייסן, געשריבן פון ד"ר אַברהם קאָרקיס און ד"ר מרדכי עהרענפרײַז (זיי זענען נאָך דעמאָלט קיין דאָקטוירים ניט געווען) — אויף יידיש! מיר האָבן זיך דעריבער גאָרניט מפלפל געווען, עס איז בײַ אונדז געווען אַ דבר הפשט, אַז יידן (אין גאַליציען און בוקאָווינע) רעדן יידיש — ובכן, אויב מיר ווילן עפּעס טון פאַרן יידישן פאָלק, אויב מ׳וויל עס אויפמונטערן, אויפוועקן, אין זײַנע אָפּגעשטאָרבענע בײַנער אַרײַנברענגען אַ פרישן רוח־חיים, אַזוי מוזן מיר מיט אים רעדן אין זײַן לשון, דאָס הייסט אין אונדזער לשון.

אינעם יאָר 1890 האָבן מיר שוין געהאַט אַ קליין שטיקל אָרגאַניזאַציע און אַן אייגן בלאַט, „די יידישע פאָלקס־צײַטונג" אין קאָלאָמיי, רעדיגירט פון ה׳ דוד ישעיה זילבערבוש, האָבן מיר שוין אַגיטירט דערפאַר, אַז בײַ דער דעמאָלסטיקער פאָלקס־ציילונג זאָלן מיר זיך באַקענען צו דער יידישער שפּראַך, ווײַל מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער יסוד פון דער אַנערקענונג פון דער יידישער נאַציע. אָן פיל חקירות און אָן אַ סך פּילפּולים האָבן מיר דעם אייגפאַכן אמת אויפגעפאַסט, אַ יעדע נאַציע מוז האָבן אַ שפּראַך וואָס זי רעדט אויף איר, ניט נאָר וואָס [אויף איר] זענען געשריבן די ספרים פון דער באַטרעפנדער נאַציע. — און אַזוי ווי אַכטהונדערטטויזנט מענטשן אין די דערמאָנטע לענדער רעדן יידיש, ניט דײַטש, ניט פּויליש און ניט רוטעניש, בכן רעכענען מיר זיך ניט צו דער דײַטשער, פּוילישער אָדער רוטענישער נאַציע, נאָר מיר זענען אַ באַזונדערע נאַציע יידן.

דער שרײַבער פון די שורות האָט דעמאָלט געשריבן אַן אַרטיקל אין דער „יידישער פאָלקס־צײַטונג" אונטער דעם מאָטאָ: ואל היהודים כּכתבם וכלשונם, וועלכער איז פון פּרעס־קאָמיטע, וואָס האָט געהאַט זײַן זיץ אין

לעמבערג, שטאַרק געליבט געוואָרן און האָט זייער שטאַרק עושה רושם געווען.

יידיש שרייבן און יידיש רעדן האָט ביי אונדז קיינמאָל ניט געהייסן קעגן העברעיש, נאָר קעגן דייטש, קעגן פּויליש וכדומה. דאָס איז געווען אונדזער שטאַנדפּונקט פאַר צוואַנציק יאָר, און אויף דעם שטאַנדפּונקט שטיי איך נאָך עד היום הזה. מיר זענען ניט קיין דייטשן און ניט קיין פּויליש — ווייל מיר, ס׳הייסט דאָס פאָלק, דער המון, די גרויסע מאַסן פונעם יידישן עולם אין די לענדער רעדן נישט דייטש און ניט פּויליש, מיר זענען יידן — ווייל מיר רעדן יידיש! אפשר וועלן מיר אַמאָל רעדן העברעיש. יאָ, איך בין פעסט איבערצייגט, אַז מיר וועלן אין ארץ־ישראל זיכער רעדן העברעיש, דאָס איז אָבער פאַר אַלע פאַלן אַן עסק וואָס דאַרף נאָך דויערן מער פון ימים־ושנים. מיר קענען און ווילן אָבער בשום־אופן אויך ניט אויפגעבן אונדזערע נאַציאָ־נאַלע רעכט דאָ אין די לענדער ווו מיר וווינען, ווו מיר צאָלן שטייערן, ווו מיר פאַרגיסן אונדזער בלוט — און דאָ מוז זיין דער יסוד פון אונדזער נאַ־ציאָנאַלער עקסיסטענץ ניט דאָס לשון וואָס מיר וועלן אַמאָל רעדן, נאָר דאָס לשון וואָס מיר רעדן שוין, אונדזער יידיש!

איך מוז אַריבערשפּרינגען די גאַנצע אַנטוויקלונג אין אַ משך פון צוואַנציק יאָר וואָס איז צוואַר שטאַרק נוגע צום ענין, דאָס לאָזט זיך אין אַ צייטונגס־אַרטיקל ניט אויספירן, דעריבער וואָלט מען באַדאַרפט שרייבן גאַנצע ביכער. איך וועל איצט, נאָך דער איינלייטונג, איבערגיין צו דער קאָנפערענץ.

ד״ר נתן בירנבוים, איינער וואָס איז געווען אונדזער מורה־דרך נאָך פאַר עטלעכע און צוואַנציק יאָר און מיר, ניט דווקא די „תינוקות שנשבו בין הגוים“, ווי ה׳ משה קליינמאַן מיינט, נאָר טאַקע מיר אַלע עלטערע ציוניסטן אין גאַליציען און בוקאָווינע, זענען זיינע תלמידים, אָט דער ד״ר נתן בירנבוים — צום געגנזאַץ פון אַנדערע וועסטלעכע נאַציאָנאַלע יידן און ציוניסטן, אָן אַ חילוק וואָס פאַר אַ שטעלונג זיי האָבן אין דער פּאַרטיי און אין דער באַוועגונג — האָט פון תמיד אָן אַ גאַנץ באַזונדערע אַהבה און אָנ־הענגלעכקייט צו אונדז פשוטע יידן פון אָסט, אָדער ווי מ׳רופט אונדז מיט אַ גאַנץ באַזונדער פאַראַכטונג: „פּוילישע יידן“. צו אונדז אַזוי גוט ווי צו אונדזער יידיש לשון, וואָס די וועסטלעכע דייטשן רופן עס אָן מיט עבען אַזאַ פאַראַכטונג „זשאַרגאָן“.

ד״ר בירנבוים, אַזוי לאַנג ער האָט נאָך געוווינט אין ווין, האָט ער באַשטענדיק געקעמפט פאַרן כבוד פון די „פּוילישע“ און פאַרן כבוד פון אונדזער לשון. בכדי די „דייטשן“ זאָלן האָבן געלעגנהייט קענען צו לערנען ניט נאָר דעם אָרעמען אָפּגעריסענעם פּוילישן, ד״ה יידישן הויזירער, וואָס שטייט אפשר מאָראַליש פיל העכער פון זיין פאַראַכטער — זאָנדערן דעם פּוילישן מזרח־ייד מיט זיין גייסט און זיין ליטעראַטור, האָט ער איינגעפירט די באַקאַנטע „יידישע אַבענדע“ און נאָך אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווו מען האָט

געהאט א געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן, אז מיר, די „פאלנישע", זענען חלילה ניט קיין פראָים איבער וועלכע מען דארף מאכן א ברכה „ברוך משנה הבריות", אז אונדזער גייסט, אונדזער נשמה, אונדזער דענקען און אונדזער פילן איז אמתדיק יידיש. און אויב מיר זעען היינט, אז די דייטשן דארט אויבן ווייזן ארויס אן אינטערעס פאר א יידישן דיכטער, פאר א יידישן שריפטשטעלער, אזוי מוזן מיר מודה זיין, אז א גרויס חלק, אפשר דאס גרעסטע, האט דרינען אונדזער אמתער פריינד ד"ר נ. בירנבוים!

ער איז אבער אין זיין ווערק קאנסעקווענט ווייטער געגאנגען: באם מיר זענען יא א באזונדערע נאציע און מיר רעדן אונדזער לשון, א באזונדער לשון, אזוי זענען מיר מחויב דאס לשון אויפצוהייבן אויף א העכערער מדרגה. מיר מוזן עס אנטוויקלען, אויספיינערן, אויסבעסערן און איבערהויפט פאר אים ערקעמפן די אנערקענונג און גלייכבארעכטיקונג. דאכט זיך א פאר־האבען וואס קיינער פון אונדז נאציאנאלע יידן און ציוניסטן קען גארניט דאקעגן האבן; אדרבא, מיר מוזן אזא איידל, אזא יידיש, אזא נאציאנאל פארהאבען אונטערשטיצן מיט אלע אונדזערע כוחות. און דער אנהייב פון דער וויכטיקער פאלקס־ארבעט איז געווען די יידישע שפראך־קאנפערענץ. ווער ס'האט פארפאלגט די גאנצע אנטוויקלונג פון דער קאנפערענץ אן שום פניות און אן שום פאראורטיילן אקעגן דער זאך אליין און קעגן דעם איניציאטאר ד"ר בירנבוים, דער מוז מודה זיין, אז דער צוועק פונעם גאנצן איז געווען צו שאפן אן ארגאניזאציע פאר אט די אלע פראקטישע ארבעטן. ניט חלילה אפצושאפן העברעיש, ניט מבטל צו זיין דאס טייערע לשון־קודש פונעם כל־נדרי, ניט צו פארבייגן די הייליקע העברעישע שפראך פון דער גמרא (אזוי שטייט בפירוש געשריבן אין א יידיש וואכנבלאט וואס דערשיינט אין גאליציע און שרייבט זיך אויף דייטש און דרוקט זיך מיט יידישע אותיות) וכדומה די אלע שלאגווערטער, וואס מ'ווארפט בכוונה צווישן דעם פאלק אום צו שאפן א פארווירונג און אומזיסטיקע אויפרעגונג.

אמת איז, און דערמיט בין איך אויך איינפארשטאנדן געווען, אז ביי דער קאנפערענץ האט מען זיך צו פיל באפאסט מיט טעארעטישע חקירות, מיט וויסנשאפטלעכע פילפולים וואס זענען לא מעלה ולא מוריד. אז מ'וויל אבער אומפארטייאיש אורטיילן, איז דאס ערשטנס א מין מנהג ביי אלע קאנפע־רענצן און קאנגרעסן, אז מען שלאגט זיך ארום טאג און נאכט איבער פראגן וואס האבן אייגנטלעך גאר קיין ווערט ניט — אזוי ווי למשל די באקאנטע וויכוחים און דעבאטן אויף עטלעכע קאנגרעסן וועגן דער „קולטור־פראגע", צווייטנס איז דער ד"ר בירנבוים אם אלערווייניקסטן דערפאר פאראנטווארט־לעך—ווייל ניט ער און ניט זיינע פריינד און ניט זיינע אנהענגער האבן די וויכוחים ארויסגערופן. אדרבא, ער און מיר אלע מיט אים זענען געווען דא־קעגן און האבן ווירקלעך באדויערט וואס מ'פארברענגט די צייט מיט יעדן

מין טענהן אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע קאָנפערענצן, און ניט מיט דער פּראַק־טישער אַרבעט, אַזוי ווי מיר האָבן עס געווינטשט.

איצט קום איך צום אייגנטלעכן „פאַרברעכן" וואָס די קאָנפערענץ האָט באַגאַנגען — און וואָס דעריבער מאַכט מען דעם ד"ר בירנבוים ללעג ולקלס און מען העצט קעגן אים אָן אַלע יידן פאַר וועלכע ער איז זיך מוסר נפש זייט ער לעבט, זייט ער דענקט און פילט.

די קאָנפערענץ האָט געפאַסט אַ רעזאָלוציע, אַז זי אַנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאָדערט אירע פּאָליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע גלייכבארעכטיקונג. אָט אין דער רעזאָלוציע (וואָס כפי יעדער טיילנעמער האָט זיך איבערצייגט, אַז ד"ר בירנבוים און מיר אַלע זיינע פריינד האָבן זי איבערהויפּט ניט באַאַבזיכטיקט, מחמת מיר אַלס עלטערע פּראַקטישע מענטשן ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַזעלכע און ענלעכע „רעזאָלוציעס" האָבן קיין שום פּראַקטישן ווערט ניט און אונדז האָט זיך דאָ געהאַנדלט דווקא אין פּראַקטישער אַרבעט, ניט אין רעזאָלוציעס) לערנט מען פירושים און מען זאָגט אויף איר תלי־תלים של פּשטלעך און מען מאַכט אָן אַ רעש, אַ ווירוואַר צווישן יידישן עולם: אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, הייסט דאָס, אַז העברעיש איז ניט מער אונדזער נאַציאָ־נאַלע שפּראַך, הייסט עס, אַז מ'וויל, יידן זאָלן קיין העברעיש ניט לערנען, וכדומה בילבולים איבער בילבולים, פאַרליימדונגען, און דער שעיר המשתלח איז ווייטער ד"ר נתן בירנבוים.

איך ווידערהאָל: איך מצדי בין מיט רעזאָלוציעס בכלל און מיט דעם נוסח פון דער רעזאָלוציע בפרט ניט גאַנץ איינפאַרשטאַנדן געוועזן. איך וואָלט געווען צופרידענער געווען, ווען דער פאָרשלאָג פונעם ד"ר בירנבוים וואָלט אָנגענומען געוואָרן: די קאָנפערענץ פאָדערט פאַר דער יידישער שפּראַך די פּאָ־ליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע גלייכבארעכטיקונג. דאָ וואָלטן מיר ניט געווען געגעבן קיין פּתחון־פּה דעם שטן און קיינער וואָלט ניט געווען געהאַט וואָס צו זאָגן און וואָס צו רעדן און ס'וואָלט ניט געווען קיין שום אָנטשעפעניש אָן דעם אומשולדיקן ד"ר נתן בירנבוים. מ'וואָלט ניט געקענט אים אונטערשיבן „טענדענצן", דאָס הייסט שלעכטע מחשבות וואָס זענען אים אַפילו אין חלום ניט פאָרגעקומען — וואָרים אין עצם הענין איז דאָך אייגנטלעך יאָ דער אמת, אַז מיר רעדן יידיש, בכן איז — לאָז זיין לעת־עתה — אונדזער שפּראַך יידיש, און דערויף געשטיצט פאָדערן למשל די יידיש־נאַציאָנאַלע ציוניסטישע סטודענטן, אַז מען זאָל זיך אינסקריבירן אויף דער אוניווערסיטעט: „מוטער־שפּראַך—יידיש".

איך ווייס אָבער ניט וואָס צווינגט אונדז צו לערנען איבערגעקערטע פּשטים און מאַכן אַזעלכע פירושים, אַז מיר זאָלן קענען ערלעכע, גוט־מיינענ־דיקע מענטשן בחינם פאַרליימדען. דאָס פירוש פון דער רעזאָלוציע איז פאַר מיר אָן פאַר נאָך זייער אַ סך אַנדערע, וואָס ווילן ניט זוכן קיין חסרונים

דאָרט ווו זיי זענען ניטאָ, גאַנץ פּשוט: די קאָנפערענץ אַנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַל=שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, בכן זענען מיר יידן אַ נאַציע וואָס מיר רעדן אונדזער אייגענע שפּראַך; בכן פאָדערן מיר איר פּאָליטישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע גלייכבאַרעכטיקונג.

וואָס פאַר אַ ווערט אַזאַ באַשלוס קען האָבן, ספּעציעל ביי אונדז אין עסטרייך, ווען אַלע יידן אין גאַליציע און בוקאָווינע זאָלן זיך אין דעם זינען אָרגאַניזירן, טאַקע אַזוי ווי דער ה׳ קליינמאַן באַהויפּטעט, אַז פאַר ד״ר בירנבוים איז דער עיקר די אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען ניט אַ סך אויסאַנאַנדערזעצן, און מיר ציוניסטן האָבן ערשט ניט לאַנג, בעת דער רוטענישער אַבגעאָרדנטער ראָמאַנטשוק האָט אינעם פּאַרלאַמענט פאַרלאַנגט, אַז ביי אַ נאַציאָנאַלן וואַל=קאַטאַסטער זאָל מען די יידן ניט צורעכענען צו די פּוילן, מחמת זיי זענען אַ באַזונדערע נאַציע, ווייל זיי רעדן יידיש, אים פון איבעראַל געשיקט אַנערקענונגען און דאַנקשרייבן. אַ סימן, אַז ער האָט גערעדט אין אונדזער גייסט און האָט דאָס פאַרלאַנגט וואָס איז אויך ניצלעך פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ.

ווו ליגט אַלזאָ דאָס געפערלעכע, אַז מיר באַהויפּטן, אַז יידיש איז דאָס לשון פון אונדזער נאַציע? וועגן וואָס איז מען אַזוי מרעיש=עולמות? ווייל ד״ר בירנבוים באמת „ברעכן דאָס יידנטום" דערמיט, וואָס ער האָט אַזעלכע געפערלעכע „טענדענצן" צו ערקעמפן די אַנערקענונג פון דער יידישער נאַציע אויפן יסוד פון דער יידישער שפּראַך? אַז מ׳וויל ניט דווקא זוכן צו פאַרליימדן אַ מענטש וואָס אָפּפערט דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיין פאָלק, קען מען בשום=אופן אויף ד״ר בירנבוים ניט שרייבן, אַז זיינע טענדענצן זענען אַן אָנגריף אויף דער גאַנצקייט פון אונדזער אומה און אויף דעם הייליקסטן וואָס מיר פאַרמאָגן.

הלוואַי וואָלטן מיר יידן פאַרמאָגט אַ סך אַזעלכע אָנגרייפער! מיר דאַרפן זיך אַקעגן זיי לחלוטין גאָרניט ווערן.

אין „טאָגבלאַט", לעמבערג, נומ׳ 199, אָקטאָבער 16, גייט די תשובה פונעם רעדאַקטאָר משה קליינמאַן:

אַ תשובה ה׳ ליבל טויביש

... אַז אויף יידיש האָבן געשריבן און גערעדט אַלע פריינד פונעם יידישן פאָלק, אַז מ׳האָט קיינמאָל ביי אונדז ניט געהאַלטן די אַרבעט פאַר יידיש אַלס אַ פיינדזעליקייט קעגן העברעיִשן וכדומה באַדאַרף אונדז ה׳ טויביש ניט ערשט אָנהייבן צו דערציילן. אויך דער שרייבער פון די צייל[ן], וועלכער האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו אַרבעטן אין דער קאָלאָמייער סביבה, האָט אויך נאָך פאַר צוועלף יאָרן אין אַן אַנדער ווינקל פונעם יידישן גלות איינגעזען, אַז מען מוז שרייבן יידיש פאַר יידן, און ער האָט אויך געשריבן.

ביי דער מיינונג איז געבליבן ניט נאָר הער טוביש, נאָר נאָך עמעצער, און מען שרייבט בה"ש יידיש אין אַלע יידישע לענדער, און ציוניסטן גיבן אַרויס צייטונגען אויף יידיש — און קיינעם פאַלט ניט איין קעגן דעם אויפצוטרעטן; אַדרבא, פון אַלע זייטן געפינט די אַרבעט וואָלוואָלנדע אַנערקענונג. אָבער טאַקע דערפאַר געפינט זי אַנערקענונג, ווייל קיינעם פאַלט ניט איין אויסצוגעבן דאָס יידישע לשון פון גלות אַלס די נאַציאָנאַל־שפּראַך פון יידישן פאָלק, אַלס ערזאַץ אויפן אָרט פון העברעיש.

... איך גיי דערפאַר איבער גלייך צום עצם הענין, וועגן וועלכן די מחלוקה גייט אָן: איז עס באמת נאָר אַ פאַרליימדונג וואָס מיר באַהויפּטן, אַז די טשערנאָוויצער „טענדענצן" זענען געווען קעגן העברעיש און אַז זיי ווילן אונדז געבן דעם זשאַרגאָן דורכויס אַלס ערזאַץ פאַר העברעיש? איז אמת דאָס וואָס ה' טוביש באַהויפּטעט, אַז אַזאַ כוונה האָט די קאָנפערענץ ניט געהאַט און אַפילו די באַרימטע „רעזאָלוציע", מיט וועלכער ה' טוביש גופא איז איבעריקנס ניט איינפאַרשטאַנדן, איז גאָרניט אַזוי געפערלעך און יעדנפאַלס ניט קיין אָנגריף אויף דער גאַנצקייט פון אונדזער אומה? אָט די פראַגן וועלן מיר אונטערזוכן.

פאַר דער קאָנפערענץ נאָך איז אין „טאָגבלאַט" געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון ד"ר דוד שרייבער מיט אַ תמעוואַטער שאלה, וועלכע זענען עס די „טענדענצן" פון דער קאָנפערענץ, וועלכע זענען שוין פון לכתחילה אָן פעסטגעשטעלט און וואָס ווער ס'איז אין זיי ניט מודה קען קיין מיטגליד פון דער קאָנפערענץ ניט זיין. דערויף איז געקומען באַלד אַ קלאָרע תשובה פונעם פאָרבאַרייטנדן ביוראָ (אונטער לייטונג פון ד"ר בירנבוים), לויט וועלכער די אַנערקענונג פון יידיש אַלס נאַציאָנאַל־שפּראַך איז ערקלערט געוואָרן אַלס גרונט־באַדינגונג פאַר אַלע קאָנפערענץ־טיילנעמער. אַלזאָ, נאָך פריער גאָר איידער די קאָנפערענץ גופא האָט אַזאַ החלטה אָנגענומען!

דאַקעגן האָט דאָס ביוראָ ניט געפונען פאַר נייטיק אַפילו צו ענטפערן אויף אַן אַנדער שאלה פונעם „טאָגבלאַט": פאַרוואָס מעגן אין דער קאָנפערענץ טיילנעמען גראָד נאָר זשאַרגאָנישע שריפטשטעלער און ניט אויך העברעישע? און איך דערמאָן מיך דערביי אַ זייער אינטערעסאַנטע מעשה.

מיט אַ פאָר יאָר צוריק האָט די געזעלשאַפט „סיני" פאַרעפנטלעכט איר פּראָגראַם, און דאָרט איז געווען אויפגעוואָרפן דער געדאַנק וועגן צונויפרופן אַ קולטור־קאָנגרעס. דאָס דאָזיקע פּראָגראַם האָט איבערגעלייענט אויך ד"ר בירנבוים, און לערנענדיק דעם פשט, אַז דאָס מיינט מען נאָר העברעישע שריפטשטעלער, האָט עס אים אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, און אין זיין קריטיק אויף דעם דאָזיקן פּראָגראַם (אין פּראַסטיגס פּאַראַיאָריקן קאַלענדאַר) האָט ער דעם „סיני" שטאַרק אָנגעגריפן פאַר אַזאַ מין סעפּאַראַטיזם. מען האָט אַלזאָ געקאָנט מיינען, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט ד"ר בירנבוים נאָך געדענקען זיינע אייגענע ווערטער און ער וועט אַזאַ סעפּאַראַטיזם ניט באַטרייבן. אָבער

ווען זשע? ווען די „טענדענצן" וואָלטן ווירקליך געווען פרידליכע און ניט
ווי זיי זענען באמת געווען.

און אַז די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן און ה' אַש האָט געענדערט
דעם נאָמען פון זיין רעפעראַט וועגן „איבערטראָגן די נאַציאָנאַל=גיטער פון
העברעיִש אין יידיש" — צי איז דען ניט קלאָר געווען פאַר יעדן וואָס ער
מיינט? פריער האָט דער רעפעראַט געהייסן: „וועגן פאַרטייטשן דעם תּנ"ך אויף
יידיש". ביי דער קאָנפערענץ איז פּלוצים געוואָרן דערפון אַן „איבערטראָגונג".
ווער עס קען יידיש רעדן ווייס, אַז „איבערטראָגן" איז עפּעס אַנדערש ווי
„פאַרטייטשן", אַז איבערטראָגן טראָגט מען איבער דאָס ביסל פאַרמעגן פון
אַ שלעכטער דירה אין אַ בעסערער און אַז נאָכן איבערטראָגן זיך וויל מען
וועגן דער אַלטער דירה זיך ניט מער קימערן... איבעריקנס האָט ה' אַש פון
זיינע מחשבות קיין שום סוד ניט געמאַכט; ער האָט גאַנץ אָפן זיי אַרויסגע=
זאָגט, און קיינער פון די טיילנעמער האָט אין זיי קיין שום אַנשטאָס ניט
געפונען. ווו זייט איר אַליין געווען, געערטער ה' טויביש, ווען אַש האָט
באַהויפּטעט, אַז כּל=זמן יידן האָבן גערעדט העברעיִש האָבן זיי אַפילו נאָך
זייער יידישן גאָט ניט פאַרשטאַנען און אַז ערשט דעמאָלט איז דער יידישער
גאָט געבוירן געוואָרן ווען יידן האָבן אויפגעהערט צו רעדן העברעיִש? פאַר=
וואָס האָט איר ניט דאַקעגן פּראָטעסטירט און פאַרוואָס האָט דאַקעגן ניט
פּראָטעסטירט קיינער פון דער פאַרזאַמלונג?

און דאַקעגן, אַז ה' הייזלער איז אויפגעטראָטן מיט זיין פראַגע פאַר=
וואָס דער פּראָגראַם=אַנטוואורף פון פּרץ דערמאָנט ניט קיין וואָרט וועגן דער באַדיי=
טונג פון העברעיִש אין אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור, און אַז ער האָט דערביי
אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק (ביי וועלכן עס האַלטן זיך אַ סך פריינד פונעם
יידישן לשון), אַז אונדזער הייַנטיק לשון איז אַ פּראָדוקט פונעם גלות און
האָט בכל=אופן ניט יענעם נאַציאָנאַלן ווערט וואָס העברעיִש, — זייט איר אַלע
געוואָרן מלא=חמה און מאַנכע פון אייך האָבן זיך אויף אים געוואָרפן אַפילו
אים צו שלאָגן. פאַרוואָס האָט איר, ה' טויביש, דעמאָלט ניט גענומען אין
שוץ אָט דעם אויפריכטיקן מענטשן, וועמעס אַנזיכט שטימט געוויס מער אי=
בערייַן מיט אייַערע קאָלאָמייער טראַדיציעס ווי די הייַנטיקע טשערנאָוויצער
„טענדענצן"...

... נאָר וואָס דען האָט איר אונדז געטאָן אַ חסד? איר האָט באַשלאָסן,
אַז „יעדער מעג זיך דענקען איבער העברעיִש וואָס ער וויל". אַלזאָ אויך דאָס
מעג ער דענקען, אַז העברעיִש איז אַ שפּראַך פאַרן בית=הקברות!... יידיש מוז
יעדער ייד — און אַפילו אַ בוכאַרער, אַ שפּאַניאָל, אַן ענגלענדער, אַ פראַנ=
צויזישער, אַ דייטשער, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין יידיש ניט גערעדט —
זיי אַלע מוזן עס אַנערקענען אַלס אַ נאַציאָנאַל=שפּראַך; דאַקעגן העברעיִש
מוז מען ניט, נאָר עס איז ערלויבט...

יידיש, וואָס האָט אונדז געגעבן ביזאַהער עטלעכע מאָגערע בענדלעך

פון מיטלמעסיקע (אינעם אייראָפּעיִשן זינען) שאַפונגען, מוז יעדער ייד אָנער־
קענען אַלס אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, אַלאַ ניט, גייט ער אַרויס (לפי דעתכם) פון
כלל־ישראל; און העברעיִש, וועלכע האָט אונדז געגעבן אַ ריזיקע ליטעראַטור,
וועלכע האָט אונדז געגעבן דאָס מיט וועלכן מיר שטאָלצירן פאַר דער גאַנ־
צער וועלט, וועלכע האָט אויף אונדז אויפגעפּרעגט דעם נאַציאָנאַלן שטעמפּל —
מוז מען ניט אָנערקענען, מען מעג זיך באַציִען צו דעם לשון ווי צו אַ פרעמ־
דער זאַך, מען מעג עס פייַנט האָבן און דאַצו חוזק מאַכן; מען מעג טרעטן
מיט די פיס אַלע זייַנע הייליקטימער, מען מעג פאַרליימדן זייַנע לערער און
באַשימפּן אַלע זייַנע טיכטיקסטע אַרבעטן — און דאָך איז מען אַ כשרער ייד,
דען אַזוי האָט איר געפּסקנט אין טשערנאָוויץ מיטן כוח פון די גרעסטע
פּוסקים אין יידנטום — ה׳ נתן בירנבוים, ה׳ שלום אַש, ה׳ אַברהם רייזען
און האשה הצנועה מרת אסתר!

אָדער אפשר פילט איר ניט, ווערטער ה׳ טויביש, אַז גראָד אין דער
החלטה פון „פריַלאָזן יעדן צו דענקען איבער העברעיִש וואָס ער וויל" ליגט
די גרעסטע באַליידיקונג פאַר העברעיִש און אַ פאַרלעצונג פון אונדזער
חשובסטן נאַציאָנאַלן הייליקטום? אויב איר פילט דאָס ניט, זייַט איר, אַלס
ציוניסט, טאָפּלט צו באַדויערן...

„סאָציאַלדעמאָקראַט", קראָקע, נומ׳ 42, אָקטאָבער 16:

אַ. רייזען, אָפּקלאַנגען פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

מזל טוב! ר׳ משה קליינמאַן איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד און האָט
זיך גענומען פאַר זייַן שטענדיקער אַרבעט אין „טאָגבלאַט": צו שימפּן, צו
פאַרליימדען און רכילות צו טרייַבן.

געבראַכט האָט ער נישט קיין גוטע בשורות. דער זיידע מענדעלע זאָל
לעבן איז אויף דער עלטער שטאַרק בייז אויף די יונגע, וואָס זיי האָבן
אָנערקענט יידיש פאַר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. „אַ מעשה! אַ מעשה", שרייַט דער
זיידע: „די שקצים זאָלן מיר אַזוי אָפּטון. מיר, וואָס איך האָב געשריבן ווינטש־
פינגערל, די קליאַטשע, שלמה ר׳ חיימס — ווערק וואָס וועלן אייביק לעבן
אין דער יידישער ליטעראַטור — מיר זאָל מען אַזוי אָפּטון און קרענקען די
שפּראַך אין וועלכער איך האָב די אַלע ווערק געשאַפן, פאַר אַ נאַציאָנאַל־
שפּראַך און דאָס העברעיִשע איינגאַנצן מבטל זייַן, ווערנד איך האָב אין לשון־
קודש געשריבן דעם „אָבות ובנים", אַ ווערק וואָס איז שוין לאַנג פאַרגעסן
געוואָרן און קיינער וויל עס אַפילו איצט אין האַנט אַרייַן נישט נעמען..."

און ביאַליק — ברענגט אונדז ווידער אַ שלעכטע בשורה דער שליח
קליינמאַן — ביאַליק דראָט, אַז ער וועט מער נישט נעמען די פעדער אין
האַנט אַרייַן יידיש צו שרייַבן... און דאָס דערמאָנט אונדז יענעם „קלוגן"

חתן וואָס האָט זיך אײַנגעעקשנט און נישט געוואָלט גײן צו דער חופּה, טענהנדיק אַז די כּלה איז צו שײן. אין אַ זשאַרגאָן איז ביאַליקן יאָ אָנגעשטאַנען צו שרײַבן, אין אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך אָבער וויל ער נישט: ס׳פּאַסט נישט פאַר אים — די כּלה איז צו שײן...

די לעצטע בשורה וואָלט אַפילו גאַנץ טרויעריק געקלונגען, ווען די יידישע ליטעראַטור וואָלט געדאַרפט אַרויסקוקן נאָר אויף ביאַליקס אַ געדיכט. דאָס גליק איז נאָר, וואָס די יידישע שפּראַך איז יונג, געזונט און פריש און האָט אַ סך ליבהאָבער מיט וועלכע זי לעבט גאַנץ בשלום, און ווי מ׳זאָל נישט שעצן ביאַליקס טאַלענט, וועט זי אָן אים גלײַך פאַרגעסן, ווען מאָריס ראָזענפעלד, יהואָש, אײנהאָרן און אַ גאַנצע רײע יונגע זינגער וועלן אָנהייבן זייערע יונגע זיסע לידער צו קנאַקן...

ווידער האָט ר׳ משה קלײנמאַן געבראַכט אַ בשורה, אַז די גאַנצע יידישע פּרעסע איז קעגן דער רעזאָלוציע, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך. אויסער — מוז ער נעבעך מודה זײַן — די סאָציאַליסטישע בלעטער, „בײַ וועלכע ברעכן דאָס יידנטום איז כּמעט אַ פּראָגראַם־פּונקט”... און דאָס דערמאָנט אונדז אָן די „עכט־רוסישע לײַט” וואָס זאָגן פּונקט די זעלבע וועגן די רוסישע פרײַהייטס־קעמפער, אַז זיי ווילן ברעכן דאָס רוסנטום. נישט אומזיסט רופן מאַנכע אין רוסלאַנד די ציוניסטן: „עכט־יידישע לײַט”. זייער טאַקטיק, איבערהויפּט דער טאָן פון זייערע צײַטונגען, דערמאָנען אין פילע הינזיכטן טאַקע די עכט־רוסישע לײַט, און דערפאַר טאַקע האָבן אונדזערע ציוניסטלעך אין דער איצטיקער רוסישער רעאַקציע אַזוי הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ...

אין „הלאם”, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 25, איז אָפּגעדרוקט אַזאַ אַרטיקל:

דר. ש. נ. ברנשטיין [בערנשטיין], נאָך דער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ

אויף דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער שפּראַך אין טשערנאָוויץ האָט ה׳ אַש געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן די קינפטיקע אויפגאַבעס פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ רעפעראַט וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג בײַם יידישן פּובליקום.

די דאָזיקע רעדע האָט דערוועקט בײַ מיר פאַרשיידענע טרויעריקע מחשבות, רעיונות און ספקות. נעם איך מיר דעריבער דאָס רעכט אויפצוקלערן ה׳ אַשס מאָדנע הנחות. דער תמצית פונעם רעפעראַט זענען אַזוינע געדאַנקען:

א. „די קעגנער פון יידיש טענהן, אַז די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן פון מענדעלע מוכר ספרים. דאָס איז ניט אמת, די יידישע ליטעראַטור איז, פּונקט ווי די יידישע קולטור, אַלט—איר מקור איז אין תנ״ך”.

ב. „מען דאַרף איבערזעצן דעם תנ״ך אין יידיש. מען זאָגט אונדז, אַז דער תנ״ך האָט אַ ווערט נאָר אין העברעיש. דאָס איז ניט אמת. אָבער מע

דאַרף דעם תּנ״ך ניט נאָר איבערזעצן, נאָר איבערדיכטן—מען דאַרף אים איבערגעבן צום פאָלק אין פּאָעטישע, יידישע פאָרמען״.

ג. „ניט העבּרעיש, ניט די אויסוויייניקסטע שפּראַך, ניט די ווערטער האָט געהיט דאָס יידישע פאָלק, נאָר דעם אינהאַלט. דעריבּער איז דער יידישער גייסט קיינמאָל ניט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איין באַשטימטער פאָרם, אַ ראַיה—די יידישע אמונה. דער יידישער גאָט איז ערשט יעמאָלט געוואָרן דער גרויסער אַלמעכטיקער גאָט פון פאָלק ישראל בשעת יידן האָבּן שוין גערעדט אַראַמיש, סיריש אדג״ל״.

ד. „... דאָס רוב יידישע פילאָזאָפן האָבן געשריבן זייערע ווערק אַראַביש, בכדי דאָס פאָלק זאָל דאָס פאַרשטיין״.

דאָס איז דער תּמצית פון די רייד. דאָס זיינען די עיקר טעזיסן, וואָס אויף זיי איז געבויט אַשס רעדע אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

איך וויל ניט דערקוטשען אַשן מיט פראַגעס וועגן דער צייט ווען די יידישע ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן: צי זי האָט זיך אָנגעהויבּן פון ממו״ס אָדער פון סיני, און איך גיי אַריבער צו דער צווייטער טענה: „ס'איז בּישט אמת, אַז נאָר אין העבּרעיש האָט דער תּנ״ך אַ ווערט; דער תּנ״ך דאַרף איבערגעדיכטעט ווערן אין אַ נייעם פּאָעטישן גייסט אאַז״וו״.

איך שטיי דאָ און חידוש זיך: פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ משונהדיקער קוק? יעדער תּלמיד פון אַ פאָלקסשול ווייס, אַז דער פאָלקישער און נאַציאָנאַלער שרייבער האָט נאָר אין דער אָריגינאַל-שפּראַך זיין עיקרדיקן און גייסטיקן ווערט. עס איז דאָך גאָר איבעריק צו דערקלערן אַזאַ פּשוטן אמת. צי איז דען דאָ אַ שפּראַך וואָס אין איר זאָלן ניט זיין קיין איבערזעצונגען פון די דיכטונגען פון האָמער, סאָפאָקלעס, פּינדאַר און אַנדערע גריכישע דיכטער—נאָר ווער אין דער גאַנצער וועלט וועט קומען צום איינפאַל, אַז מיר פאַרשטייען און באַנעמען דעם גריכישן גייסט און די גריכישע נשמה (אָדער אַפילו נאָר דעם גריכישן „גוף״) דורך די דאָזיקע איבערזעצונגען, זאָל זיין די אויסגעצייכנטסטע? און צי וועט זיך געפינען אַזאַ משונהדיקער שריפטשטעלער וואָס וועט באַשליסן, אַז מ'קען פאַרשטיין און באַנעמען ווי ס'געהער צו זיין דאַנטען אין דייטש, פראַנצויזיש אָדער רוסיש? און צי קען מען זיך כאָטש וויפיל ניט איז פאַרטיפן אין דעם שניידיקן און פלאַמיקן גייסט פון וואָלטערן אין ענגליש אָדער פּויליש? דער ווונדערבאַרער איטאַליענישער שרייבער בענווענוטאָ טשעליני האָט געפונען אַן אויסגעצייכנטן איבערזעצער וואָס האָט געוויס באַפרידיקט אויך אַשס פּאָעטישע פאָדערונגען. דאָס איז געטע. פונדעסטוועגן האָבן לעסינג און מענדעלסאָן ניט געזשאַלעוועט קיין שום מי און געלערנט גרונטיק די איטאַליענישע שפּראַך נאָר בכדי צו פאַרשטיין טשעליני[!] 1. צי דאַרף איך ברענגען ראַיות מיט ביישפּילן כדי צו

1 געטע האָט געמאַכט די איבערזעצונג פון בענווענוטאָ טשעליניס לעבנס-געשיכטע אין 1803. לעסינג איז געשטאָרבן אין 1781, מענדעלסאָן 1786.—רעד׳ ייוואָ

וויזן דעם אַבסורד און די איגנאָראַנץ וואָס שטעקט אין די דאָזיקע ווערטער?

ספּעציעל מאַכן שטוינען און ס׳באַליידיקן די ווערטער וועגן דער העברעיִשער שפּראַך און איר באַציִונג צום תנ״ך.

אויך ס פּ י נ אָ ז אַ איז געקומען צום באַשלוס, אַז אויף צו באַנעמען די יידישע עטיק מוז מען קענען די העברעיִשע שפּראַך און איר ספּעציעלן גייסט. אויף צו פאַרשטיין דאָס יידנטום, און ספּעציעל צו פאַרשטיין די הייליקע שריפטן און דעם באַזונדערן גייסט וואָס איז אין זיי באַהאַלטן, האָט ספּינאָזאַ געהאַלטן די קענטעניש פון דער העברעיִשער שפּראַך פאַר אַזוי פּיל וויכטיק, אַז ער האָט צוליב דעם און מיט דעם צוועק מחבר געווען אַ העברעיִשע גראַמאַטיק. דער נביא פון דער אייביקער פּאָעזיע ג ע ט ע , וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ סך צייט צו די הייליקע שריפטן און צו פאַרשטיין זייער גייסט און וואָס האָט געלייענט די שיינע און אויסגעצייכנטע איבערזעצונג פון מאַרטין לוטער, איז געווען געצווונגען סוף כל סוף צו לערנען העברעיִש, כדי לכל־הפּחות צו פאַרשטיין כאָטש אַ ביסל דעם יידישן גייסט; ער אַליין ווייזט אָן דערויף. ה י י נ ע האָט געפאָדערט די קענטעניש פון העברעיִש ניט נאָר אויף צו פאַרשטיין דעם תנ״ך, נאָר אויך צוליב פאַרשטיין יהודה הלויס פּאָעזיע. און ווי אַזוי האָבן געטע און היינע פאַרהייליקט דעם תנ״ך, דאָס „בוך פון די ביכער", די געטלעכע דיכטונג וואָס איז „העכער פון צייט און פון אָרט"? ה ע ר ד ע ר האָט געפאָרשט און געפונען, אַז נאָך דער ביבלישער פּאָעזיע איז די פּאָעזיע באמת פאַרשוווּנדן געוואָרן פון צווישן די מענטשן. לאַצאַרוס האַלט, אַז די העברעיִשע שפּראַך איז איינע פון די ברייטיקסטע זאַכן אויף צו באַנעמען דאָס אַבסאָלוטע גוטס („דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו"), וואָס אין דעם אַלט־יידישן גייסט, אין די הייליקע שריפטן. ש ט י י נ ט אַ ל האָט די מגילת רות אַלעמאָל געלייענט מיט טרערן. קיין שפּראַך איז ניט געווען ביכולת, לויט זיין מיינונג, איבערצוגעבן אַ טיפע טראַגעדיע אין אַזאַ בילדערישן און לאַגישן סטיל ווי אונדזער העברעיִשע שפּראַך. און צי דאַרף איך דערמאָנען דאָ אַלע גרויסע מענער וואָס האָבן געהאַלטן די העברעיִשע שפּראַך פאַר אַ ווערטיקן און נויטווענדיקן גייסטיקן יסוד אויף צו פאַרשטיין דאָס יידנטום — מענער ווי ר׳ יהודה הלוי, ר׳ שלמה בן גבריאל [!], אַברהם אבן עזרא, וואָס האָבן געזען אין דער העברעיִשער שפּראַך עפּעס אַ באַזונדערע שכינה וואָס דערהייבט די לערע פון יידנטום און איר גייסט ביז אומענדלעכקייט.

און ה׳ אַש קומט און דרשנט פאַר אַ גרויסן עולם, אַז מיר מוזן „איבערדיכטן דעם תנ״ך אין אַ יידישער פאָרם"! שטעלט זיך נאָר פאָר ווען עס זאָל קומען צו אייך עפּעס אַ מענטש און מעלדן, אַז מען דאַרף באַנייען און פאַרריכטן דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" און [!] דעם „גן־עדן", אַז מען דאַרף פאַרריכטן און באַאַרבעטן (איבערדיכטן) די פּאָעזיע פון „פאַוסט" און די „ליידן פון יונגן ווערטער" געטעס, איבערמאַכן און באַאַרבעטן האָמערן,

שעקספּירן — צי וועט מען ניט קוקן אויף אים ווי אויף אַ פולקומען עם-הארץ?... און נאָר מיר יידן זענען פעיִק צו הערן מיט אונדזערע אויערן אַזוינע משונהדיקע רייד און צו אַפּלאָדירן. אַ מענטש קומט און לייגט פאָר צו באַאַרבעטן און איבערצומאַכן אין נייַע פאָרמען עמוס, ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל, יואל, חבקוק, שיר השירים — און דער עולם קוקט אויף אים ווי אויף אַ געזונטן!

ה׳ אַש זאָגט: „קיינמאָל האָט דאָס יידישע פאָלק נישט געהיט די שפּראַך, דאָס וואָרט, נאָר דעם אינהאַלט. דעריבער איז קיינמאָל דער יידישער גייסט ניט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איין באַשטימטער פאָרם, אַ ראיה — די יידישע אמונה". דערמיט ווייַזט ה׳ אַש, אַז ער האָט קיין שום ידיעה ניט וועגן די פּרושים, די באַשעפער פון יידנטום און זייַנע אויפהאַלטער אויף אייביק. ר׳ עקיבא וואָס האָט געדרשנט אַלע „את׳ן" אין דער תורה איז ניט געווען קיין פאַראייבצלטער טיפּ צווישן די בויער פון יידנטום. ווען ה׳ אַש זאָל געווען לייענען לכל הפּחות דעם „דור דור ודורשיו" פון אייַזיק הירש ווייַס וואָלט ער געוווּסט ווי זיי, וואָס פאַר אַ באַטייַט די באַשעפער פון יידנטום, די פּרושים, האָבן צוגעגעבן דער שפּראַך, דער שפּראַך פון דער תורה. געוויינטלעך האָט בייַ זיי דער אינהאַלט זיך פאַרשטאַרקט, זיך באַרייַכערט און פאַרצווייַגט — אָבער נאָר און אויסשליסלעך אויפן יסוד פונעם ערשטן מקור, פונעם ערשטן אָריגינעלן אות וואָס אין תורת משה און אין די נביאים. אַלע ווינטן פון דער וועלט האָבן ניט געקענט מאַכן וואַקלען בייַ זיי אַפילו קיין איין וואָרט, אַפילו קיין איין אות פון דער געשריבענער תורה. און נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן געבויט זייער רייַכע אַרבעט אויף אַן אַבסאָלוטן יסוד, איז דער יידישער גייסט קיינמאָל ניט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איין באַשטימטער פאָרם. און דווקא די אַלעקסאַנדרינישע יידישקייט, וואָס האָט זיך באמת „ניט געהאַלטן בייַם טרוקענעם וואָרט" און געדרשנט די תורה דווקא אין „איבערזעצונגען" און אין „נייַע פאָרמען" איז ניט נאָר, וואָס דער גייסט פון יידנטום איז דאָרט פאַרשטיינערט געוואָרן אין איין באַשטימטער פאָרם, אין דער העלעניש-קערפּערלעכער פאָרם, נאָר זי האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן פאַר אַ פרעמדן און פאַרדאַרבנדיקן שטיק אינעם יידישן גוף.

„דער יידישער גאָט איז ערשט יעמאָלט געוואָרן דער גרויסער אַלמעכטיקער גאָט פונעם פאָלק ישראל, ווען יידן האָבן שוין גערעדט אַראַמיש, סיריש א.א.וו."

אָבער דאָס איז דאָך פולקומע עם-הארצות! ה׳ אַש ווייס אפנים ניט, אַז נאָך אין די טעג פון די ערשטע שריפט-נביאים, עמוס און הושע, האָט שוין לאַנג געהערשט בייַ יידן דער טיפסטער און העכסטער גאָט-באַגריף און אַז אין די טעג פונעם ערשטן ישעיהו איז שוין דער דאָזיקער געהויבענער באַגריף געווען אַן אייגנס פון גאַנצן פאָלק — און גראָד אין דער צייַט ווען נאָר העברעיִש איז געווען די פאָלקס-שפּראַך.

בכלל איז אַראַמיש, ווי באַקאַנט, געווען אין לעבן פון ישראל בלויז די אָ פ י צ י ע ל ע שפּראַך אין די באַציִונגען מיט די דרויסנדיקע מאַכטן, ספּעציעל אין די צייַטן ווען די פּערסער האָבן געהערשט איבער יהודה — און אין זייער מלחמה קעגן דעם יידישן גאָט און דעם יידישן גייסט האָבן אַלע יידישע באַדריקער פון פּרס און יוון קודם־כל געקעמפט קעגן דער העברעיִשער שפּראַך, דער שפּראַך פון דער תּורה.

גענוג צו לייענען וואָס עס שטייט בייַ גרעצן וועגן דער תּקופה פון משנה־תּורה, דער תּקופה פונעם קיניג יאשיהו (622), כּדי צו באַקומען אַ שטיקל השגה וועגן דעם, וואָס פאַר אַן עקסטע מדרגה פון יידישן מאָנאָטעיִזם, וואָס פאַר אַ גרויסע אַלמעכטיקע געטלעכקייט עס טרעט אַרויס פאַר אונדז פונעם פאָלקס־לעבן אין דער דאָזיקער פריער תּקופה! און די גאַנצע רעליגיעזע און קולטורעלע אַנטוויקלונג פון דער תּקופה און אַלע רעליגיעזע לעבנס־אייַנפירן, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף דער גרויסער אַלמעכטיקער געטלעכקייט פונעם פאָלק ישראל, באַזירן זיך נאָר אויף דער העברעיִשער שפּראַך, אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אויף דער שפּראַך פון משנה־תּורה. און דאָ קומט פּלוצים ה׳ אַש און מעלדט אין זייַן נאַיִוקייט, אַז נאָר „אין דער צייַט ווען דאָס פאָלק האָט שוין גערעדט אַראַמיש, סיריש אאַז״וו, האָט עס באַנומען זייַן גרויסן אַלמעכטיקן גאָט“. און דער עולם פאַטשט בראַוואָ בייַ די ווערטער.

אין זייַן שטרעבונג מבטל צו זייַן די העברעיִשע שפּראַך ווייַזט אָן ה׳ אַש צום סוף אויף די יידישע פילאָזאָפן וואָס האָבן געשריבן אינגאַנצן אַראַביש כּדי דאָס פאָלק זאָל זיי פאַרשטיין. דורך דעם באַווייַזט ער, אַז ער ווייסט ניט, אַז די יידישע פילאָזאָפן אַלמקמץ, ר׳ סעדיה גאון, ר׳ שלמה בן גבירול, דער רמב״ם אאַז״וו האָבן געשריבן זייערע פילאָזאָפישע ביכער, זייערע פילאָזאָפישע ווערק ניט נאָר פאַר די יידישע לייענער—נאָר און אפשר דער עיקר צוליב די ניט־יידישע פאַרטרעטער פון יענע פילאָזאָפישע שיטות וואָס זיי אַליין זענען געווען זייערע אָנהענגער. ער ווייס אפנים ניט פון יענע פיר אַראַבישע פילאָזאָפישע עיקר־שיטות וואָס האָבן געהערשט צווישן די פילאָזאָפן פון מזרח און מערב אין יענע צייַטן. די ווערק פון די יידישע פילאָזאָפן זענען געווען געצילט אויף דרויסן, צו די קריסטלעכע און אַראַבישע פאָרשער אפשר אַ סך מער איידער אויף אינעווייניק. די אַראַבישע שפּראַך איז יעמאָלט געווען די שפּראַך פון דער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, פּונקט אַזוי ווי די לאַטייַנישע שפּראַך איז געווען די שפּראַך פון וויסנשאַפט אין מיטלעלטער. דער רמב״ם אָדער רב סעדיה גאון האָבן גערעדט ניט נאָר צום יידנטום, נאָר אויך צו יענע אָנהענגער פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע אָדער פון די מאָטאַזיליטן וואָס זענען געשטאַנען אויסערן יידנטום. אָבער ווי אַזוי און אין וואָסער שפּראַך האָבן גערעדט צום יידישן פאָלק די ווייַטערפירער פון תּלמודישן יידנטום, פון דעם פאָלקס־יידנטום: רש״י, די בעלי־תּוספות און אַלע אַנדערע מפרשים בייַ יידן? ווי אַזוי האָבן געשריבן די יידישע מחברים

און משוררים, וואָס זייערע אויגן זענען געווען געווענדט נאָר צום פאָלק? צי־
קען ה׳ אַש אָנווייַזן אויף וועלכן ניט איז שיר אָדער קינה אָדער סליחה...
אין יענע אַלע רעליגיעזע און פאָלקס־פיוטים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן
פון זינט דער ירידה פון די גאונים כמעט ביזן 18 י״ה און זענען אָנגענומען
אין יידישן כללישן לעבן און וואָס זאָלן ניט זיין געשריבן אין העברעיש?

נאָוועמבער 1908

(פון אחד־העמס אַ בריוו פון לאָנדאָן צו א. ל. לעווינסקי, אַדעס, פון נאָוועמבער 5
געדרוקט אין אגרות אחד־העם, IV, ירושלים־בערלין, א״י, ז׳ 44—45):

...נאָר ווי איך זע פון אייַער בריוו, פעלט אייַך אויך רו: די טשערנאָוויצער
קאָנפערענץ האָט צוגערויבט אייַער רו! וואָלט די סיבה פון אייַער אויפרעגונג
געווען עפּעס אַ מער חשובער ענין, וואָלט איך אייַך מקנא געווען און גע־
טראַכט: „וויל דיר, עקיבא, וואָס דו ביסט געכאַפּט געוואָרן פאַר תורה־זאַכן
און ווי צו פּפוסן וואָס ער איז געכאַפּט געוואָרן פאַר פּוסטע זאַכן". אָבער די
טשערנאָוויצער קאָנפערענץ—צי זייַנען פאַראַן פּוסטע זאַכן וואָס זייַנען ערגער
ווי דאָס? אונדזער ליבער קלויזנער האָט אַ נטיה צו „מרה־שחורה". אין די טעג
פון דער „רעוואָלוציע" האָט זיך אים געדוכט, אַז די „וועלט" ווערט חרוב און
אונדזער האָפענונג איז פאַרפאַלן. איצט, ווען זי איז אויך אַריבער און די
וועלט איז געבליבן אַ וועלט, זעט ער אַ „סכנה" אין דעם דאָזיקן צונויפקום
פון עמי־הארצים (וואָס גייען נאָך נאָך דער מערהייט), וואָס האָט גוזר
געווען פאַרלענדונג אויף דער העברעישער שפּראַך. בנאמנות דער שד איז
ניט אַזוי שרעקלעך, און הלוואַי זאָל אונדזער שפּראַך אויפן וועג פון איר
אויפלעבונג ניט באַגעגענען קיין געפערלעכערע שונאים איידער דער אומ־
גליקלעכער זשאַרגאָן, וואָס הייַנט איז ער אין טשערנאָוויץ און מאָרגן (מאָרגן
אין אַ געוויסער צייַט אַרום געווינטלעך) אין קבר. צוויי „אויפשטאַנדן" פון
עמי־הארצים קעגן אונדזער געשיכטע, און ביידע וואָלטן אפשר ניט געווען אַזוי
געראָטן ווען מען וואָלט ניט אַזוי אויפגעשטורעמט איבער זיי די וועלט. אָבער
יענע זייַנען כאָטש אַרויס מיט וויכטיקע מאָראַלישע פּאָנעס, און אין דער שפּיץ
זייַנען געשטאַנען יעזוס און דער בעל־שם־טוב, אָבער די דאָזיקע, וואָס זייער
פּאָן איז דער דייַטשער זשאַרגאָן און דער פּאָנען־טרעגער ש. א... קערט זיך
אום צו אייַער רו, ברידער! קיין שום שלעכטס וועט זיך ניט פאַרלויפן. „קלויז־
נער שטופּט מיך, שרייַבסטו, צו מאַכן רעגענען שוועבל און זאַלץ". וואָס שייך
„זאַלץ" בין איך מסכים. דייַן זאַלץ האָט אַזאַ אייגנשאַפט, אַז עס מאַכט מסוגל דעם
עולמס גומען צו שפּירן דעם „טעם" פון אַ זאַך אויפן נייטיקן אופן. אָבער „שוועבל"
—זאָל גאָט דיך אויסהיטן! אָן דעם איז דער ריח אויך גאָרניט אַזאַ געשמאַקער.
זייַ מיר מוחל, וואָס איך בין אַרייַן אין דייַן גבול און האָב געענטפערט מיט
אַ געלעכטער אויף דייַן פראַגע. געוויס האָסטו זיך ניט צוליב דעם געווענדט צו מיר.
נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז איך קען ניט רעדן ערנסט וועגן אַזאַ „פּורים־שפּיל"...

דעצעמבער 1908

אין „דאָס נייע לעבן“, ניו־יאָרק, נומ׳ 1, דעצעמבער, איז אָפּגעדרוקט דער ווייטערדיקער אַרטיקל, וועלכער איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אָן שינויים אין ד״ר זשיטלאָווסקיס געזאַמלטע שריפטן, ב׳ IV:

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, די יידישע שפּראַך־באַוועגונג און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ[1]

די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ האָט אַרויסגערופן ביי דעם עולם און אין דער פּרעסע קודם כל אַ סך שפּאָט און וויץ... דאָס וואָלט געוועזן שלים אי פאַר איר אי פאַר מיר, דעם רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן“, וואָס שטייט אין דער שפּראַכן־פראַגע אויף דער פּאָזיציע פון דער קאָנפערענץ. צום גליק האָט זי אַרויסגערופן ניט נאָר שפּאָט און וויץ. אירע רעזולטאַטן האָט מען באַגעגנט אויך מיט אַ ביטערער שנאה און אַ באַהאַלטענעם כעס. און דאָס איז שוין עפּעס ווערט. אַנטקעגן גלייכגילטיקע זאַכן פּראָטעסטירט מען ניט מיט כעס און גאַל. זי האָט אויך אַרויסגערופן אַ „פאָלקאָמענע גלייכגילטיקייט“. אין פלוג איז עס קשה, וואָרים גלייכגילטיקייט געהערט דאָך ניט צו געפילן וואָס קאָנען אַרויסגערופן ווערן. די קאָנפערענץ האָט אָבער באַוויזן אַן אוממעגלעכע זאַך: ביי אַ געוויסן טייל פון עולם האָט זי אַרויסגערופן אַ „פאָלקאָמענע גלייכגילטיקייט“—אמת, פון אַ גאַנץ באַזונדערן מין, פון דעם סאָרט וואָס ווערט געמאַכט מיט פאַרביסענע ליפּן... פון דער אַנדערער זייט אָבער איז די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ באַגעגנט געוואָרן מיט אַ סך אמתער סימפּאַטיע, לעבהאַפטן אינטערעס און אַפילו מיט התלהבות און באַגייסטערטע איבערגעבנקייט.

אַ פּאַסירונג וואָס רופט אַרויס אַזוי פיל פאַרשיידענע געפילן און געדאַנקען קען ניט זיין קיין צופעליקע אין דעם געשיכטלעכן לעבן פון אַ פאָלק. וואָס עס זאָל ניט זיין איר צוקונפט, די געגנוואַרט באַגעגנט זיך

---

1 אויס אַ באַריכט וועגן דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן פון דעם פאַראיין „דאָס נייע לעבן“.

מיט איר ווי מיט אַ וויכטיקער ערשײַנונג, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכע-
נען און וועלכע מען מוז פאַרשטיין. די צוקונפט וועט באַווײַזן, צי די גאַנצע
יידישע שפּראַך-באַוועגונג איז געווען נאָר אַ קליינער פּאַראַגראַף אין דער
געשיכטע פון יידישן פאָלק, צי אַ שער-בלעטל צו אַ גאַנץ נײַעם פּרק. לעת-
עתה מוזן מיר האָבן אײַנזען, אַז די יידישע שפּראַך-באַוועגונג איז אויסגע-
וואַקסן פון דעם יידישן לעבן גופא; דאָס הייסט, אַז זי איז אַ טייל פון דער
יידישער געשיכטע.

דערפון פאַרשטייט איר שוין אַליין דעם שטאַנדפּונקט וואָס איך וויל
אָננעמען אין מײַן באַריכט. איך וויל רעדן צו אײַך ניט ווי אַ צײַטונגס-
רעפּאָרטער און ניט ווי אַן אַדוואָקאַט. איך וויל די טשערנאָוויצער קאָנפע-
רענץ באַטראַכטן ווי אַ היסטאָריקער און אויפדעקן די וואָרצלען וואָס האָבן
זי אַרויסגערופן אין לעבן.

*

אומעטום ווו מיר האָבן צו טון מיט אַ וויכטיקער פּאַסירונג אין דעם
לעבן פון אַ פאָלק דאַרפן מיר געדענקען, אַז זי וואָלט בשום-אופן ניט גע-
קאָנט זײַן וויכטיק ווען זי וואָלט ניט געוואָרן אַרויסגערופן פון אַ באַשטימ-
טער וויכטיקער לעבנסנויט. און פון אַלע לעבנסנויטן, וואָס ווײַזן זיך אַרויס
אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, זענען אַלע מאָל די פאָלגנדע דרײַ די וויכטיקסטע:

ערשטנס די סאָציאַל-עקאָנאָמישע נויט: דאָס באַשטרעבן פון
יעדן איינצלנעם צו פאַרבעסערן זײַן מאַטעריעלע לאַגע, צו פאַרשאַפן זיך
אַ לײַכטערן און רײַכערן לעבן.

צווייטנס די קולטורעלע נויט. מיר לעבן איצטער ניט אין דער
צײַט פון באַרבאַריזם. מיר זײַנען אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון
ציוויליזאַציע און קולטור. יעדער איינער פון אונדז וויל און מוז וויסן, וואָס
עס טוט זיך אין דער אַרומיקער וועלט און אין דער געזעלשאַפט. ער וויל
פאַרשטיין וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער מענטשהייט און וואָס עס קומט
איצטער פאָר בײַ די פאַרשיידענע פעלקער ובפרט בײַ דעם אייגענעם פאָלק.
יעדער איינער פון אונדז וויל אויך און מוז—איינער מער, איינער ווייניקער,—
געניסן פון דער קונסט.

די דריטע נויט איז די נאַציאָנאַלע. די איצטיקע מענטשהייט איז
צעטיילט אין פעלקער. יעדעס פאָלק קעמפט אינסטינקטיוו פאַר זײַן קיום און
פאַר זײַן ווײַטערדיקן נאַציאָנאַלן וואַקסן. עס זוכט צו באַשאַפן אַזעלכע
לעבנס-באַדינגונגען פאַר זיך, וואָס זאָלן אים געבן די מעגלעכקייט צו זײַן
אויף דער וועלט און צו קענען אומגעשטערט זיך נאַציאָנאַל אַנטוויקלען.

לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ ראָלע אָט די דרײַ לעבנסנויטן האָבן געשפּילט
אין דער יידישער שפּראַך-באַוועגונג וואָס האָט געפירט צו דער טשערנאָווי-
צער שפּראַך-קאָנפערענץ.

אין פלוג וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז די סאָציאַל=עקאָנאָמישע נויט איז ניט ביכולת אַרויסצורופן אַ יידישע שפּראַך=באַוועגונג. אַדרבא, זי גייט דאַכט זיך להיפך צו די מאַטעריעלע אינטערעסן פון איטלעכן איינצלנעם יידן. דער וואָס האָט נאָר די יידישע שפּראַך פאַר אַ כלי=זין אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף האָט ניט פיל שאַנסן אַרויסצוגיין אַ זיגער פון אים. מיר וווינען צווישן פרעמדע פעלקער, און וויל איינער מיט זיינע עלנבויגנס צושלאָגן זיך צו אַ העכערער סאָציאַל=עקאָנאָמישער מדרגה, מוז ער זיך אָנפּאַסן צו דעם פרעמדן „אַרום“ און קודם=כל זיך אויסלערנען און גוט באַהערשן די שפּראַך פון זיין פרעמדער נאַציאָנאַלער סביבה. בלי=ספק האָט דער דאָזיקער פאַקט געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין דעם אויסוואַקסן פון דער אַסימילאַציע, וואָס האָט געוואָלט פאַרענטפערן קודם=כל די עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבנסנויט פון יעדן יידישן יחיד.

בליקט מען אָבער טיפער אַריין אין דעם ענין, זעט מען, אַז אפילו אין דעם פרט פון סאָציאַל=עקאָנאָמישן לעבן פאַלן ניט תמיד צונויף די אינטערעסן פון דעם איינצלנעם מיט די אינטערעסן פון אַ גאַנצן כלל צו וועלכן דער יחיד געהערט. מען איז ניט נאָר אַ סוחר, אַן אַרבעטער, אַ סטודענט, אַ דאָקטאָר. מען געהערט צו דעם יידישן סוחרישן קלאַס, צו דעם יידישן אַרבעטער=קלאַס, צו דער יידישער סטודענטנשאַפט, צו דער יידישער געבילדעטער אינטעליגענץ. זייער לאַגע, די ריין סאָציאַל=עקאָנאָמישע, — הענגט אָפּ פון דעם וואָס פאַר אַ געוויכט דאָס יידישע פאָלק האָט, ווי אַ באַשטימטע נאַציע, אין דעם לעבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. בפרט איז דאָס אמת פאַר אַזעלכע לענדער ווי עסטרייך, רוסלאַנד, אונגאַרן, וווּ די מדינה באַשטייט ניט פון איין איינציקן פאָלק, נאָר פון אַ סך פאַרשיידענע פעלקער. דער יידישער הענדלער קען ווי אַ יחיד מאַכן ערגעץ=ווּ גוטע געשעפטן, אויסנוצנדיק די פרעמדע, ניט=יידישע שפּראַך. אָבער אויב די אַרומיקע פעלקער באַטראַכטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ווי אַ ווייניקער חשובן טייל פון דער געזעלשאַפט; אויב זיי לאָזן אַרויס אַ געשריי: „קויפט ניט ביי קיין יידן“ — מוז דער יידישער האַנדלס=קלאַס, צי ער וויל צי ער וויל ניט, זיך פילן פאַרפאָלגט גאָרניט ווי הענדלער, נאָר ווי אַ טייל פון אַ באַשטימטן פאָלק, און ער ווערט געצווּנגען צו פאַרטיידיקן זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע ניט ווי אַ הענדלער=קלאַס, נאָר ווי יידן. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס לעבן טרייבט די יידישע סוחרים צו קעמפן אַנטקעגן אַזאַ סיסטעם וואָס מאַכט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ ווייניקער חשובן טייל אין דעם לאַנד. דאָס לעבן צווינגט זיי פריער אָדער שפּעטער צו קעמפן פאַר נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם יידישן פאָלק.

און די זעלביקע זאַך איז אויך מיטן אַרבעטער, מיטן סטודענט, מיטן דאָקטאָר. אויך אין דער אוניווערסיטעט צב״ש פילט מען אויף שריט און טריט גאַנץ גוט, צו וועמען מען געהערט: צו אַ חשובער אָדער אַ שפּלער

נאַציע. אין וואָס פאַר אַ לאַגע עס זאָל זיך ניט געפינען דער יחיד, וועט ער פריער אָדער שפּעטער באַמערקן, אַז זײַן פּערזענלעכער עקאָנאָמישער מעמד הענגט אָפּ דאָס רוב פון דעם אַלגעמײנעם נאַציאָנאַלן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך זײַן פאָלק. אָבער וואָס הײסט עס קעמפן פאַר נאַציאָנאַלע גלײַכע רעכט? די טעאָריע און די פּראַקטיק פון לענדער מיט אַ געמישטער נאַציאָנאַלער באַפעלקערונג האָט שוין לאַנג אַוועקגעשטעלט אַ וויכטיקן כּלל: נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג הײסט — גלײַכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן. אַלץ וואָס די רעגירונג פון אַ לאַנד נעמט אָן און אונטערשטיצט, ווען דאָס פּאַסירט אין אײן שפּראַך, מוז אָנגענומען און אונטערשטיצט ווערן אויך ווען דאָס פּאַסירט אין די אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער וואָס געהערן צו איר. ווען דער פּויל און דער רוטען האָבן אַ רעכט צו בויען זײערע אײגענע שולן, צו לערנען זײערע קינדער אין פּויליש אָדער רוטעניש, און די רעגירונג גיט זײ אַלע רעכט וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַ בילדונגס-גראַד, מוזן די זעלביקע רעכט געגעבן ווערן אויך יידישע קינדער וואָס ענדיקן אַ יידישע שולע אין דער יידישער שפּראַך. אַז ניט הײסט עס, די יידישע נאַציע ווערט אָנגעזען ווי אַ ווײניקער חשובער טײל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אויב דער פּויל און דער רוטען האָבן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז דאָס געריכטס-הויז פאַר וועלכן זײ קומען מיט זײערע קלאָגן זאָל זײַן געצוווּנגען צו פאַרשטײן פּויליש אָדער רוטעניש און אויסצוהערן דעם קלעגער אין זײַן אײגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך, — זאָלן די זעלביקע שפּראַך-רעכט געגעבן ווערן אויך יענעם לשון וועלכן דאָס יידישע פאָלק וויל באַטראַכטן פאַר זײַנס. אַז ניט הײסט עס, די יידישע נאַציע איז אַ ווײניקער חשובער טײל פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. נאַציאָנאַלער קאַמף איז שפּראַכן-קאַמף, נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג איז גלײַכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן.

אָבער פאַר וועלכער שפּראַך זאָל קעמפן דאָס יידישע פאָלק? וועלכער לשון זאָל זײַן אָפיציעל זײַן נאַציאָנאַלער לשון, יידיש אָדער העברעיִש? עס איז גענוג נאָר אַוועקצושטעלן די פראַגע, כּדי אײַנצוזען דעם ענטפער קלאָר ווי דער טאָג. נעמט די שאַרפסטע קעגנער פון יידיש, די היציקסטע חסידים פון העברעיִש, וועלכע האָבן נאָר אַ ברעקל האָפענונג אויף די דערגרייכונג פון גלײַכע נאַציאָנאַלע רעכט אין גלות און וועלכע רופן אין קאַמף צוליב זײ ניט נאָר אויפן פּאַפּיר, אין די פּאַראַגראַפן פון זײער געגנוואַרטס-פּראָגראַם, נאָר בפועל ממש, אין לעבן גופא — ווײַזט מיר אָן, זאָג איך, אײנעם פון זײ וואָס זאָל אויף אײן מינוט קענען גלייבן, אַז די גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער העברעיִשער שפּראַך קען דערגרייכט ווערן און אַז אויב זי וועט דערגרייכט ווערן, וועט זי ברענגען אַ וועלכע עס איז פּעולה דעם יידישן פאָלק.

וואָס עס זאָל ניט זײַן די צוקונפט פון העברעיִש אין אַ אײגענעם לאַנד, קײנער קען ניט גלייבן אין ערנסט, אַז העברעיִש קען ווערן די פאָלקס-שפּראַך פון די יידישע מאַסן, אָדער אײנע פון די געריכטס-שפּראַכן בײַ די קריסט-

לעכע פעלקער. געבן דעם יידישן פאָלק נאַציאָנאַלע גלײַכע רעכט אויף דעם יסוד פון העברעיִש וואָלט געהייסן — געבן דעם פאָלק אַ שטיין אָנשטאָט ברויט. אָן אָט דעם פעלזן=פעסטן פאַקט צעברעכן זיך אַלע טענות וואָס ווערן אויסגעשטעלט אַקעגן דעם אַז יידיש זאָל זײַן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק אין יענע גלות=לענדער ווו די גרויסע מאַסן רעדן יידיש. די סאָציאַל=עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן, וואָס פאַרלאַנגען אָן אַ שום הנחה די נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג פון יידישן פאָלק, פאַרלאַנגען אין דער זעלביקער צײַט די נאַציאָנאַלע גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך. עס ליגט אין זייער אינטערעס צו פאָדערן קלאָר און דײַטלעך און אָן אַ שום קאָמפּראָמיס, אַז די יידישע שפּראַך זאָל אומעטום, — אין דער שולע, אין דער ליטעראַטור, אין דער אוניווערסיטעט און פון געריכט אָנערקענט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק.

מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער סאָציאַל=עקאָנאָמישער לעבנס=נויט, ווײַל אויף איר איז לײַכטער צו דעמאָנסטרירן דעם נאַציאָנאַל=פּאָליטישן קערן פון דער יידישער שפּראַכן=פראַגע. אין תוך אַרײַן איז ניט ווייניקער וויכטיק די קולטורעלע לעבנס=נויט אין דער יידישער שפּראַך=באַוועגונג. דאָס פאָלק קען נאָר יעמאָלט אויפהייבן זיך צו אַ העכערער קולטורעלער מדרגה, ווען עס וועט האָבן בײַ זיך אין דער היים זײַנע אייגענע קולטור=קוואַלן, ווען עס וועט שעפּן אַלע זײַנע קענטענישן און דעם גאַנצן גענוס פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון דער שפּראַך אין וועלכער עס רעדט, וועלכע עס פאַרשטייט. ווען די אינטעליגענץ פון אַ פאָלק פירט איר קולטורעלן לעבן אין אַ שפּראַך וואָס איז פרעמד דעם פאָלק, יעמאָלט מוז זײַן אַן אָפּגרונט צווישן איר און דעם פאָלק, יעמאָלט מוזן די קוואַלן פון דער פאָלקס=ליטעראַטור און קולטור תמיד זײַן זאַמדיק און קאַרג. נאָר יעמאָלט ווען די אינטעליגענץ וועט שאַפן קולטור און געניסן זי אין דער זעלביקער שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט, קענען רײַכער ווערן די קוואַלן און די קאַנאַלן וואָס שפּײַזן און באַוואַסערן די קולטור=פעלדער פון דעם פאָלק. העברעיִש אָבער קען ניט ווערן די שפּראַך פון פאָלק, ס'איז דעריבער קלאָר ווי דער טאָג, אַז די קולטורעלע לעבנס=נויט פון די מאַסן פאָדערט מיט דער זעלביקער קראַפט ווי זײַן סאָציאַל=עקאָנאָמישע לעבנס=נויט, אַז יידיש זאָל ווערן די שפּראַך פון דער אינטעליגענץ.

און אַזוי ווי די סאָציאַל=עקאָנאָמישע און די קולטורעלע לעבנס=נויטן, אַזוי צווינגט אויך דעם יידישן פאָלק זײַן נאַציאָנאַלע לעבנס=נויט צו גיין אויפן זעלביקן וועג און צו שטעלן זיך דאָס זעלביקע ציל. אַ פאָלק וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע ווי דאָס יידישע נייטיקט זיך אין אַ באַזונדערער באַהעפטונגס=קראַפט וואָס זאָל אַרומרינגלען אַלע אירע מיטגלידער און מאַכן פון זיי איין אייניציק גאַנצעס. פריער האָט די ראָלע פון דער באַהעפטונגס=קראַפט געשפּילט די יידישע רעליגיע מיט די יידישע מנהגים און

די יידישע קליידונג. די רעליגיע האָט אַרומגענומען אַלע צווייגן און זייטן פון יידישן לעבן אַזוי, אַז מיט יעדן אָטעם וואָס דער ייד האָט געאָטעמט, מיט יעדן פּולסשלאָג פון זיין האַרץ האָט ער געמוזט, ווילנדיק נישט ווילנדיק, אויסדריקן זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און זיין סאָלידאַריטעט מיטן היסטאָרישן גורל פון דער אומה. די יידישע קליידונג איז געוועזן ניט נאָר אַ רעליגיעזער מנהג, נאָר אַן אומבאַוווסטער אָדער באַוווסטער פּראָטעסט און אַ דעמאָנסטראַציע. די יידישע רעליגיע האָט אָבער איצטער כמעט שוין אינגאַנצן פאַרלאָרן איר נאַציאָנאַלע באַהעפטונגס־מאַכט. אַן אַנדער קראַפט מוז אויסגענוצט ווערן, וואָס זאָל שפּילן די זעלביקע ראָלע; און עס איז ניטאָ קיין אַנדער קראַפט אויף דער וועלט וואָס זאָל קאָנען אַזוי גוט איבערנעמען דער רעליגיעס אויפגאַבע, ווי דער יידישער לשון. אויב איינער איז אַ טיף־רעליגיעזער ייד, אָבער זיין רעליגיעזיטעט טרעט אַרויס אין אַ מאָדערנער אייראָפּעיִשער פאָרם; אויב איינער איז אַ גליענדער ציוניסט אָדער טעריטאָריאַליסט און שפּינט זיינע נאַציאָנאַלע צוקונפטס־האָפענונגען אין די שענסטע געדאַנקען און שירים, אין דעם שענסטן ביאַליקשן העברעיִש, איז זייער „יידישקייט“, זייער צוגעבונדנקייט צו דעם יידישן פאָלק פאַר דער דרויסנדיקער וועלט ניט ניכר, ניט בולט. זאָל אָבער אַפילו דער ערגסטער אַסימילאַטאָר, דער גרעסטער פּושע ישראל לייענען עפנטלעך אַ יידישע צייטונג, רעדן עפנטלעך יידיש, וועט אָט דער פאַקט אַליין אים באַהעפטן צום יידישן פאָלק מיט אַ סך אַ שטאַרקערער מאַכט, איידער די אַלטע רעליגיע אָדער דער נייער אידעאַל.

איך פערזענלעך מיין, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין די צוקונפט פון יידישן פאָלק אין די וויטע דורות וואָס ליגן פאַר אונדז,—ביי דער איצטיקער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק איז פּשוט אַן ערן־זאַך, אַ ערן־חוב פון יעדן יידן סיי דעם נאַציאָנאַליסט, סיי דעם אַסימילאַטאָר, סיי דעם פרומען, סיי דעם אויפגעקלערטן, נישט צו פאַרלאָזן דאָס פאָלק עפנטלעך, נאָר צו דעמאָנסטרירן זיין צוגעהעריקייט צו דער פאַרפאָלגטער אומה. אויב פריער אין דער אַסימילאַציאָנס־פעריאָדע איז געווען אַ ערן־זאַך פאַר דער אינטעליגענץ צו דעמאָנסטרירן אין יעדן מאָמענט פון איר לעבן איר צוגעהעריקייט צו דער אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע, איז אין אונדזער צייט אויסגעוואַקסן פאַר איר אַ נייער מאָראַלישער באַפעל: ווייז אַרויס מיט יעדן אָטעם וואָס דו אָטעמסט, מיט יעדן פּולסשלאָג פון דיין האַרץ דיין באַלאַנגען צו דעם יידישן פאָלק, דיין סאָלידאַריטעט מיט זיין היסטאָרישן גורל! און דאָס איז מעגלעך פאַר אַלע יידן, פאַר אַלע פּאַרטייען, קלאַסן און ריכטונגען נאָר אויף איין אופן: אין דער פאָרם פון צוגעהעריקייט צו דער יידישער שפּראַך.

אָט דאָס זענען די דריי וואָרצלען וואָס זענען טיף איינגעוואַקסן אין די לעבנס־נויטן פון די יידישע מאַסן און וואָס האָבן אַרויסגערופן די יידישע שפּראַך־באַוועגונג.

אָבער די זעלביקע קולטורעלע לעבנס=נויט וואָס צווינגט די מאַסן צו שטיין פאַר יידיש דיקטירט דער אינטעליגענץ וואָס גיכער צו פאַרגעסן יידיש און זוכן בילדונג און קולטור אין די פרעמדע שפראַכן. דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַוווסטזיין פון די מאַסן קאָן אויפגעוועקט ווערן דורך די יידישע שפראַך און די יידישע ליטעראַטור, ווי אָרעם זיי זאָלן ניט זיין. זיי, די מאַסן, הייבן ערשט אָן צו לעבן באַוווסט=נאַציאָנאַל; די נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענץ אָבער האָט אירע היסטאָרישע טראַדיציעס. איר אויג איז צוגעצויגן צו יענער גלענצנדער צייט ווען די יידן האָבן געלעבט אין ארץ ישראל און האָבן גערעדט זייער אייגענע העברעיִשע שפראַך, איינע פון די רייכסטע און שענסטע שפראַכן אויף דער וועלט. איר נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז דעריבער זייער אָפט צונויפגעגאָסן מיט אַ הייסן און טיפן גלויבן, אַז העברעיִש וועט ווידער ווערן די שפראַך פונעם גאַנצן פאָלק. דער אָפגרונט צווישן די אינטערעסן פון די מאַסן און די אינטערעסן פון דער אינטעליגענץ — יענער טיפער אָפגרונט וואָס הערשט אין דער גאַנצער יידישער גלות=געשיכטע—ווערט פאַר אונדז אויפגעדעקט אויך אין דער שפראַך=פראַגע.

די טשערנאָוויצער שפראַך=קאָנפערענץ האָט אָפגעשפיגלט אין זיך ניט נאָר דעם היפך פון אינטעליגענץ און מאַסע, נאָר אויך אַלע אַנדערע היפוכים פונעם יידישן לעבן: ציוניזם און בונדיזם, פרומע יידישקייט און פרייַדענקערטום, די בורזשואַ=וועלט און די פראָלעטאַרישע וועלט.

ס'איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס די אַרבעט פון דער קאָנפערענץ האָט זיך ניט געקענט האַלטן אין די ריין פילאָלאָגישע גרענעצן וועלכע די איינבאַרופער האָבן אַרומגעצירקלט אַרום איר. ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט האָט דער ווולקאַן פון די אינעווייניקסטע סתירות אַרויסגעפלאַצט און שנעל אַראָפגעשווענקט דעם דינעם פילאָלאָגישן צודעק. די גרונט=פראַגע פון אַלע פראַגן האָט געמוזט פאַרענטפערט ווערן קודם כל: זאָל מען קעמפן פאַר יידיש ווי פאַר אַ נאַציאָנאַל=פראַגע אָדער ניט?

פון די מיינונגען וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער דעבאַטע איז פרצעס מיינונג די אָריגינעלסטע און אינטערעסאַנטסטע. „אַ נאַציאָנאַלע שפראַך“, האָט ער געטענהט, „איז אַזאַ לשון אויף וועלכן דאָס פאָלק רעדט און פון וועלכער די אינטעליגענץ שעפט איר קולטור און בילדונג. באַטראַכטן מיר העברעיִש און יידיש, געפינען מיר, אַז זיי האָבן ביידע קיין רעכט ניט אויף דעם טיטל „נאַציאָנאַל“. העברעיִש איז שוין *אויס* נאַציאָנאַלע שפראַך, ווייל דאָס פאָלק האָט שוין אויפגעהערט צו רעדן העברעיִש; יידיש איז *נאָך ניט* קיין נאַציאָנאַלע שפראַך, ווייל די אינטעליגענץ שעפט נאָך ניט פון איר איר בילדונג און קולטור. אונדזער אויפגאַבע דאַרף זיין אויפהייבן יידיש, וואָס איז לעת עתה אַ פאָלקס=שפראַך פון די מאַסן, צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלער שפראַך פאַר דאָס גאַנצע פאָלק און די אינטעליגענץ“.

דער ענטפער וואָס די טשערנאָוויצער שפראַך=קאָנפערענץ האָט געגעבן

אויף דער פראַגע איז באַקאַנט. זי האָט אָנגענומען דעם געדאַנק, אַז דאָס יידישע פאָלק, אַזוי גוט ווי אַ סך אַנדערע פעלקער, האָט אָדער קען האָבן ניט נאָר איין נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר צוויי אָדער עטלעכע. און דעריבער איז יידיש ניט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך.

וואָלטן היינטיקן טאָג אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט געוווינט אין איין לאַנד; און וואָלט אין דעם דאָזיקן לאַנד געהערשט דאָס פּרינציפּ פון דעמאָקראַטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג — וואָלטן יעמאָלט לכל-הפּחות דריי שפּראַכן געהאַט גלייכע רעכט: העברעיִש, יידיש און שפּאַניאָליש. און אָט די דריי שפּראַכן וואָלטן נאָך מיט מער רעכט געקענט אָנגערופן ווערן „נאַציאָנאַלע" איידער למשל די דריי אָפיציעלע שפּראַכן פון דער שווייץ; ווייל אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ ניט איין פאָלק, וואָס זאָל באַטראַכטן העברעיִש, יידיש אָדער שפּאַניאָליש פאַר זיין שפּראַך. זיי זענען אַלע נאַציאָנאַל-יידישע שפּראַכן.

די צייט און די אומשטענדן האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל אין אַ וואָסער, עס איז פאָרם עפּנטלעך דערקלערן, אַז די יידישע שפּראַך, וועלכע איז אַזוי שטאַרק צונויפגעבונדן מיט דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער, קולטורעלער און נאַציאָנאַלער לעבנס-נויט פון די יידישע מאַסן, זאָל אויפהערן באַהאַנדלט צו ווערן ווי אַ שטיפקינד, ווי אַ צוגעוואָרפענע, נאָר מען זאָל זי באַהאַנדלען ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך; און עס זאָל געשאַפן ווערן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל קעמפן פאַר איר „קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיקונג".

די טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ האָט קיין אַנדער אַרבעט ניט געקענט אויספירן סיידן די וואָס איז איר דיקטירט געוואָרן פון דעם היסטאָרישן מאָמענט וועלכן מיר לעבן איצט איבער. זי האָט אויסגעפירט די אַרבעט אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך געווען אונטער די געגעבענע באַדינגונגען.

אין דעריין ליגט איר היסטאָרישע באַדייטונג — וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דעם יידישן פאָלק, וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דער יידישער שפּראַך און וואָס עס זאָל ניט ווערן פון דער אָרגאַניזאַציע וועלכע די טשערנאָוויצער שפּראַך-קאָנפערענץ האָט באַשאַפן.

1909

„די צוקונפט“, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1909, ז׳ 62:

... אין דעם דערמאָנטן ערשטן נומער דרוקט אָפּ „דאָס נײַע לעבן“ דעם אויפרוף פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וועלכער שטייט בײַ אונדז אין זאַץ שוין אַ רעכטע צײַט און האָט ניט געקענט אַרײַנקומען צוליב טעכנישע שוועריקײַטן. אָט איז דער אויפרוף:...

... אונדז שײַנט, אַז פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ דאַרפן מיר ווײניקסטנס דאָ אין אַמעריקע האָבן די מעגלעכקייט צונויפצוקומען און זיך באַראַטן וועגן די יידישע אָרטאָגראַפיע, ווען ניט וועגן אַנדערע ניט ווייניקער וויכטיקע זאַכן וואָס האָבן אַ שײַכות מיט יידיש אַלס אַ שפּראַך.

מיר האָפן צו האָבן די אונטערשטיצונג פון דעם נײַעם זשורנאַל אין דיזער אָנגעלעגנהייט. „דאָס נײַע לעבן“ האָט דאָס וואָרט...

דער ווײַטערדיקער אַרטיקל פון ג. ב. [גרשם באַדער] איז אָפּגעדרוקט ווי אַ לײַטאַרטיקל אין דעם ביכל „שטראַהלען, ליטעראַרישע זאַמלונג“, II, לעמבערג תרס״ט:

ג. ב., אונדזער יידיש לשון

געוויינלעך איז אונדזער יידיש לשון באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „זשאַרגאָן“. בײַ אונדז איז דאָס חלילה נישט קיין בזיון. אַנדערע ווילן עס אָבער געברויכן אַלס באַווײַז פאַר דער מינדערוועריקייט פון דער יידישער שפּראַך, ווי איינער רעדט: וואָס פאַר אַ לשון איז דאָס, אַז עס באַשטייט גאָר אויס אַ געמיש פון דײַטש, העברעיִש און סלאַוויש? — איז שוין אָבער וויסנשאַפטלעך באַוויזן, אַז קיין שום הײַנטיק לשון האָט זיך ניט דערהאַלטן אין זײַן ריינקייט און האָט זיך פאַרמישט מיט פרעמדע יסודות. אַפילו העברעיִש איז אויך אַ געמיש פון סיריש, אַראַביש און כאַלדעיִש.

באַדענקען מוז מען אויך, אַז העברעיִש איז קיינמאָל נישט געווען די לעבעדיקע שפּראַך פון פאָלק. אַפילו ווען יידן זענען געווען אין ארץ־ישראל האָט די פאָלקסמאַסע נישט גערעדט קיין העברעיִש, נאָר סיריש און אַראַמיש. מיר מוזן אויך צוגעבן, אַז העברעיִש איז הײַנט נישט אימשטאַנד צו ווערן די שפּראַך פון דער גאַס, דאָס לשון פון מאַרק, ווײניקסטנס אויף אַזוי לאַנג

ווי מיר לעבן צעזייט און צעשפרייט אין גלות. און ווען עס זאָל אפילו געלינ-
גען אַזוי וויַט צו אַנטוויקלען די העברעיִשע שפּראַך, זי זאָל ווערן די איינ-
ציקע ביכערשפּראַך פון יידישן פאָלק, וועט מען שוין אויך האָבן ווייניק
אויפגעטאָן, וויַל אַ ביכערשפּראַך איז נאָך נישט קיין לעבעדיק לשון. די לאַ-
טיַינישע ביכער פון פערצנטן און פופצנטן יאָרהונדערט, ווען די גלחים און
די פילאָזאָפן האָבן געשריבן נאָר לאַטיַיניש, האָבן אויך נישט געקענט לעבע-
דיק מאַכן די לאַטיַינישע שפּראַך. אַ שפּראַך איז לעבעדיק ווען די ברייטע
פאָלקסמאַסן רעדן אין איר, ווען זיי דריקן אין איר אויס אַלצדינג וואָס זיי
דענקען און וואָס זיי פילן, די געדאַנקען און די געפילע, מעגן אַפילו נישט
זיַין געענוי דורכגעדענקט און קינסטלעך אָפּגעטאָקט. די אינטעליגענץ איז דאָ
גאָרנישט מאַסגעבנד, וויַל די אינטעליגענץ איז געוויינלעך אַסימילירט — ביַי
יידן ווי ביַי אַלע פעלקער. דער עיקר זענען די פאָלקסמאַסן. און ביַי אונדזערע
פאָלקסמאַסן איז יידיש איַנגעבאַקן טיף אין דער נשמה. אויף יידיש שטייט
זייער גאַנץ חיות, אין איר דריקט זיך אויס זייער פרייד און לייד — און
נעמט מען זיי אַוועק דאָס יידישע לשון, דאַן האָט מען זיי אונטערגעשניטן
דעם לעבנס-נערוו און אַפּירגענומען דעם באָדן פון אונטער די פיס...

ווי וויַט אונדזער אינטעליגענץ איז אַסימילירט קענען מיר זען פון
פאָלגנדן פאַקט: אַ באַדיַיטנדער רעכסראַטס-אַבגעאָרדנטער פונעם „יידישן קלוב"
האָלט אַ רעדע אינעם פּאַרלאַמענט און דערציילט די שבחים פון דער יידישער
ליטעראַטור, אַז מיר האָבן דיכטער ווי פרץ, אַש, ראָזענפעלד וכדומה. איינער
פון די פּוילישע מיניסטער שטייט און הערט זיך געענוי איַין צו דער רעדע.
דערנאָך גייט ער צו צו יענעם אַבגעאָרדנטן און רעדט צו אים יידיש, אין
דעם לשון פון פרץ, אַש און ראָזענפעלד. אויף דעם ווערט דער אַבגעאָרדנטער
אין כעס און פילט זיך באַליידיקט פונעם מיניסטער וועלכער רעדט צו אים
אין זיַין לשון.

עפּעס ענלעכס איז אויך געווען, בשעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן
דער וואַל-רעפאָרם און דער אַבגעאָרדנטער שטרויכער האָט גערעדט וועגן
אַנערקענען די יידישע נאַציאָנאַליטעט. דאַמאָלס האָט דאַשינסקי געפרעגט:
„ווילט איר אפשר זשאַרגאָן-גימנאַזיען?" האָט אים שטרויכער אויף דעם גע-
ענטפערט: „מען קען אויך אַנערקענען אַ נאַציאָן וואָס זי איז אויפגעצויגן
אויף אַ פרעמדער קולטור!" דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער: די נאַציאָנאַלע
אַנערקענונג פון די יידן איז זיך אַזוי גלאַט אַ פראַזע, אָבער אין קולטורעלער
הינזיכט וועט אַלץ בלייַבן ביַים אַלטן, יידן וועלן זיך בילדן אין אַלע לשונות,
נאָר נישט אויף יידיש.

ס'איז אויך מערקווירדיק, אַז יעדער וואָס איך האָב אים דערציילט די
מעשה פון יענעם פּוילישן מיניסטער האָט די האַנדלונגסוויַיזע פון יידיש-
נאַציאָנאַלן אַבגעאָרדנטן געפונען פאַר גאַנץ באַרעכטיקט. איטלעכער האָט
אַריַינגעלייגט אַ פּשט, אַז דער מיניסטער האָט מן-הסתם נאָר געוואָלט חוזק

מאכן פון יידישן לשון — און עס איז מיר געקומען דער געדאנק, אז אט די מיינונג איז באגרינדעט אין אונדזער גלות־פסיכאלאגיע. מיר זענען שוין אזוי געוויינט צום געשפעט פון די פעלקער, אז מיר קענען זיך עס גאר נישט גלייבן, א פריץ זאל וועלן מיט אונדז רעדן אויף אונדזער לשון נישט אויף חוזק. ס'איז דער אייגענער געדאנק וועלכער ליגט אין דעם מאמר פון דער גמרא: „גוי ששבת חייב מיתה". עס האט די קינדער פון געטא גארנישט געקענט קומען אויפן מוח, א גוי זאל וועלן אויף אן אמת האלטן שבת...

לסוף געפינען זיך מענטשן וואס ווילן באהויפטן, אז יידיש איז א פארשטופע צו אסימילאציע. דאס איז אבער אזא מין שקר וואס א בלינדער אפילו קען אים ארויסזען. יידיש איז טאקע א גלות־לשון, עס איז אונדז אבער אריין אין פלייש און בלוט, און דער נאמען אליין ווייזט שוין, אז פון אסימילאציע קען נישט זיין קיין רייד. והראיה: האט מען שוין געזען אן אסימילירטן ייד וואס זאל רעדן יידיש? האט מען שוין געזען א משומד וואס זאל שרייבן יידיש? —אבער פון העברעיש האלטן אויך אסימילאנטן, העברעיש שרייבן אויך משומדים. סאלקינזאן דער משומד האט איבערזעצט שעקספירס דראמען אויף העברעיש און פראפעסאר כוואלזאן שרייבט נאך היינט העברעיש. אבער יידיש שרייבט נאר דער וואס פילט זיך איינס מיט זיין פאלק. יידיש איז דאס לשון פון דעם היינט לעבעדן ייד. העברעיש איז אן אלט לשון וואס זיין נאמען באצייכנט אפילו נישט צו וואס פאר א פאלק עס געהער, און אזוי ווי עס געפינען זיך נישט־יידן וואס גיבן זיך אפ מיט העברעיש, איז עס אויך חשוב ביי געוויסע יידן, כאטש זיי פילן נישט קיין שום שייכות צו דער גזע פונעם אלטן העברעישן פאלק.

פריער איז די אמונה געווען דער קיט וואס האט צוזאמענגעהאלטן דאס יידישע פאלק. היינט איז די רעליגיאן — אין אירע צערעמאניעלע אויסערלעכקייטן — נישט מער קיין בינד־מיטל, דאס נאציאנאלע צוזאמענגעהעריקייטס־געפיל איז ניט פאר יעדן באגרייפלעך. פאר די ברייטע פאלקסמאסן איז די שפראך דאס איינציקע פארבינדונגס־מיטל. — און וויל מען אפהיטן דאס יידנטום פאר צעזעצונג, מוז מען אויפהייבן די יידישע שפראך צו דער מדרגה פון א נאציאנאל־לשון. אן דעם טיטל „נאציאנאל־לשון" קען מען פאר איר גארנישט אויפטון, ווען מען זאל זיך אפילו מיט איר אפגעבן אויס ליבהאבעריי צום פאלקס־לשון...

די געזעלשאפטלעכע באפרייונג פון דער פרוי האט א גרויסע באדייטונג ביי דער נאציאנאלער אויפלעבונג פון יעדן פאלק. איר איינפלוס האט די אנטוויקלונג פון דער נאציאנאלער אידעע, אן אונטערשייד ביי וועלכן פאלק, א סך צו פארדאנקען. ביי יידן האט די מיטארבעט פון דער פרוי נאך א גרעסערן איינפלוס אויף דער נאציאנאלער אויפלעבונג, גרעסער ווי ביי אנדערע פעלקער. די געזעלשאפטלעכע שטעלונג פון דער יידישער פרוי איז געווען א מער צוריקגעזעצטע. ביי אנדערע פעלקער האבן ביידע געשלעכטער ווייניקסטנס

געהאַט איין שפּראַך. בײַ אונדז איז געווען אַ מענער-שפּראַך און אַ פרויען-שפּראַך, אַ „טאַטע-לשון" און אַ „מאַמע-לשון". ווילן מיר אַצינד דיביידע שפּראַכן פאַרשמעלצן און מאַכן פון דעם מאַמע-לשון אַן אַלגעמיין פאָלקס-לשון.

העברעיִש וועט בלײַבן דאָס לשון פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט. לעבעדיק קען עס אפשר ווערן אין ארץ-ישראל. דאָ אין גלות קען עס נאָר זײַן אַ לוקסוס, וואָס בעסער-סיטויִרטע און מער גייסטיק-אַנטוויקלטע קענען זיך אים פאַרגינען. פון די ברייטע פאָלקסמאַסן קענען מיר דעם לוקסוס נישט פאַרלאַנגען. מוזן מיר זיי געבן די מעגלעכקייט, זיי זאָלן קענען יוצא זײַן דעם נאַציאָנאַלן חוב זייערן אויף יידיש.

„יודישע וואָכענשריפט", נומ' 1—2, ווארשע, יאַנואַר 28, 1909:

י. ל. פּרץ, העברעיִש און — יידיש

לאָמיר הערן, ווי דאָס פאָלק רעדט.

העברעיִש רופט עס: „לשון קודש"; דאָס איז פאַרגרײַזט פון „לשון-הקודש".

דאָס איז טײַטש נישט די הייליקע שפּראַך, נאָר די שפּראַך פון דער הייליקייט, די שפּראַך פון דער ביבל — פון תנ"ך, וואָס איז און וועט בלײַבן הייליק.

אָן דער ביבל זענען מיר פאַרוועניס—אויפגעקומענע נעכטיקע מענטשן, אָן אַ ירושה פון קולטור. און אויב עס איז וויכטיק די ביבל איבערצוזעצן און צוגענגלעך צו מאַכן פאַר דער יידישער מאַסע, דאַרף דאָך יעדער ייד, וואָס האָט נאָר די מעגלעכקייט, צו קענען די ביבל אין אָריגינאַל.

די יידישע איבערזעצונג וואָלט געווען פיל נענטער צום אָריגינאַל אַלס אַלע איבערזעצונגען אין אַנדערע שפּראַכן. די ביבל ליגט דאָך אין אונדזער בלוט, און אַ מענגע העברעיִשע עלעמענטן — אין אונדזער שפּראַך. דאָך לאָזט זיך פאַרפום אָן שאָדן נישט איבערגיסן, און דער גייסט פון קונסטווערק פאַרשווינדט אין דער בעסטער איבערזעצונג.

העברעיִש ווירקט אויסערדעם באַצויבערנד אויף דער יידישער נשמה: דאָס ערהאַבן-געפליגלטע וואָרט, זײַן מעטאַל-ריינער קלאַנג, די סקולפּטור-אַרטיקע פאָרמען—דאָס אַלץ, באַשטראַלט מיט גאָלדיקע אָפּגלאַנצן פון אַ שטאָלצער פאַרגאַנגענהייט, איז אַן אייביקער כישוף, וואָס איז נישט פאַרשטענדלעך נאָר פאַר די וואָס האָבן די ביבל-שפּראַך פאַרגעסן אָדער נישט געקענט.

אָבער אין דער ביבל-שפּראַך אויסלעבן קאָנען מיר זיך נישט. האַנטירן מיט באַגריפן פון טויזנטער יאָרן צוריק הייסט: זיך אָפּזאָגן פון נײַנציק פּראָצענט קולטור-ווערטן, זיך אַליין פאַראָרעמען; ווערן פאַרבן-בלינד און קלאַנגען-טויב און לעבן נאָר מיט ריין-אַטאַוויסטישע געפילן.

אַרײַנפירן דאָס גאַנצע נײַע אינעם אַלטן?

אויסער דער אוממעגלעכקייט דאָס אויסצופירן אין דער צעשטרייונג

וואָלט עס געהייסן: אַוועקוואַרפן אַ זיבנהונדערט־יעריקע יידישע קולטור; אויס־מעקן זיבנהונדערט יאָר פון יידישן לעבן און אָנהייבן אויפסניי.

אָבער נישט דאָס איז דאָס ערגסטע. עס וואָלט נאָך געהייסן: באַשאַפן אַ נייעם זשאַרגאָן, פאַר וועלכן די ביבל וועט בלייבן אַזוי פרעמד פונקט ווי ווייט און פרעמד זי איז פאַרן היינטיקן.

און עס איז נאָך אַ זינד דערביי: אַ פאַרשוועכונג פון אַ הייליקייט.

דאָס גרעסטע גריכישע קונסטווערק, די מילעזישע ווענוס, איז אויסגע־גראָבן געוואָרן שוין אָן הענט. דער קינסטלער וואָס פאַרהייליקט די קונסט קניט פאַר איר און פאַרגעטערט זי. און ווי גראָב, אין עסטעטישן זין, וואָלט געווען דער וואָס וואָלט פאַר דער ווענוס ביים היינטיקן גרעסטן קינסטלער הענט באַשטעלט. אַן אויסגעהאַקטע שויב קען מען מיט אַ שמאַטע פאַרשטעקן; אַלטע קינסטלערישע מאַקאַטן און גאָבעלינען ווערן נאָר דורך עמי־הארצים איבערגעפאַרבט און פאַרריכט.

און ווי רופט דאָס פאָלק זיין היינטיקן קולטור־אינסטרומענט? יידיש!

עס האָט אַמאָל געהייסן „טייטש" (לויט דער היינטיקער אויסשפּראַך: „דייטש"); דערנאָך עברי־טייטש, יידיש־דייטש, און ציינד איינפאַך: יידיש.

און אַנדערש רופן האָט עס דאָס פאָלק נישט געקאָנט: עס איז דאָך זיין שפּראַך אין וועלכער ער לעבט זיך איינגאַנצן אויס; אַ שפּראַך וואָס ער האָט אַסימילירט, ענדערנדיק די פאָרמען, די סטרוקטור און אריינגיסנדיק אין איר זיין גאַנצע נשמה: זיין צער און צאָרן; זיין בענקשאַפט, האָפנונג און געבעט.

ער האָט אַ פרעמדע צווייג גענומען; אָבער אין זיין אייגן האַרץ פאַר־פלאַנצט, מיט אייגענע טרערן און בלוט באַגאָסן... און אויסגעשפּראָצט און אויפגעבליט האָט זי אויף—„יידיש".

— די שפּראַך איז דאָך מיאוס?!

פאַר די, פאַר וועלכע דאָס יידישע לעבן איז מיאוס.

— צוזאַמענגעשלעפּט פון פאַרשידענע שפּראַכן? אַ „זשאַרגאָן"?

פון פאַרשידענע אַלט־שפּראַכיקע עלעמענטן שטאַמען, אָן אויסנאַם, אַלע נייע שפּראַכן, און—יידיש צווישן זיי. און געבליבן איז יידיש אַ זשאַר־גאָן נאָר פאַר די וואָס זענען ווייט פון פאָלק דערצויגן און קענען קיין יידיש—נישט רעדן, נישט שרייבן.

העברעיִש פאַרבינדט אונדז מיט דער פאַרגאַנגענהייט: „פּסיק רישא ולא ימות"—אָן אַ קאָפּ לעבט מען נישט. אָבער יידיש פאַראייניקט אונדז אין דער געגנוואַרט.

אָן יידיש קאָן קיין יידיש לעבן נישט זיין!

אָפּהענגיק עקאָנאָמיש און פּאָליטיש, מוזן מיר קאָנען פאַרשידענע לאַנדס־שפּראַכן; אונדזער שפּראַך איז — „יידיש". און ווילט איר יידיש פאַרגעסן און די פרעמדע לאַנדס־שפּראַכן פאַר אייגענע מאַכן, זייט

אויפריכטיק: זאָגט אָפן, אַז איר ווילט פאַרווירקלעכן דעם אַסימילאַטאָרישן טרוים; דאָס יידישע פאָלק זאָל פאַרשווינדן און בלײַבן זאָלן וויפיל לענדער, אַזוי פיל געמיינדן פון מאָזאַישער קאָנפעסיאָן.

דעם אמת זאָגט!

— אָבער די שפּראַך איז צו אָרעם?

אָרעם איז די יידישע קולטור.

נישט דאָס קלייד איז צו שמאָל; אויסגעדאַרט איז דאָס לײַב.

די יידישע שפּראַך קעגן אַנדערע זעט פונקט אַזוי אויס, ווי דאָס יידישע חדר קעגן אוניווערסיטעטן, דאָס יידישע טעאַטער קעגן טעאַטערן פון אַנדערע פעלקער, דאָס יידישע „שטיבל" קעגן הויכן, מאַרמאָרנעם קלויסטער. ווילט איר נישט גרויס מאַכן דאָס אייגענע קליינע, נאָר אַנטלויפן צום פרעמדן גרויסן, איז אַפילו דאָס יידישע בית־עלמין צו קליין און צו אָרעם; ערגעץ אַנדערש איז עס רײַכער, פײַנער, גרעסער...

ווילט איר אָבער בלײַבן בײַ אונדז, ווירקן אין יידישן פאָלק, מוזט איר רעדן צום פאָלק אויף זײַן אייגענער שפּראַך און אויף דער וואָס לעבט!